STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04158

OYSGERISENE BLETER

O. Rapoport

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ראַפּאַפּאָרט

אויסגעריסענע בלעטער

אַרויסגעגעבן דורך אַ יובל־קאָמיטעט
צום מחברס 60סטן געבוירן־טאָג.
מעלבורן 1957

OYSGERISSENNE BLETTER

RANDOM LEAVES

by

O. RAPOPORT

(All rights reserved)

Published by a special committee
on the occasion of the author's sixtieth birthday

Copyright
O. RAPOPORT
Melbourne, Australia

Printed by A. Maller, Excelsior Printing Works Pty. Ltd.
634 Burwood Road, Hawthorn East, Victoria, Australia.

I

די שילאָק-געשטאַלט

שײַלאָק — אַ נאַציאָנאַלער נקמה־נעמער *

ווען איך האָב אין דער פריער יוגנט צום ערשטן מאָל געלייענט דעם „סוחר פון ווענעציע", בין איך אַרײַנגעפאַלן אין אַ מעכטיקן קעסלגרוב פון קעגנזעצלעכע געפילן: פון ליבע און האַס. פון איין זייט בין איך אָנגעצונדן געוואָרן מיט ליבע־מיט־לייד צו שײַלאָקן, און פון דער צווייטער זייט האָב איך זיך צעפלאַקערט מיט האַס־פאַראַכטונג צו פּאָרציען. איך האָב זיך נאָך דאַן נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין קלאָרן דין־וחשבון אין מײַנע געדאַנקען, דערפאַר אָבער האָב איך זיך קלאָר פאַנאַנדערגעקליבן אין מײַנע געפילן; איך האָב געפילט, אַז אין זײַן גאַנצער דערנידעריקונג און אויסערלעכער לעכערלעכקייט, איז שײַלאָק דערהויבנדיק־טראַגיש, בעת פּאָרציע, מיט איר גאַנצער

---

*) מײַן באַציאונג צו שײַלאָקן און זײַנע שׂונאים, ווי אויך צו פּאָרציען און אירע פאַרגעטערער, האָב איך געטראָגן אין האַרצן אומגעענדערט זינט מײַנע קינדער־יאָרן, ווען כ'האָב צום ערשטן מאָל געלייענט שעקספּירס יידישע טראַגעדיע. צום ערשטן מאָל האָב איך מײַנע געדאַנקען געבראַכט עפנטלעך צום אויסדרוק אין מײַן וועכנטלעכן ליטעראַרישן פעליעטאָן אין דער וואַרשעווער „אַרבעטער צײַטונג" אין שײַכות מיט מאַרעווסקיס אָנרעגנדיקן בוך וועגן שעקספּירן.

זינט דאַן האָב איך אָפט געטראַכט מכוח אַ ברייטערער אַרבעט וועגן שעקספּירס שײַלאָק.

אין שאַנכײַ איז שײַלאָק געלעגן אויף דער הויפּט־ליניע פון מײַנע ליטעראַריש־דערציערישע אינטערעסן און כ'האָב געוואָלט אַביסל ברייטער איבערחזרן דאָס, וואָס כ'האָב מיט עטלעכע יאָר פריער געהאַט געזאָגט גאָר קורץ.

צופעליק האָב איך באַקומען שעקספּירס „סוחר פון ווענעציע" אין אַן איבערזעצונג, וואָס דער פאָרוואָרט צו אים האָט

אויסערלעכער שיינקייט און גייסטיק־שפּילעוודיקער גראַציע — איז געמיין און וואולגאַר.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן יענעם געפיל פון אבסאָ־לוטער פאַראַכטונג, וואָס איך האָב דערשפירט צו מיינעם אַ בן־גיל, וואָס האָט פאַראַכטעט שיילאָקן און פאַרגעטערט פּאָר־ציען. ער איז אין מיינע אויגן געווען די פאַרקערפּערונג פון קנעכטישער קריכערישקייט, פון גייסטיקער טעמפּקייט און בכלל פון אַלע טויט־זינד קעגן גייסט... און אַלע מיינע אינערלעכע וויכוחים מיט די אַנטי־שיילאָק־קריטיקער האָבן געפונען אַ מעגלעכקייט אַרויסצוּוואַרפן זיך אויף דער דאָזיקער קאָנקרעטער פאַרקערפּערונג, אין דער פּערזאָן פון מיין בן־גיל, פון זייער גאַנצער האַרץ־ און מאַרך־טעמפּקייט, און כ'האָב דאַן געגעבן פולע פרייהייט מיינע געפילן, איך האָב זיך „פאַנאַנדערגערעכנט" מיט די, וואָס פאַרשוואַרצן שיילאָקס מאַרטירעריש בלוט מיט ביליקן טינט...

מיך געמוטיקט אין מיינע דרייסטע, אינטואיטיוו־קריטישע באַ־הויפּטונגען.

די דאָזיקע אַרבעט איז שוין געווען פאַרטיק אין מיטן 1942. נאָכן דערשיינען — אין אויגוסט 1942 — פון מיין בוך „יידישע שרייבער" (אין רוסיש), ווען דער פאַרלאַג „יעווריעס־קאַיאַ קניגאַ" („יידיש בוך") האָט געוואָלט ממשיך זיין זיין טעטיקייט, האָבן צוויי מיטגלידער פון פאַרלאַג־קאָמיטעט שטאַרק אַגיטירט פאַר אַרויסגעבן אין בראָשור־פאָרם מיין עסיי וועגן שיילאָקן. עס איז אויך געוואָרפן געוואָרן דער געדאַנק וועגן אַרויסגעבן שעקספּירס „ווענעציאַנער סוחר" מיט מיין בראָשור ווי אַ פאָרוואָרט. (אין רוסיש).

אַ דריטער מיטגליד פון קאָמיטעט איז געווען קעגן דערדאָ־זיקער בראָשור צוליב איר שאַרפער אַטאַקע קעגן קריסטנטום. די צייט — האָט ער געזאָגט — איז נישט גינסטיק פאַר דעם. די ווייסע רוסן גייען האַנט ביי האַנט מיט די יאַפּאַנער און מען דאַרף זיי איצט נישט רייצן.

היות איך האָב געקאָנט דעציזירן, האָב איך נישט געוואָלט נעמען אויף זיך די אחריות פאַרן שעדיקן די יידישע אינטערעסן

אויסגעריסענע בלעטער

איך זע נאָך היינט די פאַרוווּנדערונג אויף מיין חברס פּנים און איך הער נאָך היינט זיינע „אומשולדיקע" ווערטער:

— וואָס קאָכסטו זיך אַזוי? וואָס ביסטו אַזוי אומגליקלעך פון דעם וואָס פּאָרציע געפעלט מיר מער פאַר שיילאָקן?...

און זיין נישט קאָנען פאַרשטיין פאַרוואָס איך קאָך זיך, קאָכט נאָך היינט אויף אין מיר דאָס בלוט, נאָך 35 יאָר, ווייל די דאָזיקע גייסטיקע טעמפּקייט באַגעגן איך, דער ייד, אויף יעדער טריט און שריט, ווו איך זאָל זיך נישט קערן און ווענדן... פּאָרציע באַצויבערט נאָך אַלץ די וועלט, אפילו נאָכדעם ווי זי האָט מיט אירע אייגענע הענט אויסגעשניטן 6 מיליאָן הערצער...

קיין שום אויטאָריטעטן האָבן נישט געקאָנט צעוואַקלען מיין געפיל, אַז שיילאָק איז נישט קיין געמיינער און לעכערלעכער טיפּ, נאָר אַ טראַגישע פּערזענלעכקייט, וואָס שטייט העכער פאַר

אין שאַנכיי. אַזוי אַרום איז די אַרבעט וועגן שיילאָקן געבליבן ליגן.

אַ זאַך, וואָס ליגט אין שופליאָד, איז נישט פאַרענדיקט. איז במילא קיין ווונדער נישט, וואָס דערזעענדיק אין דער עפנט־לעכער ביבליאָטעק אַ פּאָליצע מיט שעקספּיר־פאָרשונגען, האָב איך גענומען ארייַנבליקן וואָס אַנדערע זאָגן וועגן שיילאָקן. דער צונויפגעקליבענער מאַטעריאַל איז אָפּטמאָל געווען אַזוי איינשטימיק מיט מיינע געדאַנקען און פאָרמולירונגען, אַז איך בין געווען אי צופרידן, אי איבערראַשט.

צוערשט האָב איך געטראַכט איבערצוגיסן די פאָרם פון מיין אַרבעט און אין נייעם גוס פאַרשמעלצן דעם אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל, באַזונדערס פון דזשאָן מידלטאָן מאָררי. אָבער דאָס האָט זיך שוין נישט געלאָזט מאַכן: איך בין ארייַנגעטרעטן אין פעריאָד פון געטאָ און פון פיזישער און פּסיכישער מידקייט. מיין שפּעטערישער פעריאָד אין שאַנכיי האָט זיך שוין געהאַט פאַרענדיקט. אפילו דאָס ארייַנפּאַסן אַ טייל ציטאַטן מיט מיינע באַמערקונגען אין די פאַרטיקע ראַמען פון מיין אַרבעט, איז געווען צו שווער פאַר מיינע מידע, איבערמידע נערוון. און איך גיב זיי דאָ באַזונדער, אַלס צוגאַב צום עסיי.

אַלע זיינע פּאַרטנערס אין דער טראַגעדיע, אפילו פּאַר פּאָרציען, וואָס אַזוי פיל פאַרגעטערן זי *), נישט מיט איין קאָפּ, נאָר מיט גאַנצע הונדערט...

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן יענעם געפיל פון פרייד, ווען איך האָב געפונען ביים באַליבטן היינע אַ גערעכטע אָפּשאַצונג פון שיילאָקן. אויך אין דאָזיקן פאַל האָט ער זיך נישט אונטערגעגעבן דעם היפּנאָז פון די אַנטיסעמיטישע אָדער, אין בעסטן פאַל, פון די פילאָקריסטלעכע קריטיקער, וואָס הערן אויף שכל הישרדיק צו דענקען און נאָרמאַל צו רעאַגירן, ווי נאָר זיי באַגעגענען אויף זייער וועג אַ יידן אָדער, לכל הפחות, די יידיש־קריסטלעכע פּראָבלעם.

צי געדענקט איר היינעס פאָלגנדיקע שורות?

„ווען איך האָב געזען די פאָרשטעלונג פון דער דאָזיקער פּיעסע, איז הינטער מיר, אין דער לאָזשע, געשטאַנען אַ בלייכע, שיינע בריטין, וואָס האָט צום סוף פון פערטן אַקט שטאַרק געוויינט און מערערע מאָל אויסגערופן: „דעמדאָזיקן אָרעמען מענטשן טוט מען אַן עוולה!"...

„איך האָב זיי שוין קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרגעסן די דאָזיקע גרויסע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן באַוויינט שיילאָקן!"

די דאָזיקע יונגע ענגלענדערין האָט אָן קונצן ריכטיקער אָפּגעשאַצט שעקספּירס טראַגעדיע, ווי אַ סך פון די אַזוי־גערופענע קריטיקער. די פּוענטע פון שעקספּירס טראַגעדיע באַשטייט נישט אין דעם, וואָס שיילאָק וויל אַרויסשניידן ביי אַנטאָניאָן אַ פונט פלייש, און דאָס גיט זיך אים נישט איין צוליב פּאָרציעס ביטערע און בייזוויליקער קאַזואיסטיק, נאָר אין דעם, וואָס מען שניידט כסדר אויס ביי שיילאָקן פונטן לעבעדיק פלייש לויט דעם רעצעפּט פון דער ביטערער פּאָרציע, — נישט פאַרגיסנדיק קיין איין טראָפּן פּיזישן בלוט.

דער שעפער־שעקספּיר האָט געהאַט אין זינען נישט דעם

---

*) אפילו איצט פאַרשאַפט מיר פאַרגעניגן דאָס דערוויסן זיך, אַז אין זיינע באַרימטע נאָטיצן וועגן שעקספּירן, דערמאָנט זי קאַלרידזש קיין איין מאָל נישט... נישט פון אָנטציקונג וואַרשיינלעך.

געלעכטער איבער שײלאָקן, וואָס ווערט אַרויסגערופן ביים ערב־רב (און אַ סך קריטיקער געהערן צום ערב־רב) דורך פּאָרציעס שאַרפזיניקייט, נאָר די טרערן איבער שײלאָקן, וואָס ווערן אַרויסגערופן ביי פיינפיליקע הערצער דורך די שטיק פון דער געפילאָזער פּאָרציע, — דער „באַשיצערין" פון רעכט און אמת... 1)

* * *

כדי אָפּצופרישן דעם איינדרוק פון שעקספּירס דראַמע און צונויפזוכן די געהעריקע ציטאַטן פון איר, האָב איך אין ביבליאָטעק־קאַטאַלאָג געזוכט „שײלאָקן". און ערשט דאַן, ווען דאָס אויג האָט באַגעגנט דעם נאָמען „דער סוחר פון ווענעציע", האָב איך זיך דערמאָנט, אַז ביי שעקספּירן איז נישטאָ קיין דראַמע אונטערן נאָמען „שײלאָק". אָבער בנוגע שעקספּירס דאָזיקער דראַמע הערשט ביי מיר אַ מאָדנע צעצווייאונג אפילו וואָס שייך דעם נאָמען. דאָס אויג און דער זכרון זאָגן מיר, אַז די דראַמע הייסט „דער סוחר פון ווענעציע", אָבער דאָס געפיל מעקט כסדר אָפּ דעמדאָזיקן גאָרנישט־זאָגנדיקן טיטל און פאַר־בייט אים מיטן פיל באַדייטנדיקן וואָרט „שײלאָק". דער דאָזיקער באַזיגטער ייד שטויסט אַראָפּ פון דער סצענע דעם סוחר פון ווענעציע און פאַרנעמט די גאַנצע ראַמפּע און די אויפמערק־זאַמקייט פון די צושויער און פון די לייענער, — אַן עכט יידישע פאַרכאַפּונג!

אָבער די דאָזיקע כאַראַקטעריסטישע איינגשאַפט פון דער דראַמע „סוחר פון ווענעציע" אַריבערצוטראָגן איר שווערפּונקט, קומט צום אויסדרוק נישט נאָר אינם טיטל און ביים הויפּט־העלד, — זי מאַניפעסטירט זיך אין דער דאָזיקער דראַמע אויף יעדער שריט און טריט, אינם אַלגעמיינעם און אין די פּרטים.

די פּיעסע „דער סוחר פון ווענעציע" האָט זיך אין די ערשטע אויסגאַבעס פון שעקספּירס ווערק געפונען צווישן די קאָמעדיעס, און אַ סך קריטיקער באַטראַכטן זי אויך היינט ווי אַזאַ, ווייל אויך די טראַגישע עפּיזאָדן מיט שײלאָקן (אין געריכט און דאָס אַנטלויפן פון זיין טאָכטער) ווערן פאַרוואַנדלט ביי די אַרומיקע, — צוליב מאַנגל אין מיטגעפיל, אין סימ־פּאַטיע, — אין קוואַלן פון געלעכטער און שאָדנפריידיקן יובל.

(אויך אין פאַל מיט שיילאָקן ווערט באַשטעטיקט, אַז אַ טראַ־געדיע ווערט לייכט פאַרוואַנדלט אין אַ קאָמעדיע, אויב מען דרינגט נישט אריין טיף אין די טראַגישע געשעענישן). און דאָך איז גענוג אַ טראַכט צו טון וועגן „שיילאָקן" (ד"ה וועגן „סוחר פון ווענעציע"), מען זאָל וועגן דער דאָזיקער פּיעסע טראַכטן ווי וועגן אַ טראַגעדיע. און דאָס געשעט נישט נאָר מיט יידן, וועמען מען קאָן פאָרוואַרפן ענגקייט און סוביעקטיווקייט פון זייער אורטייל, נאָר אויך מיט קריסטלעכע צושויער און קרי־טיקער. למשל, איינער פון די רוסישע איבערזעצער פון שעקס־פּירן, אַ. ל. סאָקאָלאָווסקי, שרייבט אין זיין קורצן, אָבער גאַנץ אינטערעסאַנטן אריינפיר צום „סוחר פון ווענעציע":

„דער אַלגעמיינער סיוזשעט פון דער פּיעסע, ווי שוין אויבן געזאָגט, איז נישט מער ווי אַ גראַציעזע, פריילעכע קאָמעדיע, וואָס מאַכט דעם איינדרוק פון אַ קאָלעקציע פּרעכטיקע, פאַרצע־לייענע ליאַלקעס, פיין אויסגעאַרבעט און אָפּגעמאַליעוועט, הגם זיי האָבן נישט קיין ערנסטע באַדייטונג. אָבער צווישן דער דאָזיקער קאָלעקציע דערהויבט זיך, ווי אַ ריזיקע בראָנזענע סטאַטוע, שיילאָקס פיגור, וואָס איבערראַשט אויף אַזוי ווייט מיט דער קראַפט, מיט וועלכער זי איז אויסגעפורעמט, און מיט יענע ערנסטע געדאַנקען, אויף וועלכע זי פירט ארויף, אַז יעדער איינער, וואָס לייענט דורך די פּיעסע, טראָגט נישט ווילנדיק אריבער איר שווערפּונקט אויף דער דאָזיקער פּערזענלעכקייט, — וואָס איז לחלוטין צווייטראַנגיק לגבי דער אַלגעמיינער פאַבולע, — קלאָר באַגרייפנדיק, אַז דעם קנופּ און די באַדייטונג פון גאַנצן ווערק דאַרף מען זוכן אין שיילאָקן, און נישט ביי די איבעריקע פּערזאָנען".

דאָס הייסט, אַז די קאָמעדיע פאַרוואַנדלט זיך אין אַ טראַגעדיע, און נישט אין דער טראַגעדיע פון אַנטאָניאָ, וועמען עס דראָט די קאָמעדיע־געפאַר צו פאַרלירן אַ פונט פלייש, נאָר אין דער טראַגעדיע פון שיילאָקן, ביי וועמען מען שניידט די נשמה פאַסנווייז און זי בלוטיקט פון טויזנטער ווונדן.

די דאָזיקע צווייאיקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אָט דער דראַמע, לאָזט זיך באַמערקן אויך אין די פּרטים. אין די ערשטע אויסגאַבעס פונם „סוחר פון ווענעציע" האָט דער

טיטל פון דער דאָזיקער דראַמע אַזוי געהייסן: „אַן אויסגע־צייכנטע געשיכטע וועגן אַ ווענעציאַנער סוחר און אַ באַשרייבונג פון דער שרעקלעכער אכזריות פונם ייד שיילאָק, וואָס האָט געוואָלט אויסשניידן ביים אויבנדערמאָנטן סוחר אַ פונט פלייש" און אַזוי ווייטער. שעקספּיר, ווי מען זעט, פּראָקלאַמירט אָן דריידלעך די שרעקלעכע אכזריות פונם ייד שיילאָק, ער הענגט אַרויס די דאָזיקע אכזריות ווי אַ שילד, וואָס גיט אָן אָנווייזונג די לייענער און די צושויער ווי אַזוי זיי דאַרפן זיך באַציען צו שיילאָקן, און דאָך רופט שיילאָק אַרויס טרערן פון די שיינע אויגן פון אַ בריטיש מיידל צוליב די אומגערעכטע אכזריותן לגבי אים.

די דאָזיקע צווייאיקייט לאָזט זיך מערקן אויך אין שיילאָקס ערשטן אויפטריט. שיילאָק זאָגט ביים דערזען אַנטאָניאָן: „...איך האָס אים דערפאַר, ווייל ער איז אַ קריסט, און נאָך מער דערפאַר, וואָס אין זיין נאַרישער תמעוואַטעקייט לייט ער געלט אָן פּראָצענט! ער רייסט אַרונטער אין ווענעציע אונזער יידישן ריווח. אָך, ווען ער וואָלט ווען־נישט־איז אַריינגעפאַלן אין מיינע הענט!... ביז צו דער זעט וואָלט איך באַפרידיקט מיין האָס צו אים! ער שענדט און זידלט אונזער פאָלק, און מיך רייצט ער מיט חוזק אין אַלעמענס אויגן..."

די ערשטע ווערטער מאַכן דעם איינדרוק פון אַ שילד און אַנטשפּרעכן דעם שילד פונם טיטל וועגן שיילאָקס שרעקלעכער אכזריות, אָבער מיטאַמאָל, שוין נאָכדעם, ווי שיילאָק האָט אָפּדעקלאַמירט די מאָטיוון פון זיין האָס און פון זיין נקמה־דאָרשט, הויבט ער אָן ווי אויפסניי, אָפּרוקנדיק אין אַ זייט די קאָנווענציאָנעל־אָנגענומענע סיבות פון שיילאָקס האָס און אַרויסרוקנדיק אויפן ערשטן פּלאַן טיפערע סיבות: די פאַרוווּנדעטע פּערזענלעכע און נאַציאָנאַלע זעלבסט־השיבות. די מאָטיוון פון שיילאָקן, דעם פּאַסיוון אָנטיילנעמער אין דער קאָמעדיע, ווערן פאַרביטן אויף מאָטיוון פון שיילאָקן, דעם אַקטיוון טראַגישן העלד: ער האָט פיינט אַנטאָניאָן נישט דערפאַר, וואָס יענער איז אַ קריסט און אַ קעגנער פון געבן געלט אויף פּראָצענט, נאָר דערפאַר, וואָס דער דאָזיקער קריסט שענדט זיין, שיילאָקס, פאָלק, און אים, שיילאָקן, גופא. 2)

די דאָזיקע צווייאיקייט לאָזט זיך מערקן, אומדירעקט, אויך אין דעם, וואָס די באַציאונג פון פאַרשיידענע קריטיקער צו פּאָרציען איז פּונקט אַזאַ שאַרף־קעגנזעצלעכע, ווי צו שיילאָקן. און דאָס הענגט ווידער אַמאָל אָפּ פון זייער באַציאונג צו שיילאָקן. אויב מ'נעמט אויף שיילאָקן ווי אַ ליידאַק, איז פּאָרציע אַ שטראָפערין פאַר זינד; אויב אָבער מען דערפילט אין שיילאָקן דעם העלד, דאַן רופט אַרויס פּאָרציעס געפיללאָזע אויפפירונג אַ געפיל פון עקל צו איר.

און נישט נאָר ליטעראַטור־קריטיקער, — אויך רעכט־טעאָרעטיקער משפּטן פאַרשיידן.

בעת רודאָלף פאָן יערינג פאָדערט אין זיין בוך „קאַמף פאַר רעכט" איבערצוקוקן שיילאָקס פּראָצעס, ווייל „פּאָרציעס אַנט־שיידונג באַזירט אויף אַ נישטיקן און געמיינעם טריק", האַלט זיך, דאַקעגן, קאָלער ביי דער מיינונג, אַז „פּאָרציעס אַנטשיידונג איז אַ זיג אין דער אַנטוויקלונג פון דער געשיכטע פונם רעכט־געפיל". 3)

צו דער דאָזיקער לעצטער מיינונג שליסט זיך אויך אָן געאָרג בראַנדעס, וועמען עס איז איינגן אַ ספּעציעלע, פאַר אים אליין, קאָנטיק, אַן אומנאַטירלעכע „אָביעקטיווקייט" פון די ליבעראַלע אַסימילירטע יידן, ווען עס האַנדלט זיך וועגן יידיש־קריסטלעכן קאָנפליקט.

„די דאָזיקע געשיכטע (וועגן פונט פלייש.—י.ר.),—שרייבט בראַנדעס אין זיין בוך וועגן שעקספּירן, — שילדערט דעם איבערגאַנג פון דער אומבאַדינגט שטרענגער פאַרווירקלעכונג פון געזעץ צו אַ נייערן באַרמהאַרציקערן פּרינציפּ אין דער יוריספּרו־דענץ. די דאָזיקע געשיכטע האָט געדינט ווי אַן אויסגאַנגספּונקט פאַר פּאָרציעס שיינרעדנעריי וועגן דעם אונטערשייד צווישן גערעכטיקייט און חסד, וואָס דאָס פאַרוואַנדלט זיך פאַר די צו־הערער אין אַ באַווייז פאַר דער העכערקייט פון דער קריסטלעכער מאָראַל איבער דער יידישער צוגעבונדנקייט צום בוכשטאַב פון געזעץ".

און נישט נאָר פאַרוואַנדלט בראַנדעס איינס־צוויי (לויט דעם שלעכטן ביישפּיל פון אַנדערע) שעקספּירס דראַמע (וואָס איז, לויט דער מיינונג פון אַזוי פיל מבינים, איינע פון זיינע

בעסטע) אין א דראמאטישער באארבעטונג פון א באשטימטן רעכט־טעזיס, נאר ער לאזט אויך ארויס פון אויג דאס, אז פארציעס בארימטע רעפליק וועגן בארמהארציקייט קאן מען דאך אננעמען ווי א דינע איראניע אויפן חשבון פון קריסטנטום: ווי אזוי פארציע פריידיקט און ווי אזוי — זי האנדלט. 4)

און חוץ דעם: אויב עס האבן זיך שוין אפגעפונען אפילו קריסטלעכע קריטיקער פון פארציע, האט א יידישער קריטיקער געוויס נישט באדארפט אריינפאלן אין א באשולדיקונגס־טאן קעגן יידישן „בארבארישן" רעכט. בראנדעס האט געמעגט וויסן, אז דאס ביבלישע געזעץ „אן אויג פאר אן אויג, א צאן פאר א צאן" איז שוין פארבארמהארציקט געווארן דעמאלט, ווען עס זענען נאך אויף דער וועלט נישט געווען נאר שעקספירס עלטער־זיידעס, נאר אפילו זיין פאלק איז נאך נישט געהאט געקומען אויף דער וועלט. 5)

און נאך עפעס האט בראנדעס געמעגט וויסן: אויב דאס קריסטנטום האט געדארפט ווייכער מאכן וועמענס־עס־איז גע־זעצן, איז נישט פון זיינע אלטע קרובים, נאר פון זיינע נייע. אט וואס פארא אינטערעסאנטע היסטארישע עקסקורסיע מען קאן געפינען אין גוסטאוו לאנדויערס בוך וועגן שעקספירן בנוגע דעם פונט פלייש פונם „בלוט־דארשטיקן יידן".

„דאס רוימישע רעכט פון די אזוי־גערופענע „צוועלף טאוולען" זעט פאראויס, אז אויב א בעל־חוב באצאלט נישט זיין חוב נאך זעכציק טעג און א דריי מאליקער דערמאנונג, דארף מען אים טויטן אדער פארקויפן פאר א קנעכט.

אויב עס זענען דא עטלעכע מלווהס, האבן זיי רעכט צו צעהאקן זיין קערפער. דערביי, זאגט לאנדויער, זעט דאס געזעץ בוכשטעבלעך פאראויס, אז אויב איינער פון די מלווהס שניידט אויס פאר זיך א גרעסער שטיק פלייש, — ווי אים קומט, „דארף דאס נישט באטראכט ווערן ווי אן אפנארעריי".

לויטן דאזיקן געזעץ, האט דער מלווה דאס רעכט צו פאר־קריפלען דעם לווה. דאס אלטע נארוועגישע געזעץ, למשל, גיט דעם מלווה דאס רעכט אפצושניידן ביים לווה, — וועלכער וויל נישט ארבעטן פאר אים, — פון אויבן אדער פון אונטן אזוי פיל פלייש, „וויפל אים ווילט זיך נאר".

סיי די דערציילונג גופא וועגן פונט פלייש, סיי די רעכט־לעכע דערקלערונג פון געאָרג בראַנדעסן און פון די איבעריקע „באַרמהאַרציקע" קריטיקער וואָלטן זיך, ווי מען זעט, געקאָנט באַגיין סיי אָן יידן, סיי אָן יידישן געזעץ.

אגב, מ. י. לאַנדע דערציילט אין זיין צו סכעמאַטישן און טרוקענעם בוך „דער ייד אין דער דראַמע", אַז „די מעשה וועגן דעם קאָנטראַקט (וועגן אַ פונט פלייש פאַר נישט באַצאָלן צום טערמין דעם חוב. — י. ר.) איז געפונען געוואָרן צווישן די בודיסטישע לעגענדעס".

דער זעלבער לאַנדע זאָגט אויך, אַז „גרעץ, דער יידישער היסטאָריקער (אין זיין „שיילאָק אין דער לעגענדע, אין דער דראַמע און אין דער געשיכטע"), ווייזט אָן, אַז פלאָרענטינאָ איז געווען דער ערשטער שרייבער, וואָס האָט פאַרוואַנדלט דעם מלווה אין אַ יידן אין דער דאָזיקער לעגענדע".

אָבער אויב דאָס אַלץ איז שפּעטער דווקא פאַרקניפּט גע־וואָרן אין די נאָוועלן, וואָס זענען פאַרשפּרייט געווען פון אינדיע ביז אייראָפּע, מיט אַ בלוט־דאָרשטיקן יידן און מיט זיינע בלוט־דאָרשטיקע געזעצן, איז בונטעוועט זיך טאַקע שיילאָק קעגן דעם־אָ, אַדורכפירנדיק זיין בונט ווי קאָנטראַבאַנדע, מאַס־קירנדיק זיך דאָ מיט דער מאַסקע פון לעבערלעכקייט, דאָ מיט דער מאַסקע פון אַן אויסוווּרף, לויטן ווילן און געשמאַק פון יענער צייט מיט אירע פאָראורטיילן, ווי מיר וועלן דאָס זען ווייטער.

די רשימה פון אוממיטלבאַרע און מיטלבאַרע סתירות פון דאָזיקן דראַמאַטישן ווערק וואָלט געווען געקאָנט פאַרלענגערט ווערן, אָבער ווי מיר דאַכט האָבן מיר זיי שוין גענוג אויף צו באַרעכטיקן פאָלגנדיקע פראַגע: מיט וואָס קאָן מען דערקלערן די דאָזיקע כאַראַקטעריסטישע צעצווייאונג פונם „סוחר פון ווענעציע"?

* * *

איך געהער נישט צו די, וועלכע האַלטן, אַז שעקספּיר איז אומפּעלבאַר און זיי זוכן דעריבער אַ געהיימען זינען הינטער יעדער זינלאָז וואָרט ביי שעקספּירן. איך באַטראַכט שעקספּירס שאַפונג ווי אַ סטיכישע, ווי אַ שאַפונג פון אַ סטיכישן זשעני,

און אין דער נאַטור, דער דראַמאַטישער סטיכיע איבער אַלע סטיכיעס, איז יעדער איידעלער מעטאַל פאַרמישט מיט פּסולת. אויך ביי שעקספּירן איז אַזוי. מען דאַרף זיך נישט קלּיגן, כדי פאַר יעדן פּרייז אַריינצושטופּן אַ זינען אין אַ סתירה און אין אַ זינלאָזיקייט. אָבער אין דעם „סוחר פון ווענעציע" זענען די דראַמאַטישע סתירות אַזוי צאָלרייך, — איך וואָלט אפילו געזאָגט: זיי זענען אַזוי קאָנסעקווענט, כמעט אָרגאַניש, — אַז דאָ מוז זיך אויסבאַהאַלטן עפּעס אַן אָרגאַנישע סיבה פון דער דראַמאַטישער צעצווייאונג.

אָבער אין וואָס באַשטייט זי?

קודם כל דאַרף מען נעמען אין באַטראַכט, אַז שעקספּיר האָט זיך כמעט תמיד באַנוצט פאַר זיינע פּיעסן מיט פאַרטיקע פאַבולעס. און אינם פאַל מיטן „ווענעציאַנער סוחר" האָט ער זיך באַנוצט מיט אַ פאַרטיקער נאָוועלע וועגן בלוטדאָרשטיקן ייד־פּראָצענטניק, וואָס וויל אויסשניידן ביי אַן אָרעמען קריסטלעכן לווה אַ פונט פליייש („דזשיאָוואַנני פיאָרענטינאָס פּעקאָראָנע" אין דער זאַמלונג „איל פּעקאָראָנע" פון פראַ דזשיאָוואַני פלאָרענטינאָ, 1558, מילאַן). איבערנעמענדיק פאַרטיקע פאַבולעס, פלעגט זיי שעקספּיר נישט באַאַרבעטן פון דער אויסערלעכער זייט (ווי דאָס טוען אַזעלכע באַוווסטזיניקע, קולטיווירטע קינסטלער ווי ריכאַרד בעער־האָפמאַן, הוגאָ פאָן האָפמאַנסטאַל און אַנדערע, באַאַרבעטנדיק אַלטע פאַרטיקע פאַבולעס). ער פלעגט זיך נישט אָפּשרעקן, — אין הסכם מיט זיין צייט און סביבה, ווי אויך מיט זיין אָפט נישט־געהובלטן טאַלאַנט, — אויך פאַר גראָבע פאָרמען. 6) און אין פאַל מיט דער נאָוועלע וועגן אכזריותדיקן ייד־פּראָצענטניק האָט שעקספּיר אויך איבערגענומען דעם גראָבן פּרט מיטן פונט פליייש. (די דראַמאַטישע געשיכטע וועגן יידן, וואָס פאָדערט אַ פונט פליייש, ווי אַ קנס פאַר נישט קריגן דעם חוב צום טערמין, איז זייער פאַרשפּרייט, ווי דאָס וויזן דערציילונג־זאַמלונגען פון פאַרשיידענע פעלקער פון אַזיע (אינדיע) ביז אייראָפּע. צי האָבן מיר דאָ פאַר זיך אַ פאַל פון פּאַראַלעלער שאַפונג אָדער פון אַ וואַנדערנדיקן מאָטיוו, איז שווער, כמעט אוממעגלעך פעסטצושטעלן אויך אין דראַמאַטישן פאַל, ווי אין אַ סך אַנדערע). אין דראַמאַטישן פאַל האָט ער זיך אָבער גערעכנט נישט נאָר מיט דער געוווינהייט פון זיין נישט־ראַפּי

נירטן סטיכישן זשעני, נאָר אויך מיטן פאַראורטייל פון זיין צייט, וואָס וואָלט פאַר קיין פאַל נישט באַגריפן — און נישט מוחל געווען — ווי אַזוי מ׳קאָן מילדערן, פאַרטושן די אכזריות פון אַ ייד אַ פּראָצענטניק. דעם פּובליקום פון שעקספּירס טעאַטער זענען בכלל נויטיק געווען אַזעלכע עמאָציעס, ווי דער פאַרלאַנג אויס־צושניידן אַ פונט פלייש ביי אַ לעבעדיקן מענטשן, בפרט ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן פאַרהאַסטן ייד. שעקספּיר האָט איבער־גענומען ביי דער נאָוועלע דעם אכזריותדיקן ייד־פּראָצענטניק מיט דעם גאַנצן אינווענטאַר פון זיין אָפּשטויסנדיקער אכזריות. אָבער צום דאָזיקן גרייטן, טראַפאַרעטן סיוזשעט האָט זיך צוגע־רירט אַ געניאַלער דראַמאַטורג. און ער האָט אַריינגעגאָסן אין דער דאָזיקער אויסערלעך־איבערגענומענער פאַבולע זיין אינער־לעך־שעפערישן שטראָם. פונם אויסערלעך־איבערגענומענעם טראַפאַרעטן ייד־פּראָצענטניק האָט ער אַרויסגעכישופט אַ שטאַרקע פערזענלעכקייט, אַ טראַגישע געשטאַלט. 7)

סיי דער סיוזשעט, סיי די צייט, אין וועלכער שעקספּיר האָט באַאַרבעט דעם דאָזיקן סיוזשעט, האָבן געפאָדערט, אַז שיילאָק זאָל ביים דערבליקן אַנטאָניאָן אויסשיסן מיט טראַפאַרעטע טיראַ־דעס, וואָס זענען פּאַסיק פאַר אַן אכזריותדיקן ייד־פּראָצענטניק: „איך האָב אים פיינט דערפאַר, ווייל ער איז אַ קריסט, און נאָך מער דערפאַר, ווייל אין זיין נאַרישער תמעוואַטעקייט לייט ער געלט אָן פּראָצענט! ער רייסט אַרונטער אין ווענעציע אונזער יידישן ריווח. אַך, ווען ער וואָלט ווען־נישט־איז אַריינגעפאַלן אין מיינע הענט!... ביז צו דער זעט וואָלט איך געווען באַפרי־דיקט מיין האַס צו אים!״

לאָגיש גענומען, וואָלט שיילאָק דאָ באַדאַרפט בלייבן שטיין — מיר ווייסן דאָך שוין די מאָטיוון פון זיין האַס און פאַרבי־טערונג! און דעריבער איז אומפאַרשטענדלעך, פאַרוואָס ער נעמט פונסניי מאָטיווירן זיין לעצטע פראַזע: „ביז צו דער זעט וואָלט איך געווען באַפרידיקט מיין האַס צו אים!״ און מיט וואָס מאָטיווירט ער זי? „ער שענדט און זידלט אונזער פאָלק, און מיך רייצט ער מיט חוזק אין אַלעמענס אויגן...״

איז וואָסערע מאָטיוון זענען די ריכטיקע?

געוויס, דער מענטשלעכער כאַראַקטער איז נישט קיין איינ־

סטרוניקער אינסטרומענט, — עס שפילן אויף אים די קעגנ־זעצלעכסטע ליידנשאפטן און באוועג־מאטיוון. פערזענלעכע מאטיוון ווערן מאסקירט מיט געזעלשאפטלעכע, געמיינע — מיט אידעאלע. דאס ווערט אבער געטאן אדער אומבאוווסטזיניק אדער צביעותדיק־באוווסטזיניק, ד"ה אדער דער מענטש גופא האט קיין אנונג נישט וועגן זיין גענארעריי אדער ער שטרענגט אן אלע כוחות, די אנדערע זאלן וועגן דער נארעריי נישט וויסן. אבער דא, אין פאל מיט שיילאקן, איז גאר עפעס אנדערש: ער איז נישט נאר ציניש אפן, נאר די סתירותדיקע מאטיוון געפינען זיך אין זיינע רייד אין באזונדערע שיכטן. און אט דאס־א איז טאקע נישט לאגיש, אבער דערפאר פסיכאלאגיש ריכטיק, — געוויס, נישט פאר שיילאקן, נאר פאר שעקספירן. די ערשטע שיכט מאטיוון ביים דערבליקן אנטאניאן האט אים ארייגעלייגט אין מויל — מיט קאלטבלוטיקער אויסרעכענונג — שעקספירס געפאנגען־זיין ביים סיוזשעט און ביי דער טראדיציע פון דער צייט, אבער ווען שיילאק צעווארעמט זיך און שעקספירס דראמאטישער זשעני האט דערפילט דאס לעבעדיקע, הייסע בלוט פון זיין שאבלאן, האט ער אים געלאזט קומען צום נישט־געפעלשטן ווארט.

דאס איז שטענדיק אזוי, ווען א פולבלוטיקער כאראקטער לייגט ארויף אויף זיך א צוימל פון פאלשקייט און הויבט אן רעדן נישט מיט זיין קול. כל זמן ער רעדט פארזיכטיק, מיושבדיק, האלט ער אוים די ראל, וואס ער האט אויף זיך ארויפגעצויגן, אבער זאל זיך נאר די דאזיקע פולבלוטיקע פערזענלעכקייט צעווארעמען, ווארפט איר לעבעדיקע נאטור תיכף אראפ די ארויפגעצויגענע מאסקע און אנטפלעקט איר אמתן פרצוף.

אין דער שיילאק־געשטאלט קומט כסדר פאר א פסיכאלאגישער קאמף. שעקספיר צייכנט א געשטאלט פון א קאנווענציאנעלן ייד־פראצענטניק, אבער ער ווערט כסדר מיטגעריסן דורך זיין דראמאטישן חוש, וואס שפירט אין דער דאזיקן ר קאנווענציאנעלער געשטאלט א שטארקע אינדיווידואליטעט. שיילאק — דאס איז נישט קיין יחידישער טיפ, אין וועלכן עס קעמפן, ווי אנדערע מיינען, צוויי יסודות: דער יסוד פון א געמיינעם מענטשן, א בלוט־דארשטיקן און גיריקן, און דער יסוד פון א

ליבנדיקן באַליידיקטן פּאָטער, — אַ באַליידיקטן אין זיין זעלבסט־חשיבות ייד און מענטש. שיילאָק — דאָס זענען צוויי נישט פאַרענדיקטע, נישט קיין גאַנץ־אויסגעפורעמטע שיילאָקס: דער בלוט־דאָרשטיקער פּראָצענטניק, וואָס שעקספּיר האָט אויסגעליען פון דער נאָוועלע, ווערט יעדע מינוט אָוועקגערוקט אין אַ זייט דורך דער פּערזענלעכקייט פון יענעם שיילאָק, וואָס שעקספּיר האָט דערשפּירט און וואָס ער האָט גענומען אויסקנעטן. און אָט־אָ דער דאָזיקער, דורך שעקספּירן סקיצירטער, טראַגישער העלד האָט זיך נישט געקאָנט אַנטוויקלען צוליבן קאָנווענציאָנעלן שיילאָק, ביי וועלכן שעקספּיר איז געצוווּנגען געווען צו האַלטן זיך.

פון איין זייט איז שיילאָק נעבעכדיק און לעכערלעך, ער איז נישטיק און פאַרדינט פאַראַכטונג, אָבער פון דער צווייטער איז ער טראַגיש דראָענדיק אין זיין ראָל פון אַ נקמה־נעמער, ער איז פול מיטן באַוווּסטזיין פון זיין מענטשלעכער און נאַציאָנאַלער עוולה, ער איז פול מיטן געפיל פון פאַראַכטונג צו דער אויסערלעך־גלענצנדיקער, אָבער אינערלעך־פאַרפוילטער וועלט, וואָס פאַרכלינעט זיך אינם ים פון מאָראַלישע און עניוותדיקע ווערטער, און לעבט אויף דער גאַנצער פּאַרע אַנטי־מאָראַליש און האַרצלאָז־אכזריותדיק.

דער ערשטער שיילאָק איז אין כעס אויף אַנטאָניאָן דערפאַר וואָס ער גיט אַרויס אָן פּראָצענטיקע הלוואות; דער צווייטער איראָניזירט טרעפלעך איבער אַנטאָניאָן, ווען יענער ווענדט זיך צו אים וועגן אַ הלוואה פאַר אַ פריינט: „איך וויים נאָר נישט ווי איך זאָל דאָ האַנדלען, איר אָנערקענט דאָך נישט קיין הלוואות אויף פּראָצענט"...

שיילאָק, וואָס איז אין כעס אויף אַנטאָניאָן דערפאַר, וואָס ער אָנערקענט נישט קיין הלוואות אויף פּראָצענט, איז נישט אַזוי געמיין, ווי לעכערלעך. אַנטאָניאָס גאַוּוהדיקע ווערטער צו שיילאָקן: „דו ווייסט דאָך געווים, אַז געלט אויף פּראָצענט איז נישט איך גיב און נישט איך נעם..., פאַרדינען דען מער ווי אַן איראָנישן ענטפער מצד שיילאָקן, וואָס ווייסט דאָך ווי קיינער נישט, אַז דער אייראָפּעאישער שטאָם פון די אַנטאָניאָס האָט געהאַלטן אין איין נעמען הלוואות ביי יידן אויף פּראָצענט און

האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר די בלוטיקסטע מיטלען, כדי נישט צו צאָלן נישט די פּראָצענטער, נישט דעם קרן...

דער האַס פון שײַלאָק דעם שאַבלאָן איז לעבערלעך און געמיין, — דאָס איז אַ קאַריקאַטור אויף שײַלאָקס האַס, אויסגעטראַכט דורך די־יעניקע, וועלכע האָבן אים כשר פאַרדינט, כדי צו האָבן נאָך אַ באַרעכטיקונג פאַר זייער פאַראַכטונג צו שײַלאָקן.

דער האַס פון שײַלאָקן דער פּערזענלעכקייט איז פון אַ גאַנץ אַנדער אַרט: ער איז פול מיט בײַסיקער איראָניע און גרענעצלאָזער פאַראַכטונג. דער דאָזיקער שײַלאָק זאָגט: „...אפשר זאָל איך זיך נידעריק פאַרבויגן פאַר אײַך, און מיט אַ קנעכטיש מינעלע, קוים אָטעמענדיק, הכנעהדיק אַ שעפּטש טאָן: חשובֿער סיניאָר! איך געדענק ווי אַזוי איר האָט די טעג אַ שפּײַ געטאָן אויף מיר, ווי אַזוי איר האָט מיך איבערגערופן „פאַראַכטעטער הונט!" — איז ווי אַזוי זאָל איך נישט אײַלן געבן אײַך פאַר אײַער ליבלעכקייט אַ גרויסע הלוואה?"

איראָניע און סאַרקאַזם — דאָס איז אַ מעכטיק געווער און אַן אָפּפרישנדיקע רפואה פאַר שוצלאָזע און באַעוולטע. און שײַלאָק איז שטאַרק ביים באַנוצן דאָס דאָזיקע געווער.

שײַלאָק דער שאַבלאָן איז לעבערלעך און אומוואַרשײַנלעך און איז נישט ווערט שעקספּירס פעדער, ווען ער שאַרפט מעלאָדראַמאַטיש דעם מעסער אין געריכט (ער זעט אויס ווי אַ פּורים־שפּילער, וואָס האָט זיך איבערגעטאָן ווי אַ גזלן); אָבער אַן אמתער שעקספּירישער שײַלאָק אַנטפּלעקט זיך דאָ, ווען ער ליקווידירט מיט איין קלאַפּ פון זײַן צונג דעם פּלוידערזאַק גראַציאַנאָ. — אויף דעם לעצטנס טיראַדע: „שאַרף נישט אויף דער זויל, פאַרשאָלטענער זשיד! צוגעפּאַסטער פאַר דעם איז דײַן נשמה! נישט קיין שטאָל, נישט דעם שווערד, מיט וועלכן עס טויט דער תליון, קאָן מען נישט גלײַכן מיט דײַן אכזריות! נישט שוין־זשע זענען אויף דער וועלט נישטאָ קיין בקשות, וואָס זאָלן דיר ווייכער מאַכן?" — ענטפערט שײַלאָק לאַקאָניש, ווי אַ באָקסער, וואָס קאָנצענטרירט זײַן גאַנצע קראַפט אין איין קלאַפּ מיט דער פויסט: „מיט דײַן שכל וועסטו זיי נישט צוטראַכטן".

וויפל פאַראַכטונג איז דאָ אין אָט־אָ־די פּאָר ווערטער! וואָס

גייט אים אָן זייער עגאָאיסטישער אויסברוך פון בארמהארצי־קייט און גערעכטיקייט! זיי ווילן קיינמאָל נישט באַגרייפן, אַז אין זיין משונענעם נקמה־דאָרשט איז דאָ מער געפיל פון אבסאָ־לוטער גערעכטיקייט, ווי אין זייער איינזייטיקער מאָראַל, וואָס דערוואַרעמט זיך בלויז ווען עס האַנדלט זיך וועגן זייער פעל. שיילאָק שטייט העכער פאַר אַנטאָניאָס און פּאָרציעס גאַנצער וועלט נישט נאָר צוליב זיינע ליידן, נאָר אויך מיט זיין שכל און זיין עטיק.

ווען אַנטאָניאָ און פּאָרציע מיט דער גאַנצער טשאַטע קלענערע הינט וואַרפן זיך אַרויף אויף זייער קרבן נאָך דער קאָמעדיע, אין וועלכער אַנטאָניאָ איז געווען אַ קוואַזי־קרבן (קיין איין צושויער אין יענער צייט האָט נישט צוגעלאָזן דעם געדאַנק, באַמערקט בראַנדעס, אַז אַ ייד קאָן אויסשניידן ביי אַ קריסט אַ פונט פליייש, הגם, פאַרקערט, — וועל איך צוגעבן, — איז אַלע־מען געווען קלאָר, אַז אַ יידן קאָן מען פערטלען גייסטיק און פיזיש אָן קאָנטראַקטן און אָן דער באַשטעטיקונג פון געריכט), קומט זיי אַפילו נישט אויפן געדאַנק דער ספק, צי האַנדלען זיי גערעכט, צי באַהאַנדלען זיי שיילאָקן אין הסכם מיט די געבאָטן פון דער בארמהאַרציקייט,—געבאָטן, וואָס זיי האָבן אים געלערנט בעתן פּראָצעס און פאַר אים. אַנטאָניאָ זאָגט אים: „זיי גוט, שיילאָק!" (סאַרא ברידערלעכער טאָן! אָט־דאָ איז אַנטאָניאָ אויף אַן אמתן אַ פאָרשטייער פון זיין קריסטלעכער וועלט, וואָס פּרע־דיקט גוטסקייט און גערעכטיקייט און בארמהאַרציקייט בלויז אַנדערע, פאַרגעסנדיק אין זיך — אָבער בלויז אין דאָזיקן פאַל! — לטובת אַנדערע...) פּאָרציע בעט שיילאָקן צו זיין בארמ־האַרציק: „דער זשיד איז מחויב זיך צו דערבאַרעמען איבער אים... אויף בארמהאַרציקייט זענען נישטאָ קיין געזעצן!... גליקלעך איז סיי דער, וואָס געניסט בארמהאַרציקייט, און סיי דער, וואָס שענקט זי! זי איז — די קראַפט פון די שטאַרקסטע!"

אָבער ווען עס קומט די ריי אויף איר און אַנטאָניאָן, נוצן די דאָזיקע מעכטיקע אוים קעגן שיילאָקן זייער גאַנצן כוח, נאָר נישט דעם כוח פון בארמהאַרציקייט. דאָס האָבן זיי געפּאָדערט פון שוואַכן. ווען עס קומט צו זיי, רעדט מען שוין נישט וועגן גנאָד, נאָר וועגן די געזעצן פון ווענעציע. און די דאָזיקע געזעצן

ווערן קאַזואיסטיש אויסגענוצט. דער איינציקער חסד, וואָס זיי באַווייזן שײלאָקן דורך שענקען אים דאָס לעבן, שטייט פּלוצלינג אונטער דער געפאַר אָפּגענומען צו ווערן, אויב שײלאָק וועט נישט איבערגיין צום קריסטנטום.

עס קומט פאַר אַן אמתע וואַקכאַנאַליע פון אכזריות און חוזק איבער שײלאָקן, אַזוי אַז מען דערקענט גאָרנישט די דאָזיקע מענטשן, וואָס האָבן אָקאָרשט געגאַוועט מיט חסד און גוטסקייט און גערעכטיקייט. געווים, זיי האָבן אַן אויסרייד — דאָס איז די באַצאָלונג פאַר שײלאָקס אכזריות. אָבער צי דען איז שײלאָקס אכזריות געבוירן געוואָרן אָן סיבות? אויך ער האָט דאָך געצאָלט לויט אַ חשבון, און לויט אַ סך אַ גרעסערן און אייביקערן! אָבער אַזאַ איז שוין די גערעכטיקייט פון דער גלאַטצונגיקער פּאָרציע און פונם גוטהאַרציקן אַנטאָניאָ: אויב שײלאָק וויל באַצאָלן פאַר די עוולות, איז דאָס אכזריותדיק און געמיין, אָבער אויב אַנטאָניאָ באַצאָלט פאַר שײלאָקס פאַרלאַנג צו באַצאָלן, איז דאָס אַ גערעכטע באַצאָלונג. שײלאָק שטייט אין דאָזיקן פּרט נישט דער ערך העכער פאַר זיינע שונאים. איך רעד שוין נישט וועגן דעם, וואָס ער האָט מער סיבות פיינט צו האָבן און צו דאָרשטן נאָך נקמה, — אָבער אפילו אין סאַמע ברען פון דער דאָזיקער שרעקלעכער ליידנשאַפט, לאָזט ער נישט אַרויס פון אויג, אַז דאָס, וואָס ער טוט, איז געמיין. אין דער באַרימטער רעפּליקע וועגן דער פיזישער און גייסטיקער גלייכקייט פון ייד און קריסט, פרעגט שײלאָק: „נישט־שוין־זשע וועלן מיר נישט נקמה נעמען, ווען איר באַליידיקט אונז?... אויב אַ ייד באַליידיקט אַ קריסט, איז זיך יענער נוקם, פאַרגעסנדיק יעדע הכנעה... איך וועל לאָזן אין גאַנג די זעלבע געמיינקייטן, וואָס איר גופא האָט אונז אויסגעלערנט, און זאָל מיך אַ דונער טרעפן, אויב איך וועל נישט אַריבערשטייגן די לערער!"

שײלאָק ווייסט, אַז דאָס איז געמיין, אָבער ער וויל כאָטש איינמאָל איינגעבן די קריסטן זייער אייגענע מעדיצין, ער וויל זיין גלייך מיט זיי אויך אין געמיינקייט, ער וויל אפילו זיי איבערשטייגן. און דאָס געלינגט אים, נאַטירלעך, נישט. אפילו אויסגלייכן זיך מיט זיי קאָן ער נישט. און נישט נאָר דערפאַר, ווייל ער איז שוואַך, אובאַהאָלפן פיזיש, נאָר ער איז שוואַך אויך

אינערלעך — ער האָט דעם באַוווסטזיין פון דער געמיינקייט פון זיינע מעשים, ער פאַרגוואַלדיקט זיך אין זיין נקמה־אויסברוך.

* * *

נאָכן אויבנגעזאָגטן ווערט קלאָר, פאַרוואָס די מיינונגען וועגן שיילאָקן זענען אַזוי סתירהדיק. דערויף האָבן געווירקט נישט נאָר פילאָסעמיטישע אָדער אַנטיסעמיטישע געפילן און טענדענצן, נאָר אויך שיילאָקס פאַקטישע צעצווייאונג. 8) איינע האָבן געזען שיילאָקן, ווי אַזוי שעקספּיר האָט אים געצייכנט לויט דער נאָוועלע, ווי אויך כדי יוצא צו זיין פאַרן המון און פאַר די פאָראורטיילן פון דער צייט; און אַנדערע ווידער האָבן געזען שיילאָקן אַזוי, ווי ער קומט אַרויס פון אונטער דער פעדער פון שעקספּירן, וואָס פלעגט מיטן געניאַלן חוש פון אַ דיכטער אַ דראַמאַטורג פאַרלאָזן די ליניע פון דער נאָוועלע, די ליניע פון שיילאָקס האַנדלונגען, וואָס ווערן דיקטירט דורך דער נאָוועלע, און פלעגט נאָכפאָלגן יענע ליניע פון דעם כאַראַקטער פון דאָזיקן יידן, וואָס פלעגט זיך אָנצייכענען פאַר זיין שעפערישן בליק אינם פּראָצעס פון דער אַרבעט: שיילאָק פון דער נאָוועלע שאַרפט דעם מעסער, צעפלאַקערנדיק די נידעריקע ליידנשאַפטן פונם המון, זיין כמעט ירושהדיקע שנאה קעגן יידן, אָבער שעקספּירס שיילאָק וואַרפט ווערטער, וואָס זענען שאַרפער פאַר אַ מעסער, און זיי שניידן דעם געוויסן פון מענטשן נאָך אויך היינט. שעקספּירס דאָזיקער שיילאָק האָט אַריבערגעוואָקסן זיין פּראָטאָטיפּ אויף הונדערט קעפּ, פּונקט ווי זיין שעפער, שעקספּיר, האָט אַריבערגעוואָקסן זיין צייט נישט אויף איין קאָפּ. שעקספּירס דאָזיקער שיילאָק האָט אַריבערגעוואַקסן אין שעפערישע מאָמענטן פון זיין שעפער סיי די כוונה פונם דיכטער, סיי דעם דיקטאַט פון זיין צייט. דער שיילאָק פון דער נאָוועלע — אַ געמיינער און אַ פאַראַכטעטער פּראָצענטניק — ווערט פאַרוואַנדלט נישט נאָר אין אַ טראַגישן העלד פון אַ דראַמע, נאָר אויך אין אַ העלד פון אַ פאָלק, אין אַ סימבאָל פון זיין נאַציע, אין אַ נאַציאָנאַלן נקמה־נעמער, וואָס וועט פאַר קיין שום געלט זיך נישט אָפּזאָגן פונם נקמה־אַקט.

לאָמיר זיך צוקוקן נעענטער צו שיילאָקס באַרימטער אויבן־

דערמאָנטער רעפּליקע. אויך דאָ מערקט זיך די דאָזיקע כאַראַק־טעריסטישע צעצווייאונג: נישט קיין פּשוטע פאַנאַנדערוויקלונג פון די מאָטיוון, נאָר פּשוט אַן איבערגאַנג אויף אַנדערע רעלסן.

ווען סאַלאַרינאָ פרעגט שײַלאָקן: „וואָס הייסט! נישט שווין־זשע האָסטו ערנסט בדעה, אין פאַל ווען דער חוב וועט נישט געצאָלט ווערן צום טערמין, צו פאָדערן אַ פונט פון זיין פלייש? צו וואָס טויג דאָס דיר?”, ענטפערט שײַלאָק: „אויף צו קאָרמענען די פיש!... און אויב די פיש וועלן דאָס נישט עסן, וועל איך דערמיט אָנזעטיקן מיין נקמה־געפיל! ער האָט מיר געשטערט צו פאַרדינען אַ האַלבן מיליאָן! ער האָט געחוזקט פון מיינע פאַרלוסטן! ער האָט געחוזקט איבער מיין ריווח. ער האָט געזידלט מיין פאָלק! ער האָט קאַליע געמאַכט מיינע גע־שעפטן! ער האָט מיר צעקריגט מיט מיינע פריינט! ער האָט גע־העצט אויף מיר די פיינט!... און פאַרוואָס?... דערפאַר, ווייל איך בין אַ זשיד?... צי דען האָט אַ זשיד נישט קיין אויגן, הענט און גלידער?... ער האָט נישט קיין געפילן, קיין ליידנשאַפטן און איז צו גאָרנישט צוגעבונדן?... צי דערנערט זיך נישט אַ זשיד מיט די זעלבע שפייזן, וואָס די קריסטן?... צי ליידט ער נישט פון די זעלבע קראַנקהייטן?... צי היילט ער זיך נישט מיט די זעלבע מיטלען?... צי דען פאַרשאַפט נישט דעם זשיד קיין וווּנדן דאָס זעלבע געווער?... צי דען שפּירט ער נישט קיין קעלט אין ווינטער און קיין היץ אין זומער, ווי אַיעדער קריסט? ווען איר פאַרשאַפט אונז ווונדן — גייען מיר אָפּ מיט בלוט! ווען איר קיצלט אונז — לאַכן מיר!... גיט איר אונז גיפט — שטאַרבן מיר! איז נישט שווין־זשע וועלן מיר נישט נקמה נעמען, ווען איר באַליידיקט אונז?... אויב מיר זענען ענלעך צו אייך אין אַלץ, ווילן מיר ענלעך זיין אויך אין דעם!... אויב אַ זשיד באַ־ליידיקט אַ קריסט, נעמט יענער נקמה, פאַרגעסנדיק יעדע הכנעה. טאָ זאָל אַ באַליידיקטער זשיד נעמען אַ ביישפּיל פון אים און זאָל זיך אויך נוקם זיין!...”

דאָס איז נישט די אָנוואַקסונג פון ליידנשאַפטן, — דאָס רעדן צוויי מענטשן. איין שײַלאָק הויבט אָן, און דער צווייטער ענדיקט. דער ערשטער שײַלאָק וואָלט זיך קיינמאָל נישט געוועז דערטראַכט צו אַזאַ רעדע, ווי עס האָט געהאַלטן דער

צווייטער. און דעריבער איז ביי איניקע אויפגעקומען דער חשד, אַז די דאָזיקע באַרימטע רייד רעדט נישט שיילאָק, נאָר שעקס־פּיר. 9) און אויב מען זאָל נישט נעמען אין באַטראַכט דעם צווייטן שיילאָק, איז קיין אַנדער דערקלערונג נישטאָ. די דאָזיקע רעפּליקע הויבט שיילאָק אָן ווי פאַר דער גאַליאָרקע פון זיין צייט און ערשט נאָכדעם, ווי ער האָט זי שוין באַפּרידיקט, הויבט ער אָן צו רעדן פאַר דער אייביקייט. דער ערשטער שיילאָק איז ווי אַ שפּאַניש וועגטל, הינטער וועלכער שעקספּיר האָט דורכגע־טראָגן, ווי קאָנטראַבאַנדע, דעם צווייטן, וואָס איז ווערט זיין זשעני. און דער דאָזיקער צווייטער איז נישט קיין ייד־פּראָצענט־ניק, נאָר אַ נאַציאָנאַלער נקמה־נעמער! ער טרעט אַרויס נישט קעגן אַנטאָניאָ, און נישט פאַר זיין רעכט צו באַקומען לויטן קאָנטראַקט אַ פונט פלייש, נאָר קעגן דער אומגערעכטער קריסט־לעכער וועלט און פאַר זיין רעכט צו לעבן צוגלייך און גלייך מיט אַלע.

אָבער דער דאָזיקער באמת שעקספּירישער שיילאָק איז פאַרבליבן בלויז אַ ריזיקער, נישט־באַאַרבעטער טאָרסאָ. שעק־ספּירס שעפערישער זשעני האָט אין דאָזיקן פאַל געהאַט קעגן זיך אויף זיין שעפערישן וועג דעם צו שטאַרקן קעגנשטראָם פון זיין צייט (און מעגלעך, אַז אויך זיינע אייגענע באַוווסטזיניקע פאָראורטיילן).

אפילו געאָרג בראַנדעס, וואָס שטעלט זיך נישט צו אַנט־שידן אויף שיילאָקס זייט, באַמערקט, אַז ביים שאַפן שיילאָקן איז שעקספּיר איינגעגאַנגען אויף גרויסע קאָמפּראָמיסן.

„ווען ער (שעקספּיר, — י. ר.) וואָלט פולשטענדיק קלאָר אויסגעדריקט מיטגעפיל צו שיילאָקס לאַגע, וואָלט ער, פון איין זייט, ריזיקירט מיט פאַרפאָלגונגען מצד דער צענזור, און פון דער צווייטער זייט וואָלט ער ריזיקירט צו בלייבן אומפאַרשטאַ־נען דורכן פובליקום און אַרויסצורופן זיין אומצופרידנקייט". (איך רעכן אָבער נישט אַז דער קאָמפּראָמיס איז געווען אַ באַוווסטזיניקער; ער איז גיכער געווען אַ כאַאָטיש־סטיכייאַ־שער.)

אויב די שאַבלאָנע אריינמישונג פון דער נאָוועלע און די אריינמישונג פון דעם המונס פאָראורטיילן לאָזן זיך מערקן

אויף דעם גאַנצן שטח פון דער דראַמע, האָט דאָס באַזונדערס פּאַטאַל געווירקט אויפן סוף פון שיילאָקס טראַגעדיע...

אין געריכט זאָגט דער דאָזש צו אַנטאָניאָן: „דו האָסט זיך צו משפּטן מיט אַ קעגנער, וואָס זיין האַרץ איז האַרטער פון שטיין, מיט אַ נידערטרעכטיקער און געמיינער באַשעפעניש, וואָס זיין נשמה זענען אומבאַקאַנט גוטסקייט אָדער גנאָד".

וואָס שייך שיילאָקס נידערטרעכטיקייט און געמיינקייט, האָבן מיר שוין גענוג גערעדט וועגן דעם העכער. אָבער איין דעפיניציע פון דאָזש איז ריכטיק: שיילאָק קומט אין געריכט „מיט אַ האַרץ, וואָס איז האַרטער פון שטיין". און ווען ער שאַרפט זיין מעסער און אויף דער פראַגע פונם פּלווידערזאַק גראַציאַני: „נישט שוין־זשע זענען אויף דער וועלט נישטאָ קיין בקשות, וואָס זאָלן דיך ווייכער מאַכן?" ענטפערט ער: „מיט דיין שכל וועסטו זיי נישט צוטראַכטן", — זענען מיר גרייט צו גלויבן, אַז שיילאָק וועט דערפירן זיין ענין ביזן סוף. מיר האָבן אָבער אַ טעות. ער ענדיקט נישט אַזוי, ווי אַמאָל שמשון הגיבור: „תמות נפשי עם פּלשתים", ער זאָגט זיך אָפּ פון נקמה־נעמען ווי נאָר עס שטעלט זיך אַרויס, אַז די דאָזיקע נקמה קאָן אים קאָסטן דאָס לעבן. און נישט נאָר ער זאָגט זיך אָפּ פון נקמה, נאָר ער פאַרגעסט אויך נישט צו פאַרבייטן נקמה אויף געלט, פּונקט ווי ער האָט פריער פון גאַנצן האַרצן זיך באַמיט צו פאַרבייטן געלט אויף נקמה.

בלויז אויף איין מאָמענט שטייט פאַר אונז אויף תחית המתים די געשטאַלט פון שעקספּירס שיילאָק, ווען ער שרייט אויס: „נעמט צו אַלץ! נעמט אויך מיין לעבן!... אין אייער פאַרגעבונג נויטיק איך זיך נישט!"...; אָבער דער דאָזיקער שיילאָק טרעט תיכף אָפּ זיין אָרט שיילאָקן דעם שאַבלאָן, דעם שיילאָק, וועמען עס דערוואַרט דער המון, פאַר וועלכן דער דאָזיקער העלד פון אַ טראַגעדיע מוז ווערן אַ קאָמישע פיגור פון אַ קאָמעדיע.

און שעקספּיר רייסט איבער די ליניע פון זיין טראַגישן העלד און פאַרוואַנדלט אים אין דעם נאָוועלע־שאַבלאָן.

ווען פּאָרציע זאָגט שיילאָקן: „שיילאָק! מען גיט דיר דאָך אַ דרייפאַכע סומע!", ענטפערט שיילאָק: „איך האָב געגעבן אַ

שבועה! איך האָב געשווירן צום הימל! טאָ ווי קאָן איך נעמען אויף דער נשמה די זינד פון ברעכן אַ שבועה? איך וועל נישט מסכים זיין דערויף פאַרן פרייז פון גאַנץ ווענעציע!" און אַט־אָ־דער זעלבער שיילאָק נעמט עס אָן אַזוי לייכט דעם באַדינג וועגן שמד? און אויף פּאָרציעס פראַגע: „זשיד, ענטפער: ביסטו צופרידן?", ענטפערט ער אפילו: „כ'בין צופרידן?"...

נישט נאָר שיילאָק ענדיקט נישט, ווי שמשון הגיבור, נאָר ער ענדיקט נישט אפילו ווי אַ באַזיגטער טראַגישער העלד, ער ענדיקט נישט אפילו ווי אַ גייסטיק צעבראָכענער טראַגישער העלד, — ער גייט פשוט אַראָפּ פון דער סצענע, לאָזנדיק אויף איר זיין שאַבלאָנעם שאָטן.

שעקספּירס שיילאָק שטעלט אין שאָטן פון זיין נאַציאָנאַלער טראַגעדיע שעקספּירס גאַנצע קאָמעדיע, די גאַנצע גראַציע פון פּאָרציע און פון איר וועלט, אָבער דאָך איז דאָס בלויז אַ שאָטן פון אַ גיגאַנטישן טאָרסאָ.

און דאָ דאַרף מען צוציען די אויפמערקזאַמקייט צו אַן אינטערעסאַנטן פּרט.

אין דער נאָוועלע, מיט וועלכער שעקספּיר האָט זיך באַנוצט, איז דער סוף (לויט א. ל. סאָקאָלאָווסקין) אַזאַ: „דער איבערגעשראָקענער זשיד האָט דאַן מסכים געווען אויפן פאַרגעלייגטן אָפּמאַך — באַקומען הונדערט טויזנט רענדלעך, אָבער דער איבערגעטוּענער ריכטער האָט אַנטשידן, אַז צוליבן אָפּזאָגן זיך פון דאָזיקן אָפּמאַך, ווען מען האָט אים פאָרגעלייגט, האָט דער מלווה פאַרלאָרן אויף אים דאָס רעכט און ער קאָן איצט אָדער נעמען דעם פונט פלייש אָדער צערייסן דעם אָפּמאַך, וואָס דאָס האָט דער זשיד, נאַטירלעך, טאַקע געטאָן צו דער אַלגעמיינער פרייד פון דער גאַנצער שטאָט, און אַלם באַשטעטיקונג, ווי די נאָוועלע גיט צו, פונם אמת, אַז ווער עס גראָבט אַ גרוב פאַר אַ צווייטן, פאַלט אין איר אליין אריין".

ווי מיר זעען, האָט שעקספּיר קנעכטיש נאָכגעפאָלגט דער נאָוועלע וואָס שייך דעם פונט פלייש, אָבער דעם סוף האָט ער פאַרשאַרפט און האָט באַשטראָפט שיילאָקן שטרענגער, ווי דאָס האָט געטאָן די נאָוועלע: ער ווערט פאַרמשפּט צו טויט־שטראָף, וואָס ער מיידט אויס בלויז דורך איבערגיין צום קריסטנטום; ער

פארלירט איין טייל פון זיין פארמעגן, און די צווייטע טייל דארף ער אפגעבן זיין טאכטער, דער פאררעטערין און גנבטע.

צי האט דערמיט שעקספיר געוואלט אנטקעגנקומען דעם המון, אדער האט ער געוואלט מאכן בולטער די אכזריות פון די קריסטן און דערמיט אונטערשטרייכן דורך שווערע שאטנס דעם טראגיזם פון שיילאקן, וואס טרעט ארויס פון א טונקעלן פאן, ווי א רעמבראנד־געזיכט?

עס איז שווער צו זאגן, וואס שעקספיר האט געוואלט, — א סך לייכטער איז פעסטצושטעלן, וואס ער האט דערגרייכט. באוווסטזיניק אדער אומבאוווסטזיניק באפרידיקנדיק די אינ־סטינקטן פונם המון, און אפשר אויך זיינע אייגענע, האט דער דראמאטורג שעקספיר געהאט א נוצן פון די קאמפראמיסן פון שעקספיר דעם מענטשן: וואס מער זיגן פארציע האלט אפ, אלץ שענער גייט אויף פאר אונז שיילאקס טראגישער גורל; וואס מער שיילאק דער ייד דערנידעריקט זיך, אלץ רעליעפער אנט־פלעקט זיך פאר אונז, אין שיילאקס טארסא, די יידישע פראגע, וואס האט נישט פארלארן זייט שעקספירס צייטן נישט אין אקטועלקייט, נישט אין אינהאלט.

מיט אייןווארט, שעקספירס זשעני, וואס האט צוליב אויי־סערלעכע סיבות און פאראורטיילן נישט געקאנט דערפירן צו שלימות זיין שיילאק, האט זיך א לאז געטאן אין אן אנדער זייט און ער האט דערפירט צו שלימות די קריסטלעכע אכזריות און אומגערעכטיקייט; נישט האבנדיק קיין מעגלעכקייט צו דערפירן ביזן סוף שיילאקס נקמה, האט שעקספיר זיך באפרידיקט מיט אויסמאלן, ביזן לעצטן גרענעץ פון מעגלעכקייט, יענע סביבה, וואס האט ארויסגערופן און פארדינט דעמדאזיקן נקמה־דארשט.

ווען מען טרייבט די נאטור דורך דער טיר, קערט זי זיך אום דורך דעם פענצטער. דאס זעלבע איז מיט א זשעני. ווען דער זשעני קאן נישט דערפירן זיין געשטאלט צו שלימות אויף א גלייכן וועג, טוט ער דאס דורך אומוועגן, אומבאמערקט פארן המון און אמאל טאקע פאר זיך גופא.

* * *

אז שיילאק איז אראפ פון דער סצענע פריצייטיק, אז מען האט אים אראפגעשטויסן און פארביטן דורך א שאבלאנעם

פֿאַנטאָם, דאָס האָט שאַרף דערפֿילט דער יידיש־אַמעריקאַנער שרייבער לודוויג לואיסאָן, וועלכער האָט זיך פֿון עקסטרעמער אַסימילאַציע אומגעקערט צום נאַציאָנאַלן און אפילו טראַדיציאָנעלן יידנטום. און ער האָט אָנגעשריבן שײַלאָקס ווייטערדיקע געשיכטע. זי רופֿט זיך אָן — „שײַלאָקס לעצטע טעג".

לאָמיר זען, ווי אַזוי לודוויג לואיסאָן האָט פֿאַרענדיקט שײַלאָקס טאָרסאָ.

באַמערקונגען צום אַרטיקל „שײַלאָק אַלס נאַציאָנאַלער נקמה־נעמער"

1) אין זײַנע „כאַראַקטערן פֿון שעקספּירס פּיעסעס" (לאָנדאָן, 1854), כאַראַקטעריזירט וויליאַם האַזליט קורץ און טרעפֿלעך סיי פּאָרציען, סיי שײַלאָקן: „פּאָרציע האָט קנאַפּ וואָס נושא חן געווען אין אונזערע אויגן; ער (שײַלאָק, — י. ר.) זעט אויס צו זײַן דער נקמה־טרעגער פֿון זײַן ראַסע".

בראַוואָ, גוי האַזליט!

ער זעט און דריקט זיך אויס קלאָרער (מיט דער פֿולער שטים) פֿאַרן ייד בראַנדעס, וועלכער רעדט אויך אַמאָל מיט פֿאַרשטאַנד וועגן שײַלאָקן, אָבער ער דערערדט נישט און טרעט אָפּ אין שרעק פֿאַר זײַן אייגענעם געדאַנק און פֿאַר זײַן אייגענעם געפֿיל: איין גוט וואָרט פֿאַר שײַלאָקן און צוויי — פֿאַר פּאָרציען.

גוסטאַוו לאַנדויער אפילו פֿאַרלירט זײַן שטאַרקן פֿאַרשטאַנד און זײַן מעכטיקע אינטואיציע ווען עס קומט צו פּאָרציען. אמת, ער פֿאַרלירט אים סאָציאַל־פֿילאָזאָפֿיש: שײַלאָק איז פֿאַר אים א בייז קינד פֿון שלעכטן סאָציאַלן סדר, און דורך גערעכטיקייט דאַרף מען אים דערהויבן צו דער וועלט פֿון שיינקייט, צו וועלכער דער גנב, דער געליבטער אירער, דער־הויבט דזשעסיקאַן. ווען מען טוט אָן מיט געוואַלט פֿילאָזאָפֿישע ברילן, קאָן אפילו אַזאַ גייסט ווי לאַנדויער זען קרום.

2) אין זײַן בוך וועגן שעקספּירן פּרובירט דזשאָן מידלטאָן מאָררי דערקלערן די שנאה צווישן שײַלאָקן און אַנטאָניאָ אינגאַנצן אַנדערש. באַטראַכטנדיק דעם „ווענעציאַנער סוחר" אַלס מעשהלע, דערקרעטירט ער, אַז „דער האַס צווישן שײַלאָקן

און אַנטאָניאָן איז אין זיין וואָרצל אַ האַס פון אַ צויבער־מעשהלע", ד. ה. אַזאַ האַס, וואָס לאָזט זיך נישט דערקלערן ראַציאָנעל (מיטן פאַרשטאַנד, לאָגיש).

„אַזוי אַרום, — זאָגט מאָררי, פּרווונדיק אונטערצוהאַלטן זיין היפּאָטעזע, — דערקלערט שיילאָק איינמאָל, אַז ער האָט פיינט אַנטאָניאָן, „ווייל ער איז אַ קריסט", און אַ צווייטן מאָל —„ווייל ער איז אַ האַנדלס־קאָנקורענט... מיר קאָנען זאָגן, אַז שיילאָק פּרוווט, פּונקט ווי יאַגאָ (אין „אָטעללאָ", — י. ר.)... לאָגיש צו דערקלערן זיין האַס צו אַנטאָניאָן; דאָס, וואָס ער איז זיך דערביי אַליין סותר, איז אין הסכם מיט אונזער טאָג־טעגלעכער דערפאַרונג".

אָבער די דאָזיקע דערקלערונג פון שיילאָקס סתירות האַלט נישט אויס קיין קריטיק. ווי איז גאָר מעגלעך צו פאַרגלייכן שיילאָקס האַס מיט יאַגאָס! שיילאָק האָט מער ווי אַ גענוגנדיקן גרונט פיינט צו האָבן אַנטאָניאָן פאַר פּערזענלעכע און נאַציאָנאַלע פאַרפאָלגונגען און דערנידעריקונגען. און מאָררי גופא איז געצוווּנגען מודה צו זיין, נישט געקוקט אויף זיין צויבער־מעשהדיקער היפּאָטעזע: „אויב מיר וועלן אָביעקטיוו אַ טראַכט טאָן וועגן דעם, ווי אַזוי אַנטאָניאָ באַנעמט זיך לגבי שיילאָקן, וועלן מיר זיין אויסגעשטעלט דער געפאַר (אויסגעשטעלט אויף דער געפאַר וועלן זיין נישט מיר, נאָר די הינקענדיקע היפּאָטעזע! — י. ר.) צו קומען צו דער מיינונג, אַז שיילאָקס געפּלאַנטע נקמה איז נישט געווען צו גרויס".

טאָ צו וואָס אָנקומען צו דער פאַנטאַסטישער היפּאָטעזע פון אַ צויבער־מעשהלע?

אינטערעסאַנט איז אויך דער ווייטערדיקער פּלאָנטער ביי מאָררין אין דאָזיקן פּרט. (בכלל אין זיין בוך זייער אָריגינעל און שטעלנווייז אויסערסט זעלבשטענדיק און דרייסט אין זיינע שיילאָק־אַנטאָניאָ־מיינונגען.) ריידנדיק וועגן די בולטע סתירות אין שיילאָקס כאַראַקטער, — סתירות, וואָס מאַכן אים פאַר אונז אַמאָל סימפּאַטיש און אַן אַנדערשמאָל אומסימפּאַטיש, זאָגט מאָררי: „שיילאָק ווערט בכיוון געמאַכט אומסימפּאַטיש, ווען דאָס איז נויטיק צו דעקן דזשעסיקען (און אַנטאָניאָן נישט? און פּאָרציען נישט? — י. ר.). ער ווערט געמאַכט סימפּאַטיש,

ווען שעקספּיר פּילט די נויטווענדיקייט אָדער ער נוצט אויס די מעגלעכקייט צו שאַפן אַן אמת־דראַמאַטישן קאָנטראַסט צווישן שײַלאָקן און אַנטאָניאָן. אין די קריטישע מאָמענטן באַקומט ער זעלבסטווירדע און לײַדנשאַפט פון שפּראַך און אַרגומענטאַציע צו פאַרטיידיקן זײַן ענין פאַר אונז און פאַר זיך גופא. זײַן האַס ווערט דאַן געשילדערט אַלס עפּעס טיפס, איראַציאָנעלס און אומברחמנותדיקס, אָבער נישט אַלס נישטיק און געלט־גיריק. דאַן איז דאָס אַ נאַטור־קראַפט, עפּעס, וואָס איז שטאַרקער פאַר אים".

הגם דאָס באַצייכענען שײַלאָקס האַס אַלס איראַציאָנעל הייסט סותר זײַן דאָס וואָס מאָררי האָט אויבן געזאָגט (אַז ער איז „נישט צו גרויס" אַלס באַצאָלונג פאַר אַנטאָניאָס באַליידי־קונגען), דאָך דערנענטערט זיך דאָ מאָררי צו דער דערקלערונג, וועלכע איך האָב זיך באַמיט צו געבן אין מײַן אַרטיקל; אָבער ער דערקלערט שוין אַליין צו אײַנזײַטיק מיט דראַמאַטישער טעכ־ניק, בעת הינטער די דאָזיקע סתירות באַהאַלט זיך אויס אַ סך מער, ווי איך האָב זיך דאָס באַמיט אויפצווייזן.

און נאָך עפּעס: אויב מאָררי האַלט טאַקע זײַן היפּאָטעזע פאַר ריכטיק, טאָ צו וואָס גיט ער צו: „דאָס, וואָס אַ נישט־געפּענטעטער שײַלאָק וואָלט געוווען געזאָגט, זאָגט עם דערדאָ־זיקער געפּענטעטער שײַלאָק".

געפּענטעט דורך וואָס און דורך וועמען? נישט אַמאָל דורכן מאַטעריאַל, וועלכן שעקספּיר באַאַרבעט? נישט אַמאָל דורך זײַן צײַט? נישט אַמאָל דורך די פּאָראורטיילן פון שעקס־פּירן דעם מענטשן גופא, — פּאָראורטיילן, מיט וועלכע עס האָט געפירט אַ קאַמף — און ערטערווײַז טאַקע זיי באַזיגט — שעקספּירס אינסטינקטיווער זשעני? (און דאַן ווערט שײַלאָק אַ „נאַטור־קראַפט").

3) די דאָזיקע מיינונגען קאָן מען פאַרפילפאַכן אומבאַ־גרענעצט. באַאַז, למשל, באַמערקט אין זײַן ענגלישן בוך „שעק־ספּיר און זײַנע פאָרגייער" (זייט 233): „דעמדאָזיקן מענטשן האָט מען באַעוולט", — דאָס איז איצט דער אורטייל פונם אַפּעלאַציע־פּראָצעס, און אין שעקספּירן.... האָט זיך נוקם געווען די נעמעזיס, וואָס יאָגט אָן, אויף אַ לאַנגער מעטע, דעם קינסט־

לער, וועלכער שטעלט זיך אין דינסט פון די ווילדע פּאַראָור־טיילן פון זיין צייט, נישט געקוקט אויף זיינע איבערצייגונגען".

אַליפענט סמעטאַן (Smeaton) זאָגט: „דער אורטייל לטובת דעם אַנטיסעמיטיזם אין „וועגעציאַנער סוחר" איז אי־בערגעדרייט געוואָרן אויף דער פאַרקערטער זייט פאַרן טריבונאַל פון מענטשן"...

און ווייטער אַביסל: „שעקספּיר האָט אריינגעבראַכט אַ הערלעכן אַפּיל פאַר טאָלעראַנץ צום יידן. מער האָט ער נישט געקאָנט טאָן. ער איז פאָראויסגעגאַנגען זיין צייט, און די חרפה פאַר נישט טאָן מער אויף גוט צו מאַכן דעם פאַלשן אורטייל אינם אַנטאָניאָ־שיילאָק־פּראָצעס איז נישט זיינע, נאָר פון זיין אַנטיסעמיטישער צייט." (וואָס איז נאָך אין אַ ריזיקער מאָס אויך אונזער צייט.).

און נאָך דעם אַלעם חזרט מען נאָך אַלץ איבער, ווי פּאַפּו־גייען, מיט דער גרעסטער פאַראַכטונג: „אַן אמתער שיילאָק!" שיילאָק, וועמען מען האָט אַזוי געמיין באַצוואָלט, ווערט נאָך אַלץ אַרויסגעשטעלט אַלס עוולה־טוער. און דאָס פיינלעכסטע איז, וואָס אויך אומצאָליקע יידן טוען דאָס.

„שיילאָק" דאַרף ווערן פאַר אונז אַן ערן־טיטל! ער איז דער סימבאָל פון אונזער רעכטלאָזיקייט און פון אונזער זעלבסט־עמאַנסיפּאַציע צו נקמה!

4) וויליאַם האַזליט, דערדאָזיקער דינער אַנאַליטיקער פון שעקספּירס כאַראַקטערן, שרייבט, למשל:

„דער פאַרלאַנג נאָך נקמה איז כמעט נישט אָפּצוטיילן פונם עוולה־געפיל. שיילאָקס קעגנער זענען אַזוי ווייט פון דערלויבן אין אַ וואָסער נישט איז מאָס גלייכע באַציאונגען, אַלגעמיינע גערעכטיקייט און מענטשלעכקייט צווישן זיי און דעם יידן, אַז אַפילו דאַן, ווען זיי קומען בעטן ביי אים אַ טובה און שיילאָק דערמאָנט זיי זייער באַהאַנדלונג, דראָט אים אַנטאָניאָ, זיין אַלטער פיינט, מיט איבערחזרן די זעלבע באַהאַנדלונג. אַנשטאָט צו אָנערקענען... די גערעכטיקייט פונם פאָרוואורף, וואָס דאָס וואָלט געווען זיין זינלאָז פאַר אַ בכבודיקן קאַטוילישן סוחר אין יענע צייטן; אָבער נאָכדעם איז דער אַפּיל צום יידס רחמנות, — ריכטיק ווי עס וואָלט געווען זיין אַ געמיינזאַמער פּרינציפּ פון

רעכט און אומרעכט צווישן זיי, — די העסלעכסטע צביעות אָדער דער בלינדסטער פּאַראורטייל".

האזליט פּאַרמאָגט געגנוג שׂכל הישר און געגנוג מוט, כּדי צו קוקן אויף פּאָרציעס אַפּיל נאָך גנאָד נישט מיט קעלבערנער סענטימענטאַלער גערירטקייט, ווי דאָס טוען צאָלרייכע יידן, ווי בראַנדעס און אַפילו גוסטאַוו לאַנדויער.

געוויס, אירע ווערטער וועגן גנאָד זענען שיין, פּונקט ווי דאָס זענען די מוזיקאַלישע שלום־ווערטער וועגן מוזיק פון דזשעסיקאַס מאַן, דעם גנב; אָבער שיין זענען זיי נאָר אין דעם פּאַל, ווען מען נעמט זיי איזאָלירט, און נישט אין קאָנטעקסט פון זייערע מעשׂים. אין לעצטן סך־הכּל — און אַנדערש ווי אין לעצטן סך־הכּל טאָר מען זיי נישט נעמען — פאַרוואַנדלען זיי זיך אין עפּעס קעגנזעצלעכס.

היטלער האָט אויך גערעדט שיינע ווערטער וועגן גערעכטי־קייט און שלום; סטאַלין רעדט אויך שיינע ווערטער וועגן סאָ־ציאַלער גערעכטיקייט און פרייהייט פון פעלקער, — אָבער עס איז נישט וויכטיק וואָס מען רעדט, נאָר וואָס מען טוט; עס איז נישט אַזוי וויכטיק וואָס מען רעדט, נאָר ווער עס רעדט. רייד זענען פּונקט ווי אַן אונטערשריפט אויף אַ וועקסל: עס איז נישט וויכטיק די אונטערשריפט, נאָר ווער עס שטייט הינטער דער אונטערשריפט.

5) דער תּלמוד אינטערפּרעטירט „אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָן פאַר אַ צאָן" אין דעם זין, אַז דער, ווער עס האָט אויס אַן אויג אָדער אַ צאָן, דאַרף פּאַרן אויג און צאָן צאָלן אַ געלט־שטראָף.

געוויס, דאָס איז פּלפּול, אָבער אַ פּלפּול, וואָס ווערט באַ־נוצט מיט אַ הומאַניטאַרן ציל, כּדי צו פאַרמענטשלעכן אַן אַלטע געזעצגעבונג.

ווי אַזוי־זשע קאָן מען דאָ רעדן וועגן בלינדן נאָכפאָלגן דעם אות פון געזעץ?

ביי דערדאָזיקער געלעגנהייט וועט נישט זיין איבעריק אָנ־צוווייזן אויך אויף דער מימרא פון תּלמוד, אַז אַ סנהדרין, וואָס טראָגט אַרויס אַפילו בלויז איין מאָל אין זיבעציק יאָר אַ טויט־אורטייל, איז אַ מערדערישער.

טאָ וואָסערע גזועצגעבונגען דאַרף מען רעפאָרמירן, פאַר־מענטשלעכן, איר טויטע און לעבעדיקע בראַנדעסעס?

6) דזשאָן מידלטאָן מאָררי באַמערקט זייער טרעפלעך, אַז „דער מעטאָד פון שעקספּירס דראַמע באַשטייט, דער עיקר, אין הומאַניזירן די מעלאָדראַמע".

ריכטיק: לויט דער אויסערלעכער פאָרם זענען די ט‎ְרהייט (אויב נישט אַלע) פון שעקספּירס דראַמעס גאָלע מעלאָדראַמעס, דורך וועלכע עס גייט דורך ערטערווייז דער עלעקטרישער שטראָם פון העכסטן הומאַניזם, פון העכסטער קינסטלערישער טיפקייט און שיינקייט.

אַזאַ איז אויך די פּיעסע „דער ווענעציאַנער סוחר".

און אין שייכות דערמיט איז אינטערעסאַנט צו ברענגען נאָך איין ציטאַט וועגן „ווענעציאַנער סוחר" פונם בוך וועגן שעקספּירן פון דאָזיקן טאַלאַנטירטן שרייבער און שעקספּיר־אָלאָג:

„...ער האָט געלאָזט די פּאָפּולערע סובסטאַנץ ווי זי שטייט און גייט. דאָס וואָס ער האָט נישט געטאָן, נישט געקאָנט, און — אויף וויפל מיר קאָנען איינזען אָדער זיך משער זיין — נישט געוואָלט טאָן, איז פּרוּוון צו מאַכן פון דעם אַ אינטעלעקטועל־געשלאָסענע איינהייט".

ערשטנס, וועל איך צוגעבן, צוליב דער געוויסער רויקייט פון זיין טאַלאַנט; צווייטנס — צוליב דער געוווינהייט, און דריטנס — זוך דעם יידן...

7) דזשאָן מידלטאָן מאָררי זאָגט בנוגע שיילאָקס כאַ־ראַקטער:

„שיילאָקס „פרייער" כאַראַקטער איז געשאַפן פון סענטי־מענטן און געדאַנקען, וואָס זענען, — ביי אַ קילן אַנאַליז, — אומפּאַראייַנבאַר מיר די מעשים, וואָס פאָדערן זיך פון ־אים. דער „בלוטדאָרשטיקער פּראָצענטניק" איז דער וואָרטפירער פון אַן אונטערדריקט פאָלק, און דער ליידנשאַפטלעכער קריטיקער פון דער מיטצייטלערישער קריסטלעכער מאָראַל; און דאָך איז ער, —ווייל ער מוז דאָס זיין, — גלייכצייטיק דער „בלוטדאָרשטיקער פּראָצענטניק".

8) אין דאָזיקן פּרט איז אינטערעסאַנט דער פאַקט פון

דער טאָפּלטער אינסצעניזירונג פונם „ווענעציאַנער סוחר", — אַ פאַקט, וואָס ווערט אויך געבראַכט אין דער דורך מיר פיל מאָל ציטירטער אַרבעט פון דזשאָן מידלטאָן מאַררי — „שעקספּיר".

עס איז געווען אַ צייט, זאָגט מאַררי, — און נעמלעך, אין אָנהויב 18טן יאָרהונדערט, — ווען „שיילאָק איז געשפּילט געוואָרן אַלס דורכאויס קאָמישער טיפּ". ערשט שפּעטער, אין אָנהויב 19טן יאָרהונדערט „איז עפּעס ענלעכס אויף שעקספּירס טעקסט צוריקגעקומען אויף דער סצענע".

„אין דער מאָס, אין וועלכער שיילאָק האָט אויפגעהערט צו זיין אַ פּאָפּולערער שרעק־פויגל, — האָט געשריבן האַזליט, — „ווערט ער אַ האַלב־ליבלינג ביי דעם פילאָזאָפישן טייל פונם פּובליקום, וואָס איז גענייגט צו גלויבן, אַז יידישע נקמה איז, לכל הפחות, פּונקט אַזוי גוט, ווי קריסטלעכע באַליידיקונגען".

„דאָס איז — שרייבט ווייטער מאַררי, נאָכן ברענגען דעם אויבנגעבראַכטן ציטאַט פון האַזליטן, — אַן איינציקאַרטיקע און באַדייטפולע טעאַטער־געשעעניש, ווייל די דאָזיקע ביידע פּאָ־פּולערע (נישט ביידע זענען אַזוי פּאָפּולער. — י.ר.) שיילאָקס זענען שעקספּירס, אָדער בעסער געזאָגט — ביידע קאָן מען גע־פינען ביי שעקספּירן. היות די באַציאונג צום יידן איז געוואָרן ציוויליזירטער (אַז אָך און וויי! — י. ר.) אין אָנהויב פון 19טן יאָרהונדערט, האָט מען אַנטדעקט, אַז די נייע באַציאונג געפינט זיך אויך נביאיש ביי שעקספּירן".

דאָס איז נישט דאָס זעלבע, וואָס עס איז געשען מיט דאָן קישאָטן: אַ לעכערלעכער טיפּ ווערט פּלוצלינג פאַרוואַנדלט — אונטער אַ בליק, וואָס דרינגט אריין אין דער טיף — אין אַ טראַגישן טיפּ. דאָן קישאָט איז אַ סימבאָלישע געשטאַלט, און יעדער איינער זעט אין אים דאָס, וואָס ער איז פעיק צו זען אָדער צוליב זיין ווייטזיכטיקייט אָדער צוליב זיין קורצזיכטיקייט. שיילאָק אָבער איז נישט קיין סימבאָלישע געשטאַלט (הגם ער קאָן זיין אַ סימבאָל), נאָר אַ מענטש מיט צוויי נשמות: איינע האָט אין אים ארייגעלייגט די אַלטע נאָוועלע אָדער די פאָר־שעקספּירישע דראַמע, און די צווייטע האָט אין אים אריינגע־לייגט שעקספּירס זשעני.

9) ד״ר דאָווער ווילסאָן זאָגט ארויס, אין זיין ווערק וועגן שעקספּירן, פאָלגנדע היפּאָטעזע: „...צוויי פארשידענע דראמאַטורגן האָבן געארבעט ביים אויפבויען די דראמע״.

אָבער צו וואָס דארף מען אָנקומען צו אַזעלכע היפּאָטעזעס, ווען אַלץ דערקלערט זיך זייער באַפרידיקנדיק מיט דעם, וואָס מיר האָבן פאַר זיך אַ געפלעכט פון דער אַלטער נאָוועלע מיט שעקספּירס דראַמע.

ווילסאָנס היפּאָטעזע איז נאָר אינטערעסאַנט מיט דעם, וואָס זי ווייזט ווי שטאַרק ער האָט געשפּירט די סתירות, וואָס מוזן זיך וואַרפן אין די אויגן יעדן אויפמערקזאַמען לייענער. ער האָט זיי אַזוי שטאַרק געשפּירט, אַז ער איז אַזש אָנגעקומען צו אַן אומנויטיקער בויך־סברא.

אַ סך נענטער צום אמת איז ווידער מאָררי. איך געפין ביי אים אַן אינטערעסאַנטע באַמערקונג, וואָס איז נאָנט צו מיין דערקלערונג.

„די מאָס פון שעקספּירס פרייהייט, — שרייבט ער אין זיין שעקספּיר־בוך, — צוצופּאַסן זיין דראַמאַטישע אַקציע צו זיין וויזיע־באַדערפעניש האָט געמוזט זיין שטאַרק פארשידן, אין הסכם מיט דער באַשטימטקייט פון דעם פּובליקומס דערוואַרטונג (ווייל אַנדערע נאָוועלן און כראָניקעס, וואָס האָבן שעקספּירן געדינט אַלס מאַטעריאַל פאַר זיינע דראַמעס, זענען געווען מער באַקאַנט דעם צושויער, און אַנדערע — ווייניקער. —י.ר.). דער „סוחר פון ווענעציע״ און „האַמלעט״ זענען די צוויי, וועגן וועלכע מיר קאָנען זאָגן מיט זיכערקייט, אַז זיין פרייהייט צו ענדערן די אַקציע איז געווען ביז גאָר באַגרענעצט; און אַז אָט־די זענען אויך די דראַמעס, אין וועלכע די נאַטור פונם הויפּט־כאַראַקטער רופט ארויס די מערסטע חלוקי־דעות״.

שעקספּיר איז, אין פאַל מיט שיילאָקן, געווען געבונדן נישט נאָר דורך דער גרויסער פּאָפּולערקייט פונם מאַטעריאַל, מיט וועלכן ער האָט זיך באַנוצט, נאָר אויך מיט זיין „דעליקאַטקייט״: ווי אַזוי קאָן מען ארויסנעמען פון אַ יידנס האַנט אַ מעסער, וועלכן די נאָוועלע האָט אים ארייננעלייגט אין דער האַנט און מיט וועלכן ער וויל אויסשניידן ביי אַ קריסט אַ פונט פליישׁ? ווי אַזוי קאָן מען נישט ארייגלייגן אין שיילאָקס מויל די

געוואַלדן וועגן די דוקאַטן, ווען זיין האַרץ ווערט צעריסן פֿאַר דער צוגערויבטער טאָכטער, וועלכע האָט אים פֿאַרראַטן?

אין פֿאַל מיט שיילאָקן איז שעקספּירס דראַמאַטישע פֿריי־הייט געווען צום מערסטן באַגרענעצט, ווייל דער שיילאָק־שטאָף פֿונם „סוחר פֿון ווענעציע" איז געווען באַקאַנט נישט נאָר דעם זכרון פֿונם המון, נאָר אויך דער פּסיכיק פֿונם טעאַטער־גייער, וועלכער האָט גאָרנישט געקאָנט פֿאַרטראָגן אַן אַנדער שטאָף אין „יידישן" געביט.

אַן עפּילאָג צו שעקספּירס שיילאָק־געשיכטע

(„די לעצטע טעג פֿון שיילאָקן")

אין אַ דראַמע שווימט דער העלד אַרויף אויבנאויף אויף די צעשטורעמטע כוואַליעס פֿון דראַמאַטישן קאָנפֿליקט און אין די זעלבע כוואַליעס ווערט ער דערטרונקען. אין אַ עפּיש ווערק זעען מיר דעם העלד פֿאַר דעם שטורעם און נאָך אים. די צעבושעוועטע כוואַליעס פֿון דראַמאַטישן צוזאַמענשטויס אינם „סוחר פֿון ווענעציע" הויבן אויף פֿאַר אונז שיילאָקן אויף אַ גרויסער הויך, און ווען דער שטורעם גייט אַריבער, זעען מיר נישט שיילאָקס אומקום, אָבער עס בלייבט ביי אונז דאָס געפֿיל, אַז שיילאָק איז באַוואָלהט געוואָרן נישט נאָר דורך דעם שטורעם, נאָר אויך דורך דעם דיכטער: ער איז נישט אומגעקומען מיט אַ טראַגישן טויט, נאָר ער איז אַרויסגעוואָרפֿן געוואָרן אויפֿן זאַמדיקן ברעג פֿון לעבן, ווי אַ פֿיש, און ער ליגט דאָרט אַ הילפֿלאָזער, אַ נעבעכדיקער...

מיט זיין געזונטן, פֿאַרשאַרפֿטן יידישן חוש האָט לואיסאָן דערהשפּירט, אַז שיילאָק האָט נישט פֿאַרדינט די אומגערעכטי־קייט אַרויסגעוואָרפֿן צו ווערן אויפֿן ברעג, נאָכן שטורעם, ווי אַ שטומער פֿיש, וואָס מען נעמט ביי אים אָפּ זיין לעבנס־עלעמענט. לואיסאָן האָט ריכטיק דערפֿילט, אַז שיילאָק איז נישט קיין צופֿעל־ליקער קרבן פֿון אַ צופֿעליקן קאָנפֿליקט, נאָר אַ רינג אין אַ מאַרטיראָלאָגיע פֿון לאַנגע יאָרהונדערטער. און ער האָט אויפֿ־געהויבן שיילאָקן פֿון זאַמדיקן ברעג פֿון שפּורלאָזן פֿאַרשווינדן און האָט אים אומגעקערט צום לעבן. און לואיסאָן האָט דאָס

געטאָן נישט נאָר מיט גרויס מייסטערשאַפט פון וואָרט, נאָר אויך מיט גרויס מייסטערשאַפט אין דער קאָנסטרוקציע. ער הויבט אָן פון זעלבן פונקט, אין וועלכן שעקספיר האָט איבער־געריסן זיין עכטע שיילאָק־ליניע: פון יענעם מאָמענט, ווען שיילאָק פאַרלאָזט דעם געריכט־זאַל. מיר זעען, ווי שיילאָק קומט אַרויס פון געריכט־בנין אַ דערשיטערטער פון דער מפּלה; מיר זעען, ווי ער קערט זיך אום צוריק אין געטאָ, ווו זיינע פריינט, וועלכע האָבן אים פאַראויסגעזאָגט זיין מפּלה (און וועמען ער האָט נישט געהערט) וואַרטן אויף אים מיט אומרו און רעדן וועגן אים, באַקענענדיק אונז, אַזוי אַרום, אין קנאַפּע ווערטער, מיטן לייט־מאָטיוו פון שיילאָקס נשמה. „ער, — רעדן וועגן שיי־לאָקן זיינע פריינט, — האָט תמיד אומגעהויער געפּייניקט זיין נשמה, ער האָט קיינמאָל נישט געקאָנט שלום מאַכן מיט אומ־גערעכטיקייט...״

אַ דאַנק די דאָזיקע ווערטער פאַרשווינדט, ווי אַ געשפּענסט פאַרטאָג, דער צעצווייטער שיילאָק, און עס שטייט אויף צום לעבן יענער שיילאָק, וועלכער האָט געשוועבט פאַר שעקספּירס שעפערישן בליק, און וועלכער פלעגט כסדר פאַרלוירן גיין אינם נעפּל פון יענער צייטס פאָראורטיילן. מיר האָבן שוין נישט פאַר זיך אַ געמיינעם פּראָצענטניק, וועלכער הויבט צייטנווייז אָן צו רעדן מיט דער שפּראַך פון אַ נאַציאָנאַלן העלד, — ניין, מיר האָבן פאַר זיך אַ מענטש — אַ פּערזענלעכקייט, וועלכער פירט מיט אַנטאָניאָן נישט קיין פּערזענלעכן פּראָצעס, נאָר דעם פּראָצעס פון זיין פאָלק, און דער צוזאַמענשטויס אין געריכט איז בלויז איין עטאַפּ אין דאָזיקן דורותדיקן פּראָצעס פון פאָלק, און אין שיילאָקס לעבנסלענגלעכן פּראָצעס.

שיילאָק איז דערדריקט דורך זיין מפּלה, אָבער אין דער דאָזיקער פּערזענלעכער מפּלה, ווייזט זיך אַרויס, איז נישטאָ כמעט קיין שום ריין־פּערזענלעכעס, ווייל שיילאָק האָט זיך אַזוי דורכגענומען מיטן פאָלקס אומגליק, און ער האָט אויף אַזוי ווייט פאַרבונדן זיין גורל מיטן גורל פון זיין פאָלק, אַז עס איז נישט מעגלעך אָפּצוטיילן דאָס פּערזענלעכע פונם נאַציאָנאַלן.

„די פאַרביטערטקייט, וואָס האָט פאַרגאָסן זיין נשמה, האָט זיך גענומען פון דעם, וואָס זיי (ד.ה. דאָס געריכט—י.ר.) האָבן

אים באַרויבט פון זיין טריאומף, וואָס זיי האָבן צוגערויבט ביי אים יענע שעה, יענע רגע, ווען ער האָט זיך געקאָנט פילן איבער די טויזנט־יאָריקע ליידן פון זיין שטאַם, איבער די אומצאָליקע דערנידעריקונגען פון זיין הייליקן פאָלק".

שיילאָק האָט זיך געגרייט צו אַ סימבאָלישן אַקט פון נאַציאָנאַלער נקמה און ער לעבט איבער זיין מפּלה אַלס נייע מפּלה פון זיין פאָלק.

פון דאָזיקן שווערן וואָלקן פון טויזנט־יאָריקע ליידן, קאָנצענטרירטע אין שיילאָקס מאַרטירעריש־שפּירבאַרער נשמה אין משך פון אַ גאַנץ לעבן אינם רעכטלאָזן געטאָ, — פון דאָזיקן שווערן שטורעם־וואָלקן שלאָגט אַרויס דער כמעט לײדנשאַפטלעכער בליץ פון שיילאָקס נקמה־דאָרשט. דער דאָזיקער קאָנצענטרירטער האַס מאַכט די דאָזיקע נשמה — אין פּאַראָקסיזם פון צאָרן און אין לײדנשאַפטלעכן פאַרלאַנג כאָטש איינמאָל צו געניסן די זיסקייט פון הייליקער נקמה — נישט צוטריטלעך פאַר די קליינלעכע דערמאָנונגען וועגן גנאָד. פאַרקערט, זיי צעררייצן דורך זייער עגאָאיסטישער איינזייטיקייט שיילאָקס דאָרשט נאָך אמתער גערעכטיקייט.

„דער הערצאָג, — דערמאָנט זיך מיט אַן עקל־ציטער לואיסאָנס שיילאָק, — דער הערצאָג, וועלכער פלעגט באַקרעפּטיקן יעדע באַגרעניצונג פאַר יידן און פלעגט פאַרטיפן יעדע שאַנדע פאַר יידן..., דער דאָזיקער הערצאָג האָט געהאַט די חוצפּה צו פאָדערן ביי אים מענטשלעכע מילדקייט און ליבע; אַנטאָניאָ, דער העצער צום אויטאָדאַפע פון די הייליקע ספרים, האָט געזידלט די אכזריות פון זיין יידיש האַרץ"...

שיילאָקס דאָזיקע אַלע אינערלעכע איבערלעבונגען, — וואָס שילדערן פאַר אונז אַ קאָמפּליצירטן כאַראַקטער און טעמפּעראַמענט, — דערוויסן מיר זיך, ווי שוין אויבן באַמערקט, אויף אַ געשיקטן אופן.

שיילאָק קומט אַרויס פון געריכט־בנין און קערט זיך אום אהיים. געבליבן אליין, אויג אויף אויג מיט אַ שלאָפלאָזער נאַכט, לעבט שיילאָק איבער אי זיין לעצטע מפּלה, אי זיין גאַנץ לעבן, וואָס איז פול מיט ענלעכע מפּלות און דערנידערנדיקע דערפּאַרונגען. לואיסאָן שילדערט פאַר אונז, אין שיילאָקס דעראינע־

רונג, דעם גאַנצן פּסיכאָלאָגישן וועג פון שיילאָקס לעבן, וואָס האָט אים געפירט, אין לעצטן סך־הכל, מיט אַ גלייכער ליניע אין געריכט אריין, צום צוזאַמענשטויס מיט אַנטאָניאָ. מיר זעען דעם וואָרצל פון שיילאָקס צאָרן, פאַראַכטונג און האַס, און מיר זעען ווי אַזוי דער דאָזיקער וואָרצל וואַקסט און ברענגט פרוכט. לואיסאָן פירט צוריק שיילאָקן צו דער ווייטער קינדהייט, צום ליידנס־וועג פון די דערנידעריקונגען, נישט כדי צו פאַרענדיקן מיט טרוימען פון אַ באַזיגטן וועגן דער צוגרייטונגס־סטאַדיע פון פאַרשפּילטן קאָנפליקט; לואיסאָן פירט אַוועק שיילאָקן צו די פאַרגאַנגענע געשעענישן דערפאַר, כדי צו האָבן גענוג מאָטיווירטן פּסיכאָלאָגישן שטח פאַר שיילאָקס טעטיקן שפּרונג אין דער צוקונפט אריין.

*   *   *

שיילאָק איז אַ טרוימער, ווי יעדער דאָן קישאָט פון גערעכטיקייט („ער טרוימט וועגן משיחן, וועלכער זאָל אונז באַצאָלן פאַר אונזערע עוולות”, זאָגן וועגן שיילאָקן זיינע פריינט), ער איז אָבער אויך אַ טעטיקע נאַטור, ווי מיר זעען פון זיין קאָנפליקט מיט אַנטאָניאָ. די דאָזיקע צוויי קעגנזאַצן, וואָס דערגאַנצן זיך אַנאַנדער, פלעכטן זיך צוזאַמען אין שיילאָקן. און ווען זיין האָפנונג אויף אַ טעטיקער נקמה אין געריכט ווערט צערונען, פירט ער אונטער אין דער שלאָפלאָזער נאַכט אַ סך־הכל פון זיין גאַנץ לעבן, און שיילאָק מאַכט די ווייטסטע אויספירן פון זיין סך־הכל. זעענדיק די האָפנונגסלאָזיקייט פון זיין קינדערישן טרוים זיך נוקם צו זיין אין שטאַרקן שונא, אין יענעמס אייגענעם לאַגער, זעענדיק די האָפנונגסלאָזיקייט פון זיין טרוים וועגן משיחן*), גיט ער זיך אַ ריס אין דער ריכטונג פון נאַציאָנאַלער זעלבסט־טעטיקייט. דער פּראָצעס און די מפּלה זענען געווען דער לעצטער טראָפּן אין זיין בעכער פון פּאַסיווער

---

*) לואיסאָן באַשרייבט, דורך דער פּריזמע פון שיילאָקס דעראינערונגען אין דער שרעקלעכער נאַכט נאָכן געריכט, ווי אַזוי דער יונגער שיילאָק, אין זיין אייביק־פיבערנדיקן וואַרטן אויף משיחן, האָט נאָכגעפאָלגט יעדן טריט פון דוד ראובני און שלמה מולכו, ווי אַזוי ער האָט געגלויבט און געשפּעקט, און ווי

פאַרביטערטקייט און ער גיסט זיך איבער מיט טעטיקייט.

שײלאָק נעמט כלומרשט אָן דעם קריסטלעכן גלויבן, אָבער ער אַנטלויפט גלייך קיין טערקיי צום יידישן מלוכה־מאַן יוסף נשיא, כדי נישט נאָר צו האָבן די מעגלעכקייט צוריקצו־קערן צום יידנטום, נאָר אויך כדי צו אַרבעטן פאַר דער אויפ־לעבונג פון זיין פאָלק, אַרויסצורייסן מיטן וואָרצל דאָס שלעכטס, מיט וועלכן עס איז אַזוי איבערגעזעטיקט זיין איינדרוקספולע נשמה.

ווען שײלאָק שמועסט מיט יוסף נשיא, מיטן דאָזיקן רייכן און איינפלוסרייכן שׂרה, און יענער איז מודה פאַר אים זיין שרעק פאַר דער צוקונפט, פאַרן מאָרגנדיקן טאָג, אין וועלכן אויך ער איז נישט זיכער, זאָגט ער נישט שײלאָקן קיין שום נייעס. ווי גוט עס זענען אים באַקאַנט די ווערטער פון יוסף נשיא: „אָבער איך ציטער, איך, יוסף נשיא...., מיר זענען תמיד ווי דאָס גראָז, וואָס וואַקסט אָפּ און מ׳קאָשעט עס ווידער אָפּ...״; אין די דאָזיקע ווערטער ליגט דאָך פאַר שײלאָקן די דערפאַרונג פון זיין גאַנץ לעבן. און דעריבער „טרוימט ער אויף דער וואָר וועגן אַ גרויסן, פרייען יידישן פאָלק, וואָס וועט זיך באַוואָפענען מיט קראַפט און מוט און — אויב מען וועט דאַרפן — אפילו מיט אַ שווערד, ווי די קריסטלעכע און מוסולמענישע פעלקער, און עס וועט פאַרטיידיקן זיינע רעכט און וועט נקמה נעמען פון זיינע שונאים.״

* * *

יוסף נשיא איז נישט זיכער אין מאָרגנדיקן טאָג, אָבער היינט איז ער נאָך דעם סולטאַנס ליבלינג, און ער באַקומט אַלס מתנה עטלעכע ארץ־ישׂראלדיקע דערפער מיט דער אומ־געגנט, מיטן רעכט צו קאָלאָניזירן דאָרט יידן.

שײלאָק, אויסערסט מיד פון „גלות״, נעמט איבער די

אַזוי זיין ליידנשאַפטלעכער פאַרלאַנג צו גלויבן אין דעם לאַנג־דערוואַרטעטן נס איז צערונען צוזאַמען מיטן רויך פונס שיי־טערהויפן, אויף וועלכן עס איז פאַרברענט געוואָרן שלמה מולכו, דער דאָזיקער ווונדערלעכער מענטש, וועלכער געהערט צו די ריינסטע און שענסטע דערשיינונגען אין אונזער גלות־געשיכטע.

אַרבעט אויף צו שאַפן אַן אָנשפּאַר־פּונקט פאַרן יידישן פאָלק, עס זאָל אויפהערן צו זיין ווי גראָז, וואָס וואַקסט פאַר יעדער קאָסע.

אַ שאָד, וואָס לואיסאָן איז דאָ נישט געבליבן שטיין. אויב ביי שעקספּירן איז שלעכט דאָס, וואָס שיילאָק פאַרשווינדט פון דער סצענע נאָכן קליינמוטיקן בויגן די ציטערנדיקע קני פאַר דער מפּלה, איז ביי לואיסאָנען שלעכט דאָס, וואָס שיילאָק גייט נישט אַראָפּ פון דער סצענע גלייך נאָכדעם, ווי ער טרעט אַרויף אויפן וועג פון טאַט, פון זעלבסטרעטונג, פון אויסמיידן להבא ענלעכע מפּלות, ווי אין ווענעציאַנער געריכט. דאָ וואָלט זיך די ליניע געוועןן באַדאַרפט פאַרענדיקן, ווייל זי האָט באַקומען אַ געוויסע פאָרם־געבנדיקע פאַרקיילעכדיקייט. אָבער לואיסאָן האָט געצויגן די ליניע ווייטער, און זי האָט איבערגעוואַקסן אירע אינערלעכע מעגלעכקייטן און איז געוואָרן פאַרמלאָז.

עטלעכע מאָמענטן פון דאָזיקן לעצטן טייל פון בוך זענען זייער אינטערעסאַנט און זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר לואיסאָנען — אַלס פּערזענלעכקייט און שרייבער, — אָבער אויף צו געבן אַ פאָרם שעקספּירס נישט־פאַרענדיקטן שיילאָק־טאָרסאָ זענען זיי נישט נאָר נישט עיקרדיק, נאָר ממש שעדלעך.

ביי דער אַרבעט פאַר נאַציאָנאַלער קאָלאָניזאַציע שטויסט זיך שיילאָק אָן אויף צוויי שטערונגען: אויף דער אויסערלעכער פיינטלעכקייט און אויף דער אינערלעכער שוואַכקייט. ווען די בעדואינער באַפאַלן די יידן און טויטן אייניקע, פאָדערט שיילאָק די עקזעקוציע פון צוויי פאַרברעכער. און שיילאָק באַמערקט, אַז פּונקט ווי אַמאָל אין דער קינדהייט, ביים אָנבליק פון בלוטיקן פלייש ביים קצב, ציטערט ער אויף אינערלעך אויך איצט.

„דאָס בלוט איז געפלאָסן און איז איינגעזאַפּט געוואָרן צווישן די שטיינער פון הויף. שיילאָק האָט שנעל אַ קוק געטאָן און פּונקט אַזוי שנעל אָפּגעווענדט זיינע אויגן. אַ האַרטער, קאַלטער קנויל איז געלעגן אין זיין קעל... ער האָט ווילד אַ שמייכל געטאָן אין דער באָרד אַריין. ווי וויניק אַנטאָניאָ האָט דאַן געדאַרפט מורא האָבן פאַר אים!... ווו האָט ער דאָס געהערט די ווערטער, אַז נישטאָ עפּעס האַרטערס פאַר אַ יידיש האַרץ? אַך יאָ, פון אַנטאָניאָן! ער האָט אַמאָל געשאַרפט אַ מעסער אויף

זיינע זוילן. דאָס איז געווען דער זשעסט פון משוגעת, דאָס איז געווען אַ מאָמענטאַלע פאַרלייכטערונג פון אַזויפיל יאָרן שאַנדע און דערנידעריקונגען. בלוט! ער האָט נישט געהאַט די דרייסט־קייט צו קוקן הינטער זיך...״

און ווען שיילאָק באַגלייט דעם סולטאַנס שיפן אין זייער קריגס־צוג קעגן דער ווענעציאַנער קאָלאָניע, כדי אָנצושיכורן זיך מיט נקמה ביים צוזען די מפּלה פון דער רעפּובליק, וואָס האָט אים געפּייניקט און דערנידעריקט, שטערט אים אויך דערין זיין שרעק פאַר בלוט. ווען עס הויבט זיך אָן די שלאַכט, „האָט שיילאָק פאַרפלאָכטן די הענט, אַ פרעמדער אין אַ פרעמד אָרט, און אַ גרויסע שרעק איז אַריינגעדרונגען אין זיין האַרצן פאַר די ווונדן און ליידן פון מענטשלעכע באַשעפענישן.. און אים איז געוואָרן אַלץ איינס אין דער דאָזיקער שרעקלעכער שעה, ווער עס האָט גענומען אַ שטאָט אָדער ווער עס איז אַ ים אַלם זיגער״...

דערזען, ביים אָנבליק פון בלוט, זיין שוואַכקייט, אָפּקילנדיק זיין ברען, פאָרט שיילאָק אַוועק פון ארץ־ישראל און ער ווידמעט זיינע אַלע כוחות דער וווילטעטיקייט; ער קויפט אויס יידישע קנעכט און גיט אַ מקום מקלט יידישע פּליטים און ער וואַרט ווידער, קליגער ווערנדיק, אויף משיחן.

ער געפינט ווידער זיין דזשעסיקאַ, וועלכע איז געוואָרן אַ היימלאָזע עגונה מיט דריי קינדער. און ווען זיינע אייניקלעך דרינגען אריין אין דער יידישער תורה, לעבט שיילאָק אויס זיינע לעצטע יאָרן פול מיט יידישן געדולד און מיט יידישער האָפנונג. דאָס דאָזיקע ליידנשאַפטלעכע האַרץ איז געוואָרן פול מיט הכנעה, דער קעמפער איז געוואָרן — אַ פּקח. ער האָט פאַרלוירן זיינע אייגענע וועגן, מיט וועלכע ער איז פריער געגאַנגען, זוכנדיק משיחן, נאָכפאָלגנדיק ראובנין און מולכון, — וועגן, אויף וועלכע ער האָט געזוכט גלייכהייט מיט די פיינט — דאָס רעכט אויף נקמה און אַ שווערד.

* * *

אין דאָזיקן סוף פאַרלירן מיר ווידער דעם עכטן שיילאָק, דאָ קומט צום וואָרט לואיסאָנס אידעאָלאָגיע, ווייל לואיסאָן האָט

זיך אומגעקערט צום יידישן לעבן ווי אויך צו דער פּאַסיווער חכמה פון דער טראַדיציאָנעלער יידישער מענטאַליטעט...

אין דאָזיקן סוף קלינגט אָפּ לואיסאָנס שטים: פאַרוואָרפט א צוים אויף אייער אומגעדולדיקייט, טרויט זיך אָן דעם גורל פון פאָלק, זיין טויזנט־יאָריקער קלוגער דערפאַרונג.

איך חזר איבער: ווי דאָס זאָל נישט זיין אינטערעסאַנט אויף צו דערקענען לואיסאָנען און בכלל פאַר א געווויסן צוגאַנג צום יידישן גורל און צו יידישע פּראָבלעמען מצד א געוויסן טייל אפילו פון דער יידישלעכער אינטעליגענץ, — פאַר דער דער־גאַנצונג פון דער איבערגעריסענער ליניע פון שעקספּירס שיילאָק איז דאָס נישט נאָר נישט נויטיק, נאָר אפילו איבעריק.

אָבער דאָך האָט שעקספּירס שיילאָק באַקומען אין לואי־סאָנען אַן אינטערעסאַנטן און טאַלאַנטירטן רעסטאַווּרירער. ער האָט אים אויף אַזוי ווייט אָפּגערייניקט פונם פּסולת, אַז דאָס טיילווייזע פאַרטונקלען אים ביים סוף בוך, קאָן שוין נישט שאָדענען דער געשטאַלט גופא. דער דאָזיקער סוף לייגט זיך אויף שיילאָקס געשטאַלט, ווי א לייכטער שאָטן, וואָס פאַר־שטעלט אָבער נישט די פיגור אַלס גאַנצעס.

„שיילאָקס לעצטע טעג" פון לודוויק לואיסאָן איז דער בעסטער עפּילאָג צו שעקספּירס שיילאָק־טראַגעדיע.

II

פון אונזער חורבן-ליטעראטור

אונזער חורבן־ליטעראַטור

עס איז דאָ אין דער ליטעראַטור — פון אַלע צייטן און פון אַלע פעלקער — אַ דערשיינונג, וואָס יעדער אויפמערקזאַמער לייענער פון ליטעראַטור באַמערקט עס. איך האָב אַמאָל די דאָזיקע דערשיינונג באַצייכנט אַלס „קאָמפּלעקסן" אין דער ליטעראַטור.

וואָס איז אַזוינס אַ קאָמפּלעקס? אַ צושטאַנד, ווען אַ מענטש — און במילא אויך אַ ליטעראַטור — קאָן טראַכטן — אָדער שרייבן — נאָר וועגן אַ באַשטימטער זאַך, ווען אַ מענטש אָדער אַ ליטעראַטור ווערט, אַזוי צו זאָגן, געפאַנגען פון אַ געוויסער אידעע אָדער טעמע אָדער שטאָף און זיי קערן זיך כסדר אום דערצו.

אַזאַ דערשיינונג קאָן זיין קרענקלעך, אומנאָרמאַל, אויב די דאָזיקע פאַרקראַמפּטקייט ארום איין איינציקער טעמע (ד. ה. אויב דער דאָזיקער קאָמפּלעקס) איז נישט באַרעכטיקט דורך אַ גענוגנדיקער סיבה; אָבער די דאָזיקע דערשיינונג קאָן אויך זיין נאָרמאַל, — דאָס איז דער פאַל דאַן, ווען אָט די פאַרענגונג פון דעם באַוווסטזיין איז גענוגנדיק באַרעכטיקט, אפילו צוועקמעסיק.

ווען אַ מענטש, וואָס האָט קיין אָנונג נישט אין כעמיע, גייט ארום גאַנצע טעג און טראַכט וועגן אַ כעמישער אַנטדעקונג, אָדער דערפינדונג, איז דאָס אַ קרענקלעכער קאָמפּלעקס, אַ משוגעת; אָבער ווען אַ כעמיקער גייט ארום גאַנצע טעג און טראַכט וועגן אַ כעמישער אַנטדעקונג, איז דאָס נאָרמאַל. און וואָס גרעסער דער כעמיקער, אַלץ פאַרשטענדלעכער און נאָרמאַלער איז זיין קאָמפּלעקס.

מען וואָלט געוועז געקאָנט אויסרעכענען אין דער ליטעראַטור אָן אַ שיעור קאָמפּלעקסן. דער תנ"ך אונזערער, די גרעסטע

ליטעראַרישע שאַפונג פון דער מענטשהייט, איז אַ מוסטער פון ליטעראַרישע קאָמפּלעקסן. דריי קאָמפּלעקסן באַהערשן אונזער תנ״ך: דער קאָמפּלעקס פון נאָענטן חורבן פון יידישן פאָלק; דער קאָמפּלעקס פון זיין אויפבלי אינם באחרית הימים, און דער קאָמפּלעקס פון סאָציאַלן יושר.

די פּוילישע ליטעראַטור, אין דער צייט פון פּוילנס פאָלקס צעטיילונג, איז באַהערשט געווען פונם תחית־המתים־קאָמפּלעקס פון פּוילישן פאָלק; די אייראָפּעאישע ליטעראַטור איז באַהערשט געווען אין די 20ער יאָרן פון 20טן יאָרהונדערט פון אַ קאָמפּלעקס־טעמע: די ערשטע וועלט־מלחמה. אין די 30ער יאָרן פון 20טן יאָרהונדערט איז די אייראָפּעאישע ליטעראַטור באַהערשט געווען פון אַן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמפּלעקס.

און די יידישע ליטעראַטור פונם נאָכן חורבן איז באַהערשט פונם חורבן־קאָמפּלעקס.

נישט געקוקט אויף די אַלע, וועלכע האַלטן, אַז די יידישע ליטעראַטור דאַרף זיך באַפרייען פון דאָזיקן קאָמפּלעקס, איז ער, לויט מיין מיינונג, איינע פון די געזונטסטע דערשיינונגען סיי אין אונזער ליטעראַטור און סיי — במילא — אין אונזער לעבן (ווייל ליטעראַטור איז אַ פּועל־יוצא פון לעבן און זי שפּיגלט אָפּ דאָס לעבן).

דאָס וואָס די אייראָפּעאישע ליטעראַטור נאָך דעם צווייטן וועלט־קריג האָט נישט אויפגעוויזן קיין מלחמה־קאָמפּלעקס פון אַזאַ פאַרנעם ווי נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג, איז אַ טרויעריקער סימן פאַר איר און במילא פאַר אייראָפּע: דאָס באַווייזט אויף אַ מאַנגל אין וויטאַלע גייסטיקע כוחות, וואָס דאָס דערלאָזט נישט צו קיין געהעריקע רעאַקציעס אויף אַזעלכע דערשיינונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען בעתן קריג און וואָס וואָלטן געווען באַדאַרפט אויפטרייסלען דעם געוויסן פון די אייראָפּעאישע פעלקער און במילא אויך זייערע ליטעראַטורן.

דאָס איז אַ סימן פון גייסטיקער מידקייט, פון גייסטיקער אַטראָפיע, פון אָפּהענטיקייט.

דאָס, וואָס גראָד די יידישע ליטעראַטור, אַ ליטעראַטור פון דעם אממייסטן געליטענעם פאָלק, ווייזט אַרויס אַזאַ לעבעדיקע רעאַקציע אויפן חורבן, איז איינע פון די אָפּטימיסטישע דערשיי־

אויסגעריסענע בלעטער

נונגען אין אונזער האלב־פארהלשטער ליטעראטור פון די לעצ־טע צוויי יארצענדליקער. דאס איז א באוויז אויף קוואלן לעבן, וואס דער חורבן האט אויפגעחתמעט אין אונז. דאס איז איינער פון די גרויסע נסים, וואס זענען מיט אונז געשען אין לעצטן יארצענדליק, און וועלכע ווייזן, אז מיר פארמאגן נאך גייס־טיקע קראפט, אז מיר זענען גייסטיק אומגעבראכן, אז מיר זענען נאך נישט טויט אלס פאלק.

ווען אונזער ליטעראטור וואלט נישט פארמאגט קיין חורבן־קאמפלעקס, וואלט דאס באדייט, אז דאס פאלק אונזערס איז שוין טויט, אז עס שפירט נישט קיין טיפן שטאך אין אייגענעם לייב; דאס וואלט געווען דער בעסטער סימן, אז מיר זענען נאציאנאל פאראליזירט.

און פונקט אט די געזונטסטע און נארמאלסטע דערשיינונג אין אונזער ליטעראטור — און במילא אויך אין אונזער לעבן — האלטן אנדערע, צוליב פארשידענע סיבות, פאר אומנארמאל. אי געוויסע שרייבער האלטן אז עס איז גענוג, אי געוויסע לייענער.

די שרייבער גייען ארויס פון דער הנחה, אז מען נויטיקט זיך נישט אין כסדרדיקער אבלות, נאר אין אפטימיסטישער לי־טעראטור; די לייענער האלטן, אז מען דארף שאנעווען זייערע הערצער.

דעם פרעכסטן און ווולגארסטן אויסדרוק האט די דאזיקע מיינונג פונם געשעצטן לייענער־פובליקום באקומען אין א בריוו פון א שיקאגער פרוי צו ז. סעגאלאוויטש. זי האט אים געשריבן וועגן זיין פאעמע „איצטער" (וואס איז איינס פון סעגאלא־וויטשעס שטארקסטע, ווערטפולסטע און דויערהאפטיקסטע ווערק):

„איר זענט א סאדיסט. אלע יידישע שרייבער — איר זענט סאדיסטן. וואס ווילט איר האבן פון אונז? פארוואס לאזט איר אונז נישט לעבן רואיק? וויפל איז דער שיעור צו וויינען און צו קלאגן אויף די זעקס מיליאן? לאזט אונז פארגעסן! לאזט אונז הנאה האבן פון לעבן. נישקשה, די וועלט איז נאך נישט אונטערגעגאנגען. עס איז נאך דא מוזיק, טעאטער, מוווים, גוטע ביכער. גענוג מיטן טרויער!"

די דאָזיקע פּרוי איז נישט קיין אויסנאַם. נאָך אין שאַנכיי, אין 1946, ווען עס זענען דערגאַנגען אַהין די ערשטע בראָשורן וועגן געטאָ־אויפשטאַנד און מאַידאַנעק (פון מענדעלסאָנען און ווייערניקן), האָבן שוין די שאַנכייער יידן דאָס נישט געקאָנט לייענען: זיי האָבן שוין דאַן געהאַט צו שוואַכע הערצער...

און דערנאָך האָב איך געזען אַזעלכע יידן אין מעלבורן, און געהערט וועגן זיי אין ניו־יאָרק, מאָנטרעאָל, בוענאָס איירעס א. אַז. וו.

אָבער ווי גרויס עס זאָל נישט זיין די צאָל יחידים־יידן, וואָס שפּירן נישט דעם שטאָך אין לעבעדיקן פלייש, וואָס שפּירן נישט דעם אָפּגעשניטענעם אבר מן החי, — דער שטראָם חורבן־ליטעראַטור איז אַ לעבעדיקער באַוויז פאַר מיר, אַז נישט זיי רעפּרעזענטירן דאָס פאָלק, וואָס שפּירט יאָ דעם אָפּגעשניטענעם אבר.

די חורבן־ליטעראַטור און די באַציאונג אונזערע צו דער חורבן־ליטעראַטור וועלן זיין עדות צי מיר פילן דעם אויסגעשניטענעם פאָלקס־טייל, צי נישט...

און אויב איך זאָג, אַז עס איז נישטאָ קיין גענוג צו דער חורבן־ליטעראַטור, איז דאָס נישט בלויז צוליב פיעטעט צו די אומגעקומענע (דאָס אויך!), און נישט בלויז לשם אַרכיוו־געשיכטע (דאָס אויך!), און נישט בלויז צוליבן פשוטן באַגרייפן, אַז אַ מענטש וואָס האָט איבערגעלעבט געטאָ, מאַידאַנעק, אָשוויענטשים און ענלעכעס מוז אַרויסשרייען זיין „איך באַשולדיק"! (דאָס אויך!), — נאָר אויך צוליב דעם, ווייל דאָס איז פאַר אונז, פאַרן לעבן־געבליבענעם טייל פון פאָלק, וויכטיק פסיכיש. נישט נאָר מיר ווילן וויסן וואָס עס איז מיט זיי געשען; נישט נאָר מיר קאָנען נישט אַנדערש ווי נאָר אַריינטראַכטן זיך אין זייער לאַגע און דורכמאַכן מיט זיי דעם וועג קיין מאַידאַנעק כאָטש אין געדאַנק, — נאָר מיר זענען דאָס מחויב צו טאָן אַלס פאָלק. די חורבן־ליטעראַטור איז דאָס גרויסע פייער, אין וועלכן מיר מוזן רייניקן אונזער פאָלקס־פּסלת און שמידן אין אים אונזער כאַראַקטער.

מיר ווילן טאַקע נישט און מיר קאָנען טאַקע נישט פאַרגעסן, — אָבער מיר טאָרן דאָס אויך נישט!

מיר האָבן אָפּט פֿאַרגעסן אַזעלכע זאַכן; מיר, דאָס פֿאָלק פֿון „געדענקער", זענען אויך געוואָרן אַ פֿאָלק פֿון „פֿאַרגעסער":

אין סוצקעווערס פּאָעמע „געהיימשטאָט", זאָגט דער בלינדער:

„מיין לעבן — איז לעבן אַן אייביק געיאָכטער
ביז וואַנען די פֿינצטערניש וועט אַ צעפּלאַמטע
פֿאַרשלינגען מיין שפּיציק געביין, ווי אַ מעסער.
נאָר אייך וועט זי אויסשפּייען, אייך די פֿאַרגעסער".

אָט די שרעקלעכע ווערטער צו די „פֿאַרגעסער" איז נישט קיין קללה אין געוויינלעכן זין פֿון וואָרט: דער בלינדער שילט נישט די פֿאַרגעסער, אַז דערפֿאַר וואָס זיי פֿאַרגעסן דאָס, וואָס טאָר נישט פֿאַרגעסן ווערן, זאָלן זיי אויסגעשפּיגן ווערן. דער בלינדער שטעלט פֿעסט מיט דער גאַנצער אינערלעכער קלאָר־זעעוודיקייט פֿון אַ בלינדן, אַז די, וועלכע פֿאַרגעסן, זאָגן אַליין עדות אויף זיך, אַז זיי שפּירן נישט דעם שניט אין לעבעדיקן פֿלייש, אַז זיי האָבן זיך אַליין אויסגעשלאָסן פֿון יידישער גורל־געמיינזאַמקייט, אַז זיי וועלן אויסגעשפּיגן ווערן, ווי יעדער לעבעדיקער אָרגאַניזם שפּייט אויס אַ פֿרעמד־קערפּער...

דער לעבעדיקער טייל פֿון פֿאָלק וויל נישט און טאָר נישט פֿאַרגעסן. מיר דאַרפֿן שמידן אינם פֿייער פֿון דער חורבן־ליטעראַטור אונזער כאַראַקטער און דעם כאַראַקטער פֿון אונזערע קינדער, כדי פּסיכיש צו זיין גרייט צו וואָס עס זאָל נישט קומען! כדי מיר זאָלן נישט העלפֿן דער געשיכטע זיך איבערצוחזרן, ווי אַנדערע זאָלן דאָס נישט וועלן.

*   *   *

איך געדענק: אַלס קינד פֿלעג איך זיך אָפּט דערמאָנען די הייליקע ציטער־שטימונג פֿון דער יום־כּיפּורדיקער עבֿודה, פֿון די עשרה הרוגי מלכות און עס פֿלעגט אַ צי טאָן צום מחזורל, און אין אַ פֿראָסטן מיטוואָך פֿלעג איך אין אַ ווינקל פֿון אונזער שטוב שאַפֿן פֿאַר זיך אַ יום־כּיפּור, ביים לייענען אויפֿן קול וועגן די עשרה הרוגי מלכות.

איך פֿלעג נאָכאַמאָל איבערלעבן ר' עקיבאס מאַרטירער־טום און דעם חורבן בית־המקדש, און באַוואַשנדיק זיך מיט

טרערן פֿלעג איך באַנייען דעם אומצערייסבאַרן בונד מיט מיין פֿאָלק — מיט זיין פֿאַרגאַנגענער און צוקונפֿטיקער געשיכטע.

און ווי מאָדנע עס איז מיר געוואָרן אין צענדליקער יאָרן אַרום, ווען איך האָב געפֿונען אין ליעסינס זכרונות דאָס זעלבע: ער פֿלעגט נישט נאָר וויינען אויפֿן גורל פֿון די עשרה הרוגי מלכות אונטערן זיידנס טלית, יום־כּיפּור אין שול, נאָר אויך אין דער וואָכן פֿלעגט ער זיך צוכאַפּן צום מחזור און פֿאַראייניקן זיך מיט די מאַרטירער פֿון זיין פֿאָלק.

ווייזט אויס אַז דאָס איז געווען גאָר נישט אַזאַ זעלטענע דערשיינונג אין יידישע שטיבער. עס איז גאָר קיינמאָל נישט געווען געגנוג צו וויינען אויפֿן חורבן, אויף די סימבאָלן פֿון אונזער מאַרטירערטום. און דאָס האָט קאָנסערווירט אונזער גייסט. עס וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז יעדער ייד, ביים לייענען וועגן די עשרה הרוגי מלכות, פֿלעגט איבערלעבן זייערע ענויים, ווי אייגענע.

און מיר זאָלן שוין האָבן גענוג געטרויערט אויף די זעקס מיליאָן מאַרטירער? מיר זאָלן שוין האָבן גענוג חורבן־ליטעראַטור? מיר זאָלן שוין האָבן „פֿאַרדינט” מען זאָל אונז לאָזן פֿאַרגעסן?

מען וואָלט דאָ געמעגט פֿאַראַפֿראַזירן ביאַליקס באַרימטע שורה:

„פֿאַרשאָלטן זאָל זיין דער וואָס זאָגט: פֿאַרגעס!"

* * *

דער גרויסער פֿראַנצויזישער שרייבער מאַרסעל פּרוסט, אַגב אַ האַלבער ייד, איז געלעגן אין גסיסה. אָבער ווען דער טויט איז אָפּגעטראָטן פֿון אים אויף אַ קורצער צייט און ס'איז אים בעסער געוואָרן, האָט ער געבעטן מען זאָל אים ברענגען איינעם פֿון די בענדער פֿון זיין גרויסן ווערק: היות ער באַשרייבט אין אים די גסיסה פֿון זיינעם אַ העלד, און איצט, ביי דער אייגענער גסיסה, זעט ער איין אַז ער האָט די גסיסה פֿון זיין העלד נישט ריכטיק באַשריבן, וויל ער אָט די שטעלע ענדערן.

דער דאָזיקער פּרט פֿון מאַרסעל פּרוסטס לעבן פּילט יעדן איינעם אָן מיט דרך ארץ צום דאָזיקן שרייבער, וועלכער האָט

אזוי ערלעך געדינט זיין שריפטשטעלערישער אַרבעט, אַז די אייגענע גסיסה אפילו האָט אים נישט אָנגעפילט מיט אַ ביטול־באַציאונג צו זיין אַרבעט, און ער האָט זי, די גסיסה זיינע, אויסגענוצט פאַר זיין אַרבעט.

אָבער וואָס איז דער דאָזיקער פאַקט פון דער גרויסקייט פון מענטשלעכן גייסט לגבי לייב ראכמאַן (לגבי איינעם פון די לייב ראכמאַנס!), דעם מחבר פונם טאָגבוך „און אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן"?

באַהאַלטן ביי פויערים אין משך פון צוויי יאָר, פלעגט ער טאָג־טעגלעך איבערלעבן טויזנט מאָל אַ גסיסה־שטימונג, — אַ גסיסה־שטימונג, נאָך וועלכער עס פלעגט קומען אַ נס, און אַ נס, נאָך וועלכן עס פלעגט קומען אַ גסיסה־שטימונג.

אָט איז איין בילדל פון הונדערטער, וואָס גיט אַ שטיקל באַגריף וועגן זיין לאַגע.

ער שטייט — מיט זיין פרוי, שוואָגער און שוועגערין — הינטער אַ שמאָל ווענטל, אָפּגעצוימט פון פויערס צימער. זיי קאָנען בלויז שטיין, אָנגעשפאַרט אינם ווענטל.

ביים פויער זיצן געסט. מען רעדט וועגן יידן — פאַר יעדן ייד קאָן מען פאַרדינען עטלעכע פונט צוקער און נאָך אַ טייל פונם אויסגעליפערטנס זאַכן.

אַ קעצעלע, וואָס פלעגט דורך דער מאַסקירטער ווענטל־עפענונג באַקומען פון צייט צו צייט עפּעס עסן, שטעלט זיך אַוועק לעבן ווענטל און מיאַוקעט, בעט עסן.

די פויערים ווערן אויפמערקזאַם: וואָס וויל דאָס קעצעלע?

אַ פויער, אַ גאַסט, הויבט זיך אויף, לייגט אַוועק זיין האַנט אויף דעם ווענטל, — די יידן הינטער דעם ווענטל פילן די האַנט, די האַנט פון גורל.

אַ גסיסה־צושטאַנד, וואָס ווערט אָפּגעביטן דורך אַ נס: דער פויער זאָגט, אַז דאָס קעצל שפּירט מייז...

און אין אַזעלכע גסיסה־צושטאַנדן שטייט לייב ראכמאַן און שרייבט זיין טאָג־בוך וועגן גורל פון יידן בימי היטלער, אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אין אַ קריסטלעך לאַנד.

צי שרייבט ער דאָס פאַר זיך? פאַרן אייגענעם רום? פאַר דעם אייגענעם פאַרדינסט?

ער איז דאָך נישט אַזוי נאַאיוו כדי צו קאָנען גלויבן אין זיין רעטונג! ער שרייבט פאַר דער יידישער געשיכטע, פאַר די וואָס וועלן בלייבן לעבן און פאַר זייערע קינדער. ער שרייבט פאַרן געשיכטלעכסטן פאָלק אין דער וועלט, פאַרן יידישן פאָלק. ער שרייבט אַ קאַפּיטל יידישע געשיכטע, ווי אַ לעצטער (יעדער באַהאַלטענער ייד האָט מיט רעכט געקוקט אויף זיך ווי אויף אַ לעצטן), אויף וועמען עס ליגט דער חוב צו לאָזן פאַרן פאָלק און פאַר דער וועלט זיין גבית עדות. ער זאָגט עדות פאַר דער געשיכטע אין אַ פּערמאַנענטן גסיסה־צושטאַנד, — און מיר וועלן זיין בוך, וואָס איז הייליק ווי אַ ספר־תורה, אַוועקמאַכן מיט דער האַנט: גענוג!?

און זיין, לייב ראַכמאַנס, גסיסה־צושטאַנד, און זיין, לייב ראַכמאַנס, בוך, זענען דאָך סימבאָליש פאַר אַלע לייב ראַכמאַנס און זייערע ביכער, דאָס איז דאָך אַ ליטעראַטור פון מאַרטירער (צופעליק לעבן־געבליבענע) און אַ הייליקע ליטעראַטור. דאָס איז דאָך — און דאָס דאַרף דאָך זיין פאַר אונז אין דער איצטיקער עפּאָכע — דאָס גרעסטע גייסטיקע הייליקטום, דער גרעסטער גייסטיקער שטאָליץ! מענטשן־יידן האָבן נישט פאַרלאָרן זייער גייסטיקע קראַפט און זייער חוש פאַר געשיכטע, פאַר המשך (דאָס וואָס מאַכט פון דער מענטשן־חיה אַ מענטשן), זיי האָבן אין יאָרן פון גרעסטער אַנגסט (פיזישער ווי מאָראַלישער, ווי גייסטיקער) נישט אויפגעהערט צו זיין שעפעריש.

און דאָס זאָלן מיר נישט אָפּשאַצן, און נישט אויפנעמען דעם גרעסטן גייסטיקן פאַרמעגן, — וואָס איז אונז געשאָנקען געוואָרן אין גסיסה־אַנגסטן, — מיט ליבע, הכנעה און יראת־הכבוד? און מיר זאָלן אויפנעמען אַזעלכע בריוו, ווי פון דער שיקאַגער פרוי צו ז. סעגאַלאָוויטשן, געלאַסן, אָן טיפסטן געפיל פון חרפה, אָן טיפסטן צאָרן־אויסברוך?

* * *

ליטעראַטור איז נישט צוגעטראַכט געוואָרן אַלס צייט־פאַרטרייב; ליטעראַטור איז אַ נויטווענדיקייט דווקא אין די סאַמע ערנסטע מאָמענטן אין לעבן פון אַ יחיד ווי אין לעבן פון אַ כלל. ליטעראַטור איז אַ פאָרם פון ווילן צו אומשטערבלעכקייט. יעדע

איבערלעבונג וויל בלייבן, בפרט אַזעלכע איבערלעבונגען ווי בימי היטלער. וואָס גרעסער די איבערלעבונג, וואָס דערשיטערנ-דיקער, אַלץ גרעסער איר ווילן צו בלייבן, צו באַקומען אַן אויס-דרוק, אַ תיקון. און די טראַגישסטע איבערלעבונגען פון דער וועלט-געשיכטע האָבן זיך געריסן צום אויסדרוק אין די געטאָס, אין די לאַגערן, אין די קרעמאַטאָריעס. אַלע זענען דאָרט געוואָרן דיכטער און שרייבער. איינער האָט געשריבן מיט טינט אויף פּאַפּיר, אַן אַנדערער — מיט בלוט ממש אויף אַ קאַרצער-וואַנט; אַנדערע האָבן געשריבן אין געדאַנק, און ווידער אַנדערע האָבן געשריען צו די וואָס פּלעגן נאָך אויף דערווייל בלייבן לעבן: „איר זאָלט דערציילן!״

אָפּקערן זיך פון דער חורבן-ליטעראַטור, הייסט אָפּקערן זיך פון אָט דעם דראַנג נאָך השארת הנפש, צו וואָס די היט-לער-קרבנות האָבן געשטרעבט אין דעם לעצטן ווונטש זייערן.

חיים גראַדעס „נאַרעווו״

(פון דער סעריע „דער נאָכוווקס פון דער יידישער פּאָעזיע אין פוילן״)

די יונגע פּאָרשטייער פון דער יידישער ליטעראַטור אין פוילן טראָגן נישט אויף זיך, על-פּי-רוב, אַ ספּעציפיש-יידישן שטעמפּל, — זיי זענען אַלמענטשלעך (נישט לויט דער באַדיי-טונג פון זייער דיכטונג, נאָר לויט דער טעמאַטיק).

די מערהייט פּאָרשטייער פון דער יידישער ליטעראַטור פון עלטערן דור זענען געקומען פון דער סאַמע געדיכטעניש פון יידישן לעבן און האָבן געזונגען וועגן דאָזיקן לעבן.

די יונגע אָבער האָבן זייער אָפט געהאַט אַ גאַנץ שוואַכע פאַרבינדונג מיטן אַלט-יידישן לעבן. די איינדרוקן פון עטלעכע יאָר חדר און יוגנט, אין דער אַטמאָספער פון פאַנאַנדערפאַלנ-דיקן לעבנסשטייגער אין דער געמיינדע און אין דער משפחה, פלעגן זיך שנעל אויסוועפן אין דער אַטמאָספער פון די גרויסע שטעט, אין דער אַטמאָספער פון די אַלמענטשלעכע אינטערעסן און שטרעמונגען. און אפילו די, וועלכע האָבן געשריבן וועגן

דער יידישער סביבה, האָבן באַזונגען אין איר (יעדנפאַלס האָבן זיי קורצזיכטיק געזען אין איר) נאָר די יידישע אויסערלעכקייט.
די יונגע יידישע פּאָעטן אין פּוילן האָבן מער געזונגען וועגן דאָס אינטימע אָדער וועגן דאָס אַלמענטשלעכע, ווי וועגן דאָס ספּעציפיש־יידישע.
צי איז דאָס אַ דערפרייענדיקער סימן פאַר אונזער ליטע־ראַטור אָדער נישט, — די דאָזיקע פראַגע וועל איך דאָ נישט באַרירן. איך קאָנסטאַטיר בלויז דעם פאַקט: די יונגע יידישע פּאָעטן אין פּוילן האָבן אין זייער רוב נישט געפילט קיין אַלגע־מיין־יידישע פּראָבלעמען און האָבן נישט געזען די ספּעציפיש־יידישע טראַגעדיעס און פריידן פון יידישן יחיד, נאָר בלויז די אַלגעמיין־מענטשלעכע פריידן און ליידן.
פון דאָזיקן כמעט אַלגעמיינעם כלל פאַר כמעט אַלע יונגע דיכטער אין יידישן פּוילן, איז חיים גראַדע דער גרעסטער און באַדייטנדסטער אויסנאַם, נאָך יחיאל לערערן.

* * *

חיים גראַדע דערמאָנט אונז ביאַליקן: אי מיט אַ טייל פון זיין ביאָגראַפיע, אי מיטן אינהאַלט פון זיין פּאָעזיע, אי מיט געוויסע אייגנשאַפטן פון זיין טאַלאַנט.
גראַדע איז אַ זון פון דער שרעקלעכער ווילנער אָרעמקייט; זיין מאַמע — אַ קליינע, איינגעשרומפּענע אַלטיטשקע — האָט נאָך אין 1940 פאַרקויפט אין האַרבסטיקע פּוילע וועטערן נע־בעכדיקע עפּל אין אַ ווילנער אָרעמען זאַווולעק און פלעגט אַרומשלעפּן מיט די לעצטע כוחות אַ קוישל מיט עפּל איבער די פאַרמעגלעכע הייזער.
אויך ביאַליקס מאַמע איז געווען איינע פון די דאָזיקע הונגערנדיקע מאַרק־הענדלערקעס. און פּונקט ווי ביאַליק, האָט אויך גראַדע דאָס נישט געקאָנט פאַרגעסן און מוחל זיין און פון דאָזיקן קוואַל האָבן גראַדעס מיינונגען און ווערטער געשעפּט אַן אומגעהויער גרויסן פּראָצענט פון זייער קאָכיקייט.
ווי ביאַליק, איז אויך גראַדע געקומען צו אונז דירעקט פון דער ישיבה; איינער פון דער ישיבהס מתמידים און עילוים, האָט ער אריינגעבראַכט אין דער יידישער פּאָעזיע נישט נאָר דאָס

צוויט גרעסטע ווערק (נאָך ביאַליקס „המתמיד”) פון לעבן פון דער ישיבה (די פיינע פּאָעמע „מוסרניקעס”), נאָר ער האָט בכלל דערנענטערט דאָס אַלטע צום נייעם, נישט שאַפנדיק קיין תהום צווישן אונזער קאָלעקטיוון לעבן און די אינדיווידועלע איבערלעבונגען. אויך גראַדע שטרעבט צום אַלמענטשלעכן, ווי יעדער דיכטער און ווי יעדער היינטצייטיקער ייד, לויטן גייסט, אָבער דאָס דאָזיקע אַלמענטשלעכע זוכט ער, גראָבט אָפּ און געפינט נישט אין זיינע אינדיווידועלע געפילן, נאָר אין זיינע נאַציאָנאַלע איבערלעבונגען. גראַדע האָט אריינגעבראַכט אין דער סאַמע יינגסטער יידישער דיכטונג אין פּוילן דאָס געפיל פון צוגעבונדנקייט צום קאָלעקטיוו, ער האָט אָנגעקניפּט אין דאָס אַלנאַציאָנאַלע, ווי כמעט דער גאַנצער ערשטער דור פון אונזערע הערלעכע ליטעראַרישע שעפער.

אין זיינע גרויסע פּאָעמעס איז גראַדע אויף אַזוי ווייט אַ יידישער פּאָעט, אַז נישט ווילנדיק מוז מען אים פאַרבינדן מיט ביאַליקס טראַדיציע. סאַראַ ווייטיק פאַרן יידישן גורל, סאַראַ דורכגעדרונגענקייט מיט דער יידישער פּראָבלעמאַטיק!

אָבער ער דערמאָנט ביאַליקן אויך מיט זיינע אויסערלעכע פּאָעטישע אייגנשאַפטן.

פונקט ווי ביאַליק, פאַרמאָגט אויך גראַדע אַ מעכטיקן שפּראַך־אינסטרומענט: זיינע רייד פליִיצן ווי אַ וואַסערפאַל, און מיט אַ צו אומגעצוימטן שטראָם. און הגם ער איז אַ מייסטער פון שפּראַך און גראַם, דאָך איבערראַשט ביי אים דאָס, וואָס ער יאָגט זיך נישט נאָך נייאיקייטן, נאָך דער מייסטערשאַפט פון נייאיקייטן, ווי אַנדערע, — ער יאָגט זיך נישט נאָך דעם גלאַנץ פון דער פאָרם, פונקט ווי די אַלטע יידישע שרייבער האָבן זיך נישט געיאָגט נאָך דעם. ער איז מעכטיק אין זיין שפּראַך, אָבער פשוט; ער איז דערפינדעריש אין געפינען גראַמען, אָבער ער פּאָזירט נישט מיט דעם. ער לייגט מער אַכט אויפן אינהאַלט.

און פון אַלע יונגע פּאָעטן פון דער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן, איז גראַדע דער סאַמע אינהאַלטרייכער, דער סאַ־מע „ביאַליקשער”.

* * *

גראַדע איז געווען די גרעסטע האָפנונג פון דעם נאָכוווקס

פון דער יידישער פּאָעזיע אין פּוילן. דער דאָזיקער יונגער דיכ־טער האָט אויסגעזען צו זיין אַזוי אַלט; אָבער אינם אַלטן האָט ער אריינגעבראַכט אַזויפיל יונגע געפילן.

אין יולי 1939 האָט גראָדע אָפּגעדרוקט אין דער „צו־קונפט" אַ געדיכט אונטערן נאָמען „נאַרעוו". (נאַרעוו — אַ היפּשער טייך אויפן גרענעץ פון פוילן און ליטע, אַ נעבן־פלוס פון מערב־בוג, וועלכער פליסט אריין אין דער ווייסל). דאָס איז איינס פון די שענסטע געדיכטן אין אונזער נייסטער פּאָעזיע. דאָס געדיכט איז אַזוי שטאַרק, רירנדיק, עס איז אַזוי אָנגעלאָדן מיט בילדער און געפילן, עס איז אַזוי גרויס מיט זיין גראַנדיעזן סימבאָל און נביאישן פאָרגעפיל!

דער דיכטער נעמט דעם פאַקט, וואָס דער נאַרעוו האָט זיך צעגאָסן, און פאַרוואַנדלט אים אין אַ גראַנדיעזן סימבאָל: דער נאַרעוו פאַרוואַנדלט זיך אין אַ לאַנד, אין דער גאַנצער וועלט, וואָס פאַרגיסט אונז מיט אירע צעשוימטע כוואַליעס. און נישט נאָר וואָס דער דיכטער באַשרייבט די פאַרפליצונג, נאָר ער טוט אַזוי רירנדיק־טראַגיש תפילה צום נאַרעוו מער אונז נישט צו פאַרפלייצן...

און אָט איז דאָס נביאיש ליד זיינס:

דער נאַרעוו

דער נאַרעוו איז אַרויס אויף אונז פון זיינע ברעגן
אין ערב פרילינגדיקע טעג,
מיר זענען איינגעטוליעטע ווי שאָף אין ווינט און רעגן
אין גרעסטן שטורעם ביי זיין ברוסט געלעגן, —
איצט מוזן מיר אַוועק...
אָ, פאַרשוועקט האָט אונז דער נאַרעוו.
ער האָט דאָך אונז אין זיינע וואַסערן געבאָדן,
און יעדן קינד זיין בלוי אַוועקגעשענקט,
מיט וואָס זשע האָבן מיר אים ביזן אָפּגרונט אויפגעזאָדן,
אַז ער האָט אונזער היים פון באָדן
פלוצלינג אָפּגעשווענקט?...
אָ, פאַרשווענקט האָט אונז דער נאַרעוו.

א ו י ס ג ע ר י ס ע נ ע   ב ל ע ט ע ר

ער האָט אריינגעלאַכט אין אונזער האַרץ — און נאָך
אין וויגל
האָבן מיר געהערט זיין פרייד־געזאַנג.
מיר האָבן אין פרימאָרגן איבער אים ארומגעפליגלט,
איצט בלוטיקט אין זיין בלויען שפיגל
אונזער זון־פאַרגאַנג...

אָ, פאַרשווענקט האָט אונז דער נאַרעוו.
ווי אונזערע פאַרוויסטע היימען זענען איינגעבראָכן און
צעשפאלטן
די מצבות אויפן פעלד,
פאַרוואָקסענע מיט ווילד־גראָז, ווי טויטע וואָלטן —
ווי מיר אליין פאַרשעמטע און פאַרשאָטן —
די געזיכטער זיך פאַרשטעלט...

אָ, פאַרשווענקט האָט אונז דער נאַרעוו.
געשטאָרבענע, מיר בעטן אייך מחילה פאַר דער שענדונג,
און מיר באַשווערן אייך
געהייליקטע דורך ליבשאַפט, הונדערט־יעריקע לעגענדן:
לאָזט זיך נישט פאַרטרינקען און פאַרלענדן
פון דעם אויפגעברויזטן טייך...

אָ, פאַרשווענק אונז מער נישט, נאַרעוו.
פאַרוואָס ביסטו אויף אונז אַזאַ דערצאָרנטער, און
אויפגעברויזטער?
ס'איז אונזער שול דאָך אַלט
אַזוי פיל ווי דער ישוב דאָ — אַן עדות איז דער קלויסטער
און דער אַרומיקער געקרוינטער
אַלטער וואַלד...

אָ, פאַרשווענק אונז מער נישט, נאַרעוו.
ווי קאָנען מיר פאַרגעסן אונזער הימל און די אַלטע
היימען?
דער מאַמעס שלאָף־ליד ביי דער וויג, —
דאָס האַרץ דאָס אָפגענאַרטע הערט נישט אויף צו טרוימען,
אַז דו וועסט איינשטילן זיך און פאַרצוימען
אין דיין בעט צוריק...

אָ, פאַרשווענק אונז מער נישט, נאַרעוו.

ווי אזוי קאָן מען ווייטער שרייבן פראַגמענטאַריש וועגן דעם, וועלכער האָט אין 1939 אָנגעשריבן אין ווילנע דאָס דאָ־זיקע געדיכט? ווי אזוי אָפּווייגן די אייגענע מיינונגען וועגן זיינע פּאָעמעס און לידער, בעת אין איין־איינציקן פערז „אָ, פֿאַרשווענק אונז מער נישט, נאַרעוו!" איז דאָ אזוי פיל אומ־שטערבלעכער אויסדרוק, אזוי פיל פון דינסטער אינטואיציע, אזוי פיל אינטואיטיווע נביאות!?

צי האָט אויך דיך, מיין גראַדע, פאַרגאָסן דער נאַרעוו אָדער דו ביסט אַנטלאָפן פון זיין צאָרן מיט בענקשאַפט נאָך זיינע בלויע כוואַליעס?

און ווו איז דיין מאַמע די זקנה, וועלכע פלעגט אָפט אריינ־לויפן אין דיין פּאָעטיש צימערל, כדי צו ברענגען פאַר איר חיימל אַן עפל (אפשר אַ גענומענעם אויף באָרג)?

„אָ, פאַרשווענק אונז מער נישט, נאַרעוו!"

אָבער וואָס, מיין גראַדע, אויב דיין און מיין תפילה זענען געזאָגט געוואָרן אומזיסט?

וואָס דאַן, אונזער צוקונפטיקער גרויסער גראַדע, וואָס דאַן?

און איך פיר דאָך שוין זייט פיר יאָר אין מיין האַרצן אַ גרויסן שטרייט מיט דיר!

אָ, ניין, כ'וועל דיר דאָס איצט נישט פאָרוואַרפן, אָ, ניין! אָבער צי איז מעגלעך, אַז עס וועט שוין מער נישט אויסקומען צו היצן זיך, ווי ס'געהער צו זיין, ווי אין „יידישן וויסנשאַפט־לעכן אינסטיטוט" אין 1940, אין צימערל פון זלמן מייזנער?

צי איז מעגלעך, אַז דער נאַרעוו זאָל נישט האָבן אַ ציטער געטאָן און זאָל נישט האָבן אריינגעגאַנגען צוריק אין זיינע ברעגעס פון דיין באַצויבערנדיקן און האַרצרייסנדיקן געזאַנג —

„אָ, פאַרשווענק אונז מער נישט, נאַרעוו!"

צי איז דאָס מעגלעך?

גראַדע, גראַדע, מיט די פאַרביסענע שלעכטע ליפּן, מיט די בייזע פייערלעך אין די אויגן; נו, גוט, מיר האָבן זיך אָפט געקריגט, מיר האָבן פאַרזענלעך נישט צו שטאַרק ליב געהאַט איינער דעם צווייטן, אָבער נישט שוין זשע וועסטו נישט געבן

קיין ענטפער איצט, ווען איך ווער פארשווענקט פון בענקשאפט
נאָך דיר, נאָך דיין מאמען, נאָך די ווילנער זאַוולקעס מיט
זייער דורותדיקער אָרעמקייט?
רוף זיך אָפּ, גראַדע!

שאַנכיי, 1944.

דער וווּנדער פון געזאַנג

(אברהם סוצקעווערס „געהיימשטאָט")

1.

אין 1945 (צי אפשר אין 1946?), ווען איך האָב, אין שאַנכיי, געלייענט אין „טאָג" די המשכים פון א. סוצקעווערס „ווילנער געטאָ", האָט יעדעס וואָרט פון זיין שטילן, רואיקן באַריכט געדריקט ווי פאַנטאַסטישער גרויל; אָבער צום פאַנטאַסטישסטן, און אפשר אויך צום גרויליקסטן זענען געווען די זייטלעך, וווּ ער האָט דערציילט וועגן דעם לעבן אין די קאַנאַלן, — צו אַזאַ וואָר, האָט זיך געדאַכט, האָט זיך שוין נישט געקאָנט דערטראַכטן אפילו אַ חלום־קאָשמאַר.

און ווען איך בין דערגאַנגען צו דער שטעלע, וווּ סוצקעווער רעדט וועגן דער ליבע, וואָס האָט געבליט אויך אין די פאַרעיפּושטע קאַנאַלן, אינם שיין פון לבנה־שטראַלן דורך קאַנאַלגראַטן, האָב איך דערפילט, אַז עפּעס פאַנטאַסטישערס קאָן שוין אויף דער וועלט נישט געשען, אפילו נישט אין דער משוגענער פאַנטאַזיע פון אַ משוגע־געוואָרענעם גאָט.

און ווי תמיד, ווען אַ מענטש געפינט זיך אויף דער גרעניץ פון זיין אויפנאַם־פעאיקייט, ווען ער איז פול מיט עפּעס אַן אינהאַלט ביזן לעצטן ראַנד זיינעם, האָט זיך מיין שטימונג אויפגעלייזט אין קלאַנגלאַזן אינערלעכן געוויין. צי דען קאָן מען אין באַגריפן אויסדריקן דעם אינהאַלט פון בילד, ווי צוויי מענטשלעכע וועזנס קוקן אַרויס פון טיפסטן תהום אין דער געשיכטע צו דער זילבערנער לבנה הויך אין הימל? זיי פאַרקוקן אין אַן אַנדער וועלט, אויסמיידנדיק די אינצווישנדיקע

ערד, אין אַ טריאומף פון פּשוט־מענטשלעכן, פון אייביק־מענטשלעכן, פון אייביק־איבערמענטשלעכן.

די צוויי האָבן אין יענעם מאָמענט נישט נאָר טריאומפירט איבער צענדליקער מיליאָנען צעווילדעוועטע, פערווערזע חיות, נאָר זיי זענען געווען העכער פון דער ערד, פאַר דער לבנה, צו וועלכער זיי האָבן ארויפגעקוקט.

נישט נאָר מען קאָן נישט דערציילן דאָס, וואָס איך האָב דאַן איבערגעלעבט ביים לייענען אָט די שטעלע פון סוצקע־ווערס „קאַנאַליאַדע", ווי ער באַצייכנט דאָס אין זיין „געהיימ־שטאָט", נאָר מען טאָר דאָס גאָר נישט פּרווון טאָן מיט געוויינ־לעכער פּראָזע. די שטימונג פון יענעם בילד קאָן אפשר בלויז אויסגעהויכט ווערן אין דיכטונג.

און דאָס האָט סוצקעווער געטאָן אין זיין „געהיימשטאָט".

* * *

איך האָב לעצטנס נישט ליב קיין דערציילונגען אין פערזן, בפרט נאָך געגראַמטע, און אין אָנהויב האָב איך אינערלעך פּראָטעסטירט קעגן דער פערז־פאָרם פון דער „געהיימשטאָט", אָבער וואָס מער איך האָב זי געלייענט, אַלץ קלאָרער איז מיר געוואָרן, אַז אַנדערש קאָן מען גאָר נישט, טאָר מען גאָר נישט פורימען אַזאַ מאַטעריאַל: דאָס אומאויסשפּרעכלעכע קאָן געגעבן ווערן נאָר אין דיכטונג. צי קאָן מען דען אין פּראָזע אריינפאַנגען די שטימונג פון דבורלס טויט ביי דער פּיאַנע?

—„צאַף־צאַף, צאַף־אַצאַף... און סידערטראָגט אַ געוויין זיך
„פון אַלדאָס פאַראַנונע, אַלדאָס ניטאָע,
„אין פענסטער — אַ באַרן־בוים קנעט אין הכנעה".

דאָ איז גאָרנישט געזאָגט געוואָרן, און אַלץ איז דאָ געזאָגט־אויסגעזונגען געוואָרן אין די דיכטערישע ווונקען. דאָס נישט־דערזאָגטע אין ווערטער, דאָס אומאויסשפּרעכלעכע אין ווערטער גיט זיך אַ כוואַליע אריין אין געמיט דורכן ריטם, דורכן סילועט פון אַ בילד, דורכן ניגון פון ליריק, — אַלדאָס פאַראַנענע וויינט־מיט אויף דבורלס טויט, דער גאַנצער באַשאַף קניט־מיט פאַרן דאָזיקן טויט אין געזאַנג (אין געזאַנג פון די קאַנאַלן) צו־זאַמען מיטן באַרן־בוים.

אמת, עס טרעפט, אז סוצקעווער דערגרייכט נישט די גע־וויינלעכע שלימות פון זיין דיכטונג־פאָרם, וואָס באַשטייט אין דורכפירן דעם שטראָם פון געפיל דורך דעם קאַנאַל פון וואָרט, נישט־פילנדיק, נישט לאַזנדיק פילן זיין, דעם וואָרטס, מאַטעריע. די געקינסטלטקייט פון געוויסע גראַמען זענען אַמאָל אַ דיסאָ־נאַנס צו דער שטימונג, וואָס שלאָגט זיך אָן אין זיי, אין די גראַמען, ציט אָפּ אונזער אויפמערקזאַמקייט צו דער שטערונג, צום גראַם.

עס טרעפט אויך, אַז די זעאונג, די וויזיע פונם דיכטער קאָן זיך קוים דורכשלאָגן קלאָר, נשמהדיק־נאַקעט, אפילו דורך סוצ־קעווערס פערזן,—אָבער די אומצופרידנקייט מיט די גראַמען, וואָס פאַרשטעלן די וויזיע, וואָס ברעכן־אונטער דעם שטראָם פון געפיל, ווערט ביסלעכווייז צערונען, און סוצקעווער איז אונז ווידער מצרף דורך זיין כישופדיק וואָרט צו דער וועלט פון זיין וויזיע, צו דער וועלט פון זיין שטימונג, וואָס האָט געמוזט, צוליב איר דינקייט, געפינען אַן אויסדרוק אין אַ דיכטערישער פאָרם, ווייל סוף־כל־סוף איז דאָך דיכטונג דאָ בלויז דערויף, כדי אויס־צוהויכן דאָס אומאויסשפּרעכלעכע.

* * *

איך האָב געזאָגט און איך חזר איבער, אַז גראַד די נייקייט פון סוצקעווערס גראַמען, פון זיין פאַרבליפנדיקן וואָרט־געבוי דענערווירט אָביסל, ווי עפּעס בולט קינסטלעכס אין אַזאַ סביבה, אויף אַזאַ טעמע.

לאָמיר דאָס אילוסטרירן מיט עטלעכע ביישפּילן.

„דערנאָך האָט מען אויך אין אַ ווינקל אַ שטילן,
„וו בלויז פון לבנה־מייז טראָגט זיך אַ פליעסקען,
„געפונען אַ מענטשן געוויקלט אין תפילין
„מיט אויסדרוק אַזאַ מין, וואָס מער נישט אַ מת קען".

די אומקלאָרקייט פון דער לעצטער שורה, דאָס גראַמען „פליעסקען" מיט „מת קען", מוז איבערהאַקן די וויזיע און די איבערלעבונג און אָפּווענדן די אויפמערקזאַמקייט צום קינסט־לעכן גראַם, — מען דערפילט דעם פרעמד־קערפּער פון וואָרט, ווי ער פּענטעט דעם געוועב פון דער דיכטערישער שטימונג.

נאָך שאַרפער שפּירט מען דאָס (ממש ווי אַ שניט מיט אַ מעסער) אינם וווּנדערבאַרן קאַפּיטל „דער פּרוש אויפן שול־הויף".

דאָס איז איינס פון יענע קאַפּיטלעך אין דער „געהיימ־שטאָט" (און זיי זענען נישט ווייניק), ווו מען פילט די פולסטע באַרעכטיקונג פון סוקצעסיווערס דערציילן אין פערזן: אַזוי בליציק איבערגעבן טיפע שטימונגען, ווי אין אַזעלכע עטלעכע גוטע פערזן, וואָלט פּראָזע נישט געווען זיין בכוח.

כמעט דאָס גאַנצע קאַפּיטל איז שיין און טיף. לאָמיר אָבער ברענגען די סטראָפע, וואָס פאַרענדיקט זיך מיט אַ גראַם־דיסאָנאַנס:

„די שטערן דאָס זענען קיין שטערן נישט. זע נאָר:
„דאָס זענען די יידן! קוק נענטער אַביסל:
„מיט דעם אויף איין באַנק ביסט געשלאָפן, און יענער —
„טראָגט עמערס אין הימל אויף זיין קאַראָמיסל.
„אָט זענען די האָלץ־העקער, שניידער און שמידן, —
„און אָט אַ מקובל ביים חלבנעם שטענדער.
„די שטערן דאָס זענען פון שול־הויף די יידן,
„זיי טוען וואָס פריער, אָן מינדסטן געענדער:
„מען בלעטערט די ש"סן, מיהאַנדלט, מיאַרבעט,
„דער רבי זאָגט תהילים, דעם אייביקן האַר בעט".

„געענדער" שטערט אויך אַ האָרעלע, אָבער מען שפּירט עס בלויז אינם פאַרבייפלי אויף סוקצעסיווערס דיכטערישע פליגל; אָבער דער „האַר בעט", געגראַמט מיט „אַרבעט" גיט אונז אַ ריס אַראָפּ פון די דיכטערישע הויכן און גיט אונז אַ וואָרף צו דער ערד, צום וואַרשטאַט פון דיכטונג. אָט נאָר־וואָס האָט אונז יעדע שורה באַצויבערנדיק אריינגעוויגט אין וועלטן גאַנצע פון ריינסטער זעאונג, פון ריינסטער שטימונג, און מיטאַמאָל ווערן מיר געניזוקט, — איין אויסגליטש און אוים צויבער.

אָבער נאָר אויף געציילטע רגע'ס.

און דער דיכטער אליין האָט וועגן דעם געוווּסט, ווי כ'באַמערק איצט, ביים שרייבן, ווען כ'האָב אָוועקגעלייגט די פעדער און נאָכאַמאָל (צום דריטן? צום פערטן? צום פינפטן מאָל?)

איבערגעלייענט די פּאָעמע מיטן „פּאָרליד" און מיטן „נאָכליד".
דער דיכטער זאָגט:

„...געשטאַלטן וואָרעמע, איך בעט מחילה,
„פאַר יעדן נישט־געראָטענעם פאַרגלייך,
„פאַר אַלע גראַמען גרילציקע"...

און מיר זענען אים אוודאי מוחל נישט נאָר דערפאַר, ווייל:

„כיהאָב נישט געזוכט טעמעס. איך האָב געמוזט
„אַרויסוואָיען פון זיך די „קאַנאַליאַדע!"

מיר זענען אים מוחל אויך, — און דער עיקר, — דערפאַר, ווייל:

„מיר איז באַשערט געווען צו זיין
„אַ גרויזיק־שטילער לאָקערדיקער עדות
פון פיין, וואָס מוז פאַרוואַנדלען זיך אין שיין".

דער דיכטער מעג זיך פילן, אַז ער איז

„געגליכן צו אַ יעגער, וואָס ביינאַכט
„אַריינגעפאַלן איז ביי זיך אין פאַנג־נעץ, —
„געבונדן בין איך אין דער ווילדער פּראַכט
„פון מיין פאַרשפּרייטער אייגענער געזאַנג־נעץ", —

אָבער מיר ווייסן, אַז — ניין, דאָס האָט נישט נאָר דעם דיכטערס געזאַנג־נעץ געפאַנגען סוצקעווערן, ער זאָל אויסזינגען אין גראַמען זיין איינציקע וואָריקייט („נישטאָ קיין צווייטע וואָריקייט ווי די, „וואָס קוואַלט אין מיינע אָדערדיקע סטראָפן"), — ער האָט זיך געקלאַמערט אין ווערטער און געפּרווט דערציילן („אָ, ווערטער, שאָטנס פון מיין בלוט און גאַל, „איך קלאַמער זיך אָן אייך און פּרוו דערציילן"), ווייל ער איז מיטגעריסן געוואָרן דורך דער נויטווענדיקייט צו פאַרוואַנדלען „פיין" אין „שיין". און דאָס קאָן געשען נאָר דורך דיכטונג, דורך דעם וואונדער פון געזאַנג.

און הגם עס איז געווען אַ חוב אָנצוווייזן אויף שטרויכלונג־שטעלן, פילן מיר אָבער און מיר ווייסן, ביים לייענען סוצקעווערס מייסטערווערק, אַז מיר האָבן פאַר זיך איינס פון די גרויסע דיכטערישע שאַפונגען, וואָס זענען אויסגעוואָקסן אויף די פאַנטאַסטיש־גרויליקע פּאָנאַרער פעלדער, וואָס באַדעקן גאַנץ אייראָפּע, און איבער וועלכע דער טעטיקסטער העלד פון דיכ־

טערם „געהיימשטאָט”, פּאָליע, גייט אוועק מיט די לעצטע אַקאָרדן פון דער וואָריקסטער פּאָעמע אין אונזער לעבן, — פון דער פּאָעמע וועגן דער יידישער „קאַנאַליאַדע”.

2.

איך האָב זיך ביז איצט אָפּגעשטעלט אויף דער פאָרם פון סוקצעסיווער פּאָעמע, — ווייל אויב פאָרם איז תמיד אַ לעבעדיקער טייל פון אינהאַלט, איז דאָס אין פאַל פון אַזאַ פּאָעמע, ווי „געהיימשטאָט”, צענפאַך ריכטיקער.

און חוץ דעם, איז „געהיימשטאָט” אַ דערגרייכונג, אַ מיילןטריט פאָראויס אויפן וואנדער־וועג פון דער יידישער דיכטונגסאַנטוויקלונג. נאָך קולבאַקס „בוניע און בערע אויפן שליאַך” און זיין „דיסנער טשיילד האַראָלד”, האָבן מיר נישט געהאַט אַזעלכע מייסטערווערק לויט דער פאָרם, ווי „די געהיימשטאָט”.

אָבער דאָרט וווּ מען רעדט וועגן פאָרם־דערגרייכונג, ווערט שוין במילא גערעדט וועגן אינהאַלט־דערגרייכונג. ווייל די פאַנאַנדערטיילונג פון „פאָרם” און „אינהאַלט” איז נאָר אַ קאָנווענציאָנעלע, ווי די פאַנאַנדערטיילונג פון „גוף” און „נשמה”. מיר רעדן וועגן זיי באַזונדער, ווייל מיר האָבן נאָך נישט קיין מעגלעכקייט אויסצודריקן דעם דאָזיקן סינטעז, אָבער מיר דאַרפן תמיד האָבן אין זינען, אַז ביים רעדן וועגן „פאָרם” און „אינהאַלט” רייסן מיר פאַנאַנדער אַן איינהייט, פאַראיינפאַכן מיר אַן אויסטערליש־קאָמפּליצירטע דערשיינונג.

*　　*　　*

ווען איך רעד וועגן דעם אינהאַלט פון דער פּאָעמע, מיין איך נישט דעם גרויליקן פאַקט (און זיינע פּרטים) גופא: דער נאַציזם האָט געוואָלט אויסראָטן די יידן, האָבן זיך אַביסל יידן געראָטעוועט אין די שטאָטישע קאַנאַליזאַציע־רערן.

און ווען איך רעד וועגן „אינהאַלט”, מיין איך מיט דעם אויך נישט ווי אַזוי זיי האָבן דאָרט „געלעבט”; איך מיין נישט די „פאָרם” פון זייער דאָרטיקן „לעבן”, נאָר דעם „אינהאַלט” זיינעם. ווען גענבן די „פאָרם” פון זייער דאָרטיקן לעבן אין פּערזן, וואָלט געווען אַן אומזין, וואָלט געווען אַ דיכטונג־

שפּילעריי, — מען קאָן דאָס אין פּובליציסטישער פּראָזע געבן בעסער און פולער. אָבער דעם „אינהאַלט" פון זייער דאָרטיקן לעבן קאָן מען, ווי אויבן געזאָגט, אויסדריקן נאָר אין דיכטונג, און טאַקע נאָר אין גרויסער דיכטונג. און דאָס האָט סוצקעווער געטאָן אויף אַ מאָנומענטאַלן אופן.

וואָס־זשע איז דער „אינהאַלט" פון דער דאָזיקער פּאָעמע? אינם קאַפּיטל „נאָך דער באַפרייאונג" זאָגט דער דיכטער:

„ווען ס׳האָבן אין שטאָט נאָך געברומט די סנאַ ׳זדן —
„געלאָפן דער דיכטער איז אונטער געשפּליטער
„אין אַשיקן געטאָ. געזוכט די כתב־ידן,
„באַגראָבן ביי שייטערשן אָפּגלאַנץ אין ציטער.
„און דאָרטן, וו דערנער פאַרשטעלן זיין מאַמען, —
„ביי איינציקער וואַנט, ווי דעם כותל מערבייס,
„געפונען זיין בינטל דערשראָקענע גראַמען,
„ביינאַכט זיי געלייענט דעם גאָט פון די אבות,
„נאָר גאָט האָט געמיינט ס׳איז נישט מער ווי אַ מעשה,
„געקנייטשט פון דער הויך מיט די שטערן די ווייסע".

מיר וואָלטן אויך נישט געווען געגלויבט דעם דיכטערס גראַמען, ווען מיר וואָלטן נישט געווען נענטער צו דער ערד, ווי גאָט, — ווייל דאָס איז, פון שטאַנדפּונקט פון מענטשלעכן שכל הישר, אומגלויבלעך. אָבער אומגלויבלעכער נאָך, ווי דעם דיכטערס דערציילונג, ווי דאָס לעבן אין די קאַנאַלן, איז דער אינהאַלט פון דאָזיקן לעבן, די אומגלויבלעכע „שיין", וואָס שטראַלט אַרויס צו אונז פון דער קאַנאַליאַדע, נישט געקוקט אויף איר אומגלויבלעכער „פּיין".

ווען דער דיכטער אַנטלויפט, ווי אַ „צווייפּיסיקע קללה", פון זיין ברענענדיקער, אין חורבות צעפאַלנדיקער וועלט, טרעפט ער אַ פרוי, וואָס פירט אים אין דער „געהיימשטאָט". זי ברענגט אים אַהין צוזאַמען מיט אַ פּיצל קינד, אַט דעם סימבאָל פון אייביקער לעבנס־באַנייאונג.

„דאָס קינד האָט געכליפּעט. אַוועק איז דער עכאָ
„געפינען אַ תיקון אין אַנדערע וועלטן.
„מה טובו — האָט עמיץ געברומט — אוהליך, —
„ווי ווויל עס איז, יעקב, אין דיינע געצעלטן!

„און ס׳האָט זיך נישט קיינער דערלויבט אין די רגעים
„צו משפּטן, וואָס מיטן קינד וועט געשען דאָ.
„אַ האַנט איז געשוואומען פון קאָסמישע ברעגעס,
„פאַרוואַנדלט די מענטשן אין לויטער לעגענדע.
„אַזוי האָט די וואָר אונטער דריערד מיך באַגעגנט,
„ווען כ׳האָב מיט געקוילעטער שטאָט זיך געזעגנט״.

אַ ציטער גייט דורך איבערן חוט־השדרה פון די צוויי צענ־טראַלע שורות:

„אַ האַנט איז געשוואומען פון קאָסמישע ברעגעס,
„פאַרוואַנדלט די מענטשן אין לויטער לעגענדע״.

דאָס איז די לעגענדע פון די צען, פונם יידישן נאַציאָנאַלן „איינס״, פונם מנין, וואָס געפינט זיך אין דער „געהיימשטאָט״, און וואָס ווערט תמיד דערגאַנצט דורך אַ צווייטן, ווען איינער פאַלט ארויס פון די רייען.

„אין עטלעכע טעג נאָך דער וויסטער בהלה
„האָט אויבן פאַרמויערט מיט שטיין דער באַצווינגער
„אַ טייל פון די גראַטעס, און חושך מצרים
„פאַרפילט די געהיימשטאָט. נאָר מיר זענען ווידער
„אַ פאָלק זאַלבעצענט ווי געוועזן עד היום,
„עס זענען אין אייביקס פאַרוואַנדלט די גלידער.
„אַ פאָלק זאַלבעצענט וואָס מ׳קאָן נישט צעטיילן.
„דו פרעגסט ווי אַזוי? כ׳וועל דיר זאָגן, דערציילן.
„מיר האָבן אין קעלער געפונען באַהאַלטן
„אַ פרוי מיט איר צען־יאָריק יינגל, — טאַמאַרע
„און יוליק. און אויפן בית־עולם דעם קאַלטן
„איז היימיש געוואָרן, ווי ס׳וואָלט דורך אַ שפּאַרע
„דער פרילינג אריין. אויך דאָס יינגעלע קריינעס,
„וואָס א ד ם זיין נאָמען, זיך עלטערט אין פריידן
„און קלערט נישט פון אומגליק וואָס הויערט בשכנות.
„אָ, ווער קאָן די רעטעניש העלפן באַשיידן?
„ווי שטעלט זיך דעם שטורעם אַנטקעגן אַ זאַנגל?
„אויף וועמענס באַפעל איז דער גאָרער גראַנגל?
דער וואָרצל פונם פאָלק — דער מנין יידן — בלייבט

כסדר אין דער געהיימשטאָט, כדי, אָדער ווייל, ווי עס זאָגט עמיצער אין דער געהיימשטאָט:

„פון צען — — — — —
„וועט ווערן אַ פאָלק, אויף להכעיס דעם מולך".

אָט פון דעם וואָרצל, פון דער לעגענדע, וואָס ווערט גע־וועבט דורך אַ קאָסמישער האַנט, בליט זיך פאַנאַנדער דער גאַנצער וווּנדער פונעם לעבן אין דער געהיימשטאָט. די צען ראַנגלען זיך נישט נאָר פאַרן נאַקעטן לעבן, נאָר פאַרן זיינפולן לעבן פון מענטשן, פון אַ פאָלק.

ביי אָט די צען, וואָס זענען דערגאַנגען צום טיפסטן אָפּ־גרונט פון פּיין, קאָן דער שונא נישט אויסוואָרצלען נישט דאָס העכער־מענטשלעכע, נישט דאָס העכער־נאַציאָנאַלע. און ס'אַראַ אויסדרוק סוצקעווער געפינט פאַר אָט די צוויי ווונדער אויפן שטח פון זיין גאַנצער פּאָעמע!

עס איז אוממעגלעך צו ברענגען דאָ אַלע פּערל פון דער „געהיימשטאָט", אָבער מיט עפּעס מוז מען אילוסטרירן אַן אָפּשאַצונג:

„מיר זענען געווען זאַלבעצענט אונטערערדיק — — —
„און ביסלעכווייז האָב איך אין איטלעכן שאָטן
„דערשמעקט זיין אליין — יענעם חלק, וואָס פעלט מיר.
„פאַרזוכט זיין מחשבה, אין אים זיך פאַרקנאָטן,
„האָט נישט אַזוי סומנע געיאָמערט מיין וועלט מיר,
„און האָב איך געבענקט נאָכן סיריוס און וועגאַ, —
„איז האָט זיי מיין בענקשאַפט געבראַכט אין אַ רגע.
„און ווי דער שוואַרצאַפּל, וואָס האָט בהדרגה
„צום חושך זיך צוגעוווינט, פלינק אים פאַרוואַנדלט
„אין ליכט — — — — — — — — —
„אַזוי האָט אַן אַנדער מין כוח, אומענדיק,
„מיט עקל־געשטאַנק זיך געראַנגלט, געוואָרגן,
„צום סוף מיט געוואַלד אים פאַרביטן אויף שטענדיק
„אויף ריח פון היי־שניט אין פרישן פרימאָרגן,
„אויף ריח פון פרייטיק־צו־נאַכטסן, פון זעמל,
„וואָס איטלעכער האָט נאָך געשפירט אין זיין דרעמל".

דער מנין יידן האָט נישט נאָר פאַרוואַנדלט די וואָר אין

אַ חלום, אין אַ לעגענדע, ווי געזאָגט, נאָר עס האָט זיי געקלעקט קראַפט און מוט צו פאַרוואַנדלען די לעגענדע אין אַ נייער וואָר. זיי האָבן דורך דער פאַנטאַזיע געשאַפן פאַר זיך אַ ווירדיק מענטשלעך לעבן אין די קאַנאַלן, אָבער די קראַפט, געשעפט פון דער פאַנטאַזיע, האָבן זיי פאַרוואַנדלט אין וואָרן קאַמף פאַר ייענטשלעך לעבן און פאַר פאָלקס נקמה.

אויך דאָרט האָבן זיי געהערט דעם לעבנס־רוף פון אונזער יאָלק:

„קויף אויס אונזער אומקום, דערפיל אונזער האָפן!"

און פאָליע, דער טעטיקער גייסט פון דער געהיימשטאָט, פאָרמולירט עס פאַר דורות:

„נישט מיר — עס געהערט צו די טויטע מיין לעבן".

אָט פון דעם פאָלקישן וואָרצל וואַקסט אויס דער פיזישער און דער גייסטיקער קאַמף פון דעם פאָלק זאַלבעצענט, — צי דאָס איז פאָליעס און דבורל׳ס סאַבאָטאַזש־אַקט, פון וועלכן אַ שטיקל פון דער „נייער איינאָפּע"

„צעשפּרינגט ווי אַ טאָפּ אין צעצונטערטער שנאה",

צי דאָס איז דבורל׳ס שאַפן די מיזן־סימפאָניע, וואָס האָט פאַר איר די קאַנאַל־רער „אין אַ גאָרטן פאַרוואַנדלט".

* * *

און ווען עס קומט דער סוף צום קאַנאַלן־קאַפּיטל, האָט דאָס פאָלק זאַלבעצענט קעגנזעצלעכע געפילן: דער יחיד — דער בלינדער — פילט, אַז נאָכן שטורעם וועט אויף אים דריקן דאָס יחידישע גורל:

— „כיהאָב מורא פאַר אייגס: פאַר דער נאָענטער ישועה,

„זי פּייניקט מיך! — טענהט דער בלינדער, געבויגן

„דעם נאַקן צו דריערד ווי אַ פלאַציקע דוהע".

אָבער דער טעטיקער ווילן פונם פאָלק־זאַלבעצענט, פאָליע, לאָזט זיך נישט פאַרשלינגען פון זיין יחידישן תהום, ווייל ער האָט אַ דירעקטן גרום פון דער שטאַרבנדיקער דבורל:

— „איך שטאַרב... לאָז גערישן מיין שוועסטער אין חיפה".

פאָליע ווערט דער טרעגער פונם המשך:

אויסגעריסענע בלעטער

„פאַרוואָרפן די שיך אויפן אַקסל (שעל נעליך — י. ר.),
איז פאָליע
„אַוועק מיטן גרוס איבער פעלדער פאָנאַרער.
„געוואָרצלט אין מענטשן דאָרט רוישט אַ טאָפאָלי
„אין זון־פאָוועטינע. און ער איז אַ שטאַרער
„געגאַנגען, געגאַנגען ווו ס׳וויגן זיך, באַמבלען
„די בלעטער ווי העוטלעך, פון גראָז, אין געהוידע...
„און פאָליע ער ברומט אין די גריבער אַזוי דאָ:
— „איך בין זיך געקומען געזעגענען, בעטן,
„איר זאָלט מיך דערמוטיקן, ברידער סקעלעטן!
„אויב ערגעץ פאַראַן איז אַ לעבעדיק וואַסער
„וואָס זאָל אייך אַנטדאָרשטן, — איך גיי עס געפינען.

— — — — — — — — — — — — — — —

„איר זאָלט נישט פאַרגיין מיטן ווינט ווי אַ פלעווע...

— — — — — — — — — — — — — — —

„און ווי עס האָט פאָליע גערעדט צו די קדושים —
„פון קראָפעווע־גראָבן דערגייט אַ גערויש אים:
— „גיי, פאָליע, בשלום און זיי דער שליח
„פון אַלע געשמידטע אין ערדישע קייטן — — — — —
„פיל אָן זיך אַ זעקעלע שטויב, זיי מקיים
„די בענקשאַפט פון גאָר דעם פאַרשויטענעם זאָמען,
„און טו עס צעשפרייטן אין ירושלים,
„כדי עס זאָל דאָרטן צעבליען זיך. אמן. — — — — — —
„און פאָליע מיט זעקעלע ערד אינם גאַרטל
„געגאַנגען צוריק דורכן יידישן קוואַרטל,
„אריין אין געהיימשטאָט —
„ווו ס׳בערגלט זיין מאַמע און גדליה דער טרוימער —
„געזען ווי פון אַלעמען איז דאָ געבליבן
„די לאַכיקע שפין, ווי אַן איינציקער שומר.
„די שפין קען אים אָבער שוין מער נישט פאַרשפינען,
„און ער איז אַוועק זיך אליין צו געפינען".

* * *

געהיימשטאָט איז אַ גרויס ווערק — סיי אין „פאָרם", סיי אין „אינהאַלט".

איך האָב אָנגעוויזן בלויז אויף עטלעכע עיקרדיקע אינ־האַלט־פּונקטן.

ווי סוצקעווערס „די פעסטונג", פאַרמאָגט אויך די „גע־היימשטאָט" מער „שיין", ווי „פיין".

עס איז זיכער נישט קיין חסרון צו ווייזן די פּיין; עס איז אָבער זיכער אַ גרויסע מעלה צו קאָנען ווייזן די שיין.

דיכטונג איז צניעותדיק: זי אַנטפּלעקט זיך נישט לייכט פאַר יעדן איינעם. נאָר פאַר יענע, וועלכע גיבן זיך איר אָפּ מיט לייב־און־לעבן, אַנטפּלעקט זי איר פּראַכט.

די שיין, וואָס שטראַלט אַרויס פון סוצקעווערס פּאָעמע, וועט זיך אַנטפּלעקן אַלץ מער און מער בלויז פאַר יענע, וועלכע וועלן לייענען און איבערלייענען זיינע קאָנדענסירטע פערזן נישט על רגל אחת.

זיי וועלן דאַן פילן צוזאַמען מיט מיר, אַז דאָס איז אַ ווערק, וואָס גיט טיילווייז אַן אמתן תיקון דער „בענקשאַפט פון נאָך דעם פאַרשניטענעם זאָמען".

און ווען עס וועט אויפקומען אַ יידישע פילם־קונסט, וועט פאַר איר שטיין די גראַנדיעזע אויפגאַבע צו מאַכן פון דער „געהיימשטאָט" אַ גרויסן פילם, וואָס זאָל באַלעבן פאַר מיליאָנען אָט דעם וווּנדער פון דער געהיימשטאָט, וואָס זיין בולטסטער סימבאָל איז דבורל׳ס שאַפן די מייזן־סימפאָניע אין די מיט געשטאַנק פאַרפלייצנדיקע קאַנאַלן.

קאָן דען זיין אַ שטאַרקערער סימבאָל פאַרן לעבן פון יידישן פאָלק?

אַזאַ פילם וואָלט באַדאַרפט האָבן אַ רעזשיסאָר און אַר־טיסטן, וואָס זאָלן שטיין אויף דער הויך, אויף וועלכער עס שטייט אין דער „געהיימשטאָט" סוצקעווער.

יצחק קאַצענעלסאָן

כ׳האָב אַ סך מאָל געזען זיין בילד פון קאָנצענטראַציע־לאַגער, — אים מיט זיין זון. זיין זון — אַ מאַסקע פון טרויער, אַ פאַרגליווערטער ספּאַזמאַטישער געוויין; ער — דער טאַטע — האַרט ווי אַ שטיין, אַ פאַרגליווערטע שטיק קללה.

אויסגעריסענע בלעטער

כ'האָב געקוקט אויף אים און נישט ווילנדיק—לויטן געזעץ פון קאָנטראַסט — האָב איך זיך דערמאָנט זיין סענטימענטאַל ליד „די זון פאַרגייט אין פלאַמען".

ס'אַ סך מאָל איך האָב עס געזונגען אין דער יוגנט!

„די זון פאַרגייט אין פלאַמען,
„די זון מען זעט זי קוים;
„אַזוי פאַרגייט מיין האָפנונג,
„אַזוי פאַרגייט מיין טרוים!"

— — — — — — — — — — — — — — — —

„וועלט דו, וועלט דו זאָרג נישט,
באַלד גייט אויף דיין טאָג!
„אייביק איז מיין טרויער,
„אייביק איז מיין קלאָג".

אָט דאָס הייסט: „ער האָט נביאות געזאָגט און נישט גע־וווסט וואָס ער האָט נביאות געזאָגט".

אָבער ווי יעדע נבואה, איז אויך די דאָזיקע בלויז טיילווייז אמת: יצחק קאַצענעלסאָן האָט אומזיסט געטרייסט די וועלט, — די וועלט האָט גאָרנישט געטראַכט צו זאָרגן וואָס זיין, יצחק קאַצענעלסאָנס, האָפנונג פאַרגייט, וואָס זיין קלאָג איז אייביק, ווי זיין פאָלק...

מען קאָן נישט לייענען יצחק קאַצענעלסאָנס ליד וועגן אויסגעהרגעטן פאָלק און נישט דערמאָנען זיך וועגן „די זון פאַרגייט אין פלאַמען". אפילו דער דיכטער אליין האָט דאָס נישט געקאָנט, ווי איך באַמערק דאָס ערשט איצט,ביים איבערלייענען זיין „קאַפּיטל צו די הימלען".

„איך האָב געגלויבט אייך, הימלען, באַזונגען אייך אין מיינע לידער אַלע, אין יעדן מיין געזאַנג —
„איך האָב געהאַט אייך ליב, ווי ליב מען האָט אַ פרוי, די איז אַוועק, צערונען ווי אַ שוים,
„איך האָב די זון אין אייך, נאָך אין מיין פריסטער יוגנט, די זון אין פלאַמען פון איר אונטערגאַנג
„פאַרגליכן מיט מיין האָפנונג: אַזוי פאַרגייט מיין האָפנונג, אַזוי פאַרלעשט מיין טרוים!"

א גליקלעכע צייט געווען, יצחק קאַצענעלסאָן, — דאַן, ווען

דו האָסט געזונגען און איך האָב דיר נאָכגעזונגען (אין יידישן אָריגינאַל און אין מיין רוסישער איבערזעצונג) „די זון פאַר־גייט אין פלאַמען", „אַזוי פאַרגייט מיין האָפנונג"; איצט זענען נישטאָ מער די אַמאָליקע, פאַרמבולדיקע סענטימענטאַלע צייטן — די האָפנונג אונזערע און דער גלויבן אונזערער זענען נישט פאַרגאַנגען אין סימבאָלישע זון־פלאַמען, נאָר פאַרזונקען אין ים פון אונזער אייגן בלוט און טאָקע אויף אייביק, ווי „אייביק איז מיין קלאָג".

ווי גוט עס וואָלט געווען, דו אַמאָל פרעמדלעכער, ווען דו וואָלסט אויך היינט געווען געבליבן פרעמד מיין רייפן עלטער. ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען כ'וואָלט נאָך היינט געווען געקאָנט שמייכלען איבער דיינע און מיינע פאַרזינקענדיקע האָפנונגען אין די פלאַמען פון דער זון; ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען כ'וואָלט נאָך היינט געווען געקאָנט שמייכלען איבער דיין טרייסטן די וועלט; ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען כ'וואָלט נאָך היינט געווען געקאָנט לאַכן פון דיין צוגיסן טאָנען סענטימענ־טאַלקייט צו די אָפּט אַזוי אויך סענטימענטאַלע פערזן פון היינריך היינעס יוגנט־לידער, וואָס דו האָסט איבערגעזעצט אין העברעאיש אָפּט אַזוי נישט געראָטן.

אָבער דאָס זענען, לײדער, אַלטע קינדישע זאַכן, איבער וועלכע מען קאָן אפילו מער נישט שמייכלען. ווי ערנסט אַלץ איז געוואָרן אין אונזער וועלט, און אויך דו: דיין ליד איז געוואָרן, ווי דיין פּנים אויף דער פאָטאָגראַפיע פונם קאָנצענט־ראַציע־לאַגער: דיין זון נעבן דיר — אַ פאַרגליווערטער שלוכץ, און דו — אַ פאַרגליווערטע קללה. דיינע אויגן זענען האַרט, ווי שטיין, פון קוקן אויף דאָס, וועגן וואָס עס שרייען דיינע פערזן צו די הימלען, צו דער ערד, צו דער מענטשהייט.

דיינע פערזן? דער דאָזיקער וואָרט־באַגריף פּאַסט פאַר דיין „די זון פאַרגייט אין פלאַמען", אָבער פאַר דיין „ליד פון אויס־געהרגעטן יידישן פאָלק"?! דאָס זענען דאָך נאַקעטע שטיקער געשריי, געשליידערט פון אַ קאָכעדיקן ווולקאַן, וואָס קאָכט מיט ווייס־צעגליטן האַס צו די מערדער, און מיט ווייס־צעגליטער ליבע צו די געמאָרדעטע. ווען איך לייען דיין „ליד פון אויס־געהרגעטן יידישן פאָלק", שוועבט פאַר מיינע אויגן דיין בילד

פון געטאָ, ווו די אויגן דײַנע זענען ווי קראַטערן פון אַ ווולקאַן, וואָס ווערט אויפגעריסן פון שוואַך זײַן אויסצוהאַלטן דעם דרוק פון דער קאָכעדיקער לאַווע פון האַס און ליבע, פון ליבע און האַס, וואָס מאַכט דיך אויפציטערן אין דײַנע גרונט־פעסטן, און דו פּלאַצסט, רײַסט אויף און דער גאַנצער הימל ווערט פאַרפינצטערט פונם פאָרמלאָזן אויסברוך, פון אַ אויפגעריסענער וועלט.

וואָרום אויך אַ ווולקאַן קאָן נישט אויסהאַלטן אַזאַ דרוק און זיך שפּילן אין אויסגיסן ריטשקעלעך פײַערדיקע לאַווע אין דער פאָרם פון פערזן. דאָס האָט נאָך געקאָנט טאָן דער ווולקאַנישער ביאַליק נאָך קישינעוו, און די לאַווע זײַנע האָט באַפּרוכפּערט די ערד פון אונזער לעבן. אפילו דער דעמאָלטיקער אומזין האָט נאָך געקאָנט באַקומען אַ זין, און דאָרט ווו זין — איז דאָ אַ פורעם.

אָבער היינט? אָבער היינט? דײַנע נאַקעטע שטיקער געשריי רײַסן אויף דיך און דײַן קונסט, אונז און אונזער דורשט נאָך זין, די ערד, דעם הימל און אונזער גאַנצן אוניווערס, — אונזער יידישן אוניווערס.

„אַ פאָלק פאַרגייט אין פלאַמען", אָ, דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש; וועגן דעם קאָן מען נישט זינגען, — דאָ לאָזט זיך נאָר שרײַען.

און פּונקט ווי דו, יצחק קאַצענעלסאָן, האָסט נישט געקאָנט פורעמען דײַנע געשרייען, דײַן ווולקאַן־אויסברוך פון ליבע („אָ, וואָס באַטײַט אַ ייד אַ גרויסער אַן אַמאָליקער, אַנטקעגן קליין איציטיקן, אַ פּשוטן, אַ דורכשניטלעכן ייד אין פּוילן, ליטע, אין וואָלין, אין יעדן גלות. פון יעדן יידן קלאָגט און שרײַט אַ ירמיהו אַרויס, אַן איוב אין יסורים גרויס, אַ מלך אַן אַנטוישטעט מיט אַ קהלת־ליד") און פון שנאה („פרייט זיך הימלען אויבן מיט די דײַטשן, און די דײַטשן אונטן זאָלן פרייען זיך מיט אייך, און זאָל אַ פײַער פון דער ערד אויף אייך אַרויסגיין און אַ פײַער זאָל צעפּלאַקערן פון אייך זיך אויף דער ערד"), אַזוי וועט קיינער נישט קאָנען פורעמען אין ווערטער דעם זין און דעם אינהאַלט פון דײַן ליד. דײַן ווייטיק איז גרויס ווי דײַן

קללה און פּאַרביידע איז צו־ענג די ערד און דער הימל, — דער אין־סוף אפילו.
און ווו זאָל ער זיך פּורעמען און ווער זאָל אים פּורעמען?

* * *

ווי ווונדערלעך ס׳איז דער גורל פון דיין ליד, יצחק קאַצע־נעלסאָן. גרויס און אייביק ווי דער כּאַאָס, האָט דעם געשריי דיינעם נישט געקאָנט אויסבאַהאַלטן אפילו די ערד, וואָס קאָן פאַרטראָגן אויף זיך, אין איר זונהשער גלייכגילטיקייט, אפילו דאָס מערדער־פאָלק. „ארץ, אל תכסי דמי!״ — אָט דער געשריי פונם אייביקן איוב איז דאָס מאָל מקוים געוואָרן. די פרוי, וואָס האָט באַגראָבן אין דער ערד דיין ליד, איז באַשיצט געוואָרן דורכן גורל און זי האָט עס אויסגעגראָבן.
מיר, דאָס פאָלק פון די גרעסטע קינות, האָבן באַקומען נאָך איינע. אַ געוואַלטיקע, פאַרמלאָזע קינה, ווי געוואַלטיק און פאַרמלאָז עס איז דער ווייטיק.

„אָ, נאַרישע איר פערד, וואָס לאָזט איר הענגען טרויעריק די קעפּ?
„וואָס דרייט איר אומעטיק זיך רעדער? צי ווייסט איר וואַהין
„איר פאָרט? און וואַהין איר פירט אַוועק זיי, וואַהין איר שלעפּט
„די איידעלע די טעכטער פון מיין פאָלק, מיינע די גראַטעגע די זין?
„אַך, ווען איר ווייסט — איר וואָלט צעהירזשט ווילד זיך, זיך געשטעלט
„אויף די הינטערשטע די פיס און די פיס די אויבערשטע ווי הענט
„ווי מענטשלעכע פאַרבראָכן אין פאַרצווייפלונג פאַר דער גאַנצער וועלט...״
אָבער פערד ווייסן נישט און מענטשן־גויים פילן נישט:
„דער ערגסטער האָט די דייטשן צוגעהאָלפן, דער בעסערער
האָט צוגעקוקט זיך מיט איין אויג, געמאַכט זיך, אַז ער שלאָפט —
„ניין, ניין, סיוועט קיינער נישט קיין רעכנשאַפט

א ו י ס ג ע ר י ס ע נ ע   ב ל ע ט ע ר

פֿאַרלאַנגען, נישט נאָכפֿאָרשן, נישט פֿרעגן זיך:
פֿאַרוואָס אַזוי?
„אונזער בלוט איז הפקר, מען מעג פֿאַרגיסן אים, מען
קאָן אונז אומברענגען, דערמאָרדן אומבאַשטראָפֿט".
דער דיכטער קאַצענעלסאָן האָט שוין דאַן געוווסט דעם
סוף פֿון יענעם קאַפּיטל, דער וועלט'ס צושריפֿט צו אים...

*   *   *

צי קאָן דיין גראַנדיעז פֿאָרמלאָז ליד — ווי דער גראַנ־
דיעזער ווייטיק, וואָס ער וויל אריינפֿאַנגען — באַקומען אַ תּיקון
אין אַ פֿאָרם?

אפֿשר אמאָל, — לאָמיר זיך אָנטאָן געוואַלט און גלויבן!
— דיין ליבע — אין אַ פֿריי, עכט־יידיש לעבן, און דיין שׂנאה
— אין אַ גרויסער נקמה.

און דאַן וועלן מיר דיין „ליד פֿון אויסגעהרגעטן יידישן
פֿאָלק" אָנטאָן צוויי קרוינען, גענומען פֿון אונזער גרעסטן אוצר:

1) „מה טובו אהליך יעקב, משכנותיך ישראל".

2) אל נקמות ד׳, אל נקמות הופיע".

און אַז עמיצער וועט דאַן אַ קוק טאָן אויף דיין געטאָ־בילד,
וועט זיך אים דאַכטן, אַז דיין בליק איז מילדער געוואָרן.

סעגאַלאָוויטשעס „נישטאָ"

אין די אָפֿיציעלע יאָרצייטן נאָך אומגעקומענע יידישע
עדות, ווי אויך אין די נישט אָפֿיציעלע מיטניאָריקע יאָרצייט־
שטימונגען, לייען איך סעגאַלאָוויטשעס בוך „דאָרטן" (וואָס
וואָלט געווען באַדאַרפֿט טראָגן דעם נאָמען פֿון איינער פֿון זיינע
חורבן־פּאָעמעס — „נישטאָ"...).

סעגאַלאָוויטש איז געווען זייער פּאָפּולער ביים יידישן לייע־
נער; אָבער ערשט מיט די חורבן־פּאָעמעס האָט ער זיך אויף
אייביק איינגעקריצט אין געדעכעניש פֿון יידישן פֿאָלק.

איך וועל נישט זאָגן, אַז אַלע אין די דאָזיקע פּאָעמעס איז
גרויס; אָבער דאָס וואָס עס איז גרויס אין זיי איז גענוג צו

גענבן אַ דיכטערס נאָמען דאָס, וואָס מיר רופן „אומשטערב־לעכקייט".

עס איז דאָ אין זיינע חורבן־פּאָעמעס דער עכטער טאָן פון אַ גרויסן נאַציאָנאַלן „איכה"; עס איז דאָ אין זיי עפּעס פּשטות־דיק־דערשיטערנדיקס, וואָס דערמאָנט אונז אין די פרום־צניעות־דיקע תחינות, וואָס אונזערע מאַמעס פלעגן זיי זאָגן, אויס־דריקנדיק אין זייערע ווערטער און אין זייער ניגון דעם טיפן יידיש־מענטשלעכן וועלט־צער.

עס איז דאָ אין דאָזיקן בוך אַזוי פיל עכט אל־מלא־רחמים־דיקס, אַזוי פיל פּשוטער אָבער תהום־טיפער טרויער פון אַן אומגעטרייסטן, אומטרייסטבאַרן אבל, אַזוי פיל פון אַן אייביקער מצבה פאַר אונזערע נאָענטע, אַז צום 12טן יאָרצייט פון אומ־קום־ביאַליסטאָק וויל איך זיך מתיחד זיין בציבור (ווי איך בין זיך מתיחד ביחידות) מיט סעגאַלאָוויטשעס בוך.

נישט ווייל סעגאַלאָוויטש איז אַ ביאַליסטאָקער, און אויך נישט ווייל ער דערמאָנט אין זיין בוך וועגן ביאַליסטאָק; דער קאַזשמיעזשער ייד, וואָס סעגאַלאָוויטש האָט אים געשטעלט אַן אייביקע מצבה אין זיין בוך, איז פאַר מיר אויך אַ ביאַליסטאָקער ייד; ווי אויך די וואַרשעווער קינדער, וועגן וועלכע ער שרייבט אַזוי דערשיטערנדיק־פּשטותדיק אין זיינע אומקום־פּאָעמעס.

* * *

„וואָס איז דען אַ טראָפּן אָן טייכל?
„וואָס איז דען אַ בלאַט אָן די צווייגן?"

צי האָט דען עמיצער בעסער אויסגעדריקט אונזער געפיל פון פאַריתומטקייט, ווען עס האָט זיך פאַר אונז געעפנט דער תהום פון אמת וועגן אונזער בראָך? האָט זיך דאָך יעדער איינער פון אונז פלוצלינג דערפילט ווי אַ טראָפּן, וואָס איז געבליבן אָן טייכל, ווי אַ בלאַט, וואָס איז געבליבן אָן זיין צווייג.

מיר האָבן דערפילט דעם שאָטן פון כרת, וואָס פאַלט אויף יעדן פון אונז. און מיר האָבן אויפגעשוידערט.

ווי לייכט עס איז דער גורל פון טויט, וואָס מיט אים טריקנט נישט אויס דער מקור, וואָס האָט אונז געגעבן דאָס לעבן! אָבער דאָ האָבן מיר דערפילט ווי מיט אונז וועט, חס

א ו י ס ג ע ר י ס ע נ ע   ב ל ע ט ע ר

ושלום, אויסטריקענען דאָס טיכל, אָפּשטאַרבן דער בוים...

אמת, מיר האָבן מאָדנע שנעל, חרפּהדיק שנעל, גובר געווען אָט דאָס געפיל פון נאַציאָנאַלן כרת; אָבער ווען מיר ווען נישט לייענען די שורות:

„וואָס איז דען אַ טראָפּן אָן טייכל?
„וואָס איז דען אַ בלאַט אָן די צווייגן?!

— וועלן מיר דערשפּירן אין זיך דאָס געפיל פון פאַריתומט־קייט, פון נאַציאָנאַלן כרת מיט דער זעלבער שאַרפקייט, ווי מיר האָבן עס געפילט אין ערשטן מאָמענט, ווען דער תהום איז אָפּגעדעקט געוואָרן פאַר אונז אין זיין גאַנצער טיף.

דאָס גאַנצע בוך סעגאַלאָוויטשעס איז דורכגענומען מיטן דערשיטערנדיקן געוויין פון אַ טראָפּן אָן אַ טייכל, פון אַ בלאַט אָן אַ שטאַם...

* * *

און ער פירט אונז סעגאַלאָוויטש איבערן גרויסן „נישטאָ״ פון אונזער לעבן, און ער ווייזט אונז וואָס מיר האָבן פאַרלוירן. און ער דערגרייכט אַזוי פיל מיט זיינע דינע שטריכן! אין עט־לעכע שורות גראָבט ער אָפּ דאָס ווערטפולסטע אין אונזער לעבן. ער גראָבט אָפּ אונזער פּראָסטן איטשע מייערם דרך־ארץ פאַרן לעבן.

„בלויז ער, דער איטשע מאיר פון וולאָדאַווע
„האָט פיינט געהאַט הריגה, ווי דעם טויט..."

און ער ווייזט אונז דעם קאָנטראַסט, וואָס ער איז שולדיק אין אונזער אומגליק.

„אַ שטאָט מיט קרובים פיל, מיט פריינט, באַקאַנטע...
„איך האָב זיי נישט, דער לעצטער קרוב פעלט...
„ווי רופט מען אויס ביי זיי? אָ, מאַריאַ סאַנטאַ!
„און יעזוס־גייסט... און רעטערס פון דער וועלט.
„מען וועט דאָך ווידער גיין אין קלויסטער בעטן,
„נישט איינער דאָרט פון אונזער בלוט פאַרפלעקט...
„מען וועט זיך צלמען און אַלץ פאַרגלעטן.
„אוי, וויי איז אונז... ווי מענטש און לעבן שרעקט.
„דאָך איבער שוועל פון אונזער אַ בית־תפילה

י. ראַפּאָפּאָרט

„פלעגט פּוס פון גזלן נישט אַריבערגיין".
צי קאָנט איר שווערער אָנקלאָגן די וועלט פון רציחה, ווי זי שטייט דאָ אָן אָנגעקלאָגטע אין די פּאָר פערזן?

* * *

דער דיכטערישער סימבאָל, דער דיכטערישער רמז שפּילט אין די דאָזיקע פּאָעמעס אַ גרויסע ראָל. אָט איז איינער פון די דינסטע און ווירקזאַמסטע.

גייענדיק — און פירנדיק אונז — איבערן גרויסן „נישטאָ", זאָגט סעגאַלאָוויטש קדיש נאָך יעדן פּרט פון אונזער פאַרשניטן לעבן.

איז דען מעגלעך, אַז סעגאַלאָוויטש, וועלכער האָט אַזוי ליב געהאַט קינדער, זאָל פאַרגעסן אָן זיי, דער האָפנונג פון יעדן פאָלק?

און ווי פּשוט און רירנדיק עס איז דער קדיש נאָך זיי. דיכטעריש איז דאָס איינס פון די שטאַרקסטע זייטלעך אין שטאַרקן בוך.

סעגאַלאָוויטש זוכט די יידישע קינדער. און ער דערמאָנט זיך ווי ער האָט זיי געזען אין שפּיל.

„עס שפּילן זיך קינדער אין קנעפּלעך,
„אויף איינעם פון די וואַרשעווער הויפן,
„איך זע די צעהיצטע, די קעפּלעך,
„די אויגעלעך די שוואַרצע, וואָס לויפן,
„דערווייל איז אַ סכסוך, אַ שטרייטל,
„מען ווייסט נישט: פאַרשפּילט צי געוווּנען?
„מען דאַרף עס באַטראַכטן מיט יושר,
„מען זעצט זיך אַוועק אויף אַ טרעפּל...
„און ווער וועט עס ווערן דער עושר?
„און ווער וועט עס האָבן דאָס קנעפּל?

„אַ גיפטיקע שפּין האָט אונז ציינדער
„דעם נעכטן אײַנגאַנצן פאַרשפּונען...
„איך ווייס נישט, וואָס איז מיט די קינדער?
„איך ווייס נישט, פאַרשפּילט צי געוווּנען?"

א ו י ס ג ע ר י ס ע נ ע   ב ל ע ט ע ר

מיר ווייסן היינט: פֿאַרשפּילט! פֿאַרשפּילט דעם גאַנצן דור קינדער!

אָבער סעגאַלאָוויטשעס דיכטערישער רמז, אין זיין פּיין פֿון ספקות, ווען אין יאָרהונדערטער אַרום אַ שטאָך טאָן אין האַרצן פֿון יעדן ייד, וואָס וועט קאָנען דיכטערישע עברי.

* * *

די פֿולע גאַמע געפֿילן, וואָס די עדות פֿון חורבן (די עדי־ראיה און די עדי־שמיעה) האָבן דורכגעלעבט: פֿון באַטויבטקייט ביז צאָרן, פֿון ווייטיק ביז פֿאַראַכטונג, געפֿינען אַן אויסדרוק אין סעגאַלאָוויטשעס חורבן־פּאָעמעס. ער רעדט פֿון צייט צו צייט אַביסל צו פֿיל; פֿון צייט צו צייט ווערן די דיכטערישע שורות צו שיטער, אָבער אין סך־הכל האָבן מיר פֿאַר זיך אין סעגאַלאָוויטשעס פּערזון אַן אויסדרוק פֿאַר אַלץ וואָס אַ ייד קאָן און מוז איבערלעבן, ווען ער גיט זיך אַ דערמאָן, נישט מיטן מוח, נאָר מיטן גאַנצן געמיט, אין אַ יזכור־טאָג, וואָס עס איז געשען.

צי לייזט ער נישט אויס אונזער אַלעמענס אָנמעכטיקן, אָבער הייליקן צאָרן, ווען גלייך נאָך די שורות:

„דער טאָג איז דיין תליון דער בייזער,
„דו ווערגסט זיך און צאַפּלסט ביז שקיעה,
„און נאַכט איז אַ קורצע דערליידזונג",

צעשרייט ער זיך ווי אַ פֿאַרוווּנדעטער לייב:

„פֿאַרוואָס זאָל אַ מבול נישט ווערן?
„פֿאַרוואָס זאָל נאַטור מיט איר כּוח
„נישט אויסוואָרצלען מענטש ביז די שטאַמען,
„אַז בלייבן זאָל תּהו ובֿהו...
„בלויז שטיינער, בלויז פֿעלז און בלויז ימען..."
„אויב מאַסן־מאָרד און קינדער שעכטן...
„פֿאַרוואָס נישט אַלעמען? ביז איינעם,
„דעם שלעכטן מענטש אין דעם גערעכטן,
„די פֿריינד, די שונאים, אַלע שכנים,
„און שטעט און לענדער...
„און וווּ נאָר מענטש איז ווען געשטאַנען —

„אַראָפּ! פאַרשניידן און פאַרוויסטן.
„פאַרטיליקן..." — — —
אויב עמיצער לעבט נישט דורך אָט די שורות ביזן גרונט, האָט ער קיינמאָל נישט דורכגעלעבט נישט דעם ווייטיק און נישט דעם צאָרן פון חורבן...

* * *

ווייניקע, ווי עס שיינט, האָבן אַזוי אימהדיק שאַרף איבערגעלעבט דעם חורבן פון דער ווייטנס, ווי סעגאַלאָוויטש.
דאָס בוך איז פול מיט לעבעדיקע עדות־שורות דערויף. און איך וויל פאַרענדיקן מיט אייניקע פון זיי:
„צו וואָס בין איך אין עלנט דאָ פאַרבליבן?
„דאָס זעט דאָך מאָדנע אויס, אַ מ אָ ד נ ע ר
ז י י ן . . .
„איך ווייס שוין אַלץ, איך ווייס און זע אַלץ מערער
„און ליידיק ווערט דאָס לעבן פון מיין זען...
„איך זע אפילו בלוט אויף דיינע שטערן,
„בלויז בלוט און בלוט... איך טונק אין דעם מיין
פען".
מיר האָבן דאָס אַלע איבערגעלעבט, אָבער נישט אַזוי אינטענסיוו ווי סעגאַלאָוויטש.
זיין פען, מיט וועלכער ער האָט געשריבן זיינע חורבן־פּאָעמעס, איז געטונקט אין בלוט.
אין בלוט פון זיין פאָלק און אין בלוט פון זיין אייגן האַרץ.

די מיסטעריע פון שעפערישן וואָרט
(וועגן חוה ראָזענפאַרבס דיכטונג)

אינם פאָרוואָרט צו איר לידער־ביכל „די באַלאַדע פון נעכטיקן וואַלד און אַנדערע לידער", שרייבט חוה ראָזענפאַרב:
„דעם 8טן פעברואר 1940 איז געקומען דער באַפעל פון די נאַציס וועגן געטאָ פאַר יידן פון לאָדז. ס'איז געווען ערב מיין געבורטס־טאָג. כ'האָב דעמאָלט געענדיקט 17 יאָר. א פאָר וואָכן

שפּעטער האָב איך שוין געוואָנדערט אין געטאָ, לענגאויס די דראָטן. בעת יענעם שפּאַציר איז אויפגעגאַנגען אין מיר די בענקשאַפט צום געזאַנג... כ'האָב אָנגעשריבן דאָס ערשטע לידל אין געטאָ".

און דאָס, וואָס חוה ראָזענפאַרב באַטיטלט די ערשטע לידער־אָפּטיילונג פון איר ביכל („געטאָ־לידער") — „ממעמקים קראתיך ד'..." איז פאַר מיר דער בעסטער באַווייז ווי טיף און זיכער עס איז איר דיכטערישער אינסטינקט: „ממעמקים קראתיך ד'" איז נישט נאָר אַ רעליגיעזער אויסגעשריי, — ס'איז דאָ אין אים — ווי אין דער רעליגיע בכלל — אויך דיכטערישער ציטער, פונקט ווי אין יעדן דיכטערישן אויסגעשריי איז דאָ אויך רע־ליגיעזער ציטער.

רעליגיע און דיכטונג זענען פאַרקרובה'ט אין אַ סך פּרטים, אָבער באַזונדערס מיט דעם, וואָס ביידע קומען זיי ממעמקים, — דער מענטש שרייט אַרויס פון דער טיפעניש פון צער אָדער התלהבות, פון דער טיפעניש פון איינזאַמקייט אָדער פון באַ־העפטונגס־געפיל מיט עפּעס גרויסעם און געהיימנישפולס, וואָס איז נישט דווקא גאָט, אָבער יעדנפאַלס געטלעך.

די יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן, וועלכע האָבן גע־שטעלט די קלאָץ־קשיות: 1) ווי אַזוי קאָן מען גאָר האָבן אַ לבבות איינצופאַסן אונזער גרויסן אומגליק אין גראַמען?, 2) צי מעג מען „געניסן" די דאָזיקע „חורבן־לידער"?, האָבן בולט באַוויזן, אַז זיי האָבן קיין אַנונג נישט וועגן מהות און דער פונקציע פון דיכטונג: וואָס תהומיקער עס איז די איבערלעבונג, אַלץ מער טוליעט מען זיך צו דער מיסטעריע פון וואָרט זי אויסצולעבן, זי איבערצובריקן, זי אַריבערצושפּרייזן.

און דערפאַר האָט דאָס דיכטערישע וואָרט אַזוי געבליט — און געטרייסט — אין די געטאָס, אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

און ווי קורץ און שאַרף חוה ראָזענפאַרב מאַכט צו נישט די אויבנדערמאָנטע קלאָץ־קשיות (אַ גאַנצע ליטעראַטור איז שוין דאָ וועגן זיי): ביים ערשטן שפּאַציר אירן לענגאויס די געטאָ־דראָטן איז אויפגעגאַנגען אין איר „די בענקשאַפט צום געזאַנג".

נישט נאָר ביי איר — ביי דער מערהייט, הגם נישט ביי

אַלע איז די בענקשאַפט צום געזאַנג געוואָרן געזאַנג (נישט ביי אַלע, אָבער ביי מער, ווי אונז דאַכט זיך).

און ווי טייער עס איז זיי געווען אָט דער געזאַנג, — צי דער אייגענער, צי אַ חברס (לויט די ווערטער, ווייל לויט דער שטימונג, און לויט דער בענקשאַפט איז אויך דעם חברס געזאַנג געווען אַן אייגענער).

דער געזאַנג, וואָס איז געווען אַן אויסדרוק פון לעבן־פאַר־לוסט, איז געוואָרן טייערער פאַרן לעבן גופא. מען האָט איינ־געשטעלט דאָס דאַזיקע אָרימע לעבן, כדי צו ראַטעווען זיין לעצטן געזאַנג.

אָט וואָס עס שרייבט אין איר קליינעם פאָרוואָרט די זעלבע חוה ראָזענפאַרב:

„מיינע געטאָ־לידער האָב איך געטראָגן מיט זיך ביז צו דער ערשטער סעלעקציע אין אוישוויץ. דאָרט האָט מען זיי מיר צוגענומען. כ'בין שוין דעמאָלט געווען באַרויבט פון אַלעם טייערן. געשטאַנען אַ נאַקעטע, מיט אַ גאָל־ראַזירטן קאָפּ. די לידער זענען געווען דאָס לעצטע, וואָס מען האָט מיר צוגע־רויבט".

חוה ראָזענפאַרב איז נישט געווען די איינציקע, וואָס האָט זיך געקלאַמערט אין די אָנגעשריבענע לידער, — פאַר אַ סך (וועגן אַ טייל פון זיי ווייסן מיר און וועגן אַ סך קאָנען מיר זיך דאָס פאָרשטעלן מיט דער גרעסטער זיכערקייט) זעניזן זייערע לידער געווען טייערער פאַר זייערע לעבנס. ווארום ווען נישט, וואָלט מען זיי דען געווען געטראָגן קיין אוישוויץ?

אין יענע צייטן, אין יענע מינוטן האָט מען זיך געקלאַ־מערט נאָר אין דאָס אומשטערבלעכע („ממעמקים קראתיך ד'"!), און די לידער זענען דאָס פאַר זיי געווען (און זיי זענען דאָס אויך פאַר אונז).

* * *

די לידער, וואָס זענען געשריבן געוואָרן אין די געטאָס און לאַגערן, זענען הייליק פאַר אונז, אפילו ווען זיי זענען בלויז שטאַמלעניש „ממעמקים". אָבער חוה ראָזענפאַרבס לידער־ביכל

איז מער ווי דאָס: אָפּט רייפע דיכטונג, און נאָך אָפּטער סימנים פון רייפער דיכטונג.

אין איר ליד „ממעמקים" (ז. 45), געשריבן, — שוין אין בריסל, סעפּטעמבער 1946, — „צו די חורבות פון לאָדזשער געטאָ", שרייבט חוה ראָזענפאַרב אַכט שורות, וואָס זיי אַליין זענען ווערט צו פאַראייביקן איר נאָמען אין דעם ספר הזהב פון יידישער דיכטונג:

„און פייגל האָבן קיינמאָל שענער נישט געזונגען,
„ווי דאָרטן אויף אַ דאַרער צווייג.
„ס'איז קיינמאָל האָפענונג אַזוי גרין נישט
אויפגעגאַנגען,
„ווי אויף אַ הויקערדיקער געטאָ־בייט.
„און כאָטש געהאַנגען איז דער הימל אויבן,
„אַרומגעצוימט מיט קאָלבעס און מיט זשאַווער־דראָט,
„דאָך האָט אין ערגעץ אַזאַ טעם געהאַט דאָס לעבן
„און פאַר קיינעם אַזוי נאָנט געווען איז גאָט".

דאָס איז נישט נאָר פּערפעקטע דיכטונג, — דאָס איז טיפסטע, געלייטערטסטע דיכטונג: דאָ צעקושט זיך דער אָפּ־גרונט־טיפסטער ממעמקים מיט דער העכסטער דערהויבונג.

ווער עס וועט נישט פאַרשטיין און איבערלעבן טיף־טיף דעם אינהאַלט פון די דאָזיקע קלאַנג־שטאַרקע פערזן, דער האָט נישט וואָס צו לייענען חוה ראָזענפאַרבס ביכעלע לידער, — ער וועט זיי סיי ווי סיי נישט באַגרייפן.

אין טאָל פון העסלעכסטן טויט האָט געבליט דאָס שענסטע לעבן, — אָט אַזוי קאָן מען אין איין זאַץ כאַראַקטעריזירן חוה ראָזענפאַרבס געטאָ־לידער (און, נאַטירלעך, אויך אירע נאָך־מלחמה־לידער).

אפילו אינם ערשטן געטאָ־ליד אירן, וואָס איז נאָך אַזוי אומבאַהאָלפן לויט דער פאָרם, קלאַפּט שוין דער דאָזיקער מעב־טיקער פּולס פון אומפאַרווּסטבאַרן מענטשלעכן לעבן (איך אונטערשטרייך: נישט דאָס גופיש־חיהשע לעבן, נאָר דאָס גייס־טיק־מענטשלעכע).

זי געפינט זיך הינטער געטאָ־דראָטן, און „דאָרט אויף יע־

נער זיין איז פריהייט", אָבער זי לאָזט זיך דורך דעם נישט דערדריקן.

„...האָסט אַ קישן? לייג דיין שווערן קאָפּ, לייג דיין מידן,
„חלום דיר אין שלאָף. דאָרט טו שמידן
„דיר דיין פרייהייט".

גלייך אין ערשטן ליד נעמט חוה ראָזענפּאַרבס נישט־באַפּעדערטע דיכטונג נאָרמאַל פונקציאָנירן: זי לאָזט נישט דערגראַדירט ווערן דעם מענטשן, וואָס די ווירקלעכקייט מיט זיך אים צו דעגראַדירן; זי באַשיצט אים דורך טרוים, דורך וועקן די אינערלעכע כוחות.

דיכטונג איז דעם גייסטס פּאַנצער. און באַשיצנדיק דעם גייסט, באַשיצט זי אָפּט אויך דעם גוף. איך ווייס נישט צי ס'איז אינגאַנצן ריכטיק די גריכישע חכמה, וואָס זאָגט, אַז „אין אַ געזונטן גוף איז דאָ אַ געזונטע נשמה"; אָבער עס איז אָן שום ספק ריכטיק די יידישע חכמה, וואָס זאָגט, אַז אַ געזונטע נשמה שיצט אַ שוואַכן גוף.

די דיכטונג פון געטאָ איז נישט נאָר אַ סימן פון גייסט, — זי איז אויך געווען אַ שוץ פאַרן גייסט.

און די שוואַכע גופים פון היטלערס קנעכט האָבן זיך געקלאַמערט אין איר.

* * *

אירע געטאָ־לידער האָט חוה ראָזענפּאַרב רעסטאַווירט פון זכרון נאָך דער באַפרייאונג:

„נאָך דער באַפרייאונג האָב איך מיך דערמאָנט אייניקע פון זיי. מייסטנטייל די, וועלכע איך האָב געשריבן אין מאָמענטן, וועלכע האָבן זיך ספּעציעל איינגעקריצט אין מיין זכרון. אַ פּאָר פון די דאָזיקע, אגב, נישט גענוי דערמאָנטע לידער, דרוק איך דאָ אָפּ".

מיר קאָנען נישט דעריבער גענוי אָפּשאַצן חוה ראָזענבאַרבס דיכטערישע אַנטוויקלונג. אָבער דאָך דאַכט זיך מיר, אַז מ'קאָן מיט דער גרעסטער זיכערקייט זאָגן, אַז גלייך נאָך די ערשטע הילפלאָזע לידער האָבן שנעל גענומען וואַקסן אירע

דיכטערישע פליגל. אויב איר ערשט ליד איז געשריבן געוואָרן אין 1940, און אין 1943 האָט זי שוין געקאָנט שרייבן אזא ליד ווי „רעגן... רעגן... רעגן...״ (ז. 16), האָט חוה ראָזענפארב גע־האט א דיכטערישן קפיצת הדרך.

נישט נאָר קינדער ווערן שנעל רייף אין א גרויסן אומ־גליק, — אויך דיכטער.

אפילו אין די לידער, וואָס בילדן א צווישנשיכט צווישן די ערשטע אומבאהאָלפענע טריט (זע „דאָרט אויף יענער זייט״, ז. 9) און די דיכטעריש־רייפע, ווי דאָס דערמאָנטע „רעגן... רעגן... רעגן...״, — געפינען מיר אָפט שטאַרקע שטעלן, וואָס זענען ווייט נישט קיין געוויינלעכע דערשיינונג ביי אן אָנפאנגער.

צו די דאָזיקע געהערט דאָס ליד „יצחק׳ס חלום״, ווו די אמאָליקע יחידישע עקידה ווערט דיכטעריש פאַרבונדן מיט דער היינט־צייטיקער אין פאָלקס־פארנעם. דאָס ליד איז צו לאַנג (אן אָפטע דערשיינונג ביי אָנפאַנגער, וועלכע האָבן גרויסע דיכטערישע פאטענצן און האָבן א סך וואָס צו זאָגן), ווי אָפט ביי חוה ראָזענפארב (דער גרעסטער חסרון אויך פון איר שטאַרקער „באַלאַדע פון נעכטיקן וואַלד״), די אויסגעוואַקסענע דיכטערישע פליגל זענען נאָך שוואַך באפעדערט, אָבער עס מערקט זיך שוין אין איר די שפּעטערע רייפע קראַפט. פאַראַן נאאיוויקייטן אין דאָזיקן ליד („גיי פון מיר, יצחק, איך גיי צו גאָלגאטע, „דאָרט וואַרט אויף מיר קריסטוס און ס׳וואַרטן מיט אים „די ליכטיקע העלדן פון רעוואָלוציעס, „די יידן און גויים פון קידוש השם״), פאַראַן א סך מטושטשקייטן, ווו דער אינ־האַלט ווערט נישט דורכגעפורעמט ביזן סוף, אָבער דאָך ציטערט דורך דאָ און דאָרט עכטע דיכטונג, גרויסע דיכטונג. למשל: ווען יצחק וויל איר, אַלס זיין כלה, פירן צו דער עקדה און ער טרייסט איר:

„כאָטש ברענען וועט שוין דער הילצערנער שייטער
„און לעקן דאָס לייב דיר, דאָך וועסטו זען:
„ס׳וועט פאַלן פון האַנט מיר דאָס בלאַנקענדע מעסער.
„דער נס וועט מיט דיר, ווי מיט מיר דאַן, געשען״.

אָדער:

„און דאָ האָט די טיר אַ שטורעם צעעפנט,
„אַ ווינט האָט צעטראָגן מיין היים און מיין הויז
„און האָט זיך צעזונגען אין שכנישע גאַסן:
„אַרויס, צו דעם שייטער! אַרויס! !
„האָב איך געקוקט אויף מיין טאַטן אברהמען.
(חוה ראָזענפּאַרבס פאָטער האָט געהייסן אברהם.—י. ר.)
„נאָר ער האָט מיר שווייגנד גענומען ביים האַנט.
„און בראָנזענער יצחק אין אַנגסטיקן ציטער
„געפּרעסט האָט זיין גוף צו דער וואַנט.
„דו שרעקסט זיך גאָר יצחק? איך בין נאָר אַ חלום.
„דערוואַך און דו ביסט שוין צוריק אינדערהיים.
„דאָרט וואַרט אויף דיר רבקה, דיין אמתע כלה,
„און רופט אין געצעלט דיך אריין.
„אייל זיך צוריק אין לאַנד פון די נסים,
„און מיר מיט מיין טאַטן לאָז איבער אליין.
„דיין גאָט גייט אליין היינט מיט אונז צו עקדה,
„טאָ אייל זיך צוריק אין דיין ספר אריין".

די קראַפט, וואָס צייכנט זיך שוין אָן אויב נישט אין דער דער־גרייכונג, איז אין דעם שווונג פון אַזאַ ליד ווי „יצחק'ס חלום", אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז אין אַ ריי וווּנדערבאַרע לידער, ווי „רעגן... רעגן..", „טע־בעצע־באַלאַדע", „באַלאַדע פון אַ טעניס־ראַקעטע". מיט אַזעלכע לידער וואָלטן זיך געמעגט גרויסן באַרימטע דיכטער. נישט נאָר די טעמאַטיק פון אַזאַ ליד ווי „באַ־לאַדע פון אַ טעניס־ראַקעטע",—די גאַנצע אַטמאָספער זיינע, די וווּנדערבאַרע בילדלעכקייט, די צאַרטע שפּילעוודיקייט, די כשוף־דיקע מעלאָדיק, — ס'איז אומגלויבלעך, אַז אַן אָנפאַנגער־דיכ־טער זאָל דאָס האָבן געשאַפן אין אַזעלכע באַדינגונגען. עס איז בכלל אַ ווונדער, ווען אָנפאַנגער געלינגען לאַנגאָטעמדיקע לידער, אָבער אַזאַ גראַנדיעז ליבע־ליד?!

„מאָרגן קומט זון צו מיין פענסטער
„און לייגט זיך אויס אויף דער וואַנט.
„מיר וועלן דאָ שפּילן אין טעניס,
„מיר אַלע צוויי זאַלבענאַנד.
„און אונזערע ביידנס טרעדן

„וועלן טעניס־באַלעמלעך זיין.
„מיר וועלן זיך איבערקלאַפּן,
„געוויין — אַנטקעגן געוויין.
„און אויבן אַ רעגנבויגן
„וועט שטיין צווישן אונז אינדערמיט.
„און מיר וועלן ביידע זיך וואַרפן
„מיט טרערן אַהין און צוריק.

— — — — — — — — — — — — — —

„וואָס שטופּסטו מיר צווישן ליפּן
„אַ לעפּעלע צוקער פאַר מיר?
„ווי זאַפטיק עס פליסט אין **מיר** זיסקייט...
„פון יעדן דיין שטילן באַריר.
„ווי זיס עס פליסט אינם בלוט מיר,
„כיבין שכור פון זיסקייט אליין.
„**איך ווייס אַז דו כליפּעסט אַצינדער**
„פאַר גרויסער פאַרשיכורטער פרייד.

און דאָס „וויג־ליד״ (ז. 29)? הערט א פיר סטראָפן פון א וויג־ליד צו א נישט געבוירן קינד:

„נישט דו וועסט אויפגיין אין מאָרגן,
„נישט איך האָב מיין האָפנונג פאַרזייט.
„אונזערע קברים פאַרבאָרגן
„אינם בית־עולם פון היינט.
„נאַקעטע פעלדער, מיין ליבער,
„און איבער זיי הימלען אָן טרוים.
„און צווישן הימלען און ערדן
„בלאנקעט זיך אונזער געוויין.
„און הער איבער פעלדער, די ווייטע,
„טראָגט זיך אַן אומעטיק ליד.
„עס הוידעט זיך איבער מיין קבר,
„עס הוידעט זיך איבער דיין וויג.
„טאָ לאָמיר ביידע איצט שלאָפן,
„מיין נאָך נישט געבוירענער זון,
„עס וועט זיך שוין קיינמאָל נישט טרעפן
„מיין חלום מיט דיינעם פאַרשפּינט״.

מען זאָגט, אַז כדי אַ זינג־פויגל זאָל בעסער, הארציקער זינגען, דאַרף מען אים אויסשטעכן די אויגן.

היטלער האָט אויסגעשטאָכן די אויגן ביי אַ גאַנצן פאָלק, און זיינע דיכטער האָבן זיך אַזוי צעזונגען, אַז דאָס האַרץ ווערט צעבראָכן פון זייער אָפּגרונט־טיפן און הימל־הויכן געזאַנג. חוה ראָזענפאַרב איז איינע פון דאָזיקן כאָר.

די געבורט פון דיכטונג און דיכטער אין געטאָ איז איינע פון די גרעסטע קולטור־דערשיינונגען, וואָס נאָר אַ גייסטיק־דעגענערירטע וועלט קאָן זי פאַרבייגיין מיט אַזאַ גלייכגילטיקייט (און אפשר ווייסט זי אינגאַנצן נישט וועגן דעם).

דאָס איז נישט נאָר אַ באַווייז פון גייסטיקער קראַפט, נאָר אויך אַ קוואַל פון גייסטיקער מאַכט אויף להבא.

*   *   *

דאָס גרעסטע — לויטן פאַרנעם — ווערק אין חוה ראָזענפאַרבס קליינעם לידער־ביכל (אינגאַנצן האָט עס 56 זייטן, שוין מיטן פאָרוואָרט און די שער־בלעטער) איז געשאַפן געוואָרן שוין נאָך דער מלחמה. דאָס איז „די באַלאַדע פון נאַקעטן וואַלד".

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די באַלאַדע איז אַביסל צעצויגן, איז עס דאָך אַ פיין ווערק.

דער נעכטיקער וואַלד איז פאַרברענט, אָבער על־פי־נס איז אויפן ראַנד פון ליידיקן פעלד פאַרבליבן אַ סאָסנע — אַ חוה ראָזענפאַרב, אָדער אַ מ. שטריגלער אָדער אַ ישעיה שפּיגעל א. א. וו.

אָבער:

„וואָס האָט נאָך צו טאָן אַן איינזאַמע סאָסנע,
„אויב נישט די בוימער דערמאָנען,
„און זינגען פון לעבן פון רוישיקן וואַלד,
„וואָס איז דאָ ערשט נעכטן געשטאַנען?"
— — — — — — — — — — — —
„און ס'טרעפט — אין דער שטילער ליידיקער נאַכט,
„ווען ס'חלומען גרעזער פון מאָרגן,
„שטייט פאַר איר אויף דער נעכטיקער וואַלד
„מיט וואַלדיקע פריידן און זאָרגן".

א ו י ס ג ע ר י ס ע נ ע   ב ל ע ט ע ר

און אין — על־פּי־רוב — שיינע, שטאַרקע פּערזן שילדערט חוה ראָזענפּאַרב דאָס לעבן פונם וואַלד, ווו ס׳איז אויך געוואקסן אַ דעמב און אַן אָדלער — צוויי טרוימען פון דער פאַרבליבענער סאָסנע.

אָבער:

„הימל און ערד זענען שרפה געוואָרן,
„געביסן פון פלאַמיקע צונגען.
„ס׳האָט פייער מיט אומקום—פאַרסמאַליעטע צײַן
„דעם וואַלד און זיין ניגון פאַרשלונגען".

און די פאַריתומטע סאָסנע טרוימט פונם נעכטיקן וואַלד.

„און דעמאָלט טרעפט, אַז עס שוועבן פאַרביי
„דיביימער אין שווייגנדע רייען,
„און דעמאָלט קומט דער אָדלער אויפסניי
„אויף צעבראָכענע פליגלען צו פליען"...

און ס׳ווערט איר צו שווער אַמאָל — דער פאַריתומטער סאָסנע, און זי בעט זיך:

„קום מער נישט צו חלום, דו וואַלדיקער דעמב,
„מיט דיין אַלטן, דעמבענעם ניגון,
„און רוף נישט צו מיר: — דו סאָסנע, געדענק!
„דערצו ביסטו לעבן געבליבן ! ! !
„לאָז מיך צורו, דו פאַרגאַנגענע פיין
„און לאָז מיך זיין ווי דאָס גרעזל.
„לאָזט מיך אָטעמען, גיט מיר די פרייד,
„זאָל זינגען מיין בלוט, וואָס עס ריזלט".

חוה ראָזענפּאַרב האָט געשריבן אין געטאָ, אין איר וווּנדערבאַרן ליד „רעגן... רעגן... רעגן..."

„לעבן... לעבן... לעבן,
„ציטערסט אין מיין שויב.
„כ׳וויל שפייען דיר אַ קללה,
„און כ׳פליסטער נאָר אַ לויב.
„לעבן... לעבן... לעבן,
„טריף נאָך, טריף אַ טראָפּ.
„שמייס מיך מיט דיין רעגן,

י. ראַפּאָפּאָרט

„נאָר טרעט פון מיר נישט אָפּ.

„בעסער האַרבסטיק זיך פרייען,
„איידער אינגאַנצן נישט זיין.
„וואָס זאָל איך טאָן, אַז כיוויל לעבן.
„און אויסוויינען גאָר מיין געוויין?"

אָט די זעלבע לעבנסקראַפט שרייט אין איר ארויס אין דער „באַלאַדע פון נעכטיקן וואַלד":

„כיוויל האָבן אַ נייעם פאַרשיכורטן גאָט,
„און אַ פריידיקן שווונג אין די גלידער,
„כיוויל האָבן אַ נייעם פאַרכשופטן סוד
„און נייע, צעפידלטע לידער.

און נישט נאָר זי בעט זיך אַזוי ביים נעכטיקן וואַלד, — אויך מ. שטריגלער בעט זיך אַזוי, און אַ סך אַנדערע.

אָבער אומזיסט: פּונקט ווי דאַן, ווען דאָס לעבן איז געווען איין אומענדלעכער האַרבסט־רעגן, האָבן זיי געוואָלט שפּייען אויף אים אַ קללה און געזונגען אַ לויב, אַזוי וועלן זיי היינט, בעת דאָס לעבן ווינקט מיט זיינע פאַרכשופטע סודות, נישט פאַרגעסן די, וועמעס פאַרכשופטע סודות עס זענען אַראָפּגע־שווענקט געוואָרן פון לעבנס־איבערפלאַך דורך דעם אומענד־לעכן רעגן פון פּיין און בלוט:

„דו מוזט דעם וואַלד דיר טראָגן אין קרוין,
„אונזער אַש און די גרינע צווייגן,
אונזער ליד מוזטו ברומען, כאָטש דו ביסט אליין,
„און אויפמאַכן מוזטו דיין שווייגן".

די מיסטעריע פון שעפערישן וואָרט האָט נאָך קיינער נישט דערגרונטעוועט.

ווי פיינלעך עס איז נישט פאַר חוה ראָזענפאַרבן צו דער־מאָנען דעם נעכטיקן וואַלד, איז עס אָבער גלייכצייטיק פאַר איר נישט נאָר אַ גרויסע פליכט, נאָר אויך אַ גרויסע שעפערישע פרייד.

ס'איז אַ פרייד אויסצוויינען דעם אייגענעם געוויין.

די, וואָס האָט נאָקעטערהייד, אין אוישוויץ, נאָך געטוליעט צו זיך אירע לידער פון געטאָ, וועט נישט אויפהערן צו טוליען

זיך צום שטומען, פארשטומטן ליד פון נעכטיקן וואלד.

ס'איז נישט קיין פראגע צי מען מעג די נעכטיקע שרפה באזינגען און צי מען מעג „גענוסן" די געזאנגען וועגן חורבן, — ס'איז א פליכט און א פריווילעגיע צו באזינגען און צו שעפן טראפט פון טרויער, ווייל — ווי חוה ראזענפארבס טאטע פאר־ענדיקט די באלאדע וועגן נעכטיקן וואלד:

„ס'וועט אויפגיין א וואלד אויף חרובער ערד,
ס'וועלן דעמבעס און סאסנעס קומען;
„זאל פאלן אויף זיי אונזער אש, אונזער שטויב
„ווי פילע און הייליקע זאמען..."

III

פון דער יידישער ליטעראַטור

א) דיכטונג

יעקב גלאַטשטיינס דיכטערישער וועג
(פון זילבעקסצענטרישקייט צו גרויס־נאַציאָנאַלער דיכטונג)

א

איך גלויב נישט, אַז אַ דיכטער דרייט זיך נאָר ארום זיך, אומאָפּהענגיק פון די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע גראַוויטאַציע־געזעצן, וואָס באַווירקן יעדן מענטש.

איך גלויב אָבער אויך נישט, אַז די מאַרקסיסטישע קריטיק, וואָס דערקלערט יעדעס ווערק לויט די דאָזיקע סאָציאַלע גראַוויטאַציע־געזעצן, איז גערעכט.

דער דיכטער, ווי יעדער מענטש, דרייט זיך נישט נאָר ארום דער אייגענער אַקס, ווי די ערד, נאָר אויך, ווידער ווי די ערד, אַרום דער זון. דעם דיכטערס געפילן און געדאַנקען — און במילא זיינע שאַפונגען — זענען אַ רעזולטאַט פון קאָמפּליצירטע קעגנזייטיקע באַווירקונגען פון זיין אייגן וועלטל און פון דער וועלט אַרום אים. אָבער נישט יעדעס מאָל לאָזט זיך מיט זיכערקייט פעסטשטעלן, ווו ס'ענדיקט זיך דאָס פּערזענלעכע, און ווו עס הויבט זיך אָן דאָס סאָציאַלע. אָפטמאָל קאָן אַ סאָציאַלע ווירקונג אַרויסרופן — אַלס רעאַקציע — דאָס אינטימסטע „איכישע" ליד, און פאַרקערט, — אַ פּערזענלעכע איבערלעבונג קאָן אַרויסרופן אַלס רעאַקציע אַ סאָציאַלן אויסברוך.

דאָס איז נישט נאָר אַ שווער געביט, נאָר ממש אַן אומדורכדרינגלעכס. און דעריבער: צולאָזנדיק טעאָרעטיש, אַז דאָס סאָציאַלע באַווירקט שטאַרק דאָס אינדיווידועלע שאַפן פון קינסטלער, טאָר מען דאָך נישט אַריינטייטשן מיט געוואַלט אַ סאָציאַלן מאָטיוו, אַ סאָציאַלן סטימול דאָרט, ווו ער לאָזט זיך נישט בפירוש אָנטאַפּן, — ווייל סוף־כל־סוף דרייט זיך דער דיכטער אויך אַרום זיין אייגענער אַקס.

יעקב גלאַטשטיין געהער אָבער צו יענע דיכטער, וואָס די סאָציאַלע באַווירקטקייט זיינע לאָזט זיך לייכט דערקענען, — מען דאַרף זי נישט אריינטייטשן; זי לאָזט זיך לייכט אויס־טייטשן.

ב

אויפן שוועל פון 19טן יאָרהונדערט, האָבן זיך פאַר דער יידישער געשיכטע — און במילא פאַר יעדן יידישן מענטש — אַנטפּלעקט דריי טרייסט־באַוועגונגען: 1) ציוניזם, 2) סאָציאַלע רעוואָלוציע און 3) אויטאָנאָמיזם.

פּונקט דאַן, ווען די יידישע געשיכטע איז דערגאַנגען ביזן סוף פון איר טראַדיציאָנעלן וועג פון גאָט־ און משיח־גלויבן, האָט דאָס יידישע לעבן דערזען פאַר זיך דריי טרייסט־וועגן. און דאָס איז נאַטירלעך: ווען אַ טייך שטויסט זיך אָן אויף אַן אומ־דורכדרינגלעכער שטערונג, פאַרנעמט זיך זיין לעבעדיקער שטראָם אויף אַן אַנדער וועג.

דאָס יידישע לעבן, וואָס איז סוף 19טן יאָרהונדערט פול געווען מיט וויטאַלע כוחות, האָט — דורך זיין לעבנספּעאיקייט גופא — געמוזט שאַפן פאַר זיך אַ טרייסט־וועג, אָדער טרייסט־וועגן. דער ווילן צום לעבן — פאַרלירנדיק די אַלטע לעבנסמעג־לעכקייטן — האָט געשאַפן פאַר זיך נייע.

די רעליגיע איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אָבער דער נאַציאָ־נאַליזם איז שטאַרקער געוואָרן, און דער לאַטענטער (פאַרבאָר־גענער, נאָך נישט צום וואָרט, צום באַוווסטזיין געקומענער) ציוניזם איז אַקטיוויזירט געוואָרן; דער רעליגיעזער משיח־גלויבן איז פאַרוויאַנעט געוואָרן, אָבער דער גלויבן אין סאָציאַלן פאַראַגרעס, אין סאָציאַליסטישן משיחיזם האָט פאַרנומען זיין אָרט; מען האָט מער נישט געקאָנט לעבן אין די גרעניצן פון אַלטן אויטאָנאָמען געטאָ, אָבער דער גלויבן אין אַ מאָדערנעם אויטאָנאָמיזם, אין די רעכט פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, האָט זיך פאַנאַנדערגעבליט מיט דער גאַנצער פראַכט פון יידישן בטחון.

אין אָנהויב פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען די אויבנדערמאָנטע דריי טרייסט־וועגן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זיכערקייט, אַז אַלע דריי האָפנונגען זענען מקוים געוואָרן: 1)

דער ציוניזם איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אין דער באַלפור־דעק־לאַראַציע; 2) דער סאָציאַלער משיחיזם איז פאַרווירקלעכט גע־וואָרן אין די רעוואָלוציעס אין רוסלאַנד, דייטשלאַנד, אונגאַרן און אין דער ערב־רעוואָלוציע־שטימונג אין דער גאַנצער וועלט, און 3) דער אויטאָנאָמיזם האָט געהאַט צו פאַרצייכענען גאַנצע, האַלבע און שטיקלעך אויטאָנאָמיע אין עטלעכע לענדער (אוק־ראינע, ליטע, לעטלאַנד) און אין דעם מינדערהייטן־טראַקטאַט מצד דעם פעלקער־בונד.

אונטערן צייכן פון די דאָזיקע טרייסט־באַוועגונגען — און שפּעטערע אילוזיעס — האָט זיך געענדערט דאָס פּנים, די פּסי־כיק און די שטימונג פון אונזער לעבן און ס׳איז אויך געוואַקסן און האָט געענדערט איר פּנים די יידישע ליטעראַטור.

ג

אין וואָס זענען באַשטאַנען די עיקרדיקע ענדערונגען אין דער יידישער ליטעראַטור אין דער תקופה נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה?

ביז דער מלחמה האָט די פּראָזע — בדרך־כלל — ווייט־ווייט אַריבערגעשטיגן אונזער דיכטונג, — די ליטעראַטור האָט אָפּגעשפּיגלט אַן איינגעפונדעוועט לעבן (אפילו אין די ערשטע יאָרצענדליקער פון זיין פאַנאַנדערפאַל, איז דאָס דאָזיקע לעבן געווען איינגעפונדעוועט; אויב נישט אין לעבן גופא, איז אין דער פּסיכיק, וואָס ענדערט זיך נישט אַזוי שנעל), און די פּראָזע האָט געהאַט דאָס הויפּט־וואָרט; איצט האָט די דיכטונג געהאַט ווייט אַריבערגעשטיגן די פּראָזע, — די ליטעראַטור האָט גענו־מען געבן אַן אויסדרוק דער עיקר געפילן, האָפענונגען און פאַרלאַנגען.

די פאַרלאַנגען זענען געווען נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע, אַל־מענטשלעכע. אָבער איבער די דאָזיקע אַלע פאַרלאַנגען האָט גע־הערשט אַ וואונדערבאַרע שטימונג, אַן אַלגעמיין געפיל: עס איז לייכט געוואָרן צו זיין אַ ייד און עס איז לייכט געוואָרן צו ווערן אוים ייד (אפילו בלייבנדיק נאָמינעל אַזאַ). אַלע וועגן צו דער וועלט זענען געוואָרן פריי.

עס איז נאָך גאָר נישט לאַנג צוריק שווער געווען צו זיין

א ייד, — ס'איז געגוג צו לייענען מ. ז. פייערבערגן און ח. נ. ביאַליקן; די וועלט איז פאַר זיי געווען פאַרשלאָסן אָדער פיזיש אָדער פסיכיש (אָדער אויף ביידע שלעסער).

אָבער נאָך שווערער איז געווען צו ווערן אוים ייד, — זע די זעלבע מ. ז. פייערבערג און ח. נ. ביאַליק: ווי אַזוי קאָן מען פאַרלאָזן אויף איין מינוט א פאָלק — א חולה מסוכן, א פאָלק, וואָס ווערט פאַרפאָלגט, וואָס ראַנגלט זיך פאַר זיין קיום. זיין א ייד האָט געהייסן ברענגען א קרבן, איז געווען א לאַסט, און דער וועג צו ווערן אוים ייד האָט געפירט בלויז דורך דעם שמאָלן, שמוציקן שטעג פון צביעותדיקן בייטן דעם גלויבן, פון נאַציאָנאַלן פאַרראַט, פון אריבערלויפן פון די פאַרפאָלגטע צו די פאַרפאָלגער.

און מיטאַמאָל איז דאָס געוואָרן אַנדערש: ס'איז לייכט צו זיין א ייד — די ישועה איז אויסגעשפרייט אין דריי ריכטונגען, לויט יעדנס געשמאַק; און צו ווערן אוים ייד איז אויך לייכט — נישט נאָר מען דאַרף קיינעם נישט פאַרראַטן (ווייל די רעטונג פונם פאָלק איז געזיכערט, קיינער פאַרפאָלגט אים נישט און פון אַלע זייטן ווינקען רעטונגס־וועגן), נאָר מען קאָן ווערן כמעט אוים ייד, גאָר נישט טוענדיק דערצו: מען הערט פשוט אויף צו טראָגן די יידישע לאַסט, די לאַסט פון קיום האומה, און מען פאַרזינקט, א באַפרייטער, אין דער וועלט, אין דער וועלט פונם „איך", אין זיך.

די גרופע „אינזיך" איז טאַקע די שאַרפסטע קריסטאַלי־זאַציע פון דער דאָזיקער שטימונג, איינער פון אירע אויסדרוקן. ס'האָט א כאַפּ געטאָן א כוואַליע פרייד ביי דער מעגלעכקייט אָנשטענדיק, נאָרמאַל צו אַנטרינען — און אַרויסגעריסן פון די ענגע ראַמען פון די יידישלעכע פּראָבלעמען, האָט מען א שווום געטאָן אין דער אומענדלעכער וועלט פונם מענטשלעכן „איך" מיט אַלע זיינע איבערלעבונגען, ווו די יידישע קנייטשן זענען אויך נאָר א טייל פונם אומענדלעכן אַלמענטשלעכן „איך" און נישט עפּעס אָפּגעזונדערטס, ספּעציפישס, — מען זעט עס און מען פילט עס און מען לעבט עס איבער גאָר אַנדערש ווי אַמאָל.

יעקב גלאַטשטיין איז איינער פון די דאָזיקע אינזיכיסטן (זיי זענען געווען א סך מער, ווי די, וועלכע האָבן געהערט צו

דער באַשטימטער „אינזיכיסטישער" גרופּע, — די גרעסטע טייל ייִדישע שרייבער און דיכטער האָבן זיך באַנוצט מיט דער נאַציאָנאַלער אַמנעסטיע לכבוד דער לייכטקייט צו זיין אַ ייִד און צו ווערן אויס ייִד, און זענען פּאַרזונקען אין זיך, הגם נישט תמיד האָבן זיי געהערט צו אַ באַשטימטער טעאָרעטישער ריכטונג), איינער פון די כאַראַקטעריסטישסטע פאָרשטייער פון פרייען, באַפרייטן ייִדישן קינסטלער.

ד

דאָס איז געווען אַ וואונדערבאַרע צייט. ס'איז געווען אַזוי גוט נישט צו פילן אויף זיך דעם הויקער פון דער זאָרג פאַרן קיום האומה. מען האָט ענדלעך געקאָנט זען נישט נאָר דעם „ייִדישן מאַי", נאָר דעם מאַי אַלס אַזאַ; מען האָט געקאָנט רעדן צום פויגעלע נישט ווי אַ ייִד, נאָר ווי אַ מענטש, ווי אַ דיכטערישער מענטש; מען האָט, מיט איין וואָרט, באַקומען אַ מאָראַלישע דערלויבעניש צו פאַרגעסן וועגן פאָלק און אָפּצוגעבן זיך מיט זיך אליין, מיט די קינסטלערישע נייגונגען, מען האָט געקאָנט זיין בלויז קינסטלער (דאָס, וואָס מען האָט ביז דאַן נישט געקאָנט מיט אַ רואיקן געוויסן).

געוויס, די גרופּע „אינזיך" האָט געשעפּט השפּעה פון דעם אַרום, פון די אייראָפּעאישע און אַמעריקאַנישע מאָדערנע פּאָעטישע ריכטונגען, — אָבער אָפּצוגעבן זיך דער דאָזיקער השפּעה האָבן זיי געהאַט — פּסיכיש און מיט אַ ריינעם געוויסן — די מעגלעכקייט נאָר אַ דאַנק דער גרעסטער געזעלשאַפטלעכער אַטמאָספער אינעם ייִדישן לעבן פון די צוואַנציקער יאָרן.

מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז די אייראָפּעאישע דיכטונג איז געווען מיד פון די אַלטע וואָרט־פאָרמען, און געזוכט נייע; אָבער די ייִדישע דיכטונג איז געווען ניי, פריש, — זי האָט קוים גענומען אויספורעמען זיך און איר לשון, — און שוין מיד?

ווי פאַרשטענדלעך עס איז נישט די שפּילעוודיקייט פון אַ גלאַטשטיין דיכטעריש־אינדיווידועל, איז זי נאָך אַ סך פאַרשטענדלעכער ייִדישלעך־סאָציאַל.

דער ייִדישער קינסטלער, וואָס האָט נאָך אָט־אָ־דאָ גאָרנישט לאַנג נישט געטאָרט אָפּרייסן זיך פון דער זאָרג פאַרן קיום

האומה און זאָגן: „מה נאה אילן זה", — דער דאָזיקער דיכטער קאָן זיך שוין צוהערן בלויז צו די קאַפּריזן פון זיין „איך", צו זיינע אינערלעכע, אינטימסטע אַסאָציאַציעס; נאָך מער, ער קאָן אפילו שפּילן זיך מיטן וואָרט אויף פּוסט, — ער, וואָס האָט נאָך אָט־אָ־דאָ נישט לאַנג נישט געטאָרט באַנוצן דאָס וואָרט אומזיסט, ווי מען טאָר נישט אַרויסברענגען מיט די ליפּן גאָטס נאָמען אומזיסט־אומנישט.

געוויס, כדי צו קאָנען זיך אַזוי פאַרשיכורן מיטן וואָרט, מיטן וואָרט־קלאַנג, מוז מען האָבן ספּעציעלע פעאיקייטן, וועלכע יעקב גלאַטשטיין פאַרמאָגט טאַקע. אָבער כדי די דאָזיקע פעאיקייטן זאָלן זיך קאָנען ווי געהעריק צעבליען, מוזן זיי האָבן אַ געהעריקע געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספער.

און יעקב גלאַטשטיין האָט זי געהאַט אין דער אַטמאָספער פון באַפרייטקייט פון דער ספּעציפישער לאַסט פון יידנטום: דער נאַציאָנאַלער אויסנאַם־צושטאַנד איז פאַרענדיקט, — דער יחיד (אינם דאָזיקן פאַל דער דיכטער) ווערט דעמאָביליזירט און ער איז פריי צו טאָן מיט זיך וואָס ער וויל.

אָט אין דער אַטמאָספער בליט זיך פאַנאַנדער (אָפט אויף פּוסט) דער ערשטער דיכטונג־פּעריאָד פון יעקב גלאַטשטיינס לאַנגן, אָבער נישט־גלייכן דיכטערישן וועג.

ה

די יידישע דיכטונג פון פאַרן אינדיווידועלן מתן־פרייהייט, איז בעיקר געווען אַ דיכטונג פון „מאי קא משמע לן?", מיט אַן אינהאַלט; יעקב גלאַטשטיין איז איינער פון די, וועלכע זענען פאַרלאָפן אין ווייטסטן ווינקל פון קעגנזאַץ. נישט נאָר ער וויל זיך באַפרייען פונם נאַציאָנאַלן אינהאַלט, נאָר פון געוויינלעכן אינהאַלט אפילו, ער וויל זיך אַזש באַפרייען פונם וואָרט גופא, וועלכן ער רייסט אָפּ פון זיין וואָרצל, פון זיין נאַטירלעכן עלעמענט. יעקב גלאַטשטיין איז אַ וווּנדערבאַרער מייסטער פון יידיש, אַ שעפער פון נייע וואָרט־קאָמבינאַציעס, פון נייע ווערטער אפילו. ווען ער גיט אַ פּאַראייניק אין זיין שטיפערישער וואָרט־שפּילעריי די צוויי ווערטער: „פאַרגעניגן" און „נחת" און מאַכט פון זיי אַ „פאַרגענאַכעס", פילן מיר, אַז נישט נאָר מיר,

— אויך דער שר פון דער יידיש־שפּראַך גיט זיך אַ צעשמייכל גנעדיק און באַוויליקט דעם שעלמישן איינפאַל פון זיין שטיפע־רישן פאַרגענאַכעס. אָבער וואָרט־שעפערישקייט איז שפּראַך־אויסשפּרייטונג, שפּראַך־פאַרטיפונג; וואָרט־שעפערישקייט הייסט באַרייכערן אַסאָציאַטיוו אַ וואָרט, דורך ענדערן עס, אָדער באַ־רייכערן די שפּראַך אַסאָציאַטיוו דורך קאָמבינירן אַלטע ווער־טער אין נייע וואָרט־פאַרבאַנדן. אָבער שפּראַך־שעפערישקייט הייסט נישט וואָרט־צעשטערונג, וואָרט־רעבוסעריי (כ'האָב שיער נישט געזאָגט „וואָרט־לאַבוסעריי"), קאָפּ־צעברעכערישע אַקראָ־באַטיק אויף אויסצוגעפינען אַ זין, אויף אויפצוכאַפּן אַ וואַסער־נישט־איז זינפולע אַסאָציאַציע (אויב זי איז בכלל דאָ). „גאָט־בעכי", למשל, איז נישט קיין ניי שעפעריש וואָרט, נאָר אַ זינ־לאָזע שטיפעריי. אמת, נאָך נישט קיין שעדלעכע, ווי דאָס זענען די צעקאַליעטשעטע ווערטער פון אַנדערע געדיכטן.

קיינער וועט מיר נישט איינרעדן, אַז דאָס געדיכט „זייגער און מאַמע" (אין יעקב גלאַטשטיינס „יידישטייטשן") האָט אַ זין אָדער אפילו בלויז אַ דיכטערישע שטימונג.

אָט איז דאָס געדיכט (עס איז גאָט צו דאַנקען קורץ):

אַ קליק טיקט און זי אַ
איז אַ וואַרעם און אויג
און אויג און כאַ און האַנט און האַנט
און קלייד און קליק
קליק קליק קליק".

לאָמיר נעמען נאָך אַ ביישפּיל, דאָס ליד: „נאַכט, זיי שטיל צו מיר":

עס הויבט זיך אָן אַזוי:

נאַכט, זיי שטיל צו מיר —
שטילע נאַכט.
נאַכט, זיי לאַנג צו מיר — לאַנגע נאַכט.

דאָ איז נאָך גאָרנישטאָ, אָבער מען קאָן נאָך עפּעס דערוואַרטן.

אָבער — אָט קומט דער המשך:

מיט מיר אונטער דעם צודעק זיי שווייג צו מיר —
שווייגע נאַכט.

י. ראַפּאָפּאָרט

איך וועל עס דריי מאָל איבער איבערן,
העכער פון דער מורא זינגען.
היימלעך איז מיר דער גרויל פון דיינע ,
קעצלדיקע אויגן אין אַלע טונקלען.
ליב איז מיר די שרעק פון דיינע
מיליאָסן רוישן אין אַלע ווינקלען.
די מאַמע איז אַ מערדערין,
איר אַרט נישט, וואָס אַ שאָטן
שאַרפט אַ מעסער און וויל מיך קוילן.
זי איז אַוועק אין טאַטנס בעט,
און איר אַרט נישט, וואָס מאָרגן
וועט מען מיך געפינען אַ דערוואָרגן,
אַרט מיך אויך נישט.
אַרט מיך נישט.
אַרט מיך אויך נישט.
אַרט מיך נישט.
אַרט מיך אויך
נישט.
דורך דער שמאָלער סטעזשקע
נאַכט זיי קום צו מיר.
צו מיר אין פענסטער.
נאַכט זיי קוק צו מיר.
קוקע נאַכט.
אין די נאָרמאַלע טיילן זיינע איז דאָס ליד שוואַך, אָ־ער וואָס
זאָל מען זאָגן צום „קוקע נאַכט" אָדער צו „שווייגע נאַ ייז"?
און וואָס זאָל מען זאָגן צו אַזאַ קעפּל פון אַ ליד:
„אוי די נאַכט,
אָ די נאַכט.
אהאָ די נאַכט,
אהא די נאַכט?
צום בעסטן האָט וועגן דעם געזאָגט יעקב גלאַטשטיין אליין,
אין עטלעכע שורות פונם דאָזיקן ליד:
גאַנצע וואַסער איז אַרויס.
פלייצן די קאַנאַלן,

א ו י ס ג ע ר י ס ע נ ע   ב ל ע ט ע ר

גראַמען די באַנאַלן
שוימען די באַקאַלן —
און אזוי ווייטער.

די פרייהייט, וואָס די יידישע דיכטונג האָט באַקומען, האָט זי, — ווי דאָס געשעט אָפט מיט פּלוצלונג באַקומענער פרייהייט — שפּאַרלעך פאַרוואַנדלט אין הפקרות.*)

אויך אין ערשטן פעריאָד פון זיין שאַפן האָט יעקב גלאַט־שטיין מעלות, מען קאָן זיי נישט פאַרלייקענען, — אָבער וועגן זיי וועט אויסקומען צו רעדן אַביסל ביים פאַרגלייכן זייער יוגנט מיט זייער רייפן עלטער: ווי די מעלות זעען אוים אין ערשטן פעריאָד פון זיין שאַפן, ווען דער דיכטער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַלע יידישע עולן און זיך צעשטיפט, ווי אַ קונדעס, וואָס לויפט ארוים פאַרנאַכט, נאָך אַ לאַנגן זומער־טאָג אין חדר, און ווי זיי זעען אוים שפּעטער, אין פעריאָד פון זיין שטראַלנ־דיקער דיכטונג.

ו

אַלע דריי יידישע טרייסט־ווענן זענען גאָר גיך פאַרצווינגן געוואָרן מיט אַ נעפּל פון אַנטוישונג און יאוש. די אויטאָנאָמיע־טרוימען האָבן געפּלאַצט ווי קינדערשע זייפנבלאָזן, און די מינ־דערהייטן־טראַקטאַטן פון דער פעלקער־ליגע זענען נישט ווערט געווען דאָס פּאַפּיר, אויף וועלכן זיי זענען אויפגעשריבן געוואָרן; דער סאָציאַלער משיחיזם האָט זיך פון אַ ראַזאָווער האָפנונג גע־נומען פאַרוואַנדלען, נאָך אין די צוואַנציקער יאָרן, אין אַ קאָש־

---

*) אין גלאַטשטיינס עסיי וועגן לייוויקס „אין טרעבלינקע בין איך נישט געווען", (ז. 72 פון זיין עסייען־בוך „אין תוך גענומען") געפין איך פאָלגנדע שטעלע, אין וועלכער ער שרייבט וועגן און קעגן די יונגע, אָבער אין דער אמתן שרייבט ער דאָס קעגן זיך אליין אויך: „אַזוי שטאַרק האָט זיך זיי (די יונגע, — י. ר.) אריינגעזונגען אין די ביינער די איבערגעזייערטע מוזיק (סיי פון וואָרט און סיי פון קלאַנג), אַז ווען זיי האָבן זיך געוואָלט באַפרייען דערפון, זענען זיי אַוועק צום אבסאלוטן היפוך פון פּאָעזיע, צום אויסגעליידיקטן וואָרט און גענעצדיקער טאָג־טעגלעכקייט".

מאַר: איירּאָפּע האָט מיט אירע רעוואָלוציעס געמפּילט און זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן מיט דער העסלעכסטער רעאַקציע — מיטן פאַשיזם; און אין ראַטנפאַרבאַנד איז דאָס געבוירענע קינד געוואָרן — אַ מאָנסטער; און אין ארץ־ישראל האָט די באַל־פור־דעקלאַראַציע, צוזאַמען מיט דער פייערלעכער דעקלאַראַציע פון צוויי און פופציק פעלקער, גענומען פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ווייסן פּאַפּיר, ווייל זייער אינהאַלט האָט גענומען אָפּגעמעקט ווערן. דער אַנטשטייענדיקער רעוויזיאָניזם איז געווען אַ דירעק־טער ענטפער אויף דער פאַרצווייפלונג, וואָס עס האָט ארומגע־כאַפּט די יידישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג.

אויף יעדן וואָלקן, וואָס האָט פאַרצויגן די הימלען פון דער וועלט, איז דער יידישער הימל פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ גאַנצן שאָק וואָלקנס. מיט היטלערס קומען צו דער מאַכט איז דער יידי־שער הימל געווען איין גרויסע כמארע (און אין די יאָרן 1939—1945 האָט זיך פון איר אַרויסגעריסן דער מוראדיקער בליץ, וואָס האָט אונז פאַרברענט כמעט ביזן וואָרצל).

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די טרייסט־וועגן זענען געווען אַ פאַנטאָם, אַז נישט עס איז לייכט געוואָרן צו זיין אַ ייד און נישט עס איז לייכט געוואָרן צו ווערן אויס ייד, — פאַר־קערט, די לאַסט פון דער זאָרג פאַרן קיום האומה איז נאָך קיינ־מאָל נישט געווען אַזוי שווער און פאַרפליכטנדיק, ווי איצט.

דער דאָזיקער איבערברוך אינם יידישן לעבן האָט גענומען באַקומען אַליין אַ שטאַרקערן אָפּקלאַנג אין דער ליטעראַטור. און פּונקט ווי די פרייהייט־אילוזיע האָט באַקומען אַן עקסטרעמען אויסדרוק אין יעקב גלאַטשטיינס דיכטונג פון די צוואַנציקער יאָרן, אַזוי האָט די גרויסע רעאַקציע אין דער יידישער שטימונג באַקומען דעם עקסטרעמסטן אויסדרוק אויך ביי יעקב גלאַט־שטיינען, אין זיין באַרימטן ליד: „אַ גוטע נאַכט, וועלט".

דאָס דאָזיקע ליד האָט פאַרמאָגט אַ שטאַרקע פּראָוואָצירנ־דיקע פּובליציסטישע זייט און מען האָט צוליב איר פאַרזען דאָס גרויס־דיכטערישע אין אים. ווי אַ שאַרפע פייל האָט זיך אין אַלעמענס באַוווסטזיין איינגעשניטן דער „צוריק אין געטאָ!" און מען האָט זיך געוואָרפן אין אידעאָלאָגישן קאַמף צי מען דאַרף און צי מען קאָן צוריקגיין אין געטאָ.

מיט דער צייט אָבער, וואָס מער דער פּובליציסטישער רעש אַרום דעם־אָ ליד איז איינגעשטילט געוואָרן, האָט אַלץ מער גענומען אַרויסטרעטן אין פאָדערגרונט זיין דיכטערישער אינהאַלט, זיין געמיט־אינהאַלט. די, וואָס האָבן אַן אויער פאַר דיכטונג, האָבן, נאָך אַ צייטווייליקער פאַרטויבונג, אָנגעהויבן אַרויסצוהערן פון דאָזיקן ליד די עכטסטע דיכטערישע קלאַנגען, אָנגעפילט מיט אַ טיפן געפיל־אינהאַלט, מיט אַ טיפן יידישן אינהאַלט. און דאָס ליד, אַנשטאָט פאַרגעסן צו ווערן, האָט גענומען אַרויסווייזן זיינע אייביקייט־טענדענצן. די שורות, מיט וועלכע יעקב גלאַטשטיין שילדערט די אַלטע יידישע וועלט, צו וועמעס אינערלעכער ריינקייט און מענטשלעכער פולקייט ער בענקט פון דער אינערלעכער פוסטקייט און מענטשלעכער נישטיקייט פון דער גוישער, זענען פול מיט אַזאַ איבערצייגנדיקער עמאָציע, מיט אַזאַ שפע איבערראַשנדיק־סוגערירנדיקע בילדער, אַז דאָס ליד וועקט אויף אין אונז אַלע שטראָמען פון בענקשאַפט צו דער פאַרגעסענער און פאַרגייענדיקער יידישער גייסטיקער שיינקייט.

פאַראַן שרייבער, וואָס וואַרפן נאָך היינט פאָר גלאַטשטיינען זיין „אַ גוטע נאַכט, וועלט", ווי אַ קאַפּריז אָדער ווי אַ נאַרישקייט, מיט וועלכער מען דאַרף זיך שעמען, וואָס מען דאַרף מוחל זיין; אָבער איך האַלט, אַז דאָס דאָזיקע ליד, אין וועלכן עס איז געקומען צום אויסדרוק גלאַטשטיין דעם דיכטערס איבערברוך־מאָמענט, איז איינס פון די טיפסטע מאַניפעסטאַציעס פון יידישן גייסט, אָדער ריכטיקער: פון יידישן געפיל, פנים־אל־פנים מיט דער היינטיקער גייסטיק־העסלעכער און אַמאָראַלישער וועלט.

פאַראַן שטעלן אין דאָזיקן ליד, וואָס זאָגן אַזוינס, אַז מען קאָן זיך גאָרנישט פאָרשטעלן עס זאָל מעגלעך זיין אַ בעסערער אויסדרוק פאַר די־אָ שטימונגען, וואָס יעדער ייד מוז זיי פילן, אויב ס'איז נישט אַטראָפירט ביי אים אַלדאָס יידישע:

ווישׁ אָפּ, צעטרעט אַלע געשמדטע שפּורן.
כ'וואַלגער זיך אין דיין מיסט,
לויב, לויב, לויב,
צעהויקערט יידיש לעבן.

חרם, וועלט, אויף דיינע טריפהנע קולטורן,
כאָטש אַלץ איז פאַרוויסט,
שטויב איך זיך אין דיין שטויב,
טרויעריק יידיש לעבן.

וואָס קאָן זיין שלימותדיקער אין אויסדרוק פאַר די דאָזיקע עטלעכע גרויס־דיכטערישע שורות, אין וועלכע עס צאַפּלט זיך אי דער יידישער עקל (אין זיין פיזישער אַנמאַכט), אי דער יידישער שטאָלץ (אין זיין גייסטיקער מאַכט)?

צוריק, צו מיין קעראָסין, חלבנעם שאָטן,
אייביקן אָקטאָבער, דריבנע שטערן,
צו מיינע קרומע גאַסן, הויקערדיקן לאַמטערן,
מיינע שמות, מיין סוואַרבע,
מיינע גמרות, צו די האַרבע
סוגיות, צום ליכטיקן עברי־טייטש,
צום דין, צום טיפן מיין, צום חוב, צום גערעכט,
וועלט, איך שפּאַן מיט פרייד צום שטילן געטאָ־
לעכט.

סאַראַ זיסע געמיט־אַסאָציאַציעס עס פאַרמאָגן די דאָזיקע ווערטער, אָט־די דיכטערישע קריסטאַלן פון אויפגעבראָוזטע געפילן, לאַנג־פאַרשטויסענע, האַלב־פאַרגעסענעווירקלעכקייטן און היימישקייטן, צו וועלכע מען בענקט צוריק אין דער שאַרפער קעלט פון אַ פרעמדער, ביז־גאָר פאַרפרעמדטער וועלט.

אַ וועלט אַ גאַנצע וועקן זיי אויף צום לעבן, אָט־די ווער־טער, וואָס זענען בלויז דיכטערישע סטענאָגראַפישע צייכנס, וואָס ווען מען שפּירט זיי ווי געהעריק, דערציילן זיי אַלץ, אַלץ, דעם גאַנצן אינהאַלט.

הײנט די אָפּשלוס־אַקאָרדן פונם דאָזיקן ליד:

און איך האָב האָפן, אַז כאָטש ער זאָמט זיך,
גייט אויף טאָג־איין טאָג־אויס מיין וואַרטן.
ס׳וועלן נאָך רוישן גרינע בלעטער
אויף אונזער בוים דעם פאַרקוואַרטן.
איך דאַרף קיין טרייסט נישט.
איך גיי צוריק צו דלד אמות,
פון וואַגנערס געץ־מוזיק צו ניגון, ברומען.

כיקוש דיך, פאַרקאַלטנט יידיש לעבן.
סיווײַנט אין מיר די פרייד פון קומען.

דער גאַנצער אָפּשלוס פונם דאָזיקן מעכטיקן ליד איז גרויס־דיכטעריש, סינטעטיש פאַר די טיפסטע יידישלעכסטע געפילן פון אַ גאַנצן דור, אָבער די לעצטע צוויי שורות:

כיקוש דיך, פאַרקאַלטנט יידיש לעבן.
סיווײַנט אין מיר די פרייד פון קומען, —

זענען ווי דער אויסברוך פון אַ טיפן שלוכץ, וואָס פּלאַצט אַרויס אומגעריכט, כמעט ווי אָן איבערגאַנג; אָבער דאָס אַלץ, וואָס דאָס גאַנצע ליד מיט זיך צו זאָגן — און זאָגט עס גוט — אין געפילס־באַגריפלעכע שורות, גיט זיך אַ ריס אַרויס פון די טיפסטע טיפענישן און גיט אַ ריס אויף דעם דיכטערס געמיט — און אויך אונזערן! — און מיר דערזעען און דערפילן זײַנעם און אונזער געמיט ביז די טיפסטע טיפענישן. די גאַנצע יידישע פאַרצווייפלונג, און די גאַנצע יידישע האָפנונג — אין די שטיקצוואַנגען פון יאוש! — האָבן זיך אַרײַנגעפּרעסט אין די קלאַנגען און ווערטער פון דאָזיקן פאַרצווייפלטן און דאָך אויך באַפרייענדיקן אויסגעשריי.

די דאָזיקע צוויי שורות אַנטפּלעקן אַזוי פיל, אַז עס איז שווער זיי צו אַנאַליזירן. דאָס וואָס מען זעט אין טאָג־ליכט, קאָן מען באַשרייבן, עס ליגט ווי אויף דער האַנט און דו דאַרפסט רואיק קוקן און באַשרייבן. אָבער דאָס, וואָס דו זעסט — אָדער ריכטיקער: וואָס דו אַנסט — ביי אַ גראַנדיעזן, אָבער קורצדויערנדיקן בליץ, קאָנסטו נישט באַשרייבן, הגם דו האָסט אַלץ דערזען און געאַנט אין איין אויגנבליק. דער בליץ האָט אַלץ באַלויכטן און אַלץ געוויזן, אָבער אין איין אויגנבליק, אין אַ קאָנצענטרירטער פאָרם. דו פאַרמאַכסט די אויגן און דו זעסט עס ווידער, אָבער באַשרייבן עס — און דער עיקר: ווייזן עס יענעם, — איז שווער, כמעט אוממעגלעך.

ווײַזן, וואָס עס ליגט אין די דאָזיקע שורות, וועלן נאָר די, פאַר וועמען עס וועט פון זיי אַרויסשלאָגן דער בליץ, וואָס אַזאַ דיכטונג אַנטהאַלט.

זייט 1938, ווען דאָס דאָזיקע ליד איז דערשינען, האָב איך שוין הונדערטער מאָל געלייענט און פאַרגעזאָגט־פאַרגעשלוכצט

פאַר זיך די דאָזיקע צוויי ווונדערבאַרע שורות:

כיקוש דיך, פאַרקאָלטנט יידיש לעבן.

סיוויינט אין מיר די פרייד פון קומען.

און ווען כ׳ווער פאַרבלענדט פונם בליץ און ווען כ׳דערפיל, ווי אַ ריזיקע כוואַליע אין זיך, דעם אויפקומענדיקן שלוכץ, זע איך תמיד, ווי יעקב גלאַטשטיין איז דאָן, ביים שרייבן דאָס דאָזיקע ליד, אומגעריכט פאַרבלענדט געוואָרן דורך דעם זעלבן בליץ און עס האָט זיך אַ כוואַליע געטאָן אין אים דער זעלבער מעכטיקער, אינערלעכער שלוכץ.

דער שלוכץ פון אַ פאָלק אויף דער שוועל פון גענאַנטן אָפּגרונט.

דאָס ליד: „אַ גוטע נאַכט, וועלט" איז, אין די סוף דרייסיקער, געווען אַ קבר־שטיין אויף די אילוזיעס פון די דריי טריסט־ווענן און גלייכצייטיק אַן ענטגילטיקער קבר־שטיין אויף יעקב גלאַטשטיינס הפקרדיק־פרייער דיכטונג.

ז

יעקב גלאַטשטיינס „ווען יאָש איז געפאָרן" איז פאַר מיר געווען אַן אַנטפּלעקונג: נאָך דער מערהייט געדיכטן פון די „יידישטייטשן" האָבן, דורך דער שפּראַך־מייסטערשאַפט פון דאָזיקן פּראָזע־בוך, גענומען אַרויסבליקן אויף מיר אַ פּאָר טיף־ערנסטע אויגן. איך געדענק: כ׳האָב זעלטן־זעלטן געהאַט אַזאַ הנאה פון אַ פּראָזע־בוך פון אַ היינט־צייטיקן יידישן שרייבער.

אָבער ערשט אין צווייטן באַנד פון זיין טרילאָגיע: „ווען יאָש איז געקומען", זאָגט דער מער ווי אינטערעסאַנטער שטיינמאַן (זייט 223):

„אונזער מיסיע מוז אריין ווי אַ דיבוק אין אונזער ליטעראַטור. זי מוז זיין ריינער און דערהויבענער פון אַנדערע ליטעראַטורן. גראָד די אומות העולם האָבן זיך געלאָזט באַווירקן פון דער ביבל און זייערע ליטעראַטורן האָבן אַרויסגעגעבן ריח, וואָס זענען געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון דער ביבל. אָבער מיר יידן האָבן זיך געשטעלט מיטן רוקן צו אונזער ספר הספרים.

גיט אַ טראַכט, וועט איר פאַרשטיין, וואָס איז די גלאָריע

פון אונזער ספר? דער נביא, דער ריינער מענטש, דער פייער־דיקער מוכיח, דער מענטש פון געוויסן, דער, וואָס קאָן נישט פאַרטראָגן קיין עוולות. דאָ ליגט אונזער עקזיסטענץ־יסוד פאַר דער צוקונפט".

דאָ שטייט שוין גלאַטשטיין מיטן רוקן צו זיין פריי־הפקר־דיקער שפּיל מיט דער „קוקו־נאַכט", מיט דער „שווייגע נאַכט" און מיט אַ סך אַנדערע לייכטזיניקע וואָרט־שפּילערייען. דאָ זוכט שוין פאַר אים שטיינמאַן אַן אינהאַלט פאַר זיין דיכטונג. ער זוכט שוין נישט נאָכצומאַכן די פרעמדע ליטעראַטורן און זייערע מאָדערנע אַוואַנטורעס מיט דער דיכטונג, כדי צו פייערן זיין וואָרצללאָזע פרייהייט פון דער יידישער לאַסט; ער זוכט שוין ביי די פרעמדע ליטעראַטורן אַ הכשר אויף צו פאַרוואָרצ־לען זיך אין אונזער ספר־הספרים.

שטיינמאַן־גלאַטשטיין נעמט באַגרייפן, אַז „אונזער לעבן באַשערט אונז נישט די רו, וואָס איז נויטיק פאַר אַזאַ ליטעראַ־טור. מיר האָבן פּשוט נישט די איינגעפונדעוועטקייט דערפאַר"... (ז. 218 און ווייטער פאַרמאָגן בכלל אינטערעסאַנטע געדאַנקען וועגן ליטעראַטור בכלל און וועגן זייער ליטעראַטור און אונזער ליטעראַטור בפרט).

דאָס איז נאָך אָבער גענוג אַבסטראַקט. קאָנקרעטער ווערט יעקב גלאַטשטיין אין זיינע פיל שטאַרקערע „געדענק־לידער", פון וועלכע עס קוקט אַרויס צו אונז אַ גאַנץ אַנדער גלאַטשטיין, ווי פון די פריערדיקע לידער־ביכער.

אינם ליד „אַ חלום", פירט ער אַ שמועס מיט אַ פויגל, וואָס ענטפערט אים, אַז ער איז ביאַליקס פויגל — „אני הציפור של ביאַליק".

און יעקב גלאַטשטיין איז צופרידן:

זע מיין פרייד, וואָס ביסט נישט דער פּינצטערער פּאָוסער,
נאָר אַ נאַשבראַט — אַ יידישער פויגל, אַן אָדעסער...
אָנגעלייגטער גאַסט, איך באַגריס דיך.
פויגל פון אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק.
ווי, וויפל וואַסערן זענען אָפּגעפלאָסן.
פאַרוואָר, פאַרוויאַנעט גראָז איז איצטער דאָס פאָלק.
און דאָס האָט ער דאָך געזאָגט דעמאָלט,

י. ראַפּאָפּאָרט

וועז יידיש לעבן איז נאָך געווען לעבעדיק און קוואַליק...
חכמה האָט ער געהאַט, וואָרט האָט ער פאַרמאָגט...
ער איז דאָך געווען אונזער פעלז.
אַ מויער איז ער אונז געווען...
און צאָרנען האָט ער געצאָרנט,
שטראָפן האָט ער געשטראָפט
און וואָרענען האָט ער געוואָרנט,
און געווען איז ער אַ וועקער,
אַ שאַלער, אַ טרייסטער, אַ מעורר.
פויגל פון האַרבסט, איידער דו שטאַרבסט
און ווערסט בלויז אַ געדעכעניש,
אפשר קענסטו מיר איצט איבערענטפערן
בירושה דאָס וואָרט...
איך וועל אַ בלאָז טאָן דעם לעבעדיקן אָטעם
אויף דעם גאַנצן גלות...

אַ מער בולטן אָפּזאָגן זיך פון וואַנדערן אין פרעמדע וויסטעס און אַ מער בולטע בענקשאַפט נאָכן איבערנעמען די ירושה, איז זיך שווער פאָרצושטעלן. יעקב גלאַטשטיין זאָגט זיך דאָ ענטגילטיק אָפּ פון פריי זיין פון אַלע וואָרצלען און וויל ממשיך זיין די אַרבעט פון דעם, וואָס איז געווען דער שטאַרקסטער אויסדרוק פון ירושהדיקייט, דער בולטסטער טרעגער פון דער לאַסט פון קיום האומה:

ווי אויסגעגאַנגען בין איך פון בענקשאַפט
נאָך דיין זיסן קולכל און קלוגן שנאָבל, —

זאָגט ער צום פויגל, אַנטפּלעקנדיק פאַר אונז דאָס, וואָס עס איז אונז אָפט געווען קלאָר אויך אָן דאָזיקן ווידוי: ווי קאָן אַ יידישער דיכטער זיך באַפרידיקן מיט וואָרט־שפּילערייען (אָפּט־מאָל געלונגענע, אָפּטמאָל צווייפלהאַפטע) אין אַ דור ווי אונ־זערער, אין אַ איבערגאַנג־דור, אויף דער שוועל פון פינפטן אַקט פון דער גרעסטער געשיכטלעכער טראַגעדיע?

פאַר אַנדערע איז אפשר צוגעפּאַסט פאַוס פויגל; פאַר אונז איז צוגעפּאַסטער ביאַליקס.

ח

ביאַליקס פויגל האָט דערהערט יעקב גלאַטשטיינס גליענ־דיקן ווונטש און ער האָט אים „איבערגעענטפערט בירושה דאָס וואָרט".

מעגן אַ סך זען אין יעקב גלאַטשטיינס דיכטערישן וועג אַיין נישט־איבערגעריסענע, הגם כסדר־שטייגנדיקע ליניע, — איך זע אין זיין שאַפן אַ שאַרפן אויסבויג, אַ שאַרפן איבער־ברוך. יעקב גלאַטשטיין פון די לעצטע 10־12 יאָר איז נישט דער זעלבער גלאַטשטיין פון פאַרן דאָזיקן פעריאָד. אמת איז, אַז אַלע מעלות פון פריערדיקן גלאַטשטייניש שאַפן געפינען מיר אויך אין איצטיקן שאַפן זיינעם; אָבער אומזיסט וועלן מיר זוכן אין זיין פריערדיקן שאַפן די נאָך גרעסערע מעלות פון זיין איצטיקן שאַפן.

יעקב גלאַטשטיינס וווּנדערבאַרער דיכטונגס־גוף האָט ווי פּלוצלונג באַקומען אַ גרויסע נשמה; זיין פּערזענלעכע קלוג־שאַפט איז געוואָרן אַן אויסדרוק פאַר דער אור־אַלטער חכמה פון זיין פאָלק; זיין שעלמישער שמייכל איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּאַטאָסדיקער איראָניע; זיין שפּראַך־מייסטערשאַפט, וואָס האָט זיך געשפּילט אומשעפעריש, וואָס האָט עקספּערימענטירט פון כוחות־איבערפלוס (נישט האָבנדיק פאַר זיך קיין ערנסטן ציל), וואָס פלעגט זיך אַמאָל אַריינלאָזן אין אַן אמתער קלאָו־נאַדע, — די דאָזיקע שפּראַך־מייסטערשאַפט ווערט אַ מעכטיקער מיטל פאַר אַ גרויסן ציל; ער ווערט דער מקונן פון אַ פאָלקס־טראַגעדיע לדורות, לדורות.

אמת, אויך אַמאָל פלעגט מען קאָנען אָפּטיילן ביי גלאַט־שטיינען, ווו ער שפּילט זיך מיט שפּראַך פון שעפערישער העזה, און ווו ער שאַפט נייע שפּראַך־מיטלען, — אָבער היינט הערן מיר אָפּט אויף צו שפּירן ביי אים סיי דאָס ערשטע, סיי דאָס צווייטע (און ווו מען שפּירט — טויג נישט), — זיין מעכטי־קער, לאַנג־געשמידטער שפּראַך־אינסטרומענט דינט אומבאַ־וווסטזיניק (לויט דער ווירקונג אויף אונז) דעם גרויסן ווילן צו שאַפן גרויסעס, וואָס האָט זיך אין גלאַטשטיינען פאַנאַנ־דערגעגליט.

מיט איין וואָרט: אויב גלאַטשטיין האָט זיך ביז מיט אַ

יאָר 10-12 צוריק געשפּילט מיט קלייניקייטן און אפילו אָפּט געשאַפן קלייניקייטן, איז ער נאָכן איבערפּאַקן דעם שפּיל-פּער־ריאָד רייף געוואָרן מיט גבורה (טאַקע אפשר אָנגעזאַמלט טייל־ווייז אינם שפּיל-פּעריאָד) און אָנגעפילט די אויסגערייפטע פאָר־מען מיט אויסגערייפטן אינהאַלט.

די ליטעראַטור אונזערע האָט זיך בכלל לעצטנס פּאַרטראַכט (אין הסכם מיט די „פּאָדערונגען" פון אונזער לעבן) און זי איז ערנסטער געוואָרן, — איינער פון די סאַמע ערנסטע איז דער אַמאָל איינער פון די שפּילעוודיקסטע און לייכטזיניקסטע, — יעקב גלאַטשטיין.

געוויס האָט מען תמיד געפילט אין זיינע שפּילעוודיקסטע זאַכן, אַז ער פאַרמאָגט גרויסע פעאיקייטן; מען פלעגט באַוווּנ־דערן די שפּיל פון זיין דיכטערישער מוסקולאַטור, — אָבער אפילו ביי די בעסטע זאַכן פלעגט מען האָבן אַ מאָדנע געפיל: עס איז זייער גוט, אָבער צו לייכטוואָגיק. מ׳פלעגט אים אָפּוועגן און געפינען, אַז ער איז לייכט אויף דער וואָג, אַמאָל שוין צו לייכט.

צי קאָן מען דען, למשל, זאָגן, אַז „דאָס אַלמאַנכן" איז נישט שעלמיש געשריבן? אַז דאָס איז נישט גראַציעז? אַז דער סטיל האָט קיין טוויזנט חנען נישט? אָבער — דער „מאי קא משמע לן?", וואָס גילט נישט נאָר פאַרן תלמוד, נאָר אויך פאַר דיכטונג, בלייבט ביים „אַלמאַנכן" אָן אַ תשובה נישט נאָר פאַר דעם אינטעלעקט (דאָס איז נאָך נישט דעציזירנדיק אויף צו פאַראורטיילן אַ ליד), נאָר אויך פאַרן געפיל.

ווען איך האָב אַ דערשטוינטער און אַ באַטויבטער גע־לייענט, נאָך דער מלחמה, יעקב גלאַטשטיינס לידער וועגן בראַס־לאַווער, — לידער, וואָס, לויט זייער אוניווערסאַלן פאַרנעם אינם טיף-יידישן לבוש, געהערן צום בעסטן און טיפסטן, וואָס די מאָדערנע יידישע דיכטונג האָט ארויסגעבראַכט (ער האָט נישט נאָר אינם בראַסלאַווער געפונען אוניווערסאַליסטישע מאָטיוון, — ער האָט אוניווערסאַליסטישע מאָטיוון איינגעפּאַסט אין דער יידישלעכסטער ראָס, וואָס קאָן נאָר געבן), — איז מיר ביי איין שטעלע געקומען אין זכרון גראָד „דאָס אַלמאַנכן".

„דאָס אַלמאַנכן" איז אַן עראָטיש געדיכט, און דאָס פינפטע

ליד פון „דער בראַסלאַווער צו זיין סופר" איז אויך אַן עראָטיש געדיכט. אָבער סאַראַ אונטערשייד! דאָס שטיפעריש־פאַרשייטע איז געוואָרן בלוטיקער ערנסט; דאָס יידיש־אַלעאָגראַפישע איז געוואָרן אור־יידיש, יידיש־אוניווערסאַל (אָדער אוניווערסאַל־יידיש, ווי איינער וויל).

איך קאָן דאָ נישט ברענגען ביידע געדיכטן אינגאַנצן, — איך וויל אָבער ברענגען צו עטלעכע שטעלן פון ביידע.

פונם „אלמאנכן":

אַ ריִרעוודיקער טאָג. אַלץ האָט געאָטעמט,
ווען עגמאָן האָט געוואָרפן זיין ווייב
די טרויעריקע צוועלף שורות צו די פיס.
און צו זיינע קעץ האָט ער ארויסגעשטעקט דעם לעקער
און געזאָגט — לעקישבער! יאַכטשי בעבע!
און עגמאן איז פריי און אָט גייט ער פאַרביי אַ שטיבל און:
פאַרן שטיבל איז געשטאַנען אַ יונגפרוי און געזונגען:
איך בין דאָס יונגע אַלמאָנכן...
רו זיך אָפּ אַ נאַכט און מאָרגן גיי דיר דיין וועג.
האָט עגמאַן געזאָגט — רעכט, מען דאַרף אויספּרובירן,
ווי וואַרעם ס'איז אַ פרעמד מאָלצייט,
אַ ניי געלעגער
און עס פאַרשרייבן אויף צו געדענקען.
און ס'איז געווען וואָס צו געדענקען:
...אין בעט איז זי געווען סיי ליב און סיי געדולדיק.
און ס'איז קלאָר, אַז
..ווען דער טאָג האָט אויפגעפראַלט די טיר,
האָט עגמאן געהאַט באַשלאָסן שוין פריער —
דאָ בלייבט ער נאָך אַ נאַכט.
אָבער זאָרגלאָז איז ער נישט געווען, עגמאן:
...ווייל ס'איז עגמאנען געווען אַזוי גוט
האָט אים אַ שניט געטאָן די זאָרג,
אויב ער וועט צומאָל נישט אָפּפינסטערן דאָ
נאָך גאַנצע צען יאָר.

אָבער נאָך פאַר דער צווייטער נאַכט האָט עגמאנען די זאָרג פאַרלאָזן:

י. ראַפּאָפּאָרט

„דאָס יונגע אַלמאָנכן האָט אים אָבער גערופֿן אָנבייסן:
עגמאַן איז אַריין אין הויז און ס׳האָט אים פּלוצים
אַ בליאַסק געטאָן אין קאָפּ
דאָס בעט, וואָס האָט געזויבערט מיט ציכן
און מיט וואַרימע קאָלדרעס.
האָט דער קאַפּריזנער עגמאַן ווידער צעוואָרפֿן דאָס בעט...
דאָס אַלמאָנכן האָט מיט אַ געלעכטער
אַלץ באַגריפֿן און באַנומען,
האָט זי אויך צוגעגעבן, אַז דאָס אָנבייסן
וועט נישט אַנטלויפֿן.
און דאָס איז דער סוף.

עס שלייכן דורך דורכן דאָזיקן עראָטיש-שטיפֿערישן געדיכט עטלעכע בלאַסע שאָטנס פֿון געדאַנק און געפֿיל:

עגמאַנען האָט זיך פֿאַרוואָלט פֿאַרצייכענען
אַן ערנסטן פּאָרטראַכט
וועגן קעצלעך, וואָס מען נעמט, מיר נישט, דיר נישט,
און מען שטעקט זיי אַרויס אַ לעקער,
און וועגן דעם שאַרפֿן שניט פֿון צוועלף שורות.
אָבער:
דעם פּאָרטראַכט האָט ער באַהאַלטן,
ווי מען באַהאַלט אַ בליישטיפֿט הינטער דעם אויער,
אויף ווען מען וועט עס באַדאַרפֿן.

אין דאָזיקן געדיכט האָבן דאָס נאָך עגמאַן און גלאַטשטיין נישט באַדאַרפֿט: די ערנסטע טענער בלייבן הענגען אין דער לופֿטן, — נישטאָ אויף וואָס זיי אויסצושפּילן.

אָבער דער זעלבער עראָטישער מאָטיוו ווערט גאָר אַנדערש אויסגענוצט און אויסגעדריקט, ווען גלאַטשטיין הערט זיך אויף צו שפּילן און זיין מעדיום איז נישט עפּעס אַ פּורימשפּילעריש-פֿאַרקליידטער עגמאַן, נאָר אַ ייִד פֿון אוניווערסאַלע דימענסיעס, ווי נחמן בראַסלאַווער.

דער סטיל איז דאָ אַמאָל ענלעך צום סטיל פֿון „אַלמאַנכן״:
למשל, נעם דעם יצר טוב — אַ שיינער מחותּן, אַן
אָנגעלייגטער גאַסט.

אויסגעריסענע בלעטער

לעבט אויף גוטע קעסט, מיט אַן אויסגעפּאַשעט בייכל
פון מצוות.
אָבער אַ צער איז מיר אויף דעם יצר פון שלעכטס.
פרומע יידעלעך טרייבן אים נעבעך האַלדז און נאַקן.
ער פאַסט ביי זיי תעניתים.
ער חלשט נאָך אַ לעפל וואַרעם געקעכץ.
אָבער לייענט נאָך ווייטער:
ביינאַכט, אויב דו האָסט נאָר אַן אויער,
הערסטו ווי יעדער טויער פון אַלע ש״י־וועלטן
וויינט מיט איין רוף:
גוף!
„מיינסט, ס׳איז פאַראַן קנאַפּ געזאַנג אין אַזאַ בענקשאַפט?"
און אָט קומט דער געזאַנג, איינער פון די שענסטע עראָ־טישע געזאַנגען (אין א ליטעראַטור, ווו עס איז דאָ אַ „שיר־השירים"):
כ׳מיין ס׳איז ממש א מורא דאָס צו ברענגען אויף די ליפּן.
ס׳איז שפּעט ביינאַכט.
איך גיב דיר, נתן, מיינע רייד, מיטן אויער נישט צו כאַפּן.
ס׳קאָן נאָך, חלילה, ווערן אַ געמיש.
נו, וועט מען שרייען, וויל ער, אפשר, מתיר זיין אַן
אשת־איש?
און וואָס מיין איך דען צו זאָגן?
ס׳רייסט מיר ס׳האַרץ אויפן יצר פון שלעכטס.
דאָס איז דאָך קראַפט, חשק, פאַרלאַנג,
כוח, געמעכץ,
און ס׳איז דאָך געזאַנג,
און ס׳איז דאָך געוויין און סוד פון שטאַם,
און דאָס איז דאָך תענוג און דאָס איז דאָך ליד.
און גליד־גליד פון הייליקן פלאַם
און דאָס ליכט פון אירס און זיינס וואָס ווערט איין,
נתן, ביסט נעבעך מיד, ס׳קלעפּן זיך דיר די אויגן,
שלאָפסט איין.
לאָמיך נישט מיט מיינע רעיונות אליין.
וואַך מיט מיר. פאַרבלייב.

נתן,
פאַרשרייב.
און ס'האָט געלוינט פאַרשריבן צו ווערן.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף די דאָזיקע צוויי לידער אביסל לענגער (הגם כ'האָב גענומען פון די וואונדערבאַרע בראַס־לאַווער־לידער נאָר איין מאָטיוו פון זייער מאָטיוון־רייכקייט), ווייל אײדער איך גיי איבער צו גלאַטשטיינס ריין־נאַציאָנאַלע לידער, צו זיין גרויסער דיכטונג פון גרויסן חורבן, האָב איך געוואָלט ווייזן כאָטש אויפן ביישפּיל פון איין מאָטיוו, אויפן עראָטישן, ווי פאַרענדערט גלאַטשטיין איז געוואָרן, ווי טיפער און שטאַרקער, ווי גרויס־דיכטערישער.

ט

ווען איך האָב דערזען נאָך די לידער פון די „יידישטייטשן" די פּראָזע פון „ווען יאַש איז געפאָרן", האָב איך אָנגעהויבן צו טראַכטן: אפשר האָט גלאַטשטיין ענדלעך געפונען זיין קינסט־לערישע פאָרם?

ווען איך האָב געלייענט זיין „אַ גוטע נאַכט, וועלט" האָב איך געגעבן אַ טראַכט: אפשר האָט גלאַטשטיין ענדלעך געפונען זיין גרויסן אינהאַלט?

ווען איך האָב געלייענט די לידער וועגן בראַסלאַווער, איז מיר מיט יעדן נייעם ליד אַלץ קלאָרער געוואָרן, אַז גלאַטשטיין האָט געפונען סיי זיין פאָרם, סיי זיין אינהאַלט אין דער דיכטונג, אַז ער האָט דערגרייכט אַ הויך פון פאָרם און אינהאַלט, צו וועלכע ווייניקע דערגרייכן.

אָבער, ווען ס'איז מיר צופעליק אריינגעפאַלן אין די הענט זיין ליד „אָן יידן" (און געלייענט עס אָן אַ שיעור מאָל), איז דאָס ערשטע געפיל — אויף דער הייסער מינוט — געווען דאָס זעלבע, ווי נאָכן לייענען עס צום צוואַנציקסטן מאָל: סאַראַ ווייטיק עס איז, וואָס אַזאַ ליד, געשאַפן פאַר אַ פאָלק, ווערט פון פאָלק נישט געלייענט. מיליאָנען וואָלטן באַדאַרפט לייענען דאָס דאָזיקע ליד, זיך דורכדרינגען מיט אים, פאַרקנעטן אין זיך און פאַרדייען גייסטיק זיינע געפילן, זיין אויסדרוק פאַר אונזער גרויסן אומגליק. די גאַנצע טראַגעדיע פון יידישן פאָלק, ס'איז זיין

שעפּערישער נשמה (אַ נשמה אָן אַ גוף),—אַ טראַגעדיע, וואָס מען פילט ביים לייענען יעדע שעפּערישע יידישע שורה, — ווערט באַזונדערס בולט ביים לייענען די דאָזיקע גרויסע שאַפונג.

ווי שווער עס איז צו געבן אַ דירעקטן אויסדרוק דעם אומאויסדריקבאַרן, ווי דאָס איז אונזער טראַגעדיע. אָבער אין דאָזיקן געדיכט, האָב איך דערפילט, האָט דער דיכטער געפונען אַן אומדירעקטן מיטל זי אויסצודריקן: ער פּראָאיצירט דעם אומקום פון יידישן פאָלק אויפן אומקום פון גאָט, און דער אומגעריכטער קער גיט אונזער צעווייטיקטער, אָבער אויך פאַר־טעמפּטער נשמה אַ וויזיע פון דעם, וואָס עס איז געשען.

ווי שטיל עס איז דאָס דאָזיקע ליד, וואָס שרייט מער ווי טויזנט שטורעמס:

אָן יידן וועט נישט זיין קיין יידישער גאָט.
גייען מיר, חלילה, אַוועק פון דער וועלט,
פאַרלעשט זיך דאָס ליכט פון דיין אָרעם געצעלט.

די דאָזיקע שטילע, אָבער געוואַלטיקע וויזיע, גיט דעם דיכטער אַ מעגלעכקייט אריינצווועבן אפילו דירעקט די גרויסע טראַגעדיע אין עטלעכע שורות. זי איז דאָך נאָר אַ פּרט־אילוס־טראַציע צו דער גרויזאַמער וויזיע פון אַ שטאַרבנדיקן גאָט; ער גיט אים, דעם יידישן גאָט, בלויז אַ דערקלערונג פאַרוואָס ער שטאַרבט אָפּ:

אין יעדן לאַנד, אין יעדער שטאָט,
איז מיט אונז אויך געווען אַ גר
דער יידישער גאָט...
ווייל מיר זענען געווען דיין ליכטיק געפעס,
דער וואָרצייכן פון דיין ממשותדיקן נס.
אָבער איצט?
איצט ציילן זיך אין די מיליאָנען
אונזערע טויטע קעפּ.
ס'לעשן זיך אַרום דיר די שטערן.
דאָס געדעכעניש פון דיר ווערט פאַרטונקלט,
דיין מלכות וועט באַלד אויפהערן...
דער יידישער חלום און די יידישע וואָר געשענדט —
זיי שטאַרבן אינאיינעם.

י. ראַפּאָפּאָרט

ס׳שלאָפן עדות גאַנצע,
עופהלעך, פרויען,
יונגעלייט און זקנים.
אפילו דיינע זיילן, די פעלדזן,
די שטאַמיקע ל״ון,
שלאָפן אַ טויטן, אַן אייביקן שלאָף.

פון די דאָזיקע לעצטע זעקס שורות, מיט זייער ריטם, נעמט דורך אַ שוידער וויפל מאָל מען זאָל זיי נישט איבערלייענען; פונקט ווי אַלץ, וואָס מיר אַלע האָבן איבערגעלעבט און איבערגעפילט, וואָלט זיך אייביק געוויגט אין די דאָזיקע שורות, אין זייער כוואַליענדיקן ריטם, און זיי כאַפּן אונז אויף און טיילן זיך אונז מיט, ביי יעדער באַרירונג מיט זיי.

„ס׳שלאָפן עדות גאַנצע” גיט אַ נעם, רודערט אויף די מינדסטע פאָרשטעלונגס־קראַפט מער ווי טויזנט קינות; עפּעס ליגט אין די דאָזיקע ווערטער אַ געוואַלדיקער כוח, דער געהיימנישפולער כוח פון דיכטונג.

און דאַן קומט ווידער דער עיקר, דער טויט פון יידישן גאָט, וואָס שטרייכט בלויז אונטער ווירקזאַם דעם טויט פון יידישן פאָלק:

ווער וועט דיך חלומען?
ווער געדענקען?
ווער וועט דיך לייקענען,
ווער וועט דיך בענקען?
ווער וועט צו דיר אויף אַ פאַרבענקטער בריק
אַוועק פון דיר, כדי צו קומען צוריק?
די נאַכט איז אייביק פאַר אַ טויט פאָלק.
הימל און ערד אָפּגעווישט.
ס׳ילעשט זיך דאָס ליכט אין דיין אָרעם געצעלט.
ס׳פלעמלט די לעצטע יידישע שעה.
יידישער גאָט, ביסט שוין באַלד נישטאָ.

ווי אַ פייערדיקע קלאַמרע נעמען אַרום די דאָזיקע פינף לעצטע שורות דאָס געוואַלדיקע ליד, איינס פון יענע לידער, וואָס וועלן אריינגענומען ווערן אין אונזערן אַ נייעם סידור אָדער מחזור, אויב מיר וועלן אים שאַפן.

ביים לייענען צום ערשטן מאָל דאָס דאָזיקע ליד האָב איך ערשט ריכטיק פאַרשטאַנען זיין ליד „אַ גוטע נאַכט, וועלט" (ווו דער דיכטער האָט נביאות געזאָגט און אפשר נישט געוווּסט קלאָר מיטן באַוווּסטזיין, וואָס ער זאָגט נביאות); כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז יענץ ליד איז נישט געווען קיין צופעליקע דערשיינונג.

און פון די צוויי לידער־ביכער, וואָס זענען צו מיר דערגאַנגען ערשט איצט קיין אויסטראַליע: פון די „געדענקלידער" און פון די „שטראַלנדיקע יידן", שטראַלט פאַר אונז אַרויס — אין די בעסערע לידער פון די דאָזיקע זאַמלונגען — יעקב גלאַטשטיינס גרויסע נאַציאָנאַלע ליריק.

ביאַליקס פויגל האָט אים אונטערגעזאָגט זיין אייגענעם באַשלוס:

נעם אַ פּנקס און פאַרשרייב
דאָס לעגענדאַרישע אומגליק.

און אין די בעסערע לידער האָט ער דאָס אויסגעקריצט, ווי אויף לוחות.

י

פאַראַן לידער, באַזונדערס צווישן די „געדענקלידער", וואָס פאַרמאָגן נאָך שפּורן פון גלאַטשטיינס אַמאָליקע חסרונות: עס גיט אַ פּלאַץ אַריין אינם דיכטונגס־שטראָם אַ שטיפעריש וואָרט, וואָס קלינגט ווי אַ דיסאָנאַנס.

אַזאַ, למשל, איז דאָס ליד „לובלין, 1941".

אַ שיין, רירנדיק געדיכט, אָבער מיטאַמאָל דערמאָנט זיך גלאַטשטיין אין זיין שפּראַך־שטיפעריי:

גאַנץ קהלס ווייטיק שרייט צום זיבעטן הימל.
ס'ייעלהיט, ס'וויל דערמאָנען.
אפשר האָט מען אין אונז חלילה פאַרגעסן.
עד מתי, גוואַלד, ביזקאַלע וואַנען!

„ס'יעלה'ט" איז אויך נישט קיין פּאַסיק וואָרט אויף דער דאָזיקער שטעל, ווייל עס שמעקט, אין שפּראַך־געברויך, מיט איראָניע, מיט גרינגשעצונג צום וויינען; אָבער „ביזקאַלע וואַנען" אנשטאָט „ביזקל וואַנען" איז גאָר געשמאַקלאָז. אינם דאָזיקן „ביזקאַלע" גיט אַ שטעק אַרויס דעם קאָפּ דער שפּראַך־

קונצנמאַכער אויף אַ ביז גאָר נישט פּאַסיק אָרט. די שטיפעריי־שע געקינסטלטקייט פון דאָזיקן „בייזקאַלע" אין אַזאַ טויט־ערנסטן מאָמענט שמעקט מיט שקאָצעוואַטישקייט, אָבער דערביי אָן דעם חן, וואָס עס האָט אין גלאַטשטיינס אַנדערע געדיכטן. אַזאַ „בייזקאַלע" וואָלט זיך געוועזן אריינגעפּאַסט, ווי אַן אבן טוב, אין געוויסע שטעלן פונם „אַלמאַנכן", וווּ שעלמישע שטי־פערישקייט איז פּונקט אויפן אָרט.

דאָס זעלבע קומט פּאָר אַביסל ווייטער אינם זעלבן ליד:

אוּן אַז מען איז גאָר זוכה, איז גאָטבעכי אַליין
גיט אַזאַ יתומל אַ ברוך הבא.

„גאָטבעכי" איז בכלל נישט קיין שעפעריש, נאָר אַ שטי־פעריש ניי וואָרט. אָבער דאָ, אויפן דאָזיקן אָרט? אין דאָזיקן ליד?

דאָס דערמאָנט די ערגסטע טראַדיציעס פון די „יידיש־טייטשן".

פּאַראַן לידער אין זיינע 2 זאַמלונגען („געדענקלידער" און „שטראַלנדיקע יידן"), באַזונדערס אין זיין זאַמלונג „שטראַלנ־דיקע יידן", וואָס פאַרמאָגן אַ היפּשע טייל עסייען אָדער עסיי־איסטישע טיילן אין ווייסן פערז, — עסייען און עסייאיסטישע טיילן שאַרף־פּוענטירטע, גרויסאַרטיק־פאָרמולירטע:

(„אונזער אומגליק וואַקסט מיט יעדער שעה
און מען גלויבט אונז אַלץ נישט
אַז מיר זענען נישטאָ.
מען וויל נישט הערן אונזער קלאָגן,
אונזער טויט האָט קיין וואָרצלען נישט געשלאָגן.)

אָבער דאָך עסייען, אָדער אַמאָל אפילו אַרטיקלען, ווי, למשל, „נאַכטלידער". עס איז גוט, ווען אַן עסיי פאַרמאָגט אין זיך גוטע דיכטונג, אָבער ווען דיכטונג פאַרמאָגט אין זיך גוטן עסיי — איז אַביסל ערגער..

אָבער אין די בעסערע לידער פון די דאָזיקע צוויי לידער־זאַמלונגען, האָט גלאַטשטיין דערגרייכט די מדרגה פון אַ נאַציאָ־נאַלן דיכטער, אַ טיטל, וואָס די יידישע דיכטונג האָט נישט געהאַט וועמען צו באַצירן מיט אים זייט ביאַליקן.

איך האָב שוין באַמערקט, ביים דערמאָנען גלאַטשטיינס

לידער־ציקל וועגן בראַסלאַווער, אַז גלאַטשטיין איז געוואָרן טיף־יידישלעך אין אינהאַלט און אין פאָרם, אָבער דאָרט האָט ער באַנוצט אַ יידישן סימבאָל און אַ טיף־יידישע פאָרם, כדי צו דערגרייכן אוניווערסאַליסטישע הויכן פון פילאָזאָפישע אַנונגען און דיכטערישע איבערלעבונגען; די פיגור פונם בראַסלאַווער און די יידישע פאָרם פון זיינע רייד און געדאַנקען זענען אַ ביי־זאַך, — דער עיקר איז דאָרט דאָס אַלמענטשלעכע. אָבער אין אַזאַ גרויס ווערק ווי „גאָט איז אַ טרויעריקער מה"רל", נעמט גלאַטשטיין אַ אוניווערסאַלן געפיל, — די אָנמאַכט פון גאָט, — און דריקט עס אויס דורך יידישע סימבאָלן, כדי פּלאַסטיש צו פאַרקערפּערן דעם יידישן גורל. דאָ איז דאָס אוניווערסאַלע אַ ביי־זאַך, אַ מיטל, ווייל דער גורל פון יידישן פאָלק, דאָס גע־מיט פון יידישן פאָלק אין היינטיקער צייט, איז דאָס אוניווער־סאַל־וויכטיקסטע, ווייל דאָס טראַגישסטע, דאָס גרויס־סימבאָלי־שע פאַרן גורל פונם מענטשן בכלל, פאַרן גורל פון דער מענטשהייט.

„גאָט איז אַ טרויעריקער מה"רל", ווייל דעם גולם — די מענטשהייט, — וואָס ער האָט געשאַפן, קאָן ער מער נישט באַהערשן:

די פאַרגולמטע שטראָף איז שוין מער נישט זיינע —
זי האָט אים איבערגעמעכטיקט...
נישט ער האָט אויסגעטראַכט אַזויפיל בראָכן.
ער ווערט פאַרשעמט און קליין אין געמיט,
ווי יעדער דערשראָקענער ייד.
שטילערהייט וועט ער זיך אריינגנבענען אין שול.
אַן איינגעהילטער אין טלית וועט ער שטיין
אין פאָליש ווי אַ בעל־תשובה
און רייסן די פאַרטונקלטע הימלען מיט געוויין.

גאָט אין דער ראָל פון אַ בעל־תשובה; גאָט שטייט אין פאָליש ווי יעדער דערשראָקענער ייד; גאָט שרעקט זיך פאַר דער וועלט, ווי יעדער ייד, און וויינט צו די הימלען הילפלאָז און אָן רעזולטאַט, ווי יעדער ייד, — ווער קאָן וויסן, ווער אין פאָליש עס איז גאָט, און ווער עס איז ייד? איר קענט זען אין גאָט אַ געוויינלעכן ייד, און אין יעדן געוויינלעכן ייד — גאָט, וואָס

דער גולם, וועלכן ער האָט באַשאַפן, האָט אים איבערגעמעכ־טיקט...

דער סימבאָל גופא פון גאָט אַלס מה"רל און פון דער וועלט, פון דער מענטשהייט, אַלס גולם, וואָס האָט געכאַפּט די האַק און לאָזט זיך מער נישט באַצווינגען, — דערדאַזיקער סימבאָל גופא איז דיכטעריש גראַנדיעז. אָבער ווי טיף יידיש־לעך — לויטן געפיל — איז גאָט אַלס בעל־תשובה אין אַ יידי־שער שול, אַלס איינער פון זיין פאָלק!

עס בעט זיך ממש אַ פאַרגלייך מיט אַשם קריסטוס־דער־ציילונג פון „דער ברענענדיקער דאָרן".

ווי קאָנווענציאָנעל און אָן דיכטערישער קראַפט עס איז אַשם קריסטוס, וועלכער גייט אַראָפּ פון קרייץ, טוט אָן אַ טלית און גייט אַרויס אין געטאָ אַלס ייד.

איך רעד שוין נישט וועגן דעם, וואָס שוין אַ 35־40 יאָר ווי אַש כאַפּט זיך תמיד צום דאָזיקן פאַרעלטערטן, אַב־סאַלוט־נישט־יידישן רעקוויזיט. קומט פאַר אַ פּאָגראָם און מוטער רחל גייט נייען תכריכים, טשעפּעט זיך צו צו איר מאַריע און זי גייט דאָס אויך טאָן; קומט פאַר אין רוים אַ וועט־לויף פון אַ יידן — פאַרבייט אים קריסטוס; זעט יוסטינע — פון „די יורשים" — וויזיעס, זעט זי קריסטוסן אין ירושלים; פאַר־שפּאַרט מען דאָס יידישע פאָלק אין געטאָ און מען פירט עס קיין טרעבלינקע, גייט קריסטוס אַראָפּ פון קרייץ, פאַרקליידט זיך פאַר אַ יידן, און ער מאַכט נסים לטובת די יידן.

דאָ איז נישט קיין אָרט אָפּצושטעלן זיך לענגער אויף דער סענטימענטאַלקייט — אין עצם פאַל! — פון דאָזיקן קריס־טוס־מאָטיוו, אויף זיין דיכטערישער עקרדיקייט, אויף זיין פרעמדקייט פאַרן יידישן געפיל און פאַר דער יידישער מענ־טאַליטעט, וואָס לאָזט אים נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ עכטן, יידישלעך־דיכטערישן סימבאָל.

איך וויל דאָ נאָר אָנווייזן, וואָס פאַרא טיף־יידישע און גרויס־דיכטערישע סימבאָלן עס וואַלגערן זיך פאַרן יידישן דיכטער, וועלכער שאַפט נישט לויט אַ שאַבלאָן, וועלכער באַ־נוצט זיך נישט מיט אַ פאַרטיקן רעקוויזיט, נאָר ער לעבט טיף איבער די יידישע לאַגע און אינם דיכטערישן אויפברויז פון

אַלע זיינע גייסטיקע כוחות שווימט אַרויף אויבנאויף אַ יידישער סימבאָל פון אומגעהויערער דיכטערישער קראַפט.

גאָט אַלס טרויעריקער מה"רל איז אַן אוניווערסאַליסטישער מאָטיוו, וועלכן גלאַטשטיין האָט דיכטעריש אַנעקסירט בלויז פאַרן יידישן פאָלק, ווייל אין היינטיקן דור איז נישטאָ קיין איין פאָלק, וואָס זאָל קאָנען פּרעטענדירן אויף אים, וואָס זאָל האָבן רעכט אויף דער דאָזיקער דיכטערישער טרייסט פון פילן, אַז גאָט מוז זיך שפּירן אַלס ייד, אַז ער מוז תשובה טאָן אויף זיין גרויסער זינד פונם גולם־באַשאַף, אַז ער מוז זיך פילן הילפלאָז ווי אַ ייד, ווייל יעדער ייד איז היינט אין דער מדרגה פון אַ הילפלאָזן גאָט — טראַגיש ווי ער און הילפלאָז ווי ער און הייליק — אין זיין טראַגישקייט — ווי ער.

*   *   *

פאַר אַלע טיפסטע געפילן — ביז זייערע דינסטע ניואַנסן, — וואָס אַ גלות־ייד פון היינט און פון אייביק מוז איבערלעבן, האָט גלאַטשטיין געפונען אַן אויסדרוק אין זיין דיכטונג פון זיין לעצטן פּעריאָד, — אין זיין נאַציאָנאַלער דיכטונג.

סאַראַ טרויער, סאַראַ אָנונג פון חורבן עס דרינגען דורך די בעסטע לידער גלאַטשטיינס פון די יאָרן 1937-1939.

און דאָס איז אַ דיכטערישע — דאָס הייסט: אין פּינטל־טרעפנדיקע — פאַרקערפּערונג פון די געפילן, וואָס די ברייט־סטע יידישע מאַסן אין דער וועלט — אין דער פּאַשיזירטער וועלט — האָבן איבערגעלעבט אויף דער וואָר און אין די חלומות.

די קומענדיקע יידישע דורות, ווען זיי וועלן וועלן איבער־לעבן אונזער היינטיקן יידישן אומרו, אונזער היינטיקע יידישע אומזיכערקייט, אונזער יידישן געפיל פון זיין הפקר, — וועלן דאַרפן בלויז איבערלייענען דאָס שטאַרקע געדיכט „עס איז אונז באַפאַלן אַ הונגער", פון די „געדענקלידער" (אַמאָל דאַכט זיך מיר, אַז אַ גרויסער פּראָצענט געדיכטן פון די „געדענקלידער" זענען שטאַרקער פאַר די לידער פון די „שטראַלנדיקע יידן").

מיר האָבן אָפּגעשפּאָרט אַן אייגן שטיקל הימל,
נישט צום פאַרזינדיקן...

י. ראַפּאָפּאָרט

אמת, נישט אַלע ווינשעוואַניעס
זענען מקוים געוואָרן.
אָבער ביי אַ סך וויגעלעך
שטייען געדונגענע גאָלדענע ציגעלעך.
איז דאַכט זיך גוט, — יידן זענען, ברוך השם, איינגע־
אָרדנט (די טרייסט־וועגן!), אָבער:
נאָר די ביינער ברעכן.
ניין, נישט דאָס בעט האָט אַ קרעכץ געטאָן,
האָסט דערהערט דאָס קול פון די אייגענע ביינער —
וואַנדער ביינער...
טוסט אָן די שטעקשיך,
גייסט אַרויס אין שטילן דרויסן...
דוכט זיך, וואָס קאָן שוין זיין אייגענער
פון דיין אייגענער פיראייליקייט?
גיסט אַ טאַפּ דעם פייגנבוים,
אַ גלעט די ציגל פון הויז.
ס'וויל דיך פאַרזיכערן די שויב די ליכטיקע.

אָבער אין אַפּריל פון 1939, ווען דאָס דאַזיקע ליד איז גע־שריבן געוואָרן, איז נישטאָ קיין זיכערקייט פאַר אַ יידן, וועלכער פילט די וואַנדער־ביינער (און ווער פילט זיי דען נישט, דאַן און שפּעטער און איצט!?). און דער ייד, וואָס פילט די וואַנדער־ביינער און קאָן נישט שלאָפן, פיבערט דורך אין זיין כלומרשטער זיכערקייט די אמתע, איינציקאַרטיקע יידישע אומזיכערקייט. ער פילט — און מיר פילן מיט גרויל:

ס'שלאָפט דאָס ווייב, ס'שלאָפן די קינדער,
אוודאי האָבן די יאָרן אַ ראַם.
אַ רגע, אַ מינוט און ס'וועט אַלץ
כמעט גאַנץ און גוט.
פּלוצים עפנט זיך די טיר.
מען דערלאַנגט דיר אַ פּאַפּיר
גלייך אונטער דער נאָז.
שוין איינמאָל אַ צדקדיקער חשבון:
מען רעקווירירט דאָס גאַנצע אָפּגעשפּאָרטקייט,
די ציגל, די לופט, די ערד,

אויסגעריסענע בלעטער

דאָס רעכט אויף געפּאַרטקייט,
אפילו דאָס געדונגענע גילדענע ציגעלע...
זאָל זיין ס'איז נאָך קיינער נישט געקומען,
אָבער מיינע ביינער קרענקען שוין דערמיט,
מיט דער פייכטקייט פון יידישן וועטער...
עס קרעכצן מיינע איבערגעשראָקענע ביינער —
וואַנדער־ביינער.
פּאַרטאָג.
דאָס לעבן קרייעט קוקורעקן.
באַלד וועלן אָנהויבן מאָלן די פּרנסה־מילן.
אָבער אסור, אויב עס וועט שטילן
דעם הונגער וואָס איז אונז אַלעמען באַפאַלן,
דעם טרויעריקן הונגער.

דעם הונגער נאָך אביסל פּשוטער, מענטשלעכער זיכערקייט (וואָס אין דעם איז די טרייבקראַפט פון אונזער גאַנצער נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע).

אָדער: נאָך אביסל פּשוטער מענטשלעכער אומזיכערקייט, וואָס איז אַזוי זיכער לגבי דער יידישער „זיכערקייט".

און ווען דער ייד, וואָס עס ברעכן אים זיינע וואַנדער־ביינער, קוקט זיך ארום נאָך שוץ, דערזעט ער די „ליבעראַלע" וועלט, וואָס איז פאַר אים א יאַטקע־קלאָץ („אויפן יאַטקע־קלאָץ", געשריבן אין יוני 1939, אין די „גערענקלידער"):

ס'האָט זיך אַביסל געטאָן נעכטן אָרום מיר,
ווען איך בין געשטאַנען אַ צעדאַמטער
אויפן יאַטקע־קלאָץ, ווי אַ קנעכט צום פאַרקויפן..

מיט וואָסער פאַרניכטנדיקן סאַרקאַזם גלאַטשטיין שטעמפּלט די רחמנות־וואַקכאַנאַליע, אַרום דעם יאַטקע־קלאָץ, פאַרן יידישן פאָלק.

פאַר די צען פאַרזאָגן אליין
דאַרף מען מיט אים טאָן חסד
און פאַרטראָגן דעם דאָזיקן קריכער,
לומפּ, הורענזון און מאַרעוויכער...
און הערט ווי ער בעבעט זיין לשון,
ווי ער פראַוועט באַזונדעריש אויף אונזער ערד...

י. ראַפּאָפּאָרט

האָרכט ווי ער ריטשעט וואָס מען האָט זיין ברודער
געשאָכטן,
קוקט ווי ער מאַכט אונז דאָס לעבן מיזעראַבל —
צערטלט מיך אַ באַסאָווער ליבעראַבל...
(אָט דאָ איז אַ ניי וואָרט, וואָס שטראַלט מיט שעפּערישקייט,
מיט אַסאָציאַציעס, ווייל עס גיט צו טויזנט ניואַנסן דעם באַנק־
ראָטירטן וואָרט „ליבעראַל").
ס'האָט זיך אַ שיין ביסל געטאָן נעכטן אַרום מיר,
צווישן די יאַטקעס.
כ'בין געשטאַנען אין בלויזן העמד און צעפּליקטע גאַטקעס,
און זיי האָבן מיר געטרייבערט די אָדערן
מיט פאַרטיידיגאַכץ...
אַ פרומע אַלטיטשקע האָט איבער מיר געמאַכט אַ צייכן
אין דער לענג און אין דער ברייט
און אַלץ אַרום האָט גענומען נישט ווערן.
איך בין געבליבן אליין אונטער אַ הימל פון קעלטעניש.
די שייקע איז אַרויס פון באַהעלטעניש
און איך האָב פאַרמאַכט די אויגן.
די קלעפּ זענען מיך שוין נישט אָנגעגאַנגען.
איך האָב מיט אַ סקרוך געדענקט
ווי זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט,
אַרום דעם יאַטקע־קלאָץ דעם רונדן,
ווי זיי האָבן געבלעקעכצט איבער מיין צענערעגט לייב,
און ווי די בינען איינגעגעסן דעם האָניק אין מיינע ווונדן.
און דאַן קומט די לעצטע סטראָפע:
האָסט פאַרלאָשן איין שטערן, צוויי, דריי,
דיין גאַנצע צעליכטיקטע פראַכט.
גאָט, וואָס טו איך דאָ איינער אליין,
אין דיין אייביקער נאַכט.
איינער אליין אין דער נאַכט פון דער וועלט, איין פאָלק —
אָן וואָפן, ווי אַ שעפּס, — צווישן אַ טשאַטע פעלקער־וועלף,
פעלקער־שאַקאַלן, פעלקער־שלאַנגען.
וואָס איז דער געשריי פונם לעגענדאַרן נוצרי „אלי, אלי
למה שבקתני" אַקעגן דאָזיקן אויסגעשריי — נאָכן מוראדיק־

רעאַליסטישן בילד „אויפֿן יאַטקע־קלאָץ":

גאָט, וואָס טו איך דאָ אײנער אַליין
אין דײַן אײביקער נאַכט.

נישט נאָר די קלעפּ טוען אונז זײַ, ווען מיר דערפֿילן טיף אונזער לאַגע, — אונזער פּאַרצווייפֿלטע, האָפֿנונגסלאָזע איינזאַמקייט אין דער אײביקער נאַכט פֿון דער וועלט טרײַבט צו משוגעת אין צײַטן, ווען דער גלויבן אין אַ נס רינט אויס.

אַזוי אַ ליד נאָך אַ ליד, שטאַרק אין אויסדרוק, אָפּטמאָל אפילו ענטגילטיק אין אויסדרוק, און מען וואָלט געקאָנט — און געדאַרפֿט — ציטירן און ציטירן („לתרצ"ט", למשל, אין „געדענקלידער"), אָבער כ'וועל זיך אָפּשטעלן בלויז נאָך אויף איין געדיכט וואָס גיט אַ אימהדיק בילד פֿון דער יידישער עקזיסטענץ דווקא דורך קלייניקייטן (דערהויבנדיק זיי צו גראַנדיעזע סימבאָלן דורך דיכטערישע מיטלען).

דאָס געדיכט (אין „שטראַלנדיקע יידן") הייסט „כ'דאַוון אַ יידיש בלאַט אין סאָבוויי":

כ'לייען אַ יידיש בלאַט אין אַ ניו־יאָרקער סאָבוויי.
„דאָס דאַוון איך שחרית,
דעם בייזן גוי להכעיס,
וואָס ברענט מײַנע יידישע אותיות,
מיט זײַנע ביסטרע אויגן.
אָ, גאָט, האָב רחמנות
אויף די דערשראָקענע יידישע אותיות,
באַשיץ זיי
פֿון דער סאָבוויי־אינקוויזיציע.

אַז מען לייענט אַזעלכע שורות וועגן קליינינקע טאָג־טעגלעכע דערפֿאַרונגען, ווי די גויישע בליקן אויף אַ יידישער צײַטונג אין אַ באַן אָדער טראַמוויי, הויבט מען אָן צו שפּירן דעם אייגנאַרטיקן צויבער פֿון גלאַטשטיינס טאַלאַנט: די בליציקייט פֿון זײַנע אַסאָציאַציעס און זייער דימענט־שאַרפֿע פּוענטירונג.

יעקב גלאַטשטיין דאַוונט „די יידישע נייעסן", אָבער זײַן שכן:

ער לייענט לאָקאַלע פּאָליטיק, ספּאָרט,
ער גריזשעט אַרום די צײַטונג,

י. ראַפּאָפּאָרט

ווי אַ גענייטע קו...
פון מיין שכן שמעקט מיט בראָנפן,
אויפן ניכטערן מאָגן.
ניין, ער וועט מיך נישט שלאָגן,
פאַרזיכערט ער מיר מיט גרויזאַמער גוטסקייט
(אונטערגעשטראָכן דורך מיר. — י. ר.)
ער איז טאָלעראַנט.
אָבער פאַרוואָס זאָל אַזוינער ווי איך
נישט לייענען די שפּראַך פון לאַנד?...
דו ווייסט, זאָג איך אים אַזוי,
מיין הויך געשעצטער אינטערנאַציאָנאַלער גוי...
קאָנסט געהערן צו אַ לינקער, צו אַ רעכטער אָרגאַניזאַציע
און קיינער וועט דיך נישט באַשולדיקן
נישט אין שוואַרצן מאַרק,
נישט אין אינפלאַציע.
אָבער מיט אַלע מיינע פּאַספּאָרטן,
בין איך אַ שטאַטנלאָזער.
כיזיץ און ציטער
פאַר יעדן עקאָנאָמישן געוויטער...
כיקוק דיר אין די אויגן
צי ביסטו אַ הונגעריקער, אַ זאַטער.
ביסטו מילד, שיכור,
אָדער דו גייסט זיך צעשפּילן?
כיקוק דיר כסדר אין קראַטער.
כיווייס נישט וואָס זאָל איך ווערן,
אַז כיזאָל דיר נישט זיין גרויס אין די אויגן...
מעג איך נאָך האַנדלען, קויפן, פאַרקויפן?
אָדער ס'האָט שוין צוועלווע געשלאָגן
און מען דאַרף גיך כאַפּן די פיס און אַנטלויפן?

איך מוז מאַכן אַן אָנשטרענגונג איבער זיך נישט צו ברענגען דאָס דאָזיקע גרויסע ליד אינגאַנצן: דאָ ליגט פיקסירט לדורות דער גרעסטער טייל פון אונזער גלות-אומגליק. אָבער נאָך עטלעכע גרעסערע שטעלן מוז איך ברענגען, ווייל זיי זענען

אזוי טרעפֿלעך פֿארן גורל פֿון אַ פֿאָלק אין משך פֿון צוויי טויזנט יאָר:

כישטיי און קוק דיר אין די אויגן,
און פּאָכע איבער דיר מיט אַ לאַטוס־בלאַט.
זיי נישט הונגעריק. זאָלסט מיר זיין אייביק זאַט.
ס'זאָל דיר קיין שום שלעכטס נישט געשען.
פּו, פּו, קיין עין הרע.
זאָלסט מיר האָבן צו זעט,
חזיר און אייער,
באַשירעמט זאָלסטו זיין פֿון יעדער צרה.
ווייל אויף דיינע ריזיקע פּלייצעס
קאָנסטו נעבעך נישט פֿאַרטראָגן קיין שטרויעלע שלעכטס.
זאָלסט מיר זיין באַזאָרגט מיטן פּלעשל
און אַ טעלער וואַרעם געקעכץ...
זאָלסט מיר האָבן אַ גוטן זיווג אין בעט,
ס'זאָל דיר לייכט זיין דער וועג צום פּריוועט...
ווייל טאָמער עפּעס —
ווער איך גלייך דאָס כפּרה־הינדל.
אפשר אין דיין רואיקן שאָטן,
וועט מיר געראָטן זיך האַלטן,
אַ דור אָדער צוויי
און עסן אַ רואיק שטיקל ברויט...

אין דעם פֿערזן־פֿאָרוואָרט צו זיין רוסישער איבערזעצונג פֿון ביאַליקס „שחיטה־שטאָט”, דערציילט זשאַבאָטינסקי, אַז אין אַ פּאָגראָמירטער שטאָט האָט ער געפֿונען, צווישן אַרויסגע־לאָזטע פֿעדערן און צעבראָכענעם גלאָז, אַ פּיצל פֿון אַ ספֿר־תורה און ער האָט איבערגעלייענט דערויף צוויי ווערטער: „בארץ נכריה” — „אין אַ פֿרעמד לאַנד”, און ער גיט צו: „אין די דאָזיקע צוויי ווערטער ווערט דערציילט די געשיכטע פֿון פּאָגראָם”.

אין די עטלעכע געבראַכטע ציטאַטן פֿון גלאַטשטיינס „כ'דאַוון אַ יידיש בלאַט אין סאַבוויי”, איז דאָ נישט נאָר דאָס גאַנצע בילד פֿון דער יידישער עקזיסטענץ, נאָר די גאַנצע געשיכ־טע פֿון די זעקס מיליאָן טויטע.

און קיינער האָט עס נישט אויסגעדריקט קירצער און פּשוטער.

* * *

כ׳האָב נאָך ווייט נישט אויסגעשעפּט די גוטע, אומפּאַר־געסלעכע לידער פון די צוויי ביכער: „גערענקלידער" און „שטראַלנדיקע יידן", באַזונדערס די, וואָס ווילן געבן — און גיבן — אַן אויסדרוק דעם „לעגענדאַרישן אומגליק", לויט גלאַט־שטיינס געפליגלטן אויסדרוק. „אַן יידן" איז אפשר איינס פון די בעסטע פון דער דאָזיקער סעריע לידער, אָבער נישט דאָס איינציקע. „מיין טאַטע יצחק" (שטראַלנדיקע יידן", ז. 95); „מיין ברודער בנימין" („שטראַלנדיקע יידן" ז. 99); „דער זיידע ענזל וועקט זיך" און אַנדערע זענען נישט ווייניקער ווערט ציטירט און געדראָונט צו ווערן. אָבער נישט איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף אַלע ארטיקלדיקע (און שוואַך־ארטיקלדיקע) לידער, ווי „ווידערשטאַנד אין געטאָ" (ז. 7 אין „שטראַלנדיקע יידן"), „יזכור" (ז. 10 אין „שטראַלנדיקע יידן") און אַנדערע און איך וועל זיך אויך נישט אָפּשטעלן אויף אַלע שטאַרקע חורבן־לידער.

אָבער נאָך אויף איין מאָטיוו פון גלאַטשטיינס חורבן־לידער וויל איך זיך קורץ אָפּשטעלן. פאַראַן ביי אים עטלעכע לידער, וואָס ווייזן אויף סימנים פון האָפענונג, פון גלויבן. דער באַזינגער פון אונזערע אַלע געפילן, — די צום דינסטן ניואַנ־סירטע — אין דער צייט פון חורבן, האָט ער אויך אויפגעכאַפּט (ביי זיך גופא טאַקע) דעם מערקווירדיקן נס פון אונזער לעבן: זע, עס טליעט נאָך, און דאָ און דאָרט פלעמלט נאָך אפילו, האָפענונג. ווי נישט רעאַל דאָס זאָל נישט זיין, לויט דער לאַגע, לויט די געשעענישן, איז עס דאָך אַ ווירקלעכקייט, וואָס די דיכ־טונג מאַכט נאָך באַגלויבטער, ווייל דיכטונג האָט די אייגנשאַפט צו מאַכן גלויבן דאָס אומגלויבלעכע.

אינם געדיכט „אונזער טאָגנדיקע נאַכט" זעען מיר בולט דעם געראַנגל צווישן יאוש און גלויבן (דאָס קומט פאָר ביי אונז אַלע, ביי יעדן באַזונדער און ביים פאָלק אינגאַנצן):

דאָס איז אונזער ירושהדיקע נאַכט.
פאַרלעש זי נישט, האַלט זי וואַך...
שווער צו שפינען פון פחד גלויבן?

קיינער באַפעלט דיר נישט גאָט צו גלויבן...
שווער די נאַכט דורכצוהאָפן?
אָבער אַזוי האָט גאָט באַפוילן:
אפילו ווען אַלע לענדער זאָלן ווערן אונזער פוילן,
אַלע הייליקע שריפטן טויטע טייטשן,
אַלע מענטשן אונזערע דייטשן —
געלעבט, געלעבט און נישט געטראַכט.
שומר, שומר האַלט די פעסטונג פון אונזער נאַכט.
קאָן דען זיין אַ מער יידישער געזאַנג?

דער גלויבן איז דאָ בולט אַן איראַציאָנעלער (אַ סך איראַציאָנעלער ווי ס׳איז געוויינלעך יעדער גלויבן), און דעריבער הייסט ער האַלטן די פעסטונג פון אונזער נאַכט „נישט געטראַכט״, — טראַכטן קאָן דערפירן בלויז צו יאוש.

קאָנקרעטער איז שוין זיין ליד „אונזער פרייד״, ווו ער באַזינגט דאָס זעלטענע, הגם אין זעלטענע פאַלן גאַנץ רעאַל געפיל פון פילן די „גרויסע פרייד פון זיין גערעכט״.

מיר פילן זי זעלטן די דאָזיקע פרייד, באַזונדערס אין צייטן פון „לעגענדאַרישן אומגליק״, — אין צייטן, ווען עס זענען אַ סך נענטער צו אונזער געפיל און פינצטער געמיט דעם דיכטערס אומשטערבלעכע שורות אַז

אייביק וועט אונזער לעבעדיק פאָלק
זיין טויט מיט מיליאָנען טויטן;

אָבער דאָך ווייסן מיר, אַז זי איז נישט קיין אויסטראַכטעניש די דאָזיקע פרייד, נאָר אַ זעלטענער, גאָר געהויבענער גאַסט. און מיר זענען צופרידן, וואָס דער דיכטער איז באַזוכט געוואָרן פון דאָזיקן גאַסט און ער גיט אונז צו וויסן, — הגם נישט מיט אַזעלכע מעכטיקע רייד, ווי וועגן אומגליק, — וועגן אָט־דער פרייד, דער איינציקער עכטער פרייד פון קרבן, אויב ער פילט זי:

פאַראַן אַ פרייד וואָס זינגט אין אַלע ביינער,
אַ פרייד וואָס דערהויבט דעם נידריקסטן פון מיסט,
וואָס מאַכט פאַר אַ האַר דעם קנעכט —
דאָס איז די פרייד פון זיין גערעכט.
און איר, באַלאָדענע מיט מאַכט,
איר פאַראומרייניטע מיט בלוט־פאַרגאָס,

גיט אַ טראַכט פון דעם לעצטן שמייכל אַנטקעגן אַ שאָס,
פון דעם געזאַנג אין טויט.
צעפלינדערט, צעטרעט, צעשיסט, צעשטעכט.
בלייבן וועט די פרייד פון זיין גערעכט.

דאָס איז אַ בלאַסער, אָבער רעאַלער שאָטן פון דעם גאַסט, וועגן וועמעס באַזוך אין די געטאָס און אין די טויטנלאַגערן מיר באַקומען זעלטענע, אָבער גאָר־אָנגעלייגטע גרוסן.

אָבער יעקב גלאַטשטיין, וואָס נישט נאָר ער קען דעם דאָזיקן גאַסט, נאָר ער גלויבט אין אים אַמאָל אויך, ווען ער איז נישטאָ, — ער גלויבט אין אים אַזוי שטאַרק, אַז ער איז גרייט צו פירן אַ קאַמף פאַר אים. ער דערקלערט אַן אייביקן בירגערקריג די „באַלאָדענע מיט מאַכט":

וועסט איבער מיר נישט געוועלטיקן
מיין ברודער קין...
אין יעדן דור וועל איך מיט דיר דעם קאַמף באַנייען...
מיין טויט הערשט איבער דיר און איבער דיין שלעכטס...
אַז איך וועל זיין טויזנט מאָל טויט,
וועסטו אַלץ זיין טויטער...
הער, ווי מען זינגט אין שלאַכט לעבן אונזערע היימען,
דאָס זינגט די פרייד פון טויט, וואָס האָט אַ מאָרגן.

די דאָזיקע גרעסטע פון אַלע פריידן, וועגן וועלכער יעקב גלאַטשטיין זינגט אַזוי שיין אין זיין ליד „בירגערקריג" („געדענקלידער"), קלאַפּט אין מיין געמיט און ס'איז איר שווער אריינצוקומען אין מיר, אָבער כ'ווייס, אַז דאָס דאָזיקע קלאַפּן איז נישט קיין האַלוצינאַציע, — דאָס קלאַפּט אַ זעלטענער גאַסט און געבענטשט זאָל זיין דער, צו וועמען ער קומט אפילו אויף אַ רגע און ער זאָגט עס אָן די איבעריקע אבלים: אויב ער קומט אפילו נישט צו אייך, — זייט וויסן, אַז ער לעבט נאָך, דער דאָזיקער אויסגעבענקטער גאַסט.

אויב דער דאָזיקער גאַסט, דער זעלטנסטער און אָנגעלייגטסטער, איז געקומען צו יעקב גלאַטשטיינען — און ער האָט אים אריינגעפאַנגען אין זיין ליד, — איז ער צו אים געקומען אין אומבאַוווּסטזיניקער שליחות פון פאָלק: דאָס יידישע פאָלק פילט — ווי אויסטערליש דאָס זאָל נישט זיין — די פרייד פון זיין

גערעכט. און יעקב גלאַטשטײן האָט עס דערשפּירט און זי אַרײַנגעכישופֿט צו זיך און אין זײַן ליד, פֿון װאַנעט זי קערט זיך אום צום פֿאָלק, צו שטאַרקן באַװוסטזיניק זײַן אומבאַװוסטזיניק געװאָרענעם גלױבן אין דער קראַפֿט און אין דעם גליק פֿון גערעכטײן.

יא

סאַראַ תהום עס ליגט צװישן די װאָרט־ און זילב־עקסצענטרישקייטן פֿון די „יידישטײטשן" ביז די פּשוטתדיקע װאָרט־אינהאַלטן פֿון די „גערענקלידער" און „שטראַלנדיקע יידן". סאַראַ תהום עס ליגט צװישן דער לײַכט־װאָגיקער און אַמאָל טאַקע זינלאָז־שפּילעװדיקער טעמאַטיק פֿון די פֿריערדיקע לידער־ביכער גלאַטשטײנס און די שפּעטערדיקע.

אין די „יידישטײטשן", צװישן די פֿאַרשידענע שטיפֿעריש־זינלאָזע „אין צװישן־צװאַשנס" (גלאַטשטײנס אַ װאָרט אין אַ געדיכט מיט אַ סימבאָלישן נאָמען „אױפֿלײז", װאָס פּאַסט פֿאַר זײַן גאַנצער זילב־עקסצענטרישקייט, — זילב־עקסצענטרישקייט, װײַל מיר האָבן דאָ אָפֿט צו טאָן נישט מיט װערטער, נאָר מיט אױפֿגעלײזטע, הגם װײַט נישט אױסגעלײזטע זילבן), זאָגט גלאַטשטײן אין זײַן געדיכט „מיר, די װאָרט־פּראָלעטאַריער":

און דו, באַפּאַנצערט מיט שװײַגן און קלוג זײַן,
װיקלסט אָפּ װאָרט פֿון מײַן.

און װען מען פֿאַרנעמט זיך מיט אָפּװיקלען װאָרט פֿון מײַן, װערט דאָס דיכטן אַ װאָרט־שפּילערײַ, אַ זילב־עקסצענטרישקייט. נעמט למשל (אײן בײַשפּיל פֿאַר הונדערט), זײַן געדיכט „שתהלימדיקע רייד" (פֿון „יידישטײטשן"). פֿון אָנהױב באַגרײַפֿט מען נישט: פֿאַרװאָס עפּעס „שתהלימדיקע רייד", אַנשטאָט „תהלימדיקע רייד"? אָבער דאָס װײַטערדיקע פּונם ליד דעקט אױף דעם „טיפֿן" סוד:

איך האָב אַ פֿרײַנט אַ גלאָקנציער,
אַז ער קומט אַהײם פֿון קלױסטער
רעדט ער שטילע נישט געפּאָרטע רייד.

דערנאָך קומט די אַנטיטעזע (פּונקט װי די טעזע זאָגט גאָרנישט, זאָגט גאָרנישט אױך די אַנטיטעזע):

איך האָב אַ פֿאַרײַנט אַ גליקנציער,

א טריבער טרייבער פון רעליקיע
און הימאַליי.
אַז ער קומט אַהיים פון קלויז ער,
רעדט ער שתהלימדיקע געפּאָרכטע רייד.

ווי איר באַמערקט אפשר, איז דאָ אַלץ געבויט אויף זינלאָזע זילב־קאָנטראַסטן. אין דער ערשטער טעזע־שורה איז „פריינט" און „גלאָקנציער"; אין דער ערשטער אַנטיטעזע־שורה איז „פּאַריינט" (דאָס איז אַ וואָרט אָפּגעוויקלט פונם מיין) און „גליקנציער". דערנאָך קומט אין דער צווייטער טעזע־שורה „פון קלויסטער" און די אַנטיטעזע — „פון קלויז ער"; — דערנאָך „רעדט ער שטילע נישט געפּאָרטע רייד", און „רעדט ער שתהי־לימדיקע געפּאָרכטע רייד" און אַזוי כסדר. און דאָס זענען נאָך נישט די אומפאַרשטענדלעכסטע שורות און ווערטער. פאַראַן ערגערע, למשל:

אין פענצטער גרויזאַם שטאַפּעטן שטאָלענע
און אַלם קעגנזאַץ:
אין פאַנצער גרוילזאַם שטאַנעטן שמאָלענע.

און אַזוי כסדר — וואָרט־פאַרגוואַלדיקונג, וואָרט־שענדונג, ביז ביליק־קינדערשער וואָרט־נאָכקרימעריי: אַנשטאָט „קלינגט" — „קליונגט". עס דערגייט אָפּט אַזוי ווייט, אַז מיר ווילן זיך אויך אַ שפּיל טאָן — הגם מיט מער זין — און מיר דרייען איבער: אַנשטאָט: „מיר, די וואָרט־פּראָלעטאַריער", גיבן מיר אַ זאָג מיט הארץ: „מיר, די וואָרט־ספּעקוליאַנטן" אָדער: „די וואָרט־זשאָנגלערן".

און דאַן קומט די גרויסע פאַרוואַנדלונג: גלאַטשטיין קערט זיך אום צו „אונזער ציכטיקן לשון" (גלאַטשטיינס אַ ליד אין די „גערענקלידער"), וואָס די אבות האָבן אויסגעשמידט און אויסגעשטאַט מיט אַלע מעלות, וואָס קיינער דעפינירט נישט און באַרייכערט אים נישט אַזוי מיט אַזאַ ווירקזאַמער דינקייט, ווי גראָד דער דיכטער פון די זילב־עקסצענטרישקייטן, און וועלכע קיינער פאַרפּילפּאַכט נישט אַזוי ווי ער, וועלכער „פאַרקלערט יעדער וואָרט מיט מיין" אַנשטאָט „אָפּצוּוויקלען וואָרט פון מיין".

יעקב גלאַטשטיין הערט אויף גאוודיק צו באַרימען זיך, ווי א גייסטיקער מנחם מענדל, אַז

סיפּליען אָפּ גאַנצע עראָפּלאַנען מיט פּאַרשטאַנען (?!—י.ר.)

נאָר זיינע ווערטער, געריימט אין דיכטונג־שורות, זענען אַזוי רייך מיט געדאַנקען, מיינען און אַסאָציאַציעס, אַז אַמאָל, ביים לייענען זיינס אַ געדיכט (פון די נייע), קאָנען מיר קוים אויפנעמען די גאַנצע שפע, וואָס שפּאַרט זיך אין אונזער געמיט און מוח, אין אונזער אַנונג, און ס'נעמט אונז אַרום אַזאַ טראַגיש געפיל: זיין אַזאַ געפעס פאַר דעם פאָלקס געפיל און פאַר זיין, דעם פאָלקס, קולטור־אינסטרומענט — די שפּראַך — און שטיין פאַר אַ פּוסטקייט!

עס גייט נישט נאָר אין דעם, וואָס מען לייענט אים נישט, — דאָס טרעפט מיט אַ סך שעפער ביי זייער לעבן, אָבער די שפּראַך און דאָס פאָלק שטייען פאַר אַן אָפּגרונט, וועלכן מען זינגט אויס, און ווער ווייסט צי די שפּעטערדיקע דורות וועלן דאָס לייענען און איבערלעבן די דיכטונג אין זייער געמיט.

עס ווערט אַזוי טראַגיש: ווער וועט אינגיכן קאָנען אָפּשאַצן גלאַטשטיינס שפּראַך־אינסטרומענט, וואָס פאַרמאָגט אין זיך, אין אַ צעבליטן צושטאַנד, אַלע זאַפטן און מעלות פון יידיש — די חכמה, די אַסאָציאַציע־שפע, דעם געלעכטער דורך טרערן? ווער וועט אינגיכן קאָנען אָפּשאַצן די מעלות פון זיין דין־דינעם „אונזער ציכטיק לשון", די דאָזיקע פּרעכטיקע פּאָעמע און וויסנשאַפטלעכע דיסערטאַציע צוזאַמען וועגן יידיש לשון, וועגן יידיש־טייטש?

און אין דערדאָזיקער וווּנדערבאַרער כלי האָט ער דאָך צונויפגעקליבן אין לעצטן יאָרצענדליק אַלץ, וואָס דאַרף פאַראייביקט ווערן פון אונזער וויי, פון אונזער טראַגישן זיין! און וויפל לייענען דען היינט (ווען מיר וועלן שוין פאַרגעסן דעם „אינגיכן") די דאָזיקע קינות וועגן אַ פאָלקס חורבן?

אָבער אין אונזער ענגן ווינקל פון אַ הייפעלע טרייע, דאַרפן מיר וויסן און אָנערקענען, אַז יעקב גלאַטשטיינען איז באַשערט געווען אַ גרויסע עליה: צו ווערן פון אַ וואָרט־עקסצענטריקער אַ נאַציאָנאַלער דיכטער, אַ גרויסער דיכטער פון גרויסן חורבן.

מעלבורן, אָגוסט 1948.

י. ראַפּאָפּאָרט

נאָטיצן וועגן משה קולבאַקס שאַפן

יעדער מעטאָד וואָס ווערט אַ שאַבלאָן, אַ קלישע, ווערט אומשעפעריש, מעכאַניש, טויט.

אויך דער מעטאָד פון דער ליטעראַטור־קריטיק, וואָס בויט אויף דעם פונדאַמענט פון שרייבערס ביאָגראַפיע, ווערט אומשעפעריש, אויב דער קריטיקער באַנוצט אים מעכאַניש...

פאַראַן שרייבער וואָס זייער שאַפן איז קלאָר אויך אָן זייערע ביאָגראַפיעס. און ווען דער קריטיקער טרעט צו צו אַזעלכע שרייבער און זייערע ווערק מיט אַ פאַרקנייטשטן שטערן, זוכנדיק אין זייערע ביאָגראַפיעס דעם שליסל צו זייערע ברייטאָפענע ווערק, מאַכן זיי אַ קאָמישן איינדרוק.

נישטערן אין דער ביאָגראַפיע פון אַ שרייבער נאָך אומנוייטיקע שליסלען, איז פּונקט אַזאַ קריטיקלאָזער צוגאַנג פון דער קריטיק, ווי די טויזנטער שקלא וטריאס, אין וועלכן יאָר אָדער טאָג אַ שרייבער איז געבוירן געוואָרן, — אַ זאַך, וואָס איז וויכטיק נאָר פאַר גלויביקע אַסטראָלאָגן.

אין איינער פון סטעפּאַן צווייגס קריטישע אַרבעטן (דאַכט זיך וועגן קלייסטן), גיט צווייג אַ זאָג מיט אַ טיפזיניקער מינע: דעם שרייבערס פאָטער, איז פּונקט ווי שילערס טאַטע, געווען אַ מיליטערישער פעלדשער... ריכטיק ווי אַט דער אויסערלעכער צופאַל וואָלט געווען געהאַט עפּעס אַ באַדייטונג.

אַזאַ זאַץ רופט אַרויס (מיט רעכט) חשד ביים אויפמערקזאַמען לייענער, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ פּוסטער מאַניער...

אַ קריטיקער דאַרף קריטיש צוגיין אויך צו זיין מעטאָד פון באַנוצן זיך מיטן שרייבערס ביאָגראַפיע. דאָס איז נויטיק נאָר דאַן, ווען ער דאַרף געפינען אַ פאָדים, וואָס זאָל אים העלפן צו באַוועגן זיך אין אַ שרייבערס טונקעלן שאַפונגס־לאַבירינט.

נישט יעדעס מאָל העלפט דאָ אויך די ביאָגראַפיע (און אָפטמאָל באַנוצט מען זי, כדי אָנצוהויפן בויך־סברות), אָבער זוכן דאַרף מען אין איר, און אַמאָל העלפט זי טאַקע באמת אַרויס.

קולבאַק געהער צו די שרייבער ביי אונז, וואָס אַ קריטי־זער וואָלט געוועזן באַדאַרפט גוט אַדורכנישטערן זיין ביאָגראַפיע (די אויסערלעכע, ווי די אינערלעכע), כדי צו זוכן דאָרט אַ שטיקל שליסל צו זיינע ווערק (צו אַ סך פון זיינע ווערק).

צום באַדויערן איז אונזער ליטעראַטור שוואַך אַנטוויקלט אין דאָזיקן פּרט. עס פעלן גוטע ביאָגראַפיעס אַפילו פון די קלאַסיקער, בפרט פון די שפּעטערע שרייבער.

כדי צו שרייבן אַ גוטע ביאָגראַפיע פון אַ שרייבער, איז נויטיק זייער אַ סך צייט און אינטעליגענץ. אַ שרייבער דאַרף האָבן אַ מעגלעכקייט אָפּצוגראָבן פאַרשאָטענעם ביאָגראַפישן מאַטעריאַל און ער דאַרף האָבן אַ זכרונות־ליטעראַטור, געשריבן דורך שרייבער, וואָס זענען גענוג אינטעליגענט און טאַלאַנטירט אויסצוטיילן די קערנער פונעם שטרוי, צו קענען באַמערקן וויכ־טיקע קלייניקייטן, און זיי ווי געהעריק באַלויכטן.

און אויב אונזער ליטעראַטור איז אָרעם אין אַזאַ מאַטע־ריאַל, איז דאָס טיילווייז דערפאַר, ווייל אונזער ליטעראַטור איז צו אָרעם מאַטעריעל צו קענען אָפּגעבן אַ סך צייט פאַר ביאָ־גראַפישע פאָרשונגען, און צו אָרעם אין גוטע, אינטעליגענטע און אמתדיקע זכרונות־שרייבער.

אַ סך פון אונזערע גרויסע שרייבער האָבן נישט געהאַט קיין מזל צו חברים און פריינט, וועלכע זאָלן קענען ווי געהעריק אויפהיטן אין שריפט זייער שיחת חולין.

מוז מען צוגיין צו מ. קולבאַקס ווערק נישט נאָר אָן דער הילף פון אַ וויכטיקן שליסל, נאָר אַפילו אָן דער מעגלעכקייט אים צו זוכן.

* * *

מ. קולבאַק איז זיכער געווען דער גרעסטער דיכטער אין יידיש. אָבער אַ גרויסער טייל פון זיין שאַפן איז טונקל, שרייט נאָך אַ שליסל.

ווען מען זאָל אַפילו אַ טייל פון דער דאָזיקער טונקלקייט פאַרשרייבן אויפן חשבון פונעם צייט־גייסט, פון די נייע ליטע־ראַטור־ריכטונגען (עקספּרעסיאָניזם, למשל, וואָס האָט זיכער שטאַרק באַווירקט מ. קולבאַקס שאַפן), בלייבט נאָך אַלץ אַ שפּאַר ביסל אומפאַרשטענדלעכס, וואָס ליגט זיכער אין קולבאַקס אינער־

לעבער ביאָגראַפיע, וואָס האָט זיכער געמוזט קומען נישט איינ־מאָל צום אויסדרוק אין שמועסן מיט פריינט, און אין האַנד־לונגען, וואָס זענען נישט אויפגענומען געוואָרן, נישט פאַר־צייכנט געוואָרן, יעדנפאַלס נישט צונויפגעקליבן געוואָרן, און אויך אפשר אין בריוו, וואָס זענען נישט געזאַמלט, יעדנפאַלס נישט אַרויסגעגעבן געוואָרן.

דער עקספּרעסיאָניזם האָט טאַקע באַווירקט קולבאַקן, אָבער דער עקספּרעסיאָניזם גופא, מיט זיין כאַאָס און משוגענע שפּרונגען, איז דאָך געווען אַן אויסדרוק פון עפּעס, וואָס האָט געפּייניקט אַן עפּאָכע, אַ דור.

די רייד פון אַ משוגענעם אפילו האָבן אָפּט אַ זין פאַר זיין קראַנקהייט.

די עקספּרעסיאָניסטישע אומפאַרשטענדלעכקייטן, מיט וועלכע קולבאַק באַנוצט זיך אין זיין „משיח בן אפרים" און אין „מאָנטיק", זענען אַ פאַרלאַנג צו פורעמען עפּעס אַ כאַאָס אין אים. קולבאַק האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם דאָזיקן דורך זיין דור פאָרגעלייגטן אויסדרוק־אינסטרומענט, ווייל ער האָט זיך מסתמא געניטיקט אין אים.

ווי פאַרשידן עס זאָלן נישט זיין טעמאַטיש זיין „משיח בן אפרים" און זיינע „זעלמעניאַנער", איז דאָ עפּעס ענלעכס סיי אין די קלאָרע „זעלמעניאַנער", סיי אין אומקלאָרן „משיח בן אפרים". און דאָס געמיינזאַמע איז דער עלעמענט פון גראָטעסק, פון פּלוצלינגן אַרויסלאַכן (אַמאָל ברוטאַלן, כמעט לעסטערנ־דיקן אַרויסלאַכן).

און ווי פאַרשידן עס זאָלן נישט זיין זיין „בוניע און בערע אויפן שליאַך" און זיין „משיח בן אפרים", זענען ר' בעניע און ר' שמחה פּלאַכטע עפּעס שטאַרק פאַרקרובהט מיט בוניע און בערע פון קולבאַקס באַרימטער פּאָעמע. זיי זענען פיזיש און פּסיכיש ענלעך איינע אויף די אַנדערע. און איינער פון די שענסטע קאַפּיטלען אין „מאָנטיק", „מרדכי מאַרקוס ווי אַ קינסטלער", איז ווי אַרויסגענומען פון „משיח בן אפרים", — ווייל ביידע ווערק זענען אין זייער געפילס־וועלט גייסטיק־אויטאָ־ביאָגראַפיש.

קולבאַקס שאַרפער גראָטעסק אין די סאַמע ערנסטע שטעלן

פון „משיח בן אפרים" און פון „בוניע און בערע אויפן שליאך" זענען נישט קיין סימבאָלישע פּרטים, נאָר אַן אויסדרוק פון עפּעס וואָס האָט קולבאַקן געמאַטערט. זיין ערנסט, וואָס קאָן מיט זיך נישט פאַרטיק ווערן, איז זיך ווי נוקם פאַר זיין גייס־טיקן פּיין מיט אַ לעסטערונג, מיט אַ גראָב וואָרט.

אין קאַפּיטל „די גרויסע אסיפה" („משיח בן אפרים", ז. 84), איז דאָ אַזאַ בילד, ווען ר' וואָלף הויבט אָן צו ריידן אויף דער גרויסער אסיפה פון די למד־וואָווניקעס:

„...ס'איז געוואָרן מיטאַמאָל גריילעך שלעכט די לופט, די יידן האָבן זיך גענומען ארומקוקן, ר' וואָלף האָט צונויפגעדריקט די נאָז פון נישט גוטקייט, האָט אָנגעהויבן זוכן אַרום זיך; אַ פּיצל לאַמעדוואָווניק, אויף וועמען עס איז געפאַלן דער חשד, האָט זיך פאַרענטפערט:

— „איך שווער ביי מיין יידישקייט, איך נישט!"

ווייל דען קולבאַק דערמיט סימבאָליש דיסקרעדיטירן די לאַמעדוואָווישע טעמע פון זיין בוך? פּאַסט זיך דאָס, אויב אַזוי, נישט אריין אין דעם אַלגעמיינעם בילד פון דער גאַנץ ערנסטער, הגם אומקלאָרער טעמע. די טעמע בכלל איז צו ברייט צוגעשניטן, זי זאָל קאָנען „דערהרגעט" ווערן דורך אַזאַ סימבאָלישן פּרטעלע, וואָס ווירקט ווי אַ דיסאַנאַנס, ווי אַ גריליץ, און אַ זינלאָזער דערצו.

אָט די גרילצן זענען צו אָפטע געסט אין קולבאַקס ווערק (באַזונדערס אין די אומקלאָרע, אין די אומפאַרשטענדלעכע), כדי צו קאָנען זיין בלויז פּרטים (אַמאָל אומפּאַסיקע פּרטים); זיי זענען גיכער אַ רעזולטאַט פון אַן אינערלעכער יוירונג אין קול־באַקן — אַ יוירונג פון געמיט, פון גייסט, וואָס קולבאַק זוכט פאַר איר אַ שעפערישן אויסדרוק, און געפינט נישט, ווייל דער פּראָצעס פון יוירונג איז נאָך נישט געקומען צו קיין ענד, די הייוון האָבן זיך נאָך נישט אָפּגעזעצט, דער ווין האָט זיך נאָך נישט אָפּגעקלערט.

וואָלט קולבאַק געווען אָנגעווענדט זיין סאַטירע אויף די נעגאַטיווע טיפּן זיינע, וואָלט דאָס געווען זיין פאַרשטענדלעך; אָבער אויך זיינע פּאָזיטיווע טיפּן, וועלכע דאַרפן פאַרטרעטן קולבאַקס העכסטע אידעאַלן, מיידן נישט אויס זיין ווייטריאָליש־

גראָטעסקע באַהאַנדלונג, ווי די לאַמעדוואָווניקעס, למשל, וואָס
צייטנווייז אָטעמט פון זיי מיט קולבאַקס גאַנצן ערנסט.

די געשטאַלט פון מרדכי מאַרקוס איז, אין איר גאַנצער
אומקלאָרקייט, אַ געשטאַלט אַ פּאָזיטיווע פאַר קולבאַקס געפילס־
וועלט. אויב גימפּעלע, וואָס ווערט אָפּט אַזוי גראָטעסק געשיל־
דערט און לעכערלעך געמאַכט, ווערט דאָך, אין זיין פילאָזאָפיע,
ערנסט גענומען דורך קולבאַקן, איז מרדכי אוודאי און אוודאי
אָפּט דער מעדיום פאַר קולבאַקס טיפסטע — הגם פאַרפּלאָנטער־
טע, געפילן און געדאַנקען. מרדכי מאַרקוס איז דער נביא פון
קולבאַקס אומקלאָרן, אומפאַרשטענדלעכן, מיסטיש־עקרדיקן
אַפּאָטעאָז פון וואָכעדיקייט, פון „מאָנטיק", פון אָרעמקייט, פון
גאָרנישט אין מאַטעריעלן און גייסטיקן זין, וואָס שפּילט אויך
אַזאַ גרויסע ראָלע אין „משיח בן אפרים" און אין קולבאַקס
לידער („אָ, ווי גוט עס איז גאָרנישט צו האָבן און גאָרנישט צו
ווערן"), און דאָך — אין פייערלעכסטן מאָמענט, ווען אָט די
פילאָזאָפיע דערגרייכט איר באַרג־פּרעדיק, אינם קאַפּיטל „מאָנ־
טיק" (וואָס ברענגט צום קלימאַקס דעם סימבאָלישן נאָמען פון
ראָמאַן), ווען זי ווערט אָפּיציעלע רעליגיע, ווען די מאַסע
אָרעמעלייט נעמט אָן אָט די רעליגיע, ווען זי באַקומט אירע
הייליקע לוחות אין דער איבערפּראַזירונג פון פּרצ'עס „מיר
שבת־יום־טובדיקע יידן": „מיר ווילן נישט קיין שבת, מיר
דאַרפן נישט קיין שבת, מיר — וואָכעדיקע יידן!", — רייסט
פּלוצלינג דורך דעם דאַזיקן פּאַטאַסדיקן הימן קולבאַקס גראָ־
טעסק, זיין חוזק, זיין גראָב אויסלאַכן:

„און זיי זענען, — שרייבט ער, — ווי אַ סטאַדע חזירים
אריינגעקומען אין די גרויע געסלעך אריין מיט געזאַנג און
געוויין".

די מאַסע אָרעמעלייט אַנערקענט איר משיח און רעליגיע־
גרינדער, מאַרקוסן, דורך געשרייען: „קום אַרויס, איידעלער
מענטש! קום אַרויס, געזאַלבטער אָרעמאַן!", און קולבאַק שיל־
דערט זי מיט רעליגיעזע טענער אַלס „סטאַדע חזירים".

דער אינערלעכער קאָנפליקט איז דאָ צו בולט (און צו
אָפּט, ווי מען וואָלט געוועזן געקאָנט אויפווייזן), מען זאָל אים
קאָנען פאַרבייגיין.

מעג מען טאַקע קומען צום אויספיר אַז דאָ קומט צום אויסדרוק אַן אינערלעכער גערוֹאַנגל אין קולבאַקן, אַן אינערלעכער קריזיס אָדער אַן אומפאַרהיילבאַרער ריס. איז פון וואַנעט שטאַמט ער? און אין וואָס באַשטייט ער?

קיין בויך־סברות (אפילו פילאָזאָפישע) וועלן דאָ נישט העלפן, און אַ ביאָגראַפישן שליסל איז נישטאָ ווו צו זוכן; מוזן מיר אים זוכן אין די אומקלאָרע ווערק, און זיך באַגנוגענען מיט בלינדן אָנטאַפּן עפּעס ענלעכס אויף אַן ענטפער אָדער אַן אָנדייט אויף אַן ענטפער. און דער ענטפער וואָס קולבאַקס ווערק גיבן מיר אויף אָט דער רעטעניש פון צעריסנקייט אין זיי, באַשטייט אין איין זאַץ: „קולבאַקס געמיט האָט נישט געגלויבט אין דעם, אין וואָס זיין באַוווּסטזיין האָט געוואָלט גלויבן".

זיין געמיט האָט געזוכט רו אין דער וועלט פון די לאַמעד־וואָווניקעס, אין די פילאָזאָפיעס פון גימפּעלע און מאַרקוס, און דער באַוווּסטזיין זיינער האָט אָט די וועלט פאַראורטיילט.

און מיד פונם גערוֹאַנגל, האָט קולבאַק געבענקט נאָך דער וועלט פון גאָרנישט, נאָך דער רו פון דער טויטער נאַטור (וואָס זעלטן ווער האָט זי אין יידיש אַזוי געפילט און באַזונגען, ווי ער).

הגם די סאָציאַלע רעוואָלוציע פאַרנעמט אין קולבאַקס שאַפן אַ גרויסן אָרט, ליגט קולבאַקס טיפסטער פּערזענלעכסטער אמת אין די ווערטער פון „מאַנטיק" (אויף זייט 227 — אַרגענטינער אויסגאַבע פון דוד לערמאַן): „יאָ, יאָ, אפילו אין די צייטן פון סאָציאַלער רעוואָלוציע איז אומעטיק, חבר". און אפשר גראָד אין צייטן פון סאָציאַלער רעוואָלוציע, ווען דאָס געמיט פון קולבאַקן (דאָס געמיט פון אַ מרדכי מאַרקוס, פון די לאַמעדוואָווניקעס) נעמט שטעלן אַ גרעסערן ווידערשטאַנד דעם גרעסערן פּרווו פון ראַציאָנאַליסטישן באַוווּסטזיין אים צו טויטן. „דער שכל האָט פאַרמאַטערט, ר' שמחה," — זאָגט גימפּעלע, און שמחה ענטפערט: „צופיל שכל, גערעכט".

עס רייסט זיך אין קולבאַק־גימפּעלע דער ליידנשאַפטלעכער געשריי (אין „משיח בן אפרים"): „זאָל קומען משיח!" ער האָט נישט קיין געדולד צו וואַרטן, ווייל זיין געמיט גלויבט נישט; ער רעוואָלטירט קעגן זיין עמאָציאָנעלן אומגלויבן, און ער

שלאָגט זיך קאָפּ אָן וואַנט: זאָל קומען משיח, זאָל ער שוין קומען, און אויסלייזן אים פון זיין צעריסנקייט, פון זיין אינערלעכן קאַמף.

איך האָב דאָ נישט בדעה צו אַנאַליזירן קולבאַקס טונקעלע, פאַרפּלאָנטערטע ווערק. אין „משיח בן אפרים" און אין „מאָנ־טיק", זייט ביי זייט מיט פּרעכטיקע קאַפּיטלען, ווו דיכטונג רעדט מיטן פולן מויל, ווו די אומקלאָרקייט, אפילו די ווילדע עקס־פּרעסיאָניסטישע אומקלאָרקייט איז דיכטעריש קלאָר, זענען דאָ זינלאָזיקייטן, וואָס דער גרעסטער בעל־דרוש וועט זיי נישט קלאָרער מאַכן אויף אַ האָר דורך טויזנט האָר־שפּאַלטענישן. זאָל עמיצער, אדרבא, פּרווון אריינגעבן אַ לעבעדיקן זין אינעם גאַנצן סימבאָליש־אַלעגאָרישן פּלאָנטער פון יעזוס מיט משיח בן דוד און משיח בן אפרים; מיט די גוישע לאַמעדוואָווניקעס, מיט לאַמעדוואָווניקעס „גוים"; מיט דער יידישער לאה׳לע און ליובאָמירסקים גוישער טאָכטער, וואָס בײדע—סיי די יידישקע, סיי די קריסטין — זוכן זיי משיחן און ביידע טרעפן זיך אינעם גרויסן גאַנג פון די לאַמעדוואָווניקעס, וואָס ענדיקט זיך מיט טויטן משיחן, ר׳ בעניען, וועמען ליובאָמירסקים טאָכטער קושט אין פאַרבלוטיקטן פּנים, ווי אַ נייעם יעזוס, ווי אַ נייעם גע־קרייציקטן...

דער אידעאיש־סימבאָלישער פּלאָנטער איז שרעקלעך. אָבער איינס איז קלאָר: „גימפּעלע פילאָזאָף פון „משיח בן אפרים" און מרדכי מארקוס פון „מאָנטיק", זענען טיילן פון קולבאַקן. גימפּעלע קומט אפילו אָן אינעם ווערק מיט קולבאַקס אַ פּערזענ־לעכן ליד — „בין איך מיר אַ בחורל אַ הולטאי" (וואָס זיין לעצטע סטראָפע, אַ סטראָפּע, וואָס איז אַזוי עכט קולבאַקיש, זינגט גימפּעלע איבער אַ צווייטן מאָל), און גימפּעלע־קולבאַס „רעדט אין גראַמען און מיינט עפּעס אַנדערש" (ז. 127). איין טייל קולבאַקס רעדט און די צווייטע טייל קולבאַקס מיינט עפּעס אַנדערשס.

„גימפּעלע, — ווערט געזאָגט אין „משיח בן אפרים", ז. 128, — איז קיינמאָל נישט געווען אַזוי בלייך און פאַרקלערט, הגם ער האָט זיך געוויצלט, געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער פלוי־דערט אין גראַמען".

אָפּט טרעפט דאָס אויך מיט קולבאַקן, וועלכער מאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער שפּאַסט אין גראַמען, בעת ער איז גאָר טויט־ערנסט.

קולבאַקס שכל און געפיל שטייען אין אַ שווערן אומאויפ־הערלעכן קאַמף אין קולבאַקס ווערק, און וואָס דער קאַמף איז שטאַרקער, אַלץ מער אומקלאָר איז דער אויסדרוק פאַרן דאָזיקן קאַמף. עס קעמפן אין זיי דאָס מיסטישע מיטן ראַציאָנאַליס־טישן; די לאַמעדוואָווניקעס מיט די פילאָזאָפן, וואָס קולבאַק פאַרמאָגט ביידעס אין זיך, נישט געבנדיק קיין איבערוואָג קיין איין עלעמענט פון די צוויי.

און ווי שיין עס זאָלן נישט זיין געוויסע קאַפּיטלען פון די דאָזיקע אומקלאָרע ווערק, זענען זיי ווי אַ נעפּל, וואָס שאַפט אפשר וועלטן, ווען ער הויבט אָן צו ווערן אויס תהו־ובהו; אָבער דער פּאָטענציעל־שעפערישסטער נעפּל איז נישט מער ווי אַ נעפּל וואָס שוואַנגערט מיט צוזאָגן.

אמת, דיכטונג מוז נישט דווקא רעדן קלאָר צום מוח, ד. ה. פאַרמאָגן באַגריפלעכע קלאָרקייט; זי קאָן — און מוז — רעדן אויך (אָדער נאָר) צום געמיט, צו די עמאָציעס, נישט קאָנענדיק עס אויסטייטשן קלאָר פאַרן אינטעלעקט; אָבער צום געמיט, צו די עמאָציעס מוז זי רעדן קלאָר. דער געמיט זאָל זיך פילן געזע־טיקט, און נישט גערייצט. אָבער די אומקלאָרקייט פון קולבאַקס „משיח בן אפרים" און פון „מאָנטיק" גילט נישט נאָר פאַרן אינטעלעקט, פאַר אונזער דראַנג צו באַגריפלעכקייט, נאָר אויך פאַר אונזער געמיט, — זיי רייצן אים, אָבער זעטיקן נישט, ווי דיכטונג מוז דאָס טאָן.

* * *

אין קולבאַקס כּאַאָטישע פּראָזע־ווערק („משיח בן אפרים" און „מאָנטיק") זענען דאָ (ווי שוין אויבן אָנגעמערקט) פּרעכ־טיקע קאַפּיטלען. „לילית" אין „משיח בן אפרים" איז אַזאַ קאַ־פּיטל; „מרדכי מארקוס ווי אַ קינסטלער", אין „מאָנטיק", איז אַזאַ קאַפּיטל; פאַראַן אין די דאָזיקע ווערק פּאָעמעס און לידער פון עכטסטער דיכטונג אין פּראָזע. אַזאַ קאַפּיטל־געדיכט איז „ערשטע לבנה־נאַכט" („מאָנטיק", ז. 176), אַן אמתער לירישער

פּערל, וואָס זעטיקט אונז עמאָציאָנעל. אָבער גאָר גרויסע לירישע קונסט און גאָר גרויסע פּלאַסטישע קונסט קאָן מען געפינען בלויז אין קולבאַקס פּאָעמען און לידער. אמת, נישט אין אַלע; ווייל אויך אין זיינע לידער קומט נאָך פאָר קולבאַקס פּראָצעס פון קינסטלערישן יוירן; אויך דאָ איז אָפט זיין שוימיקער ווין נאָך ווייט פון צו זיין אינגאַנצן אָפּגעקלערט; אָבער אין די עט־לעכע ווערק, וווּ דער פּראָצעס פון אָפּגעקלערטקייט איז דער־גרייכט געוואָרן, איז דער רעזולטאַט ממש אַ גראַנדיעזער. קול־באַקס קינסטלערישע דערגרייכונגען, זיין קינסטלערישע אויסגע־פורעמטקייט זענען כמעט ווי אָן אַ גלייכן אין אונזער דיכטונג. און די אויסגעפורעמטקייט איז, ווי יעדע אַרט קינסטלערישע אויסגעפורעמטקייט, אַ שלימותדיקע, — אַן אינערלעכע, ווי אַן אויס־סערלעכע. די קינסטלערישע מיטלען זענען דער גוף פון אַן אינערלעכער האַרמאָניע.

קולבאַקס גרעסטע לירישע שאַפונג איז זיין פּאָעמע „רייסן".

פון „רייסן"ס צוועלף קאַפּיטלעך זענען נישט ווייניקער ווי צען ווי פּעלערלאָזע פּערל. אָבער אפילו צווישן די דאָזיקע צען מייסטערהאַפטע לירישע לידער טיילן זיך אויס „מען טרייבט פליטן", „דער פעטער אברהם פּאַשעט די פערד", „נאַסטאַסיע", „ווינטער ביינאַכט אין דער אַלטיטשקער כאַטע".

קולבאַק האָט אַ שטאַרקן חוש פאַר דער נאַטור. ער האָט די פעאיקייט צו שילדערן די נאַטור ווי אַ לעבעדיקן וועזן, אָבער אַזוי, אַז מיר זעען זי, מיר שמעקן זי, מיר דערפילן אפילו איר טעם אויפן גומען.

נאַטור־שילדערונגען, נאַטור־איבערלעבונגען געהערן אויך צו די שענסטע לירישע שטעלן אין זיינע פּראָזע־ווערק; אָבער ווי זיין זיידע פון רייסן זעט די נאַטור, שווימענדיק אויף די פליטן!

„רבונו של עולם! עס טוט זיך דאָ וואָס אויף די פעלדער, וואָס האָט נישט קיין נאָמען!"

דער זיידע זיינער פילט אָבער געניי אַט דאָס וואָס האָט קיין נאָמען נישט, און מיר דערפילן דאָס אויך, ווייל קולבאַק באַהערשט דאָ מייסטערהאַפט דעם דיכטערישן אינסטרומענט, וואָס זיין אייגנטלעכע אויפגאַבע איז טאַקע דאָס קאָנען אָן אַ

נאָמען מאַכן פילן רעאַל דאָס נאָמענלאָזע:

„עס רינען די זאַפטן פון דריערד, אַז אַ שיכרות נעמט
דורך אַלע גלידער,
„עס שפּאַרט זיך אַ לעבן אַ שטומער דורך גרעזער, דורך
וואָרצלען און צווייגן — — —
„עס טוט זיך דאָ וואָס אויף די פעלדער וואָס האָט נישט
קיין נאָמען" (ז. 188).

„דער פעטער אברהם פּאַשעט די פערד" ברייטערט שוין אויס די נאַטור־טעמע; דאָ האָבן מיר שוין נישט נאָר די אַזוי גע־רופענע טויטע נאַטור, נאָר אויך די וועלט פון לעבעדיקע וועזנס: ווי אויסטערליש גוט און שיין ער שילדערט די פערד בייַנאַכט אויף דער פּאַשע. עס דאַכט זיך אייך אַז איר שפּירט נישט נאָר די וואַרעמקייט פון די פערד, זייער אָטעם, נאָר אויך זייער אַי־נערלעכע שטימונג, דעם אינערלעכן שטראָם פון זייער לעבן. און דאָ, אין מיט פון דער לעבעדיקער און טויטער נאַטור, דערפילן מיר דעם פעטער אברהמ'ס ליבע צו נאַסטאַסיען, וואָס צאַפּלט דורך אין עטלעכע פון די שענסטע קאַפּיטלען אין „רייסן", צי דירעקט, ווי אין קאַפּיטל 8 („נאַסטאַסיע"), צי אומדירעקט, ווי אין דעם קאַפּיטל 10 („ווינטער בייַנאַכט אין דער אַלטיטשקער כאַטע"). די שילדערונג פון פעטער אברהמ'ס טאַנץ איז אַ שעדעוור.

נישט נאָר אינעם לעצטן קאַפּיטל „דער זיידעניו קומט שטאַרבן" איז דאָ דער אָפן־אָנגעשלאָגענער ביבלישער טאָן, דורך פּאַראַפראַזירן יעקב אבינוס בענטשן די קינדער פאַר זיין טויט, נאָר אויך אין די אַנדערע קאַפּיטלען, באַזונדערס אין „פעטער אברהם פּאַשעט די פערד", שפּירט מען דעם ביבלישן טאָן, שוין נישט אַ פּאַראַפראַזירטן, נאָר אַ פרום־אייגנאַרטיקן, אַ פרום־אָרי־גינעלן. עפּעס דערמאָנט מיר תמיד דעם פעטער אברהמ'ס ליבע מיט נאַסטאַסיען, בועז'עס ליבע מיט רות'ן. דאָ ווערט נישט אָנגעשלאָגן דער טאָן פון רות, נאָר די פרומקייט פון טאָן, די צניעות פון דער שטימונג רופט אַרויס די אַסאָציאַציעס מיט דער שטימונג פון רות.

* * *

די פּאָעמע „רייסן", וואָס איר אינהאַלט איז אַ ריין לירי־

שער, איז קלאָר ווי קריסטאַל, שלימותדיק און האַרמאָניש אין טאָן, אין פאָרם און אין אינהאַלט; אָבער אין „בוניע און בערע אויפן שליאַך״, ווו קולבאַק רירט ווידער אָן זיין גאולה־טעמע (וואָס איז דאָך דער הויפּט־מאָטיוו פון זיינע מיסטישע צוויי פּראָזע־ווערק), רייסן זיך ווידער אריין דער גראָטעסק און די אומקלאָרקייט, דער טאָן־דיסאָנאַנס, וואָס שרייט אַרויס פון קול־באַקס אַ גרויסן ווייטאָק, וואָס די דאָזיקע טעמע רופט אַרויס אין אים.

בוניע און בערע, די וועלט־באַפרייערישע העלדן פון זיין דאָזיקער בדרך כלל ביז גאָר פיינער שטיקל דיכטונג, זענען אָט מעדיומס פאַר זיינע טיפע געפילן און וויזיעס, און אָט ווערן זיי לעבערלעך־גראָטעסק.

אמת, אפילו אין זיינע שאַרפע גראָטעסקן, ווי אויבן גע־זאָגט, זענען אָפט אריינגעפאַסט טרערן פון ברילִיאַנטענער ריינ־קייט, טרערן פון טיפן האַרצן אַרויס. בוניע און בערע זענען אָפט גאַרישעוואַטע און קליינלעך, אָבער דער טרוים פון וועלט־באַ־פרייאונג, וואָס ברענט אין זיי, איז עכט און גרויס. און גראָד אין אָט דער עכטקייט און גרויסקייט ליגט דער סוד פון קולבאַקס גראָטעסק — דאָס איז דער געשריי פון ווייטאָק, וואָס וויל זיך מאַסקירן.

„אָ בערע, בערע, ברודער מיין אין נויט,
„האַלט צו מיין סיווע קאָפּ זאָל זיך נישט שפּאַלטן
„ביים דענקען פונם לעבן און פון טויט.
ווייל עפּעס איז דאָ אומקלאָר און באַהאַלטן״.
„וואָס איז דער מענטש? און ווו איז גאָט, אַוווּ?
„און צי וועט סיבידוע עמך טרייסט געפינען?...
„ווער ווייסט צי אויף עלעקטריע גייט די וועלט,
„און איר ספּרונדזשינע ווער עס טוט אָנדרייען?״

און אָט די דאָזיקע פראַגן איבער אַלע פראַגן זענען באַגלייט פון אַ דיכטערישער מוזיק, וואָס אָטעמט מיט טיפסטן געפיל און בריענדיקן, קוים אין ווערטער אויסצודריקנדיקן געדאַנק. אַזאַ איז דאָס קליין קאַפּיטעלע „ביי אַ טייך״ (ז. 212, ל. מ. שטיינס פאָלקס־ביבליאָטעק ביים אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס).

אָבער אויך אַט דאָס שטיקל בריליאַנטענע דיכטונג ענדיקט זיך מיט אַ דיסאָנאַנס־שורה:

„דערנאָך איז ער געגאַנגען שלאָפֿן".

אָבער עס איז דאָ נאָך ערגערס. אַט איז אַזאַ אויסנאַמלעכער דיכטערישער פּערל, ווי דאָס קאַפּיטעלע „אין אַ יאַדלאָוון וואַלד"; און אַ צוויי זייטלעך ווייטער (ז. 220) הויבט ער אָן אַ קאַפּיטל „אין אַ שטעטל" מיטן ריינסטן טאָן:

סיליגט זשאַמוט אויף איר ליים אין טויטן־שרעק,
„און צווישן פעלדער שווייגט די ווייסע רייסן;
„די דאַרע הימלען אָנגעטאָן אין זעק,
„און הימלען פייפן אויסעט בייזע נייסן,
„נישט גוט, נישט גוט! עס מאַטערט זיך די וועלט
„נישט אויף צו פלייסן.
„און אין די קרומע שטעטלעך שטילערהייד
„אַ בלויער פינגער באַמבלט אין די שויבן;
„אַ שונא קומט! אַ שונא גייט!
„צום צינדן, מאָרדן און באַרויבן — — —
„די נאַכט פאַלט צו און יידן שטאַרן
„גרויע ווי די טויבן"

און דערנאָך גיט אַ פלייץ אינם רעשט פון קאַפּיטל מיט אומזין, וואָס אַ טייל קאָנט איר טייטשן אַזוי און אַנדערש, און אַ טייל לאָזט זיך אינגאַנצן נישט נישט טייטשן און נישט פאַרדייען.

צוויי טענדענצן — דאָס צניעותדיק־פרומע און דאָס ציניש־לעסטערנדיקע פירן אַ קאַמף אין קולבאַקס אַלע ווערק, וואָס פיבערן מיט טרוים פון גאולה: אָט גיט אַ זונג אַרויס, ווי פון דוד המלכס פידעלע:

„הער צו, דו נאַר, הער צו,
„דעם סוף פון מענטשנס שווערע ליידן — —
„סיוועט שלאָפן גראַס אַ לעמפערט מיט אַ קו
„און סיוועט אַ קינד זיך שפּילן מיט זיי ביידן;
„פריד וועט זיין, און זשאַווערן וועלן די מעסערס
„אין די שיידן ".

אָבער אָט דער אייביקער יידישער חלום, וואָס איז ביי

קולבאַקן איינגעוויקלט אין טרויעריקן הומאָר, ווערט פּלוצלונג פאַרשפּריצט מיט שוים פון ציניזם.

„...בערע קריכט אַרוס איבער די הויפן:
„דאָס שענסטע מיידל פירט אַרויס,
„וואָס וואַשט זיך מיט די טייערדיקסטע זייפן!
„און ניבול פּה האָט פּייערדיק געשפּריצט
„פון מויל דעם טריפן...״

וואָס מער איך געפין אָט די בולטע דיסאָנאַנסן אין קולבאַקס שאַפן, און וואָס מער איך ווער איבערצייגט אַז זיי זענען נישט קיין צופאַל און נישט קיין קאַפּריז, אַלץ מער קלינגען אין מיין געמיט קולבאַקס צוויי וונדערבאַר־בילדלעכע שורות פון זיין דריטער גרויסער פּאָעמע („דיסנער טשיילד האַראָלד״):

„איך בין געגליכן צו אַ לופט־באַלאָן,
פון לאַנגן פּאָדים אָפּגעריסן״.

סאַראַ פאַרגלייך! קולבאַק, אַ לופט־באַלאָן מיט באַוווסטזיין, פּילט ווי ער פליט אין דער הויך, אָפּגעריסן פון זיין פּאָדים, געטריבן פון ווינט, און אָט די שטימונג מישט אוים דעם הויכן פלי מיט פאַרצווייפלונג, מיט אויסברוכן פון ציניזם.

קולבאַק איז הויך געפלויגן, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין פּאָדים, וואָס זאָל אים צו עפּעס פעסט צובינדן, וואָס זאָל נישט דערלאָזן, אַז בערע און בוניעס ניבול־פּה, זייט ביי זייט מיט זייער גאולה־טרוים, זאָל אים טרייבן צו משוגעת.

און פון דעם איז אויסגעוואַקסן זיין גרויסע טראַגעדיע: ער איז געלאָפן זוכן אַ פּאָדים פאַרן בלאָנדזשענדיקן לופט־באַלאָן זיינעם אין ראַטנפאַרבאַנד.

אפשר האָט שוין טאַקע דאָרט בערע גובר געווען זיין ניבול־פּה, און זיין גאולה־טרוים ווערט נישט פאַרגאַווערט? אפשר איז ער דאָרט טאַקע ריין און אומשולדיק?

אָבער וועגן דעם — שפּעטער.

* * *

צו קולבאַקס גרויסע — און קלאָרע — ווערק געהער „דיסנער טשיילד האַראָלד״, אַ פּאָעמע, געשריבן אין ראַטנפאַרבאַנד.

אויב „זעלמעניאַנער" (דער ערשטער באַנד*) איז געווען אַ באַווייז אַז קולבאַק דער קינסטלער קאָן זיך נישט צופּאַסן צו דעקרעטירטע שאַבלאָנען, און זיין שרייבן בלייבט פריי פון אינערלעכע צענזור־קייטן, איז „דיסנער טשיילד האַראָלד" נאָך אַ גרעסערער באַווייז דערויף.

אמת, „דיסנער טשיילד האַראָלד" פאַרנעמט זיך מיט אַ טעמע וואָס ליגט אויסער די גרעניצן פון ראַטנפאַרבאַנד (הגם די טעמע איז — רעוואָלוציע, קלאַסנקאַמף, בורזשואַזע צעפוילט־קייט און קולטורלאָזיקייט), און די „זעלמעניאַנער" זענען ראַטנפאַרבאַנדישעווירקלעכקייט (אויפן יידישן סעקטאָר), און במילא איז אין „דיסנער טשיילד האַראָלד" לייכטער געווען צו בלייבן פריי פון סאָוויעטישן שאַבלאָן; אָבער דאָס וואָס אין די „זעלמעניאַנער" איז דאָס געווען אַ סך שווערער, הייסט נאָך נישט אַז אין „דיסנער טשיילד האַראָלד" איז דאָס געווען לייכט.

די „זעלמעניאַנער" זעען אפילו אויס ווי אַ סאַטירע אויפן ראַטנפאַרבאַנד, אויף זיין הומאָרלאָז־קולטורלאָזער „קולטור"; אָבער „דיסנער טשיילד האַראָלד" איז פול מיט אוממיטלבאַר־פריווויליקן רעוואָלוציאָנערן אָטעם, — נישט מיט קיין קאָזיאָנעם...

אין „דיסנער טשיילד האַראָלד" איז קולבאַק נישט אַרונטערגעפאַלן אונטער דעם דורכשניט־שאַבלאָן פון דער ראַטנפאַרבאַנדישער דיכטונג. מען פילט אין יעדער שורה ווי קולבאַק זינגט זי אויס אָן צוואַנג, נישט אונטער אַ טייטל, נישט אונטער דערנידערנדיקער און טאַלאַנט־אַראָפּדריקנדיקער מורא.

„דיסנער טשיילד האַראָלד" שילדערט צוויי דייטשלאַנדס — די פול־אויסגעפורעמטע, בורזשואַז־פוילנדיקע, און די כאַאָטיש־ערגעץ־ווו־זיך רייסנדיקע, רעוואָלטירנדיקע, פּראָלעטאַריש־אויפקומענדיקע.

דאָס וואָס די צייט האָט פאַר דער צייט פאַרעלטערט קולבאַקס טעמע, איז נישט דעם דיכטערס שולד; ער האָט ריכטיק געזען און קלאָר, מיט גרויס מייסטערשאַפט געצייכנט דעם יאַנוס־

---

*) דעם צווייטן באַנד האָב איך נישט געקאָנט געפינען אין מעלבורן.

פּראָפיל פון דער צייט, — די צייט פון נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה און פון פאַרן היטלער-זיג.

„דיסנער טשיילד האַראָלד" איז, פּונקט ווי כמעט אַלע ווערק קולבאַקס, נישט פאַרענדיקט (דער אינערלעכער רים האָט נישט דערלאָזט דערצו, די אינערלעכע נישט-סטאַבילקייט, דער אומרו פון צווייפל); עס ליגט אויף דער דאָזיקער פּאָעמע דער שטעמפּל פון פראַגמענטאַרישקייט. דער שוואונג איז פאַרנעמיק — ווי אין „בוניע און בערע אויפן שליאַך", ווי אין „מאָנטיק", ווי אין „משיח בן אפרים", — אָבער זי בלייבט ווי אָפּגעהאַקט אין מיטן.

דאָ איז אָבער יעדעס פּיצל שלימותדיק אין זיין פראַגמענטאַרישקייט. און די פּלאַסטיק פון די שילדערונגען איז אַ דערגרייכונג אין דער יידישער דיכטונג.

דער נאָמען „ד. טש. ה." איז מחייב צו אַ ברייטער רייזע איבער דער וועלט, וואָס דאַרף געוויזן ווערן דורך די אויגן פון דיסנער טשיילד האַראָלד. עס קלינגט אינם נאָמען אויך אַ שפּאָר ביסל חוזק און הומאָר (אַ מעלה, וואָס כמעט אַלע ווערק קולבאַקס פאַרמאָגן זי, און וואָס האָט זיך אַזוי פיין פאַנאַנדערגעבליט אינם ערשטן באַנד „זעלמעניאַנער"), אָבער עס גיט אָפט אַ קלונג מיט שטאָלענעם ערנסט.

היינט די שוין דערמאָנטע בילדלעכע קראַפט פון דאָזיקן ווערק; די פּעאיקייט, — וואָס קומט אין אים אַזוי שטאַרק צום אויסדרוק, — איבערצוגעבן אַ שטימונג, אַ שטיק צייט-גייסט אין איין-צוויי פערזן.

מען האָט באַדאַרפט זיין אין יענע יאָרן אין דייטשלאַנד, כדי אָפּצושאַצן ווי געהעריק די געפּרעסטע בילדלעכקייט פון דער דאָזיקער פּאָעמע.

„גראַנאַך יושעט אויף דער וויסטער בינע
„אין אַ תּירוף".

אין איין זאַץ האָט איר סיי דעם גאַנצן גראַנאַך מיט זיין בושעווען אויף דער בינע, סיי דעם צייטגייסט אויף דער דאַמאָלטדיקער בינע.

„דאָס ווייסע סערוועטל אַרום פאַרשטעקט,
„עס שפּיגלען זיך די פּליכן אין די טעלער,

„עס פרירט אין עמרל דאָס פלעשל זעקט, —
„וואָס קאָן זיין, חבר, קולטורעלער?
„סיאַראַ געבליץ! סיאַראַ געזאַנג!
„דער טשערי ברענדי בלוטיקט אינם גלעזל.
—„לעהן דיינע וואַנג אַן מיינע וואַנג,
„דו, גרעטעכן, מיט דעם זיסן נעזל,
„דער דזשאַז־באַנד לייטערט מיין פאַרשטאַנד,
„דער בויך־טאַנץ מאַכט מיין לעבן העלער!..."

אין עטלעכע זאַצן ליגט אריינגעפּאַנגען אַ שטיק ווירקלעכ־קייט. אָבער דאָ איז עפּעס מער ווי קינסטלעריש־אויסערלעכער רעאַליזם — דאָ ריזלט דורכן רעאַליזם דער ווייטאָק פון דער צייט, דער סאַרקאַזם פון דער צייט, דער צאָרן פון דער צייט, — דורכן דאָזיקן כמותדיק קליינעם ווערקל ריזלען אַלע געפילן פון יענער צייט, ווען עס איז צוגעגרייט געוואָרן דער טראַגישער גורל פון אונזער צייט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער באַרג־אַראָפּ פון דער מענטשהייט.

אַ מייסטערהאַפטער פראַגמענט, סיי לויט דער פאָרם, סיי לויט זיין געפילס־וועלט.

עס קנוילן זיך אין די קורצע, ווי פון מאַרמאָר אויסגע־האַקטע פערזן פון דאָזיקן ווערק אַ וועלט מיט טיפע געפילן, מיט טיפן ווייטאָק, מיט וויזיעס פון אומקום. און צווישן דעם אַלעם שאָטנט אַדורך די געשטאַלט פונם „דיסנער טשיילד האַרלאָד", פון קולבאַקן:

„און איך בין קראַנק, מאַדעמואַזעל,
„כ׳בין מאָדנע קראַנק, ווי דער יאָרהונדערט,
„און כ׳האָב דאָך אויך אַמאָל אַזוי פאַרוווּנדערט
„אַ שפּרונג געטאָן פון טאָטנס שוועל!
„געוואַגטקייט, יוגנט־ברויז און העזה,
„אַביסל בלאָק, אַביסל שאָפּענהויער,
„קבלה, פרץ און שפּינאָזע,
„און אויסגעוואָרצלטקייט, און טרויער, טרויער, טרויער".

די אויסגעוואָרצלטקייט און דער טרויער, וואָס קומען אונז אַנטקעגן אין אַלע בעסטע שטעלן פון זיינע בעסטע ווערק, — אין „משיח בן אפרים", אין „מאַנטיק", אין „בוניע און בערע"

און אין „דיסנער טשײַלד העראַלד". און װען מיר לײענען אין „משיח בן אפרים" (ז. 119), אַז לאה'לען איז אַלץ קלאָר געװאָרן, קלעמט אונז שטאַרק אי פאַרװאָס מיר װײסן נישט װאָס עס איז איר קלאָר געװאָרן, אי פאַרװאָס מיר קאָנען דאָס נישט זאָגן װעגן זיך.

און אָט די אַלע װערק, װאָס זענען אַזױ אָפט גרױס אױך אין זײער דריקנדיקער און נישט זעטיקנדיקער אומקלאָרקייט, זענען דאָך נאָר געװען דער ערשטער שוים פונם שעפערישן יורן פון קולבאַקס פּאָעטישן זשעני. דער אָפּגעקלערטער װײַן פון קולבאַקס שאַפן איז שױן אָבער נישט געקומען, — ער איז אומ־געגאָסן געװאָרן צוזאַמען מיט זײַן לעבן.

* * *

און אָט דער טיפער, עכטער דיכטער, װאָס איז פול געװען מיט בענקשאַפט נאָך מיסטישער גאולה, װאָס פון אײן זײט שרײַט ער דורך גימפּעלן (באַגײסנדיק זיך דערבײ מיט ביטערע טרערן): „משיח זאָל מיר קומען! איר הערט, משיח זאָל מיר קומען!", און פון דער צװײטער זײט קרעכצט ער צוזאַמען מיט בערען:

„אָ, זאָג מיר, װיפל איז דער שיער צו שטרײַטן?!
„דו זעסט נאָר קלעפּ, נאָר קלעפּ און עפּעס זעט מען נישט
„די נײַע צײַטן!..."

אָט דער דיכטער איז געפאַלן זוכן זײַן תיקון אין ראַטנ־פאַרבאַנד.

זײַן טראַגעדיע איז שױן געװען אָנגעצײכנט פון פאָראױס, װי נאָר ער איז אַריבער די גרעניץ.

כמעט אַלץ װאָס ער האָט פאַרמאָגט גוטס, האָט פאַרן ראַטנ־פאַרבאַנד נישט געטױגט.

אױף הומאָר און סאַרקאַזם, אױף פרײַען געלעכטער קוקט מען דאָרט קרום, מען האָט מורא דערפאַר, װי אַן עוקר פאַר זײטיקע בליקן. דאָס גראָטעסקע אין „בוניע און בערע" איז דאָך פאַר דער סאָװיעטישער מאַכט אַזױ לײַכט צו נעמען אױף דער אײגענער קאָנטע. די דאָזיקע װעלט־איבערמאַכער זענען דאָך אָפט אַזױ װולגאַר, מגושמדיק, נישטיק! אַז אַ באָלשעװיק זעט

אזא שורה ווי „עפּעס זעט מען נישט די נייע צייטן", מוז ער טראַכטן (אויפן גנב ברענט דאָס היטל!) אַז דאָס מיינט די קאָנטער־רעוואָלוציע אים; און ווען ער זעט אַזאַ שורה ווי „אפילו אין צייטן פון סאָציאַלער רעוואָלוציע איז אומעטיק, חבר", איז דאָך קלאָר, אַז מען האָט דאָ פאַר זיך אַ געפערלעכן אינדיווידואַליסט, וואָס הערט די באַשלוסן פון צענטראַל־קאָמיטעט ווי אין טראָק.

אויף קולבאַקס טיפן פּעסימיזם (וואָס קומט פון גרויסע פאַרדערונגען) האָט מען דאָרט געמוזט קוקן קרום — אַלץ מוז דאָרט באַפאַרבט זיין דורך ביליקן אָפּטימיזם. איז וואָס זאָלן זיי טאָן מיט אַ דיכטער, וואָס ווייקט זיך אין די זעאונגען פון „משיח בן אפרים" און פון מרדכי מארקוס? וואָס ווייקט זיך אין דער מאָדנער וועלט פון די צוויי „יונגען בראַווע", וועלכע „גייען איינגעמען די וועלט" און דאָך — איינער אַנטלויפט פּלוצלינג צו אַ שיקסע און דער צווייטער גיסט גאָר אויס זיין האַרץ פאַר אַ טייך:

„כּיבין וואַסער, וואַסער טרויעריק, ווי דו.
„מלאכים באָדן זיך אין דיר מסתמא,
„ווו ס'שלאָפט דיין שטילקייט אינם טוי,
„דאָרט אונטער ווערבעס לאָמע — — — —
„דו קומסט — פון וועלכער גראָזנדיקער ווייט?
„און גייסט — צו וועלכע נעפּלדיקע סופן?
„וואַסער — ביסט די פרומע איידלקייט,
„וואָס אויך ניגונים מאַכט מען פון די שטאָפּן!!

וואָס איז דאָס פאַר אַ לשון פאַר „יונגען בראַווע", וואָס „גייען איינגעמען אַ וועלט" באָלשעוויקיש?

דער אומצוטרוי, וואָס קולבאַקס ווערק פון פאַר זיין סאָוויעטיזירן זיך האָט געמוזט וועקן ביי דער יעווסעקציע, איז נאָך בסדר פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך זיינע „זעלמעניאַנער" און אפילו דורך זיין „דיסנער טשײַלד האַראָלד" — עס איז אויך אויפן דאָזיקן לעצטן נישט געלעגן דער שטעמפּל פון רעוואָלוציאָנערן שאַבלאָן, — קיין איינציקן מאָל איז דאָרט נישטאָ דער נאָמען „לענין", אפילו נישט „סטאַלין". דאַקעגן האָט איר דאָרט דעם גענאָסע נוימאַן, סטאַלינס שפּעטערדיקן קרבן. אמת, מען

קאָן דעם דאָזיקן פעלער געשיכטלעך דערקלערן, אָבער נישטאָ קיין פאַרענטפערונג נישט פאַר אַ לאָווינע, וואָס פאַלט אייך אין קאָפּ אריין, נישט פאַר אַ צערייצטן טיגער און נישט פאַר אַ גיפ־טיקער שלאַנג, וואָס דאַרף אין עמיצן אריינלאָזן איר גיפטיקן צאָן, כדי צו פילן זיך זיכערער.

אַז מען גיט ארויס אין 1933 אין ראַטנפאַרבאַנד אַ פּאָעמע ווי „דיסנער טש. ה.״ וועגן די אָנהויב צוואַנציקער יאָרן, מוז מען געפינען אַ וועג ווי אַזוי אריינצוברענגען אין איר סטאַלינען, אַנישט מוז מען קוקן אויף אַ דיכטער, וואָס טוט דאָס נישט, ווי אויף אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן גרוביאַן, ווי אויף אַן אימפּע־ריאַליסטישן גרוביאַן.

און נישט צופעליק איז קולבאַק געפאַלן נאָך אין 1937. ער האָט שוין פון לאַנג געמוזט זיין אָנגעמערקט אויפן תליונס צעטל.

קיין עכטע דיכטונג, קיין עכטע וואָרט־שאַפונג קאָנען די סאָוויעטן נישט פאַרטראָגן — ווייל עכטע שאַפונג האָט אַלדאָס גוטע, וואָס ראַטנפאַרבאַנד קאָן דאָס נישט פאַרטראָגן; אַ ן ראַטנ־פאַרבאַנד פאַרמאָגט אַלדאָס שלעכטע, וואָס עכטע דיכט נג קאָן דאָס נישט פאַרטראָגן. איינס פון דאָס ביידע האָט געמו ט פאַלן אַ קרבן — אָדער קולבאַקס דיכטונג אָדער — קולבאַק.

ווייזט אויס, אַז קולבאַק דער דיכטער איז געווען צו שטאַרק; איז אומגעקומען דער שוואַכערער, — קולבאַק דער מענטש. און טויטנדיק קולבאַקן, איז דער דיכטער שוין במילא אומגעקומען.

דער תליון האָט דערגרייכט זיין ציל, — דערשטיקן יעדעם עכטע פּיצל דיכטונג, וואָס נערט בונט, ליבע צו פרייהייט, פאַראַכטונג צו גראַבער געוואַלט, דרך ארץ פאַרן מענטשנס פער־זענלעכקייט, — אַלץ זאַכן, וואָס דיקטאַטור קאָן נישט פאַרטראָגן, ווייל דאָס איז פאַר איר ווי וואַסער פאַר פייער.

מעלבורן, דעצ. 1954.

יחיאל לערער — דער דיכטער פון אונזער חרובער היים

יחיאל לערער איז אין די דרייסיקער יאָרן געווען אַן אויס־נאַם אין דער ייִנגערער ייִדישער דיכטונג אין פּוילן, אין לעצטן יאָרצענדליק פאַר דער מלחמה. נישט דער איינציקער, אָבער איינער פון די גליקלעכסטע אויסנאַמען פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור.

אין אַ צייט ווען כמעט די גאַנצע יונגע דיכטונג אין ייִדיש־פּוילן איז געווען אַ סאָציאַל־צוגעשפּיצטע, איז ער געווען אַן אינטים־אינדיווידועלער דיכטער. בעת דער גרעסטער רוב ייִדישע יונגע דיכטער אין פּוילן (און טאַקע נישט נאָר דאָרטן) האָבן אָפּ־געשפּיגלט די סאָציאַל־באַוווסטזיניקייט פון דער עפּאָכע, די סאָ־ציאַלע עמפּינדלעכקייט אירע, און דאָס אינטים־לירישע איז באַ־טראַכט געוואָרן ווי אַ־ אָדער אַנטי־סאָציאַל, כמעט ווי קאָנטר־רעוואָלוציאָנער, האָט לערער אריינגעגאָסן אין דעם דאָזיקן צע־שטורעמט־ליאָרעמדיקן שטראָם זיין שטיל־פּליסטערנדיק, פּרום־פאַרטיפט ליד.

אין ייִדיש־פּוילן פון די דרייסיקער און פערציקער יאָרן איז געווען אַ קליינע גרופּע אָפּיציעל־רעליגיעזע דיכטער (חיים סע־מיאַטיצקי און, להבדיל בן־החיים והמתים — ישראל עמיאָט און נאָך איינצלנע), אָבער קיין איינער פון זיי איז נישט געווען אַזוי טיף רעליגיעז לויט זיין גאַנצן געמיט, לויט זיין וועלט־און לעבנס־געפיל, ווי לערער.

אויב די עכטסטע רעליגיעזקייט באַשטייט טאַקע (ווי מיר דאַכט זיך) אין דעם, וואָס דער מענטש פילט אויף יעדן שריט און טריט די מיסטעריע פון וועלט און לעבן, און שטייט פאַר איר אַ צעטרייסלטער, פול מיט יראת הכבוד, איז יחיאל לערער אַ רעליגיעזער דיכטער פאַר עקסעלאַנס.

נישט אומזיסט האָט זיך לערער, אין אָנהויב פון זיין קורצן דיכטערישן וועג, געפונען שטאַרק אונטער דער השפּעה פון תהי־לים און פון טאַגאָרס לידער — פון דער סאַמע רעליגיעזסטער

דיכטונג אין דער אַלטער און אין דער נייער צייט. ער האָט אין
זיינע „תהילים־געזאַנגען" נישט נאָכגעמאַכט דעם „תהילים",
און אין זיין „שטילקייט אין שטורעם" האָט ער נישט נאָכגע־
מאַכט טאַגאָרן, — ער האָט פּשוט געקלעפּט צו זיי ווי צו נאָענט־
קרובהשעם, ווי צו אייגנס, ער האָט זיך אויסגעמישט מיט זייער
קרובהשן עלעמענט.

באַזונדערס שטאַרק ענלעך צו טאַגאָרס לידער איז לערערס
„שטילקייט אין שטורעם". דאָ איז שוין עפּעס מער ווי די ענ־
לעכקייט פון דער שטימונג, פון דער טעמאַטיק און אפילו פון
מאָטיוון, — אפילו אויסדרוקן זענען אָפט ענלעך אויף טאַגאָרס,
אפילו דער שפּראַך־ריטם, אפילו, אַזוי צו זאָגן, די שפּראַך־פאַרב.
אָפט זענט איר אין ספק צי אַ געוויסער פערז איז לערערס אַן
אָריגינעלער אָדער אַן איבערגעזעצטער פון טאַגאָרס אַ ליד.

דערביי זענען די לידער פון „שטילקייט אין שטורעם" אַ
סך רייפער געדאַנקלעך, און שענער אין אויסדרוק פאַר די גאָר
שוואַכע „תהילים־געזאַנגען".

אין „שטילקייט אין שטורעם" איז דאָ אַזויפיל צאַרטקייט
און פרומקייט פון געמיט, אַז עס גלויבט זיך קוים, אַז דאָס האָט
געשאַפן אַ יונגער דיכטער פון די פערציקער יאָרן אין דער
שרייאיקער דיכטונג פון יידיש־פוילן.

עס איז שווער אָנצווייזן וואָסערע לידער עס זענען די בעס־
טע אין „שטילקייט אין שטורעם", אָבער די פאָלגנדיקע זענען
טיפּיש פאַר דער גאַנצער זאַמלונג: „מאַמע, ווען קומט שוין
משיח? נעכטן ביינאַכט איז די פאַסיקסטע צייט דאָך געווען";
„ווי מיר, אַ וונדערלעך־זעלטענע שטים רופט מיך פון יענער
זייט ברעג"; „זיי נישט בייז, אָ, מאַמע, אויף דיין נאַרישער
טאָכטער, לאַך נישט פון איר. ווען די נאַכט פאַלט אַראָפּ, מאַך
צורעכט דיין געלעגער און שטער נישט דיין שלאָף צוליב מיר".

ווער עס האָט אַמאָל געלייענט טאַגאָרן, וועט אינם ריטם,
אין די ווענדונגען, אין דעם ווערטער־אויסוואַל גופא דערשפּירן
טאַגאָרן — זיין פרומקייט און אינדיווידועלע פאַרטיפטקייט.

און דאָך: גראָד דער דאָזיקער אינטים־פאַרטיפטער, באמת
פרומער דיכטער האָט אין זיין ערשט גרויס, רייף ווערק „מיין
היים", וואָס איז אַזוי ליריש־אינטים, געגעבן אַ בעסער עכט־סאָ־

ציאַל ווערק, ווי די פּראָפעסיאָנעל־סאָציאַלע דיכטונג. יענע האָט געגעבן דעם שוים פון שטורעמדיק־קאָכיקן היינט; ער — דעם טיפן דורות־אָפּבייט, אַ בילד פון אַ טיפן, טראַגישן עפּאָכע־וועקסל אין אַ טראַגישער צייט.

אויך „מיין היים" איז אינטים־שטיל, אָבער די דאָזיקע שטילקייט אין שטורעם האָט אָפּגעשפּיגלט דעם אויסערלעכן און אינערלעכן שטורעם אין יידישן לעבן לדורות.

דורך די לירישע שטעלן און עפּיש־לירישע געשטאַלטן און געשעענישן פון „מיין היים" וואַקסט אויס פאַר אונז די גאַנצע סאָציאַל־נאַציאָנאַלע יידישע טראַגעדיע, — אויך אין איר אַל־מענטשלעכן אַספּעקט. אָבער אויך דאָס סאָציאַלע איז דאָ נישט שרייאיק, נאָר שטיל, נישט פּראָפּאַגאַנדיסטיש־אויסערלעך, נאָר יידיש־און מענטשלעך־פּאַרטיפט.

אפילו דער נאַקעטער קלאַסן־קאַמף און די נאַקעטע עקס־פּלואַטאַציע באַקומען דאָ אַ געשטאַלטונג, וואָס האָט נישט כמעט קיין גלייכן אין דער יידישער ליטעראַטור (סיידן אין אַ ווייסנ־בערגס „דור הולך ודוד בא") לויט דעם רעאַליסטישן אמת און דער קינסטלערישער פּאַרטיפונג.

* * *

ווען „מיין היים" איז דערשינען אין 1937, האָב איך גע־שריבן אין דער „אַרבעטער צייטונג", אַז דאָס איז דאָס בעסטע ווערק אין דער ליטעראַטור פון יידיש־פּוילן פאַר די לעצטע צען יאָר.

זייט דעמאָלט, נאָכן לייענען דאָס דאָזיקע ווערק עטלעכע מאָל, האָב איך מיין דעמאָלטיקע מיינונג געענדערט: „מיין היים" איז בכלל איינס פון די בעסטע ווערק אין אונזער ליטעראַטור, נישט גראָד פונם יאָרצענדליק 1927־1937, און נישט גראָד אין דער ליטעראַטור פון יידיש־פּוילן.

„מיין היים" האָט — ביי מיר יעדנפאַלס — אויסגעהאַלטן דעם שווערסטן עקזאַמען וואָס מען קאָן מאַכן אַ ווערק: איבער־לייענען עס צום צווייטן, דריטן און צענטן מאָל.

פאַראַן ביכער, וואָס צום ערשטן מאָל מאַכן זיי אויף אייך אַן איינדרוק, אָבער דאָס צווייטע מאָל — שוין נישט, און דאָס

דריטע מאָל קאָנט איר זיי שוין בכלל נישט לייענען.

אָט דאָס מיינט מען, ווען מען זאָגט, אַז די צייט איז דער שטרענגסטער קריטיקער, — זי מאַכט דעם אַנטגילטיקן אָפּקלייב. אויב אַ ווערק האָט נישט וואָס צו געבן ביים לייענען עס צום צווייטן מאָל, איז עס אַן אָרעם ווערק. אויב אַ ווערק קאָן צוציען און באַרייכערן ביי יעדער מאָל לייענען עס, איז עס אַ רייך ווערק.

אַ ווערק, אויב עס איז באמת אַ שעפעריש ווערק, אַ גרויס ווערק, איז ווי אַ מעין המתגבר, וואָס וואָס מער דו שעפּסט דערפון, אַלץ מער האָט עס דיר צו געבן. אַ גרויס ווערק וואַקסט צוזאַמען מיטן לייענערס וווּקס, און וואָס מער דער האָריזאָנט פונם לייענער ברייטערט זיך אויס, אַלץ מער ברייטערט זיך אויס דער האָריזאָנט, וואָס אַנטפּלעקט זיך ביים לייענען דאָס שעפערי־שע ווערק.

אַ גוט ווערק האָט אַן אייגן ליכט, וואָס עס שטראַלט כסדר אויס, און יעדעס מאָל, ווען דו עפנסט עס — לייכט עס דיר אַנט־קעגן, וואַרעמט עס דיך.

אַזאַ ווערק איז יחיאל לערערס „מיין היים": וויפל מאָל איך האָב עס לעצטנס געלייענט, האָט עס ביי יעדן מאָל לייענען אויס־געשטראַלט נייע, פריער נישט באַמערקטע שיינקייטן און טיפקייטן.

„מיין היים" איז פון די ביכער, וואָס וואָס מער מען לייענט זיי, אַלץ מער שיינקייט און טיפקייט געפינט מען אין זיי.

די ריין־דיכטערישע שיינקייטן אין „מיין היים" זענען זייער גרויס. אין אַ נאָרמאַלער ליטעראַטור, וואָס קאָן בכבודיק אויסהאַלטן ליטעראַרישע זשורנאַלן און במילא — שרייבער, וואָלט מען וועגן אַזאַ ווערק געוועזן געשריבן און געדרוקט גאַנצע אָפּהאַנדלונגען וועגן דער ראַפינירטער פשטות פון זיין סטיל און פערז, ווענגן זיין בילדלעכער שיינקייט, ווענגן זיינע מאָנומענטאַלע געשטאַלטן, און — נישט צולעצט — ווענגן זיין קולטור־געזעל־שאַפטלעך־היסטאָרישן פאַרנעם.

איך וועל זיך דאָ, לײדער, קאָנען אָפּשטעלן בלויז קורץ אויף די עיקרדיקע מעלות פון לערערס מאָנומענטאַל ווערק.

* * *

די געסט קומען צו דער חתונה. אַ טומל, אַ געפּאַדעריי.

אַלע פֿאַלן פֿון די פּיס, אָבער נישט דעם חתנס ענערגישע מאַמע. און אין געציילטע שורות, מיט אָריגינעלער בילדלעכקייט, מאָלט לערער איבערצייגנדיק פֿאַר אונז אַ הערשערישע געשטאַלט פֿון אַ יידישער אשת חיל:

„...זי איז נישט מיד.

„פּלאַטערט, די בענדער פֿון שטערנטיכל פֿלאַטערן מיט,

„די אוירינג — ביז די אַקסלען לאַנג. ס׳דאַכט זיך, נאָך אַ האָר,

„לייגן זיי זיך אויס, ווי בריליאַנטענע שליפֿעס אַ פּאָר,

„און די וועלט, די מענטשן מיט אַלץ ביינאַנד,

„וועלן אָנגעפּירט ווערן דורך איר שטרענגער האַנט".

בכלל איז די באַשרייבונג פֿון דער דאָזיקער אשת חיל זייער קנאַפּ־וואָרטיק און פֿיין, אָבער דאָס בילד פֿון די אוירינגלעך, וואָס אָט־אָט לייגן זיי זיך אויס ווי שליפֿעס אויף אירע אַקסלען, שניידט זיך איין אין לייענערס פֿאָרשטעלונגס־קראַפֿט און מאַכט פּלאַסטיש פֿאַרן אויג דעם כאַראַקטער פֿון אָט־דער געשטאַלט.

דאָס בילד פֿון שטורעם אויף די זייטן 5-414 איז ממש קלאַסיש.

מיר האָבן בכלל ווייניק קלאַסישע נאַטור־שילדערונגען אין אונזער ליטעראַטור, בפֿרט אין דער דיכטונג. אָט איז דער אָנהויב:

כיגעדענק אַ תמוז־טאָג. ס׳איז הייס געווען, נאָר אַ ווינט

„האָט פּלוצים דעם שטויב געטומלען דרייען. די זון, אין שרעק

„און אין ציטער פֿאַר איר אויג דעם גאָלדענעם, איז אַוועק

„אין די הימלען אריין און פֿאַרצויגן מיט אַ דעק

„פֿון וואָלקנס, אַרויסקוקנדיק פֿון צייט צו צייט,

„פֿאַרמרוזשענדיק דאָס אויג. נאָר דער ווינט, פֿאַרשייט,

„אַ יונג אַ לאָבוז האָט איר אַ שיט געטאָן אַרויף

„קנוילן שטויב מיט אַ באַ! און אוהאַ! און אַ שרויף

„די לופֿט מיט אַ פֿייף פֿון שפּאָט: או־אַ־אַ! און או־או־או!

„און די זון — וועמען, מ׳שטיינס געזאָגט, וועט זי גיין דאָ

„זיך קעגנשטעלן? — האָט געעפֿנט די גאָלדענע טיר, אַוועק".

און אַזוי ווייטער — אַ געטרייער געמעל פון אַ שטורעם אין אַ כמעט מיטאָלאָגישער פאָרם פון אַן אַלטן עפּאָס.

און אָט איז אַן אַנדער בילד:

דער אַלטער פּנחס שלאָפט כלומרשט און קוקט זיך איין (דורך אַ שפּעלטעלע פון דער טיר) און הערט זיך איין ווי אַזוי זיינע זין עסן: און ער הערט און ער זעט, אַז זיי עסן נישט ווי ייִדן. און אָט ווי ער נעמט עס אויף:

„דורך אַן אויג־שפּעלטעלע זעט ער: דער טיש איז געגרייט.
„אויפן טישטוך — ברויט, אַ מעסער, לעפל, אַ מעסטעלע זאַלץ;
„אין ווינקל — אַן עמער, אַ קוואָרט, מיט איין וואָרט — אַלץ
„ווי אין אַ ייִדישער שטוב. פּנחס הערט זיך איין,
„וויל הערן דעם גאָס פון וואַסער אין דער שיסל אריין —
„הערט ער נישט. קיין מוציא — אויך נישט. דאָס וואָס ער הערט יאָ איצט,
„איז דער שניט פון מעסער־שאַרף אין פרישן ברויט, אַזש עס קריצט.
„אַ קריץ, אַ ריס, אַ ביס, אַ קיי און גיך, גיך, מען יאָגט זיך,
„און ר׳ פּנחס׳ן דאַכט זיך ווי דאָס ברויט קלאָגט זיך:
„זעט כאָטש, זעט כאָטש! באַפאַלן מיט אַ מעסער אין רוקן
„ווי גוים־גזלנים און כישטאַרב אָן אַ תיקון!"

צי קאָן מען דען בעסער, בילדלעכער, אינטימער, — וואָלט איך געזאָגט, — איבערגעבן די שטימונג פון אַ ייִדן, פון וועמענס לעבנס־אַטמאָספער מען נעמט אָפּ די ברכה, מען שניידט אָפּ ביי אים די קדושה און מען לאָזט אים אין אַ וועלט פון נאַקעטן חומר?

די ריין־דיכטערישע מעגלעכקייטן לערערס אין דער דאָזיקער פּאָעמע זענען זייער גרויס, קוואַלנדיק, — עס איז ממש נישט צו גלויבן, אַז דאָס איז דער זעלביקער יחיאל לערער פון די „תהילים־געזאַנגען", פון „ברונעמס אין פעלד" און אפילו פון „שטילקייט אין שטורעם". ער אַנטפּלעקט זיך דאָ ווי אַ דיכטער מיט אַ רייכער קלאַוויאַטור.

* * *

היינט די גאַלעריע געשטאַלטן, וואָס ער שניצט אויס און זינגט אויס פאַר אונז, און זיי שטייען פאַר אונז ווי לעבעדיקע, באַוואַקסן מיט סביבה און פאַלקישקייט.

ר' פּנחס, ישראל דער גראָבער קאָמיסיאָנער, יעקב יצחק, די מאַמע פון „מיין היים", און נאָך, און נאָך. אַ גאַנץ שטעטל טיפּן.

און צווישן זיי אַ גרויסע צאָל מאָנומענטאַלע טיפּן.

די מאָנומענטאַלע טיפּן זיינע זעט איר מיט לייב און נשמה. דער עיקר טאַקע מיט דער נשמה.

אויסערלעך זעט איר זיי אַ דאַנק דעם טיפן אריינדרינגען אין זייער גייסטיקער וועלט. איר באַהעפט זיך מיט זיי — דורך לערערס ליריש־עפּישער קונסט — אַזוי גייסטיק־אינטים, אַז איר זעט שוין אויך יעדן קנייטש פון זייער פּנים, יעדע באַוועגונג זייערע.

זיינע מאָנומענטאַלע טיפּן זענען טרוימער, — צאַרטע, פרומע טרוימער. די דאָזיקע טיפּן גופא זענען אונז גוט באַקאַנט פון יידישן לעבן און פון דער יידישער ליטעראַטור, — די מאַמע לערערס, ר' פּנחס, יעקב־יצחק, — אָבער לערער גיט זיי צו דעם חן פון אַקטיוון דיכטערישן טרוימען און פון גרויסער דיכטערישער געשטאַלטונג. דאָס דאָזיקע טרוימהאַפטע האָט לערער געקאָנט אַזוי גוט איבערגעבן דערפאַר, ווייל לערער איז אַליין געווען אַ גרויסער טרוימער (ווער עס האָט נאָך איינמאָל פאַרקוקט טיף אין זיינע אויגן, האָט דאָס געוווסט), און ער האָט דעריבער געקאָנט אריינדרינגען אין די טרוימען פון אַנדערע און אַזוי סובסטיוו זיי איבערגעבן.

ווי שיין לערער דרינגט אריין אין דער טרוים־וועלט פון זיין מאַמען ביי איר מאַנס הבדלה־מאַכן און ביים גרייטן די מלווה־מלכה גריץ. בכלל פירט ער דורך אַ שטיק פּאָעמע דורך דער מאַמעס טרוימען־דערציילונגען, און דער מאַמעס פאַרטרוימטקייט איז אַזוי שטאַרק, אַז זי שטעקט אָן אויך דאָס שוואַרצע שאַר־אייזנדל, וואָס צעטרוימט זיך מיט אַמאָל (און דווקא — שיין).

אָבער צום שענסטן טרוימען זיינע מאָנומענטאַלע גע־

שטאַלטן, ווען זיי צעטרוימען זיך פרום און זיי לעבן איבער די וועלט טיף. דעמאָלט געהערן זיי צו די שענסטע און טיפסטע געשטאַלטן אין דער יידישער דיכטונג.

אין די דאָזיקע שיינע און טיפע שטעלן אַנטפּלעקט זיך די געמיט־רייכקייט און די טיפע פרומקייט פון יחיאל לערערס נשמה.

אָט זענען עטלעכע פון די דאָזיקע טיף־רעליגיעזע מאָמענטן, וואָס עס איז אַזוי שווער אריינצופאַנגען אין ווערטער זייער מהות און יחיאל לערער האָט זיך גלענצנדיק אַן עצה געגעבן דערמיט.

ר׳ פּנחס איז מעיין אין אַ חסידישן ספר און פּאַרטיפנדיק זיך אין אים, אריינבליקנדיק אין דעם טיפסטן מהות זיינעם, אין דער שטימונג, וואָס האָט געשאַפן דעם ספר, לעבט ער איבער אַ „מאָמענט פון התגלות״, „ווען אַ שיר השירים איז די גאַנצע וועלט״. און אָט ווי פשוט און ווירקזאַם לערער גיט איבער אָט־אָ־די מינוט פון ר׳ פּנחס׳ן:

„דער האַרבסט איז פאַרביי און דורך דער קלאָרער שויב
„קוקט פרילינג אריין און עס וואָרקעט די טויב;
„אַ רגע איז די וועלט אַזוי ראָז, אַזוי בלאָ,
„אַז קיין שלעכטס איז נישטאָ און קיין טויט איז נישטאָ;
„יעדער וואָרט ווערט איבעריק און יעדערער (אַ יעדער. י.ר.) קלאַנג,
נאָר שוויגן, נאָר הערן דער וועלטס געזאַנג;
„ווי עס פרייט זיך מיט זיין גורל דער איינזאַמער שטיין,
„דערפילט גאָט אין זיך און איז מער נישט אליין;
„ווער קאָן רעדן און וואָס רעדן אין אַזאַ מינוט,
„סיידן פּלאַפּלען ווי אַ קינד וואָס רעדט נאָך נישט „גוט"...
„אָ, דו ביסט ערד, דו ביסט הימל, גאָט, דו מיין ליבער!"

נאָר אַ דיכטער, וואָס האָט אליין אָפט איבערגעלעבט אַזעלכע מינוטן ווי ר׳ פּנחס׳עס, האָט געקאָנט אַזוי סוגערירנדיק אריינפאַנגען אַזאַ טיפע שטימונג אין אַזאַ „פּלאַפּלען ווי אַ קינד״.

און די וווּנדערלעכע אינערלעכע געשטאַלט פון יעקב יצחק׳ן ברענגט לערער אַרויס מיט אַ מאַקסימאַלער ווירקזאַמקייט, מיט דער הילף פון די קנאַפּסטע מיטלען, אויף די זייטן 414-416:

„...כיהאָב אים אָפט אַ שטומען געזען שטיין
„ביים אויוון, צי ערגעץ־ווו ביי איינער פון די ווענט,
„מיט אויגן ברייט צעעפנטע, דער בליק געווענדט
ערגעץ אויף אַ פונקט. די דינע ליפּן צוגעשלאָסן,
„און אויפן גאַנצן פּנים ליגט אויסגעגאָסן
„אַ פאַרטראַכטקייט אַזאַ. און טאָמער דערבליקט אים ווער,
„און יעקב־יצחק באַמערקט עס, גיט ער זיך פלוצים אַ קער
„צום פּלפּולדיקן ספר, וואָס ליגט אויפגעמאַכט
„לעבן אים — און ווייזט יעדן, אַז ר׳איז פאַרטראַכט
און פאַרמוטשט אין לערנען ווי אַלע דאָ אַרום...
„נאָר נאָך אַ ווײַלע און דער בליק פאַרהאַלט זיך — שטום,
„גרויס צעעפנט — אין רוים ווו, ווי עפּעס וואָלט געשען,
„וואָס אַלע זעען נישט, נאָר ער איינער האָט דערזען.
„ר׳איז גאַנץ געווען אין זיין אמונה ווי אַ קינד".

און לערער דערציילט וועגן תמוזדיקן שטורעם, און ווי די „שטיבל"־לערנער שטייען בלאַס, און יעקב־יצחק „צעשמייכלט זיך ליב" און רופט זיך אָן:

„אוי, טאַטע מיינער, טאַטע, ס׳איז שוין אפשר די צייט?"
„און מיר, בחורים, ווייסן, וואָס דער זאָג באַטייט,
„און פילן דעם ערנסט פון דער גרויסער מינוט,
„און פילן דעם הייליקסטן צאַפּל אין בלוט".

און אָט דער תמימותדיקער גלויבן פונם „שטיבל"־בחור יעקב־יצחק איז פאַרבליבן גאַנץ אויך דעמאָלט, ווען ער איז שוין געווען אַ קרעמער. און ווי שיין, וווּנדער־שיין לערער שילדערט דאָס מיט עטלעכע מייסטערהאַפטע שטריכן.

און אַז מען האַלט ביי מוסטערן פון יענע צאַלרייכע שטעלן אין לערערס פּאָעמע, ווו די טיפערע און העכערע וועלט פון מענטשן באַקומט אַ דיכטערישע פאַרקערפּערונג, קאָן מען נישט נישט ברענגען כאָטש אויך יענע עטלעכע שורות פון זיין מאַמעס טיפן וועלט־געפיל, מיט וועלכע לערער התמעט זיין גרוים ווערק.

די מאַמע לעבט טיף איבער די מלווה־מלכה (ס׳וועט אונז נאָך אויסקומען צו רעדן וועגן דעם ווייטער), און אָט גייט זי אַרוים פון צימער:

„...דער שטילער ערב־באַגין

י. ראַפּאָפּאָרט

„האָט זי איינגעהילט אין זיין טיף־בלויען סוד.
„און זי האָט דערפילט איר לייב ווי אַ קליינעם טייל פון
גאָט,
„וואָס האָט אין חלל געשוועבט צווישן ערד און שטערן.
„זיהאָט זיך געשעמט מיט די זאָרג און מיט די טרערן,
„וואָס זיהאָט פאַרגאָסן אָט ערשט, פאַר עטלעכע סעקונדן,—
„און אַזוי האָט פּאַסירט, אַז אַלע אירע וווּנדן
„זענען פאַרשווונדן אַ ווייל פון איר צעווייטיקט געמיט
„און זייער אָרט האָט (האָבן — י.ר.) פאַרנומען: גאָט,
באַגין און ליד".

לערערס גאַנצע פּאָעמע איז פון יענע געציילטע ביכער ביי אונז (כ'האָב שיר נישט געזאָגט: „ספרים"), וואָס דערהויבן דעם לייענער צו אַ העכערער וועלט פון גאָט, פון וועלט־באַגין, פון עכטסטן ליד, וואָס דאָס הייסט: נשמה־אויסלייטערונג, וועלט אַלס גאָט־געפיל, דערהויבונג איבערן נישטיקן „איכעלע", אָדער (וואָס דאָס איז דאָס זעלביקע) דעם „איכעלעס" אויסוואַקסן צו אומגעהויערע דימענסיעס...

* * *

די צענטראַלע טעמע פון „מיין היים" איז די צעפאַלונג פון דער יידישער משפחה: די קינדער גייען אַוועק פון דער היים אין טאָפּלטן זינען: פיזיש און גייסטיק.

די טיפקייט פון דער טראַגעדיע אין עמאָציאָנעלן זינען לעבט איבער די מאַמע; אין גייסטיק־נאַציאָנאַלן — דער טאַטע.

דאָס קומט פאָר אין דער צענטראַלער היים פון דער פּאָעמע — אין יחיאל לערערס היים, — אָבער אויך אין אַלע אַנדערע היימען פון לערערס שטעטל, פון יידישן לעבן. אין אַ קאָנצענט־רירטער פאָרם שפּיגלט זיך דאָס אָפּ אין ר' פנחס'עס היים.

פּנחס מיט זיין ווייב הערן אָפּט פון זייערע זין דעם מאָד־נעם נאָמען „מאַרקסיסט", אָבער ביידע לעבן עס איבער גאַנץ אַנדערש. די מאַמע דערפילט, אַז דער „מאַרקסיסט" לאָזט אירע קינדער נישט חתונה האָבן, ווי דער שטייגער ביי יידן, יונגער־הייט; און דער טאַטע דערפילט, אַז פון אָט דעם „קאָפּ־מענטש" (דעם „מאַרקסיסט") שעפּן דאָס זיינע קינדער די גאַנצע תורה,

אויסגעריסענע בלעטער

וואָס איז אַזוי גאָטלאָז לויט זיין, ר׳ פּנחס׳עס, געפיל און פאַר־שטאַנד.

נאָכן איינהערן זיך צו זיינע זינס אַ שמועס וועגן אַ דיסקוסיע אין זייער פאַראיין, צי מען דאַרף בענטשן צי נישט, איז פּנחס

„...לאַנג נאָך אויפן בעט געלעגן,
„געשוויגן און נאָכגעטראַכט: אַז די קינדערס וועגן
„זענען שלעכט און זינדיק. און, חוץ דעם, הויכט אַזאַ קעלט
„פון זיי און ער פאַרשטייט נישט, ווי קאָן מען דאָס אויף אַ וועלט,
„וו עס לויערט דער טויט אויף דיר, וו דער חושך איז געדיכט,
„אויסלעשן בידים יענץ העל־גרויסע ליכט,
„וואָס צעיאָגט די שאָטנס פון אָרום, מאַכט גרינגער דעם גאַנג
„און פאַרוואַנדלט דעם טרויער אין אַ יובל־געזאַנג.
„צי דאַרף מען בענטשן? צי מעג מען אים זאָגן אַ דאַנק?"
„זאָגטס נישט, פאַרכעס! האָט אייך אַכט און אַכציק שוואַרץ יאָר!
„אָבער צי האָט איר ווען דורכגעטראַכט, דורכגעבליקט קלאָר
„אייער זיין? צי האָט איר ווען געריסן זיך די האָר
„און געוויינט אין די נעכט מיט אַ ביטער געוויין,
„יענעם עיקר צו פאַרשטיין, וואָס איר קאָנט נישט פאַרשטיין,
„יענע וואַנט אַריבער, וואָס איר קאָנט נישט אַריבער?
„וואָס איז דער מער מיט אייך? מיט וואָס נעמט איר זיך איבער?
דאָס לעבן? ס׳איז אי זיס, אי ביטער, שווער צו זאָגן וואָס—
„דאַרף מען האָבן עפּעס, וואָס איז העכער ווי דאָס.
„יעדן האָב — גאָט. ער איז פון לעבן מיר טייערער.
„ער איז מיין ברעג מיין ליכטיקער — און וו איז אייערער?!"

און איינמאָל, שבת אין דער פרי, וואַרטנדיק ביים טיש אויפן טשאָלנט, פאַרפירט ר׳ פּנחס אַ שמועס מיטן עלטסטן זון:

„הגם ס'איז נישט גלייך צו רעדן היינט וועגן דברי חול,
„פונדעסטוועגן זאָג מיר, כיבעט דיך, כ'וועל דיך עפּעס
פרעגן:
„שוין אַ סך מאָל האָב איך געהערט דיך רעדן וועגן
„אַ גאַנצן מר בר רב אשי, עפּעס איינעם „מאַרקסיסט",
„אויב כ'האָב קיין טעות נישט, ווער איז דאָס: אַ ייד?
אַ קריסט?
„און וואָס האָט ער מחדש געווען, וואָס מ'האָט נישט
געוווּסט
„ביז איס?"

דער זון דערקלערט אים, דער טאַטע מאַכט חוזק; אָבער ווען דער זון נעמט מיט היץ רעאַגירן אויף דעם חוזק, ווערט דעם אַלטן פרומען טאַטן לייכטער אויפן האַרצן.

„...פּנחס (האָט) מער קיין וואָרט נישט גערעדט,
„נאָר דעם זון געלאָזט רעדן און דערפילט אין זיינע רייד
„דעם אינהאַלט פון זיין לעבן, דעם פונק פון זיין פרייד".

אויך די מאַמע איז גליקלעך, ווען זי דערוויסט זיך ענדלעך פון איר זון, אַז דער „מאַרקסיסט" האָט חתונה געהאַט, — אַ שטיין איז איר אַראָפּ פון האַרצן, ער, דער „מאַרקסיסט", הייסט עס, וועט נישט פאַרשפּאַרן דעם וועג פאַרן פיזישן המשך פון די יידישע דורות, פון איר יידיש בלוט און פלייש; אָבער דעם טאַטנס פרייד איז טיפער: ער דערהערט אין זיין זונס רייד די גייסטיקע מעלאָדיע פון יידישן לעבן; דער אינהאַלט פון זיין זונס לעבן איז אַנדערש פון זיינעם, אָבער דער אינהאַלט איז אַ גייסטיקער, פון אַ העכערער וועלט, — עס דראָט אים נישט קיין גייסטיקער כרת.

געוויס איז אים אַ שאָד „וואָס צו וויט זענען זיי אַוועק און זיך איינגעריסן מיט גאָט", אָבער אינם גלויבן פון די קינדער (אגב, פאַרשטייט ער זייער גלויבן, און די „סאָציאַלע" שטעלן פון דאָזיקן בוך זענען טיפער פאַר כמעט דער גאַנצער דעמאָנס־טראַטיוו־פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין יידיש) דערפילט דער טאַטע אַ האָפנונג אויף אַ גייסטיקן המשך פון דער יידישער פאַמיליע, — די קינדער האָבן איבערגענומען די ירושה פון די יידישע דורות: דעם גלויבן אין משיחן, דעם בטחון, דעם עול

פון אַ תורה, דעם עול פון גייסטיקן פּרימאַט אין לעבן.

האָט דאָך אונזערע ר׳ פּנחס׳עס מער פון אַלץ געשראָקן די קינדערס זינקען צו אַ בלויז חומרדיקן לעבן, דער איבעררייס פון דער גאָלדענער קייט.

טאַטע־מאַמע, די זיילן פון יידישן לעבן, פון דער יידישער משפחה, זענען גליקלעך אויף פאַרשידענע אופנים, אָבערביידנס גליק דערגאַנצט זיך. די מאַמע נעמט האָפן, אַז די פאָרם פון דער יידישער פאַמיליע וועט בלייבן גאַנץ, און דער טאַטע — אַז די פאָרם וועט אָנגעפילט ווערן מיט אַ גייסטיקן זינען, מיט אַ פרומקייט.

כל זמן מען לעבט איז דאָ אַ האָפנונג; כל זמן מען האָט כוח צו גלויבן, איז דאָ אַ האָפנונג אַז מען וועט נעמען גלויבן אין דאָס ריכטיקע.

אָט דאָס איז די נשמה פון „מיין היים״, איר מעלאָדיע: די שרעק פאַר פיזישן אומקום און די שרעק פאַר גייסטיקן כרת. נישט אומזיסט עפנט זיך דאָס בוך אויף מיט אַ געוואַלדיקער יחידיש־נאַציאָנאַלער קינה:

„נאַקעט ווי אדם? — נישט גוט געזאָגט.
„יענער האָט גאָרנישט און אַלץ דאָך פאַרמאָגט:
„אַ גלויבן, אַ גאָט און פרייד פון אַ קינד,
„און שרעק פון אַ קינד און מורא פאַר זינד.
„נאַקעט בין איך, נאַקעט אויף אַ וואָר
„אין טויזנט ניין הונדערט זיבנאונדרייסיקסטן יאָר.
„כ׳בין די מדבר אליין, איר זאַמד דאָס פאַרברענטע,
„אַ שול אַ פאַרשוועכטע, פון שונאים געשענדטע,
„אַ שוואַלבן־נעסט האַרבסט־צייט, ווען ס׳פאַלן די בלעטער,
„אַ חורבה — אַ זכר נאָך געשטאָרבענע געטער,
„אַביידל אין סאָד אונטער ווינטער־שניי בלייכן —
„און נאַקעטער נאָך ווי די אַלע פאַרגלייכן״.

אָט־די פאַרוויסטונג, וואָס לערער פילט אין זיך (און וועלכע ער מאָלט מיט אַזאַ גליאיקער קראַפט), איז נישט נאָר אַ יחידישע אינערלעכע און אויסערלעכע פאַרוויסטונג, — דאָס איז אַ כלל־פאַרוויסטונג אין טויזנט ניינהונדערט זיבן און דרייסיקסטן יאָר.

און „מיין היים" איז איר שטאַרקסטער, כוללדיקסטער ליטעראַ־רישער אויסדרוק.

* * *

פון איין זייט ווערט פיזיש באַלאַגערט און צעבראָכן דער כלל, און ער ציט מיט, ביים זינקען אין אָפּגרונט, די פעסטונג פונם כלל, — די פאַמיליע, און די לעצטע שלעפּט מיט אין אָפּ־גרונט אריין אירע צעלעם — די יחידים.

און פון דער צווייטער זייט פאַרלירט די אינערלעכע גלייכ־געוויכט דער יחיד, און ער פאַלט אום, ווי אַ זייל, מיטשלעפּנדיק די פאַמיליע, און די לעצטע שלעפּט מיט, אין איר פאַנאַנדערפאַל, דעם כלל.

אַן אומקום און צעפאַלונגס־פּראָצעס, וואָס פּראָגרעסירט פוןביידע עקן.

דער פיין־שפּירבאַרער אינטימער דיכטער, יחיאל לערער, פילט זיין אינערלעכע נאַקעטקייט, אָבער ער זעט מיט גרויל סיי די סיבה פון זיין לאַגע, סיי די פאָלגן פון זיין לאַגע: זיין פּער־זענלעכער אומגליק איז אויך דער אומגליק פון זיין היים, אויך דער אומגליק פון זיין פאָלקס־היים — פונם שטעטל.

„מיין היים" איז אייגנטלעך נאָך „אַ שטעטל" אין דער יידישער ליטעראַטור.

מיר האָבן מענדעלעס שטעטל, וואָס מען האָט געדאַרפט רעפאָרמירן; מיר האָבן שלום עליכמ'ס שטעטל, וואָס האָט זיך גענומען רעפאָרמירן; מיר האָבן אשעס שטעטל, וואָס מען האָט געבענקט נאָך זיין אַלט־יידישלעכער גייסטיקער גאַנצקייט; מיר האָבן וויסנבערגס שטעטל, וואָס האָט געפיבערט אין פּראָצעס פון גלויבן, אַז דער איבערבוי און די ווידערגעבורט איז נאָענט; און צולעצט איז געקומען לערערס שטעטל, וואָס געפינט זיך אויפן ראַנד פון עקאָנאָמיש־פיזישן און גייסטיקן חורבן.

לערערס שטעטל איז, אייגנטלעך, אין גרעסטן טייל דאָס שטעטל פון שלום אשן, נאָר עס געפינט זיך אין אבלות. אויך לערער זעט די טיף־נשמהדיקע שיינקייט פונם שטעטל, אָבער ער זיצט שבעה נאָך די קינדער אירע, נאָך זיך גופא.

אין דער פאַר־מלחמהדיקער תקופה, אויף דער שוועל פונם חורבן, האָבן אויך אַנדערע דיכטער, בעלעטריסטן און פּובליציסטן

אונזערע געאַנט דאָס אומגליק און אים געגעבן אַן אויסדרוק, אָבער קיינער האָט נישט געזען דעם אומגליק אַזוי גרויזאַם־קלאָר ווי דער פאַרטרוימטער ליריקער יחיאל לערער, און קיינער האָט אים נישט געגעבן אַזאַ ליריש־עפּישן אויסדרוק ווי ער.

די אַנונג פון חורבן גיט אַ ווייע אויף אונז פון חיים גראַדעס שטאַרק, דערשיטערנדיק ליד „דער נאַרעוו"; דער אָנקומענדיקער חורבן ווערט אויסערלעך געזען און נישט גענוג באַגריפן אין מ. בורשטיינס „ביי די טייכן פון מאַזאָוויע", אָבער קיינער האָט נישט געגעבן אַזאַ דיכטעריש־דורכגעגליט בילד פונם אויסערלעכן און אינערלעכן חורבן־אָנקום, ווי לערער. ער האָט טיף דערזען און שטאַרק אויסגעדריקט דאָס געזעענע (אָפט אין אַ שלימותדיקער קונסט־פאָרם).

„...אויב אַמאָל נאָך האָט אַ מענטש זיין לעבנס־וועג
„איבער דערנער, אָדער בלומען, ווי גאָט האָט באַשערט,
„אַדורכגיין געקאָנט רואיק און שטיל — איז היינט אויף
דער ערד
„דער פיבערדיקער, קראַנקער, דער וועג אַזוי שווער
„פאַר די אָרעמע קינדער אירע. און זיבן מאָל מער
„פאַר די יידישע קינדער. האָט מען נעצן דאָך צעשטעלט
„אויף אונזערע לעבנס אין אַלע עקן פון דער וועלט!
„אונזערע היימישע נעסטן — פון שונא געצונדן
„און מיר וואַנדערן היימלאָז און ציילן די ווונדן.
„און פון פאָרנט וואַסער, און פון הינטן פלאַם
„און איבערן קאָפּ די בייטש פון דעם כאַם!
„און הונדערטער שרעקנס און טויזנטער גרוילן
„און נאָך ערגער פון אַלץ, דאָס אינערלעכע פוילן!
„ביים דרעשן די זאַנג קומט אַרויס דער קאָרן —
„און אונזער זאַנג? אומזיסט נאָר געדראָשן געוואָרן,
„קיין קאָרן נישטאָ".

אָט דאָס איז די אבלות־אַטמאָספער פון לערערס שטעטל, פון זיין — און פון אונזער — היים.

אָבער דאָס איז נאָר אַ לייכטער אריינפיר צו דער שטימונג פון דער מאַמעס חלום.

זי זעט אין חלום אַ מאַרק־טאָג, אַ יאַריד, זי וויל עפּעס

י. ראַפּאָפּאָרט

קויפן פון דער שפע, וואָס אַרום איר, און זי שטעלט אָפּ אַ קומע און זי רעדט צו איר געוווינטע רייד:

„און צו וויפל איז פּוטער? צו וויפל איז אייער?
„מיין זון פאָרט אַוועק, דער ליבער און געטרייער.
„כ'וועל אים מער שוין נישט זען, ווי לאַנג איך וועל לעבן.
„ווייל איך אים צוזען און דערלאָבונג כאָטש געבן."

אָבער

„...מיט אַמאָל
„די קומע ווערט גרויס און ברייט, אַז די גאַנצע גאַס
„פאַרנעמט זי און זי שפּייט און שרייט אין ווילדן כעס:
„פאַר דיר און דיין זון האָב איך גאָרנישט מער, ווי האַס!
„און טויט! און פאַרוויסטונג! און ווי זי שפּייט און
שרייט אַזוי,
„צינדט זיך אָן אונזער דאַך, ווי אַ סטויג פון שטרוי,
„און צייט אַ רגע איז דאָס גאַנצע הויז אין פלאַמען.
„פאָכנדיקע בייטשן קנאַלן איבער דער מאַמען,
„וואָס שטייט, נעבעך, ווי געליימט פון קלעפּ, שרעק און
שפּאָט,
„און קאָן גאָרנישט רעדן, אפילו נישט דאָס וואָרט: גאָט!,
„וואָס בעט זיך אויף די ליפּן. זי פאַלט אויף דער שוועל..."

ווען איז דאָס געשריבן געוואָרן? טאַקע אין 1937? נישט אין 1942, 1943?

עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר לערערס קינסטלערישער אינטואיציע און פאַר זיין סינטעטישן ווערק, וואָס פון ראָזיקן שרעקלעכן חלום, וואָס איז אונזערווירקלעכקייט, לייזט אויס דער מאַמען אַ חלום־המשך, וואָס איז אונזער האָפענונג: עס געשעט אַ נס, די רוצחים ווערן געליימט דורך דעם בליק פון משיחן, וואָס גייט און קומט אָן: און די מאַמע דערקענט אין משיחן איר זון — עס ווערט דערפילט דער פאַרהוילנסטער טרוים פון יעדער יידישער מאַמע.

„גאָט — שעפּטשעט די מאַמע — אַ דאַנק!
„צו אַזאַ מינוט האָבן געגאַרט דורות לאַנג,
„און איך, דיין דינסט־מויד, האָב זוכה געווען דערצו..."

און לערער גיט פרום (און שיין) צו:

אויסגעריסענע בלעטער

„און אָט דער חלום פון מיין מאַמען ציטערט אויך אין
בלוט

„פון אונז אַלע: געדריקטע, באַליידיקטע. אַזוי גוט
אין דעם זינדיקן צווישן אונז, ווי אין דעם פרומען.
„מיר אַלע ווייסן: משיח איז נאָכנישט געקומען
„און אַז קומען וועט ער, מיר צווייפלען נישט דאַרין
„און אַלע ווי איינער קוקן מיר אויס דעם באַגין".

אָט־דער סימבאָלישער חלום איז די בריק צום לעצטן הויפּט־שטריך פון בוך: דער לעבעדיקסטער זוימען פונם שטעטל, פון לערערס היים, — דער אייביקער משיח־טרוים, — ווערט איבערגענומען בירושה, נאָך מער, דער זון, דער כלומרשט פאַר־פרעמדטער, איז דער פּאָטענציעלער משיח, — ער ווערט פאַר־וואָרפן פונם שטעטל, אין דער ווייט, אָבער אין דעם לעבעדיקן געפעס, — אין דעם ירושהדיקן גלויבן פון די צעווייעטע קינדער, — גייט ער אויף צו אַ ניי לעבן.

* * *

די קאָנסטרוקציע פון „מיין היים" איז זייער אַן אָריגינעלע און אינטערעסאַנטע: די מאַמע גרייט זיך צו אַ מלווה־מלכה פאַר די שטעטלשע יידן (ס'איז איר מאַנס ריי צו מאַכן די שותּפישע מלווה־מלכה) און ביים גרייטן זי טרוימט זי אויס פאַר אונז איר פאַרגאַנגענהייט און זי וויינט אויס איר קעגנוואַרט.

און יעדער איינער וואָס קומט צו דער מלווה־מלכה ברענגט־מיט מיט זיך זיין עבר (וואָס מיט אים באַקענט אונז לערער, פאַרוועבנדיק אים פיין מיטן אַרום) און אַ שטיק שטעטלשע סביבה. און דערנאָך ברענגט זיך פאַנאַנדער די מלווה־מלכה, אויף וועלכער עס באַגעגענען זיך — און דאָס איז די נשמה יתירה אירע — די אַלטע און די נייע יידישע וועלט אין איין ווייטיק; אויסערלעך־פאַרפרעמדטע, אָבער טיף־אינערלעך־נאָענטע.

צוויי וועלטן דערלאַנגען זיך דאָ די הענט, צוויי צעריסענע רינגען פון איין לאַנגער קייט הויבן זיך דאָ אָן צו פאַרשמעלצן ביים הייליקן פייער פון אַ נאַציאָנאַלער מיסטעריע.

דער זון, פון די לעצטע, וואָס קלייבט זיך אַוועקצופאָרן, ווי די פריערדיקע, איז אויך איינער פון יענע יידישע קינדער,

וואָס „קוקן אויס דעם באַגין". (נישט אומזיסט האָט די פּאָעמע „מיין היים" אַן אונטערקעפּל: „דורך נאַכט צום באַגין".) ער פּאַלט אַריין אין דער מלווה־מלכה מיט זיין נישט־יידישער צורה, אָבער
„אָט די נישט יידישע צורה איז אין מאַרך און בלוט ייד".
און נישט נאָר ביי לערערן, — די אַלטע וועלט נעמט אים אַריין אין קאָן.
צוערשט חוזקט מען אַביסל פון אים (יחיאל לערער ווייזט אַרויס אין זיין ווערק „מיין היים" אַ שאַרפן חוש פאַר הומאָר און די קאָמישע און סאַטירישע סצענעס זענען אָפט מייסטער־האַפט אויסגעאַרבעט), פון זיין געשאָבענער מאָרדע אויף בלוי, אָבער דער טאַטע בעט זיך:

„לאָז אים, זיינוול, לאָז אים געמאַך —
„ריאיז נישט אַוועק, חלילה, קיין סך
„פון אונז. קום אַהער צום טיש".

דער טיש — די מלווה־מלכה־מסיבה — געפינט זיך נאָך אונטערן איינדרוק פון ר' ליטמאַנס דערציילונג וועגן יעקב'ס און עישיו'ס גורלות (ז"ז 446-449; אַ מייסטערהאַפט שטיקל דיכטונג, וואָס דערמאָנט, לויט דער טעמאַטיק, אין ריכאַרד בער האָפמאַנס וונדערבאַרן דיאַלאָג צווישן יעקב'ן און עישיו'ן — אין „יעקב'ס חלום" — וועגן יעקב'ס ברכה און עישיו'ס קללה):

„...די מאַמע רבקה האָט...
„...יעקבים גורל באַוויינט:
„אַלע ברכות, וואָס דער טאַטע האָט דיר געגעבן,
„וועלן גאָרנישט העלפן, ווי לאַנג עישיו האָט די שווערד.
„דיין גורל איז צו זיין אַ נע־ונדניק אויף דער ערד!"

און די אַלטע יידישע וועלט און די נייע בייטן זיך מיט די מיינונגען וועגן דאָזיקן גורל.
די אַלטע זאָגט מיט בטחון:

„מירן אַלץ איבערטראָגן, אַלץ איבערלעבן —
„פעלקער שטאַרבן און ייד בלייבט ייד!"
און די יונגע יידישע וועלט ענטפערט מיט אומגעדולד פון

קעמפער — פאַרביטערטע, אָבער נישט פאַריאושטע:
„...וואָס קומט אַרויס
„וואָס „ייד בלייבט ייד"? גיט אַ קוק, זעט ווי מיר זעען אויס.
„...אונזערע געסלעך די שמאָלע,
„ליגן אויפגעדעקט, פריי פאַר יעדן גבזהדיקן קנעכט,
„וואָס וויל אַ הוליע טאָן אין חשכות פון די נעכט,
„צי אין העלן טאָג!"
דער עולם נעמט מסכים זיין:
„מיר זענען נאָך קיינמאָל אַזוי שלעכט נישט געשטאַנען,
„ווי היינט. אַז ס'איז אויף דער וועלט גאָר קיין אָרט נישט פאַראַנען
„פאַר אונז! מען ברענט די טריט!...
„און לויט די גאַזעטן שרייבן..."

אָבער מען לאָזט נישט ענדיקן: וואָס האָט צו טאָן אויף דער כמעט נאָך שבתדיקער מלווה־מלכה דער וואָכעדיקער גייסט פון די „גאַזעטן"?

„שוטה איינער! און אַז די „גאַזעטן שרייבן", איז וואָס? —
„מענדל, נעם שוין און זינג אליהוס..."

מען טרייבט די וואָך און די ווירקלעכקייט מיטן אַלטן געוועד — מיט דער התלהבות פון די אליהוס.

און די יידישע מאַמע, אָט־די אייביקע עמאַנאַציע פון דער מאַמע רחל'ס גייסט, שטייט אויף יענער זייט שוועל, הערט דעם געזאַנג, און הגם זי פאַרשטייט נישט דעם טייטש פון די ווערטער, פאַרשטייט זי דעם דורותדיקן ניגון, ווי ער זאָל קומען צום ערשטן מאָל פון איר אייגענעם האַרץ, פון דער גרויסער פערזענלעכער דערפאַרונג. וואָס איז נענטער אַ יידישן האַרצן, אַ יידישן געמיט, פאַר די נעמען־קלאַנגען: אליהו, דוד, משיח?

און זי ווערט באַרוישט, און אַ וווּנדערבאַרע תפילה איז איר געמיט: אַ תפילה פאַר אירע צעזייטע און צעשפּרייטע קינדער, אַ תפילה פאַר איר פאָלק, אַ תפילה פאַר דער וועלט:
„שיק אַראָפּ אונזער אייביקן, שיינעם חלום, —
„שיק אַראָפּ. זאָל ער געביטן פרידן, שלום

י. ראַפּאָפּאָרט

„די גאַנצע, גרויסע וועלט דיינע, פאָלק ביי פאָלק, לאַנד
ביי לאַנד.
„און ביז ער וועט קומען — מיטן איילבירט־צווייגל אין
האַנט,
„אויף דעם קליינעם, גרויען אייזעלע צו רייטן —
„ביז דאַן — זיי דו אונזער שוץ אין די ביטערע צייטן!
„ווייל די וואַסערן גרייכן שוין ביז איבערן האַלדז,
„ווייל דאָס לעבן האָט מיך פאַרשעמט, און דו ביסט אַלץ,
אַלץ
„וואָס ס׳איז מיר נאָך פאַרבליבן. שענק געזונט, פרנסה
און פרייד
„די קינדער מיינע, וווּ זיי זענען, נעבעך! ווייט צעשפּרייט
„אין אַלע עקן וועלט! און דאָס לאַנד, וווּ יעדעס פון זיי איז,
„בענטש מיט דיין גענאָד, אָ גאָט! לאָז זיין שלום אין
פּאַריז,
„און אין ניו־יאָרק, און אין קאָלאָמביע, און אין בראַזיל.
„און אויך מיך דאָ, אין פּוילן, לאָז אויסלעבן שטיל
„דאָס רעשט ביסל יאָרן מיט דעם אַלטן באַנאַנד.
„לאָמיר הערן גוטע בשורות פון דעם הייליקן לאַנד,
„רבונו של עולם, פון דעם געליבטן לאַנד דיינעם.
„און אויב ס׳איז די צייט שוין, פאַרזאַמל אונז אינאיינעם
„דאָרט אַהין, דאָרט אַהין, ווייל וווּ דען, אויב נישט
אַהין???"

איר תפילה וועגן זיך און פּוילן איז נישט דערהערט גע־וואָרן; זאָל שוין אין איר גאַנצער פולקייט דערהערט ווערן די צווייטע טייל פון איר תפילה פאַר אירע וויניקע פאַרבליבענע קינדער.

* * *

איך האָב פאַרענדיקט דעם אַרטיקל וועגן לערערס „מיין היים" און כ׳האָב גלייכצייטיק נאָכאַמאָל פאַרענדיקט דאָס בוך. מיינע אויגן קושן צום אומצייליקסטן מאָל די גאָלדענע חתימה פון דאָזיקן אויסטערליש־רייכן בוך. מיר גייען אַוועק פון בוך מיט דער זעלבער אויסגעלייטערטקייט דורך גרויסער שיינקייט, ווי די מאַמע איז אַרויס פון צימער נאָך איר תפילה. און די

גאָלדענע חתימה פון בוך איז גילטיק נישט נאָר פאַר לערערס מאַמע, נאָר אויך פאַר אונז, זיינע לייענער. אויך מיר פילן זיך, ביים צומאַכן דאָס בוך, ווי אַ קליינער טייל פון גאָט, וואָס שוועבט אין חלל צווישן ערד און שטערן, אָנגעלאָדן מיט דעם שענסטן רייכטום פון גאָר דער וועלט. און אויך מיר פאַרשעמען זיך פאַר די אָפּט קליינע זאָרגן און טרערן, וואָס מיר פאַרגיסן און מיר פייניקן זיך מיט זיי ביי אַ ליאַדע וואָס. און אויך אונזערע וואונדן — אָ, הייליקער וואונדער! — פאַרשווינדן אַ ווייל פון אונזער צעוויטיקטן געמיט, און זייער אָרט פאַרנעמען: „גאָט, באַגין און ליד".

ווייל אָט דער הייליקער דריילינג איז דאָ אין לערערס בוך אין אַ זעלטענער שפע.

מעלבורן, 1949.

אברהם רייזען — דער פאָלקסטימלעכער דיכטער

צו די ווערק פון אַ שרייבער (און צו אַ שרייבער גופא) קאָן מען צוגיין נישט נאָר דירעקט, נאָר אויך פון אַ געוויסער פּערספּעקטיוו. איר קאָנט צוגיין צו אַ שרייבער און צו אַ ווערק און פרעגן אַ דירעקטע פראַגע: וואָס פאַרמאָגט דער דאָזיקער שרייבער אַלס ליטעראַרישער איינס, און וואָס פאַרמאָגן זיינע ווערק אַלס ליטעראַרישע איינסן; איר קאָנט צוגיין צו אַ שרייבער און צו זיינע ווערק פון אַ געזעלשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט: וואָס האָט די דערשיינונג פון אַ געוויסן שרייבער און פון זיינע ווערק באַדייט פאַרן לעבן פון אַ געוויסן קיבוץ אין אַ געוויסער צייט פון זיין געשיכטע; איר קאָנט אָבער אויך צוגיין צו אַ געוויסן שרייבער פון דער פּערספּעקטיוו פון דער ליטעראַטור אַלס קאָלעקטיווער דערשיינונג: וואָס האָט ער און זיינע ווערק באַדייט פאַר אַ געגעבענער ליטעראַטור פון ליטעראַטור־געשיכטלעכן שטאַנדפּונקט.

די פּערספּעקטיוו, אין וועלכער אָדער פון וועלכער איר זעט אַ געוויסע זאַך, ענדערט זייער אַ סך יעדע זאַך, — אויך אין

דער ליטעראַטור. פאַראַן ווערק וואָס האָבן געשפּילט גאָר אַ גרויסע ראָלע אינם אויפבוי פון אַ ליטעראַטור, הגם פון ריין־קינסטלערישן שטאַנדפּונקט זענען זיי אַ סך שוואַכער פאַר אַ סך ווערק, וואָס האָבן קיין גרויסע ראָלע — קוקנדיק פון דער פּערספּעקטיוו פון דער ליטעראַטור אַלס גאַנצעס — נישט געשפּילט.

מענדעלעס „קליאַטשע" און זיין „טאַקסע" זענען נישט דער ערך שוואַכער קינסטלעריש פאַר זיין „ווינטשפינגערל", און ווען איר גייט צו צו זיי דירעקט ווי צו ליטעראַרישע ווערק, האָבן זיי אַ גאַנץ קנאַפּן ווערט אין פאַרגלייך מיטן „ווינטשפינגערל"; אָבער געזען פון דער געזעלשאַפטלעכער פּערספּעקטיוו, פון דער אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור אַלס גאַנצעס, איז דער חשבון אַ גאַנץ אַנדערער: פאַרן אויפבוי און פאַר דער אַנטוויקלונג פון אונזער ליטעראַטור, פאַר איר באַווירקן דאָס לעבן אונזערס (די גרעסטע אויפגאַבע און דער גרעסטער טריאומף פון אַ ליטעראַ־טור) האָבן „די קליאַטשע" און „די טאַקסע" אַ סך מער אויפ־געטאָן, ווי „דאָס ווינטשפינגערל".

אָט דער צוגאַנג צו אַ שרייבער און זיין שאַפן פון דער פּערספּעקטיוו פון דער ליטעראַטור אַלס גאַנצעס, איז באַזונדערס פּאַסיק און דאַנקבאַר פאַר אַזעלכע שרייבער, וואָס די ליטעראַ־טור, אין וועלכער זיי שאַפן, האָט זיי איבערגעיאָגט און געלאָזט זיי וויים הינטער זיך.

דער דירעקטער צוגאַנג צו אַזאַ שרייבערס שאַפן מוז פאַר־קלענערן זיין באַדייטונג, ד. ה. ער מוז זיין אומגערעכט צו זיי; אָבער דער אומדירעקטער צוגאַנג צו זייער שאַפן, דער צוגאַנג פון דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, לאָזט נישט פאַרקלענערן זייער באַדייטונג, גיט אַ מעגלעכקייט (די איינציקע) צו זיין גע־רעכט צו זיי.

אברהם רייזען געהער צו די שרייבער, וועלכע מען מוז באַטראַכטן אין דער ליטעראַטור־היסטאָרישער פּערספּעקטיוו.

* * *

אברהם רייזען האָט ליטעראַריש געשאַפן אין משך פון זעכציק יאָר. און זעכציק יאָר אין אונזער ליטעראַטור, הייסט כמעט איר גאַנצער היסטאָרישער וועג פון איר באמת שעפערישן

פּעריאָד (אויב מיר זאָלן זיך נישט אַריינלאָזן אין אירע אור־שפּרונגען, אין איר לאַנגן אינקובאַציע־פּעריאָד).

מיט זעכציק יאָר צוריק האָט מענדעלע ערשט דערגרייכט זיין גבורהדיקן שאַפונגס־פּעריאָד; פּרץ האָט ערשט דאַן גענומען ליטעראַריש וואַקסן; שלום עליכם איז דאַן ערשט געווען אַן אָנפאַנגער. מיט אַנדערע ווערטער: אברהם רייזען איז געווען איינער פון די ערשטע בויער פון דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט געהאָלפן צעאַקערן איר קרקע בתולה, ער האָט געהאָלפן זייען און מעגלעך געמאַכט דעם שפּעדיקן שפּעטער, די רייכע גערעטעניש פון דער יידישער ליטעראַטור.

דער מזל פון ליטעראַרישע פּיאָנערן איז פאַרשיידן: פאַראַן אַזעלכע, וואָס דערמעגלעכן דעם שניט פאַר אַנדערע; און פאַראַן אַזעלכע, וואָס צעבליען זיך אליין (אומשטערבלעך, לאָמיר זאָגן, באַנוצנדיק אַ סימבאָליש וואָרט) אויף דעם פעלד, וואָס זיי האָבן געהאָלפן צעאַקערן.

דער גורל פון די דאָזיקע לעצטע איז באַשערט געווען מענדעלען, פּרצ'ן, שלום עליכמ'ען; דער גורל פון די ערשטע איז באַשערט געווען אברהם רייזענען.

אברהם רייזענס אמתער ווערט באַשטייט אין דער פּערספּעקטיוו פון זיינע זעכציק יאָר שאַפן.

ווען איך לייענט רייזענס זאַמלהעפטן „אייראָפּעאישע ליטעראַטור", געפינט איך דאָרט אַזעלכע אומבאַהאָלפענע לידער פון פאַרשידענע מחברים, אַז עס גלויבט זיך קוים, דאָס בלויז אַ 60-50 יאָר טיילט זיי אָפּ פון סוקצעווערס און מאַנגערס לידער; דאָס זעלבע געפיל האָט איך ביים לייענען די דאָרטיקע דערציילונגען און סקיצן, ווען איך פאַרגלייכט זיי ליטעראַריש מיט בערגעלסאָנס דערציילונגען. סאַראַ וועג באַרג־אַרויף! און רייזען האָט איינער פון די ערשטע געשטעלט זיינע טריט אויפן דאָזיקן וועג, אים געהאָלפן אויסטרעטן פאַר זיך און פאַר אַנדערע, — פאַר דער יידישער דיכטונג.

ער איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן זיך איינגעשפּאַנט אינם וואָגן פון דער יידישער דיכטונג, פון דער יידישער נאָוועלע און אים געשלעפּט באַרג־אַרויף, און אים געהאָלפן פאַרוואַנדלען

אין משך פון בלויז אַ האַלבן יאָרהונדערט אין אַ „פּייערדיקן רייטוואָגן".

סאַראַ שמחה — און סאַראַ פאַרדינסט — עס איז פּאַר אַ שרייבער צו זען, אַז זיין אַרבעט איז נישט געווען אומזיסט, אַז ער האָט אויסגעטראָטן אַ וועג אויף וועלכן די שפּעטערדיקע איז לייכטער געווען צו דערגיין ווייטער, צום שפּיץ, אויף וועלכן זיי געפינען זיך, און פון וועלכן עס זעט אויס אַזוי קליין די דיכטונג פון אַ. רייזען.

אַ. רייזען האָט געהאַט דעם פאַרדינסט פון אַ רבין, וואָס זיינע תלמידים שטייגן אים איבער, און אויך דעם פאַרגעניגן פון אַ טרייען רבי, וואָס ווייסט אַז זיינע תלמידים זענען אַזוי גרויס דערפאַר, ווייל זיי האָבן געפונען פאַרטיקע פונדאַמענטן אויף וועלכע צו בויען.

אויב אברהם רייזענס דיכטונג זעט היינט אויס אַזוי קליין, איז דאָס דערפאַר, ווייל ער האָט די יידישע דיכטונג געהאָלפן גרויס ווערן.

* * *

אברהם רייזען איז איינער פון די, וועלכע האָבן געבראַכט די יידישע דיכטונג צום פאָלק און דורך דעם געבראַכט דאָס פאָלק צו דער יידישער דיכטונג.

דאָס האָט נישט באַוויזן נישט באָװשאָווער, נישט עדעל־שטאַט און נישט ווינטשעווסקי, ווייל די דאָזיקע האָבן געבראַכט צום פאָלק דאָס רעוואָלוציאָנערע ליד, דאָס ליד פון רעוואָלט; באַוויזן האָבן דאָס מאָריס ראָזענפעלד, יהואש און אברהם רייזען. זיי האָבן געבראַכט דעם פאָלק דאָס לירישע ליד, וואָס האָט גערעדט נישט נאָר צום באַוווסטזיניקן פּראָלעטאַריער, צום סאָציאַלן אינסטינקט זיינעם, נאָר צום מענטשנס האַרץ, צו זיין סענטימענט, צו זיין זעקסטן ליטעראַרישן חוש.

און פון די אַלע דריי איז געווען צום נאָענטסטן דעם פאָלקס־מענטשס האַרץ — אברהם רייזען.

זיין ליד האָט גערעדט צום האַרצן פונם פאָלקס־מענטש דערפאַר, ווייל דאָס ליד איז געווען פּרימיטיוו, סיי אין זיינע געפילן, סיי אין זיין שפּראַך־אויסדרוק.

אברהם רייזען איז געווען זייער נאָענט צום פאָלקסליד,

וואָס איז כמעט תמיד פשוט, אָפן, אומגעקינסטלט און נאאיוו.

זיין ליד איז געווען דער מיטל־רינג, וואָס האָט פאַרבונדן די יידישע פאָלקס־דיכטונג מיטן יידישן קונסט־ליד. אַריבער־גייענדיק פון דעם פאָלקס־ליד צו אברהם רייזענס דיכטונג האָט דער יידישער פאָלקס־מענטש כמעט ווי נישט געשפּירט קיין אונטערשייד — אברהם רייזענס ליד איז ווי געווען אַ המשך פונם פאָלקסליד. און דעריבער האָט דאָס פאָלק אַזויפיל געזונגען אברהם רייזענס דיכטונג — פאָלקסדיכטונג לייענט מען נישט (סיידן פאָלקלאָר־פאָרשער), נאָר מען זינגט עס. אָבער אומבאַמערקט האָט אברהם רייזען אַריבערגעפירט דעם יידישן פאָלקס־מענטש פון זינגען צום לייענען, פון פאָלקס־דיכטונג צו קונסט־דיכטונג. ער האָט צוגעגרייט דעם לייענער פאַר דער יידישער דיכטונג.

* * *

מען זאָגט מיט רעכט, אַז רייזען איז געווען אַ פאָלקסטימ־לעכער דיכטער. מען קאָן אפילו זאָגן, אַז ער איז געווען דער פאָלקסטימלעכסטער.

מען דאַרף אָבער דערביי אונטערשיידן צווישן פאָלקסטימ־לעכקייט און פאָלקסטימלעכקייט. אויך פּרץ איז אין זיינע חסידי־שע און פאָלקסטימלעכע דערציילונגען אַ פאָלקסטימלעכער דיכ־טער; אָבער איר קאָנט פּרץ'עס פאָלקסטימלעכקייט נישט פאַר־מישן מיט רייזענס. פּרץ איז פאָלקסטימלעך מיט דעם, וואָס ער דערגראָבט זיך צו די טיפסטע און ווערטפולסטע שיכטן פון דער יידישער פאָלקס־נשמה, צו דער פאָלקסטימלעכער נשמה־יתירה; רייזען אָבער אַפּעלירט צו די אויבערפלעכלעכסטע געפילן פונם פאָלקס־מענטש, ער רירט אָן די סטרונעס פון דעם פאָלקס וואָ־כעדיקער נשמה.

פּרץ'עס פאָלקסטימלעכקייט איז אַ טייל פון די גרעסטע נאַציאָנאַלע הייליקטימער; פּרץ'עס דיכטערישע פאָלקסטימלעכ־קייט דערנענטערט זיך צו נאַציאָנאַלער דיכטונג; רייזען אָבער בלייבט שטעקן אין די אויבערפלעכלעכע שיכטן פון פאָלקסטימ־לעכקייט.

ווען איר פאַרגלייכט רייזענס „וואָס זשע קלאָגסטו ביי דער גמרא, קלויזניק בלאַסער, קלויזניק ליבער" מיט פּרץ'עס

„מקובלים", אָדער, נאָך בעסער (ווייל די טעמע איז נאָך אידענ־טישער) מיט ביאַליקס „המתמיד", ווערט אָט דער אונטערשייד זייער קלאָר, ממש מיט דער האַנט אָנצוטאַפּן.

געווים רירן אונז דעם קלויזניקס זאָרגן וועגן די צעריסענע שטיוול אָסיען־צייט, וועגן דעם פעלנדיקן „טאָג" און ענלעכע, אָבער דאָס זענען יחידישע זאָרגן, וואָס זענען געוואָרן קאָלעק־טיוו בלויז אַ דאַנק דער נידעריקער אריפמעטיק: עס זענען דאָ ביי יידן אַ סך אָרימע קלויזניקעס (אין פאַרשיידענע שיכטן, מיט פאַרשיידענע נעמען), וועמען עס פעלן שיך און אַ מיטאָג אָפּצור־עסן, און דורך אַן אַקט פון פּשוטן חיבור ווערט דאָס אַ קאָלעק־טיווע זאָרג, וואָס גייט אָן און דאַרף אָנגיין דעם גאַנצן פאָלק; אָבער אָט די זאָרגן זענען בשום אופן נישט קיין נאַציאָנאַלע, ווייל זיי רירן נישט אָן די טיפערע שיכטן פון דער פאָלקס־נשמה, ווייל זיי רירן נישט אָן דעם גורל פונם פאָלקס העכערן נשמה־לעבן, פונם פאָלקס נאַציאָנאַלן לעבן.

עס איז ביז גאָר אינטערעסאַנט צו מאַכן אַ פאַרגלייך (עס רעדט זיך אַזוי — „אַ פאַרגלייך"; אין דער אמתן אין דאָס גאָר קיין פאַרגלייך נישט!) צווישן ביאַליקס „די שחיטה־שטאָט" („משא נימירוב", „בעיר ההריגה") און רייזענס ליד צו זיינע אָרימע ברידער נאָך די זעלבע פּאָגראָמען.

ביאַליק זעט אין די פּאָגראָם־געשעענישן דעם גורל פון פאָלק, פאַר אים שטייט אין קאָן די חשיבות, די זעלבסט־חשיבות פון פאָלק; ער רייצט דעם פאָלקס וווּנדן, כדי אויפצוּוועקן זיין נאַציאָנאַלן שטאָלץ; רייזען פילט בלויז רחמנות און זעט אין די פּאָגראָם־געשעענישן די גראָשענע פאַרלוסטן פונם פאָלק. ער זינגט:

„וואָס מאַכט איר, איר אָרימע ברידער,
אין צענדליק געפלינדערטע שטעטלעך?...
צי האָט איר שוין נדבות באַקומען?...
צי וועט עס, אָ, אָרימע ברידער,
די פענצטער אָנגלאָזן כאָטש קלעקן?..."

רייזען זאָרגט זיך, טאָמער וועלן די פּאָגראָמירטע באַקומען צו ווייניק נדבות, ווייל ער זעט בלויז דעם מאַטעריעלן שאָדן פונם יחיד, פון אַ סך יחידים; ביאַליק אָבער ווערט משוגע ביים

געדאנק פון קלייבן נדבות פאר די פאגראמירטע, ווייל דורך די אויסגעהאקטע שויבן זעט ער נישט נאר די פוסטע לעכער, וואס דארפן באגלאזט ווערן, — ער זעט דורך זיי די וויסטקייט און פוסטקייט פון יידישן לעבן, ווי מען צעבייט א גרויסן נאציאנאלן אומגליק און א גרויסע נאציאנאלע חרפה אויף גראשנס.

רייזען פרעגט מעלאנכאליש זיינע „ארימע ברידער":

„צי גלויבט איר אין בעסערע צייטן,
אין זיג און אין טרייסט און נחמה?
פארבלאנדזשעט אמאל כאטש די האפנונג
אין אייער פול יאוש נשמה?..."

ביאליק שטורעמט די זעלבע נשמה און ווייל אין איר ארויסרופן בונט, טראציקן בונט קעגן דעם כראנישן דערנידערנדיקן פאלקס־גורל.

רייזען פילט מיט דעם יידישן פאלק ווי איין ארימער ברודער דעם צווייטן, ווי איין אומבאהאלפענער דעם צווייטן.

„צי פילסטו, מיין פריינט,
וואס איז דאס אזוינס,
א פאלקל א קליינס
און גרויס איז דער פיינט?...
אן וואפן, אן מוט...
און האט נישט קיין שוץ,
און הפקר זיין גוטס,
און הפקר זיין בלוט!...."

דאס איז א פאלקסטימלעכע תחינה, א פאלקסטימלעכע קינה, אבער נישט קיין פאלקסטימלעכער בונט קעגן שונא און קעגן דער איינענער שוואכקייט; דאס איז נישט קיין נאציאנאלע פראקלאמאציע, וואס רופט צו ווידערשטאנד.

רייזען שטעלט פעסט די אומבאהאלפנקייט, וואס יעדער פאלקס־מענטש פילט זי, און ער דריקט זי אויס מיט שוין צופאלקסטימלעכע ווערטער; ער דריקט אבער נישט אויס מיט זיי די פיין פונם שר פון יידישן פאלק, פון דער שכינה פון יידישן פאלק, אט די העכערע פיין, וואס פרץ און ביאליק האבן זי געשפירט און אויסגעדריקט.

רייזענס פאלקסטימלעכקייט איז קרובהש צו דער

פאָלקסטימלעכקייט פונם פאָלקסליד, וואָס דער גרעסטער טייל פון זיין חן נעמט זיך פון דעם וואָס מען זינגט עס דערפאַר, ווייל עס איז על־פּי־רוב אָרים אידעאיש און וואָרט־קונסט. דאָס געזאַנג, די מעלאָדיע קאָמפּענסירט דאָ מיט אַן איבערפלוס פון געפיל, פון סענטימענט, פון סענטימענטאַלקייט.

רייזען איז דער דיכטער פונם אָרימען מענטשן, און זיין ליד איז דערגאַנגען צום אָרימען פאָלקס־מענטש.

מענדעלע האָט געלערנט דעם יידן סאַרקאַסטיש זיך פאַר־קרימען אויף זיך גופא; שלום עליכם האָט אים אויסגעלערנט צו לאַכן, — גוטמוטיק לאַכן און אויסלאַכן זיך אליין; פרץ האָט געלערנט דעם יידן זיך באַגייסטערן מיט זיין נשמה־יתירה, זיך צו דערהויבן אין זיין קליין אָרים וועלטל צו העכערע וועלטן; ביאַליק האָט אים געלערנט זען דעם נאַציאָנאַלן אומגליק, דעם נאַציאָנאַלן אָפּגרונט; רייזען האָט אויסגעלערנט דעם יידן זינגען אַ וועלטלעך ליד.

רייזען האָט מיט זיין אָרים ליד דערגרייכט איינע פון די גרעסטע מדרגות וואָס אַ דיכטער קאָן דערגרייכן: דאָס פאָלק זאָל אים זינגען.

קיין איינעם פון אונזערע דיכטער האָט דאָס פאָלק נישט געזונגען אַזויפיל, ווי רייזענען. און דעם פאָלק האָט זיך געדאַכט, אַז עס זינגט זיין אייגן ליד, אַז נישט נאָר עס זינגט זיך דאָ וועגן אים און זיינע טאָג־טעגלעכע ליידן, נאָר ער אליין זינגט דאָס ארויס, אַז די ווערטער זענען זיינע און די מעלאָדיע איז זיינע.

אין דער מאָדערנער דאָקטאָריע איז באַקאַנט, אַז מען קאָן היילן געוויסע בלוט־קראַנקהייטן און אַנעמיע דורך נעמען ביים מענטשן זיין אייגן בלוט און אים דאָס געבן צוריק דורך איינ־שפּריצונגען. רייזען האָט גענומען ביים פאָלק זיינע אייגענע געפילן, זיינע אייגענע זאָרגן, זיין איינענעם אָרימען, פּרימיטיוון אופן פון זינגען און אים עס צוריקגעגעבן און געזינטער גע־מאַכט. דאָס פאָלק האָט אויסגעזונגען זיינע זאָרגן און עס האָט זיך דערפילט בעסער, געזינטער.

און דעריבער איז אַזוי ווייטאָקדיק און פאַרדראָסיק געווען, ווען דער דיכטער, וועמעס גרויסקייט עס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דאָס פאָלק האָט אים געזונגען, ווי קיין שום אַנדערן

נישט, האָט זיך געהאַט אויף אַ צייט אָפּגעזאָגט פון זיינע פאָלקס־לידער.

א. רייזען איז דאַן געווען נאָנט צו די קאָמוניסטן; ער איז געפאָרן אויף אַ באַזוך קיין ראַטנפאַרבאַנד, און אויפן וועג זיך אָפּגעשטעלט אין ווארשע, ווו מען האָט אים אויפגענומען ווי ער האָט דאָס פאַרדינט.

אין טעאַטער „נאָוואָשטשי", אויפן פייערלעכן אויפנאַם־אָוונט פאַר אים, האָט מען פון עולם געגומען פאָדערן פון אים (ווען ער האָט געזאָלט דעקלאַמירן זיינע לידער), ער זאָל דעקלאַ־מירן זיין „העמערל, העמערל קלאַפּ" און ענל.

האָט אברהם רייזען זיך אָפּגעזאָגט צו דעקלאַמירן די דאָ־זיקע „כאַלופּנישע" לידער (אַזוי האָט ער זיי אָנגערופן), — „איך זינג שוין היינט — האָט ער געזאָגט — לידער וועגן דער גרוים־אינדוסטריע, וועגן פּראָלעטאַריאַט".

דער דיכטער האָט צוריקגעוואָרפן דעם פאָלק די גרעסטע מתנה, וואָס ער האָט באַקומען פון פאָלק. ער האָט אין זיין נאַאיווי־קייט גאָר נישט באַגריפן, ווי אָרים ער ווערט ווען ער זאָגט זיך אָפּ פונם פאָלקס געזאַנג, ווען ער באַרויבט זיין ליד פונם פאָלקס באַלעבנדיקן געזאַנג.

אָבער דאָס פאָלק האָט נישט אויפגעהערט זינגען זיינע לידער כל זמן עס האָט געלעבט, ביזן דערשטיקט ווערן אין היטלערס גאַז־קאַמערן.

דער פּשוטער מענטש, דער אָרימער מענטש האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט ליב צו האָבן דעם דיכטער פון אָרימען מענטשן, דעם דערציילער וועגן אָרימע, פּשוטן מענטשן.

* * *

רייזען האָט לאַנג געלעבט, ער האָט אָבער — איצט מעג מען דאָס שוין זאָגן — אַביסל צו־לאַנג געלעבט: דעם דיכטער, וועמען דאָס פאָלק האָט אונטערגעטראָגן דאָס גרעסטע געשאַנק, וואָס אַ דיכטער קאָן באַקומען, איז באַשערט געווען אויף די עלטערע יאָרן איבערצולעבן די גרעסטע טראַגעדיע: דער געזאַנג פון זיינע לידער איז דערשטיקט געוואָרן אין היטלערס גאַז־קאַמערן.

ער האָט איבערגעלעבט זיינע לייענער — און נישט נאָר

אין דעם זין וואָס ער האָט זיי דערצויגן צו אַ העכערער ליטע־ראַרישער מדרגה, ווי דאָס געשעט מיט יעדן גוטן פּיאָנער און *ערער: ער דערציט זיינע תלמידים זיי זאָלן שטייגן העכער פון אים, — נאָר פּשוטו כמשמעו: ער איז, ווי די גאַנצע יידישע ליטעראַטור, פאַריתומט געוואָרן פון די לייענער.

* * *

רייזען האָט נישט געגעבן קיין כלל־טיפּן, — ער האָט אין דער יידישער ליטעראַטור געגעבן דעם יחיד; אמת, ער האָט נישט געגעבן די גרויסע פּערזענלעכקייט, אָבער דאָך דעם יחיד מיט זיינע קליינינקע, מענטשלעכע זאָרגן, צרות און פריידן. ער האָט אפילו דאָס גרויסע געזען דורך קליינינקייטן, און אַמאָל טאַקע קליינקייט („צי האָט איר שוין נדבות באַקומען?"), — אָבער דאָס אַלץ איז אַרומגעוויקלט מיט אַזויפיל ליבע און סימ־פּאַטיע, מיט אַזויפיל וואַרעמקייט און האַרציקייט, אַז זיין דאָזי־קע אָרימע מעלאָדיע וועט פאַרבלייבן אין דער סימפאָניע פון דער יידישער ליטעראַטור, ווען נאָר מען וועט די דאָזיקע ליטעראַטור זען פון דער ברייטער פּערספּעקטיוו פון איר אַנטוויקלונג — פון דער געשיכטלעכער פּערספּעקטיוו.

מעלבורן, 1952־1953.

אהרן צייטלינס לידער

זייער אַ סך דיכטער פירן אַ לענגבלאַנגן קאַמף מיט זייער מאַטעריאַל — די ווערטער. איך מיין דאָ נישט, נאַטירלעך, דעם נאָרמאַלן קאַמף, וואָס דעם דיכטער קומט אויס צו פירן מיטן מאַטעריאַל פון זיין אַרבעט, ווי דאָס קומט אויס צו טאָן דעם סקולפּטאָר, דעם מוזיקער און אפילו דעם פּשוטן בעל־מלאכה: דעם סטאָלאַר און דעם שמיד; איך מיין דאָ דעם קאַמף, וואָס שלאָגט אריין אין שנאה; איך מיין דאָ דעם קאַמף, וואָס נעמט זיך פון איבערגעטריבענער אייפערזוכט צו דער אידייע, צו דער וויזיע, וואָס דאָס וואָרט פּראָסטיטואירט זיי. אהרן צייטלין גע־הער צו די דיכטער, וואָס פילן אַ טיפע שנאה צום וואָרט, צו

וועלכן זיי דאַרפֿן, זיי מוזן אָנקומען. אין זיין געדיכט „ווערטער" („געזאַמלטע לידער", זייט 518), זאָגט אהרן צייטלין (און ענ־לעכס קאָנט איר ביי אים טרעפן זייער אָפט):

„...גיי איך אום צווישן ווערטער, ווערטער...
„און בעט ביי גאָט דאָס וואָרע וואָרט —
„און שטאַרב אין מיין תפילה אַ נישט־דערהערטער...
„...בעטל ביי גאָט דאָס וואָרע וואָרט
„און שטאַרב אין מיין בעטלען אַ נישט־דערהערטער".

גראָד אין דאָזיקן ליד וועגן אומזיסט־געבעטלטן וואָרט, איז צייטלינען געלונגען טיילוויז צוצושלאָגן זיך צום וואָרן וואָרט: די שנאה צייטלינס צו ווערטער איז דאָ נישט אינגאַנצן ווער־טערדיק. צייטלינס ווייטיק איז דאָ פֿאַרבונדן מיט זיינער אַן אמתער טראַגעדיע: צייטלינס וויכערדיקער געיעג נאָך ווערטער איז אפשר אַזוי וויכערדיק דערפֿאַר, ווייל ער ווערט געטריבן דערצו דורכן נאָגנדיקן פֿאַרלאַנג צו באַקומען דאָס וואָרע וואָרט. אָבער ער קריגט עס זייער זעלטן: ער פֿאַרמאָגט נישט די נויטיקע געדולד צו לאָזן אויסרייפֿן דאָס וואָרע אויסגעבענקטע וואָרט. ווי נאָר ער דערפֿילט די נאָגעניש, הויבט ער זי אָן צו פֿאַרוואַרפֿן מיט ווערטער, אנשטאָט צו וואַרטן דאָס וואָרט זאָל ארויס־שפּראָצן. צי דאָ שפּילט די הויפּט־ראָלע צייטלינס נערוועזע שרעק טאָמער וועט די אינספּיראַציע אַנטלויפֿן, אָדער דאָ איז שולדיק צייטלינס אויסערגעוויינלעכע וואָרט־רייכקייט, זיין ווירטואָזע גראַם־מעגלעכקייט, — דאָס איז אַ פֿראַגע פֿאַר זיך.

דאָס מוז מען אָנערקענען: צייטלין איז אַ וואָרטרייכער קינסטלער; אָבער זיין עשירות איז זיין אָרעמקייט (אין דער ממשלה פֿון וואָרט איז אַזאַ פּאַראַדאָקס אָפֿט אַ גרויסער אמת). צייטלינס וואָרט־רייכקייט און לייכטקייט איז צו אָפֿט אַ דיכ־טעריש־שטאַמלענדיקע.

עס וואָלט געווען נישט ריכטיק צו זאָגן, אַז צייטלין שטאַמלט שטענדיק. אָבער די בעסטע זאַכן זיינע זענען תמיד אָדער די לייכטע, ווי „מאָנאָלאָג אין פּלעיִנעם יידיש", אָדער די לידער, אין וועלכע דער דיכטער וויל נישט דווקא ארייַנלייגן כלערליי טיפֿקייטן, און דאָך ווערן זיי טיף פֿון פּשוטער לירישער פֿולקייט. „וואַרשע אין 1912" איז איינס פֿון צייטלינס שענסטע,

האַרציקסטע, איבערצייגנדיקסטע זאַכן. און וויפל מאָל איר זאָלט עס נישט לייענען — ווירקט עס אויף אייך מיט אַן אומפאַרמי־נערטער קראַפט. אַ סך ערגער איז ווען צייטלין באַמיט זיך צו זיין טיף.

אמת, עס טרעפט אַמאָל, אַז אויך אַ טיף ליד געלינגט צייט־לינען אינגאַנצן אָדער טיילווייז; אַזאַ איז „גאָט־געפיל" (זייט 546). דאָס ליד ענדיקט זיך מיט דער שורה „אַ שטיק קבלה איז דער פאַרנאַכט". און דעם ליד איז געלונגען עפּעס אויסצודריקן, וואָס פילט אָן מיט דיכטערישן אינהאַלט אָט־אָ־די לעצטע שורה. דאָס ליד איז נישט צו גוט, אָבער אַ שטיקל עכטע לירישע דעקונג פאַרמאָגט דאָס ליד פאַר דער פּרעטענציעזער שורה וועגן דער קבלה פונם פאַרנאַכט. דער וואָס וועט לייענען איינס נאָכן צווייטן „גאָט־געפיל" און „קאָסמישער צונויפטרעף", וועט פאַרשטיין מיין מילדקייט צום „גאָט־געפיל". ווען צייטלין וואָלט נאָך אַרויסגעוואָרפן פונם „גאָט־געפיל" די גאַנצע ערשטע סטראָפע, איבערלאָזנדיק נאָר די צווייטע — וואָלט דאָס ליד געווען נישט דער ערך בעסער.

איינער פון צייטלינס גרויסע פעלערן באַשטייט אין דעם, וואָס ער שיט אָפּט (צוליב זיין וואָרט־ און גראַם־לייכטקייט) מיט געגראַמטע שורות, ווי אַ בדחן. אין אַזאַ אַטמאָספער קאָנען קיין מיסטישע געדאַנקען נישט ווערן קיין דיכטונג... און די שוואַכסטע לידער צייטלינס זענען טאַקע די מיסטישע, די, וואָס דאַרפן זיין טיף. אַ מוסטער פון אַזאַ „טיף" ליד איז „אומבאַ־קאַנטער בעטלער" (זייט 572). וואָס, אַ שטייגער, קאָן אונז זאָגן אַזאַ שורה ווי: „און טויבן זענען אים געפלויגן דורך די אויגן"? אַ פאַלש צוגעטראַכט בילד פאַר אַ שטימונג, וואָס אויב זי איז נישט געווען פאַלש, איז זי אָבער זיכער געווען דיכטעריש־עקר־דיק. און דאָס ליד באַרעכטיקט לחלוטין נישט די לעצטע שורה פונם ליד: „זיין (דעם אומבאַקאַנטן בעטלערס.—י.ר.) שאָטן פאַלט ביז איצט אויף מיינע סטראָפן". נישט דער בעטלער געפינט זיך אין די סטראָפן, נישט זיין שאָטן פאַלט אויף זיי, — דער בעט־לער איז געווען (אין דעם ספק איך נישט!) און צייטלין האָט עפּעס געוואָלט אויסדריקן דורך זיין געשטאַלט, אָבער ווייטער איז עס נישט געגאַנגען. צייטלין וויל עפּעס מיט זיינע „טיפע"

לידער, אָבער על־פּי־רוב קומט ער אָפּ מיט ווערטער, ווערטער און נאָכאַמאָל ווערטער, — ד"ה מיט דעם, וואָס ער האָט צום מערסטן פּיינט...

נאָך אַ צרה צייטלינס איז זיין שוואַכקייט צו פּוסטע וואָרט־שפּילערייען. על־פּי־רוב פאַרמאָגן נישט זיינע וואָרט־שפּילן קיין עכטן קלאַנג און נישט קיין עכטע פאַרב (שוין אָפּגערעדט פון עכטער בילדערישקייט). איז דען נישט קיין חרפּה צו שרייבן אָט אַזעלכע שורות: „זע איך יענע רגע זיך נאָך רגע'ן, די רגע נאָכן רעגן"? און נישט בעסער איז אָט די שורה: „ווען האָט אַ דור אַזאַ געדורט?" און אָט אַזעלכע שורות מאַכן אויס אַ גרויסן פּראָצענט פון צייטלינס שורות... דאָס איז דער ערגסטער מוסטער פון „ליטעראַטורעוועו", — אַ זאַך וואָס צייטלין שטעמפּלט אין זיינע לידער אָן אַ שיעור מאָל און וועלכער ער זינדיקט נישט ווייניקער מאָל. ער האָט עס, ווי עס שיינט, נאָך צו ווייניק פּיינט; און ער מעג דאָס פּיינט האָבן נאָך מער, ווייל אָט דער פאַרהאַס־טער „ליטעראַטורעוועו" מאַכט פון צייטלינען גופא אַש און בלאָטע.

איך האָב שוין אויבן געזאָגט, און איך מוז דאָס זאָגן נאָכאַמאָל: צייטלין איז אָפט מייסטערהאַפט אין דער פאָרם, אָבער זעלטן דערפאָלגרייך אין דער ווירקונג. דאָס נעמט זיך פון דעם, וואָס זיין פאָרם איז צו אָפט נישט קיין שעפערישע, נאָר אַ פאָרם פון ליטעראַטורעוועו, — אַ זשורנאַליסטישער מאַניפּולירן מיט די אויסערלעכע פאָרמען פון דיכטונג. עכטע דיכטערישע פאָרם איז תמיד אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דעם אינהאַלט, מיט דעם דיכטערישן תוך. אָט נעמט ווידעראַמאָל זיין „וואַרשע אין 1912". דאָס איז איינס פון די בעסטע, קינסטלערישסטע זאַכן אין ביידע בענד; דאָס געדיכט איז האַרמאָניש, פול מיט אויפ־ריכטיקייט און דיכטערישער אַטמאָספער. צוואַנציק אַזעלכע זאַכן און צייטלינס געזאַמלטע לידער וואָלטן פאַר מיר געווען באַקומען גאָר אַן אַנדער חשיבות. אין זיינע פאָרוואָרט־באַמער־קונגען זאָגט צייטלין: „דער סוד פונם וואָרט איז דער סוד פונם ווו, וואָס פון אים איז אָפּהענגיק דער ווי". אָבער גראָד דאָס ווייסט צייטלין בלויז טעאָרעטיש, — קומט צו דער פּראַקטיק טוט ער דאָס פאַרקערטע. ער ווערט מיטגעריסן מיט זיינע אויבן

אויסגערעכנטע חסרונות. (און מען דאַרף צוגעבן נאָך אַ חסרון: מאַנגל אין קריטישן חוש.)

אויף זייט 250 געפינט זיך אַ קליין געדיכט: „הימלען". דאָס ליד איז זיכער נישט קיין גרויסער דיכטערישער אויפטו, אָבער נאָכן איבערלייענען די „עזאטערישע פּאָעמע" ווערט דאָס ליד „הימלען" אַזוי טייער: ווען מען לייענט דורך אָט דאָס ליד, גיט אַ שאָטן דורך עפּעס באמת טיפס און דינס; אמת, דאָס דינע און טיפע איז בלויז לייכטער שאָטן, אָבער עס איז דאָ אינם ליד און דאָס גיט צו וואָג אפילו דעם שאָטן. אָבער די צען פּוד מיס־טישע קוועטשעניש פון דער „עזאטערישער פּאָעמע" גיבן דער פּאָעמע נישט צו קיין איין לויט וואָג. איך וויל באין אופן נישט זאָגן, אַז אהרן צייטלין פילט נישט דאָס טיפע; איך זאָג אָבער מיטן פולן מויל, אַז כמעט תמיד, ווען צייטלין וויל דווקא געבן דאָס טיפע, ווערט ער לייכטוואָגיק. ער פאַרגעסט צו אָפט, אַז דאָס טיפע (דאָס גאָר טיפע) קאָנען מיר בלויז אָנען, און דאָס טאַקע נאָר מיט דער הילף פון טיף דערשפּירטע קליינקייטן.

אָט נעמט דאָס ליד „צווישן פּלאַצק און וואַרשע" (זייט 96). דאָס ליד איז גוט, הגם עס איז געשריבן מיט צייטלינס סטיל, מיט אַ סך שפּראַך־נאָוואטאָרישקייט, וואָס איז זייער זעלטן לויט מיין געשמאַק. גוט איז עס דערפאַר, ווייל ס'גיט איבער אַ שטימונג, אַ דיכטערישע איבערלעבונג, וואָס איז, ווי אַלע דיכ־טערישע מאָמענטן, אָנגעלאָדן מיט אַ טיפערן אונטערשטראָם. אָבער אַזעלכע לידער ווי „נול, איינס, צען" (און אַזעלכע זענען דאָ אַ סך), זענען עקרדיק מעטאַפיזיש־קאַבאַליסטיש־פאָרמעל. די ערשטע סטראָפע קאָן זיך זיין גאָרנישט שלעכט; דאָס גאַנצע אָבער איז אָן אַ גאַנצקייט, אָן אַ שעפערישער, אָרגאַנישער גאַנצ־קייט. און דאָס קאָן מען אין דיכטונג מיט קיין שום זאַך נישט פאַרבייטן. דאָרט, ווו דער אָרגאַנישער געוועב פון אַ געמיט־איבערלעבונג ליגט נישט אינם יסוד פון אַ ליד, נאָר די שורות דראַפּען זיך ווי פּאַראַזיטישע פלאַנצן אויפן און אַרום שטאַם פון אַן אַבסטראַקטן געדאַנק (ווער רעדט נאָך — אַ שיטה!), איז נישטאָ קיין אָרט פאַר עכטער דיכטונג, אפילו אין דער קלענסטער דאָזע.

איך האָב שוין אויבן געזאָגט, אַז צייטלין האָט שטאַרק

פיינט „ליטעראַטור". ער רעדט וועגן איר אָן אַ שיעור מאָל מיט גרויס ביטול. אָבער איך האָב אויך געזאָגט, אַז ער האָט זי אפשר דערפאַר אַזוי פיינט, ווייל ער אַטאַקירט זי (די ביליק־ליטעראַרישע ליטעראַטור!) ווי זיינעם אַ פּערזענלעכן שונא: ער ליידט דאָך פון איר אַזוי שטאַרק, ער האָט דאָך איר צו פאַרדאַנקען אַזוי פיל שווערע מפּלות זיינע אין זיין דראַנג צו גרויסעם אין געביט פון וואָרט־שאַפונג. איינע פון די שווערסטע מפּלות, וואָס אָט־די „ליטעראַטור" (וואָס איז ווערט פאַראַכטונג) האָט אים פאַרשאַפט, האָט ער געליטן אין געביט פון דער חורבן־ליטעראַטור. דאָס „ליטעראַטורוועזן", אין דער וווּלגאַרסטער פאָרם, האָט זיך אַריינגעכאַפּט אויך אין צייטלינס דאָזיקע לידער. קאָן דען זיין וווּלגאַרער ווי אַזאַ מין זאָג: „געזוכט אַ צוזאַמענקלאַנג צווישן צוויי גימלען: גאַזקאַמער און גאָט"? אויך אָט־אָ־די „טעמע" איז מאַטעריאַל פאַר וואָרט־שפּילערייען (אמתע צי כלומרשטע)? אין די געבראַכטע צוויי שורות איז נישטאָ קיין איין טראָפּן דיכטערישן זאַפט. זיי זענען טרוקן ווי ביין, און דערביי וווּלגאַר, אַן עדות אויף דיכטערישער טויבקייט.

אָבער נישט נאָר די צוויי געבראַכטע שורות זענען שלעכט, — דאָס גאַנצע ליד. אויף דער פראַגע: גאַזקאַמער אָדער גאָט?, געפינט דער דיכטער אַ תשובה:

„און ס'איז געווען אין מיר אַ קול
„אַזוי צו זאָגן: אין אָט דער טראַכט (אין גאָט,—י.ר.)
„געפינט זיך דיין פאָלק, וואָס איז פאַרשוווּנדן
„פון אונטערשטן טאָג און פון ערדישער נאַכט —
„דיין גאַנץ פאָלק איז אין גאָט".

די פראַגע, ווי עס קאָן זיך בינדן דער באַגריף פון גאָט מיטן באַגריף פון גאַז־קאַמער, קאָן אויפקומען ביי יעדן ייד; און אַ פרומער ייד קאָן דערביי קומען צום ענטפער, אַז דאָס פאַרגאַזטע פאָלק איז אין גאָט; אָבער ווען אַ דיכטער באַרירט אָט די פראַגע און אָט דעם ענטפער, מוז ער דאָס מאַכן נישט אַזוי פשוט — די פראַגע מוז געפרעגט ווערן אַזוי, אַז זי זאָל אונז אויפרודערן (לכל הפחות ווי איוב'ס פראַגעס!), און דער ענטפער מוז געגעבן ווערן אַזוי, ער זאָל אונז עמאָציאָנעל איבערצייגן; געבן סתם אַן ענטפער, ווי אַ פרומער ייד טוט דאָס, איז נישט קיין דיכטונג.

דאָס זענען סתם פּרומע רייד, וואָס אַ פּרומער ייד וועט צושאָק־לען אויף זיי מיטן קאָפּ, און ביי נישט קיין פּרומע וועט דאָס גאָר נישט אַרויסרופן אַ חוץ אַקסל־צוקעניש. און ס'קאָן אויך זיין, אַז דאָס וועט ביי אַ סך יידן אַרויסרופן מער ווי אַקסל־צוקעניש, — אַ געפּיל ווי ביים הערן אַרויסרעדן גאָטס נאָמען אומזיסט־אומנישט...

ציטלין וויל עפּעס גרויסעס, און אַמאָל פּלאַטערט דורך אין זיינעם אַ ליד אָט דאָס דאָזיקע גרויסע (אין זעלטענע פאַלן אפילו זייער הערבאַר), אָבער דער עלעמענט פון גראַם־שטראָם (אין אַ מאָדערניסטישער פאָרם!) איז דאָמינירנדיק.

איינע פון די פאַרדראָסיקסטע זאַכן צווישן ציטלינס חורבן־לידער איז „אַ חלום פון נאָך מאַידאַנעק".

נאָך אַ סך יאָרן פון איבערגעריסענעם קאָנטאַקט מיט ציט־לינס דיכטונג, האָב איך נאָך דער מלחמה געלייענט עטלעכע גוטע זאַכן זיינע און כ'האָב געגומען גלויבן, אַז פּונקט ווי אַ סך שרייבער און דיכטער אונזערע, איז אויך ציטלין אַרויסגעקומען פון אונזער נאַציאָנאַלן „כור עוני" אַ דיכטעריש אויסגעוואַק־סענער. אָבער „דער חלום פון נאָך מאַידאַנעק" האָט אַ גרילץ געטאָן ווי אַ פאַרשווינדיקער דיסאָנאַנס.

מיר איז אויסגעקומען צו הערן דאָס דאָזיקע ליד (אַ צייט נאָך מיין לייענען עס אין דער „צוקונפט") אין רחל האָלצערס אויס־פירונג. אַ גוטע רעציטאַציע דעקט אַמאָל צו די שוואַכקייט פון אַ געדיכט; אָבער דאָס מאָל האָט רחל האָלצערס קונסט נישט געהאָלפן. אדרבא, ס'איז מיר נאָך קלאָרער געוואָרן, אַז מיין ערשטער איינדרוק ביים לייענען איז געווען אַ ריכטיקער: די זעלבע מעלאָדראַמאַטישע עפעקטן ווי אַמאָל; די זעלבע ביליקע גראַם־פּלעכטעניש (אָן מינדעסטן חוש פאַר אמתער פאָרם און אמתן דיכטערישן אויסדרוק־געבן)—געכפּלט אויף דעם שווידער פון אָנווענדן דאָס אויף אַזאַ טעמע.

אַ סך ווערק פון דער חורבן־ליטעראַטור (באַזונדערס פון דער בעלעטריסטיק) לאָזן אַ שלעכטן איינדרוק. און נישט דווקא פון אומבאַקאַנטע... איר וועט צווישן זיי טרעפן ווערק פון אש, אָפּאַ־טאָשו, פינסקי, לייוויק און אַנד. פון די קלענערע ווי בערגנער, למשל, איז דאָך שוין אָפּגערעדט. עס איז אָבער שווער געווען

צו קריטיקירן זיי, — ס'איז בלויז געווען אַ וויטיק און אַ חרפּה וואָס אַזוי פיל שרייבער אונזערע האָבן די פאָלקס־קאַטאַסטראָפע פאַרוואַנדלט בגוואַלט אין ליטעראַטור (אין אהרן צייטלינשן זין פון דאָזיקן וואָרט), — בגוואַלט און נישט על פּי אינערלעכן הכרח. עס איז, ווי געזאָגט, שווער געווען צוצוגיין צו זיי מיט אַ ליטעראַרישער קריטיק: זאָל דער קריטיקער אויך לייגן אויף זיי דעם שטעמפּל פון ליטעראַטור?

אָבער צייטלינס ליד וועגן די פאַרגאַזטע קינדער לאָזט שוין נישט צורו. מען ווערט ממש אויפגעטרייסלט פון די פאַלשע טענער. און באַזונדערס פאַרדריסט, וואָס דאָס דאָזיקע ליד איז אריינגענומען געוואָרן אינם זאַמלבוך „קדוש השם". איז דאָס שוין, הייסט עס, קאַנאָניזירט! עס מוז עפּעס געזאָגט ווערן וועגן דעם.

פאַר מיר שטייט נישט די פראַגע צי מען מעג מאַכן פון דעם ליטעראַטור; איך האַלט, אַז מען מוז פון דעם מאַכן ליטע־ראַטור, פּונקט ווי מען מוז לעבן. בעל־כרחך אתה חי און בעל־כרחך שאַפסטו. אָבער די ליטעראַטור מוז קומען פון אַן אינער־לעכן הכרח. דאָס דאַרף זיין אַ סטיכישער פּראָצעס, אָט טאַקע ווי דאָס לעבן, ווי דער ווילן צום לעבן. און ווען דאָס שאַפן איז אַ מוז, איז דאָס איינער פון די אײדלסטע, פון די אויסלייזנדיק־סטע פאַר דער מענטשלעכער פּסיכיק.

צי פילט זיך אָבער אָט־אָ־דער אײדעלער הכרח אין צייט־לינס ווערק וועגן די קינדער פון מאַידאַנעק? צי שפּירט מען דאָ נישט אין אַ גרויסער, גאָר גרויסער מאָס זיין אַמאָליקן גרעסטן פעלער — דעם האָמונקולוס אָנשטאָט דעם לעבעדיקן מענטשן? די אויסערלעכע בגוואַלט־שאַפונג אָנשטאָט דער אינערלעכער הכרח־שאַפונג?

פאַראַן אין די ערשטע עטלעכע קאַפּיטלעך שטאַרקע שורות. „כ'קען אַ צייט פון ליקוי־גאָט — ליקוי־גאָט אין וועלטן אַלע", זענען שורות, וואָס שליידערן אַ שטיקל בליץ אויף אונזער גייס־טיקן האָריזאָנט. און דער קללות־בונט, הגם נישט פון די, צו וועלכע מיר זענען געוווינט געווען ביי ביאַליקן, איז פאָרט עפּעס. אָבער ווי נאָר צייטלין פירט אריין זיין באַליבטן פּערסאָנאַזש — דעם מלאך, הויבט אָן צו גיין באַרג אַראָפּ. דער מאַסקאַראַד

הויבט זיך אָן. דער מלאך האָט אויפן אָרעם אַ שקלאַפן־נומער און —

„דער מלאך הויבט דעם אָרעם אויף
(„אין אַ טיפער גימטריא
„פאַרוואַנדלט זיך דער שקלאַפן־נומער אויפן אָרעם)
„און טריפט אויף מיר אַ שטילקייט אָן
„ווי כלאָראָפאָרם — —
„ציילן הייסט ער מיך —
„וואָס זאָל איך ציילן?
„ — נעמען פון יידישע קינדער ציילן!
„אַ קינד וועט דיך היילן".

דאָס אַלץ איז אַן אריינפיר צום חלום. און כדי אַנטשלאָפן צו ווערן מוז ער ציילן נעמען פון יידישע קינדער. אָבער ער באַגנוגנט זיך נישט מיט די בלויזע נעמען, — ער גיט נאָך עפּעס צו צו זיי פון צייט צו צייט: „קאַפּעלע, ווו איז דיין קעפּעלע?", „ווו איז דיין הענטעלע, יענטעלע?" „ווו איז דיין פיסעלע, זיסעלע? ציפּעלע, ווו איז דיין צעפּעלע? רויך ביסטו, יענטעלעם הענטעלע! אַש ביסטו, קאָפּעלעם קעפּעלע!"

איך רעד שוין נישט וועגן אַזעלכע „גלאַנץ"־שורות ווי „קאָפּעלע, ווו איז דיין קעפּעלע?", — אָבער אפילו די גאַנצע רשימה אומשולדיקע נעמען איז אַזוי ביליק! ביים קלענסטן קריטישן חוש וואָלט דאָך אַ דיכטער געוועזן אָפּגעוואָרפן דעם דאָזיקן „איינפאַל"; איז דאָך אין אים נישטאָ קיין האָר שעפעּרישקייט!

אָבער דאָס איז נאָך דער אָנהויב פון אומזין... ווייטער ווערט נאָך ערגער:

„דער מלאך גלעט אַ קעפּל שטיל — — —
„אַ קינדער־קעפּל גלעט ער".

פאַרן חלומדיקן דיכטער שטייט אַ יידיש קינד, זיין שאָטן אין אַ פאַרבלוטיקטן טלית־קטן, און ער ענטפערט אויף דער פראַגע פונם דיכטער:

„—פון דאָרטן! כ׳מוז געבוירן זיין!
„דער מלאך צווינגט געבוירן זיין!
„ער הייסט מיר דיין רפואה זיין — — —

א ו י ס ג ע ר י ס ע נ ע   ב ל ע ט ע ר

„דיינע און דער וועלטס —
„נאָר כיוויל נישט: כיוויל צוריק אין שמעלץ,
„כיוויל צוריק אין שמעלץ — —"

דער דיכטער איז מסכים מיטן קינד, אַז מען דאַרף נישט געבוירן ווערן אויף אַזאַ וועלט, אָבער דער מלאך איז שטרענג:

„שטרענג האָט געבליקט דער מלאך,
„זיין וואָרט איז געווען מאַכט:
„גיב די ערד אים, גיב די ערד, —
„און אַ מאַמעס טראַכט! — — — — —

„ס׳איז גורל און זכות! —
„האָט דער מלאך געזאָגט. —
„קאָפּעלע מוז
„אין גאַז־אויוון אריין
„און פון גאַז־אויוון אַרויס,

„אַזוי לאַנג, ביז ער לייזט אויס
„מיט גוואַלד דעם גאַנצן מין.
„מיין שליח הייסט ער,
„מיט זיין בלוט דערלייזט ער.
„הערט אויף צו נקמהן! (סאַראַ וואָרט־מוזיק!—י.ר.)

„קאָפּעלע מוז צוריק,
„קאָפּעלע קומט צוריק
„הייליקן גאָטס נאָמען.
„אַזוי איז דער באַפעל —
„אמן ואמן!"

האָט דען נישט געאַרבעט אויף אָט־דער סצענע געליימטע פאַנטאַזיע געכפּלט אויף הונדערט פּראָצענטיקער קריטיקלאָזי־קייט? זיי ביידע, דער מלאך און דער דיכטער, קעמפן נישט מיט בלוטפולע ווערטער פון דיכטונג, נאָר מיטן שטויב פון צעשאָ־טענע ראַביטישע כלומרשט־אידייען, און נאָך פרעמדע אָדער

פאַרפרעמדטע דערצו: „מיין שליח הייסט ער, מיט זיין בלוט דער־לייזט ער". און אהרן צייטלין איז דער גרעסטער קטיגור קעגן אַשן פאַר פאַרשפּרייטן קריסטלעכע אידייען! און וואָס איז דען די אידייע פון צייטלינס חלום פון נאָך מאַידאַנעק?

מען קאָן אַפילו נישט זאָגן אַז דאָס איז נישט קיין דיכטונג, נאָר אַבסטראַקטע אידייען; דאָס זענען קיין אידייען אויך נישט! דאָס זענען אַמאָל גוט־ און אַמאָל שלעכט־געגראַמטע מיספאַר־שטענדענישן. זינלאָזע מיספאַרשטענדענישן אַפילו פאַר פּובלי־ציסטיק, בפרט פאַר דיכטונג...

* * *

כדי אהרן צייטלינס לידער זאָלן לאָזן אַ גוטן איינדרוק, טאָרן זיי פאַר קיין פאַל נישט זיין קיין „געזאַמלטע לידער", נאָר „געקליבענע לידער"...

און טאַקע שטרענג געקליבן; נאָך מער ווי ביי יעדן אַנדערן...

אַלטער עסעלינס דיכטונג

פאַראַן ביי אונז אַ שפּאָר ביסל לידער־ביכער, וואָס ווען איר לייענט זיי, פילט איר — צום מערסטן — אַז די שרייבער זייערע האָבן קיינמאָל נישט איבערגעלעבט קיין שטאַרק, עכט דיכטע־ריש געפיל אינטים, פאַרן פּערזענלעכן געברויך. שרייבן דיכטונג איז ביי זיי אַ מלאכה, אַ פאַך; זיי פאַרנעמען זיך מיט דעם בעל־מלאכהש, אָבער נישט פון ליבע; זיי שרייבן דיכטונג פאַר דער וועלט, פאַר זייער רום, אָבער זיי גופא קאָנען זיך באַגיין אָן איר...

אַלטער עסעלין געהער נישט צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע דיכטער אונזערע; פאַרקערט, ביים לייענען זיינע געדיכטן האָט מען דעם שטאַרקסטן איינדרוק, אַז די געשריבענע לידער זיינע זענען בלויז אַ קליינער טייל פון זיינע איבערגעלעבטע לידער.

ווי אַלע יידישע שרייבער, לעבט אויך עסעלין נישט פון

דיכטונג; אָבער דערפאַר לעבט ער מיט דיכטונג (און דאָס איז שוין גאָרנישט ווי אַלע...).

יענער, וואָס וועט נישט דערפילן אָט דעם אונטערשייד, וועט נישט קאָנען אָפּשאַצן, ווי גהעריק, עסעלינס שטאַרקסטע דיכטערישע סטרונע. איך שפּיר ממש, ווי ער גע־ניסט דעם זיס־ביטערן געטראַנק פון דיכטונג, פון זיין דיכטונג. דאָס גניסן דיכטונג איז די טרייבנדיקע קראַפט פון זיין דיכטונג. געניסנדיק זי — שאַפט ער.

„איך בין אַזאַ, וואָס קאָן נאָך לידער זאָגן,
„און וואַרפן זיך מיט לידער אויפן ווינט..."

נישט צופעליק איז עסעלין דער דיכטער פון איינס פון די שענסטע און טיפסטע געדיכטן וועגן דיכטונג — „פון אָפּגרונט" (ז. 41 און ווייטער אין זיין בוך „אונטער דער לאַסט"). דער דיכטער עסעלין ווייזט זיך אונז אין דאָזיקן ליד טאַקע „אונטער דער לאַסט" פון דיכטונג.

„ווער עס האָט דיכטונג דערפונדן,
„דער האָט דערפונדן גאָט.
„נאָר דיכטונג היילט נישט די וווּנדן
„אויף לייב פון דעם מענטש־ראַבאָט..."
„פּאָעטן קאָנען נישט היילן,
„טרייסטן קאָנען זיי יאָ;
„נאָר קיין טרייסט, די לידער דערציילן,
„איז פאַר דעם טרייסטער נישטאָ".

נאָר מענטשן, וועלכע קענען דיכטונג פון זייערע פּערזענ־לעך־אינטימסטע איבערלעבונגען, וועלן פאַרשטיין די טיפקייט פון אָט די פיר לעצטע אומשטערבלעכע שורות.

זוכט דאָ נישט קיין סתירה צו זיינע אַנדערע שורות:
„די ביבל ברענגט טרייסט דעם האָטענטאָט,
„און מיר — דאָס ליד, דער נס".

די טרייסט פאַרן דיכטער גופא פון זיין דיכטונג איז אַן אילוזאָרישע, — ער שפּירט זי נאָר אין די מאָמענטן, ווען ער הערט אויף צו זיין (דורך אַנטשפּאַנונג אין שעפערישן פּראָ־צעס) אַקטיווער דיכטער, וועמעס טרייסט געפינט זיך תמיד „אונטער דער לאַסט" פון באַנעמען דיכטעריש דאָס אומבאַנעמ־

לעכע, פון אַנען דאָס אומבאַגרייפבאַרע, דעם „ומבשרי אחזה אלוה...״

דער נישט געטרייסטער טרייסטער — אָט דאָס זענען די מערסטע עכטע דיכטער. דאָס זענען די, וואָס ווען זיי דערפילן (נישט „דערפינדן״) דיכטונג, דערפילן זיי גאָט. זיי טרייסטן, אָבער אליין ווערן זיי נישט געטרייסט, און אַ דאַנק דעם טרייסטן זיי כסדר אַנדערע, ווייל דאָס נישט קאָנען בארואיקן זיך, דאָס טרייסטלאָזע אין זיי, טרייבט זיי כסדר צום שאַפן — צו טרייסטן אַנדערע, צו פאַרוויגן אַנדערע מיט דיכטערישן זין...

* * *

איך בין געזעסן ביים ברעג ים. כ'האָב דעם ים אַמאָל שטאַרק ליב געהאַט, אָבער היינט רעדט ער מער נישט צו מיר. פאַרוואָס, ווייס איך נישט. אפשר האָב איך אויפגעהערט צו פאַרשטיין זיין לשון; אָדער אפשר דערהער איך בכלל נישט וואָס ער רעדט צו מיר — פאַרטון אין אַנדערע שטימעס, וואָס רעדן צו מיר פון מיר אַרויס....

כ'האָב געהאַלטן אין דער האַנט עסעלינס „אונטער דער לאַסט״ און געבלעטערט. דיכטונג קאָן מען דאָך נישט לייענען, — מען מוז בלעטערן, ביז אַ וואָרט, אַ שורה, אַ סטראָפע גיט דיך נישט אַ כאַפּ און לאָזט שוין מער נישט אָפּ. און עס האָט מיך פּלוצלונג אַ כאַפּ געטאָן: איך האָב זיך דורכגעגליטשט מיטן אויג איבער די צוועלף שורות פונם ליד „טיף ווי דער ים״ און בין געפאַנגען געוואָרן דורך די לעצטע פיר שורות:

„נאָר די צונג די פאַרשעמטע ביים תם —
„ליגט אין זיין מויל ווי אַ שטיין;
„אָ, גאָט מיינער, טיף ווי דער ים
„ווערט מיין האַרץ ווען איך הער זיין געוויין״.

דאָס ליד רעדט פריער וועגן דעם, ווי דער „קלוגער רעדט גרינג און רעדט שיין״, און דאַן גיט אונז עסעלין אַ פּאָר אריין מיט זיינע ווונדערבאַרע פיר שורות וועגן דער וויינענדיקער שטומקייט (זי וויינט אויף איר שטומקייט), וואָס מאַכט זיין האַרץ טיף ווי דער ים, ווייל זי, די שטומקייט די וויינענדיקע, איז אויך אַזוי טיף.

די ערשטע צוויי סטראָפן זענען קלוג, עלעגאַנט, שאַרפזי־ניק, ווי כמעט אַלץ וואָס עסעלין שרייבט; אָבער דאָס עכט־דיכ־טערישע, די ראָזשינקע, ליגט אין דער דריטער סטראָפע. דער־הערן דעם געוויין פון דער שטומקייט קאָן נאָר דיכטונג, דאָס דיכטערישע. און די שטומקייט קאָן אָפט געטרייסט ווערן פון דעם וואָס עמיצער דערהערט איר שטומען געוויין, אָבער דעם דיכטערס האַרץ, זיין צער פאַר דער שטומקייט, וואָס פילט אָן די וועלט, איז טיף, ווי דער ים, און דער דיכטער קאָן עס קיינמאָל נישט דערשעפּן, — דער צער איז תמיד ברייטער פאַר דער טרייסט (פאַר זיך גופא), און זי ווערט אין דאָזיקן ים פון צער ווידער און ווידער דערטרונקען; כסדר.

אָט די פיר שורות ווייזן, אַז עסעלינס הערלעכסטע ווערטער אין זיין אויטאָביאָגראַפישן ליד „פון אָפּגרונט" („איך אָן, ווי זעלטענע אַנען, פון זאַכן דעם פיינערן זין"), זענען נישט קיין באַרימעריי, נישט קיין סתם ווערטער. די לעצטע פיר שורות פונם ליד „טיף ווי דער ים" זאָגן עדות, אַז עסעלין אַנט דעם טיפערן זין פון זאַכן, ד"ה ער קאָן דאָס, וואָס נאָר עכטע דיכטער קאָנען.

ער אַנט און ער קאָן דין איבערגעבן די אַנונגען: איז דען די אַנונג פונם געוויין פון דער שטומער צונג פונם תם מער ווי אַן אַנונג? אָבער אָט די אַנונג מאַכט אונזער שטימונג „טיף ווי דער ים", פּונקט ווי זי האָט דאָס געמאַכט מיטן דיכטערס האַרץ.

דיכטונג באַשטייט, דער עיקר, אין דערהערן אַ שטומען געוויין, און דאָס אויסדריקן אין אַ קוים הערבאַרן וווּנק אַזוי, אַז אויך מיר זאָלן אים דערהערן און לאַנג־לאַנג נישט קאָנען פאַרגעסן. און איך האָב דערהערט. און דער ים איז ווי אַרויס פון דער טבילה אין עסעלינס האַרצן אַ באַנייטער. ער האָט ווי־דער גענומען רעדן צו מיר אויף אַ פאַרשטענדלעכער שפּראַך. דער ים און דעם דיכטערס האַרץ זענען געוואָרן איינס, און הערנדיק דאָס האַרץ, האָב איך געמוזט הערן אויך דעם ים.

* * *

איר פילט אין עסעלינס לידער זייער אָפט, אַז
„נישטאָ אַזאַ קראַפט, וואָס זאָל שטילן

„מײַן בלוט ביז דעם טאָג פון מײַן טויט", —

דאָס דיכטערישע בלוט זײַנס קאָן זיך נישט באַרויִקן קײנ־מאָל, און מיט זײַן אומרו זענען אָנגעפילט די שענסטע לידער זײַנע. עסעלין שרײַבט אָפט שײן און עלעגאַנט; ער האָט „שאַרפֿזין, וואָס שנײַדט ביזן בײן"; איר טרעפט בײַ אים אָפט דעם „זשעסט פון מענטשלעך פּאַרנעם", דאָס „טויכן אין טיף", און דאָס געפעלט מיר אָפט גאַנץ שטאַרק. צי קאָן מען בלײַבן גלײַכ־גילטיק צו אַזאַ קלוג, עלעגאַנט, שאַרפזיניק און בײַסיק ליד, ווי „אַ „לעקטשורער" בײַ אונז"?

„קײנמאָל נישט געוויטיקט איבער וואָרט און בוך,
„נאָר געפרעסן פּעטס און געטרונקען שטאַרקס,
„און זע נאָר ווי אַ גײַסטיקער יעוונוך
„פּרײַדיקט די אידײַע פון אַ מאַרקס".

און אַזעלכע לידער — און נאָך שטאַרקערע — זענען דאָ אַ סך.

אָבער האַרציק ליב—צום ליבסטן! — זענען מיר בײַ עסע־לינען די לידער און שטעלן, ווען ער אַנט „פון זאַכן דעם פײַנערן זין".

* * *

ער איז צומאָל ציניש, עסעלין, אָבער זײַן ציניזם איז אַ קינד פון גרויסן ווייטיק, נישט פון ביליקער הפקרות. ער קאָן אַ זאָג טאָן, אַ צערײַצטער (און אַ שפּירבאַרער דיכטער האָט, אויף אונזער יידיש וועלטל, פון וואָס צו זײַן צערײַצט...):

„טפו אויף אײַך, ווערטער דינע,
„איך פרעג: ווער דאַרף אײַך איצט, ווער?"

אָבער דאָס איז נאָר אַ שטימונג, וואָס איז אײנע פון עסעלינס לעבנס־עלעמענטן, בשום אופן נישט דער אײנציקער, און נישט זײַן עכטסטער. קײן שום זאַך, אפילו דער צעפרעסנ־דיקער פּעסימיזם, דער אונטערגראָבנדיקער סקעפּטיציזם און ציניזם קאָנען נישט שטילן זײַן בלוט פון אַ דיכטער, און דאָס הײסט: זײַן גלויבן, זײַן תמימותדיקע בענקשאַפט, זײַנע פרומע תפילות (פאַראַן אויך אַ פרומער ציניזם, אַ פרומע לעסטערונג, — יאָ, עס איז דאָ אַזאַ זאַך, און איר געפינט עס בײַ עסעלינען).

ער איז אפילו נישט צופרידן מיט דעם, וואָס נאָך דער צע־

רייצטער שטימונג קערט ער זיך אום צו דער רעזיגנירטער שטי־מונג פון אונטערגעבן זיך דעם פרומען און גוטן:

„וואָס נאָך איז געבליבן אין לעבן
„אָט דאָ, אויפן דנאָ דעם האַרטן? —
„היטן דעם שיין דעם געוואַרטן,
„קוקן אין הימל דעם בלויען
„און קינדער אַ קאַרטן־שטוב בויען".

ער קאָן נישט געזעטיקט ווערן פון פּאַסיווער לעבנס־דיכ־טונג, — ער זוכט אַקטיווע.

אַט זאָגט ער אינם ליד „צו יוסף ראָלניק":

„פאַרגיב, איך האָב אין פויק געשלאָגן — טאַקט צום געניאַלן
„פאַרלייקענער פון אייביקן און היילנדיקן טרויער;
„ווען מיט אמתן פון איוב און שאָפּענהויער
„האָבן גאַסן־יונגען מיטגעטאַנצט ווי אויף מאַסקן־באַלן.

„איצט זוך איך דינע ווערטער; צייל זיי אויף די פינגער,
„הויב אָן אַ שטיל געבעט — האַק עס אָפּ אינמיטן,
„שלינג דעם סם וואָס טריפט פון וואָרט, וואָס איז צעשניטן
„און ציטער פאַר דעם שאָטן פון די גלאָקנקלינגער — — —
„איך וועל אַמאָל נאָך רעדן ווי אַ שטומער צו אַ שטומען,
„און פאַר אַ פאַלנדיקער בלעטעלע זיך (?—י. ר.) קניען".

אָט־אָ־די שטימונגען זענען די געווירצן, וואָס היטן אָפּ עסעלינס דיכטונג פון פוילן, און גיבן איר צו טעם און ריח, און גיבן איר דויער.

זיי, אָט־אָ־די שטימונגען, זענען תפילהדיק־פרום אין זיינע לידער צום נישט־געפונענעם; פרום ווי אין זיינע לידער וועגן דיכטונג. אגב, ביידע מינים לידער האָבן אַ גרויסע שייכות צווישן זיך. דער וואָס האָט אינטים ליב דיכטונג, מוז זיין פרום, ווייל דיכטונג איז אַ לייבלעכע שוועסטער פון רעליגיע, פון זעליש־עכטער פרומקייט.

* * *

עסעלין רעדט אָפט וועגן זיין דיכטונג, אָבער נישט נאָר דאָס שאָקירט נישט, ווי ביי אַ סך אַנדערע (וואָס ביי זיי איז דאָס

געוואָרן א מאניר אַזאַ), נאָר דאָס מאַכט דעם שטאַרקסטן איינ־דרוק: דאָס דעקט אָפּ פאַר אונז ביזן סאַמע וואָרצל עסעלינס דיכ־טונג, וואָס רייסט זיך דורך שטאַרקע ווערטער (ווי שווערד־גע־פעכט!) צו דינע, צו שטומקייט, צו דער געוואַלדיקסטער דיכ־טערישער שטומקייט. און ער דערגרייכט זי אָפּט.

אָט נעמט דאָס קליינע ליד „נאָך אים איז געבליבן" (ז. 18 „אונטער דער לאַסט"):

„און נאָך עפּעס איז איבערגעבליבן:
"אויפן טיש אַ צעקנייטשטער פּאַפּיר,
„אַ טרער, וו אַ וואָרט נישט דערשריבן..."

אָט־דאָס־אָ נישט דערשריבענע וואָרט, וואָס רעדט אין זיין שטומקייט (אין זיין נישט געבוירנקייט אין פלייש!) א סך גע־וואַלדיקער ווי א געבוירנס, איז דאָס וואָרט, וואָס וואַרפט זיין שטראַלנדיקע שיין אין א סך לידער עסעלינס, — די פרומסטע, די שטילסטע, די שענסטע, די בלייבנדיקסטע. ווען עסעלין ווערט הילפלאָז (דער בריה עסעלין, וועלכער קאָן שניידן די נשמות מיט ווערטער, ווי מיט דימענטלעך), ווערט ער צום דיכטע־רישסטן. אָט נעמט דאָס פּרעכטיקע ליד (ז. 107) „האַרבסט דערמאָנט". די ערשטע 18 שורות זענען גוט, שיין, אָבער ווען נישט די צוויי לעצטע, וואָלט דאָס ליד געבליבן אָן דער נשמה יתירה, וואָס איצט פאַרמאָגט זי עס יאָ.

„נאָר מאָדנע, ווי הילפלאָז אַ מענטש קאָן ווערן
„אין האַרבסט ביים פענצטער, ביינאַכט ווען עס רעגנט..."

אין די דאָזיקע צוויי שורות זאָגט ער קאָנקרעט גאָרנישט, אָבער דאָ איז דאָ די גאַנצע שטימונג פונם ליד, א נישט אַרויס־געזאָגטע, אָבער א ווירקזאַמע, — דאָ איז דאָ די שטימונג גופא, ווי אין מוזיק. עס גיט איבער די שטימונג, וואָס מיר אַלע לעבן איבער אין פאַרשיידענע האַרבסטן, ביי פאַרשיידענע רעגנס, און די שטימונג פילט אונז אָן, — מיר ווערן ווי אָנגעקנאַספּט מיט א שטימונג, וואָס האָט זיך נאָך נישט געעפנט... מיר ווערן אָנ־געקנאָספּט מיט דיכטערישער שטימונג.

אָט־אָ־די קנאָספּן פון דיכטונג אין עסעלינס דיכטעריש־פונאַנדערגעבליטן גאָרטן זענען פאַר מיר דאָס טייערסטע, דאָס שענסטע אין אים.

אויסגעריסענע בלעטער

„איך וועל אַמאָל נאָך רעדן ווי אַ שטומער צו אַ שטומען..."

אַלטער עסעלין האָט זיין דאָזיקן דיכטערישן טרוים שוין דערגרייכט אין אַ שפּאָרער מאָס.

*   *   *

„אונטער דער לאַסט" (פון דיכטונג) איז דערשינען אין 1936. שוין צייט אַז אַלטער עסעלין זאָל אַרויסגעבן זיינס אַ ניי בוך לידער.

„וואָס נאָך איז געבליבן אין לעבן,
„אָט דאָ, אויפן דנאָ דעם האַרטן?"

פאַר אַזאַ דורכאויס און נאָר דיכטער, ווי אַלטער עסעלין?

מעלבורן, 1949.

ב) פראָזע

די דרייפאַכע טראַגעדיע —

ווייסנבערג דער קינסטלער, דער קעמפער, דער מענטש

(צו ווייסנבערגס טויט)

די יידישע קריטיק וועט נאָך האָבן א סך ארבעט ביים אונטערפירן דעם דרייפאַכן סך־הכל: פון קינסטלער, פון קעמפער, פון מענטשן. אויב די דאָזיקע ארבעט איז ביז איצט געווען באַשווערט צוליב שנאה און פערזענלעכע פניות, וועט זי פון איצט אָן זיין באַשווערט דורך דעם שולד־קאָמפּלעקס, וואָס האָט ארומגעכאַפּט א גרויסן טייל פון יענע קרייזן, וועלכע ווייסנבערג האָט צום מיינסטן און צום שאַרפסטן באַקעמפט.

אַן אבסאָלוט־אָביעקטיווע און רואיקע אָפּשאַצונגס־אַט־מאָספערע איז בכלל א זעלטנקייט אין דער געשיכטע פון באַ־דייטנדיקע, אָדער אפילו בלויז מינימאַל־ווערטפולע ליטעראַרישע דערשיינונגען; אָבער אין פאַל ווייסנבערג איז די דאָזיקע אָב־יעקטיווקייט און רואיקייט רעדוצירט געוואָרן ביז א מינימום: פון איין זייט אָפּשפּעטער און טאָטאַלע פאַרניינער, און פון דער צווייטער — הייסע חסידים און שיריים־כאַפּער.

אויב פריער האָבן אַריבערגעוויגן און געפירט דעם רעדל די ערשטע, וועלן איצט זיכער נעמען אויבערהאַנט די צווייטע: ערשטנס, האָבן זיי צוגעקריגן א שטאַרקן פאַרבינדעטן — דעם טויט; און צווייטנס, וועלן איצט קומען צום וואָרט די־יעניקע, וועמען ווייסנבערג האָט צום מערסטן באַקעמפט און פאַראַכט, — אין זייערע הלל הגדולס וועלן קומען צום וואָרט צוויי זאַכן: 1) די אומבאַוווסטע באַפרידיקונג, וואָס די זיגער — אין פּריי־מיטיוווסטן און וווּלגאַרסטן זין פון דאָזיקן וואָרט — זענען זיי און 2) דער שולד־געפיל, וואָס וועט פאַרשרייען זיך גופא דורך היסטערישע שבחים.

די אַרבעט אונטערצופירן אַן אָביעקטיוון סך־הכל פון דער דרייפאַכער ווייסנבערג־דערשיינונג וועט דעריבער זיין אַ שווערע און לאַנגזאַמע, אַ להבאדיקע. אָבער שוין איצט, ביי זיין טויט, איז נויטיק צו דערפילן דעם עלעמענטאַרסטן חוב לגבי ווייסנ־בערגן: זיין אויפריכטיק, זיך באַמיען צו זאָגן דאָס, וואָס עס איז, אויב עס איז אפילו נישט אין הסכם מיטן טאָן פון די פאַלשע לויבערייען, פון וועלכע ווייסנבערג גופא וואָלט זיך געווען אָפּ־געטרייסלט, ווען אים וואָלט נאָך באַשערט געווען איבערצולעבן אויך די דאָזיקע אָפּקומעניש.

*   *   *

די קינסטלערישע אינטואיציע, דער קינסטלערישער אינס־טינקט, שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דעם פענאָמען פון קינסט־לערישן שאַפן — ווי בכלל פון שעפערישן גייסט, — אָבער עס זענען נישטאָ קיין גרויסע קינסטלער אָן גרויסער אינטעלעקטו־עלער קראַפט, אָן גרויסע לאָגיש־אַנאַליטישע און סינטעטיזירנ־דיקע פעאיקייטן.

אויב די אינטואיציע גיט דעם קינסטלער זיינע פליגל, גיט אים זיין אינטעלעקט די אויגן, צו זען וווהין צו פליען. אויב דער קינסטלערישער אינסטינקט רייסט אין תהומות, גיט דער אינ־טעלעקט דאָס ליכט — זיי צו באַלייכטן.

ווייסנבערג איז געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור מיט אַ גרויסער דאָזע קינסטלערישער אינטואיציע, מיט ברויזנדיקן קינסטלערישן בלוט, אָבער אָן דעם זיווג פון אינטעלעקטועלן רעגולאַטאָר, פון אַנאַליטישער טיפקייט און סינטעטיזירנדיקער ברייט־האָריזאָנטיקייט.

ווייסנבערגס טראַגעדיע אַלס קינסטלער איז באַשטאַנען נישט אין דעם — ווי אייניקע ווילן האָבן, — וואָס ער האָט גיך אויסגעשעפּט זיין קליינעם, הגם עכטן קינסטלערישן קוועלכל, נאָר גראָד אין דעם, וואָס זיין גרויסער קינסטלערישער טאַלאַנט האָט געפאָדערט מער שפּייז, וויפל די בלינדע קינסטלערישע אינטואיציע זיינע האָט אים געקאָנט געבן. ווייסנבערג האָט נישט געקאָנט דערנערן, באַפרידיקן ווי געהעריק זיין קינסטלע־רישע אינטואיציע, זיין קינסטלערישן דראַנג און — ווי יעדע

נישט־באַפרידיקטע, געררייצטע סטיכיע — איז זי געוואָרן פאַר־ווייסטנדיק — פאַר זיך און פאַרן אַרום.

ווייסנבערג האָט זיך נישט געקאָנט באַפרידיקן מיט שלייפן אַ גאַנץ לעבן גלעזלעך, וואָס זאָלן אימיטירן די בריליאַנטלעך, וואָס זענען אים געשאָנקען געוואָרן כמעט בהיסח הדעת מצד זיין קינסטלערישער אינטואיציע; ער האָט געבענקט און זיך געריסן צו גרויסעס, געלאָקט דורך די פאַרנעפּלטע וויזיעס פון זיין בלינ־דער אינטעלעקטועל־נישט־באַהעלטער קינסטלערישער אינטו־איציע. אָט־די טראַגעדיע פון נישט האָבן די געהעריקע מיטלען אויף צוצוקומען צו די גאַנטע וויזיעס, צו די גענאַרטע טיפע־נישן, איז די דרייפאַכע טראַגעדיע פון דער דרייפאַכער דערשיי־נונג ווייסנבערג: אַלס קינסטלער, אַלס קעמפער, אַלס מענטש, — ווייל די דאָזיקע אומבאַוווסטזיניק־דורכגעלעבטע טראַגעדיע (און וואָס אומבאַוווסטזיניקער אַ טראַגעדיע ווערט דורכגעלעבט — אַלץ גרוויזאַמער זענען אירע רעזולטאַטן) האָט געלייגט דעם שטעמפּל נישט נאָר אויף ווייסנבערגס קינסטלערישן שאַפן, נאָר אויך אויף זיין קאַמף, אויף זיין דערשיינונג אַלס פּערזענלעכקייט.

*   *   *

די דאָזיקע דרייפאַכע טראַגעדיע טראָגט דעם אויסערלעכן שטעמפּל פון שטאַמלעניש: אַ שטאַמלענדיקער גרויסער קינסט־לער, אַ שטאַמלענדיקער קעמפער, אַ שטאַמלענדיקע פּערזענ־לעכקייט.

ווייסנבערגס קינסטלערישע דערציילונגען, ווו עס זענען גע־נוג די פליגלען פון קינסטלערישער אינטואיציע, פליען זיכער און מעכטיק צו זייער ציל. נישטאָ קיין שטאַמלעניש נישט נאָר אין דערציילערישן טעמפּאָ, נאָר אפילו נישט אין סטיל. ווי פּולבלוטיק־שטאַרק און אָרגאַניש־לעבעדיק עס איז זיין „שלעכטע פרוי" און ווי אַנעמיש און בעל־מומיש עס איז „דער איבערגאַנג פון קינדהייט צו דערוואַקסונג", אַ ראָמאַן, ווו עס איז שוין נישט גענוג קיין איינמאָליקער פלי מיט שטאַרקע אינטואיציע־פליגל, נאָר עס זענען נויטיק אויך קלאָר־ און טיף־זעענדיקע אויגן פון אָרגאַניזירנדיקן און רעגולירנדיקן אינטעלעקט, פון אַנאַליטישער און סינטעטיזירנדיקער ברייט־האָריזאָנטיקייט.

(אפילו בלויז דער נאָמען פון ראָמאַן זאָגט עדות אויף שטאַמלעניש: ווי אומבאַהאָלפן ער איז, בפרט אַלס נאָמען פאַר אַ קינסטלעריש ווערק!).

איז דען דער דורכפאַל פון דאָזיקן ראָמאַן אַ רעזולטאַט פון וויסנבערגס אויסגעשעפּטן טאַלאַנט? זיכער נישט. די דעטאַלן פון ראָמאַן, וואָס לאָזן זיך איזאָלירן אַלס אָרגאַנישע פראַגמענטן, זענען נישט שוואַכער פאַר וויסנבערגס דערציילערישע שעדעוורס. דער דורכפאַל ליגט אין דער ברייטער פאַרמעסטונג, אין דער געפּלאַנטער טיפער נשמה־רייזע, אויף וועלכער מען קאָן זיך נישט לאָזן בלויז מיט פליגלען פון אינטואיציע.

באַזונדערס בולט זעט מען דאָס אין ערשטן באַנד פון „אין דער טיפער אייביקייט": מייסטערהאַפטע נאָוועלן, וווּנדערבאַרע פּרטים, און אַ כאַאָטיש־פאַרפּלאָנטערטער גרויס־געמעל. און דאָס איז גילטיק פאַר וויסנבערגס גאַנצער קינסטלערישער טעטיקייט: דער קליינער פּרט — טעמאַטיש — גיט זיך איין; די גרויסע אָנשטרענגונג — אידעאיש — פאַלט דורך; ליכטיקע בליצן פאַרשלונגען אין חושך, אָבער נישט קיין העל און דויערהאַפט ליכט.

* * *

און אַזוי אויך ביים קעמפער. ער דערשפּירט אינטואיטיוו דעם געשוויר, וועלכן מען דאַרף אויסשטעכן, און שטעכט, אין זיין אינטעלעקטועלער בלינדקייט, דערלעבן, אין לעבעדיקן פלייש. ער שפּירט אויף אַ מייל די קראַנקהייט און — שטאַרקט זי דורך פאַלשע באַבסקע רפואות. ער כאַפּט־אָן ביי דער האַנט די גיפט־מישער און ברייעט נאָך שאַרפערע גיפטן אַלס כלומרש־טע קעגן־גיפטן. מען לייענט זיינע פאַמפלעטן, מען פלעגט הערן זיינע קאַמפּס־רעדעס, און נישט קיין בייזוויליקער, נישט קיין שנאהדיק־פאַרשטאָפּטער אויער פלעגט אַרויסהערן און הערט נאָך היינט אַרויס דעם טיפן אינטואיטיוון אמת, וואָס ליגט אין תוך פון דאָזיקן קאַמף, דערשטיקט אונטער די בלינדע פאַראור־טיילן און זאַבאַבאָנעס, אָן וועלכע ער פלעגט זיך אָנכאַפּן אין זיין שטאַמלענדיקן פאַרלאַנג אויסצושיילן לאָגיש־בולט, איבער־צייגנדיק־קלאָר זיין אינטואיטיוו־דערשפּירטן אמת. ווער עס פלעגט אַנונגסלאָז לאַכן דערפון; ווער עס פלעגט שאַדנפרייידיק־

פּניותדיק יובלען אין אייגענעם הארצן: „ווי גוט עס איז פאַר אונז, וואָס די דאָזיקע שטאַרקע אינטואיציע איז בלינד, וואָס די קלעפּ, וועלכע זי טיילט אויס, פאַלן אויף איר גופא"; און ווער עס פלעגט גערירט נאָכפאָלגן די דאָזיקע טראַגישע צאַפּלע־נישן און ראַנגלענישן פון אַ בלינדער סטיכיע, מיט וועלכער קאַרליקעס שפּילן שלעפּע־באַבע און גייען אַרויס גאַנץ פון אונטער אירע בלינדע מעכטיקע הענט.

און דערפון — די גערייצטקייט, די בולטע אומגערעכטי־קייט, דער להכעיס־עלעמענט, וואָס האָט אין וויסנבערגס קאַמף געשפּילט אַ גרויסע ראָל. נישט קאָנענדיק קלאָר אַנאַליזירן און בולט אויפווייזן די פעלערן פון אַ שלום אַש, פון אַן אָפּאַטאָשו; נישט קאָנענדיק בולט אויפווייזן די פאַלשקייטן פון דער לויב־קריטיק, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ פאַרקערטער פוריע: צע־טראָטן יעדע אָביעקטיווקייט פון אורטייל, פאַרלייקנט די מעלות פון די באַקעמפטע קעגנער, געכאַפּט דעם ערשטן־בעסטן גראַ־פאָמאַן און אים געקרוינט אַלס גאון, אַלס ערשטן פון די ערשטע. פאַראַן, זאָגט מען, פויערים, וואָס קאָנען מיט באַבסקע מיטלען אַרויספילן די אָנוועזנהייט פון מינעראַלן און וואַסער אין אַ באָדן, אָבער כדי אַרויסצובאַקומען די דאָזיקע רייכטימער זענען נויטיק גאַנץ אַנדערע מיטלען, ווי דעם פויערס אינטואיציע. וויסנבערג האָט פאַרמאָגט די אייגנשאַפט פון די דאָזיקע פויערים אינטואיטיוו אַרויסצושפּירן די פוילע שטעלן אין אונ־זער ליטעראַטור־ און קולטור־באָדן, אָבער ער האָט נישט פאַר־מאָגט די אייגנשאַפטן, וואָס זענען נויטיק אויף צו פירן אַ פּלאַנ־מעסיקן היילונגס־קאַמף.

ער איז געווען אַן עכטער קעמפער לויטן אינסטינקט, אָבער דעם דאָזיקן גרויסן קאַמפּס־טעמפּעראַמענט האָט געפעלט דער זיווג פון ברייט־האָריזאָנטיקן אינטעלעקט.

און וואָס מער זיין קאַמף איז געוואָרן שטאַמלעניש, וואָס מער זיינע קלעפּ האָבן נישט געטראָפן אין ציל, אַלץ מער איז זיין אינטואיטיוו־גערעכטער קאַמף פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בלינדער שנאה, אין פאַרביסענער גערייצטקייט.

וויסנבערג דער קעמפער איז געפאַלן אַ קרבן פון זיין גרויסן קעמפער־טעמפּעראַמענט, אַ דאַנק וועלכן ער פלעגט אינ־

טואיטיוו באַפרוכפּערט ווערן, אָבער ער פּלעגט כמעט קיינמאָל נישט אויסטראָגן קיין לעבעדיקע קינדער: ער פּלעגט מיט זיי תמיד מפּלען. דער קאַמף פאַר גערעכטיקייט פּלעגט גאַנץ אָפט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קאַמף דורך קליינע און גרויסע אומגערעכטיקייטן.

*   *   *

אַז ווייסנבערג איז געווען אַן אייגנאַרטיקע פּערזענלעכקייט, אַ טיפּ פון אַ דענקער אַן אָריגינאַל, וועגן דעם קאָנען קיין צוויי מיינונגען נישט זיין. אָבער אויך דאָ באַגעגענען מיר זיך מיט ווייסנבערגס פאַטאַלן חסרון: ער איז אינטערעסאַנט אין פּרטים. אָבער די פּרטים זאָלן נישט זיין צעקריגט צווישן זיך, נאָר זאָלן בילדן איין גאַנצעס, אַ געשלאָסענע פּערזענלעכקייט פון אייגנאַרטיקן צויבער און ווערט — דאָס נישט.

אין זיין בראָשור וועגן קונסט (ווי אויך אין זיין פילאָזאָפישער בראָשור) זענען פאַראַן ווונדערבאַרע פּרטים, וואָס די אינטואיטיווע בליציקייט זייערע איז אַזוי שטאַרק, אַז זיי מאַכן ליכטיק אפילו די געוויינלעכע טונקלקייט פון ווייסנבערגס סטיל. (אַזאַ שטעל איז, למשל, זיין דעפיניציע פון רעאַליזם). אין פריוואַטן שמועס פּלעגט ער קאָנען פּלוצלונג אַרויסזאָגן אַזעלכע אינטערעסאַנטע, עכט־אָריגינעלע מיינונגען וועגן שעקספּירס „האמלעט", אַז מען פּלעגט בלייבן איבעראַשט. אָבער די דאָזיקע אייגנאַרטיקייט פון ווייסנבערגס פּערזענלעכקייט, וואָס איז געשטיצט געווען אויף אַ נישט דורכשניטלעכער אינטואיציע, פּלעגט — צוליבן מאַנגל אין אַ אינטעלעקטועלער קאָנטראָל, אין אַ אַנאַליטישן אָנשפּאַר — אָפט דעגענערירן ביז צו געדאַנקלעכן ווילד־גראָז, ביז צו אומפּאַראַנטוואָרטלעכע וואָרטקאַפּריזן. די גרויסע דערגרייכונגען פון זיין אינטואיציע האָבן אין אים אַנטוויקלט אַ נייגונג צו מיסברויכן מיט איר, צו רעדן אין איר נאָמען און מיט איר נאָכגעמאַכטער שטים, אַפילו ווען זי פּלעגט דרימלען און נישט נעמען קיין וואָרט. די שריפטלעכע און מונדלעכע אויסדרוקן פון דער פּערזענלעכקייט ווייסנבערג זענען אַ שטאַמלעניש־געמיש פון טיף־גרייכנדע בליצן מיט בולטוואָרצלאָזע אַרויסזאָגעכצן. עס פּלעגט פיינלעך זיין צו הערן, ווי דער דאָזיקער אינטואיציע־מענטש פּלעגט נאָך אַ פילאָזאָפיש־

איינגנאַרטיקן געדאַנק, נאָך אַן איינגנאַרטיקער אָפּשאַצונג פון אַ ווערק אָדער שרייבער, אַרויסזאָגן זיין מיינונג וועגן אַ קיינמאָל נישט געלייענטן שרייבער, ווייל ער דאַרף בלומרשט נישט לייענען, ער פילט, אָן דער דאַזיקער „קליינקייט", אַז יענער קאָן נישט שרייבן, אָדער ער פלעגט רעדן וועגן סאָציאָלאָגיע און פּאָליטישע פּראָבלעמען אָן דער מינדסטער צוגרייטונג צו דעם, מיט אַ געפיל פון זיכערקייט, אַז טאַקע גראַד אַ דאַנק דער דאָזיקער נישט צוגעגרייטקייט איז ער דער באַרופענער פּוסק־אחרון.

אינטואיציע איז אַ גוטע זאַך, אָבער ווען זי ווערט דער אַליין־הערשער, נעמט זי קרענקען אויף דער זעלבער קרענק, ווי אַלע אַליין־הערשער: אויף גרויסקייט־מאַניע, אויף אומטאָלע־ראַנץ, אויף שנאה צו דער אינטעלעקטועלער קאָנטראָל.

די דרייפאַכע טראַגעדיע פון וויסנבערג דעם קינסטלער, דער פּערזענלעכקייט און דעם קעמפער באַשטייט אין דעם, וואָס ער איז געצוווּנגען געווען זיך אָנצוטרויען דער אַליין־הערשערישער דיקטאַטור פון דער אינטואיציע.

* * *

איך ווייס, מיטן אויבנגעזאָגטן האָב איך ווייט נישט אויסגעשעפּט נישט וויסנבערגס אַלע גרויסע מעלות און נישט אַלע זיינע נישט קלענערע — און אפשר נאָך גרעסערע — חסרונות; אָבער איך האָב אָנגעצייכנט די וועגן, אויף וועלכע יעדע קריטיק וועט מוזן זוכן — און געפינען — דעם מקור פון דער גרויסער טראַגעדיע פון דער דערשיינונג — וויסנבערג.

וואַרשע, אויגוסט, 1938.

איטשע מאיר וויסנבערג

אויב עס איז ריכטיק, אַז אַ טראַגעדיע אונטערשיידט זיך פון אַן אומגליק מיט דעם, וואָס אַן אומגליק באַפאַלט אַ מענטשן פון דרויסן, און אַ טראַגעדיע באַהערשט אים פון אינעווייניק, — אויב די דאָזיקע דעפיניציע איז ריכטיק, איז איטשע מאיר וויסנבערג נישט קיין אומגליקלעכע, נאָר טאַקע אַ טראַגישע פיגור אין אונזער ליטעראַטור.

ס׳קאָן זיין, אַז די טראַגישסטע געשטאַלט אין אונזער נייער ליטעראַטור.

ווייסנבערג איז געווען דאָס, וואָס מען רופט אָן אויף רוסיש „סאַמאָראָדאָק״, — אַ וווּנדערקינד אין ריינסטן זין פון דאָזיקן וואָרט.

ער איז געבוירן געוואָרן אין אָרימען זשעליכאָוו, ביי אָרימע עלטערן, און ביז זיין דעביוט אין אונזער ליטעראַטור איז ער געווען אַן אָרימער אַרבעטער. דער דאָזיקער פיזיש־שטאַרקער מענטש, מיט אַ האַלדז פון אַן אָקס (און איינגעשפּאַרט ווי ער), וועלכער האָט איינמאָל, מיט הוילע הענט, פאַרפירט אַ געשלעג מיט אַ גרופּע שכורע קאַזאַקן, פאַרטיידיקנדיק דעם רעסטאָראַן און די שטוב פון זיין כלה, — דער דאָזיקער יונגער גבור האָט נישט געהאַט באַקומען קיין שום בילדונג, אויב מען זאָל נישט רעכענען עטלעכע יאָר חדר, וואָס האָבן נישט איבערגעלאָזן כמעט קיין שפּור. און פּלוצלונג האָט זיך אין דאָזיקן רויען מענטש אָנגעצונדן אַ שעפערישע פייערל, און אין משך פון אַ פינף־זעקס יאָר, פון 1904 ביז 1909 — 1910, האָט ער געגומען פאַרנעמען אַזאַ אָנגעזעען אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור, אַז בעל־מחשבות, — דער ערשטער שעפערישער קריטיקער אין אונזער ליטעראַטור, מיט אַ טיפער יידישער און אייראָפּעאישער בילדונג, מיט אַ שאַרפן קריטישן חוש און אַ גרויסן שריפטשטעלערישן טאַלאַנט, — האָט געשריבן:

„ווייסנבערג איז אַ גרויס טאַלאַנט. אפשר די גרעסטע האָפענונג אונזערע. אין משך פון פינף יאָר האָט ער זיך געוויזן פון פיל זייטן. און איטלעכע זאַך זיינע טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל פון אַן אָריגינעלן קינסטלער. דאָ ציט ער אונז צו דורך די (דער) אָריגינאַליטעט פון זיינע טעמעס, דאָ פאַרוווּנדערט ער אונז מיט דער פרישקייט פון זיינע פאַרבן, בשעת ער באַאַרבעט אַן אַלט טעמאַ, אָבער באַטראַכט פון אַ נייער זייט. ער באַכשופט אונז מיט דער לעבעדיקייט פון דיאַלאָג, מיט דער טיפער ליידנשאַפטלעכקייט פון זיין טאָן, מיט דעם געפיל זיינעם פאַר דער שטומער, שיינער נאַטור״.

„מיט ווייסנבערגן הויבט זיך אָן אַ נייע תקופה אין אונזער קינסטלערישער ליטעראַטור. דען קיינער פאַר אים איז נישט

געקומען צו אונז מיט אזא רייכן פּילזייטיקן טאַלאַנט, און קיינער האָט נישט גענומען אזוי ערנסט צום הארצן די גאבן פון זיין קינסטלער־נשמה, ווי ווייסנבערג. ביז היינט פעלט דער יידישער ליטעראַטור דער גרויסער ראָמאַן, די גרויסע דראַמע, דאָס ווערק פון גרויסן סטיל. און אויב איינער פון די היינטיקע שרייבער וועט דאָס אמאָל געבן, וועט דאָס געוויס זיין — ווייסנבערג".

אַזעלכע ווערטער באַדייטן זייער אַ סך, ווען זיי געהערן דער פעדער פון אַ בעל־מחשבות, וועלכער איז נישט געוועז קיין פּזרן אויף אַזעלכע שבחים: דער זעלבער בעל־מחשבות פלעגט תמיד געפינען בייסיקע ווערטער אויפן חשבון פון שלום אש, וועלכער איז אריינגעטראָטן אין דער יידישער ליטעראַטור אינגאַנצן מיט פיר יאָר פריער פאַר ווייסנבערגן. שעצנדיק זייער הויך אַשס „שטעטל" און אַ סך פון זיינע דערציילונגען, האָט ער דאָך זייער גוט באַמערקט אַלע זיינע גרויסע חסרונות און אָפּט אים שטאַרק געשייגעצט.

און דער זעלבער בעל־מחשבות, וועלכער האָט זיך אזוי ענטוזיאַסטיש אויסגעדריקט וועגן ווייסנבערגס טאַלאַנט, האָט אויך אויסגעדריקט זיין שטיינונג לגבי דעם נאַטור־ווונדער, וואָס ווייסנבערג דער שרייבער שטעלט פאָר מיט זיך.

„דער, וואָס וויל באַווייזן", — האָט בעל־מחשבות געשריבן אין זיין אויבן־ציטירטן אַרטיקל „י. מ. ווייסנבערג", — אַז דאָס קינסטלער־טאַלענט איז אַ גאָטס גאָב און הענגט נישט אָפּ נישט פון רייכקייט, בילדונג, דערציאונג א. אז. וו., — קאָן נעמען אַלס ראיה ווייסנבערגן.

„טויזנטער מענטשן וואַקסן אויף אין אַן אַטמאָספער פון קונסט און בילדונג; אויף יעדן טריט טראָגט מען זיי עפּעס צו, וואָס זאָל אַנטוויקלען ביי זיי אַ חוש צו פאַרבן, מעלאָדיעס א. אז. וו., און סוף כל סוף וואַקסן זיי אויס פּשוטע מענטשן, אפשר אביסל געשליפענערע, אָבער פאָרט פּשוטע נשמות מיט אַ פּשוטן אויג פאַרן לעבן. דאַקעגן זעען מיר אַמאָל, ווי אין דער ערגסטער, ברודיקסטער אַטמאָספער, ווו איטלעכער פּרט פאַר זיך איז סם־המות פאַר דער גייסטיקער אַנטוויקלונג, באַווייזט זיך פּלוצלונג אַן איין־איינציקער, מיט זעלטן־אויסגעלייטערטע חושים, מיט אַ ווונדערלעך־קינסטלערישן בליק אויפן לעבן.

וויסנבערג איז א רעטעניש פאר זיין ביאגראף און איך צווייפל שטארק, צי וועט זיין ביאגראפיע אונז געבן אמאל א דערקלע־רונג, פון וואנען עס האט זיך גענומען ביי אים זיין טאלענט".

מיר, וועלכע האבן געקענט וויסנבערגן נישט נאר אין זיין ערשטן שרייבערשן פעריאד, — ווען זיין ווונדערקינדישקייט האט געגלאנצט מיט אלע פארבן פונם רעגנבויגן, — נאר אויך אינם פעריאד פון זיין טראגעדיע, — מיר שטייען, דורכן פאקט גופא פון זיין עקזיסטענץ, פאר א סך א שווערערע פראגע, ווי די, וועלכע עס האט זיך געשטעלט בעל־מחשבות; פאר אונז שטייט א שווערערע רעטעניש, ווי די, איבער וועלכער בעל־מחשבות האט זיך געבראכן דעם קאפ: מיר פרעגן נישט „פון וואנען עס האט זיך גענומען ביי אים זיין טאלאנט", נאר: „פארוואס איז זיין טאלאנט אזוי שנעל פארשוונדן?".

* * *

די געשיכטע פון דער ליטעראטור איז פול מיט אומדער־זלערלעכע דערשיינונגען. דעם דייטש־שווייצארישן דיכטער קאנ־ראד פערדינאנד מייער האט מען ביז זיין פערציקסטן לעבנסיאר חושד געווען אין קרעטיניזם — עפעס א דריז האט שלעכט אויס־געפירט איר פונקציע. און פלוצלונג, אריבערטרעטנדיק דעם רייפן עלטער — דעם פערטן יארצענדליק, — האט זיך די דריז ארומגעזען, אנגעהויבן צו פונקציאנירן נארמאל און קאנראד מייער איז געווארן איינער פון די גאר גרויסע דיכטער.

זייט ביי זייט מיט א סך דערשיינונגען פון פארשפעטיקטער פאעטישער און שריפטשטעלערישער אנטוויקלונג, זענען אויך דא פארקערטע דערשיינונגען: פרי אויסגערייפטע דיכטער גטן זיך מיט דער מוזע. ארטור רעמבא, וועמען א סך פראנצויזישע קריטיקער באטראכטן אלס איינעם פון די געניאלסטע פאעטן פון דער פראנצויזישער שפראך, — דער דאזיקער ארטור רעמבא, וועלכער האט גענומען שרייבן שיעור נישט צו זיבן יאר, אלס קוים באפעדערט יינגעלע, האט שוין אין דער ערשטער יוגנט, — ווען אנדערע דיכטער הויבן נארמאל ערשט אן צו שרייבן, — געהאט זיין שעפערישן פאעטישן פעריאד הינטער זיך. זיין פאעטישער ווולקאן איז געווען א קורץ־ווירקנדיקער: ער האט

אויסגעבראָכן, אויפגעטרייסלט אַלדאָס ארומיקע, אויסגעגאָסן זיין פייער און איז אויסגעלאָשן געוואָרן.

וויסנבערג אָבער שטעלט פאָר מיט זיך אַ גאַנץ באַזונדערע דערשיינונג, וואָס פאַלט נישט ארונטער אונטער קיין איינער פון די אויבנאויסגערעכנטע קאַטעגאָריעס. ער האָט אָנגעהויבן שרייבן נישט שפּעט, און נאָר דער טויט האָט איבערגעריסן זיין שרייבערישע טעטיקייט. אָבער די דאָזיקע נישט־איבערגעריסענע שרייבערישע טעטיקייט זיינע איז געווען נישט־איבערגעריסן בלויז פאָרמעל, — אין תוך גענומען איז זיין שריפטשטעלערישע טעטיקייט צעטיילט אויף צוויי טיילן: אין איין טייל איז ער אַ גלענצנדיקער שרייבער, און אין דער צווייטער — אַן אַנאַלפאַ־בעטישער פּויער. דאָס איז נישט יענע געוויינלעכע דערשיינונג ביים רוב שרייבער, וואָס מיר באַצייכענען אַלס „עליות" און „ירידות" אין זייער שאַפן. דאָס איז לחלוטין עפּעס אַנדערש: וויסנבערג, וואָס איז אַמאָל אַזוי לייכט און שפּילעוודיק, אַזוי דורכזיכטיק און קלוג, פאַרלירט פּלוצלונג די פעאיקייט אָנצו־שרייבן אַ בריוועלע פון צען שורות, און ער, דער דאָזיקער איינ־סטינקטיווער עסטעט, וועלכער שפּירט אויף אַ מייל יעדן פאַלשן טאָן ביי אַ שרייבער, — ער, וויסנבערג מיטן שאַרפן קריטישן חוש, פילט גאָרנישט זיין פּלוצלונגע שרייבערישע אימפּאָטענץ. ער ווערט אומבאַהאָלפן, ווי אַ ריינבלוטיקער יאַגד־הונט, וואָס פאַרלירט פּלוצלונג זיין חוש־הריח.

דאָס איז נישט קיין אומגליק, — דאָס איז אַ טראַגעדיע. וויסנבערג האָט געטראָגן אין זיך זיין גורל, זיין טראַגישן קאָנ־פליקט. זיין טאַלאַנט איז געווען ענלעך אויף איינעם פון יענע וואַסער־קוואַלן, וואָס דאָ באַווייזן זיי זיך אויף דער אויבער־פלאַך, דאָ פאַרלירן זיי זיך אונטער דער ערד. אין שייכות מיט דעם פלעגט וויסנבערג ווערן אָדער אַ פרוכטבאַר שוואַרץ־ערד אָדער אַ זאַמדיקער מדבר. אינם פעריאָד פון געזעטיקטקייט, זוערט ער נישט נאָר סתם פרוכטבאַר, נאָר ער איז ממש געררט פון דער אייגענער אָנגעזעטיקטקייט, פון דער פולקייט פון איי־גענער פרוכטבאַרקייט, און אין פעריאָדן פון טריקעניש פאַר־ברענט ער זיך גופא פון אייגענעם דאָרשט.

ער איז געווען אַ וואונדערקינד. דאָס איז געווען זיין גליק,

זיין גרויסער געווינס. דאָס איז אָבער אויך געווען זיין טראַגעדיע. עס האָט אים געפעלט קולטור און בילדונג, כדי צו קאָנען באַגרייפן זיך גופא, כדי צו באַזינגען די נאַטור־דערשיינונג אין זיך, און אָדער געדולדיק צופּאַסן זיך צום קאַפּריז, וואָס באַהערשט זיין גייסט, אָדער דעראָבערן דעם סוד פון דער דאָזיקער דערשיינונג, צוימען זי ווי נישט איז, — אינגאַנצן אָדער טיילווייז.

ניין, בעל־מחשבות איז נישט געווען גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט, דאָס ווייסנבערג איז אַ באַווייז דערפאַר, אַז אַ טאַלאַנט איז נישט אָפּהענגיק פון בילדונג; ווייסנבערגס טראַגעדיע באַווייזט, אַז די סטיכייאישע קראַפט פון טאַלאַנט איז אומאָפּהענגיק פון בילדונג אין זיין דורכברוך, אָבער זי באַווייזט אויך, אַז דער טאַלאַנט איז אָפּהענגיק פון בילדונג און קולטור אין זיין אַנטוויקלונג, ווי אויך אין זיין אויסלעבן זיך. אַלע „סאַמאָראָדקעס", וועלכע האָבן דערגרייכט די העכסטע שפּיצן פון שאַפן, האָבן געפירט אַ שווערן קאַמף פאַר קולטור און בילדונג. אַזוי איז געווען מיט דזשעק לאָנדאָנען, אַזוי איז געווען מיט מאַקסים גאָרקין, אַזוי איז געווען מיט יאַן קאַספּראַוויטש.

צום באַדויערן, איז אַזוי נישט געווען מיט איטשע מאיר ווייסנבערגן.

אינגאַנצן אָן בילדונג, מיט עפּעס אַ מאָדנעם פויערשן אומצוטרוי צו בילדונג, איז ער אינגאַנצן געווען אין דער מאַכט פון זיין סטיכייאישן טאַלאַנט מיט זיינע קאַפּריזן. ער האָט נישט געקאָנט אָנפירן מיט זיין ווונדערלעכער קראַפט, — זי האָט אָנגעפירט מיט אים, דאָ באַלויכטנדיק אים דעם וועג ביז וויזיאָנערישער פאַרבלענדונג, דאָ איבערלאָזנדיק אים אין דער פינסטערניש, אין וועלכער ער פלעגט זיך שלאָגן קאָפּ אין וואַנט מיט דער ווּט פון נישט קאָנען באַזינען וואָס דאָ קומט פאָר. אין דער ירידה פון זיין שאַפן, פון זיין דערפאַלג, פלעגט ער נעמען זען די מאַכינאַציעס פון יענע, וועלכע „קענען גוט אין די ביכער", ווי עס דריקט זיך אויס איינער פון זיינע גראָב־הויטיקע, פּולבלוטיקע פּערסאָנאַזשן וועגן דער פאַראַכטעטער אינטעליגענץ (אויך ווייסנבערגס אינסטינקטיוו־פאַרהאַסטער שונא).

י. ראַפּאָפּאָרט

* * *

שטעלט זיך פאַר דעם אָנוווקס פון דער וויסנבערג־טראַגעדיע.

זיינע ערשטע דערציילונגען ציען צו צו אים אין אונזער ליטעראַטור די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט: אונזער ליטעראַטור איז נישט געוווינט געוואָרן צו אַזאַ פּלאַסטישקייט פון אויסדרוק.

די ווייטערדיקע דערציילונגען זיינע פאַרגרעסערן נאָך דעם התחלהדיקן אינטערעס צו וויסנבערגן: אַזאַ דינע פּסיכאָלאָגיע, באַזונדערס פון דער פרוי, איז אין אונזער ליטעראַטור ביז וויסנבערגן נישט געווען. (און פאַראַן ביי אים עראָטישע סקיצן, וואָס ביז אויף היינטיקן טאָג קאָן זיך קיין איין זייטל אין אונזער ליטעראַטור נישט גלייכן צו זיי לויט דער דינקייט, לויט דער שפּילעוודיקער אַזשורנעקייט פונם דיאַלאָג.) זיינע ערשטע דראַמאַטישע סצענעס וועקן די ערשטע האָפנונגען אויף אַ יידישער דראַמע מיט אַ לעבעדיקן דראַמאַטישן דיאַלאָג (אונזער ליטעראַטור פאַרמאָגט אַ סך פּיעסן, אָבער אין קיין איינער כמעט איז נישט בנמצא די אַטמאָספער פון אַן עכטן דראַמאַטישן דיאַלאָג).

פאַר וויסנבערגן האָט זיך שוין אין אונזער ליטעראַטור אָנגעמערקט אַ טענדענץ צו אַ נייער שטאַטישער טעמאַטיק, צו נייע טיפּן, אָדער ריכטיקער: צו נייע אינדיווידועז, געזונטע און קרענקלעכע, וואָס ווימלען אין אונזער געענדערטן לעבנס־שטייגער (פּינסקי און נאָמבערג), אָבער וויסנבערג האָט דער ערשטער גענומען מאָלן די דאָזיקע נייע טיפּן אין זייער היימישער אַטמאָספער, אין דער היימישער אַטמאָספער פון אונזער לעבן און ליטעראַטור, — אינם שטעטל, אויפן פאָן פון זיין פאַנאַנדערפאַל, פון זיין טראַנספאָרמאַציע.

און אָט דער דאָזיקער וויסנבערג, וועלכער רוקט זיך אַרויס מיט אַזאַ לייכטקייט, אָן מי, אין סאַמע פאָדערגרונט פון אונזער ליטעראַטור, באַמערקט פּלוצלונג, אַז אַש, זיין ליטעראַרישער בן־גיל, הויבט אים אָן אַריבערצושטייגן; אַז די פּיעסן פון שלום אַשן, וועמען מען האָט מער פאַר אַלץ קריטיקירט אַלס דראַמאַטורג, הויבן אָן צו דעראָבערן די יידישע און די אייראָפּעאישע

סצענעס, בעת זיין דראמע („קנאה און תאווה"), וואָס בעל־מחשבות האָט געוואָרט אויף איר, ווי אויף דער האָפנונג פון אונזער טעאַטער, ווערט אויפגענומען קאַלט, ממש פראָסטיק. אויף דער סצענע פון דער יידישער ליטעראַטור באַווייזן זיך גאָר אַנדערע געשטאַלטן — בערגעלסאָן, שניאור, אַפּאַטאַשו, — וועלכע ציען צו צו זיך די אויפמערקזאַמקייט (וועלכע ציען אָפּ די אויפמערקזאַמקייט פון אים), שטעלן אים אין שאָטן, ווערן, אַנשטאָט אים, די האָפנונגען פון אונזער ליטעראַטור.

מיט זיין שאַרפן, אינסטינקטיוון קינסטלערישן חוש שפּירט ווייסנבערג אַלע זייערע חסרונות, ער הערט אַרויס יעדן פאַלשן טאָן אין זייערע ווערק, און ער קאָן נישט פאַרשטיין פאַרוואָס, למשל, איז אַפּאַטאַשו אַזוי פּאָפּולער מיט זיינע „פּוילישע וועלדער". ער קאָן נישט באַגרייפן, אַז אין אַ ליטעראַטור קאָן אַמאָל זיין מזל־ברכהדיק דער פאַרנעם, דער שווונג גופא, די פאַנאַנדערוקונג פון גרעניצן, אפילו ווען דאָס ווערט געטאָן נישט קינסטלעריש־שלימותדיק. פאַרן מיטשותף פון שאַפן, — פאַרן אינטעלעקט אָדער פאַר דער פּראָבלעמאַטיק, פאַרן וויסן, — האָט ווייסנבערג קיין פאַרשטענדניש נישט געהאַט; ער איז דאָס גליקלעכע קינד פון קינסטלערישן אינסטינקט און — זיין טראַגישער קרבן.

און ווייסנבערג באַשולדיקט אין זיין טראַגעדיע אַנדערע, ער וויל פאַרוואַנדלען די טראַגעדיע אין אַן אומגליק, וואָס באַפאַלט אַ מענטשן פון דרויסן. עס איז גענוג ער זאָל כאַפּן עפּעס אַ „ליטוואַק" ביי אַ ליטעראַרישער עבירה, און ער, ווייסנבערג, ווייסט שוין פון וואַנעט עס איז אים און די גאַנצע יידישע ליטעראַטור באַפאַלן דאָס אומגליק: די אינוואַזיע פון די „ליטוואַקעס". ער פאַרגעסט, אַז מענדעלע איז אַ ליטוואַק; ער פאַרגעסט, אַז זיינע סאַמע פאַרהאַסטע שרייבער — אַש און אַפּאַטאַשו — זענען פּוילישע יידן. די אינסטינקטיווע שנאה ווייסט נישט פון קיין לאָגיק; זי נויטיקט זיך אין אַן אָביעקט פאַר אַן אָנפאַל.

און ווייסנבערג הויבט אָן זיין באַרימטע צוואַנציקיאָריקע מלחמה אין אונזער ליטעראַטור.

אָבער מיין איצטיקע אויפגאַבע באַשטייט נישט אין באַ־

שרייבן די דאָזיקע מלחמה; איך וויל בלויז אָנווייזן אויף איר טראַגישן קוואַל.

ווייסנבערגס טאַלאַנט האָט זיך באַוועגט אין צו ענגע אינ־סטינקטיווע גרעניצן, וואָס קאָנען נאָך אפשר זיין גענוג פאַר אַ פּאָעט אַ ליריקער, אָבער נישט פאַר אַ פּראָזאַאיקער, וועמען עס שטייט פאָר צו באַצירן דעם אויבנאָן פון דער ליטעראַטור פון אַ פאָלק, וועלכעס פאַרמאָגט סיי נאַציאָנאַלע פּראָבלעמאַטישע תהומות, סיי אַ נייגונג צו אוניווערסאַלע פּראָבלעמאַטישע תהומות. אין אָנהויב האָט זיין גרעלער טאַלאַנט באַפרידיקט, ווייל צוזאַמען מיט אָן־ספּקדיקע ליטעראַרישע מעלות, האָט ער פאַרמאָגט נאָך איין ריזיקע מעלה: די האָפנונג, אַז דאָס איז נאָר אַן אָנהויב. אָבער ווען די דאָזיקע לעצטע מעלה איז אויסגערו־נען, און די איבעריקע מעלות זענען געבליבן פאַריתומט, האָבן זיי נישט געקאָנט פאַרנעמען יענץ אָרט, וואָס מען האָט זיי פאָר־אויסגעזאָגט פון אָנהויב, ביי זייער אַריינטריט אין אונזער ליטע־ראַטור, אינם פּעריאָד, ווען זיי האָבן געוווינט צוזאַמען מיט דער האָפנונג, וואָס מען האָט פאַרבונדן מיט זיי.

דערביי דאַרף מען נעמען אין באַטראַכט, אַז די פּערספּעק־טיוו, וואָס שפּילט אַזאַ גרויסע ראָל נישט נאָר אין דער מאָלעריי, האָט זיך מיט דער צייט געענדערט: דאָס, וואָס האָט אויסגעזען קאָלאָסאַל אין די אויגן פון אונזער יונגער ליטעראַטור, אין אָנהויב 20טן יאָרהונדערט, איז איינגעשרומפּן אַביסל אין אירע אויגן אין די 20ער און דרייסיקער יאָרן פון זעלבן יאָרה.

ווייסנבערג איז נישט אַרויסגעוואַקסן פון דער התחלהדיקער סטאַדיע פון זיין טאַלאַנט, אָבער אונזער ליטעראַטור איז יאָ אַרויסגעוואַקסן פון דער התחלהדיקער סטאַדיע פון איר וווקס, און די פּערספּעקטיוו האָט זיך שנעל גענומען ענדערן. ווייסנ־בערגס אָרט אין דער געשיכטע פון אונזער ליטעראַטור איז גע־בליבן זייער גרויס, פּונקט ווי אין ערשטן יאָרצענדליק פון 20טן יאָרה.; אָבער ווייסנבערגס אָרט אינם לעבן פון אונזער ליטעראַ־טור איז קלענער געוואָרן.

און אָט דאָס האָט ער נישט געקאָנט פאַרטראָגן. ער האָט אפילו נישט באַגריפן, וואָס דאָ איז געשען אַזוינס.

אויסגעריסענע בלעטער

* * *

קיין אַבסאָלוטע גרעניץ צווישן דעם התחלהדיקן ווייסנ־בערג, וואָס איז באַשאַנקען געוואָרן דורך אַלע גוטע פייעס, און דעם שפּעטערדיקן, וועמען אַלע פּוריעס פייניקן, קאָן נישט געצויגן ווערן. די דאָזיקע ביידע ווייסנבערגס לעבן זייט ביי זייט, מישן זיך אָפּט אויס.

דער שעפער פון „די משוגענע אין דאָרף" קאָן נישט אָנשרייבן קיין עברידיקן בריוו (עס איז שרעקלעך אַ טראַכט צו טאָן און עס איז שווער צו גלויבן! ווי עמיץ וואָלט פונם גולם אַרויסגענומען דעם „שם המפורש"...), אָבער גלייכצייטיק שרייבט דער דאָזיקער נעבעכדיקער פּאַטשקון אי אַ גלענצנדיקן פּאַמפלעט, אי אַ זייטל פון אויסערגעוויינלעך־אינסטינקטיווער טיפקייט וועגן רעאַליזם, אי אַ גלענצנדיקע דערציילונג.

ווייסנבערג האָט אָנגעשריבן אַ צען־בענדיק ווערק אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן — „אין דער טיפער אייביקייט". בלויז צוויי בענדער פון דאָזיקן ווערק האָבן זיך באַוויזן אין דרוק. משפּטנדיק לויט די דאָזיקע צוויי בענדער, אילוסטרירט דאָס דאָזיקע ווערק ווי צום בעסטן ווייסנבערגס שריפטשטעלע־רישע טראַגעדיע: דאָס איז אַ מאַסע, אַ קינסטלערישע פּלאַזמע, אין וועלכער עס מערקן זיך ווו נישט איז שפּורן פון אַ קינסט־לערישן אָרגאַניזם, וואָס נעמט זיך אויספּיקן. אָבער נאָר שפּורן, — אַמאָל ווייטע, אומקלאָרע, אַמאָל נאָנטע, קלאָרע, אָבער תמיד פּאַראיינצלטע, צעריסענע.

שטיקלעך לעבן אין אַ פּאָטענציעל־שעפערישן כאַאָס.

דער דאָזיקער כאַאָס האָט געשאַפן נישט קיין וועלטן, נאָר גאַנץ קליינינקע, הגם אָפּט פולקאָמע, אָרגאַניזמען. ביים פאַר־לאַנג צו שאַפן העכערע קינסטלערישע אָרגאַניזמען, איז דער כאַאָס געבליבן אַ כאַאָס.

ווייסנבערגס טאַלאַנט האָט טראַגיש, און גלייכצייטיק כאָאַ־טיש, געקאָכט און אויסגעקאָכט זיך פּריצייטיק.

שאַנכיי, סוף 1942.

י. ראַפּאָפּאָרט

ווייסנבערג דער דערציילער

איטשע מאיר ווייסנבערג איז דער ערשטער יידישער שרייבער, וואָס האָט צו פאַרדאַנקען זיין שרייבערישע געבורט בלויז און נאָר דער יידישער ליטעראַטור. ווען ער וואָלט געווען געבוירן געוואָרן מיט עטלעכע יאָרצענדליקער פריער, וואָלט ער אויף זיכער נישט געווען געוואָרן קיין שרייבער. סיי לויט זיין כאַראַקטער, סיי לויטן מאַנגל פון יעדער אַרט בילדונג, איז ווייסנבערג נישט גענייגט און נישט צוגעגרייט געווען צו שאַפן אַ ליטעראַטור, ווי דאָס איז געווען דער פאַל ביי אונזערע קלאַסיקער — ביי מענדעלען, ביי פּרצ׳ן, ביי שלום עליכמ׳ען. אונזערע קלאַסיקער זענען געקומען צום ליטעראַרישן שאַפן דורכן אומוועג פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, ווי משכילים. פאַר דעם דאָזיקן וועג האָט זיי באַשטימט, פון איין זייט, זייער אָדער פון געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעט, און פון דער צווייטער — זייער יידישע און וועלטלעכע בילדונג. ווייסנבערג האָט נישט פאַרמאָגט נישט דאָס ערשטע, נישט דאָס צווייטע. ער איז נישט נאָר נישט געווען קיין אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער טוער, נאָר אדרבא, ער איז געווען אַ שונא פון דעם, אַז שרייבער זאָלן זיך פאַרנעמען מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. אויב ווייסנבערג האָט זיך יאָ אָפּגעגעבן, אין דער צווייטער העלפט פון זיין שרייבערישן לעבן, מיט אַ „געזעלשאַפטלעכן" קאַמף קעגן דער יידישער פּרעסע און ליטעראַטור, האָט טאַקע דער דאָזיקער קאַמף געטראָגן אַ האַלבקינדישן און האַלב־דאָן־קיכאָטישן כאַראַקטער. דערביי איז דער דאָזיקער קאַמף געפירט געוואָרן קעגן געזעלשאַפטלעכער אַרבעט נישט נאָר אין דער ליטעראַטור, נאָר אויך אינם פּערזענלעכן לעבן פון די שרייבער.

ווען ווייסנבערג וואָלט געווען געבוירן געוואָרן מיט עטלעכע יאָרצענדליקער פריער, וואָלט דער דאָזיקער „סאַמאָראָדאָק" קיינמאָל נישט געווען אַנטפּלעקט זיין טאַלאַנט, ווי דאָס איז געשען מיט אַ סך פון אונזערע קינסטלערישע „סאַמאָראָדקעס" אינם פּעריאָד איידער עס איז געבוירן געוואָרן און ס׳האָט זיך אַנטפּלעקט אונזער נייע ליטעראַטור.

אויסגעריסענע בלעטער

בלויז די עקזיסטענץ פון אונזער נייער ליטעראַטור אין יידיש האָט געבראַכט צום זעלבסטבאַוווסטזיין ווייסנבערגס נאַטור־וווּנדערלעכן טאַלאַנט.

געבוירן שעפעריש דורך דער ליטעראַטור, איז ער געווען בלויז און נאָר — שרייבער. ער האָט געהערט צו יענע „ריינע" שרייבער, צו וועמען עס איז שווער צוצושפּיליען אַ שילדל, וואָס באַשטימט דעם כאַראַקטער פון זייער שאַפן. באַשאַנקען מיט אַ גרויסן אינסטינקטיוון חוש פון אַ קינסטלער, האָט ווייסנבערג ביים לייענען די נייע יידישע ליטעראַטור (דער איינציקער, וואָס איז געווען צוטריטלעך פאַר אים) באַזינט זיין קינסטלערישע באַרופונג און ער האָט זיך באַפרוכפּערט דורך דעם דאָזיקן באַוווסטזיין. כמעט דער ערשטער שרייבער, וואָס איז דורך און דורך אַ קינד פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, איז ווייסנבערג אין איר אויך געווען דער ערשטער שרייבער, וואָס געפינט די העכסטע באַפרידיקונג און זעט דעם העכסטן ציל אינם פּראָצעס גופא פון אָפּשפּיגלען דאָס לעבן, אינם פּראָצעס גופא פון געבן אַן אויסדרוק די אייגענע עמאָציעס.

אונזער ליטעראַטור האָט געגעבן ווייסנבערגן זיין שעפעריש לעבן, און ער האָט דאָס דאָזיקע שעפערישע לעבן אינגאַנצן אַוועקגעשענקט אונזער ליטעראַטור.

* * *

ווייסנבערג איז געבוירן געוואָרן אין 1881טן יאָר אינם קליינעם שטעטעלע זשעליכאָוו, אין פּוילן.

געבוירן אין דעם זעלבן יאָר וואָס אַש, זענען זייערע ביאָגראַפיעס אי לגמרי נישט ענלעך איינע אויף דער צווייטער, אי זיי זענען פאַטאַל פאַרפלאָכטן איינע אין דער צווייטער פּסיכאָלאָגיש. ווייסנבערג איז געבוירן געוואָרן אין אַן אָרימער, פאַרגרעבטער אַרבעטער־פאַמיליע און נאָך אַ קורצער צייט גיין אין חדר, איז ער געוואָרן אַ לערן־יינגל ביי אַ בעל־מלאכה, און ביז 1906 האָט ער זיך באַשעפטיקט מיט פאַרשיידענע מלאכות אין זשעליכאָוו, לאָדזש און וואַרשע.

אין דער ליטעראַטור איז ער אריינגעטראָטן אין 1904 (מיט פיר יאָר שפּעטער פאַר אַשן), דורך י. ל. פּרצ'עס זאַמל־בוך „די

יידישע ביבליאָטעק", מיט דער דערציילונג „דור הולך ודור בא", וואָס האָט צוגעצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די ליטע־ראַרישע קרייזן. אין 1905 האָט זיין דערציילונג „די משוגענע אין דאָרף" געמאַכט אַזאַ רושם, אַז איינער פון די דעמאָלט בעסטע פאַרלאַגן, „די וועלט" אין ווילנע, האָט אין 1907 אַרויס־געגעבן די דאָזיקע דערציילונג אין אַ סעפּאַראַט־אויסגאַבע.

דערמונטערט דורך די דאָזיקע דערפאָלגן, פאַרלאָזט ווייסנ־בערג זיין מלאכה און גיט זיך איינגאַנצן אָפּ דער ליטעראַטור. אין 1906 גיט ווייסנבערג אַרויס אַ גרעסערע דערציילונג „דאָס שטעטל", — אונטערן זעלבן טיטל, אונטער וועלכן אַש האָט מיט צוויי יאָר פריער געהאַט אַרויסגעגעבן זיין באַרימטע פּאָעמע וועגן יידישן פּאַטריאַרכאַלן שטעטל. ווייסנבערגס „שטעטל" איז דער פולער קעגנזאַץ צו אַשעס „שטעטל". אָנשטאָט אַשעס פּאַטריאַרכאַליש־גאַנצן שטעטל, גיט אונז ווייסנבערג דאָס בילד פון אַ יידישן שטעטל אין דער רוסישער אימפּעריע פון די יאָרן 1904־1905, ווען עס געפינט זיך אין סאַמע פּראָצעס פון איבער־פורעמונג. ווייסנבערג, וואָס האָט זיך, אַ דאַנק זיין דריי־יאָריקער אינטענסיווער ליטעראַרישער אַרבעט, אַרויסגערוקט אין די ערש־טע רייען פון דער יונגער ליטעראַרישער גוואַרדיע פון דער יידי־שער ליטעראַטור, וויל ווי באַטאָנען דורך זיין „שטעטל" זיין געוועט־קאַמף מיט אַשן, וואָס האָט זיך אויך, ווי ווייסנבערג, געפונען דאַן אין צענטער פון דער אויפמערקזאַמקייט פון אונזער ליטעראַרישער עפנטלעכער מיינונג.

ווייסנבערג און אַש זענען געווען די סאַמע בולטע טאַלאַנטן אין דער יידישער ליטעראַטור אָנהויב 20טן יאָרהונדערט. און הגם אַש האָט אָנגעהויבן זיין שריפטשטעלערישע קאַריערע מיט גאַנצע פיר יאָר פאַר ווייסנבערגן, און אין 1904, ווען ווייסנבערג האָט דעביוטירט, האָט שוין אַש געהאַט אויף זיין קאָנטאָ זיין „שטעטל" (אַ ווערק וואָס איז באַגעגנט געוואָרן מיט אַלגעמיינער אַנטציקונג), דאָך האָט ווייסנבערג אָנגעהויבן צו נעמען אויבער־האַנט איבער אַשן אין דער אָפּשאַצונג פון אונזער ליטעראַרישער קריטיק. אפילו בעל־מחשבות, דער ערשטער גרויסער, השפּעה־רייכסטער און הויך־טאַלאַנטירטער קריטיקער פון אונזער ליטע־ראַטור, אַ גרויסער אָנהענגער פון אַשעס „שטעטל", האָט גע־

שריבן וועגן ווייסנבערגן (אומגעפער אין 1909):

„ווייסנבערג איז אַ גרויס טאַלאַנט. אפשר די גרעסטע האָפנונג אונזערע"...

נישט דאָ איז דאָס אָרט פאַנאַנדערצוּוויקלען די פראַגע — און פּרוּוון זי צו לייזן, — פאַרוואָס די דאָזיקע גרעסטע האָפנונג איז נישט מקוים געוואָרן. איך וויל דאָ נאָר אָנווייזן קורץ אויף דעם, אַז גראָד די דאָזיקע ענטוזיאַסטישע האָפנונג האָט געשפּילט אַ גרויסע און טראַגישע ראָל אין ווייסנבערגס ביאָגראַפיע. באַפליגלט דורך דער אָנטציקונג פון יענעם בעל־מחשבות, וואָס פלעגט געפינען בייסיקע ווערטער אויף צו שטעמפּלען אַשעם גרויסע און בולטע חסרונות, האָט זיך ווייסנבערג איינגיכן געפונען פאַר אַ רעטעניש, וואָס ער האָט זי נישט געקאָנט לייזן: אַש, ביי וועמען אַלע האָבן — איינשטימיק — אָפּגעפּרעגט אַ דראַמאַטישן טאַלאַנט, האָט אָנגעהויבן צו באַקומען לאָרבערן אויף דער יידישער, פּוילישער, רוסישער און מערב־אייראָפּעאישע סצענעס, — בעת זיין, ווייסנבערגס, דראַמע „קנאה און תאווה" (סאַראַ מערדערישער טיטל!) האָט באַגעגנט אַן איינשטימיקע, ענטגילטיקע פאַראורטיילונג, הגם נאָך זיינע (ווייסנבערגס) ערשטע דראַמאַטישע סצענקעס, האָט מען אים פאַרויסגעזאָגט אַ גלענצנדיקע צוקונפט פון אַ דראַמאַטורג, ווי דעם איינציקן, וואָס באַהערשט דעם דראַמאַטישן דיאַלאָג אין דער יידישער ליטעראַטור. (אויך דער דיאַלאָג אין ווייסנבערגס פּראָזע־ווערק איז איינער פון די בעסטע אין דער יידישער ליטעראַטור; ער פירט אים מיט גרויס זיכערקייט).

און וואָס שייך דעם גרויסן ראָמאַן, איז ער געווען איבער ווייסנבערגס כוחות, בעת אַש האָט אויך אין דעם דאָזיקן געביט אָנגעהויבן צו פאַרנעמען אַן אָרט סיי ביי אונז, סיי אין אויסלאַנד.

אמת, סיי אַשעס דראַמעס, סיי זיינע ראָמאַנען זיינען נישט תמיד דורך אַלעמען געליבט געוואָרן, — פאַרקערט, מען האָט זיי אָפט שטאַרק קריטיקירט (סיי בעל־מחשבות, סיי ש. ניגער, וואָס האָט זיך דעמאָלט אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט פון דער יידישער ליטעראַטור־קריטיק, סיי אַנדערע), אָבער נישט געקוקט דערויף, איז אַשעס מאַטעריעלער און מאָראַלישער דערפאָלג גע־

וואקסן נישט מיט יעדן טאָג, נאָר מיט יעדער שעה, בעת ער, ווייסנבערג, איז צו שנעל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נישט אויסגערייפטן קלאַסיקער, — אין אַ שרייבער, וואָס גיט אָדער האָט געגעבן גרויסע האָפנונגען.

און די דאָזיקע, פאַר ווייסנבערגן אומלייזבאַרע רעטעניש, האָט אַרויסגערופן אין אים פאַרביטערונג און אים סטימולירט צו זיין דאָן־קיכאָטישן קאַמף קעגן דעם גרויסן אַשן און קעגן די קליינע „אַשעלעך" אין אונזער ליטעראַטור, און דאָס האָט שוין כמעט אינגאַנצן אָפּגעטויט ווייסנבערגס שפּעטערישן טאַלאַנט. געוויס, נישט די דאָזיקע פאַרביטערונג און נישט דער דאָזיקער קאַמף אַליין האָבן אָפּגעשוואַכט דעם טאַלאַנט פון דעם דאָזיקן „סאמאראדאק", — אָבער זיי האָבן נאָך מער פאַרטיפט די שפּעטערישע טראַגעדיע פון דעם דאָזיקן געבוירענעם וואָרט־קינסטלער, וואָס איז נישט גענוג אויסגעשטאַט געוואָרן דורך דער נאַטור (ווי אויך דורך אונזער אָרימער קולטור־סביבה) אין אינטעלעקטועלן זין.

ווייסנבערג איז בשעתו געווען איינער פון די געציילטע שרייבער (און אפשר דער איינציקער), וואָס זענען געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור פון די אונטערשטע שיכטן, נישט נאָר אָן אייראָפּעאישער, נאָר אויך אָן יידישער בילדונג. (כמעט אַלע יידישע שרייבער זענען געווען פאָרשטייער פון דער יידישער אינטעליגענץ.) און אַרויסגערוקט אויבנאָן אַ דאַנק דעם קינסטלערישן אינסטינקט, אָבער פאַרבליבן קולטורעל אָפּגעשטאַנען, האָט ווייסנבערג באַשלאָסן, אַז ער איז אַ קרבן פון אַ פאַרשווערונג מצד די אינטעליגענטן, וואָס גייען צום ציל נישט אַזוי מיטן טאַלאַנט, נאָר מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, מיט ביכערדיקן וויסן, פון הינטנאַרום — „שמור לי ואשמור לך". און ער איז אַרויסגעטראָטן אין קאַמף קעגן דער דאָזיקער אומגערעכטיקייט שוין נישט נאָר צוליב דעם געפיל פון אייגענעם באַוואוסטזיין, נאָר צוליב דעם געפיל פון באַליידיקט זיין פאַר דער געליבטער, דורך די אַשעס געשענדעטער ליטעראַטור, וווּ זיי זענען אַריינגעדרונגען נישט אַ דאַנק זייער טאַלאַנט, נאָר אַ דאַנק סוחרישע שפּיצלעך און חברישן „שאַכער־מאַכער".

דער דאָזיקער גרויסער קאַפּיטל אין ווייסנבערגס ביאָ־

גראפיע, — אַ קאַפּיטל, וואָס האָט געדויערט אַרום צוואַנציק יאָר און וואָס האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַ־טור אַ סך טומל צוליב גאָרנישט, פאַרשמירט אַ סך פּאַפּיר און — ווי אַן אויסנאַם · ־ געלאָזט עטלעכע צענדליק אויסגעצייכנטע פּאָלעמישע זייטלעך (אין ווייסנבערגס פּאַמפלעטן), — דער דאָ־זיקער קאַפּיטל האָט דאָ געקאָנט בלויז דערמאָנט, אָבער נישט דערציילט און אַנאַליזירט ווערן.

אין די לעצטע 20 יאָר פון זיין לעבן, — וואָס ווייסנבערג האָט זיי פאַרבראַכט אין גרויסער נויט, — האָט ווייסנבערג ווייניק געדרוקט; און הגם ער האָט אַרויסגעגעבן די ערשטע צוויי בענדער פון אַ צען־בענדיק ווערק „אין דער טיפער אייביקייט", ווי אויך דעם ראָמאַן „איבערגאַנג פון קינדהייט צו דערוואַק־סונג" (סאַראַ שווער־קריכנדיקער און שווער־צונגיקער טיטל!), דאָך ליגט ווייסנבערגס עיקרדיקע באַדייטונג אין ערשטן פעריאָד פון זיין שאַפן, אין זיינע בעסטע פּשוטע דערציילונגען, אין וועלכע ער האָט אָפּגעשפּיגלט שטיקלעך פון אונזער ווירקלעכ־קייט און ווו מיר געפינען די בעסטע איינגשאַפטן פון זיין אייגע־נעם וועלט־געפיל,—אַ וועלט־געפיל פון אַ אָן־ספקדיקן פיל־סטרו־ניקן וואָרט־קינסטלער.

* * *

ווייסנבערג האָט געקוקט אויפן יידישן לעבן מיט ריין־קינסטלערישע אויגן. אין דעם זע־פעלד פון זיין קינסטלערישן אויג פלעגן אַריינפאַלן קליינע אויסשניטן פון דער ענגער יידי־שער ווירקלעכקייט, — זיי פלעגן זיך אָבער אויספורעמען, אונ־טער זיין קינסטלערישן בליק, אין קליינע קרישטאָלן פון קונסט. די טעכניק פון די דערציילונגען זיינע איז נישט תמיד אָן פע־לערן, אָבער אפילו אין די שוואַכסטע פון זיי פילט זיך די זיכער־קייט און לייכטקייט פון אַ געבוירענעם וואָרט־קינסטלער, פון אַ געבוירענעם רייך־באַגאַבטן שרייבער מיט אַ ברייטן דיאַפּאַזאָן פון קינסטלערישע מיטלען. ווייסנבערג קאָן זיין גראָב־נאַטוראַ־ליסטיש, ווי אין דער דערציילונג „דער טאַטע מיט די בנים", און מילד, ליריש, ווי אין „די משוגענע אין דאָרף"; ווייסנבערג קאָן זיין הומאָריסטיש און איראָניש, ווי אין דער „מעשה מיט

אַ ציג" און אין פּרעכטיקן „חיים אהרן", און ער קאָן דערגרייכן עכטן טראַגיזם ווי אין „דער חוב" און אין „דור הולך ודור בא".

ווי אַ באַווייז פאַר וויסנבערגס קינסטלערישער פּילעוור־דיקייט קאָן דינען דער חוש פאַר מאָס, וואָס דער דאָזיקער „סאַ־מאַראַדאָק" (וואָס איז פאַרבליבן ביז צו לעצט אומבאַרירט דורך דער קולטור) ווייזט אַרויס אויף די סאַמע גליטשיקע שיפּועים פאַר אַ יידישן שרייבן פון אָנהויב 20טן יאָרהונדערט.

לאָמיר נעמען, למשל, די פאַר וויסנבערגס טאַלאַנט שטאַרק־כאַראַקטעריסטישע דערציילונגען: „דור הולך ודור בא" און „צום איידים אויף קעסט".

די יידישע ליטעראַטור איז געבוירן געוואָרן און האָט זיך אַנטוויקלט אין דער אַטמאָספער פון דעם קליינשטעטלדיקן יידישן לעבן מיט זיין אָרעמקייט און נידערגעשלאָגנקייט. מען קאָן זאָגן, אַז אָרעמקייט איז דער עיקרדיקער פּערסאָנאַזש פון דער יידישער ליטעראַטור, פּונקט ווי זי איז געווען דער עיקר־דיקער שטריך פונם לעבן פון יידישן שטעטל. וויסנבערגס סקיצן „קליינע שטעטלעך", — דאָס זענען אַ סטאַנדאַרט־ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור. אָריגינעל אין זיי איז נאָר זייער טאָן, זייער לירישע איראָניע, וואָס איז אייגן וויסנבערגן, אָבער די סקיצן גופא, דאַכט זיך אונז, זענען אין תוך אַ קאָפּיע פון מענ־דעלען, פון שלום עליכמ'ען און פון פּרצ'עס „רייזע־בילדער".

סוף ניינצנטן יאָרהונדערט, ווען עס איז אויפגעקומען די אַרבעטער־באַוועגונג אין יידישן לעבן, ווען עס איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג אין אונזער סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן, וואָס האָט אַריבערגעוואַנדערט פון שטעטל אין שטאָט אריין, ווען די שטעטלעך גופא האָבן אָנגעהויבן צו שמעקן מיטן אומרו פון שטאָט (ווי וויסנבערג האָט דאָס געוויזן אין זיין גרויסער דער־ציילונג „דאָס שטעטל"), — האָבן אונזערע שרייבער אָנגעהויבן לייגן אויפמערקזאַמקייט נישט נאָר אויף דער אָרעמקייט פון דער עקאָנאָמיש־באָדנלאָזער יידישער קליינשטעטלדיקער מאַסע, נאָר אויף דער אָרעמקייט פון אַ געוויסער שיכט פון דער יידישער באַפעלקערונג, פון די יידישע האָרעפּאַשנע מאַסן, פון די יידישע אַרבעטער. דער פּיאָנער אין דאָזיקן געביט איז געווען דוד פּינסקי, וואָס האָט דעביוטירט אין דער יידישער ליטעראַטור אין

1892, מיט גאַנצע צוועלף יאָר פאַר ווייסנבערגן.

איך קאָן דאָ נישט געבן קיין פולע אָפּשאַצונג פון פּינסקיס ווערק, — איך וויל דאָ בלויז אונטערשטרייכן דעם אונטערשייד צווישן זיינע אַרבעטער־דערציילונגען און ווייסנבערגס אויבן־אָנגערופענע דערציילונגען.

דער העלד פון ווייסנבערגס דערציילונג, „דור הולך ודור בא", נאָטע, וואָס זוכט אַרום דעם באַלעבאָס, כּדי צו באָרגן ביי אים געלט, וואָלט ביי אַנדערע פּראָלעטאַרישע שרייבער אריין אין שענק, ווו נאָטע געפינט סוף כּל סוף דעם באַלעבאָס, און מיר וואָלטן בייגעוווען ביי זעליקס גראָבן אָפּזאָג צו געבן דעם נויט־באַדערפטיקן אַרבעטער געלט אויף באָרג. עס בעט זיך דאָך ממש אַזאַ קאָנפראָנטאַציע צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל! דער אַרבעטער גייט אויס פאַר אַ גראָשן; דער באַלעבאָס זיצט אין שענק און וויל דעם הונגערנדיקן אַ גראָשן נישט באָרגן! אָבער ביי ווייסנבערגן פאַרפעלט נאָטען מוט אריינצוגיין און בעטן אין שענק ביים באַלעבאָס געלט. ביים באַלעבאָס אין שטוב אָדער אויף דער גאַס, וואָלט אים נאָך געווען געקלעקט דרייסטקייט דערצו, אָבער אריינגיין אין שענק, עפּנטלעך ריזיקירן צו באַקומען אַן אָפּזאָג, נאָך אַ גראָבן דערצו, דאָס קאָן נישט נאָטע.

„אריינגיין, צי נישט אריינגיין?" ער קלערט, אַז גלאַט אריינקומען, עמיצן זוכן, און גאָרנישט געבן צו לייזן, האָט גאָר קיין פּנים נישט. און צוריק גיין מיט וואָס ער איז געקומען, ווילט זיך אים אוודאי נישט. וואָס טוט מען?... וואָלט ער געהאַט כאָטש אַ פינף קאָפּיקעס, טראַכט ער, אומזיסט זוכנדיק אין ביידע וועסטל־קעשענעס. ווען ער האָט פינף קאָפּיקעס, וואָלט ער אריינגעקומען טרינקען אַ גלעזל ביר. און וואָלט אגב געוואָרפן אַ בליק אין איין שטוב, אין דער צווייטער, ביז ער וואָלט'ן דערטאַפּט. נאָר טו עפּעס אָן אַ גראָשן ביי דער נשמה. אַזוי פּאַסט נישט... ער וועט זיך אומזיסט נאָך איינריסן דאָס פּנים... איז ער אפילו דאָ, זיצט ער נישט אליין, זיצט ער מיט אַ גאַרבער, און שמועסט וועגן יוכטן, צי מיט אַ סוחר, און רעדט וועגן עקספּעדיציע. „נו, — טראַכט ער טרויעריק, — וועל איך... נאַטע... צוגיין גלאַט פון דער העלער הויט: זעליק, איך דאַרף געלט... ניין! עס פּאַסט נישט". און נאָך אַ לאַנגן ישוב ביי דער

טיר פון שענק, האָט ער זיך איבערגעדרייט און צוריק אהיים געגאַנגען".

נישט ווייסנבערג האָט דאָ געזוכט דעם קלאַסנקאָנפליקט, און נישט ער וויל דאָ באַטאָנען די הכנעהדיקייט פונם אַרבע־טער. ער שילדערט בלויז אַ פּסיכאָלאָגישן צושטאַנד פון אַ מענטשן.

ביי פּינסקין, למשל, ביי וועמען די אַרבעטער־דערציילונגען זענען געווען אַן אידעאָלאָגיש געווער אין קאַמף, וואָלט זעליק זיך געווען אָפּגעזאָגט צו געבן זעקס רובל אויף נאָטעס לוויה־הוצאות (כדי צו באַטאָנען בולטער דעם קלאַסנקאַמף צווישן די זעליקס און די נאָטעס), אָבער ביי ווייסנבערגן ווערט אפילו זע־ליקס ווייב מילדער און זי גיט בלויז אַ צי זעליקן פאַרן אַרבל, אַזאַ מין שטומע בקשה, נישט צו געבן, אַ סימבאָלישער אָפּוועך, ווייל אָפּן נישט לאָזן געבן אויף תכריכים קאָן נישט דאָס קליינשטעטלדיקע ווייבל. און ווען נאָטעס חברים, — וואָס זענען געקומען צו זעליקן בעטן געלט אויף צו באַגראָבן זייער חבר נאָטע, זעליקס אַרבעטער, — גייען אַוועק מיט די זעקס רובל, זאָגט זעליק (און דאָס אויך מער כדי צו באַרואיקן דאָס ווייבל, הגם פאַקטיש וועט עס טאַקע אַזוי זיין), אַז חיים, נאָטעס זון, וועט אָפּאַרבעטן פאַר די זעקס רובל — „דור הולך ודור בא".

ביי די טיפּישע דערציילער פון קלאַסנקאַמף אין יידישן לעבן, וואָלט די דערציילונג געווען צוגעשפּיצט געוואָרן אויס־סערלעך, אין דער פאָרם פון צוזאַמענשטויסן: נאָטע גייט אריין אין שענק און באַקומט נישט קיין הלוואה; נאָטעס חברים קומען צו זעליקן אין שטוב בעטן אַן הלוואה אויף נאָטעס לוויה־הוצאות און דאָס ווייב לאָזט זעליקן נישט געבן קיין געלט; ביי ווייסנבערגן האָט זיך די דערציילונג צוגעשפּיצט אינערלעך, אין דער פאָרם פון אַ פּסיכאָלאָגישער דערדריקטקייט: נאָטעס אָרעמ־קייט צעפּרעסט אים אינערלעך, ער האָט שוין גאָר נישט קיין מוט אריינצוגיין בעטן אַן הלוואה, הגם ער זוכט אַרום דעם באַלעבאָס און ער געפינט אים סוף־כל־סוף אין שענק.

די פּראָלעטאַרישע שרייבער וואָלט זיך געוועזן גע־דאַכט, אַז די דערציילונג ווערט שטאַרקער אַ דאַנק דעם מער בולטן אונטערשטרייכן די עוולות און די אכזריותן; ווייסנבערגן,

מיט זיין דינעם געפיל פון מאָס, איז אינסטינקטיוו געווען קלאָר, אַז נאָטעס טראַגעדיע וועט בולט ווערן נישט אַזוי דורך זעליקס צו גרויסער אכזריות, ווי גראַד דורך דער גרויסער דערדריקטקייט פון זיין פּסיכישן צושטאַנד. די שטילע טענער פון ווייסנבערגס דאָזיקער דערציילונג שרייען העכער, ווי די געשרייען פון די געשווירענע פּראָלעטאַרישע שרייבער; מיר זעען און שפּירן נאָטעס טיפּער און אינטימער.

און ווי גוט עס האַרמאָנירן די דאָזיקע שטילע טענער פון סאָציאַלער פּיין מיט דער ליריק פון נאָטעס פאַמיליע־סצענעס!

און ווי גוט עס איז, וואָס נאָטע גייט נישט אַוועק אין לעצטן טאָג פון זיין לעבן אָן פרישטיק (ווי דאָס וואָלט געטאָן נישט איין „סאָציאַלער" שרייבער ביי אונז); און ווי גוט, וואָס די געבעקס־הענדלערקע זאָגט זיך נישט אָפּ צו געבן נאָטעס פּרוו, מרים, קרעדיט, — פאַרקערט, זי רופט זי אליין צו און גיט איר נאָך אַ קאָמפּלימענט. די דאָזיקע שטילע סצענע, מרים'ס אומזיכערקייט (און אַן אומזיסטע אומזיכערקייט!) שילדערט איר לעבנס־טראַגעדיע בעסער, שטאַרקער און — דער עיקר! — אינטים־איבערצייגנדיקער, ווי דאָס וואָלט געווען געטאָן דער גראָבער אָפּזאָג פון דער הענדלערקע.

„נאָר באָרגן און באָרגן — טראַכט זי — פון אויפשטיין ביזן שלאָפּן. עס איז איר שווער אַזוי באַגינען צו נעמען אויף באָרג... זי שטעלט זיך אָפּ נישט ווייט פון טישל און קלערט: זאָל זי צוגיין, פילט זי, אַז דאָס בלוט פאַלט איר צו די פּיס פאַר שרעק, טאָמער זאָגט מען איר אָפּ, און צוריק אהיימגיין מיט ליידיקע הענט איז איר אַ ווייטאָק.... זיי (חיימ'ל און דער מאַן) וועלן דאָך אַוועקגיין צו דער אַרבעט אום (אָן) איבערצוביסן. איידער זי האָט דען ישוב, האָט זיך די בעקערין גראַד אומגעקוקט, און האָט זי דערזען — „וואָס שטייסטו דאָרט מרים? קום אַהער!" האָט זי גערופּן. מרים איז צוגעגאַנגען, שפּירנדיק, אַז אירע אויגן ציען זיך צו דער ערד. נאָר זי האָט זיך געשטאַרקט אָנצוקוקן די בעקערין אין פּנים אריין. „גוט מאָרגן!". „גוט מאָרגן, גוט יאָר!". „איך האָב קיין האַרץ געהאַט צו זאָגן אייך"... האָט מרים פאַרשעמט אַרויסגערעדט. „נו, נו, ס'שאַדט נישט!" האָט די בעקערין געטרייסט. „זאָל דיר וויל באַקומען. וואָלט

איך אַזאַ דאגה געהאַט מיט די חובות ביי היגע שיינע בעל־הביתטעס, ווי איך האָב אַ דאגה מיט דיין חוב!".

„מרים'ען איז אַ שטיין אַראָפּ פון האַרץ...

„אַ גליקלעכע איז מרים אַהיים געקומען. אויף נאָטעס געזיכט האָט זיך אויך באַוויזן אַ שוואַכער שיין פון אַ שמייכל, דערזעענדיק, אַז זי טראָגט עפּעס אין פאַרטוך... זי ציילט די פּלעצלעך אַרויס אויפן טיש, און ער ווערט צוריק ערנסט און פאַרטראַכט: „זי האָט נישט פאַרמאָגט דערויף, ווייטער זיך דאָס פּנים פאַרשוואַרצט..." און ער פילט זיך זינדיק קעגן איר... זי איז געזעסן אויפן בעט און קוקט אויף אים. זי זעט, ווי בלאַס, ווי „טויט" ער זעט אויס, און איר האַרץ גייט אָפּ און דערפילט זיך מיט גרויס רחמנות אויף איר אויסגעמאַטערטן מאַן"...

לייענט מען די סצענעס מיט דער הענדלערקע און דערנאָך דעם לעצטן פרישטיק אין שטוב, גיט מען אַ טראַכט: אָט דאָס איז באמת די לעצטע סעודה, אַ טרויעריקע, אָבער נישט לויטן נייעם, „סאָציאַלן", שאַבלאָן.

ווען מען דערמאָנט זיך, אַז „דור הולך ודור בא" איז וויסנבערגס דעביוט אין אונזער ליטעראַטור, ווערט קלאָר, וואָס פאַר אַן אייגנאַרטיקן, זיכערן קינסטלערישן טאַלאַנט עס האָט פאַרמאָגט אָט־דער נישט געבילדעטער אַרבעטער. אים האָט אינטערעסירט נישט דאָס, וואָס דאָס יאָר 1904 האָט פאַרלאַנגט, נאָר דאָס, וואָס עס האָבן פאַרלאַנגט די פילעוודיקע, דורכן לעבן איבערגעשראָקענע נשמות פון נאָטע און מרים.

מיטן זעלבן שטילן, שוויַיגעוודיקן פּאַטאָס פון לײדן זענען פול די בעסטע שטעלן פון דער דערציילונג „צום אײדים אויף קעסט", הגם דאָ ווערט שוין אַריינגעטריפט די גראָבע וויַיבערשע שלעכטקייט, וואָס וויסנבערג האָט זי אַזויפיל מאָל באַשריבן און וואָס איר האָט ער אָפּגעגעבן אַ גאַנצע דערציילונג — „אַ שלעכטע פרוי". די שרעק פון קראַנק געוואָרענעם מנשה צו קוקן דערווירקלעכקייט אין די אויגן (ווייל די דאָזיקע ווירקלעכקייט באַדייט פאַר אים אַ תהום פון אַרבעטלאָזיקייט און הונגער), און די שטילע סצענע פונם אַרויספאָר צום אײדעם אויף קעסט, ווי צום בית־עולם, זענען פול מיט קינסטלערישער קראַפט. באַזונדערס די נסיעה צום אײדעם, ווען מנחם ווערט שוין פאַרוואַנדלט

אין אַ שטיקל טויטע זאַך, צווישן דעם גאַנצן איבעריקן טויטן אינווענטאַר.

אָט ווי די סצענע הויבט זיך אָן און וואַקסט אָן:

„ אָ, וואַ, וואַ!... — האָט זיך ביינישׁ (דער בעל־עגלה. י. ר.) געוווּנדערט — צוגעוואָרפן דעם אויפגאַב... און וווּהין וועט מען אצינד פאַרפאָרן... אויף יענער דירה איז שוין אויך אָנגעהאַנגען אַ שלעסל.

„אַלע דריי זענען געשטאַנען ביי דער פור פאַרגליווערטע.

„דערווייל האָט אָנגעהויבן נאַכט צו ווערן. דער הימל איז ווי מיט אַ גראָען שימל פאַרקראָכן, אַ דין רעגנדל האָט אָנגעהויבן צו טריפן אויף די שטיינער פון ברוק. די ערד ווערט וואָס אַמאָל נאַסער, פינצטערער, די דעכער שוואַרצער... אַלץ, פון הימל ביז דער ערד, האָט זיך איינגעהילט אין אַ נאַסער ברודיקייט, אין אַ שווערן אומעט.

„יידן מיט אויפגעשטעלטע קעלנער און אריינגעלאָזטע קעפּ צווישן די אָרעמס, מיט פאַרשטעקטע הענט אין די אַרבלען האָבן זיך בלאָס שווייגנדיק געשאַרט אין דער בית־מדרש־גאַס אריין".

ווי אַ לוויה־באַשרייבונג.

אַ לוויה, וואָס האָט נישט וווּהין דעם מת אוועקצופירן: פון איין דירה אַרויס, די צווייטע איז פאַרקלאַפּט, — מען לאָזט „נישט אריין די קבצנים".

„אין די פענצטער האָבן זיך איינציקווייז אָנגעהויבן צו באַווייזן פייערלעך, אַרויסשטראַלנדיק מיט אַן אומעטיק רויטער ליכטיקייט אין דער פייכטער נעפּלדיקער לופט, און מנחם מיט פריידען און ביינושן זענען נאָך אַלץ געשטאַנען פאַרזונקען ביי דער פור זאַכן...

„וואָס וועט ווערן? — האָט ביינוש געפרעגט, אויפהויבנ־דיק זיין אומעטיק שטילן בליק אויף פריידען...

„זאָל זיין ווי גאָטס ווילן, פאָר צו דער טאָכטער...

„דער וואָגן האָט זיך אַ ריר געטאָן, און פריידע מיט מנחמ'ען זענען נאָכגעגאַנגען הינטן, מיט שווער אַראָפּגעזונקענע קעפּ, איינגעשרומפּן, ווי נאָך אַ לוויה (נאָך דער אייגענער לוויה, — י. ר.) און די פור האָט זיך געשאָקלט און געשאָקלט".

און אָט קומט די לעצטע סצענע, וואָס פאַרוואַנדלט מנחמ'ען אין אַ שטיקל טויטן אינווענטאַר:

„אונטער דער שטאָט ערשט האָט פריידע באַמערקט, ווי מנחם צאַנקט אין טריט, נאָר אונטערצוברעכן זיך און אומצו־פאַלן. זי האָט געהייסן ביינושן בלייבן שטיין...

„קריך אַרויף!... האָט פריידע געהייסן מנחמ'ען און גע־האָלפן אים זיך אַרויפזעצן. און טיף האָט ער זיך אַריינגערוקט מיט די פּלייצעס אונטער די הויך אָנגעלאָדענע זאַכן און מיט די פיס אונטער זיך...

„צום איידעם אויף קעסט"..., — האָט אים פריידע צו־געשאָקלט מיטן קאָפּ.

„מנחם האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און דער וואָגן האָט זיך ווייטער געריִרט. דאָס טישל מיט די פיס אַרויף האָט זיך געהוידעט אַ גאַנצן וועג איבער זיין קאָפּ. די רעדער האָבן צוגע־סקריפּעט, די כלים, טעפּ, שיסלען האָבן הילכיק אויסגעקלונגען פון דער מיט אַרויס, און מנחמ'ס געל פּנים און דער שטערן האָבן זיך געקנייטשט: „צום איידעם אויף קעסט"...

נאָך די דאָזיקע לירישע, מיט טיפן געמיט אָנגעפילטע דערציילונגען, איבעראַשט אונז אויפן ערשטן בליק אַזאַ דער־ציילונג, ווי „דער טאַטע מיט די בנים", וואָס איז אַ מוסטער פון עקסטרעמען נאַטוראַליזם.

די דאָזיקע דערציילונג האָט בשעתו אַרויסגערופן אַ סענ־סאַציע אין אונזער ליטעראַטור. ערשטנס, האָט זי איבעראַשט מיטן נייעם טיפּ יידן, וואָס וויסנבערג מאָלט דאָרטן, — יידן מיט לגמרי טעמפּע קעפּ, אָבער דערפאַר מיט קערפּערס, וואָס זענען פול מיט כוחות, און מיט קינדישע נשמות, אָדער ריכטי־קער: מיט נשמות פון קינדישע ווילדע. און צווייטנס, האָט זי איבעראַשט מיט דער פּלאַסטישקייט פון איר פאָרם. ערטערווייז דאַכט זיך אונז, אַז די דאָזיקע דערציילונג איז נישט אָנגעשריבן, נאָר אויסגעהאַקט פון שטיין.

וועלנדיק ברענגען אַ ציטאַט, האָט זיך ממש געגלוסט ציטירן אַ בילד נאָך אַ בילד. ביז איך האָב אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און באַשלאָסן צו געבן די ערשטע שורות, אויף וועלכע די אויגן וועלן פאַלן:

„און אזוי גייענדיק מאכט ער וואס אמאל גרעבערע שפּרייזן, שאכנדיק מיט די כאליאוועס אָן די פּאלעס (אונטער־געשטראָכן דורך מיר. — י. ר.), און ווען ער שטעלט זיך נאָך אָפּ אַ מינוט אויפן גראָז ביי דער זייט וועג און ווארפט די שטיוול אראָפּ פון זיך — דעמאָלט לויפט שוין משה'לע אונטער־טאַנצנדיק אַ גאנצן וועג אויף דעם צעקאַליעטשעטן פוס — און קאָן אים דעם גאנצן וועג נישט דערכאַפּן, ביז זיי ווערן פארשוווּנדן ווייט איבערן פעלד אוועק..."

אַ גרופּע, אויסגעהאַקט פון שטיין...

סיי די דאָזיקע פּלאַסטישקייט, סיי דער דאָזיקער נאַטוראַ־ליזם זענען געווען נאָך ניי אין אונזער ליטעראַטור, און וייסנ־בערג איז אַ לאַנגע צייט געווען פאר אַ סך — דער מחבר פון „דער טאטע מיט די בנים", הגם לויט דער הארציקייט פון טאָן און דער פּסיכאָלאָגישער טיפקייט שטייט „דור הולך ודור בא" אַ סך העכער פאר „דער טאַטע מיט די בנים"; די דאָזיקע לעצטע דערציילונג איז אינטערעסאַנטער פון ליטעראריש־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט: ווי אַזוי האָט אויסגעזען אונזער ליטעראַטור אין 1904, ווען מיט אַזאַ דערציילונג האָט מען נישט נאָר געקאָנט פארנעמען אַ בכבודיק אָרט אין אונזער ליטעראַטור, נאָר אויך זי (די ליטעראַטור אונזערע) איבערראַשן...

אָבער דערביי מוז מען אויפמערקזאַם מאַכן אויפן פאָלגנ־דיקן: אפילו אין דעם דאָזיקן מוסטער פון נאַטוראַליזם האָט וויסנבערג אריינגעטריפט ליריזם און צארטקייט, הגם פון אַ ספּעציפישן, כמעט שטומען מין. מען מוז לייגן אכט אויף דער ליבע פון דעם דאָזיקן שלמה דער גראָבער קאָפּ צו קינדער־יינגלעך. ער ווערט אומגעלומפּערט־צאַרט ביים גערעדנק וועגן געבוירענעם זון און פארלירט די מאַכט איבער זיך ביי דער ידיעה וועגן צווייטן פארלאָרענעם זון.

„אַ יינגל? צעגיסט זיך אים אַ ליכטיקער שמייכל איבערן גאנצן פּנים. משה'לע ברוטאַן כאַפּט באַלד אונטער, אונטער־טאַנצנדיק:

— וועט זיין אַ שלום־זכר, וועל איך האָבן אַ פולן קויש אַרבעס!...

„— שאַ, דו בענקאַרט! די מאַמע שלאָפט. — טוט אים דער טאַטע אַ שטורך".

און מען דאַרף אויך באַטאָנען דעם טרוים פון משה'לע ברוטאַן, בעת ער גייט אין וועג:

„...ער (וועט) געבן אַ קוק אַריין צו זיין מאַמען חנה־לאה'ן. וועט געבן אַ וואָרף אַראָפּ דאָס זעקל פון זיך, און געבן איר אַ גיב אַוועק אַ גאַנץ פּינפּער־קערבל, אַ חוץ אַ „קאַלענדע", וואָס ער האָט אין זעקל געבראַכט: אָט־אָ־דאָ האָסט דו — נאַ מאַמע!... — וועט ער איר געבן אַ זאָג: — אָט־אָ־דאָס האָב איך פאַרדינט, און אָט־דאָס נאַדיר!..."

וויפל צאַרטקייט עס איז דאָ אינם טרוים פון דאָזיקן גראָבן יונגן!

היינט דער רשע, פּנחס'ל, דער צווייטער זון? ווען ער גיט אַ געשריי ביים רב, בעת שלמה דער גראָבער קאָפּ וויל אָפּגטן דאָס ווייב:

— „דו וועסט גטן מיין מאַמען? — טוט ער אַ קנאַק מיט אַ פויסט אין טיש אַריין — אהיים, וואָרום איך האַק דיר אַ זייט אונטער..."

אויך אין גראָבקייט קאָן זיין צאַרטקייט.

נישט אומזיסט קוקט דערנאָך די מוטער אויפן דאָזיקן רשע מיט גאָר אַנדערע אויגן.

„חנה לאה (האָט זיך) פאַרקוקט מיט ליכטיקע אויגן אויף די צוויי זין, זי ווייסט אליין נישט, עפּעס פּנחס'ל איז איר גאָר ליבער געוואָרן. און זי האָט אליין נישט געפילט, ווי אַ טרער האָט זיך איר אַראָפּגעקייקלט איבער דער באַק און אַריין אין שיסעלע באַבעלעך מיט יויך".

אין דער דאָזיקער גראָבער סביבה נעמט דורך אויך די גראָבע צערטלעכקייט מיט גייסטיקער וואַרעמקייט.

וויסנבערג, וואָס איז אליין אויפגעשטיגן פון די אונטער־שטע שיכטן פון אונזער לעבן, מאָלט אפילו די גראָבע ווירק־לעכקייט אונזערע מיט אַ באַזונדער צאַרטקייט. און גראָד אין דעם־אָ באַשטייט איינער פון די כאַראַקטעריסטישסטע שטריכן פון וויסנבערגן דעם קינסטלער: ער קאָן פון דער צאַרטסטער ליריק אַריבערגיין צום גרעבסטן נאַטוראַליזם, אָבער אויך אין

דעם דאָזיקן גראָבן געפינט ער אויפבליצן פון צאַרטקייט, און אַמאָל אויך אירע לעבעדיקע קוואַלן, ווי, למשל, אין „די משוגע־נע אין דאָרף". ווי צאַרט עס איז דער גראָבער בעל־עגלה פון דער דערמאָנטער דערציילונג!

דאָס בעסטע, וואָס מען קאָן זאָגן וועגן דער־אָ דערציילונג, איז דאָס, אַז זי איז נישט קיין באַנאַלע דערציילונג וועגן ליבע. דאָס איז אַ פּשוטע געשיכטע וועגן דער ליבע פון פּראָסטע מענטשן, — אַ ליבע, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט טראַגיש אויפן סאַמע פּראָסטן, באַנאַלסטן יידישלעכסטן אופן, און סיי די דאָזיקע געשיכטע פון ליבע, סיי די דאָזיקע טראַגעדיע רירן אונז נאָך היינט, מיט פינף און פערציק יאָר שפּעטער נאָך איר דער־שיינען אין דרוק (אין 1905). דער דאָזיקער בעל־עגלה איז אַ שטומע, אָבער אַן ערלעכע נשמה, וואָס ווייסט נישט פון קיין חכמות, אפילו אַ צאַרטע (אויף איר אַרט), און אָן שום ספק אַן אדעליקע. און אונטער דער ווירקונג פון ליבע ווערט ער אַזוי שפּירבאַר, אַז ווען די האַנט פון געליבטן מיידל גלעט זיין פערד איבערן רוקן, שפּירט ער אַ ליבע־ציטער אויף זיין אייגענער פּלייצע.

„שטעלט אייך פאָר: דאָ, למשל, שטייט מיין פערד, פלעגט זי טיילמאָל צוגיין, געבן עס אַ גלעט איבערן רוקן... דאַכט זיך דאָך אַ תענוג, אַז אַ פרעמדער... גלעט מיין פערד? נאָר צו־פיל... און איך האָב אַזש נישט געקאָנט קוקן... די אויגן ווילן זיך עפּעס צומאַכן פאַר גוטסקייט, דריי איך מיך אַוועק און מאַך מיך גאָר קוקן אויפן דאַך... כאָטש עס העלפט נישט, ווייל הינ־טער די פּלייצעס, ווייס איך, גלעט זי מיין פערד... און אַ ווייך, וואַרעם ווינטל, פיל איך, גייט אַדורך אין די ביינער, גלייך נישט דאָס פערד, נאָר מיך גלעט זי דאָס אויפן גאַלן לייב".

און די טרערן פון דעם דאָזיקן גיבור, ווען ער וויינט צוזאַ־מען מיטן געליבטן מיידל, הערנדיק די טרויעריקע געשיכטע וועגן איר מוטערס פּלאַן זי חתונה צו מאַכן מיטן פאַראַלמנטן שוואָ־גער, ווירקן נישט אויף אונז צעקראָכן־סענטימענטאַל, נאָר טראַ־גיש: ער האָט מורא פאַרן שטומען פאַרוואורף פון זיין עלטערער שוועסטער ביים פּלוצימדיקן באַווייזן זיך מיט דער כלה (זי בעט אים, ער זאָל זי צונעמען צו זיך אהיים, כדי צו צעשטערן איר

מוטערס פּלאַן), ער האָט מורא פאַר מענטשלעכער רכילות, אויב ער וועט אוועקפירן דאָס געליבטע מיידל תיכף־ומיד, — דער דאָזיקער בעל־עגלה געהערט צו יענע פּראָסטע יידן, וואָס זענען נישט שטאַרק אין תורה, וואָס זענען נישט באַזונדערס פרום אין טראַדיציאָנעלן זין, אָבער מיט זייערע מאָראַלישע וואָרצלען זענען זיי טיף פאַרוואָקסן אין פאָלקס־עטאָס, אין ספּעציפישן באָדן פון דער פאָלקס־עטיק, און אין די וויכטיקסטע מאָמענטן לעבן זיי לויט איר, זיי אָטעמען מיט איר. ער איז אויפגערעגט פון דעם פּלאַן פון זיין געליבטער מיידלס מוטער, ער וועט אָבער נישט גיין קעגן די כללים פון אנשטענדיקער אויפפירונג, ווי זיי זענען אָנגענומען ביים פאָלק, ווי זיי זענען איינגעוואָרצלט אין אים גופא, נישט ווייניקער ווי אינם פאָלקס־קאָלעקטיוו. און אפילו דאַן, ווען זיין געזונט בלוט ווערט אָנגעצונדן ביים אָנבליק פון דער עוולה, וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן זיין געליבט מיידל, און ער איז גרייט צו טויטן דעם מאַן (דעם שוואָגער) פון גע־ליבטן מיידל, וואָס איז משוגע געוואָרן, געפינענדיק זיך אין דער מאַכט פון אומגעצוימטן צאָרן און פון אומגעצוימטער פאַראַכ־טונג צו דעם דאָזיקן רויבער און שענדער פון זיין גליק („אַ מענטש איז דאָס? — שמייכלט ער ווילד — אַ ווייך שוועמל, וואָס צעקוועטשט זיך אין דער האַנט!... אַ בלעטל, וואָס ציטערט פון מינדסטן שאָקל!"), — אפילו דעמאָלט איז גענוג בלויז צו דערמאָנען אים, אַז יענער איז — דער מאַן, ער זאָל זיך באַרויִקן:

„זיין ווייב, זיין ווייב! — זיפצט ער אָפּ, אוועקמאַכנדיק מיט דער האַנט, — פאַרפאַלן... לאָזט מיך אָפּ. איך בין שוין רויִק. אַז זי איז זיין ווייב, לאָזט זשע מיך אַרויס צו מיין פערד..."

קעגן רעכט וועט ער נישט גיין, — אפילו קעגן אַזאַ רעכט, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן דורך כיטרעקייט.

אין דער דאָזיקער דערציילונג איז ווייסנבערגס ליריזם געכפּלט אויף זיין דראַמאַטישער לײדנשאַפטלעכקייט: די סצענע צווישן דער מוטער, דער טאָכטער, דעם מאַן און דעם בעל־עגלה איז דראַמאַטיש שטאַרק, פול מיט העכסטן, כמעט סצענישן טראַ־גיזם. און אויך דאָ האַלט זיך דער יונגער, אומגעבילדעטער שריי־

בער אויף דער הויך פון זיין קינסטלערישן געפיל פון מאַס.

דער אריינפיר צו דער גרויליקער סצענע איז ווי אַ מחבר־שער רעמאַרק אין אַ פּיעסע.

„אַ בעטל מיט צוויי שלאָפנדיקע קינדער, אויבנאָן שטייט אַ טיש מיט צוויי בעטן, איינס קעגן אַנדערן, שטייענדיק ביי די קאַלעך־געווייסטע ווענט. אין איינס זעט זיך פון הינטערן איבער־בעט, צוגעדעקט ביזן האַלז, אַ בלאַסלעך פּנים מיט אַ שוואַרץ בערדל און אַ קאַפּל אויפן קאָפּ, ביי וועלכן די אויגן קוקן שטיל צום צווייטן בעט, וווּ אַ יונג ווייבל, מיט אַ געשטריקט ווייס קאַפּקעלע אויפן קאָפּ, ליגט, דאָס איבערבעט האַלב־אָפּגעדעקט און דאָס פּנים איז ווייסער פאַרן העמד. אָן בעט אָנגעשפּאַרט שטייט פּעסעלע און קוקט אויף דעם ווייבל מיט רחמנות־בעטנ־דיקע אויגן”.

און די סצענע גופא איז ווי אַן איבערדערציילונג פון אַ דראַמע, — אָבער אַן איבערדערציילונג וואָס האָט נישט פאַר־לאָרן די דראַמאַטישע מעלות.

„ווי לאַנג איז דער שיעור זיך נאַריש צו מאַכן? — טענהט פּעסעלע כמעט וויינענדיק — וויניק נאָך דער מאַמעס בלוט פאַרגאָסן?

„דאָס ווייבל שווייגט און קוקט טרויעריק אויף דעם ברע־נענדיקן לעמפּל, וואָס שטייט אויפן טיש, נעבן אַן אָפן ספר.

„זע! — זאָגט ווידער פּעסעלע — אַ מאַמע וויל נישט קיין שלעכטס, זי וויל נאָר, זאָלסט זיך נישט מאַכן קינדעריש, אדרבא, ווו נאָך פירט זיך אַזוי אַ ייִדיש קינד? שוין אַכט וואָכן, אַכט באַ־שריגענע וואָכן פון דער חתונה, ווײ צו מיר... ביזט חלילה אַרויס פון יידישן דת... פון איינמאָל אויפהאַלטן... ווערט באַשאַפן אַ משחית. און ווייסטו וואָס משחיתים און מחבלים זענען? אַ משחית פאַרברענט, פאַרברענט און באַשאַפט! הערסט, מרשעת, הערסט! פאַרברענט ווידער און באַשאַפט ווידער און טוט אַ שליידער אין כף־הקלע אריין, אין כף־הקלע אריין, הערסט ווי דו וועסט אַ שוואַרצן סוף האָבן, קיין שום תקומה!...

דאָ האָט די טאָכטער מיט האַס אַ קוק געטאָן אויף דער מו־טער און אַ כאַפּ געטאָן דאָס איבערבעט איבערן קאָפּ. די מוטער

פאַרברעכט די הענט, און אויפהויבנדיק די אויגן צום בעליק קנייטשט זי דאָס פּנים ווייטיקלעך:

„רבונו של עולם..., וואָס איז מיר צוהאַנגעקומען? יענע טאָכטער צוגענומען און מיך געלאָזט. נעם מיך שוין צו, ווי כ׳האָב נאָר אַ זכות!... נעם, נעם, טאָכטער, — רייסט זי איר אַראָפּ דאָס איבערבעט פון פּנים, — נעם דער מאַמעס האַרץ, לייג עס אויף ברענענדיקע קוילן, וועט עס שוין נישט געפּייניקט ווערן אַזויפיל!

„די טאָכטער באַהאַלט צוריק דאָס פּנים אין איבערבעט... דער מוטערס אויגן בלישטשען אויף מיט אַ פייערל, זי רייסט אַראָפּ דאָס איבערבעט צו דער ערד און נעמט לויפן איבער דער שטוב אויף און אָפּ...

„— הולטייקע! אונטער מיין דאַך זאָל אַזאַ זינד נישט גע־ברענגט ווערן, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, לעב אָדער שטאַרב!... זי — — — כאַפּט אַ שטריק.... און לויפט צוריק צו דער טאָכ־טער, ווו זי ליגט איינגעקאָרטשעט און טוליעט איין די נאַקעטע פיס הינטערן העמד...

„אַלטע קליפּה!... — מורמלט שטיל די טאָכטער און וויל כאַפּן דעם שטריק...

— „קליפּה? אַט האָסטו אַ קליפּה!... לאָזט זי איר אַראָפּ אַ רים מיטן טרוקענעם שטריק איבערן ווייכן לייב.

„דער יונגערמאַן אין בעט קעגנאיבער האָט אַ ציטער־געטאָן אין דער רגע, גלייך דער שטריק וואָלט זיך אים אין זיין לייב איינגעשניטן, נאָר אָט דערהערט ער דעם ווייבלס יאָמערלעכן געשריי... און זיינע אויגן און בלאַס פּנים פלאַמען אויף מיט אַ ווילדער נקמה.

— „זאָל זי וויסן וואָס הייסט עקשנות!...

— „נו, עפּעס גוט געווען?... קוקט זי אויף דער טאָכטער מיט נקמה־שמייכלענדיקע גיפטיקע בליקן — עפּעס גוט, האַ, ווי מיינסטו?...

— „דערהרגע מיך!...

— „טאַקע אַזוי! אַזוי... אַזוי...

— „געוואַלט, געוואַלט!"

דאָ רייסט זיך אַרויף אויף דער סצענע יאָסל, דער בעל־עגלה;

„דבורה! — דונערט זיין קול — האָסט זיך געהייסן הרג־ענען? וועמען טוסטו אָפּ, דיין מאַמען? זי וועט דיך באַדויערן נאָכן טויט, מיינסטו?...

„דו שייגעץ, לאָבוס! — שפּרינגט אַרויס פון צווייטן בעט דער יונגערמאַן אין די בלויזע גאַטקעס, ווילד און די פּאות צעפּלאָשעט פאַר שרעק... — דו מחוצף, ביי מיר אין שטוב?...

— „ביי דיר, — שפּרינגט יאָסל צו אים צו, אַריינהאַקנדיק, איינע נאָך די אַנדערע, ביידע פויסטן אין פּנים אַריין, און דער יונגערמאַן פאַלט אויף דער ערד, פאַרגאָסן אין בלוט.

— „רוצח! — שרייט פעסעלע...

„נאָר יאָסל הערט נישט... רעדנדיק צום ליגנדיקן:

— „נו, וואָס ליגסטו?... דאָס שעפעלע איז געבונדן, גיי צו, שעכט!... אָ, וואַרט... גיכער וועסטו געטויט ווערן!...

— „וואָס טוט איר?

— „איך טויט!".

די דערציילונג „דער חוב" געהערט צו ווייסנבערגס יענע דער־ציילונגען, ווו דער טראָפּ געפינט זיך אויף זיינע טראַגישע מאָטיוון.

אויב די דערציילונגען „דור הולך ודור בא" און „די משו־געגנע אין דאָרף" זענען אָנגעלאָדן ביז די ראַנדן מיט ליריזם, מיט לידער אין פּראָזע, איז „דער חוב" פול מיט דראַמאַטישער האַנדלונג — די דאָזיקע דערציילונג בעט זיך ממש אויף דער סצענע. (דער טראַגיזם פון „דער משוגענער אין דאָרף" הויבט זיך אויף פון אַ לירישן הינטערגרונט).

די דאָזיקע דערציילונג רירט אָן אַ ווונד אין יידישן לעבן און אין דער יידישער געשיכטע, — אַ ווונד, וואָס אונזער בעל־עטריסטיק האָט זיך ווייניק צוגערירט צו איר: דאָס איז די ווונד פון אומטאָלעראַנץ אין יידישן לעבן, די ווונד פון פאַנאַ־טישן דרוק אויף דער פּערזענלעכקייט. איך וואָלט די דאָזיקע ווונד פון אונזער טראַדיציאָנעלן לעבן געוועז אָנגערופן: דער שפּינאָזע־ און אַקאָסטאַ־מאָטיוו. וויפל גרויסע און פּראָסטע יידן מיר האָבן פאַרטריבן אָדער פאַרלאָרן צוליב אונזער דאָג־מאַטישער ענגקייט! „דער חוב" איז די געשיכטע פון אַ דורכ־שניטלעכער יידישער פאַמיליע, וואָס איז פיזיש און מאָראַליש

אומגעבראַכט געוואָרן דורך דעם טעמפּן פּליים פון האַרצלאָזער פרומקייט, אין בעסטן פאַל, און פון געוויסנלאָזער צביעות, אין ערגסטן. די דאָזיקע פשוטע דערציילונג איז אָנגעלאָדן מיט גרויסן פּאַטאָס פון צאָרן קעגן אומגערעכטיקייט. און עס איז רירנדיק די געהיימע, הייליקע פאַרבונדנקייט מיטן יידנטום מצד דעם פון אונז פאַריאָגטן משומד, וועלכער גייט צום תהילימל, וואָס איז באַהאַלטן אין אַ אויסגעהוילטן בוים, און גיסט אין אים (אין תהילימל) אויס זיין האַרץ; און ווי רירנדיק ער בעט רחמים זיין ברודער (ביי זיין ארון־קודשל אין בוים), וואָס ווערט באַוועלט דורכן זעלבן באַוועלער וואָס ער, נישט נאָכצוטאָן זיין ביישפּיל אין אַ מינוט פון כעס, מעג ער זיין ווי גערעכט...

דעם זקנס דערציילונג וועגן דער לאַנג־פאַרגאַנגענער צייט, וועגן דעם לאַנג געשטאָרבענעם באַוועלער, איז פול מיט אַזאַ געדיכטן טרויער, מיט אַזאַ זידנדיקן צאָרן, ווי די דאָזיקע עוולה וואָלט געשען אָט ערשט נעכטן. די עוולה, וואָס איז נישט באַצאָלט געוואָרן מיט נקמה, הערט נישט אויף צו פאָדערן באַצאָלונג, און דער אַלטער (אויף דער שוועל פון קבר), וועלכער האָט זיך צוריקגעקערט אין היימישן שטעטל נאָך אַ לאַנגן גלות, וואַרפט אַ שטיין אין האַלב־צעשטערטן הויז פון לאַנג־פאַרשטאָרבענעם באַוועלער פּתחיה, באַפרידיקנדיק אַזוי אַרום מיטן דאָזיקן סימבאָלישן אַקט פון נקמה זיין באַליידיקט געפיל פון גערעכטיקייט. דער דאָזיקער אַקט פון נקמה איז נישט קיין קינדישע טאַט, נישט קיין קינסטלעכע, אומנויטיקע צוטראַכטעניש פון מחבר. וויסנבערג ווייזט זיך אַרויס, אַ דאַנק דעם דאָזיקן סוף פון דער דערציילונג, ווי אַ דורכדרינגלעכער פּסיכאָלאָג פון מענטשלעכע ליידנשאַפטן: יענער, וואָס קאָן זיי נישט סובלימירן, מוז זיי אומבאַדינגט באַפרידיקן, זאָל זיין אפילו נאָר סימבאָליש, כדי צו באַפרייען זיך פון זייער אַלץ־פאַרצערנדיקן פייער. אויב דער דאָזיקער אַלטער האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דער נקמה־ליידנשאַפט, וואָס האָט אַלץ אין אים צעפרעסן ביים לעבן, וויל ער כאָטש רואיק שטאַרבן.

לויט דער טעמאַטיק געהער די דאָזיקע דערציילונג צו די באַדייטנדיקסטע ביי וויסנבערגן, הגם לויט דער אויספירונג איז זי ווייט נישט פון די בעסטע ביי אים.

אָבער די דאָזיקע דערציילונג גיט ווייסנבערגן אַ מעגלעכ־קייט אַ גלאַנץ צו טאָן מיט פּסיכאָלאָגישער דורכדרינגלעכקייט, וואָס דאָס איז איינע פון זיינע שרייבערישע מעלות.

אַזעלכע דערציילונגען ווי „אַ מעשה מיט אַ ציג" און „חיים אהרן" ווייזן אונז ווייסנבערגן לגמרי פון אַ נייער זייט: ווייסנ־בערג דער ליריקער, ווייסנבערג דער טראַגיקער, ווייסנבערג דער טיפער פּסיכאָלאָג פאַרמאָגט, ווייזט זיך ארויס, אויך אַ דינע איראָניע און אַ גוטן הומאָר.

„אַ מעשה מיט אַ ציג" איז מער באַקאַנט דעם יידישן לייענער, איידער „חיים אהרן", אָבער די דאָזיקע לעצטע דער־ציילונג שטעל איך אַ סך העכער. „אַ מעשה מיט אַ ציג" איז אַ סאַטירע, וואָס פאַלט אריין אין גראָטעסק, און אפילו אין „גע־לעכטער לשם געלעכטער", בעת „חיים אהרן" בלייבט פון אָנ־הויב ביזן סוף (דער מהלך איז, אמת, זייער אַ קליינער), אַ פּרט פון דער ווירקלעכקייט, וואָס באַקומט אַ סימבאָלישע באַדייט־פולקייט. דאָס איז שוין נישט קיין פאַנטאַסטישע סאַטירע קעגן מענטשלעכע און יידישע שוואַכקייטן, נאָר אַ קליינינקע טראַ־געדיע פון עפּעס אַ חנה רייזע ווערט דערהויבן צו אַ סימבאָל. די גאַנצע פּראַקטישע הילפלאָזיקייט פון יידישן לעבן טרעט אַרויס פאַר אונז בולט אין דער געשטאַלט פון חיים אהרנ'ען (וועלכער ליגט אין בעט און וואַרט, די שטאָט זאָל אים ברענגען זיין ווייב, וועלכע איז אריינגעפאַלן צוליב אים אין ברונעם אריין) און אין דער געשטאַלט פונם שטעטל, וואָס זוכט אַ גוי, וואָס זאָל אַרויסשלעפּן חנה רייזען פון ברונעם.

היינט דאָס בילד ווי מען שלעפּט חנה־רייזען פון ברונעם!

„ווער איז עס?! — האָבן זיך יידן מיט די פּנימער איבער דער טיפקייט פון דער ברינע אריינגעבויגן און אַראָפּגעפרעגט.

„נאָר פון אינעווייניק האָט זיך געהערט אַ פאַרדומפּן פּיש־טשען, ווי פון אַ שוואַך פויגעלע...

— „אַ מענטש!... האָבן אַלע באַשלאָסן — נאָר, ווו נעמט מען דעם בעדנער פון עק געסל, מיט זיין לאַנגן באַסיק?..."

„פלוצלינג גיט אַ קום אַן דער גוי מיטן באַסיק:

— „צאָ סטאַיטשע זשידזשי!"... האָט ער געגעבן אַ נעם אַרום דעם עולם מיט אַ פינקלדיקן בליק...

— „גוואַלט, העלפט ראַטעוועט... — האָט איין ייד אָנגע־הויבן אונטערצושטופּן דעם אַנדערן...

— „צי איר וועט מיר נישט אַוועקגיין פון דאַנען? — האָט דער גוי אויסגעשריגן נאָכאַמאָל.

„פּלוצלינג! ער האָט זי און ציט זי...

„דער באַסיק גייט שווער, און דער גוי מיטביידע הענט דריקט אים צו צו דער אויסגעשטעלטער ברוסט, מיט אַן אָנגע־שטרענגטן קאָפּ צווישן די אַקסלען...

„אָט איז זי שוין אין דער הויך...

„יידן הויבן אָן צו פּלאַטערן מיט די אויגן.. עס ווערט אַ געשטערעקעריי פון הענט איבער הענט, הענט איבער הענט... הענט איבער הענט... די ווייבער האַלטן שוין דעם אָטעם איין...

„פּלוצלינג: עס גיט זיך אַ ריס אָפּ! דער באַסיק גיט אַ פאַל צוריק הינטערוויילעכטס"..."

— „ניעך וואַס ושיסטקיך, זשידזשי, כאָלערא ווידושי!..."

דער גוי אַנטלויפט צוריק מיטן באַסיק, און חנה־רייזע צוריק אַראָפּ אין דער ברונע...

„וואָס איז געוואָרן דער סוף?

„חיים אהרן, אַן שטיוול, האָט זיך געלייגט צוריק אין בעט און געוואַרט, אַז די שטאָט זאָל אים אהיימברענגען דאָס ווייב, און די שטאָט איז געלאָפן זוכן אַן אַנדערן גוי, וואָס זאָל אַרויס־נעמען זי פון דער ברונע..."

* * *

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז וויסנבערגס עראָטיק. כמעט קיינער ביי אונז האָט אַזוי פיין נישט באַהאַנדלט די דאָזיקע טעמע, ווי ער, וויסנבערג. צוויי בולטעביישפּילן פאַר דעם זענען די דערציילונגען „געברענגט אַ סוד" און „ווי דער גורל פירט".

איך וועל זיך אָבער אָפּשטעלן נאָר אויף דער ערשטער, ווייל זי איז שלימותדיק, בעת די צווייטע איז אַ געמיש פון גרויסן פאַרמעסט מיט גרויסע דערגרייכונגען און פון גרויסע דורכפאַלן.

„געברענגט אַ סוד" איז אַ קליינע דערציילונג, אָבער גע־שריבן הערלעך און דין.

אַ ברודער קומט צו אַ ברודער מיט אַ שוועגערין. ער איז

אַ זעלנער, וואָס דינט ערגעץ ווייט, אין אַ פרעמדער וועלט, און ער ברענגט פון דאָרטן אַ סוד, באַזונדערס אינם סקריפּען פון די אויסטערלישע שטיוול, „וואָס מען קריגט זיי נאָר דאָרטן ערגעץ, אין די ווייטע מקומות... אָט אַזוי, הייסט עס, לעבט מען אין יענע מקומות"...

דער זעלנער איז שיין און די שוועגערין זעט אים צום ערשטן מאָל, און זי — ווי אויך איר מאַן — זענען שטאַרק פאַרזאָרגט: ווו לייגט מען אים שלאָפן, דעם שוואָגער און ברודער?

דערמאָנט זיך דער ברודער, אַז אין שטוב איז טאַקע ענג, אָבער עס איז דאָך דאָ אַ שפּייכלער פול מיט היי.

— „נו, וואָס זשע זאָרגסטו? — האָט ער דאַן געפרעגט, — אָט זעסטו דאָך, און שוין"...

און אויך דער שוואָגער זעט די שוועגערין צום ערשטן מאָל און ער פאַרשטייט נישט זייער זאָרג.

„וואָס האָט ער צו זאָרגן? אָט זעט ער די שוועגערין זיינע, אַ געזונטע און שיינע, אַ ברייטברוסטיקע. איר שטימע לויפט פון אַ גרוימער, ברייטער ברוסט, ווי טויזנט גלעקלעך, בשעת זיי צעקלינגען זיך אין אַ גרויסן, ברייטן גאָרטן. און איבערהויפּט טאַקע, ווען זי רופט די הינער צונויף פון גאָרטן, אין האַלבן טאָג, כדי צו וואַרפן זיי שטיקלעך אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפלעס. דעמאָלט שטייט נאָך אויך די זון איבער דער מיט חלל, פונקט איבער איר קאָפּ — פלייצט איר קול, חוץ ווי גלעקלעך, אויך נאָך צוזאַמענגעמישט, ווי מיט אַ טייך ליכטיקייט. — ער זעט איר ברייט, זויבער קלייד און די טונקלקייט פון די פאַלדן, וואָס לאָזן זיך לענגאויס אַראָפּ פון אונטער איר טאַליע, צוזאַמען מיט אירע דראָבנע, ווייבערשע טריט. אָט די דאָזיקע פאַלדן, בשעת זי באַוועגט פלינק מיט אירע טריט, באַקומען עפּעס מיט אַמאָל אַן אויפגעוואַכטקייט און טאַנצן, פונקט ווי לעבעדיקע, מיט אַ גע־שווינדער צערודערטקייט אָפּשפּרינגנדיק און צופאַלנדיק מיט אַ קושן פון די זוימען, אירע טריט. דעמאָלט זאָגט ער איר, ווען זי גייט פאַרביי:

— „וואָס דאַרפסטו דען זאָרגן פאַר מיין שלאָפן גיין?

— „אָך.... זאָגט זי.

„און די שווערע פילט גאָר נישט, ווי זי פאַלט אליין, ווי פון זיך, צו אים צו. אָבער זי בלייבט שטיין און זאָגט גאָרנישט מער, נאָר ווי דאָס פּנים וואָלט איר מיטאַמאָל, פּלוצלונג, פּלוצלונג, אראָפּגעזונקען געוואָרן און,ווי זי וואָלט ערגעץ ארייַנגעפאַלן, פאַר־בלאָנדזשעט געוואָרן מיט אירע טריט, אליין נישט ווייסנדיק, וווהין... מיכאל, ווידער, דער שוואָגער, איר מאַנס ברודער, פאַר־שעמט זיך אליין אויך פאַר איר רויטקייט.

„זי שטייט אַזוי, אַ צוויי דריי סעקונדן מיט שטיל אראָפּ־געהאָנגענע ברעמען פון איר געזונקענעם, ווי פאַרלוירענעם פּנים. זי האַלט זיך דעמאָלט זייער שטאַרק אייַן אין אָטעמען, אַזוי, אַז מען קאָן גאָר דייטלעך הערן, ווי איר האַרץ קלאַפּט.

„....און מיכאל, דער שוואָגער, ווייסט שוין איצט, אַז ביינאַכט, ווען די זון וועט אונטערגיין, האָט ער צו שלאָפן אין שפּייכלער צווישן היי..."

מען רעדט כמעט ווי גאָרנישט, עס קומט גאָרנישט פאָר, נאָר אין דער גאַנצער דערציילונג פילט מען די אָנוועזנקייט פון אַ סוד, פון אַ הייסן, עראָטישן סוד, וואָס ווערט אויסגעוועבט מיט פיינע, דינע קלאַנגען און קאָלירן.

היינט דער לעצטער אַקאָרד פון דער דערציילונג:

„אַ רויטע האָט זיך אין יענעם פאַרנאַכט די זון אראָפּגעלאָזט ווייט הינטער זייער פאַרקאַן און האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסער סטויג היי... אַ רויטע סודותדיקייט האָט די שטילקייט פון דער וועלט אייַנגעהילט".

אַזאַ שעלמיש־איידעלע עראָטישע דערציילונג איז אין דער יידישער ליטעראַטור אפשר גאָר נישטאָ קיין צווייטע. (עפּעס ענלעכס האָט איר ביי ל. שאַפּירא).

מען דאַרף זי אינגאַנצן לייענען, כדי צו דערשפּירן איר אַטמאָספער.

* * *

ווייסנבערגן, ווי כ'האָב שוין געזאָגט אויבן, דאַרף מען נעמען אין דער ליטעראַריש־היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, אויב מיר ווילן פאַרשטיין ווי געהעריק יענעם אָרט, וואָס ער פאַרנעמט אין אונזער ליטעראַטור.

ווי גוט עס זענען נישט זיינע דערציילונגען, איבעראַשט

אונז דאָך אַמאָל, וואָס מען האַלט אים שיער נישט פאַר אַ קלאַסיקער: וואָס שטעלן פאַר מיט זיך זיינע בעסטע דערציילונגען אין פאַרגלייך מיט דער מייסטערשאַפט פון דוד בערגעלסאָנען, וואָס האָט געקלאַפּט אין די טירן פון דער יידישער ליטעראַטור בלויז מיט עטלעכע יאָר שפּעטער נאָך וויסנבערגס דעביוט, און מען האָט אים, דוד בערגעלסאָנען, לאַנג נישט געוואָלט אריינלאָזן? ווי פּרימיטיוו עס איז וויסנבערג נישט נאָר אין פאַרגלייך מיטן אויסגעוואקסענעם, רייפן בערגעלסאָן, נאָר אפילו אין פאַרגלייך מיט דער טעכניק פון י. י. זינגער און י. אָפּאַטאָשו!

כדי צו פאַרשטיין דעם איינדרוק, וואָס וויסנבערג האָט בשעתו געמאַכט, דאַרף מען קענען די דעמאָלטיקע לאַגע פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס פלעגט, אין איר אָרעמקייט, דאַרשטיק אויפנעמען יעדן נייעם טאַלאַנט, וואָס פלעגט נאָר ברענגען מיט זיך די קלענסטע נייקייט פון פאָרם און פון אינהאַלט. וואָס זשע איז דער וונדער, אויב דאָס דאָזיקע וונדערקינד (וויסנבערג), מיט זיינע קעניגלעכע מתנות און מיט די נאָך רייכערע צוזאָגן, איז אויפגענומען געוואָרן מיט אַזאַ ענטוזיאַזם, מיט אַזאַ האָפנונג?

דאָס, אַז וויסנבערג וועט בלייבן אַ וונדערקינד, און ווייניקער באַגאַבטע, ווי ער, וועלן אים איבעריאָגן, האָט קיינער דעמאָלט נישט געקאָנט פאָראויסזען.

אין דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו פון אונזער ליטעראַטור בלייבט וויסנבערג אַ מעטעאָר, וואָס האָט אַ בליאַסק געטאָן ווי אַ פיל־צוזאָגנדיקער קלאַסיקער; אין דעם אַקטועלן לעבן פון אונזער ליטעראַטור, פאַרנעמט שוין וויסנבערג לאַנג נישט יענעם אָרט, וואָס מען האָט אים פאָראויסגעזאָגט און וואָס ער האָט באַדאַרפט פאַרנעמען אַ דאַנק זיין פילזייטיקן טאַלאַנט.

זיינע דערציילונגען זענען נאָך אויך היינט גוט, אָבער נישט גוט איז דאָס, וואָס וויסנבערג האָט זיי נישט אַריבערגעוואַקסן.

שאַנכיי, 1943.

י. י. זינגערס דערציילונגען

י. י. זינגער איז איינער פון יענע פּויליש־יידישע שרייבער, וואָס זענען אַרויסגעטראָטן אויף דער אַרענע פון דער יידישער ליטעראַטור בעת און נאָך דער וועלט־מלחמה פון 1914-1918. די דאָזיקע יאָרן, וואָס שטעלן פאָר מיט זיך אַ שאַרפן קער אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור, האָבן אַריינגעבראַכט עפּעס נייעס אויך אין אונזער יידישער ליטעראַטור.

זינגער איז געווען איינער פון יענע טאַלאַנטירטע „יונגע" פון יענעם דור, וועלכע האָבן אַריינגעטראָגן אין דער יידישער ליטעראַטור אי אַ נייע טעמאַטיק, אי נייע קינסטלערישע טענער.

געוויסע פּראָצעסן, וואָס האָבן גענומען יווירן אין דער יידישער ליטעראַטור נאָך לאַנג פאַר דער מלחמה — דער קאַמף צווישן טיפּישן און אינדיווידועלן, די פּראָבלעם פון שטעטל און שטאָט, די פראַגע פון יידישן און אַלמענטשלעכן, — האָבן, אַ דאַנק דער מלחמה, זיך שנעלער אַנטוויקלט און אַמאָל אַפילו באַקומען אַ שנעלערע לייזונג. דאָס פּאַטריאַרכאַלע שטייגער־לעבן פון יידישן שטעטל, וואָס איז שוין געווען שטאַרק אָנגעשפּאָלטן נאָך פריער, איז פון דער מלחמה אַרויס אינגאַנצן צעוואַקלט (ס'איז גענוג צו דערמאָנען זיך אָן עוזר וואַרשאַווסקיס ראָמאַן „די שמוגלאַרעס" און האָראָנטשיקס „דער זומפּ"); די שטאָט, וואָס האָט שוין לאַנג געהאַלטן אין אויסזויגן פון שטעטל זיינע זאַפטן, האָט גענומען קריגן אַלץ אַ גרעסערע און גרעסערע העגע־מאָניע אין דער יידישער ליטעראַטור; די יידישע שרייבער, באַ־פליגלט מיטן פייערווערק פון די נאָך־מלחמהדיקע אילוזיעס, האָבן זיך גענומען אַלץ מער און מער אָפּרייסן פון דאָס נאַציאָ־נאַל־יידישע און זיך באַהעפט צום אַלגעמיין מענטשלעכן.

מען דאַרף דאָ גלייך אויפן אָרט באַמערקן, אַז די דאָזיקע נייע טענדענצן אין אונזער ליטעראַטור האָבן נישט געשאַפן קיין שעדעווערן, וואָס זאָלן קאָנען שטיין אין איין ריי מיט די שעדעווערן פונם טיפּיש־כּללישן קליינשטעטלדיקן, ריין־יידיש־לעכן פּעריאָד אין אונזער ליטעראַטור. און דערביי מוז מען אויך צוגעבן, אַז דאָס דאָזיקע ריין־יידישלעכע שאַפן האָט באַרייכערט

די אַלוועלטלעכע ליטעראַטור מער, ווי דאָס אַלמענטשלעכע פון זינגערן און זיינסגלייכן.

אַלס ביישפּילן קאָנען דינען „דאָס ווינטשפינגערל" פון מענדעלען, און אַפילו זיין „קליאַטשע", „חוה" שלום־עליכמ'ס, „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" פון פּרצ'ן. דאָס טיף־טיפּישע איז נישט ווייניקער (אדרבא, אפשר מער!) טיף־אַלמענטשלעך, ווי דאָס טיף־אינדיווידועלע.

און חוץ דעם: די דאָזיקע טענדענצן, וואָס האָבן נישט דערגרייכט קיין גרויסע קינסטלערישע רעזולטאַטן, האָבן גע־בראַכט אַ געוויסן שאָדן דערמיט, וואָס זיי האָבן אָפּגעריסן די לי־טעראַטור פון די ספּעציפישע פּראָבלעמען און באַדערפענישן פון יידישן לעבן.

אָבער די טענדענצן פון די דאָזיקע „יונגע" זענען, אין תוך גענומען, געלעגן אויף דער ליניע פון פּראָגרעס פון דער יידישער ליטעראַטור. זיי האָבן פאַנאַנדערגערוקט די ראַמען פון איר טעמאַטיק און האָבן פאַרטיפט איר אינטערעס צום מענטשן בכלל, אָנדייטנדיק אַזוי אַרום אַ וועג פאַרן סינטעז פון אונזער ליטעראַטור, וואָס וועט האָבן אין זיך אי דאָס טיף־יידישע, אי דאָס טיף־אַלמענטשלעכע.

פון דאָזיקן שטאַנדפּונקט איז י. י. זינגער אינטערעסאַנט פאַר אונז נישט נאָר ווי סתם אַזוי אַ דערציילער, נאָר אויך ווי אַ פאָרשטייער פון אַ גרופּע שרייבער, וואָס האָבן אריינגעטראָגן אין אונזער ליטעראַטור אויב נישט קיין נייע גרויסע ווערק, איז, לכל הפּחות, אַ נייעם שטאַרקן פערמענטירונגס־שטאָף.

* * *

י. י. זינגער איז געבוירן געוואָרן אין בילגאָריי, לובלינער גובערניע. זיין פאָטער, אַ רב (וועגן וועלכן מיר ווייסן איצט אַזוי פיל פון זינגערס אויטאָביאָגראַפיע „פון אַ וועלט, וואָס איז נישטאָ מער") האָט געגעבן זיין זון אַ רעליגיעזע דערציאונג. ביז זיין זיבעצנטן יאָר האָט זינגער געלערנט גמרא אין פאַר־שיידענע ישיבות און בתי־מדרשים: אין גער, ביים ראַדזימינער רבין, אין וואַרשע (ווו זיין פאָטער איז געוואָרן דיין).

הגם אויסערלעך איז זינגערס ביאָגראַפיע ענלעך אויף די ביאָגראַפיעס פונם השכלה־דור, איז אָבער אָט־די ענלעכקייט

טאַקע בלויז אַן אויסערלעכע. די שרייבער פונם השכלה־דור האָבן אַליין געמוזט שאַפן אַ נייע יידישע וועלט, כדי צו האָבן וווהין צו אַנטלויפן פון דער אַלטער, בעת אין זינגערס צייטן איז לייכט געווען אַריבערצוגיין פון דער יידישער רעליגיעזער וועלט אין דער וועלט פון יידישער וועלטלעכקייט. דער קאַמף מיטן אַלטן איז שוין נישט געווען אַזוי טראַגיש (אפילו פאַר מער רעליגיעזע נאַטורן, ווי זינגער) אין ערשטן יאָרצענדליק פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ווי אפילו בלויז מיט צוויי דריי יאָרצענדליק פריער.

אין 1910 פאַרלאָזט זינגער זיין יוגנט־סביבה, פּרוווט ווערן אַן עקסטערן, ווערט זעלבשטענדיק, פאַרדינענדיק אויפן לעבן אַמאָל דורך ביורא־אַרבעט, אַמאָל דורך שוואַרץ־אַרבעט, אַמאָל דורך קאָרעקטור און איבערזעצונגען.

שרייבן האָט י. י. זינגער אָנגעהויבן אין 1915. אונטער דער השפעה פון פּרץ׳עס און בערדיטשעווסקים ליטעראַרישער שול (ווי אויך פון זיין יוגנט־סביבה), פּרובירט זינגער זיינע כוחות אויף חסידישע דערציילונגען, אָבער ער פאַרברענט זיי תיכף, ווי עס שטייט אינם לעקסיקאָן פון דער יידישער פּרעסע און ליטע־ראַטור פון זלמן רייזין.

הגם זינגער האָט שפּעטער געדרוקט אייניקע דערציי־לונגען פון חסידישן לעבן, ווי אויך אַ ראָמאַן פון דער חסידישער סביבה („יאָשע קאַלב"), דאָך האָט ער זיך געלאָזט פירן פון געזונטן אינסטינקט פון זיין טאַלאַנט, ווען ער האָט אין 1915 פאַרברענט זיינע חסידישע דערציילונגען. זיין טאַלאַנט ליגט לחלוטין נישט אויף דער ליניע פון סטיליזירן דאָס טיפּישע, נאָר פון אויפכאַפּן דאָס שאַרף־אינדיווידועלע; נישט אין אויסשיילן די כלל־עלעמענטן פון דאָס פאָלקסטימלעך־יידישע, נאָר אין אריינדרינגען אין דער פּסיכאָלאָגיע פונם יחיד.

דעם יונגן זינגערס נאָוועלן, וואָס ער האָט אָנגעהויבן צו דרוקן אין 1918־19, האָבן צוגעצויגן צו אים די אויפמערקזאַמ־קייט פון די ליטעראַרישע קרייזן, אָבער ערשט אין 1922טן יאָר, נאָכן דערשיינען פון זיין גרעסערע נאָוועלע „פּערל", הויבט מען אָן צו קוקן אויף זינגערן ווי אויף אַ יונגן שרייבער, וואָס גיט גרויסע האָפנונגען.

זיין גרעסערע נאָוועלע „אַלטשטאָט" האָט נאָך מער פאַר־פעסטיקט זיין רעפּוטאַציע פון איינעם פון די קרעפטיקסטע יונגע פּראָזאַאיקער פון דער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן.

זינגער האָט אַ סך צייט אָפּגעגעבן דער זשורנאַליסטיק, און דורך דעם אָפּגעשוואַכט זיין טאַלאַנט.

זיין ערשטער ראָמאַן — „שטאָל און אייזן", פון לעבן פון אָקופּירטן פּוילן, איז לגמרי נישט געלונגען. „יאָשע קאַלב" (פונם לעבן אין די חסידישע „הויפן"), „די ברידער אשכנזי" (אַ גרוים, הגם אָפט שווין צו איבערפלעכלעך לייוונט וועגן דער געשיכטע פון לאָדזש און פון יידישן לעבן אויפן פאָן פון דער אנטשטיי־אונג, דעם פאַנאַנדערבלי און דעם אָפּוועלקן פון דער דאָזיקער שטאָט) און „חבר נחמן", אַ ראָמאַן פון געזעלשאַפטלעכן יידישן לעבן אין פעריאָד הארט פאַרן צווייטן וועלט־קריג, קומען דער־נאָך.

הגם „די ברידער אשכנזי" און „חבר נחמן" פאַרמאָגן אין זיך אויך אַ סך פּאָזיטיווס, דאָך געפינט מען דאָס ווערטפולסטע און אייגנאַרטיקסטע, וואָס זינגער האָט געגעבן דער יידישער ליטעראַטור, צווישן זיינע נאָוועלן.*)

* * *

זינגער איז אריינגעטראָטן אין דער יידישער ליטעראַטור אין אַ צייט, ווען זי האָט איבערגעלעבט די עפּאָכע פון אירע שטאַרקסטע אילוזיעס פון נאָרמאַלקייט (אַ נאָרמאַלע ליטעראַטור פון אַ נאָרמאַל פאָלק!).

די יידישע ליטעראַטור האָט זיך געהאַט שטאַרק אַנטוויקלט; זי האָט דערוואָרבן אַ ברייטן קרייז לייענער; די יידישע שפּראַך איז אויסגעוואַקסן, איז שטאַרק געוואָרן, איז פול געוואָרן מיטן באַוווּסטזיין, אַז זי איז — אַ נאַציאָנאַלער אינסטרומענט, — דאָס יידישע לעבן איז אריינגעטראָטן אין פעריאָד פון קולטור־נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, ווען — אַזוי האָט זיך געדאַכט! — דאָס פיל־אויסגעפייניקטע פאָלק צוזאַמען מיט זיין פיל־אויסגע־

---

*) דער אַרטיקל איז געשריבן געוואָרן אין 1943, אין שאַנ־כיי, דערפאַר דערמאַן איך דאָ נישט זינגערס ראָמאַן „די משפחה קאַרנאָווסקי", וואָס איז אַרויס אין בוך־פאָרם ערשט אין 1943.

פּייניקטן שרייבער וועלן נעמען לעבן אַ פול, נאָרמאַל לעבן. די ייִדישע ליטעראַטור וועט שוין נישט נויטיק האָבן זיך איינצו־שליסן אין די ספּעציפיש־ענגע ראַמען פון ייִדישער טעמאַטיק, און דער פרייער שרייבער פון אַ פריי פאָלק וועט קאָנען אַראָפּ־וואַרפן פון זיך די קרענקלעכע צוגעבונדנקייט צו זיינע ייִדישע ווונדן און ער וועט קאָנען ווענדן זיין פריי־געוואָרענע אויפ־מערקזאַמקייט צו אַלמענטשלעכע פּראָבלעמען און פראַגן, אָדער זיך אָפּגעבן בכלל די פרייע קאַפּריזן פון זיין מוזע.

ווי אַ קראַנקן, וואָס איז צוגעשמידט צו זיין בעט, צו די פיר ווענט פון זיין צימער; ווי אַ תּפיסהניק, וואָס איז צוגעבונדן צום קליינינקן שטיקעלע הימל אין זיין צעלע־פענצטערל, ווילט זיך אַרויסרייסן אויף דער פריי, און די פאַנטאַזיע טראָגט זיי אַוועק צום זאָרגלאָזן אַרומדרייען זיך, אַזוי ווילט זיך אויך די ייִדישע שרייבער — די דאָזיקע אויסדריקער פון דעם ייִדנס גע־פילן און האָפענונגען, — באַפרייען זיך פון ייִדישן הויקער, פון דער ייִדישער לאַסט. אַלע ייִדישע שרייבער, — באַזונדערס די גרעסטע און טיפסטע, — זענען פול מיט דעם דאָזיקן פאַרלאַנג: איר וועט דאָס געפינען ביי ביאַליקן פונקט אַזוי ווי ביי בערדי־טשעווסקין, ביי מענדעלען פונקט ווי ביי ברענערן און גנעסינען. באַזונדערס גוט האָט דאָס דאָזיקע געפיל אויסגעדריקט דער פרי־פאַרשטאָרבענער מ. ז. פייערבערג, דער דאָזיקער פיינפילי־קער דיכטער, אין וועמען עס זענען רייף געוואָרן ביזן ערשטן פולן אויסגעשריי אַלע גאַמעס פון דער מאַרטירער־מעלאָדיע פון דער היינטצייטיקער ייִדישער נשמה. אין זיין סקיצע „אין אַ פרילינגס־נאַכט" האָט פייערבערג געשריבן:

„די ייִדישע גאַס שלאָפט, הילצערנע לאָדנס פאַרשטעלן די נידעריקע פענצטער. און אויב עס רייסט זיך אַרויס דורך אַ שפּאַלט פון אַ לאָדן אַ דינער שטראַל ליכט, ווייסן מיר, אַז אַן אָרימער בעל־מלאכה זיצט נאָך ביי זיין אַרבעט אָדער אַ ייִד אַ למדן לערנט תּורה: „אַ שטוב, וווּ מען הערט נישט ביינאַכט קיין תּורה, וועט סוף־כל־סוף צעשטערט ווערן". און ווי זיס עס איז די תּורה פאַר אַ ייִדן גראַד ביינאַכט!

„אַ שיינע לבנה... פאַרגיסט מיין פענצטער און מיך, וועל־כער קוקט אויף איר, מיט אַ שטראָם ליכט; די נאַטור איז פול...

מיט פרישקייט, לעבן און מנוחה. דער גאנצער באשאף איז איין ווונדערלעכע סימפאניע...

„א קודש קדשים.

„און אין דאזיקן הייליקטום זענען נישטא קיין ביכער און מגילות... נישטא קיין צעקנייטשטע שטערנס און פוסטע פלפולים. גאט האט דא אלץ געשאפן פשוט און הייליק.

„און דיין וועלט, א, גאט, איז שיין און הייליק...

„אבער דא, אויף דער דאזיקער גאס?

„א חוץ קרעמלעך און טראקטירן, א חוץ שולן און בתי־מדרשים, א חוץ חדרים און מערק, פארמאגט גאט נאך איין וועלט, א וועלט פון לבנה און שטערן, פון לופט און ליכט, פון בלויע הימלען און פרילינגס־נעכט, פון זינגפייגל און גראזן, וואס זינגען הימנען, פון שטארקע געפילן און שיינע נשמה־פארלאנגען.

„אבער איך — איך האב נאך קיין איין מאל אין מיין לעבן נישט אנגעזעטיקט די נשמה מיט די דאזיקע אלע רייכטימער... דער תלמוד, די רעליגיעזע מוסר־ספרים, דער „שולחן ערוך״ און די מפרשים — דאס אלץ האט פארגעשטעלט פאר מיר דעם זינען פון לעבן...

„מיר איז ענג... פארוואס ווילט זיך מיר וויינען?... ווו איז מיין יוגנט? ווו איז מיין לעבן? אין וואס באשטייט מיין וועלט? א, גאט מיינער!

„און פון דער צווייטער זייט גאס בליט די נאטור, בליט יוגנט, בליט דער בוים און עס רויטלען זיך באקן.

„אבער דא?

„אויף דער דאזיקער גאס, דא, צווישן דעם הויפן מילבן, לייכט נישט די זון, לייכט נישט די לבנה און עס בלישטשען נישט די שטערן. דא בליט נישט די נאטור און דא לעבט נישט דאס לעבן...

„איך וויל ארויסגיין אויף דער פרישער לופט...

„איך בין ארויס אויף דער גאס...

„אויף דער גאס איז שטיל. ס'איז שטיל ארום. אויפן הארצן דריקט עפעס אלץ מער און מער... דאס לעבן, די נאטור, די אלייען געפינען זיך מחוץ מיר, אויף יענער זייט גאס...

„און איך געפֿין זיך אויף דער גאַס".

אין דער ציטירטער שטעל איז נישט דער גאַנצער פייער־בערג; דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, איין העלפֿט פֿון זיין נשמה, די צווייטע העלפֿט געפֿינט זיך אין זיסער געפֿאַנגענשאַפֿט ביי די „שאָטנס", ווי עס הייסט אַ צווייטע סקיצע זיינע, וואָס דער־גאַנצט, האַלט גלייכגעוויכט דער דאָזיקער. מיר פֿאַרנעמען זיך דאָ אָבער נישט מיט פייערבערגן, — פֿאַר אונזער ציל איז גענוג איין זייט זיינע, וואָס האָט געפֿונען איר אויסדרוק אין דער „פֿרילינגס־נאַכט". דאָס דריקנדיקע געפֿיל, אַז דאָס גאַנצע לעבן געפֿינט זיך מחוץ דער יידישער גאַס, און דער פֿאַרלאַנג אַרויס־צורייסן זיך אַהין, — אָט דאָס געפֿיל איז איינס פֿון די דאָמי־נירנדיקע אין דער נשמה פֿון היינטיקן יידן און אין אונזער ליטעראַטור.

אמת, פייערבערגס אויסדרוק איז היינט פֿאַר אונז צו נאַ־איוו, אָבער איר טיפֿער תוך איז נאָך היינט לעבעדיק אין אונז און ער ווירקט אומבאַוווסטזיניק נאָך מער ווי באַוווסטזיניק.

און זינגערס נאָך־מלחמהדיקער דור האָט איבערגעלעבט די אילוזיע פֿון לעבנספֿולקייט אויף דער יידישער גאַס גופֿא. עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז זיי זענען שוין אַרויס אויף דער פֿריי־שער, פֿרייער לופֿט. און זיי האָבן זיך אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף אַלץ, וואָס האָט אַזוי לאַנג געפֿעלט דער יידישער גאַס און דער יידי־שער ליטעראַטור. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין געיעג נישט נאָר נאָך „שיינע נשמה־פֿאַרלאַנגען", נאָר אויך נאָך „שטאַרקע געפֿילן", בכלל נאָך אַלץ, וואָס איז נישט ספּעציפֿיש יידיש.

און אין דעם־אַ באַשטייט טאַקע די ליטעראַר־היסטאָרישע אייגנאַרטיקייט פֿון זינגערס בעסטע און כאַראַקטעריסטישסטע דערציילונגען.

* * *

די קינסטלעריש שטאַרקסטע פֿון זינגערס דערציילונגען (און גלייכצייטיק די כאַראַקטעריסטישסטע פֿאַר זיין שאַפֿן), איז די דערציילונג „אַלטשטאָט". פֿאַרבייגייענדיק דערוויסן מיר זיך, אַז דער העלד פֿון דער דאָזיקער דערציילונג איז אַ משומד, דאָס האָט אָבער לחלוטין קיין שום שייכות נישט צו דער דערציילונג. ער האָט פּונקט אַזוי גוט געקאָנט זיין אַ געבוירענער פּאָליאַק.

אין דאָזיקן מענטשן איז אַלץ — אינדיווידואַליסטיש, קיין שפּור נישט פון טיפּישקייט. — זינגער צייכנט מיט גרויס מייסטער־שאַפט אַ קלוגן „טשודאַק״, אַ סאַדיסט, וואָס לעבט מיט זיינע פייגל, הינט און קעץ. די דאָזיקע דערציילונג איז לחלוטין נישט כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ יידישן שרייבער, — זי האָט געקאָנט געשריבן ווערן דורך אַ שרייבער פון יעדן פאָלק. זי באַשעפטיקט זיך מיט דאָס אַלמענטשלעכע. דאָס דאָזיקע אַלמענטשלעכע איז נישט גענוג באַדייטנדיק, אָבער דאָס איז שוין אַן אַנדער פראַגע. נישט אַלץ, וואָס טיפּיש, איז באַדייטנדיק נאַציאָנאַל אָדער אַל־מענטשלעך, און נישט אַלץ וואָס אינדיווידועל, איז באַדייטנדיק אַלמענטשלעך אָדער נאַציאָנאַל. אָבער אויב דער העלד פון „אַלט־שטאָט״, פּאַביאַן רייצעס, איז פון אַלמענטשלעכן שטאַנדפּונקט אומבאַדייטנדיק, איז ער באַדייטנדיק פון ליטעראַרישן שטאַנד־פּונקט: ער איז איינער פון די לעבעדיקסטע כאַראַקטערן אין דער יידישער ליטעראַטור בכלל, שוין אָפּגערעדט וועגן דער נייעסטער ליטעראַטור, וואָס פאַרנעמט זיך נישט מיט ריין־יידישע טיפּן, נאָר מיט אינדיווידועלע כאַראַקטערן.

זינגערס דאָזיקע אייגנשאַפט לאָזט זיך באַמערקן אויך דאָרט, ווו זיין העלד איז אַ ייד. לאָמיר נעמען די דערציילונג „פּערל״. דער העלד איז אַ ייד, און די סביבה — אַ יידישע, אָבער דער העלד איז נישט נאָר נישט קיין טיפּיש־יידישער, נאָר די באַדייטונג פון דער דערציילונג ליגט אין אַן אַלמענטשלעכן מאָמענט (אגב, ווידער אַן אומבאַדייטנדיקן). זינגער האָט אַ נייגונג צו פּאַטאָלאָגיע, צו קרענקלעכע דערשיינונגען פון מענטש־לעכן לעבן. די אַטמאָספערע פון שפּילריינס שטוב, מיט זיין דינער דעם אידיאָט, ווערט אויסגעמאָלט מיט גרויס טאַלאַנט. שפּילריינס כאַראַקטער איז געצייכנט מיט גרויס מייסטערשאַפט. מאָמענטנווייז דערנענטערט זיך אפילו די דאָזיקע דערציילונג צו עפּעס מענטשלעך־באַדייטנדיקס: מיט מיסטעריע פון גורל גיט אַן אָטעם אויף אונז אין יענע מאָמענטן, ווען מיר שפּירן, — ווען מיר טאַפּן אַן כמעט פיזיש, — ווי אַזוי שפּילריין גליטשט זיך פאַרביי דעם מלאך המות. די דאָזיקע מאָמענטן זענען, צום באַדויערן, נישט שטאַרק אויף אַזוי פיל, כדי אונז דורכצונעמען מיט אַ פּאַעטישן ציטער.

הגם אין „פּערל" איז דאָ, ווי געזאָגט, אַ טאָפּלטע יידישע סביבה — די פאָלקס־סביבה פון שפּילריינס געדיכט־באַוווינט הויז, און די אַסימילאַטאָרישע סביבה פון דאָזיקן גבירישן הויז־באַזיצער, איז פונדעסטוועגן די גאַנצע דערציילונג פול נאָר מיט די מאָמענטן פון שפּילריינס אינדיווידועלן גורל, מיט זיינע אויסטערלישע גענג, מיט זיין אויסטערלישן שטייגער לעבן, מיט זיין כיטרען, זינגרייכן קאַמף מיטן טויט ,מיט זיינע מאָדנע שפּי־לערייען מיט קרובים און פרעמדע. שפּילריין דער מענטש, שפּיל־ריין דער אינדיווידואַליסט הערשט אין יעדער שורה פון דער דאָזיקער דערציילונג. נישט דער ייד שפּילריין, נאָר די פּסיכאָ־לאָגיע און דאָס לעבן פון אַ „טשודאַק" — אָט וואָס עס אינטע־רעסירט זינגערן.

זינגערס דאָזיקער הויפּט־עלעמענט קומט צום אויסדרוק אפילו דאָרט, ווו עס הערשט כלומרשט אַ יידישער מאָמענט. למשל, אין דער דערציילונג „דאָס אייז האָט געריירט".

כדי צו באַגרייפן, ווי ס'געהער צו זיין, דעם גאַנצן חילוק צווישן אַזאַ שרייבער פון דער אַלטער שול, ווי שלום עליכם, און אַ פאָרשטייער פון דער נייער שול, ווי זינגער, דאַרף מען אַנטקעגנשטעלן זינגערס דערציילונג „דאָס אייז האָט געריירט" די דערציילונג פון שלום עליכמ'ען אויף דער זעלבער טעמע, „אויף פּסח אהיים".

פישל־מלמד, שלום עליכמ'ס העלד, איילט אויף פּסח אהיים פון שטאָט, ווו ער האָט אַ חדר. אָבער דער אייז רירט אויפן בוג פונקט דעמאָלט, ווען פישל דאַרף אַריבערפאָרן דעם בוג אויפן וועג צו זיין היימיש שטעטעלע. נישט מען קאָן אַריבער־פאָרן איבערן אייז, נישט מען קאָן לאָזן אין גאַנג דעם פּאַראָם. דער באַלעבאָס פון פּאַראָם לייגט פאָר פישלען אַריבערצופירן אים אויף אַ שיפל, הגם דאָס איז זייער געפערלעך.

נאָך אַ שרעקלעכן אינערלעכן קאַמף, וואָס קומט פאָר אין פישלען צווישן דער יידישער שרעק פאַרן טויט (דער יידישער פּחדנות) און דער יידישער ליבע צו דער משפחה און צו דער יידישער יום־טוב־סביבה, איז פישל מסכים זיך לאָזן אַריבער־פירן אויף אַ שיפל.

די סצענע אויפן מיטן טייך, וואָס שילדערט די קעגנזעצ־

לעבקייט פון פישלס און פראקאפס האלטונג, איז פרעכטיק. פראקאפ, וועלכער פילט זיך, אויג אויף אויג מיט דער צעהוליע־טער טויט־געפערלעכער סטיכיע, ווי ביי זיך אין דער היים; פראקאפ, וואס קוקט דעם טויט אין די אויגן מיט א טרונק בראנפן און מיט א הפקר־פריי ליד:

„אי, ווי האלקי!

„אי, ווי טשארנאקרילע!

„טשארנא־קרי־אי־אי־אילע!!”, —

דער דאזיקער פראקאפ קאן בשום אופן נישט פארשטיין פישלען, וואס ליגט מיטן פנים אראפ אויפן דעק פון שיפל אין אן אנפאל פון פאנישער שרעק.

„וואס האט ער אזוי מורא פארן טויט, דער דאזיקער ייד?”

פישלס קאפיטלעך תהילים און פראקאפס ליד גיסן זיך צונויף אויפן בוג: „עס קאן זיין, זינט דער טייך הייסט „בוג”, האט ער נאך אזא מין דועט נישט געהערט...”

אבער נישט נאר קעגנזעצלעכע לידער גיסן זיך צונויף צוזאמען אויפן בוג, — דא קרייצן זיך פארשיידענע פסיכאלאגיעס. די טיפישע גויאישע פסיכאלאגיע ווערט אנטקעגנגע־שטעלט דער טיפיש־יידישער.

דאס טיפישע פארנעמט דאך א סך א גרעסער ארט אין לעבן, ווי דאס אינדיווידועלע. דער מענטש איז דאך קודם כל א פראדוקט פון קאלעקטיוו, און אין אים לאזט זיך קודם כל מערקן דאס קאלעקטיווע. די מערהייט מענטשן באנוצן קאלעק־טיווע אויסדרוקן, דענקען מיט קאלעקטיווע געדאנקען. דאס אינדיווידועלע וואקסט אויס אויפן פעלד פון דאס קאלעקטיוו־טיפישע בלויז דאן, ווען דער מענטש דערהויבט זיך איבער דאס קליינלעך־אלטעגלעכע.

אבער די געשעעניש אין שלום עליכמ׳ס דערציילונג, וואס וואלט געוועז געקאנט דינען ווי א סטימול פארן פאנאנדער־וווקס פון דאס אינדיווידועל־העראאישע אין פישלס נשמה, ווערט פון שלום עליכמ׳ען נישט אויסגענוצט. פארקערט, פישל געפינט אין זיך קיין כוח נישט גובר צו זיין זיין שרעק — פראקאפ מוז אים כמעט מיט גוואלד ארייזווארפן אינם שיפל. די דאזיקע איבערלעבונג פישלס ווערט אויסגענוצט דורך שלום־

עליכם׳ען בלויז אויף דעם, כדי וואָס בעסער ארויסצוברענגען אין פּישלען דאָס טיפּישע, דאָס טיפּיש־יידישע. און די דער־ציילונג ענדיקט זיך אָן אַ טראַגעדיע, די טראַגישע באַדינגונגען ווערן אויסגענוצט אינגאַנצן פאַר אַן אַנדער ציל.

גאַנץ אַנדערש איז מיט זינגערס דערציילונג.

זינגערס העלד איז פון אַ גאַנץ אַנדער סאָרט יידן, ווי פּישל מלמד. ער איז נישט אַזוי שטאַרק רעליגיעז און נישט אַזוי פּחדנותדיק, אָבער אויך אים איז שווער שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז ער וועט פאַרברענגען פּסח ווייט פון ווייב און קינ־דער און פון אַ יידישער סביבה. און אויב פראָקאָפּ מוז כמעט מיט געוואַלד אריינשלעפּן פּישלען אין שיפל אריין, הגם טעאָ־רעטיש איז ער גרייט צו גיין אויף קידוש־השם פאַר יום־טובן פּסח אין אַ יידישער סביבה, קאָנען די פויערים פאַר קיין פאַל נישט אָפּהאַלטן זינגערס העלד פונם געפערלעכן שריט אַריבער־צוגיין דעם טייך איבערן שוואַכן אייז, וואָס אָט־אָט איז ער גרייט זיך רירן.

ווי מען זעט איז די טעמע אַ ריין־יידישע, און זינגער שילדערט גוט די יידישע געפילן פון הערש־לייבן, וועלכער געפינט זיך אין אַ דאָרפישער שטאָל. אין דער אַטמאָספערע פון יום־טובדיקע דעראַינערונגען, פילט ער מיט באַזונדערער שאַרפקייט די פרעמדקייט פון דער פויערישער סביבה, צו וועלכער ער איז צוגעוווינט אינדערוואָכן. אָבער ווי נאָר הערש־לייב לאָזט זיך גיין איבערן אייז, ווערט דער דאָזיקער טראַגישער מאָמענט אויסגענוצט נישט כדי נאָך מער בולט אַרויסצוברענגען הערש־לייבס יידישע נאַטור, נאָר פאַר אַ פּסיכאָלאָגישן מאָטיוו, פאַר אַ טראַגישן קאַמף צווישן אַ מענטשן און אַ בהמה — אַ קאָזע. ווי נאָר זינגער האָט הינטער זיך די צוגרייטנדיקע טייל פון דער דערציילונג, פאַרגעסט ער, אַז זיין העלד איז — אַ ייד. דאָס אינטערעסירט אים שוין לחלוטין נישט. ער איז פאַרנומען מיט שילדערן דעם קאַמף צווישן מענטש און בהמה: צוערשט וויל דער מענטש נישט איבערלאָזן די קאָזע, וואָס שפּאַרט זיך איין און וויל נישט גיין איבערן אייז, אָבער דערנאָך וויל זי שוין נישט אָפּלאָזן דעם מענטשן, וואָס איז גרייט זי אַוועקצוואַרפן, אַבי זיך צו ראַטעווען.

אין אַ מאָמענט פון אַ טראַגישער געפאַר, ווערט פישל מער ייד, ווי פאַרן צוקומען צום בוג, אָבער הערש־לייב ווערט אין אַן ענלעכן מאָמענט בלויז אַ מענטש, וואָס זיין פסיכאָלאָגיע און גורל אינטערעסירן זינגערן.

און צי דען איז אין זיין „רויער ליים" אַנדערש?

נישטאָ קיין חילוק צווישן יידישן ייִנגל און די קריסטלעכע קינדער. ער שילדערט קינדער. אויב עס איז דאָ אַ חילוק, איז נאָר דער, וואָס אין יידישן ייִנגל דערוואַכט די נשמה פון אַ קינסטלער.

* * *

און דאָך דערוואַכט אַמאָל אין זינגערן דער ייד, און מיטן זעקסטן חוש פון אַ קינסטלער דערשפּירט ער דאָס ספּעציפיש־יידישע דאָרט, ווו, פון אויסן גענומען, איז פאַראַן כלומרשט נאָר דאָס אַלמענטשלעכע.

אַזאַ איז די דערציילונג „דער פרעמדער". אַ מילנער, אַ ייד, האָט זיך אַזוי צוזאַמענגעלעבט מיט זיין דאָרפישער סביבה, אַז ער פילט זיך היימיש אין איר, פונקט ווי די שכנים שפּירן נישט אין אים דעם פרעמדן. אָבער ווען עס דערגייט צו אַ פאַרשווערונג צו דערהרגענען דעם פערד־גנב, וועקט זיך אויף אין דאָזיקן מענטשן עפּעס פאַרגעסנס: ער קאָן נישט גיין קאַלטבלוטיק אויף מאָרד, אפילו פאַר זיין אַוועקגעגנבעט פערד. און הגם ער מאַכט זיך פאַר אַ קראַנקן, — כדי נישט צו דאַרפן גיין מאָרדן, — איז ער, פסיכאָלאָגיש גענומען, אויף אַן אמת קראַנק. און די שכנים זענען גערעכט, ווען זיי דערשפּירן אין אים — אין דאָזיקן מאָמענט — דעם פרעמדן: אויך ער האָט זיך דאָך דערשפּירט ווי אַזעלכער.

אין דער דאָזיקער דערציילונג שילדערט זינגער אויסגעצייכנט סיי דעם פערד־גנב, סיי די פסיכאָלאָגיע פון דער פויערישער סביבה. און ער שילדערט זיי נישט ווי אַ ייד, נאָר ווי אַ קינסטלער בכלל. אָבער פלוצלונג טרעט די דאָזיקע צענטראַלע טעמע פון דער דערציילונג אָפּ אין אַ זייט: זינגער האָט שאַרף דערשפּירט דעם יידישן עלעמענט אינם בלוט פון יידישן מילנער, וועלכער האָט זיך אויסערלעך שטאַרק איינגעלעבט מיט דער פויערישער סביבה.

דער דאָזיקער מילנער ווערט נישט פאַרוואַנדלט אין א העלד, אין א מאַרטירער פאַר זיין יידישקייט, ווייל ער גיט זיך פּאַסיוו אונטער זיין אינערלעכן יידישן געפיל: ער האָט נישט קיין כוח — און באַוווסטזיין אויך נישט! — זיך אַנטקעגנצושטעלן אָפן דעם פרעמדן אַרום. ער שטעלט א פּאַסיוון ווידערשטאַנד! צוערשט טראַכט ער וועגן דעם צו פאַרשלאָפן דעם מאָרד־צוזאַמענטרעף, און דערנאָך נעמט ער אָן די עצה פון דער ווייב צו מאַכן זיך קראַנק. אָבער זיינער גייט דאָ צו זייער נאָענט צום מעגלעכן און טיף־יידישן העראָאישן שאַפן, צום דירעקטן הייליק־צייטיקן המשך פון פרציעס פאָלקסטימלעכע געשיכטן. זינגערס דאָזיקע דערציילונג באַווייזט, אַז אפילו ווען ער גייט אַוועק פון דער אויסערלעך־יידישער טעמאַטיק, קאָן דער יידישער שרייבער פאַרבליבן טיף־יידיש נישט נאָר לויט דער שפּראַך פון זיין שאַפן, נאָר אויך לויט זיין גייסט, לויט דער טיפקייט פון זיינע נאַציאָנאַל־פּסיכישע טענדענצן.

אין דער דאָזיקער דערציילונג מערקט זיך אָן א וועג פאַר א סינטעז אין דער יידישער ליטעראַטור: נישט אויפהערנדיק צו זיין טיף־יידיש, דאַך ווערן אַלמענטשלעך, אָדער נאָך ריכטיקער: ווערנדיק אַלמענטשלעך, נישט אויפהערן זיין טיף־יידיש.

די דאָזיקע טענדענץ גליטשט זיך דורך אויך אינם שאַפן פון אַנדערע יידישע שרייבער. ביי אָפּאַטאָשו, למשל, איז דאָ א דערציילונג וועגן לינטשן א נעגער אין אַמעריקע, און דאָרט כאַפּט אַרום א פּאַנישע שרעק א יידישן פּאָטער פאַר זיין זון, וועלכער איז גרייט זיך לאָזן אַריינציען דורך דער סביבה אינם לינטש־אַקט.

דער פּאָטער, א קרעמער, וואָס קוקט זיך צו גלייכגילטיק צום פּראָצעס, ווי זיין „באָי״ ווערט אַסימילירט, שלעפּט אים פּלוצלינג אין פּאַנישער שרעק פון דער גאַס אַהיים, אונטערן דאַך פון דער יידישער שטוב. אין זיין קרעמעריש־פאַרשטויבטער נשמה האָט פּלוצלינג אויפגעלויכטן מיט א ניי שטראַלנדיק ליכט דער אַלטער יידישער געבאָט פון „לא תרצח!״, זאָלסט נישט טויטן!

די דאָזיקע טענדענץ, וואָס איז אַמאָל (און אפשר תמיד) אָן אומבאַוווסטזיניקע, וועט, אָן ספק, ווערן מיט דער צייט א באַ־

וווסטזיניקער שאַפונגס־אַקט פון דער יונגער יידישער ליטעראַ־טור, וואָס וועט געפינען אַ פּרוכטבאַרן וועג פון אַ סינטעז צווישן דעם טיף־יידישן און דעם טיף־אַלמענטשלעכן.

שאַנכיי, 1943.

יוסף אָפּאַטאָשו

י. אָפּאַטאָשו איז געבוירן געוואָרן דעם 1טן יאַנואַר 1887, אין מלאַווע, פּוילן, אין אַ יחוסדיקער חסידישער פאַמיליע.

זיין פאָטער איז געוועזן אַ גרויסער תלמוד־קענער און גלייכ־צייטיק איינער פון די ערשטע משכּילים צווישן די פּוילישע יידן. דער דאָזיקער משכּילישער תּלמודיסט האָט געשריבן העב־רעאישע געדיכטן, וועלכע אָפּאַטאָשו נוצט אויס אין זיין היס־טאָרישער טרילאָגיע („אין די פּוילישע וועלדער", „דאָס יאָר 1863" און „אליין"), כּדי צו „באַלעבן" זיינע משכּילישע טיפּן און אילוסטרירן די השכּלה־עפּאָכע.

דער דאָזיקער פּאָעטיזירנדיקער משכּיל (די „טרוקענע" משכּילים האָבן בכלל געהאַט אַ שוואַכקייט צו פערזן; דאָס איז אַ באַווייז פון זייער ראָמאַנטישער פאַרליבטקייט... אין דער השכּלה) האָט זיך אויף די עלטערע יאָרן אַזוי אריינגעטאָן אין קבלה, אַז זיין זון, אויף וועלכן דער פאָטער האָט געהאַט זייער אַ טיפע ווירקונג, האָט געווידמעט זיינע „פּוילישע וועלדער" דעם פאָטער זיינעם — דעם „מקובל".

הגם אין די ניינציקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט איז דער חדר נאָך געווען די הערשנדיקע דערציאונג־אינסטיטוציע פון יונגן דור, האָט אָפּאַטאָשו כּמעט נישט באַזוכט קיין חדרים. זיין דערציאונג איז געגאַנגען מיט אַן אומגעוויינלעכן וועג.

י. אָפּאַטאָשו איז געבוירן געוואָרן אין אַ פּוילישן וואַלד (זיין פאָטער איז געווען אַ וואַלד־סוחר), און דאָרט האָט ער באַקומען זיין ערשטע בילדונג. אַנשטאָט דעם ענגן חדר — אַן אין־סופיקער וואַלד; און אַנשטאָט דעם געוויינלעכן תּלמוד, האָט זיין אָריגינעלער פאָטער יעדן פרימאָרגן געלערנט מיט אים די

יידישע רעליגיעזע פילאָזאָפיע: דעם „מורה נבוכים" פון רמב"ם, דעם „כוזרי" פון יהודה הלוי און ספרים פון ענלעכן שניט. דאָס וואָס איז פאַר אַנדערע געווען די פאַרבאָטענע פרוכט; דאָס, פאַרוואָס אַנדערע קינדער פון זיין צייט האָבן נאָך געצאָלט (ווי דער דור פאַר זיי) מיט אַרויסגעטריבן ווערן פונם גן־עדן פון גלויבן, מיטן קאַמף צווישן עלטערן און קינדער, — דאָס אַלץ האָט אָפּאַטאָשון אונטערגעטראָגן זיין אייגענער פאָטער. אים איז פאַרשפּאָרט געוואָרן דער קאַמף און ער האָט שפּעטער אָן מי געקאָנט זיין טאָלעראַנטער צום אַלטן, וואָס האָט אים נישט פאַרשפּאַרט דעם וועג צום נייעם.

י. אָפּאַטאָשו האָט זיך געשפּייזט פון דער יידישער קולטור מיט פולע הויפן, ער האָט געטרונקען פון אירע אַלע קוואַלן. ער האָט געהערט צו די יידיש־געבילדעטסטע און יידיש־דענקענ־דיקסטע שרייבער פון היינטיקן דור. אָבער די דאָזיקע יידישע בילדונג, וואָס ער האָט דערוואָרבן אין אַ פרייערער און מער הומאַניטאַרער אַטמאָספער, ווי געוויינלעך אין זיין דור, האָט זיך נישט געשטעלט צווישן אים און דער וועלטלעכער בילדונג (דער וועלטלעכער וועלט־אַנשויאונג), ווי אַ וואַנט, ווי עפּעס פיינט־לעכס, וואָס אָדער מען דאַרף דאָס צעשטערן, אָדער אַריבער־שפּרינגען און איבערלאָזן עס הינטער זיך. אין אָפּאַטאָשון האָבן פרידלעך געהויזט זייט ביי זייט אי די יידישע בילדונג, אי די אייראָפּעאישע. דאָס לעבן גופא האָט סינטעזירט אין זיין דער־ציאונג דאָס, וואָס אין נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב קומט אונז דאָס אָן מיט אַזאַ מי, און מיר האָבן באַצאָלט דערפאַר מיט אַזוי פיל קרבנות — פיזישע און גייסטיקע.

צו פערצן יאָר טרעט אָפּאַטאָשו אַריין אין אַ האַנדלס־שולע אין וואַרשע. אין יאָר 1905, ווען די שולע ווערט געשלאָסן דורך דער רעגירונג צוליב די פּאָליטישע אומרוען פון יענער צייט, פאָרט דער אַכצן־יאָריקער אָפּאַטאָשו אוועק צוערשט קיין פּאַריז, דערנאָך קיין נאַנסי, וווּ ער טרעט אַריין אין פּאָליטעכניקום.

נאָכן אָפּזיין אין פּאָליטעכניקום עטלעכע חדשים, איז אָפּאַ־טאָשו געצוווּנגען אומצוקערן זיך אַהיים, קיין מלאַווע: די רוסי־שע רעגירונג האָט פאַרבאָטן אויסצוהאַקן וועלדער און זיין פאָטער איז פאַראַרעמט געוואָרן.

אין יאָר 1907 עמיגרירט דער יונגער אָפּאַטאָשו קיין אַמע־ריקע, ווו ער גייט מיטן וועג פון אַ סך אָרעמע, אָבער ענערגישע יונגע מענטשן. ער גרייט זיך צום פּאַך פון אַ ציוויל־אינזשיניער און גלייכצייטיק פאַרדינט ער אויף חיונה דורך פאַרשידענע אַר־בעטן: אַלס פאַבריק־אַרבעטער, אַלס ציַיטונגס־פאַרקויפער, אַלס העברעאישער לערער אין אַ „היברו־סקול".

אין 1914טן יאָר באַקומט ער אַ דיפּלאָם פון אַ ציוויל־אינזשיניער, אָבער מיט דעם דאָזיקן באַרוף זיינעם באַשעפטיקט זיך אָפּאַטאָשו זייער אַ קורצע צייט. זיין לעבנס־טעטיקייט איז געלעגן — ווי דאָס איז קאָנטיק געווען שוין פון לאַנג — אין אַ גאַנץ אַנדער ריכטונג: נאָך אין פּוילן האָט ער געשריבן (הגם נישט געדרוקט) און איז אפילו עולה־רגל געווען צו פּרצ׳ן.

אין 1910 האָט אָפּאַטאָשו דעביוטירט מיט אַ דערציילונג אין צווייטן זאַמלבוך „ליטעראַטור". אין די באַרימטע זאַמלביכער „שריפטן", פון וועלכע אָפּאַטאָשו איז געווען אַ מיטגרינדער (צו־זאַמען מיט אַ גאַנצער גרופּע „יונגע", מיט דוד איגנאַטאָוון בראש), האָבן זיך באַוויזן, אין די יאָרן 1912־1913, זיינע גרע־סערע ווערק — „אַ ראָמאַן פון אַ פערד־גנב" און „מאָריס און זיין זון פיליפ", וואָס האָבן צוגעצויגן די אַלגעמיינע אויפמערק־זאַמקייט צום יונגן פּראָזאַאיקער.

אָפּאַטאָשו איז געווען זייער פּראָדוקטיוו. אין דער ניו־יאָרקער טאָג־צייטונג „דער טאָג", ווו אָפּאַטאָשו איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער, האָט ער אין משך פון 35 יאָר אָפּ־געדרוקט אַן אַ צאָל קליינע דערציילונגען (פון וועלכע אַ גרויסע טייל איז, אגב, זייער שוואַך, ממש מעכאַניזירטע אַרבעט); אַ חוץ דעם האָט ער אָנגעשריבן אַ האַלבע טוץ גרויסע ראָמאַנען און אַ באַדייטנדע צאָל גרעסערע דערציילונגען.

אָפּאַטאָשו האָט געהערט צו די חשובסטע יידישע שרייבער, וועלכע האָבן אַ סך געגעבן דער יידישער ליטעראַטור.

באַזונדערס פּאָפּולער איז זיין ראָמאַן „אין די פּוילישע וועלדער" (דאָס איז דער ערשטער באַנד פון אַ היסטאָרישער טרילאָגיע, אין וועלכער דער מחבר פירט אַרויס פאַרשטייער פון אַלע גייסטיקע שטרעמונגען אין לעבן פון פּוילישן יידנטום פאַר די לעצטע הונדערט יאָר: חסידיזם, השכלה, נאַציאָנאַלע באַווע־

גונגען). דער דאָזיקער ראָמאַן, איבערגעדרוקט אין 1922 אין וואַרשע, איז זיך צעגאַנגען אין אַ קורצער צייט אין צען טויזנט עקזעמפּלאַרן — אַ גאַנץ זעלטענע דערשיינונג אויפן יידישן ביכער־מאַרק אפילו אין יענע יאָרן פון אויפבלי פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

עס איז אפשר אויך אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען פּאָלגנדיקן פאַקט אין אָפּאַטאָשוס לעבן (אַ פאַקט, וואָס האָט אַ געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג): זיין זון דוד, געבוירן אין אַמעריקע, שרייבט יידיש און האָט שוין ארויסגעגעבן אַ זאַמלונג דערציילונגען.

דאָס איז אַ סימבאָלישע דעמאָנסטראַציע: וויפל גרויסע יידישע שרייבער (אויף יידיש און העברעאיש) זענען געבליבן גייסטיק קינדערלאָז און האָבן געשריגן (צוזאַמען מיט י. ל. גאָרדאָנען): „פאַר וועמען האָרעווען מיר?" אָבער אויפן גורל פון אָפּאַטאָשו, וועלכער האָט אַזוי נאַטירלעך איבערגענומען די ירושה, איז אויסגעפאַלן די גרויסע פרייד זי אויך איבערצוגעבן: זיין זון שרייבט, קען שרייבן אויף דער זעלבער שפּראַך, אויף וועלכער זיין פאָטער האָט געשריבן.

* * *

אָפּאַטאָשו געהער צו יענער גרופּע יידישע שרייבער אין אַמעריקע, וועלכע זענען באַקאַנט אין אונזער ליטעראַטור אונטערן נאָמען „די יונגע". אָבער די דאָזיקע „יונגע", וועלכע זענען אריינגעטרעטן אין דער ליטעראַטור כמעט קאָלעקטיוו (דורך די דיקע בענדער „שריפטן") אויפן שוועל פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, זענען שוין איצט אָדער אויפן עולם האמת, אָדער זיי זענען איבער די זעכציקער. זייער יוגנט אָדער זייער לעבן זענען פאַריבער, אָבער נישט אויף אומזיסט. זייער קאָלעקטיווע אָנשטרענגונג אויפצוהויבן אויף אַ העכערער מדרגה די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע, מאַכן פון איר אַ מעכטיקן קינסטלעריש־נאַציאָנאַלן כלי־זיין, באַפרייען זי פון דער דערנידערנדיקער קנעכטשאַפט ביי דער בולוואַר־פּרעסע און פון דער קליינלעכער פונקציע צו פאַרווילן, — אָט די דאָזיקע קאָלעקטיווע אָנשטרענגונג פון די „יונגע" האָט געהאַט אַ דערפאָלג. זיי האָבן געגעבן

אַ שטאַרקן שטויס פאָראויס נישט נאָר דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, נאָר אויך אין פוילן, ליטע און רוסלאַנד, — לענדער פון וועלכע די „יונגע" האָבן געשטאַמט. די יידישע אַמעריקע האָט מיט די דאָזיקע זאַמלביכער באַוויזן, אַז דאָרט ווערט געבוירן אַ יידישע ליטעראַטור, וואָס איז פאַרבונדן מיט איר אָפּשטאַם־קוואַל נישט נאָר דערמיט וואָס זי שעפּט פון אים, נאָר אויך מיט דעם וואָס זי הויבט אים אָן אליין אויך צו דער־נערן. די דאָזיקע „שריפטן" זענען געווען אַ גענוגנדיקער באַווייז, אַז די יידישע ליטעראַטור האָט געלאָזן טיפע וואָרצלען אין יידישן לעבן, אַז זי טראַכט גאָרנישט צו בלייבן רוען אומטעטיק אויף די דעראָבערטע אַלטע לאָרבער־קרענץ, און זי רייסט זיך אין דער הויך און אין דער טיף אומעטום ווו נאָר יידיש לעבן לאָזט וואָרצלען און שלאָגט זיך דורך אַ וועג צו אַנטוויקלונג.

די דאָזיקע גרופּע „יונגע" האָט געהאַט נישט נאָר אַ קאָ־לעקטיוון דערפאָלג, — קיין איינער פון אירע מיטגלידער איז נישט אויסגעוואקסן קיין פּוסטער זאַנג. כמעט אַלע האָבן צוגע־טראָגן זייער אינדיווידועלן צושטייער צו דער יידישער ליטע־ראַטור.

איינער פון די טאַלאַנטירטסטע און אָנגעזעענסטע פּראָזאַ־איקער פון דער דאָזיקער גרופּע איז געווען י. אָפּאַטאָשו.

*   *   *

נישט געקוקט אויף דעם גרויסן אונטערשיד צווישן די שריפטשטעלערישע טעמפּעראַמענטן פון אַש און אָפּאַטאָשו, — אַן אונטערשיד וואָס קומט צום אויסדרוק אין זייערע פאַרשי־דענע סטילן (אשס סטיל איז ווייך, אָפט ביז צעקראָכנקייט, פּרווי־איש, און אָפּאַטאָשוס סטיל איז מענלעך און האַרט, ווי אַ קרע־מען, און שיט מיט פונקען ווי אַ קרעמען), פאַרמאָגט פונדעסט־וועגן אָפּאַטאָשו עפּעס געמיינזאַמס מיט אַשן. אויך אָפּאַטאָשוס העלדן, ווי אשס, געהערן צו צוויי קעגנזעצלעכע קאַטעגאָריעס: פון איין זייט — דאָס פּראָסטע פאָלק, עמך, ביז אונטן אַראָפּ, צום סאַמע דעק, צו די העלדן פון דער יידישער אונטערוועלט; און פון דער צווייטער — הייליקע, דורכאויס גייסטיקע טיפּן. אויב אַש איז דער שעפער פון מאָטקע גנב און פון ר' יחיאל, איז

אַפּאַטאָשו דער שעפער פון „ראָמאַן פון אַ פערד־גנב" און פונם מקובל ר' איטשע פון די „פוילישע וועלדער", פונם וואַלד־צדיק אין דער „טענצערין".

די באַקאַנטשאַפט מיט די דאָזיקע קענגזאַצן האָט אַפּאַטאָשו (פונקט ווי אַש) אָנגעקניפּט נאָך אין דער קינדהייט, אין זיין אוממיטלבאַרער היימישער סביבה. זיין ראָמאַן „אין די פוילישע וועלדער" ווידמעט אַפּאַטאָשו זיין טאַטן דעם בעל־קבלה (אַש ווידמעט זיין „ר' שלמה נגיד" דעם פאָטער, וועלכער האָט אים געדינט אַלס פּראָטאָטיפּ פון דאָזיקן וואָכעדיקן הייליקן), און דער העלד פון „אין די פוילישע וועלדער", מרדכי, וואַקסט אויף אין פוילישן וואַלד, צווישן „וואַלד־יידן", מיט וועלכע עס איז פול געווען זיין משפחה פון דער מאַמעס צד. אין איינעם פון זיינע זייער אינטערעסאַנטע אַרטיקלען וועגן פּרץ'ן, רעדט אַפּאַטאָשו וועגן זיינעם אַ פעטער, אַ פערד־הענדלער (אַש באַקענט זיך מיט זיינע קצבים אין דער שטוב פון זיין פאָטער, דעם שוחט, נאָך איידער ער געפינט זיי אינם „קוילערגעסל").

אַפּאַטאָשו דערמאָנט אַמאָל אַשן אויך מיט דעם, וואָס די דאָזיקע צוויי וועלטן זענען ביי אים נישט אינגאַנצן אָפּגעטיילט איינע פון דער צווייטער: אין זיינע אונטערוועלט־העלדן גיט זיך אַמאָל אַ צינד־אָן עפּעס גייסטיקס, הייליקס. אָט־אָ־דאָס שטרעבן צו גייסטיקער ריינקייט ביי די אונטערוועלט־יידן קומט ביי אַשן פאָר אַ סך אָפטער און בולטער, ווי ביי אַפּאַטאָשון, אָבער אַז אַפּאַטאָשו זעט די דאָזיקע אייגנשאַפט פון זינד, איז קלאָר שוין פון דעם אויבנדערמאָנטן אַרטיקל וועגן פּרץ'ן, וואָס הויבט זיך אָן מיט אַפּאַטאָשוס אַ יוגנט־דערמאָנערונג.

אַפּאַטאָשו דערציילט דאָרט, ווי אַזוי ער איז איינמאָל, שבת צו נאַכטס, געקומען צו זיין פעטער, דעם פערד־הענדלער. דאָרט האָט ער אָנגעטראָפן אַ גאַנצע כאָפּטע פערד־יונגען און פערד־הענדלער. צווישן זיי איז געווען קיווקע־סיבירניק, וועלכער האָט פאַרגעלייענט עפּעס אַ דערציילונג.

דערזען דעם יונגן אַפּאַטאָשו, האָט אים דער פעטער געבעטן ער זאָל פאַרלייענען פאַר זיי עפּעס פון שלום־עליכמ'ען. ווען דעם פעטערס זון, וועמען מען האָט אַריבערגעשיקט צו אַפּאַטאָשון אהיים נאָך ביכער, איז צוריקגעקומען מיט זיי, האָט

אַפּאַטאָשו צוערשט פאָרגעלייענט פאַר זיי שלום־עליכמ׳ס דער־ציילונג וועגן חנוכה און דערנאָך געגומען לייענען פּרצ׳עס „דריי מתנות״.

אַנגעלאָכט זיך צו זעט פון שלום־עליכמ׳ס דערציילונג, זע־נען די צוהערער אריינגעפאַלן אין אַן ערנסטן שווייגן ביים הערן פּרצ׳ן.

ווען אַפּאַטאָשו האָט געענדיקט לייענען פּרצ׳ן, האָט איינער אַן אַלטער פערד־הענדלער ארויפגעלייגט אויף זיין דלאָניע פּרצ׳עס באַנד און שטיל, מיט אַ זיפץ געזאָגט: „אַזאַ שווערן „קב הישר״ זע איך צום ערשטן מאָל״.

ווי גוט דער דאָזיקער אַלטער פּראָסטאַק האָט באַצייכנט די באַדייטונג פון פּרצ׳עס „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״! דער דאָ־זיקער עם־הארץ האָט דערשפּירט די עטישע וואָג פון די דאָזיקע דערציילונגען.

צומאָרגנס איז צו אַפּאַטאָשון געקומען צו גיין קיווקע־סיבירניק (ער האָט „פאַרבראַכט״ אויף קאַטאָרגע פינף יאָר) און געבעטן געבן אים נאָך אַזעלכע „זאַכן״.

און מיט אַ יאָר שפּעטער, ווען „רעקרוטן״ האָבן גענומען שלאָגן אויפן מארק יידן, האָט קיווקע באַצאָלט מיטן לעבן באַ־שיצנדיק זיי אין אַ אויפפלאַם פון „קידוש־השם״, וואָס די זוימען צו דעם זענען, ווארשיינלעך, צוערשט פאַרזייט געוואָרן אין אים דורך פּרצ׳עס „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״.

אַפּאַטאָשוס דאָזיקע דעראינערונג באַווייזט נישט נאָר אַפּאַ־טאָשוס קרובהשאַפט מיט אַשן, נאָר אויך אַפּאַטאָשוס קרובה־שאַפט מיט פּרצ׳ן.

אויב אַפּאַטאָשוס קרובהשאַפט מיט אַשן איז מער אַ פּסי־כאָלאָגישע און פאָרמעלע (אַ „שוואַכקייט״ צו צוויי קאַטעגאָריעס העלדן — „פיזישע״ און „גייסטיקע״), איז זיין קרובהשאַפט מיט פּרצ׳ן מער אַן אינטעלעקטועלע, אַ ריין־גייסטיקע: אַפּאַטאָשו געהער צו יענע שרייבער אונזערע, וועלכע האָבן איבערגענומען און טראָגן ווייטער פּרצ׳עס ירושה — די זאָרג וועגן אונזער קולטור־אָרב, די דאָזיקע פּראָבלעם איבער אַלע פּראָבלעמען אין אונזער נאַציאָנאַלן לעבן. די דאָזיקע פּראָבלעם שטייט פאַר אים אין „די פוילישע וועלדער״ און אין דער „טענצערין״, די דאָ־

זיקע צוויי אינטעלעקטועל־רייפסטע ווערק אָפּאַטאָשום.
אינטעלעקטועל־רייפסטע, הגם נישט קינסטלעריש.

* * *

אָפּאַטאָשו איז אַ שטאַרקער טאַלאַנט. זיין קראַפט איז אין דער פּלאַסטיק פון זיין שילדערונג. אין דאָזיקן פּרט איז ער אַ יורש פון ווייסנבערגן, וועלכער האָט אויך פאַרמאָגט די דאָזיקע פּלאַסטישע פעאיקייט. אַש פּילט זיינע העלדן, אָפּאַטאָשו — זעט זיי. אויב ביי אַשן איז אפילו דאָס פּלאַסטישע — ליריש, קומט ביי אָפּאַטאָשון אפילו די פּסיכאָלאָגיע צום אויסדרוק—אין באַוועגונגען. וואָס פאַר אַ באַוועגלעכן סטיל עס פאַרמאָגט דער דאָזיקער שרייבער! ער לויפט זיך אפילו נישט פאַנאַנדער — ער הויבט אָן גלייך פון פולן גאַלאָפּ. זיין טעמפּאָ יאָגט אָפט אָן אויף אונז אַ ווינט. אויף ווי ווייט דאָס איז ביי אָפּאַטאָשון נאַטירלעך, פּלעגט מען באַגרייפן ערשט דאַן, ווען מען פלעגט אים הערן רעדן: ער פלעגט אָנהויבן אין פולן לויף און די גאַנצע צייט נישט פאַרלאַנגזאַמען דעם טראָט. און דעריבער האָבן מיר אָפט, ביים לייענען אָפּאַטאָשון, דעם איינדרוק, אַז מיר לייענען נישט קיין דערציילונג, נאָר פאַר אונז באַוועגט זיך שנעל אַ פילם־לענטע. איז דעריבער קיין ווונדער נישט, וואָס אָפּאַטאָשו איז אַזוי גוט (ער געפינט זיך אין זיין עלעמענט!) ביים באַשרייבן עפּעס וואָס געפינט זיך אין באַוועגונג, ביים באַשרייבן אַ מאַסע אין אַקציע. דער געיעג נאָכן נעגער אין דער שטאַרקער דערציילונג „דער טויט פון אַ נעגער", דאָס לינטש־געריכט איבערן דאָזיקן נעגער זענען דינאַמיש ביז מאַקסימאַלקייט.

אָפּאַטאָשו איז באַזונדערס שטאַרק איז אַ סך פון זיינע דערציילונגען, — די היסטאָרישע ראָמאַנען זיינע, אַלס גאַנצעס, ליידן פון גרויסע,אָפט צו גרויסע חסרונות: ראָמאַנען פאָדערן אַ רואיקע שטראָם־באַוועגונג, און נעמען זיי מיט שטורעם, ווי אַ דערציילונג, איז אוממעגלעך. ווען מען פאַרגלייכט זיין היסטאָ־רישן ראָמאַן „אין די פוילישע וועלדער" מיט זיינע היסטאָרישע דערציילונגען „אַ טאָג אין רעגנסבורג" און „אליהו בחור", זעט מען בחוש דעם אונטערשיד אין דער דערגרייכונג. די דאָזיקע קליינע דערציילונגען, וואָס שילדערן אַזעלכע ווייטע דערשיי־

נונגען, ווי דעם ערשטן יידישן ראָמאַניסט, אליהו בחור, ווי אַ טאָג אין רעגנסבורגער געטאָ, זענען אמתע פּערעלעך. אויף אַ מינוט ספּקט איר נישט אין דער באַגלויבטקייט פון דעם געשילדערטן, אַלץ באַוועגט זיך פאַר אייך אַזוי לעבעדיק אין אַ לעבעדיקער אַטמאָספער, אַז די דאַזיקע לעבעדיקע באַוועגונג ציט אונז אריין אין איר מאַגיש־ווירקנדיקער לעבעדיקייט. עס דאַכט זיך אונז, אַז נישט קיין דערציילונג האָבן מיר איבערגעלייענט, נאָר אַ ראָמאַן — אויף אַזוי ווייט איז זי אָנגעזעטיקט, איבערגעזעטיקט מיט לעבן. אָבער אַ ראָמאַן וואָס שילדערט אַן עפּאָכע, וואָס איז לפי ערך נאָענט צו אונז, איז אָפט ביי אים נישט עפּעס מער, ווי אַ צונויפקלייב פון שלעכט־באַאַרבעטן מאַטעריאַל, אין וועלכן דער מחבר פאַרזינקט, און פאַרלירט אַזוי ארום זיין קראַפט און זיין צויבער — די אומגעצווונגנקייט פון באַוועגונג. אין אַפּאַטאָשוס ראָמאַנען ווערט דעם מחברס — און אויך אונזער! — האָריזאָנט פאַרשמעלערט, בעת זיינע דערציילונגען צעעפענען פאַר אונז אַ סופלאָזן האָריזאָנט.

דאָס קליינינקע ביכעלע „אַ טאָג אין רעגענסבורג" איז פול מיט לעבנספולקייט אין זיין יעדער באַוועגונג. ביי יעדער אויסבויג פון דער דערציילונג־אַקציע גלויבן מיר צו זען אַן אומענדלעכן פאָן, אַן ענדלאָזן המשך — פאַרן אויסבויג און נאָך אים. ביים וואַנדערן אָבער איבער „די פּוילישע וועלדער" שטויסן מיר זיך אָפט אָן אויף בלינדע געסלעך.

אויך זיין קליינע היסטאָרישע דערציילונג „פּונדקא רטיבתא" איז געווען אַ סך שענער און שטאַרקער, ווי ווען זי איז איינגעשלאָסן אינם היסטאָרישן ראָמאַן „דער לעצטער אויפשטאַנד". אַלס דערציילונג האָט זי געהאַט פּערספּעקטיוו, זי האָט געצויבערט מיט מעגלעכקייטן, אָבער אין ראָמאַן, איינגעקלעמט צווישן די טאָוולען פון ראָמאַן, פאַרלירט זי די פּערספּעקטיוו. די דינאַמישע פּרטים, וואָס בלייבן גוט, האָבן נישט וווּ זיך אויסצושטראַלן, זיי פאַרלירן די קראַפט צו צינדן אונזער פאַנטאַזיע.

* * *

אונזערע קלאַסיקער האָבן געזען בלויז דעם יידישן קאָלעקטיוו. דאָס אינדיווידועלע האָט ביי זיי געשפּילט אָדער אַ צווייט־

ראָנגיקע ראָל אָדער אַ סימבאָלישע, אין נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. פון דאָזיקן קאָלעקטיוון געפיל, פון דער דאָזיקער זאָרג פאַרן קאָלעקטיוו איז אויסגעוואַקסן אונזער ליטעראַטור. אָבער ווען זי איז אויסגעוואַקסן, האָט די דאָזיקע ליטעראַטור אויפגעהערט צו שפּירן זיך אַלס מיטל — זי האָט דערפילט (ווי יעדע לעבעדיקע באַשעפעניש, — בפרט מיט אַ זעלבסטבאַוווסטזיין) אַלס זעלבסטצוועק. אונזער ליטעראַטור איז שטאַרק געוואָרן און באַקומען די פרייהייט פון קינסטלערישער באַוועגונג, ווי אַ קינד וואָס צוערשט דערנערט זיך עס נאָר צוזאַמען מיט דער מוטער, דערנאָך ביי דער מוטער, און ווען עס וואַקסט אויס, און ווערט שטאַרק, דערנערט זיך עס און וואַקסט אויפן אייגענעם חשבון, זעלבשטענדיק.

און עס זענען אויסגעוואַקסן ביי אונז שרייבער, וועלכע האָבן גענומען מיסברויכן מיט דער דאָזיקער פרייהייט פון באַוועגונג, וואָס עס האָט זיי געשאָנקען אונזער יונגע ליטעראַטור, וואָס האָט באַקומען זעלבסטבאַוווסטזיין און דערקענט איר פרייהייט.

די דאָזיקע שרייבער האָבן כמעט ווי אויפגעהערט צו לעבן אין די גרעניצן פון אונזער לעבן, — זיי האָבן געלעבט בלויז אין די גרעניצן פון אונזער ליטעראַטור. מיט אַנדערע ווערטער, זיי האָבן נישט פאַרלאָזן אונזער לעבן, אָבער עס גענומען זעען נישט אין זיינע ברייטע נאַציאָנאַלע אַספּעקטן, נאָר אין זיינע ענגע, דעטאַלירטע אַספּעקטן פון קליינלעכע דערשיינונגען. צוליב די בוימער האָבן זיי אויפגעהערט צו זען דעם וואַלד. און אויב ביי אַנדערע פעלקער ווירקט די דאָזיקע נאָרמאַלע (ווייל אָפּטע) דערשיינונג נעגאַטיוו בלויז אויף דער טיפקייט פון דער ליטעראַטור, האָט זיך דאָס, ביי אונזערע אומנאָרמאַלע באַדינגונגען, אָפּגערופן — און דאָס רופט זיך אָפּ — פאַטאַל אויף אונזער לעבן גופא. נישט טראַכטן וועגן אייגענעם געזונט איז זייער אַ געזונטע דערשיינונג; דאָס קאָן זיך אָבער נאָר דערלויבן אַ געזונטער מענטש. אַ קראַנקער, אויב ער פאַרמאָגט אַ געזונטן אינסטינקט, וועט אומבאַדינגט טראַכטן (און ער דאַרף טראַכטן!) וועגן זיין געזונט.

ער מוז וועגן אים טראַכטן, כדי צו זאָרגן פאַר אים, ווייל

ער נויטיקט זיך אין אונמאָרמאַלער זאָרג צוליב דעם אומנאָר־מאַלן צושטאַנד (דער נאָרמאַלער צושטאַנד איז — געזונט).

אָפּאַטאָשו געהער צו יענע פון אונזערע „יונגע", וועלכע זענען געקומען אין אונזער ליטעראַטור דאַן, ווען זי האָט זיי געגעבן אַ פּרייען שטח פאַר זייער ליטעראַרישער באַוועגונג. זיי זענען אריינגעוואַקסן אין אַ לעבעדיקער ליטעראַטור, וואָס פילט זיך ווי אַ זעלבסטצוועק, און זי האָט זיי אויפגעפאָדערט און אויפגעמונטערט אויסצולעבן זיך גופא אין דער פולער מאָס, אָפּגעבן זיך די אייגענע טרוימען און פאַרקערפּערן זייערע אינ־דיווידועלע איבערלעבונגען און זייער אינדיווידועלע דערפאַרונג.

און אָפּאַטאָשו האָט אויסגענוצט די דאָזיקע פרייהייט, וואָס האָט געפעלט אונזערע שרייבער די משכילים, און אפילו די פונ־דאַמענט־לייגער פון אונזער נאַציאָנאַלער (שוין נישט בלויז אויפקלערערישער) ליטעראַטור: ער האָט אָנגעשריבן „אַ ראָמאַן פון אַ פערד־גנב" און „פון ניו־יאָרקער געטאָ" און אַ סך דער־ציילונגען, אין וועלכע די ליטעראַרישע פונקציע פאַרכלּיניעט זיך פון פרייהייט.

ווען מענדעלע שרייבט וועגן פישקע דעם קרומען אין זיין ראָמאַן, באַנוצט ער אים אַלס מיטל צו באַשרייבן דאָס לעבן פון גאַנצן פאָלק. אָפּאַטאָשו אָבער פאַרזינקט אינגאַנצן אין די אינדיווידועלע איבערלעבונגען פון זיין העלד. אָבער האָבנדיק געהערט צו די סאַמע יידיש־געבילדעטסטע שרייבער אונזערע, צו די גייסטיקסטע צווישן זיי, האָט ער אין גיכן אייגעזען, אַז אַ יידישער שרייבער פילט פרייוויליק אַן אינערלעכן חוב נישט נאָר לגבי דער באַוועגונגס־פרייהייט פון זיין טאַלאַנט, נאָר אויך לגבי די פאָדערונגען פון זיין פאָלקס אומנאָרמאַלער לאַגע. און אָפּאַ־טאָשו האָט זיך פאַרטיפט אין די גייסטיקע באַוועגונגען פון יידישן לעבן, פאַרטיפט זיך אין זיינע פּראָבלעמען און זיך גע־ראַנגלט מיט זיי (אָפט ווייט נישט מיט אַ פולן דערפאָלג) אין „אין די פּוילישע וועלדער" און אין „די טענצערין"; ער האָט זיך באַמיט אריינצודרינגען אין זיי, אויסגעפינען זייער גייסטיקע מאַטעמאַטישע גלייכונג און געבן אויף זיי אַן ענטפער. אָפּאַטאָשו האָט זיך גענומען רייסן צום ברייטן נאַציאָנאַלן האָריזאָנט, צו

דער געזונטער טראַדיציע פון אונזער ליטעראַטור (און בכלל פון יעדער עכטער פאָלקס־ליטעראַטור).

ער איז אַוועק פון טיפּיש־קאָלעקטיוון צום אינדיווידועלן, אָבער אין דאָזיקן אינדיווידועלן באַמט ער זיך אויפצוכאַפּן דאָס געמיינזאַם־נאַציאָנאַלע. ער וויל אָנטאַפּן אין די אינדיווידועלע העלדן זיינע יענע וואָרצלען, פון וועלכע עס דאַרף, מיט דער צייט, אויסוואַקסן אַ נייע יידישע קאָלעקטיווקייט. ער וויל אָנטאַפּן די דאָזיקע גייסטיקע וואָרצלען און נאָכפאָלגן און אויסמאָלן די חבלי־לידה פון די דאָזיקע נייע פאָרמען פון אונזער גייסטיק־קאָלעקטיוון, אָדער בעסער נאָך, פון אונזער גייסטיק־נאַציאָנאַלן לעבן.

ווי אויף אַ כאַראַקטעריסטישע אילוסטראַציע דערצו קאָן מען אָנווייזן אויף זיין קאָצקער צדיק (ר' מענדל פון קאָצק), וואָס איז איינער פון די פּערסאָנאַזשן פון זיינע געדיכט באַפעל־קערטע „פּוילישע וועלדער". (אָפּאַטאָשו האָט דער ערשטער אַריינגעבראַכט אין אונזער ליטעראַטור די דאָזיקע שטאַרקע דראַמאַטישע פּערזענלעכקייט, וואָס ספקט אין זיין באַרופונג אַלס צדיק; פון אָפּאַטאָשום לייכטער האַנט האָט דעם דאָזיקן צדיק אַריינגעפירט אין זיין „תהילים־ייד" אויך שלום אַש, און נאָך אָפּאַטאָשון און אַשן זענען אָנגעפאַלן אויפן דאָזיקן פיל־גע־פּלאָגטן צדיק פאַרשידענע ליטעראַרישע פּאַראַזיטן).

אין אונזער ליטעראַטור פעלן נישט קיין צדיקים. צוערשט האָבן זיך מיט זיי פאַרנומען די משכילישע שרייבער, דערנאָך — שרייבער פון פּרצ'עס שניט. אָבער סיי די ערשטע, סיי די צווייטע האָבן געשילדערט די צדיקים אָדער אַלס סימבאָלן פון שלעכטס, אָדער אַלס סימבאָלן פון גוטס, — אַלס פאָרשטייער פון אַ קאָלעקטיוו. אָפּאַטאָשו אָבער האָט דער ערשטער אַריינגע־פירט אין אונזער ליטעראַטור אַ צדיק אַלס אַן אינדיווידועלע געשטאַלט, אַלס פּערזענלעכקייט. אָפּאַטאָשום מענדל פון קאָצק איז נישט קיין סימבאָלישע פיגור, נאָר אַ דראַמאַטישע פּערזענ־לעכקייט, אין וועלכער עס רייפט עפּעס אין פּיין פון אינדיווי־דועלע איבערלעבונגען, — אַן עפּעס וואָס אים איז אפשר באַ־שערט צו ווערן אַ פרוכטבאַר קערנדל פון עפּעס נאַציאָנאַל־וועלטפולס, נאַציאָנאַל־אַלמענטשלעכס.

* * *

אַפּאַטאָשוס „אַ רייזע קיין פּאַלעסטינע" איז איינס פון די כאַראַקטעריסטישסטע און אינטערעסאַנטסטע ווערק פון דאָזיקן אָנגעזעענעם שרייבער. אַ רייזע־באַריכט איז פאַר אַפּאַטאָשון אַן אידעאַלע פאָרם: נישט נאָר ער געפינט זיך אין כסדרדיקער באַוועגונג, נאָר ער איז מחויב, אַזוי צו זאָגן, צו געפינען זיך אין באַוועגונג, ער איז מחויב צו פילמירן.

אַפּאַטאָשו שטעלט זיך אין דאָזיקן ווערק אָפּ אויף זייער וויינציקע פאַקטן, און יעדן פאַקט גיט ער אין זיין דינאַמישן צושטאַנד און באַוועגונג (פון פאַקט און פונם מחבר), — אָבער באַרירנדיק יעדן פאַקט אין עקספּרעס־לויף, פאַרכאַפּט אַפּאַטאָשו צוזאַמען מיט אים אויך זיין גאַנצע אַטמאָספער, מיט זיין האָריזאָנט פון אַלע זייטן. צוערשט וווּנדערט מען זיך: נישט שוין־זשע האָט אַפּאַטאָשו, אין זיין קליינינקן באַריכט, נישט געהאַט קיין וויכטיקערע פאַקטן ווי דעם פלירט פון איינער פון די יידישע עטלס מיט אַן אָפיציר פון דער שיף? אָבער עס איז געווען אויסבערצולייענען די עטלעכע רעזומירנדיקע ווערטער („סיהאָט אים געטריבן פון די עטלס — די עלעגאַנטע קעבסווייבער, די בירגיקהיס, וואָס מיר שטעלן צו אַלע לענדער, אַלע דורות"), כדי צו איבערצייגן זיך סאַראַ סך מען קאָן געבן מיט אַ סאַמע אומוויכטיקסטן פאַקט, אויב מען כאַפּט אים ווי געהעריק אויף — צוזאַמען מיט זיין אַטמאָספער, מיטן גאַנצן באָדן פון זיינע וואָרצלען. און אָט אַזעלכע קליינינקע פאַקטן זענען דאָ אַ סך אין דאָזיקן קליינינקן, קנאַפּ־וואָרטיקן ביכעלע.

איך קאָן נישט באַרירן קיין סך אַזעלכע פאַקטן, אָבער דאָס איז אפשר אויך נישט נויטיק: דער מעטאָד און דער רעזולטאַט זייערע זענען אומעטום די זעלבע.

אַפּאַטאָשו רעגיסטרירט דאָ נישט און באַשרייבט נישט, — ער וואַרפט זיך, ווי אַ קאַרשון, אין פולן פלי, אויף עפּעס אַ פאַקט, וואָס אַ שוואַכערע ראיה באַמערקט אים גאָרנישט, כאַפּט אים אַרויס אין זיין פולקייט, צוזאַמען מיט זיין גאַנצער אַטמאָספער־אָנגעלאָדנקייט, און פאַר אונז הויבט אָן זיך צו מיניען אין אירע אַלע פאַרבן די פיל־פאַרביקע ווירקלעכקייט פון ארץ־ישראל, אָדער עס וואַקסט אויס פאַר אונז אין איר גאַנצן טראַ־

גיזם און אין איר גאַנצער קאָמפּליצירטקייט איינע פון די פּראָב־לעמען פון יידישן לעבן. און אָט דאָס לעצטע דאָמינירט אין דאָזיקן ביכל: די פּראָבלעמאַטיק פון יידישן לעבן האָט אָפּאַטאָ־שון אינטערעסירט אַ סך מער ווי די עקזאָטיק פון ארץ־ישראל בכלל און די דאָרטיקע יידישע עקזאָטיק — בפרט.

און די טראַגישע פּראָבלעמען פון יידישן לעבן באַקומען אַ באַזונדערס טראַגישע באַלויכטונג אויפן פּאָן פון ארץ־ישראל, וואָס איר אויפגאַבע איז דאָך צו לייזן די דאָזיקע פּראָבלעמען, אויסצוגלייכן זייער סתירהדיקן טראַגיזם.

און דעריבער טאַקע איז דאָס דאָזיקע קליינע ביכל אַזוי צאַפּלדיק־לעבעדיק, אַזוי טראַגיש און אַזוי ערלעך (און אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אָפּאַטאָשו דעם שרייבער, וואָס ראַנגלט זיך אינטעלעקטועל מיטן יידישן לעבן): אָפּאַטאָשו וויל נישט געבן קיין ענטפערס אויף די טראַגישע פראַגעס, ער וויל נישט לייזן קיין פּראָבלעמען (ער וויל נישט, ווייל ער קאָן נישט), — ער שטעלט זיי בלויז פאַר זיך און פאַר אונז, אָדער ריכטיקער: ער דעקט זיי אָפּ פאַר אונז אין זייער נאַקעטסטער ווירקלעכקייט.

ווען אָפּאַטאָשו באַזוכט, אויפן וועג קיין ארץ־ישראל, אַלעקסאַנדריע, באַגעגנט ער אַן אַרכעאָלאָג, וועלכער דערציילט אים וועגן אַנטדעקטן וועג פון יציאת מצרים. און ווען דער אַרכעאָלאָג פאָרט אָפּ, נאָך אַ לאַנגן שמועס, אין זיין אויטאָ, זאָגט אָפּאַטאָשו: „דער אַמעריקאַנער אַרכעאָלאָג, וואָס איז פאַר־שווונדן מיטן אויטאָמאָביל, האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אויפגע־ריסענע דורות און שאַרפן געזאָלין־ריח".

אָט דאָס איז דאָס ריכטיקע וואָרט: ווען מען פאַרמאַכט דאָס ביכל, לאָזט עס אין אונז איבער אַ שאַרפן ריח פון אויפגעריי־סענע, אויפגערודערטע פּראָבלעמען: יידיש־העברעאיש; וואָס אַזוינס איז יידישקייט; סאָציאַלע פּראָבלעמען פונם זיך בויענ־דיקן ארץ־ישראל און אַ סך אַנדערע, מיט נעמען און נאָמענלאָזע.

און דערפאַר טאַקע, וואָס אָפּאַטאָשוס דאָזיקע ביכעלע לאָזט אונז שאַרף שפּירן אונזער היינטיק לעבן, איז עס אַזוי טראַגיש אין זיין פּשטות, און ס'איז נויטווענדיק מען זאָל עס לייענען, מען זאָל אין אים אַריינדרינגען.

און אָט דאָס ביכל איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אָפּאַ־

טאָשו דעם שרייבער: ער איז אריינגעוואקסן אין אַ ליטעראַטור, וואָס האָט זיך שוין געהאַט אַרויסגעריסן פון קאָלעקטיוון יאָך, אָבער שעצנדיק און אויסנוצנדיק די דאָזיקע פרייהייט, לייגט ער דאָך אַרויף אויף זיך „פרייוויליק" (אונטער אינערלעכן צוואַנג) דעם יאָך פון דער נאַציאָנאַל־קאָלעקטיווער פּראָבלעמאַטיק (וואָס איז דאָך געווען אויך זיינע, אַלס לעבעדיקער איינס פון דאָזיקן קאָלעקטיוו, און אַלס איינגעוואָרצלטער אין אים, וואָס ווייטיקט מיט זיי, וואָס ווערגט זיך מיט זיי, וואָס לעבט און אָטעמט מיט זיי אין די באַוווסטזיניקסטע מאָמענטן), פילנדיק מיטן געזונטן אינסטינקט פון אַ נישט דעגענערירטן זון פון זיין פאָלק, אַז אין דער לייזונג פון דער דאָזיקער פּראָבלעמאַטיק ליגט די גאַראַנטיע פאַר דער דויערהאַפטיקייט פון זיין ליטעראַרישער פרייהייט. אָן דער לייזונג פון די דאָזיקע פראַגן איז נישטאָ קיין אייביק לעבן פאַר זיין שאַפן.

אָפּאַטאָשו פילט דאָס, וואָס עס פילט יעדער שרייבער פון יעדן פאָלק אין אַזעלכע באַדינגונגען, אויב, נאַטירלעך, ער איז נישט קיין ציניקער און נישט קיין איינטאָג־פלאַטערל.

דער ערשטער טריט, אויפן וועג פון לייזן גראַנדיעזע פּראָבלעמען, באַשטייט אין דורכדרינגען זיך מיט זיי ביז ווייטיק (נישט „דורכדרינגען זיך מיט זיי" — דאָס זעט אויס ווי אַן אַקט וואָס קומט פון אַ באַשלוס, — נאָר זיין דורכגעדרונגען מיט זיי, ווי מען איז דורכגעדרונגען מיט אַ פּערזענלעכער קוועלעניש), ביז פילן זייער אָנוועזנהייט נישט פון דרויסן, נישט נעבן זיך, נאָר אין זיך, אין אייגענעם וועזן.

און היות אָפּאַטאָשו צווינגט אונז איבערצולעבן אינטים אונזערע פּראָבלעמען, טוט ער מיט דעם עפּעס פאַר זייער צו־קונפטיקער אָרגאַנישער לייזונג.

* * *

אָפּאַטאָשו האָט אריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַ־טור דעם היסטאָרישן ראָמאַן. אָבער איך וויל זיך דאָ אַביסל נענטער אָפּשטעלן אויף זיינע צוויי היסטאָרישע דערציילונגען: „אַ טאָג אין רעגענסבורג" און „אליהו בחור".

ביידע דערציילונגען שטאַמען פון דער עפּאָכע ווען עס איז

געבוירן געוואָרן אונזער ליטעראַטור אין יידיש.

ביידע דערציילונגען טראָגן אונז אַריבער אין סוף 15טן און אָנהויב 16טן יאָרהונדערט אין דייטשלאַנד און איטאַליע.

ווי געזאָגט, איז אָפּאַטאָשו דער ערשטער אין אונזער ליטעראַטור, וועלכער האָט געשאַפן דעם ברייט־פאַרטראַכטן היסטאָרישן ראָמאַן. און אין דער היסטאָרישער טעמאַטיק זוכט ער נישט נישט קיין אינטערעסאַנטע פאַבולע, נישט קיין היסטאָרישן פּאָן, — ער זוכט אין די חורבות פון יאָרהונדערטער גייסטיקע המשכדיקייט, אָדער ריכטיקער — גייסטיקן נישט איבערגעריסענעם דויער.

דאָס רעליגיעזע יידנטום האָט זיך צעשפּאָלטן אויף מתנגדים און חסידים; זיי ביידע — נאָכן ערשטן שאַרפן קאַמף — האָבן דערזען זייער געמיינזאַמען שונא אין דער השכלה און געמאַכט אַ געמיינזאַמען פראָנט קעגן איר; די דאָזיקע לעצטע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ נאַציאָנאַלער באַוועגונג פון איין זייט און אין אַסימילאַציע — פון דער צווייטער; קעגן דער דאָזיקער לעצטער קעמפן אַלע דריי; די נאַציאָנאַלע באַוועגונג גופא נעמט אָן די קעגנזעצלעכסטע פאָרמען און ניואַנסן — פון פּאַן־יידישיזם ביז פּאַן־העברעאיזם, פון גלותיזם ביז פּאַן־א״ישר־אליזם, פון פּאַן־איראָפּעאיזם ביז נעאָ־חסידיזם און נעאָ־אָרטאָדאָקסיזם. טאָ וווּ־זשע איז די ליניע פון נישט איבערגעריסענער המשכדיקייט צווישן די דאָזיקע אַלע ריכטונגען? וווּ־זשע איז דער אומזעבאַרער אָבער דאָך פאַרבינדנדיקער פאָלקס־„איך״ פון דעם אַלעם?

געפינען אָדער שאַפן דעם דאָזיקן פאַרבינדנדיקן נאַציאָנאַלן „איך״ — אָט דאָס איז דער הויפּט־ציל און דער הויפּט־זין פון אָפּאַטאָשוס גרויסער היסטאָרישער טרילאָגיע („אין די פּוילישע וועלדער״, „דאָס יאָר 1863״ און „אליין״).

און איך וואָלט לחלוטין נישט געוועז זיין איבערראַשט, ווען „אַ טאָג אין רעגענסבורג״ אָדער „אליהו בחור״ וואָלטן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין בלויז סקיצעס פאַר אַ גרויסן ראָמאַן אָדער ראָמאַנען פון דער עפּאָכע פון מיטלאַלטער — פון אַ ראָמאַן, וואָס זיין אויפגאַבע איז אָנצוכאַפּן דעם פאָדים פון אַ פאַרבינדנ־

דיקן „איך" אין דער טיפערער ווייט פון די יאָרהונדערטער, ווי פון דער גרויסער טרילאָגיע.

די דערציילונג „אַ טאָג אין רעגענסבורג", הגם זי איז לעבעדיק געשריבן, לאָזט פונדעסטוועגן אָפּט איבער דעם איינדרוק פון אַ קינסטלעכן סקיץ (אמת, די קינסטלעכקייט איז מייסטערהאַפט מאַסקירט). די דערציילונג איז אַזוי געבויט, אַז זי גיט אַ מעגלעכקייט צו באַשרייבן די יידישע הלבשה פון יענער צייט, די יידישע שפּראַך פון יענער צייט, די יידישע לעגענדעס וואָס זענען אין אַ גרויסער מאָס ענלעך אויף דייטשע לעגענדעס (גענומען ביי די דייטשן: די חופּה־ביטערין אויף דער חתונה פאַררופט זיך אויף דער געשיכטע פון ווענוס מיט טאַנהויזערן, וואָס היינריך היינע האָט זי אומשטערבלעך אויסגעדיכטעט), די יידישע קולטור־שטריימן פון יענער צייט.

אין דער דאָזיקער היסטאָרישער דערציילונג איז דער ראַשיקער אָפּאַטאָשו אַמאָל זייער רואיק. ער פירט זיך דאָן אויף ווי יעקל, וועלכער האָט „געקליבן די ווערטער, ווי ער וואָלט זיי אַרויסגעזאָגט פון אַ געשריבן ספרל". אָפּאַטאָשו ווילט אויס פּאַרזיכטיק דעם היסטאָריש־קולטורעלן מאַטעריאַל, ער באַוועגט זיך אין אַ פרעמדן, טונקעלן געביט, אָבער נישט צוליב וויסנשאַפטלעכער נייגיריקייט, — ער וויל צוגרייטן דעם באָדן פאַר אַ פאַרבינדונג צווישן צעריסענע דורות, ער וויל אָפּדעקן די וואָרצלען פון אונזער ליטעראַטור. ער וויל שאַפן אַ פּערספּעקטיוו פאַר אונזער איצטיקן לעבן, וואָס הענגט אָפּט אין דער לופטן. ער לעבט אויף פאַר אונז די געשטאַלט פון אַלטן, פאַרגעסענעם דיכטער לייב פון רעגענסבורג, וועלכער האָט שוין דאָן געפירט אַ קאַמף קעגן דער פרעמדער ליטעראַטור אויף דער יידישער שפּראַך, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין אויספורעמען, און ער האָט געפאָדערט אַ קולטור־המשך פון די ערשטע טריט וואָס יידיש האָט געשטעלט אין דער ליטעראַטור, אין קולטור־לעבן. מיטן פּנים צו אונזער אייגענער געשיכטע, צו אונזערע אייגענע מענטשלעכע מאָטיוון!

„אויב אַזוי, אויב מיר, קאַמעראַדן, האָבן יאָ אַזאַ עשירות, וואָס דאַרפן מיר יידיש אַ הילדעבראַנדט, אַ דיטריך, ווען מיר האָבן אַן אייגענעם דוד, אַ יהודה המכבי, אַ בר־כוכבא?".

דער זעלבער אַלט־נייער קאַמף פאַר דער ירושה און קולטורעלער זעלבשטענדיקייט.

אַמאָל־אַמאָל האָט אים געפירט דער דיכטער ליב פון רע־גענסבורג; אין אונזער צייט האָט אים ווידער אויפגעהויבן י. ל. פּרץ מיט זיין רוף, אַז די ליטעראַטור פון יידישן פאָלק דאַרף זיין יידיש.

* * *

אָבער אַ חוץ דעם דאָזיקן אַלץ־ארומנעמענדיקן ציל, האָט די דאָזיקע דערציילונג נאָך אַ ציל.

מיר ווילן צונויפבינדן אַלע איבערגעריסענע פעדים פון די דורות, סיי די סאַמע אַלטע, סיי די וויניקער אַלטע. אָבער נישט נאָר צונויפבינדן — אויך באַנייען די פעדים!

אונזער ליטעראַטור זוכט איר אָנהויב, איר קוואַל, איר געשיכטע. אַפּאַטאָשו גיט זי אונז: לעם די ביכער פונם פאָקנ־טרעגער הערן מיר אַ סכעמאַטישע פּאָלעמיק צווישן אַ למדן און אַ פּרוי וועגן דעם ווערט פון אונזער יידיש און זיין ליטעראַטור.

„ראָמאַנצן איז זיי וויניק — האָט דער רעגענסבורגער שוחט אַ בלעטער געטאָן מיטן חלף־נאָגל אַ סידור — דרוקט מען שוין תפילות אויך אין „לשון אשכנז". ווער דאַרף עס, ווער?"

„וואָס רעדט איר מיט די „לומדים"? — האָט אַן עלטערע יידענע אַ כאַפּ געטאָן דעם מוכר־ספרים פאַרן אַרבל — די לייט וועלן סיי־ווי־סיי ניקס קויפן! וואָס זאָל איך אייך זאָגן? איר האָט זיך עולם הבא געקויפט! מיט אייער סידור וועט יעדע אשה, וואָס לייענען קאָן, נישט בלויז ווערן אַ זאָגערין, נייערט אויך אַ שטיק חזן! מען וועט מיין נישט טאָפּן אין דער פינצטער, זיך בעטן ביי מאַנספּאַרשוינען: ווו האַלט מען, ווו? האוחז ביד — כיבין מיד און מאַטי".

אָבער די דאָזיקע ליטעראַטור און דער דאָזיקער קולטור־קאַמף איז געשאַפן געוואָרן און פאָרגעקומען נישט אין אַן אקאַ־דעמיע, נאָר אין קאָנקרעטן לעבן. טאָ ווי־זשע האָט אויסגעזען דאָס דאָזיקע לעבן, וואָס פאַר אַ טעם האָט עס געהאַט?

יעדער דור שרייבט אויפסניי די פאַרגאַנגענע געשיכטע. אַש האָט רעוווידירט מענדעלעס אורטייל אויפן „שטעטל"; בערגעלסאָן האָט רעווידירט אַשס אורטייל אויפן „שטעטל". אַפּאַטאָשו

רעווידירט דעם אורטייל פון אונזער אַנגענומענער פאַרשטעלונג וועגן לעבן פון אונזער פאָלק אינם מיטלאַלטער.

דאָס דאָזיקע לעבן — וויל ער אונז ווייזן אין „אַ טאָג אין רעגענסבורג״, באַזירנדיק זיך אויף קוועלן־מאַטעריאַל — איז נישט געווען קיין שטענדיקער תשעה־באב; דאָס לעבן האָט דאָרט געשלאָגן מיט אַ קוואַל, פול געווען מיט רויט בלוט. ער נעמט אַ טאָג פון אַ חתונה און שילדערט פאַר אונז דאָס לעבן פון אַזאַ טאָג ביי פאַרשידענע שיכטן פון דער רעגנסבורגער באַפעלקע־רונג אין 16טן יאָרהונדערט. מיר, יידן, ווייזט זיך ארויס, האָבן געלעבט פולער, מענטשלעכער אויך אין זינלעך־הומרדיקן זין, ווי דאָס דאַכט זיך אונז. און אָט דאָס טאַקע וויל אונז זאָגן אָפּאַ־טאָשו. מיר האָבן אויך דאַן, ווייזט אָפּאַטאָשו, טיילווייז געלעבט אין יוניסאָן מיט דער אַרומיקער וועלט: אינם אַנטאָן, מיט די לידער, מיט די זיטן.

אָבער אויך דערביי פאַרלירט נישט אָפּאַטאָשו די ברייטע נאַציאָנאַלע פּערספּעקטיוו: עס איז גענוג עס זאָל אָפּקלינגען דאָס וואָרט „גירוש״ און די גאַנצע פרייד ווערט פאַרטונקלט, דאָס שרעקלעכע פּנים פון גלות פאַרקוקט אין אַלעמענס געמיטער און לעשט אויס די זאָרגלאָזיקייט און די קינדישע פרייד.

יעדער איינער דערפילט: אַ טאַנץ איבער אַן אָפּגרונט.

* * *

„אליהו בחור״ איז סיי אַ היסטאָרישע עקסקורסיע אין דער טיף פון די יאָרהונדערטער, סיי די ביאָגראַפיע פון אליהו בחור, וועמען מען האָט אַמאָל געהאַלטן פאַרן ערשטן יידישן ראָמאַ־ניסט אויף יידיש, און איצט, אַ דאַנק די היסטאָריקער פון דער אַלט־יידישער ליטעראַטור וויסן מיר (ווי מאַקס עריק פאָרמו־לירט דאָס), אַז „די ראָמאַנען פון אליהו בחור זענען נישט קיין אָנהויב, נאָר גיכער אַ סוף, אַן אָפּשלוס פון אַ לאַנגער ליטעראַ־רישער אַנטוויקלונג״.

אין דער דאָזיקער קליינינקער דערציילונג עפענען זיך פאַר אונז ברייטע האָריזאָנטן. די דאָזיקע האָריזאָנטן עפענען פאַר אונז אינטערעסאַנטע אָנדייטונגען, ווונקען.

די דאָזיקע דערציילונג גיט אונז אַ מוסטער פון דעם ווי

ס'האָט דאָן געלעבט אונזער אויבער־שיכט: דער איטאַליענישער רענעסאַנס רייסט זיך אריין אין יידישן לעבן, די זין לערנען סיי אין ישיבה, סיי אין אוניווערזיטעט, אין וועלכן איינער פון די פּראָפעסאָרן איז אויך ראש־ישיבה. אין סידור געפינען פּלאַץ (בלויז אינם סידור פאַר פרויען, נאַטירלעך!) אויך וועלטלעכע דערציילונגען און לידער.

אין דער דאָזיקער דערציילונג באַקומט אַ בעלעטריסטישע באַלייכטונג דאָס אינטערעסאַנטע לעבן פון איינעם פון די אבות פון אונזער ליטעראַטור אויף יידיש — אליהו בחור, וועלכער האָט אַזוי גוט פּאָפּולאַריזירט דעם איטאַליענישן נוסח פון ראָמאַן וועגן פּרינץ באָווע, אַז „באָווע־מעשה" איז געוואָרן אַ שם־נרדף פאַר אַלע פאַנטאַסטישע מעשיות — דאָס איז אַ בבא־מעשה.

פון דער דאָזיקער קורצער דערציילונג איז קלאָר צו זען, אַז דאָס לעבן פון אליהו בחור, זיין פריינטשאַפט מיט אַ קאַרדינאַל אין משך פון 13 יאָר, פאַרדינט אַ ברייטע בעלעטריסטישע באַלייכטונג אויפן פאָן פון יידישן לעבן אין יענער עפּאָכע.

אין דער דאָזיקער דערציילונג זענען שוין קענטיק דירעקטע שפּורן פון דער שטרעבונג צו פאַרבינדן די איבערגעריסענע פּע־דים פון דורות, פון זוכן אַ המשך, פון אַ נישט איבערגעריסענעם דורות־קאָנטאַקט.

שרעקלעך און דערהויבנדיק איז דער מאָמענט אין דער ביב־ליאָטעק — אין דער ביבליאָטעק פונם קאַרדינאַל־הומאַניסט (וועלכער האָט נישט נאָר געגעבן אַ דרייצן־יאָריקן מקום־מקלט דעם פיל־געפרוווטן קבצן אליהו בחור, — נאָר אויך אַ מעגלעכ־קייט שעפעריש צו אַרבעטן), ווען מיר פילן אליהו בחור'ס כמעט זוי פיזישע שרעק ביים צעקלינגען זיך פון די קלויסטער־גלאָקן (מיר, יידן, קענען אַלע אָט־די רעאַל־מיסטישע שרעק), און ווען עס קומט אים דער געדאַנק, אַז זיינע קינדער גייען אַוועק פון יידנטום. אין דאָזיקן מאָמענט וואַקסט אליהו בחור אויס צו אַ סימבאָל. וויפל יידישע שרייבער לעבן נאָך היינט דורך ענלעכע געפילן צו די, וועלכע אליהו בחור לעבט איבער אין אָפּאַטאַשום פּרעכטיק־בילדלעכער סצענע!

אָבער נישט נאָר צוליבן דאָזיקן מאָמענט פון שטאַרקסטן

מיסטישן ציטער ווערט אונז אליהו בחור נאָענט, פאַרבינדט ער אונזער ליטעראַטור מיט דער פריערדיקער, — אויך מיט זיין מוכר־ספרימשאַפט ווערט אליהו בחור אַ נישט־איבערגעריסענער רינג פון אונזער ליטעראַטור, פון אונזער ליטעראַרישער טראַדיציע.

אין אָנהויב 16טן יאָרהונדערט גייט אליהו בחור,—כמעט דער איינציקער ראָמאַניסט וואָס איז אונז נאָענט באַקאַנט, — איבער די הייזער פאַרקויפן ביכער; מענדעלע מוכר ספרים, דער שעפער פון אונזער ליטעראַטור, שיקט אין די זעכציקער און זיבעציקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט אין אַ שטאָט, וואָס איז פול מיט משכילים, זעקס עקזעמפּלאַרן פון זיינס אַ בוך, און ער וואַרט אומזיסט פריינד זאָלן זיי פאַרקויפן. און סוף־כל־סוף נעמט ער אליין אַרומפאָרן מיט זיינע ביכער (מענדעלע מוכר ספרים איז נישט נאָר אַ ליטעראַרישע געשטאַלט, נאָר אויך אַ שטיקל ווירקלעכקייט); און אין 20טן יאָרהונדערט מוזן יידישע שרייבער אומעטום אַרומטראָגן זייערע ביכער, ווי אַן אָנגעוואָרפענע סחורה, איבער די הייזער.

די געשטאַלט פון אליהו בחור איז לעבעדיק און אַקטועל ביזן היינטיקן טאָג. נאָך 400 יאָר האָט ער געפונען אַ מחיה־מתים אינם טאַלאַנטירטן אָפּאַטאָשו, איינעם פון די רינגען פון דער גרויסער גאָלדענער קייט פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס וואַקסט, ווי עס וואַקסט אַמאָל אַ יתום, אויף להכעיס אַלע קלעפּ פון גורל, און ווערט קרעפטיק און דעראָבערט באָדן פאַר איר אַנטוויקלונג אפילו אין אַן אַטמאָספער פון אינדיפערענטיזם, אפילו אין אַן אַטמאָספער פון פיינטשאַפט*).

און — אָ, וואונדער! — דער דעראָבערטער באָדן פאַר דער ליטעראַטור, ווייזט זיך אַרויס, איז גאָר אויך אַ דעראָבערטער באָדן פאַרן עם־קשה־עורף, פאַרן „עם־הספר", פאַר זיין טאָג־טעגלעכן לעבן אין דער אייביקייט אריין.

---

*) דאָס האָב איך געשריבן אין שאַנכיי, אין 1943. די בעזקשאַפט האָט פאַרשענערט די ווירקלעכקייט, אפילו פון פאַר דער מלחמה.

י. ראַפּאָפּאָרט

„שמשון הגבור" — אַן אָנהויב פון אַ נאַציאָנאַלער עפּאָפּייע

זשאַבאָטינסקי איז געווען אַזאַ אָנגעזעענע פיגור אויף דער אַרענע פון יידישן נאַציאָנאַל־פּאָליטישן לעבן, אַז אַ סך (אויב נישט די מערהייט) האָבן געזען אין אים נאָר אַ פּאָליטישן טוער, וועלכער פלעגט, צוליב פּאָליטישע צילן, זיך באַנוצן נישט נאָר מיטן מינדלעכן, נאָר אויך מיטן געשריבענעם וואָרט, — אפילו מיט בעלעטריסטיק.

עס איז אָבער גענוג איבערצולייענען זשאַבאָטינסקיס „פעליעטאָנען", זיינע דערציילונגען, זיין פּובליציסטיק און — Last but not least. זיין ראָמאַן „שמשון הגבור", כדי איבערצוציינגן זיך, אַז זשאַבאָטינסקי איז געווען אַ באַדייטנדער בעלעטריסט, וועלכער האָט זיך פאַרנומען אויך מיט נאַציאָנאַל־פּאָליטישער טעטיקייט.

דאָס געדרוקטע קינסטלערישע וואָרט איז פאַר זשאַבאָטינ־סקין נישט געווען בלויז אַ מיטל אין פּאָליטישן קאַמף; ער איז געווען אַ באַדייטנדער שרייבער פון ריינסטן בלוט, — אַ שרייּ־בער, וועלכער פלעגט ברענגען צום אויסדרוק אין קינסטלערישן וואָרט די פולקייט פון זיין רייכער פערזענלעכקייט, און במילא — אויך איר פּאָליטישע זייט.

אין דער טראַגישער נאַכט, ווען עמיצער האָט בייזוויליק צעשטערט די לעגענדע וועגן מלאך, וואָס זאָל האָבן באַזוכט שמשונ׳ס מאַמע און איר פאָראויסגעזאָגט זיין, שמשונ׳ס, גע־בוירן ווערן, — אין יענער טראַגישער נאַכט זאָגט צו שמשונ׳ען מאַכבאַנאַי בן שוני, — דער לוי און זשוליק, וועלכער האָט געדינט אַלס כהן אין הויז פון שמשונ׳ס מוטער:

— „דער אמת?, — דער אמת איז נישט דאָס, וואָס עס איז געשען אָדער נישט געשען אין איינער אַ נאַכט פון די נעכט. דער אמת איז דאָס, וואָס וועט פאַרבלייבן אין מענטש־לעכן זכרון אויף אייביק".

„מיט דער צייט וועסטו אויך שטאַרבן, און אַלע מענטשן, וואָס זענען דאָ היינט געווען אויפן מאַרק, וועלן אויך אויס־

שטאַרבן, אַפילו די קליינע קינדער; און צוזאַמען מיט זיי וועלן שטאַרבן אַלע זייערע געדאַנקען, זייערע ווערטער און רכילותן. איינס אָבער וועט בלייבן באַשטיין אויף אייביק: דאָס, וואָס איך וועל באַצייכענען אַלס אמת, — איך, דער לוי מאַכבאָנאַי!".

עס וועלן פאַרגיין עטלעכע יאָרצענדליקער, די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע שטרייטן פון די לעצטע יאָרן וועלן פאַרבלאַסן, מען וועט זיי פאַרגעסן, און דער אמת פון זשאַבאָטינסקים רייך לעבן וועט בלייבן דער, וואָס לויכט צו אונז אַרויס פון זיינע גלענצנ־דיקע פקחותדיקע ביכער; און אמת וועט בלייבן דאָס, אַז זשאַבאָ־טינסקים „שמשון הגבור" איז דער איינציקער ראָמאַן אין אונזער היינטיקער ליטעראַטור, וואָס קאָן פּרעטענדירן אויפן ערן־טיטול — „אַ שפּראָצל פון אַ נאַציאָנאַלער עפּאָפּייע".

* * *

אין זיין לאַקאָנישן פאָרוואָרט צו זיין „שמשון" שרייבט זשאַבאָטינסקי:

— „די דאָזיקע דערציילונג איז געשאַפן געוואָרן אין פו־לער פרייהייט סיי פון די ראַמען פון דער תנכישער מסורה, סיי פון די ידיעות אָדער השערות פון דער אַרכעאָלאָגיע."

זשאַבאָטינסקי האָט אַרויסגעוויזן אין זיין היסטאָרישן ראָ־מאַן אַ סך שעפערישע פאַנטאַזיע. די מיטאָלאָגישע און לעגענ־דאַרע ברעקלעך וועגן שמשונ'ען, וואָס מיר געפינען אין „שופ־טים", האָט זשאַבאָטינסקי פאַרוואַנדלט אין אַ גראַנדיעזער גע־שטאַלט פון אַ מענטשן, וועלכער לעבט מיט אַ פולן און אומ־געצוימטן (דורך דער אידייע פון ראָמאַן נישט אַרויפגעצוווּנ־גענעם) לעבן נישט נאָר אויפן פּאָן פון זיין עפּאָכע, נאָר וואָס איז אויך מיט זיין גאַנצן וועזן פאַרפלאָכטן מיט איר אויף לעבן און טויט.

און עס גייט אונז להלוטין נישט אָן, צי דער ראָמאַן איז אין הסכם מיט די אַרכיוו־ידיעות פון דער אַרכעאָלאָגיע און געשיכטע. מיר שפּירן אין אים דעם אמת פון דער דעמאָלטיקער עפּאָכע. מיר הערן שיער נישט אין די דאָזיקע זייטלעך דעם פליגל־שלאָג פון איר גורל אין פּראָצעס פון אויספורעמען זיך.

און ווי קינסטלעריש־טיף און שאַרפזיניק עס זענען איבער־

געגעבן די איינצלנע תנ״כישע פּרטים פון שמשון׳ס לעגענדע!
נעמט, למשל, דעם פּרט מיט די אָפּגעשווירענע לאָקן. אויך אין ראָמאַן זענען זיי די סיבה פון שמשון׳ס אומקום, אָבער נישט דערפאַר, וואָס אין זיי ליגט זיין כוח. די דאָזיקע אָפּגע־שווירענע לאָקן נעמען ביי אים נישט אָפּ די פיזישע גבורה, נאָר זיי ווירקן פאַטאַל אויף זיין ווילן צום קאַמף, צו שטעלן אַ ווי־דערשטאַנד. די דאָזיקע אָפּגעשווירענע לאָקן אַנטוואָפּענען אים פּסיכאָלאָגיש. און אַ גאַנצע ריי געשעענישן גרייטן פּסיכאָלאָגיש צו די דאָזיקע קאַטאַסטראָפע.
אין צרעה, שמשון׳ס היימשטאָט, איז פאָרגעקומען אַ צו־נויפטרעף פון פאָרשטייער פון שבט דן מיט שליחים פון שבט יהודה. היות די פּלשתים האָבן געפאָדערט ביים שבט יהודה אַרויסצוגעבן שמשון׳ען (נאָך דעם ווי ער האָט אַוועקגעטראָגן די טויערן פון דער באַפעסטיקטער שטאָט עזה), האָבן די שליחים פון יהודה, פון זייער זייט, געפאָדערט ביים שבט דן אַרויסצו־געבן זיי דעם געפערלעכן שמשון. און היות די פּלשתים האָבן געשטעלט אַן אולטימאַטום: אָדער אַרויסגעבן זיי שמשון׳ען אָדער — אַ מלחמה, האָט אויך שבט יהודה געשטעלט אַן אול־טימאַטום: אָדער אַרויסגעבן זיי שמשון׳ען אָדער — אַ מלחמה פון שבט יהודה קעגן שבט דן.
אָבער אחוץ דעם דאָזיקן דערשיטערנדיקן פאַקט, קומט פאָר נאָך עפּעס דערדריקנדיקס.
ווען אייניקע פון שבט דן לייגן פאָר בעסער אַ געמיינזאַמען קאַמף קעגן די פּלשתים איידער אַרויסצוגעבן זיי אַ ברודער, וואַרפט אַ שליח פון יהודה שמשון׳ען אין פּנים די באַשולדיקונג, אַז ער איז פון פרעמדן בלוט, אַז נישט אַ מלאך האָט אָנגעזאָגט שמשון׳ס מוטער זיין געבורט, נאָר ער איז אַ קינד פון אַ פּלשתי.
און אַלע אָנוועזנדיקע גלויבן אין דער דאָזיקער באַשול־דיקונג.
אמת, זיינע אָנהענגער קומען צו אים און זאָגן:
— „צי ס׳איז דאָן, ביים ברונעם, געווען אָדער נישט געווען גאָטס אַ מלאך, דאָס ווייסן מיר נישט. אָבער איינס ווייסן מיר: אין אַן אַנדער נאַכט איז איבער אַלע אונזערע שטיבער דורכ־געגאַנגען גאָטס מלאך און אָפּגענומען ביי אונז יעדן געדאַנק

און יעדע האָפנונג, אפילו די חלומות אונזערע, און האָט זיי אַלע אויסגעמישט אינאיינעם, געמאַכט פון זיי איין האַרץ און אריינגעלייגט עם צווישן דיינע ריפּן, שמשון! דו — דאָס זענען מיר; נישט פאַר דיר שטעלן מיר זיך איין, נאָר פאַר דער נשמה פון דן". אָבער שמשון פילט זיך דערנידעריקט, — אַלע האָבן זיי געגלויבט, אַז ער איז לויטן בלוט אַ פרעמדער, און כמעט אַלע זענען גרייט איבערצוגעבן אים די פּלשתים.

— „שמשון איז פאַרפרוירן געוואָרן נאָך אין יענער נאַכט נאָכן צוזאַמענקום אין צרעה", — זאָגט זשאַבאָטינסקי. און ווען מען גיט איבער שמשון'ען צו די פּלשתים און דאַן קויפט מען אים אויס פאַר גרויסע געלטער ביי אַ פאַררעטער — אַ פּלשתי, איז ער שוין גלייכגילטיק צו אַלץ, ווי אַ מענטש, וואָס איז אויף דער העלפט פאַרפרוירן. ער פאָרט כמעט ווי אינסטינקטיוו צו דלילה'ן, וועלכע איז, ווי דאָס שטעלט זיך אַרויס שפּעטער, נישט קיין אַנדערע, ווי עלינאָאַר, די דורך אים פאַרשטויסענע שוועסטער פון זיין איינציקער גרויסער ליבע — סעמאַדאַר, זיין פּלישתימשע פרוי. ווען שמשון רופט זי אָן, — אין הויכפּונקט פון זיין ליידנשאַפט —„סעמאַדאַר!", באַשליסט די איפּערזיכטיקע פרוי זיך נוקם צו זיין אין אים פאַר אַלע אירע אייפערזיכטיקע ליידן. זי שיקט נאָך די פּלשתים און זי גאָלט אָפּ, כדי אים צו פאַרשעמען, שמשון'ס האָר.

ווען עס קומען די פּלשתים, הויבט שמשון אָן זיך צו פאַרטיידיקן מיט דערפאָלג, אָבער דערשפּירנדיק, אַז ער איז אָן האָר, אַז מען האָט אים אָפּגעגאָלט (אַ שרעקלעכע באַליידיקונג!), און דערהערנדיק דאָס געלעכטער און די שפּאָט־ווערטלעך פון די זעלנער אויפן חשבון פון זיין אָפּגעגאָלטן קאָפּ, פאַרלירט שמשון זיין געוויינלעכע קאַלטבלוטיקייט און פאַלט אריין אין די הענט פון די פּלשתים.

דאָס איז בלויז איין ביישפּיל פון אַ סך, ווי פריי און מיט וואָסער מייסטערשאַפט זשאַבאָטינסקי באַנוצט זיך מיט די פּרטים פון דער שמשון־לעגענדע.

עס איז, נאַטירלעך, אוממעגלעך נאָכצופאָלגן זשאַבאָטינסקין טריט נאָך טריט אויף זיין פרייען וועג, בפרט אַז ביי אַזאַ סכעמאַטישן איבערדערציילן לאָזט זיך איינהאַלטן נאָר דער

שאָטן פון די דאָזיקע אַפּט גלענצנדיקע סצענעס.

ווי אַזוי קאָן מען איבערגעבן דעם גאַנצן חן און די גאַנצע קינסטלערישע קראַפט פון דער לעצטער סצענע אין דגון'ס טעמפּל, ווען שמשון שטאַרבט צוזאַמען מיט זיינע שונאים? אָדער די סצענע ווי אַזוי שמשון גייט קיין תמנה נאָך סעמאַדאַר זיין פרוי און דער שווער, דער פּלשתי, וויל אים נישט אַריינלאָזן צו איר? די קאַרגע ווערטער פון תנ"ך צעבליִען זיך דאָ ביי זשאַבאָטינסקין אין איינער פון די מעכטיקסטע און פאַרביקסטע סצענעס פון ראָמאַן.

אין „שמשון הגבור" האָט זשאַבאָטינסקי פאַנטאַזיע־אַנטוויקלט אין דער גאַנצער ברייט און טיף זיין נישט־דורכשניטלעכן בעלעטריסטישן טאַלאַנט. וויפל לעבעדיקע, פולבלוטיקע מענטשן עס פילן אָן דאָס דאָזיקע בוך, אחוץ שמשון'ס גראַנדיעזע און קאָמפּליצירטע געשטאַלט! זיינע פּלשתים בעגהאם און סאַראַן פון עזה (בכלל פאַרמאָגן זיינע פּלשתים כמעט אַן אָנצוטאַפּנדיקע נאַציאָנאַל־ראַסיקע אייגנאַרטיקייט, ווי ער וואָלט זיי האָבן אָפּגעמאָלט פון דער נאַטור), דער לוי מאַכבאַנאַי בן־שוני, זיין יונג נחושתן (אַ ווונדערבאַרע געשטאַלט, וואָס מיר זעען זי און קאָנען באַרירן כמעט ביז האַלוצינאַציעס), פרויען, וועלכע האָבן ליב שמשון'ען, די פּלשתים־מיידלעך סעמאַדאַר און עלינאָאַר, די דנ'יטקע קרני — די דאָזיקע אַלע געשטאַלטן זענען פול מיט צאַפּלדיקן לעבן.

היינט סאַראַ קראַפט פון פאַנטאַזיע ביים פאַנאַנדערוויקלען דעם אַלגעמיינעם סוזשעט און זיינע עפּיזאָדן!

„שמשון הגבור" איז אַ ראָמאַן פון אַ ראָמאַניסט, — נישט פון אַ פּובליציסט, וועלכער באַנוצט זיך אויך מיט דער פאָרם פון ראָמאַן, כדי דורכצופירן זיינע אידייען.

דערמיט בין איך לגמרי נישט אויסן צו זאָגן, אַז „שמשון הגבור" פאַרמאָגט נישט קיין אידייען אָדער אַ צענטראַלע אידייע, אָבער אין דאָזיקן ראָמאַן זענען די אידייען אָדער די אידייע אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן ראָמאַן. דער דאָזיקער ראָמאַן שטראַלט אויס זיין אידייע, ווי עס שטראַלט זי אויס אַ לעבעדיקער מענטש, אויב ער פאַרמאָגט אַזאַ, אָבער ער פּראָקלאַמירט זי נישט ווי אַ גראַמאָפאָן־פּליטע.

* * *

איך געדענק: אין 1916 האָב איך זיך געקלאָגט דערויף, וואָס אונזער אָרימע ליטעראַטור נוצט נישט אויס די רייכטימער, וואָס ליגן צעוואָרפן אין תנ"ך, און די אוצרות פון דער תלמודי־שער אגדתא. סאַראַ עשירות פון סימבאָלן! — צי אויס די האַנט, קינסטלער, און באַרייכער זיך!

איך האָב נאָך דאַן נישט געוווּסט, אַז נאָר דעם וואָס האָט, ווערט געגעבן נאָך מער. אַ סך אומגעלונגענע פּרוּוון מצד אונ־זערע שרייבער צו באַנוצן זיך מיט די דאָזיקע אוצרות, האָבן מיר געלערנט דעם דאָזיקן אמת. מען דאַרף פאַרמאָגן אַן אייגע־נעם גאָלדענעם אידייען־שליסל, כדי מיט דערפאָלג צו עפענען דעם אריינגאַנג צום אוצר פון די אָנגעזאַמלטע סימבאָלן פון דער פאָלקס־קולטור. מען דאַרף פאַרמאָגן אַ שעפערישע קראַפט, כדי צו קאָנען באַפרוכטן מיט אַ ניי לעבן אַן אַלטן מיטאָס, אַלטע סימבאָלן.

„שמשון הגבור" איז אפשר דער ערשטער ראָמאַן אין אונ־זער ליטעראַטור, וואָס איז צוגעגאַנגען צו אַ פאַרטיקן סימבאָל מיט שעפערישער קראַפט (און, דער דאָזיקער ראָמאַן איז, צום באַדויערן, אָנגעשריבן אויף אַ פרעמדער שפּראַך...).

אין די לעצטע יאָרן, ווען היסטאָרישע ראָמאַנען זענען געוואָרן ביי אונז אַ מאַסן־פּראָדוקציע, האָבן ליבהאָבער פון פּרימיטיוון רעאַליזם, קנעכט פון פאַקטאָמאַניע, גענומען פאַר־וואַרפן זייערע מחברים, אַז זיי גייען אַוועק פון דער ווירקלעכ־קייט, וואָס איז, כלומרשט, נישט פאַר זייערע כוחות....

דער דאָזיקער פאָרוואורף קאָן אפשר זיין אויפן אָרט לגבי צאָלרייכע קאָנקרעטע היסטאָרישע ראָמאַנען, אָבער לחלוטין נישט לגבי דעם היסטאָרישן ראָמאַן אַלס אַזעלכן. פאַרקערט, אַ שעפערישער היסטאָרישער ראָמאַן באַנוצט זיך תמיד מיט אַ פאַרטיקער היסטאָרישער געשטאַלט, כדי וואָס בעסער צו באַ־טראַכטן די ווירקלעכקייט דורך דעם מעדיום פון אויסגעקריס־טאַליזירטער געשיכטע. דער שעפערישער היסטאָרישער ראָמאַן גיסט אריין דעם כּאָאָס פון היינטצייטיקייט אין אַ פאַרטיקן היס־טאָרישן פורעם און פורעמט זי, אַזוי אַרום, סיי פאַר אונזער געפיל, סיי פאַר אונזער געדאַנק. דער שעפערישער היסטאָרישער

ראָמאַן גייט נישט אַוועק פון דער ווירקלעכקייט צו געשיכטע, נאָר, פאַרקערט, ער גייט דורך געשיכטע צו דער ווירקלעכקייט.

און פון דאָזיקן שטאַנדפּונקט איז „שמשון הגבור" — אַ שעפעריש ווערק, וואָס באַפרוכפּערט די ווירקלעכקייט.

* * *

אין זיין באַרימטן עסיי „פיר זין", שרייבט זשאַבאָטינסקי: „און דאָס דריטע יינגל — איז אַ תם. די אויגן זיינע זענען ערלעכע, קלאָרע, און זיי קוקן גלייך אין אייערע. ער איז נישט פון די, וועלכע ווילן עפּעס אַרויסקריגן, זיך דערוויסן, וועלכע גריבלען זיך אין קענגנזאַצן. די וועלט איז פאַר אים פּשוט און נישט אָפּצופרעגן. ער האָט ליב צו גלויבן און פול זיין מיטן יראת הכבוד פונם קלאָרן גלויבן פון פּרימיטיוון מענטשן. אין דאָזיקן זין איז געווען אַ תם אויך שמשון: ער האָט ליב געהאַט זיך שלאָגן, ער האָט ליב געהאַט צו שפּאַסן, פרעגן רעטענישן, זאָגן חכמות, אַ שטיף טאָן, גוט אָפּצועסן, זיס אויסצוטרינקען, און צוטרוילעך איז ער געווען אויף אַזוי ווייט, אַז נאָך דריי מאָל אָפּגענאַרט ווערן, איז ער ווידער איינגעשלאָפן אויף דלילה'ס ברוסט.

„דער היינטיקער זון, דער פּראָסטאַק, פאַרמאָגט נישט, נאַטירלעך, יענע פולבלוטיקע לעבנספרײדיקייט, וואָס שמשון האָט פאַרמאָגט, — די ציַיטן זענען אַנדערע; אָבער דער טיפּ איז אין גרונט דער זעלבער — אַ פּשוטע, אָפנהאַרציקע צוטרוילעכקייט".

דאָס האָט זשאַבאָטינסקי געשריבן אין 1911. זינט דאַן האָט ער זייער אַ סך געענדערט זיין מיינונג וועגן שמשון'ען, — זי איז געוואָרן קאָמפּליצירטער, אָבער דער פונדאַמענט פון ראָמאַן באַשטייט נאָך אַלץ אין דער אַמאָליקער כאַראַקטעריסטיק פון שמשון'ען: זשאַבאָטינסקי האָט פּשוט ליב באַקומען זיין „פולבלוטיקע לעבנספריידיקייט", וואָס פעלט אונז. אַלדאָס איבעריקע איז שוין נאָר אַ פּירוש דערצו.

זשאַבאָטינסקי האָט נישט געזוכט קיין געשטאַלט פאַר זיינע אידייען; די דאָזיקע געשטאַלט האָט געלעבט אין אים אין פאַרלויף פון יאָרצענדליקער, און זיי — די אידייען — זענען אויסגעוואַקסן אין זיין געשטאַלט, אויסגעוואַקסן צוזאַמען מיט איר, זיי זענען מיט איר צוזאַמענגעוואַקסן.

אין „שמשון הגבור" איז דאָ, דעריבער, אין זייער אַ גרויסער מאָס, דאָס, וואָס מען וואָלט געוועז געקאָנט באַצייכענען אַלס „קונסט לשם קונסט", אַלס שפּיל פון אַ גוט־אַנטוויקלטער זינסטלערישער מוסקולאַטור. דעם מחברס פאַנטאַזיע אַנטציקט זיך מיט שמשונ'ס בראַווע שטיק. זיין פאַנטאַזיע אַרבעט שפּיל־עוודיק, אָן הינטערגעדאַנקען, און דאָך, — אויף די עיקרדיקע ווענדפּונקטן פון ראָמאַן וואַקסט אויס פאַר אונז אויפן נאַטירלעכסטן אופן אַ גרויסער סימבאָל, כמעט אַ נאַטירלעכער הינטערגעדאַנק: אונזער פאָלק לעבט ווידער איבער די תקופה פון די שופטים, מיר געפינען זיך ווידער אויפן פרשת דרכים פון אונזער געשיכטע און מיר נויטיקן זיך ווידער אין אייניקייט, אין צילבאַוווסטזיניקייט, אין אַ „מלך", סימבאָליש זיך אויסגעדריקט.

* * *

אין זיין געניאַלן עסיי „הלכה און אגדה", האָט ביאַליק זיך דערגראָבן צו די טיפסטע וואָרצלען פון אונזער הילפלאָזיקייט: מיר האָבן פאַנאַנדערגעריסן די פאַרבינדונג צווישן דער הלכה און דער אגדה פון לעבן.

— „אַ פאָלק, — זאָגט ביאַליק, — וואָס לערנט זיך נישט אויס ענג צו פאַרבינדן הלכה מיט אגדה, פאַרמשפּט זיך אויף אייביקן נע־ונד, ריזיקירנדיק צו פאַרלירן דעם איינציקן ריכטיקן וועג, וואָס פירט פון ווילן צו טאַט, פון שטרעבן צו פאַרווירקלעכונג".

„הלכה, וואָס איז פאַרבונדן מיט אגדה, איז אַ צייגניש פון דייפקייט און געזונט פאַר אַ פאָלק. אָבער יעדע אגדה, וואָס פאַרמאָגט נישט איר הלכה, זאָגט עדות אויף דעם, אַז אירע טרעגער האָבן נישט גענוג שעפערישע כוחות און מעגלעכקייטן".

„פריער, — זאָגט ביאַליק, — האָבן מיר געליטן פון אַן איבערפלוס פון הלכה, און איצט — פון אַן איבערפלוס פון אגדה (הלכה — דאָס זענען די האַרטע פאָרמען פון געזעץ; אגדה — די פריי־שוועבנדיקע פאַנטאַזיע)". און דער דיכטער בענקט נאָך אַ גלייכגעוויכט אין דאָזיקן געביט:

— „מיר בויגן איין דעם קאָפּ, — ווו זשע איז ער, דער אייזערנער יאָך? פאַרוואָס זשע זעט מען נישט קיין מעכטיקע

האנט און קיין אויסגעשטרעקטן אָרעם?״

אָט די זעלבע בענקשאַפט נאָך א מעכטיקער האנט באַטראַכט זשאַבאָטינסקי אַלס עיקרדיקע באַדערפעניש פון אונזער צייט, און זיין שעפעריש געפיל איז עולה רגל צו דער תקופה פון די שופטים, ווען די דאָזיקע בענקשאַפט האָט באַקומען איר עפּישן און רעאַלן אויסדרוק אין דער פאָדערונג נאָך א קעניג.

אין „שמשון הגבור״ איז דאָ א כאַראַקטעריסטישע סצענע: שמשון פרעגט אוים דלילה׳ן וועגן מצרים, ווער עס פירט אָן מיטן לאַנד.

ער וואַרפט אָפּ אירע השערות: נישט די אַרמיי־פירער, נישט די פּריסטער פירן נישט אָן מיטן לאַנד.

— טאָ ווער־זשע?

— „איין מענטש פירט אָן. פרעה — דער קעניג פון מצרים.״

— „אָבער ער איז דאָך א קינד, — ענטפערט דלילה, — און דערצו נאָך א נאַריש קינד!״

— „פרעה פירט אָן, — האָט שמשון איבערגעחזרט מיט עקשנות, און ביים דאָזיקן גלויבן איז ער פאַרבליבן״. ווייל לויט זיין מיינונג, פירט אָן דאָס אַבסטראַקטע (אָדער, פאַרקערט, דאָס קאָנקרעטע) געזעץ, וועמען אַלע וואַרפן זיך אונטער.

אָט נאָך דעם־אָ אַבסטראַקט־קאָנקרעטן געזעץ בענקט שמשון און ער גופא פאַרקערפּערט מיט זיך אָט־אָ־דעם געזעץ. נאָכן דאָזיקן געזעץ בענקט נחושתן, שמשונ׳ס טרייער יונג: אונטערוואַרפנדיק גרענעצלאָז זיין ווילן שמשונ׳ען, פילט ער זיך פריי.

„— איך בין ווי א הונט: דער פאַסטוך האָט גענומען אויף זיך מיינע זאָרגן, און אים איז שווער, און איך שפרינג אַרום אויף דער פריי...״

און דלילה מאַכט דעם ריכטיקן אויספיר:

— „אַלע, ווי עס שיינט, זוכן זיי א פרעה״...

דערין ליגט א גרויסע געפאַר (ווי די היינטיקע גרויזאַמע צייט האָט דאָס אונז געוויזן), אָבער אויך א גרויסע קראַפט. זשאַבאָטינסקי האָט מער געשפירט די דאָזיקע קראַפט, ווי די דאָזיקע געפאַר, און „שמשון הגבור״ איז גלייכצייטיק אי א ריין

קונסטווערק, אי די פּראָגראַם פון דער ביתר־באַוועגונג, וואָס איז אָן שום ספק אַ בפירושע פירער־באַוועגונג. די דאָזיקע פּראָגראַם איז געשריבן, דער עיקר, אין די געשטאַלטן פון שמשונ׳ען און נחושתנ׳ען — דער פירער און דער נאָכפאָלגער, דעם פאַרגע־טערטן פירער און דעם פירער־פאַרגעטערער.

אַלדאָס איבעריקע אין דאָזיקן ראָמאַן זענען בלויז קינסטלע־רישע פּאַראַגראַפן צו די דאָזיקע צוויי הויפּט־אַקסן פון דער ראָ־מאַן־פּראָגראַם, וואָס האָט זיך שעפעריש קריסטאַליזירט אין אַ קונסט־ווערק.

שמשון איז אַ קעמפער פאַר דער פרייהייט און פאַראייניקונג פון זיין פאָלק. דער, וואָס איז באַקאַנט מיט זשאַבאָטינסקיס אייגנאַרטיקער לאָגיק, וועט ביי שמשונ׳ען באַמערקן אַ באַקאַנטן סטיל פון געדאַנק און האַנדלונג.

ווען מיר לייענען: „שמשון האָט זיי געמשפּט לויט די גע־זעצן פון זיין ווילדער חכמה, און האָט געלערנט דנ׳ען דעם האַרטן לעבן פון אַ „וואָלף צווישן פעלקער", — דערשפּירן מיר, גישט ווילנדיק, דעם האַרבן אַראָמאַט פון זשאַבאָטינסקיס פעליע־טאָנען, פון זיין גרויזאַמער לאָגיק, פון זיינע אומגעריכטע אויס־פירן.

זשאַבאָטינסקי האָט נאָך לאַנג פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה (אין 1910) געשריבן צוויי כאַראַקטעריסטישע אַרטיק־לען, אין וועלכע עס קומט שאַרף צום אויסדרוק שמשונ׳ס פּאָלי־טישער אני מאמין.

„ווען מען הערט, — שרייבט זשאַבאָטינסקי אין זיין בוך „פעליעטאָנען", אינם אַרטיקל „האמא האמיני לופוס עסט" („אַ מענטש פאַר אַ מענטש איז — אַ וואָלף"), — פאָרוואָרפן פאַר פּרעדיקן אָפּגעזונדערטקייט, אומצוטרוי און אַנדערע האַרבע זאַכן, ווילט זיך אַמאָל ענטפערן: יאָ, כ׳בין מודה, איך פּרעדיק און וועל ווייטער פּרעדיקן; ווייל אין דער אָפּגעזונדערטקייט, אינם אומצוטרוי, אינם אייביקן „אויף־דער־וואַך־שטיין", אין דער אייביקער „פאַלקע" אונטער דער פּאָלע — איז דער איינ־ציקער מיטל ווי נישט איז אויפצוהאַלטן זיך אויף די פיס אין דאָזיקן וועלפישן געשלעג".

און אינם אַרטיקל „כ׳גלויב נישט״ (1910), אין זעלבן בוך „פעליעטאָנען״, שרייבט ער:

„ניין, איך גלויב נישט אין קיין שום פּריץ, נישט אין מאָרגנדיקן, נישט אין איבערמאָרגנדיקן. (דאָס הייסט, נישט אין דעמאָקראַטיע, נישט אין סאָציאַליזם. און זשאַבאָטינסקי ברענגט, ליידער, גאַנץ וואַגיקע באַווייזן, וואָס די לעצטע 40 יאָר האָבן דאָס באַשטעטיקט אויפן טראַגישסטן אופן. — י. ר.) און אין דער „פּאָלקע״ אונטער דער פּאָלע גלויב איך, ווייל איך זע אַ דאַנק איר ריווח אין די שכנימשע קעשענעס״. (און היות די ריווחים פון דער פּאָלקע האָבן זיך זינט 1910 שטאַרק פאַרגרעסערט, האָט זשאַבאָטינסקי נאָך מער געגומען גלויבן אין דער „דובינקע״, בפרט אַז די לאַגע פון יידן, וואָס האָבן נישט קיין „דובינקע״, איז געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער...).

זשאַבאָטינסקי האָט שוין דאַן, מיט לאַנגע יאָרן פאַר זיין שמשון הגבור׳ס געבורט, געגלויבט אין שמשונ׳ס ווילדער חכמה, וואָס באַשטייט אין דעם, אַז היות יעדער שכן טראָגט אונטער דער פּאָלע אַ שטעקן, דאַרפן מיר, יידן, אויך זיך איינשאַפן אַזאַ...

„כמעט תמיד, — זאָגט ער וועגן זיין שמשון, — איז אין זיין פּסק־דין געווען עפּעס אומגעריכטס, דענערווירנדיקס״. נישט ווילנדיק וועט יעדער איינער זיך דערמאָנען וועגן זיין דערפאַרונג מיט זשאַבאָטינסקין, דירעקט אָדער דורך דער פאַרמיטלונג פון זיינע ביכער.

דאָס הייסט נישט, נאַטירלעך, אַז זשאַבאָטינסקי האָט פאַרוואַנדלט שמשונ׳ען אין אַ פּשוטן הילכער פאַר זיינע געדאַנקען, — אין שמשונ׳ען האָט ער געזען די פאַרקערפּערונג פון זיין טרוים, און אין דאָזיקן טרוים האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט דער געדאַנק און דאָס געפיל פון דעם, ווער עס האָט דעם דאָזיקן טרוים פאַרקערפּערט אין אַ ביבלישער געשטאַלט, אין אַ ביבלישער עפּאָכע.

איינער פון שמשונ׳ס כאַראַקטעריסטישע שטריכן באַשטייט אין דעם, וואָס ער פירט אַ טאָפּלט לעבן. ער האָט ליב זיין הייםישן דן. ער טרוימט וועגן זיין ווילשטאַנד און אַרבעט פאַר אים. ער פילט זיך אומגליקלעך, ווען דער שליח פון יהודה דער־

קלערט אים אַלס פּרעמדן לויטן בלוט. און ביים סוף פון זיין לעבן, ווען ער דערוויסט זיך פונם מויל פון זיין פּאַטערס אמאָ־ליקן קנעכט, אַז ער, — שמשון, — איז דער זון פון אַ דנ׳יטער, לאַכט דער בלינדער שמשון לאַנג און פריידיק: ער ווייסט, אַז איצט איז שוין צו־שפּעט צו פרייען זיך, און דאָך פרייט אים די דאָזיקע ידיעה. ער האָט ליב זיין היימישן דן, און ווען דער פלשתימ׳שער סרון לייגט אים פאָר איבערצוגיין אויף זייער זייט, איז ער נישט מסכים. ער ווילט בעסער אוים טויט איידער פאַר־ראַט, און ער גלויבט אין זיין פאָלק, אין זיין נצחון. ער האָט ליב דן און ער ווייסט מיט זיין גאַנצן וועזן, אַז די דאָזיקע ליבע איז אומפאַרענדערלעך.

— „... אינם יאָר פון דער ערד־ציטערניש איז געקומען דער שליח פון יהוה צו מיין מוטער און מיר באַשטימט אַן אויפגאַבע, און דערויף איז מיר געגעבן געוואָרן קראַפט אין מיינע אַקסלען. און קראַפט אַנצופירן מיט מענטשן. דעם שבט אונזערן לעבט זיך שווער אַן אַ באַשיצער און אַ נקמה־נעמער. דאָס דאָזיקע לעבן איז מיין גורל — ענדערן דאָס איז אוממעגלעך". ער האָט ליב דן, און דער געדאַנק, אַז זיין — און דלילה׳ס — זון וועט זיין דנ׳ס אַ שונא, גיט אים צו כוח צו זיין לעצטער העלדנטאַט: ער וואַרפט אום דעם טעמפּל אויף זיין זון, אויף זיין זונס מוטער און אויף איר פאָלק.

אָבער ביי זיין גאַנצער ליבע צו דנ׳ען, האָט ער אויך ליב די פלשתים. ער האָט ליב זייער זאָרגלאָזיקייט, זייער פרייל־עכ־קייט, זייער אָרדנונג, זייערע שיינע לעבנס־פאָרמען. ער פירט קעגן זיי אַ קאַמף נישט דערפאַר, ווייל ער האָט זיי פיינט, — נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט ליב דן, ווייל ער גלויבט אין דן. אויף דער ערד פון כנען איז קיין אָרט נישטאָ פאַר צוויי הערשנדיקע פעלקער, און ער דאַרף פירן אַ קאַמף קעגן די פלשתים.

— „די פרזים, די גירגשים, די חוים, — זאָגט שמשון... — וואָס־זשע — אַלע אויסשעכטן? אָדער זיי זאָלן בלייבן צווישן אונז אויף אייביק, ווי אַ ביין אין האַלז? מען דאַרף דעם ביין אַראָפּשלינגען, — בפרט אַז ער איז געוואָרן ווייך, ווי אַ כרושטש ביי אַ לעמעלע".

— „און אויך די פּלישתּים זענען אַ כרושטש? — האָט אַ שעפּטש געטאָן יאגור.

שמשון האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— כפתור איז נישט קיין ביין; כפתור איז אייזן; וועסט אים נישט אַראָפּשלינגען. הייסט עס — אָדער מיר, אָדער זיי".

און שמשון גרייט זיך צום דאָזיקן קאַמף אָן כעס. כעס פּילט ער צו די אייגענע, וועלכע גיבן זיך אונטער דעם כפתור'שן אייזן. ער איז צעצווייט אויך אין זיין פּערזענלעך לעבן.

— „אייך האָב איך ליב,—זאָגט שמשון צום סרון, וועלכער ליינט אים פאָר צו פאַרראַטן דנ'ען. — די דנ'יטן, דאַקעגן, האָב איך נישט ליב, — זיינע קרובים האָס איך". אָבער צי דען „דערקענט מען אייגנס און פרעמדס לויט ליבע?... טרינקען און שפּאַסן מיט אייך האָב איך ליב. אָבער בויען?... מיט אייך? פון אייך? איך גלויב נישט אין אייך".

ווען שמשון גייט אַוועק פון דלילה'ן און ער דערנענטערט זיך צו די גרעניצן פון זיין דן, ווערט ער אומעטיק.

— „אים גופא האָט זיך נישט געוואָלט גיין. קיינמאָל נאָך האָט ער זיך נישט דערנענטערט צו זיין גרעניץ מיט אַזאַ עקל. ווידער אָנגעכמורעטע פּנימער, זאָרג, טיפּזיניקע זקנים, אַ שריי־איקער המון... שוין צופּיל איז שמשון הגבור מיד פון זיי, אויס־געהונגערט, און שוין צו־גוט איז אים געווען אין יענער לעצטער וואָך, אינם געצעלט הינטערן אויסבויג פונם אויסגעטריקנטן טייכל".

צי דען קאָן מען נישט באַמערקן אויך אין דער דאָזיקער צעצווייאונג זשאַבאָטינסקיס באַציאונג צו זיין פאָלק? ער איז געקומען פון אַן אַסימילירטער סביבה, ער איז אריינגעוואקסן אין אַ פרעמדער סביבה, וועלכע ער האָט ליב געהאַט, צו וועלכער ער האָט געפילט אַכטונג פאַר איר אָרדנונג און פריילעכקייט, פאַר איר שיינקייט און ציוויליזירטקייט. ער האָט אָבער געגלויבט אין זיין אָפּגעפרעמדט פאָלק, אים ליב געהאַט דורך פאַראַכטונג און שנאה, — ער האָט אים ליב געהאַט מיט דער דויערהאַפטסטער און שטאַרקסטער ליבע: מיט ליבע־האַס. ער האָט ליב די פּלשתּים, אָבער אַלץ וואָס ער האָט אין זיי ליב, וואָס ער האַלט פאַר ווערטפול, וויל ער זען ביי זיין שבט דן.

אָבער עס איז נישט פּאַסיק אויסצוטייטשן שמשון׳ס צע־צווייטקייט צו־געגנוי. זי איז צו־לעבעדיק, כּדי מען זאָל זי פאַר־וואַנדלען אין אַן אַלעגאָריע.

* * *

ווען קרני, — די דנ׳יטקע, וועלכע האָט ליב געהאַט שמ־שונ׳ען, — קומט צוגיין צום בלינדן שמשון און בעט אים (כּלומרשט אין קרני׳ס נאָמען) ער זאָל פאָרן צו איר, זאָגט ער זיך אָפּ:

— „אַ פאַרוווּנדעטער אָדלער איז נאָך קיינמאָל נישט גע־קומען צופליען, כּדי צו שטאַרבן אין דער אייגענער נעסט. ער שטאַרבט אין אַ וויטן פעלזן־שפּאַלט״...

ער וויל זיך מער נישט אומקערן צו זיין שטאַם, אָבער ער שיקט אים זיין צוואה:

„צוויי זאַכן גיב זיי איבער פון מיר, צוויי ווערטער: דאָס ערשטע וואָרט איז: אייזן... זאָלן זיי אָפּגעבן פאַר אייזן אַלץ, וואָס זיי פאַרמאָגן: זילבער און ווייץ, בוימל און וויין, טשערע־דעס, פרויען און טעכטער. אַלץ פאַר אייזן. נישטאָ אויף דער וועלט עפּעס טייערס פאַר אייזן...

„דאָס צווייטע וואָרט וועלן זיי נאָך נישט באַגרייפן; זיי מוזן עס אָבער באַגרייפן, און טאַקע אינגיכן. דאָס צווייטע וואָרט איז: אַ קעניג... איין מענטש וועט זיי געבן אַ צייכן, און טויזנטער וועלן פאַראַמאָל אויפהויבן די הענט...

„איך האָב חרטה באַקומען. נישט צוויי, נאָר דריי געבאָטן גיב זיי איבער פון מיר: זיי זאָלן זאַמלען אייזן, זיי זאָלן זיך אויסוויילן אַ קעניג און זיי זאָלן זיך אויסלערנען לאַכן״.

אָט דאָס איז די צוואה פון זשאַבאָטינסקיס שמשון. אָבער די דאָזיקע צוואה באַווייזט זיך אונז נאָר אויף די עיקרדיקע פּרשת דרכים פונם ראָמאַן, — איבער זיינע וועגן באַוועגן זיך לעבעדיקע, פולבלוטיקע מענטשן, און זיי שטראַלן אוים זייער צוואה נישט אין ווערטער, ווי דאָס טוט דער בלינדער שמשון, נאָר מיט זייער לעבן, ווי דער אויסטערליש לעבעדיקער נחושתן, ווי דער גראַנדיעזער זעעווידיקער שמשון מיט זיין אַרומיקער

וועלט, — סיי אין פאַרהאַסט־געליבטן דן, סיי אין געליבט־פאַר־האַסטן פלשתים־לאַנד.

* * *

ווען מיר באַגעגענען זיך אויף די פּרשת דרכים פון ראָמאַן מיט די קלאָרע צוואות פון שמשון און נחושתן, זענען מיר נישט תמיד מסכים מיט די דאָזיקע אַמאָל שווין צו־פאַראייגפּאַכטע געבאָטן. אָבער דער דאָזיקער פאָרוואָרף געהער שוין צו אַן אַנדער געביט.

פון שטאַנדפּונקט פון אַ ליטעראַרישער אָפּשאַצונג קאָנען מיר נאָר מיט ליבע זיך דערמאָנען אין דאָזיקע ראָמאַן, וואָס האָט זיך צוגערירט מיטן שעפערישן צויבער־שטעקעלע צום גרויסן אוצר פון די תנ״ך־סימבאָלן. שאַנכיי, 1943.

ל. שאַפּיראָס וויזיע פון נייעם יידן

אין ל. שאַפּיראָס נישט אויסגעפורימטער גרעסערער דערציי־לונג, מיט פּאַמפּלעט־אינקרוסטאַציעס, „דאָק״ („ניו־יאָרקיש״, 127 — 196; אַ דערציילונג וואָס איז ערטערווייז גאָר גוט און פיין געשריבן, אָבער די טעמע אירע ווערט וואָס ווייטער אַלץ מער איינגעשרומפּן), זאָגט אַרויס איינער פון די העלדן, פישלער, ל. שאַפּיראָס געדאַנקען וועגן דער יידישער ליטעראַטור און וועגן יידישע ליטעראַטן. זאָגט ער דאָרט עפּעס אויך וועגן ל. שאַפּיראָן און זיין באַרימטן „צלם״:

„ל. שאַפּיראָ לעבט אין זכות פון זיין אַמאָליקן „צלם״, וואָס איז פון אַלעמאָל געווען אַ פאַלשע, באָמבאַסטישע זאַך, גע־שריבן אויף אַ ביי־קול. אויף דעם סמך קוקט ער איצט אויף אַלעמען מיט גדלותדיקער עניוות וואָס דאַרף אונז געבן צו פאַר־שטיין, אַז אין תוך איז ער שיער נישט דאָס געוויסן פון דער יידישער ליטעראַטור, נאָר מיר טפשים ווייסן נישט דערפון.״

אין תוך וועט יעדער איינער, וועלכער לייענט דורך דעם „צלם״, מוזן מסכים זיין מיט ל. שאַפּיראָס אָפּשאַצונג, אַז דאָס איז „אַ פאַלשע, באָמבאַסטישע זאַך״. עס איז זייער לייכט צו קריטיקירן די פאַלשע טענער פון דער דאָזיקער באַרימטער דער־ציילונג, — אַזוי זענען זיי אָפן, ממש אויף דער האַנט.

נעמט די נישט־איבערצייגנדיקע שפּרונגען אין דער דאָזיקער דערציילונג (זיי ווערן כלומרשט דיקטירט דורך אַ היפּער־פּסיכאָלאָגישער טיפֿקייט, וואָס קיינער קאָן אין אירע טיפֿענישן נישט אַריינדרינגען, — ווייל זיי זענען כלומרשטע טיפֿקייטן, וואָס עקזיסטירן נישט): דער העלד, וואָס לעבט איבער — אַ הילפֿלאָזער, אַ צוגעבונדענער צו דער מאַמעס בעט — די פּייניקונג פֿון זיין מוטער, טרעפֿט אָן — נאָך בעטן פּאָגראָם — דעם פּייניקער פֿון זיין מוטער און — גאָרנישט:

„איך האָב אים בלויז פֿריינטלעך אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע און פֿריילעך צוגעווונקען צו אים מיט איין אויג".

אין דער כאַאָטישער, אָבער שטאַרקער (אָפּט — מעכטיקער) דערציילונג „די יידישע מלוכה", רופֿט דער פּאָגראָם אַרויס ביים בן־הרב נישט אַזוי אַ שנאה צו די גויים, ווי צו די יידן.

דאָס וואָס ער, דער בן־הרב, איז די גאַנצע צייט „געלעגן באַהאַלטן אין ווינקל פֿון הויף — און צוגעקוקט", ווי די גויים האָבן מטמא געווען זיין פֿרוי, וואָס ער האָט „זי ליב געהאַט ווי יעקב האָט ליב געהאַט לבנ'ס יינגערע טאָכטער", נאָר ער האָט זי נישט אָנגערירט, ווייל ער האָט זיך געשעמט, הגם עס איז שוין געווען אַ יאָר נאָך דער חתונה, — אָט פֿאַר דעם גרויל, האַלט ער, זענען שולדיק די יידן. „דאָס איז אייער אַרבעט", שרייט ער אויס, דאָס איז „אייער ווערעמדיק לעבן". און דעריבער איז נאָך פֿאַרשטענדלעך, ווי אַזוי דער פּאָגראָם און די פֿאַרגוואַלטיקונג פֿון זיין פֿרוי (און אויף דעם ענטפֿערן יידן מיט תהילים־זאָגן!) טרייבט אים צו ווערן אַ מאָנאַך, אַ שונא ישראל, ווייל:

„ביי מיין אומגליק שווער איך אייך — איך וועל אָנווענדן אַלע מיינע קרעפֿטן צו העלפֿן אייך אויסצוראָטן פֿון דער וועלט!"

דאָס קאָן מען נאָך פֿאַרשטיין, עס איז דאָ אין דעם אַ טיפֿער פּסיכאָלאָגישער זין פֿון פֿאַראַכטונג צו זיך אַליין, צו דער אייגענער מענטאַליטעט און שוואַכקייט (אַ רעזולטאַט פֿון פֿאָלקס־דערציאונג!), דאָס קאָן זיין אַ שאַרפֿער אויסברוך פֿון יידישן זעלבסט־האַס, וואָס ווערט פּראָאיצירט אויף דרויסן, צום אייגענעם פֿאָלק, ווייל די אייגענע שוואַכקייט און פֿאַרקריפּלונג איז זיין, דעם פֿאָלקס, אַרבעט.

מיט אָט־אָ־דער דערקלערונג קאָן מען נאָך אויך אויסטייטשן

דעם פאָלגנדן מאָדנעם שפּרונג אין „צלם": ווען אַ יידישער יונגערמאַן וויל שיסן אַ פּאָגראָמשטשיק און קאָן נישט (געליימט דורך דעם יידישן „לא תרצח!"), און ער שיסט דעריבער זיך גופא, גיט דער העלד פון „צלם" אַ בריקע מיט דער פוס „דעם פאַרבלוטיקטן פּגר, וואָס האָט זיך צוזאַמענגעדרייט אויף דער ערד, ווי אַ צעטראָטענער וואָרם", — אָבער דעם פּאָגראָמשטשיק לאָזט ער אַנטרינען: די פאַראַכטונג צום יידן, וואָס האָט רחמנות אויף אַ פּאָגראָמשטשיק, איז אַזוי גוואַלטיק, אַז זי ליימט ביי אים די שנאה צום פּאָגראָמשטשיק.

אָבער דעם גוט־ברודערישן קלאַפּ אין פּלייצע, וואָס ער גיט דעם פייניקער פון זיין מוטער, קאָן מען נישט פאַרשטיין, — דאָס איז זינלאָז, פּונקט ווי עס איז זינלאָז די טאָט פונם „צלם"־העלד: דעם פייניקער פון זיין מוטער ווינקט ער צו מיט אַן אויג, אָבער די קריסטלעכע רעוואָלוציאָנערין, וואָס רופט צו שטעלן אַ ווידער־שטאַנד דעם פּאָגראָם, פאַרגוואַלדיקט ער.

אויב זיין גאַנצע שנאה צו זיך ווערט פּראָאיצירט אויפן אייגענעם פאָלק און דעריבער וויל ער דעם פייניקער נישט טשע־פּען, טאָ פאַרוואָס שענדעט ער די רעוואָלוציאָנערין? זי איז דאָך אַ קינד פון יענעם פאָלק, וועגן וועלכן דער העלד פון „דער יידי־שער מלוכה" זאָגט: „מילא, דאָס זענען „זיי" — דאָס איז זייער אַרבעט".

אויב דאָס איז זייער אַרבעט, טאָ פאַרוואָס זיך נוקם זיין אין ווייערע אומשולדיקע, און נישט אין זייערע שולדיקע?

ס'איז זייער לייכט, ווי געזאָגט, אויפצווייזן אַלע פאַלשע טריט אינם „צלם", אָבער איך האָב דאָס נישט בדעה צו טאָן, ווייל איך שטעל זיך דאָ אַ וויכטיקערע אויפגאַבע: ווייזן, אַז נישט געקוקט אויף דער ריכטיקייט פון ל. שאַפּיראָס פאַרניכטנדיקער קריטיק פון זיין „צלם" און בכלל פון זיין גאַנצער פּאָגראָם־טע־מאַטיק, איז דאָך זיין פּאָגראָם־טעמאַטיק דאָס גרעסטע, וואָס ער האָט געשאַפן, דאָס בלייבנדיקסטע, וואָס ער האָט בייגעשטייערט צו דער יידישער ליטעראַטור.

ל. שאַפּיראָ האָט מיט גרינגשעצונג געזאָגט וועגן זיין „צלם" (אַלס זאַמל־באַגריף פאַר זיין פּאָגראָם־טעמאַטיק), אַז דאָס איז „געשריבן אויף אַ ביי־קול". אָבער דער דאָזיקער זאָג איז צוויי־

דייטיק, ווי אַן אָראקול־שפּרוך. אינם „צלם", ווי אין אַנדערע פּאָגראָם־דערציילונגען, הערן מיר אַ ביי־קול, אָבער אַ טאָפּלטן: איינעם, וואָס גרילצט מיט פאַלשקייט און באַמבאַסטישקייט, און אַ צווייטן, וואָס דונערט מיטן ווייטאָקדיקן פּאַטאָס פון אַ פאָלק אין בונט קעגן זיך גופא, קעגן דעם גורל פון זיין געשיכטע, קעגן דעם אורטייל פון אַ וועלט.

אינם „צלם" הערן מיר נישט נאָר דעם פאַלשן בעלעטריסטישן ביי־קול, נאָר אויך דעם עכטן היסטאָרישן ביי־קול.

נאָך ביאַליקן איז ל. שאַפּיראָ דער איינציקער שריפטשטעלער, וועלכער האָט געזוכט — און טיילווייז געפונען — אַן אויסדרוק פאַרן איינדרוק פון די פּאָגראָמען אין היסטאָרישן פאַרנעם.

ל. שאַפּיראָ פאַרענדיקט זיין כאַאָטישע, פאַלש־אָרקעסטרירטע דערציילונג, דער "צלם", מיט פאָלגנדע ווערטער:

„שוין באַלד דריי יאָר זינט איך וואַנדער אַרום. און איך (דער מענטש מיטן צלם אויפן שטערן, אויסגעשניטן דורך די פּאָגראָמשטשיקעס. — י. ר.), ניי־געבוירן קינד, שפּיר, אַז איך בין שוין גענוג קרעפטיק. איינגיכן וועל איך גיין צוריק צום ישוב.

„און דעמאָלט" — — —

„איך האָב אַ קוק געטאָן אין זיין זייט, אָבער ער האָט מער גאָרנישט געזאָגט...

„און איך... האָב געטראַכט:

„עס וועט אויפשטיין אַ דור פון אייזערנע מענטשן. און זיי וועלן אויפבויען דאָס, וואָס מיר האָבן דערלאָזן חרוב צו ווערן".

אָט דער שלום־אַקאָרד קומט אומגעריכט, — אויך ווי אַן אומלאָגישער שפּרונג, אָבער אָט דער סוף גיט צו אַ זין דער דערציילונג, ער גיט אריין אַ ציל, אַ צוועקמעסיקייט אין די צעוואָרפענע גלידער פון דער דערציילונג: דער מענטש פונם „צלם", דעם רבס זון פון „דער יידישער מלוכה", דער שוחט גרשון פון „דער יידישער מלוכה" און ר' שכנא פון „דער קוש" האָבן זיך צעבונטעוועט קעגן דער יידישער געשיכטע; זיי קאָנען זי מער נישט אָראָפּשלינגען מיט דער זעלבער זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, ווי דער רב מיט זיין עדה יידן אין „דער יידישער מלוכה".

אמת, זייער בונט קעגן דער יידישער געשיכטע טראָגט אַלע סימנים פון הילפלאָזיקייט, פון זינלאָזע צאַפּלענישן, זיי קאָנען

זיך אליין נישט אָפּגעבן קיין דין וחשבון פון זייער בונט, פון זיין ציל, אָבער עפּעס, פילן זיי, וואַקסט אין זיי און נעמט אָן מאָדנע, אומגעלומפּערטע פאָרמען; אָבער אָט דאָס נייע איז שטאַרקער פאַר זיי, און מיר פילן, צוזאַמען מיטן איבערדערציי־לער פונם „צלם": „עס וועט אויפשטיין אַ דור פון אייזערנע מענטשן" א. א. וו.

און ווי פאַלש און באַמבאַסטיש די דערציילונגען זאָלן נישט זיין, פון בעלעטריסטישן שטאַנדפּונקט, זענען זיי ריכטיק און פּאַטאַסדיק־זינפול פון היסטאָרישן, פון ליטעראַטור־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט: ל. שאַפּיראָ האָט געגעבן אַן אויסדרוק דעם וווקס פונם נייעם טיפּ ייד. אין ל. שאַפּיראָס פּאָגראָם־דערציילונגען איז דאָ דאָס היסטאָרישע געפיל, וואָס די פּאָגראָמען האָבן אויפגע־וועקט ביים נייעם יידן. און ביי קיינעם (אחוץ ביי ביאַליקן און אין טשערניכאָווסקים "ברוך ממגנצא") איז דאָס דאָזיקע געפיל נישט געווען אַזוי שטאַרק, ווי ביי ל. שאַפּיראָן.

ווען אַלע פּאָגראָם־דערציילונגען שאַפּיראָס וואָלטן אפילו געווען זיין אַזוי פאַלש, ווי דער „צלם", וואָלט זיי אויך — פון ליטעראַטור־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט — געווען גערעכטפערטיקט זייער פיבערדיקער זוכן אַן אויסדרוק פאַר אַ נייעם געפיל אין דער געשיכטע פון אַ פאָלק; אָבער פון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט, ד.ה. פון דעם שטאַנדפּונקט, ווען דאָס אינדיווידועל־פאַלשע ווערט קאָלעקטיוו־זינפול, זענען זיינע פּאָגראָם־דערציילונגען נישט נאָר נישט שלעכט, נאָר אָפט שטאַרק, גראַנדיעז.

קאָן דען זיין באָמבאַסטישער, פון אינדיווידועל־בעלעטריס־טישן שטאַנדפּונקט, ווי דאָס, וואָס אַ רבס אַ זון ווערט — צוליב אַ פּאָגראָם — אַ מאָנאַך, וועלכער העצט צו פּאָגראָמען קעגן יידן? אָבער הערט זיך איין מיט אַ היסטאָרישן אויער צו די מאָ־טיוון זיינע און איר וועט דערהערן אין די מאָטיוון זיינע אַן אָפּקלאַנג פון ביאַליקס „בעיר ההריגה", פון טשערניכאָווסקים „ברוך ממגנצא", פון בערדיטשעווסקים גאַנצער פּובליציסטיק, וואָס אויך זיי זענען אַ מאָדערנער אָפּקלאַנג פון דורותדיקע בונטן קעגן דעם גזר פון אונזער געשיכטע, און קעגן דער הסכמה, וואָס דאָס פאָלק האָט אויף אים געגעבן, — דאָס איז אַן אָפּקלאַנג פון

דוד אל ראי, פון דוד ראובני, אפילו פונם אומגעלומפּערטן פּאַלשן משיח — יעקב פראַנק...

יידן, די יידישע שוואַכקייט זענען שולדיק אין פּאָגראָם, — אַט דאָס זאָגט דעם רבס זון און דאָס דריקט אויס אין מעשים אַזוי משוגעדיק־ווילד דער העלד פונם „צלם", — און די העלדן פון שאַפּיראָס פּאָגראָם־דערציילונגען ווילן דאָס ענדערן, ווייל זיי פילן דאָס, ווייל שאַפּיראָ פילט דאָס אַזוי ווייטיקדיק, ביז משוגעת.

מנחם, דעם רבס זון, שרייט צו די יידן אין בית המדרש, וווּ זיי זאַמלען זיך צונויף כדי אָפּצושליסן מיט אַ רעליגיעזער צערעמאָניע דעם פּאָגראָם:

„איר זאָגט שוין ווידער? זאָגט, זאָגט, — איר זענט אַלע־מאָל געווען אַ פאָלק פון זאָגערס און זאָגערינס... שמעיה, פאַר־געס נישט צו פאַרשרייבן די „קדושים": חנא טרעגער איז דאָך אומגעקומען על קדוש השם, און בערל גנב אויך, און גיטל די סאָלדאַטקע האָט געהאַט אויף זיך אַכט גויים — אַלץ על קדוש השם".

די דערציילונג איז אָפּט גראָב, נאָך גרעבער, אַ סך גרעבער פאַרן געבראַכטן ציטאַט, — אָבער מען דאַרף זיך איינהערן צום אונטערטאָן פון פראָטעסט און אים דערהערן!

נעמט די דערציילונג „דער קוש".

דער העלד, ר' שכנא, איז אַן אַלטער ייד. ווען דער פּאָגראָם הויבט זיך אָן, טרייסלען זיך ביי אים הענט און פיס. ער איז גרייט אַלץ אָפּצוגעבן די ארייננגעדרונגענע פּאָגראָמשטשיקעס. אָבער ווען איין כוליגאַן הייסט אים אַ קוש טאָן די האַנט, טוט ער דאָס נישט. און אַז דער כוליגאַן פאַרשטאַרקט זיין פּאָדערונג — ר' שכנא זאָל נישט אַנדערש ווי אַ קוש טאָן זיין, דעם שגצ'ס, שטינקענדיקן פוס, טוט ער דאָס אוודאי נישט.

דאָס איז נישט קיין באַוווסטזיניקער בונט,—עפּעס אין אים לאָזט אים דאָס נישט טאָן. ריכטיקער נאָך: ל. שאַפּיראָ לאָזט עס זיין העלד נישט טאָן, ווייל ער, שאַפּיראָ, קאָן דאָס נישט פאַר־טראָגן. דאָס, וואָס ר' שכנא בייסט אָפּ ביים כוליגאַן דעם פוס, איז פּונקט אַזאַ אומבאַוווסטזיניקע טאַט פון ר' שכנא'ן, ווי דאָס נישט וועלן קושן דעם זעלבן פוס. ריכטיקער נאָך: דאָס איז אויך

שאַפּיראָס א געפיל, — נישט ר׳ שכנא׳ס. אָבער קיין קאַפּריז שאַפּיראָס איז דאָס נישט. די געשיכטע, די געענדערטע געשיכטע־לעכע שטימונג האָט געמאַנט ביי שאַפּיראָן עפּעס אַן אַנדער מין ייד, און ער האָט געצוווּנגען ר׳ שכנא׳ן צו שפּילן די ראָל פונם יידן, וואָס האָט ערשט באַדאַרפט געבוירן ווערן אונטערן דרוק פון דער געשיכטע, אונטערן דרוק פון שאַפּיראָס פּאָראַוויסאַיילנ־דיקן געפיל.

די סצענע, ווי דער אַלטער ר׳ שכנא בייסט זיך איין אין כוליגאַנס פוס, איז פון עסטעטישן שטאַנדפּונקט אָפּשטויסנדיק: נישט נאָר מיר גלויבן נישט, אַז ר׳ שכנא האָט דאָס געקאָנט טאָן, נאָר די סצענע, וואָס דאַרף וועקן דאָס באַפרידיקנדיקע גע־פיל פון א גערעכטער שטראָף, וועקט ווידערווילן. די סצענע, לאָמיר זאָגן אָפן, שמעקט מיט סאַדיזם.

אָבער נאָר כל זמן מיר גייען צו צו דער דערציילונג מיט דער מאָס פון אינדיווידועלער קונסט; אָבער ווען מען נעמט שפּירן אין איר — און אין די אַנדערע פּאָגראָם־דערציילונגען — דעם אומפּערזענלעכן — און במילא וויניקער קינסטלערישן — סימבאָל, באַקומט זיך א גאַנץ נייער זין.

דאָס איז שוין נישט קיין סאַדיזם (וואָס שלאָגט צו חלשות פון עקל), וועלכן דער שרייבער געניסט, ווייל ער באַפרידיקט זיי־נע טונקעלע געפילן, — דאָס זוכט דער שרייבער אַן אויסדרוק פאַרן אומבאַהאָלפענעם נקמה־געפיל פון זיין פאָלק, כדי עס זאָל נישט דערשטיקט ווערן דורכן דערדריקנדיקן געפיל פון אָנמאַכט. נישט ר׳ שכנא בייסט אָפּ ביים כוליגאַן דעם טראַט פון פוס, — דאָס עסט זיך איין אין אים דער הילפלאָזער צאָרן פון שאַפּיראָס פאָלקס־געפיל: מיר עסן זיך איין אין אים, יעדער ייד באַזונדער אין זיין כלל־געפיל.

גייט מען צו צו דער דערציילונג מיט דער מאָס פון „אַזוי איז דאָס געווען", איז „דער קוש" באַמבאַסטיש און פאַלש, נישט וויניקער ווי דער „צלם"; גייט מען אָבער צו צו דער דערציילונג מיט דער מאָס פון „אַזוי וואָלט דאָס באַדאַרפט זיין", פאַרלירט זי דעם טאָן פון פאַלשקייט, ווייל זי באַקומט דעם צאָרנדיקן פּאַטאָס פון א פאָלק אין בונט.

און נישט נאָר ר׳ שכנא ווערט א סימבאָל, אויך דעם כולי־

גאַנס פינגער מיטן טראַט צוזאַמען ווערן אַ סימבאָל. עפּעס אומ־פּערזענלעכעס עסט זיך איין אין עפּעס אומפּערזענלעכעס און דער ווידערווילן פאַרגייט, פאַרשווינדט, און עס בלייבט בלויז דער געגנוס פון אַן אומפּערזענלעכן נקמה־געפיל, — עס דאַמי־נירט ביי אונז דער „תמות־נפשי־עם־פּלשתים״־געפיל, מיר עסן זיך איין צוזאַמען מיטן אומפּערזענלעכן ר׳ שכנא אינם אומ־פּערזענלעכן כוליגאַן.

נאָך בולטער און שטאַרקער איז דאָס אין דער „יידישער מלוכה״.

יידן ווערן דורך דער צאַרישער רעגירונג אַרויסגעטריבן פון זייערע וווין־ערטער. די פּויערים יאָגן זיך נאָכן דאָזיקן לייכטן רויב. צווישן די געיאָגטע געפינט זיך אויך גרשון שוחט, אַ יידישער גבור.

דריי שקצים פאַריאָגן גרשון׳ען צו אַן אָפּגרונט. איינער וויל אים דאָרט אַריינוואַרפן, נאָכן איבערצייגן זיך, אַז קיין געלט האָט נישט דאָס יידל.

צוערשט וויינט גרשון דער גבור, בעט אויף זיין לעבן צו־ליבן ווייב און קינדער. גרשון׳ען פעלט גאָרנישט איין צו באַנוצן זיך מיט זיין גבורה, — ער האַנדלט ווי אַ טרייער זון פון יידישן פאָלק, זיינע רעפלעקסן זענען קאָלעקטיוו. אָבער וואָס מער גרשון וויינט און בעט זיך נעבעכדיק, אַלץ מער גייט דער שגץ אַריין אין זיין היסטאָרישער ראָל און „... פּלוצלונג האָט ער אים גראָב מבייש געווען און דערביי פאַרשאַפט אַ שרעקלעכן ווייטיק... און גענומען אים שטופּן אַהינטער, לאַנגזאַם, זייער לאַנג־זאַם, און דערביי האָט ער אים געקוקט גלייך אין די אויגן מילד און פריינטלעך. די אַנדערע צוויי שקצים האָבן געשמייכלט״.

דער שגץ שטופּט אים ווייטער צום אָפּגרונט מיט אַ מילדן „ניטשעוואָ״ („עס מאַכט נישט אויס״), מיט וועלכן דער שגץ האָט אים „באַרואיקט מיט ווייכקייט״.

דער קאַמף פון גרשון׳ען מיטן שגץ פאַר זיין לעבן נעמט אָן די דימענזיעס פון אַ נאַציאָנאַלן סימבאָל. פאַרן שגץ „מאַכט עס זיכער נישט אויס״ — ער מעג זיין ווייך צו גרשון׳ען, ער איז דאָך זיכער אינם טראַדיציאָנעלן אויסגאַנג פון אַזאַ קריסט־ און

ייד־שפּיל. ס'איז אים ווייניק צו הרגענען אַ יידן, — ער וויל דאָס טאָן שפּילעוודיק. ס'איז פּיקאַנטער.

אָבער גרשון פאַרלירט ביסלעכווייז זיין יידישן באַוווסטזיין, וואָס צאַמט — דורך דורותדיקער געוווינהייט — זיין פיזישע גבורה, און ווען דער שגץ ווייזט אַרויס זיין גאַנצע קאַלט־גזלנישע אכזריות, הערט גרשון אויף צו ווייגען, ער הערט אויף צו אָק־צעפּטירן זיין קרבן־ראָל, עס צעהיצט זיך אין אים דער הייליקער צאָרן, און דעם שגצ'ס פּנים „האָט פאַרלוירן די גיפטיקע מילד־קייט": עס געשעט עפּעס אויסטערלישס, אויסגעטרוימט דורך אַ דיכטער, כדי דאָס לעבן זאָל עס שפּעטער פאַרווירקלעכן: דער שגץ פאַרשווינדט אין אָפּגרונט. ממש אַ רעוואָלוציע אין יידישן גאַנג פון דער געשיכטע!

און גרשון וואַרפט זיך אויפן צווייטן שגץ. און דאָ קומט פאַר אַ סצענע, וואָס קאָן נאָך היינט אויסלייזן ביי יעדן יידן אַ טייל פונם אָנגעזאַמלטן פאָלקס־צאָרן, פון דער אָנגעזאַמלטער פאָלקס־הילפלאָזיקייט:

„...פון גרשונ'ס אויגן איז שוין פאַרשוונדן דער לעצטער אָפּשיין פון געדאַנק... ער איז צוגעפאַלן פלאַך, זיך איינגעביסן מיט די ציין אין עפּעס ווייכס און גליטשיקס, און זיינע הענט זענען געגאַנגען איבערן צאַפּלדיקן גוף אונטער אים, און די פינגער האָבן געזוכט צאַרטע שטעלן, און געריסן און געקלעמט פלייש אוןביין מיט דער טויטער האַרטקייט פון אייזערנע צוואַנ־גען... גרשון האָט נישט אָפּגעלאָזט, וואָס ער האָט געהאַלטן, ביז זיינע פאַרקלעמטע פינגער זענען זיך כמעט צוזאַמענגעקומען אין אַ פאַרמאַכטן פויסט... דער שוויים האָט געשטראָמט דורך זיין הויט ווי דורך אַ רעשעטע, זיינע אָרגאַנען האָבן אַלע פאַראַמאָל שטורמיש פונקציאָנירט אויף זייערע פאַרשידענע אופנים און פאַרשפּרייט אַרום אים אַ שווערן גערוך. דאָס גרויסע געשטעל פוןביינער, פלייש און בלוט האָט געפיבערט אין אַ פּאַראָקסיזם פון טיפן, שטאָק־בלינדן לעבן".

דאָס זעלבע ווי מיטן „קוש": גרשון איז שוין נישט קיין אינדיווידואום, וואָס וועקט ווידערווילן, נאָר אַן אומפּערזענלעכע באַשעפעניש, וואָס איז זיך אומפּערזענלעך נוקם פאַר אומענד־לעכע פּיינען...

דאָס איז שוין נישט דער זינלאָזער, שאָקירנדער סאַדיזם פונם „צלם"־העלד, — דאָס איז דער נאַטירלעכער, זינפולער סאַדיזם פון אַ פאָלקס־פאַרטרעטער, וואָס פּראָוועט אומפּערזענ־לעכע אָרגיעס, כדי צו שאַפן אַ שטיקל וועלטיל פאַר אַ פאָלק אין די צוואַנגען פון הילפלאָזן צאָרן.

די סאַדיסטישע סצענעס אין שאַפּיראָס פּאָגראָם־דערציילונ־גען זענען על־פּי־רוב שטאַרק, הגם אָפט נישט איבערצייגנדיק אין די מאָטיוון (אין דער „יידישער מלוכה" — ביז גאָר איבער־צייגנדיק אפילו אינדיווידועל), אויב מען טרעט צו זיי צו פון פערזענלעכן, נאָרמאַל־קינסטלערישן שטאַנדפּונקט.

* * *

דער פּאָגראָם איז שאַפּיראָס עיקרדיקע טעמע.

עס איז קיין ספק נישט, אַז שאַפּיראָס „שטילע" דערציי־לונגען, ווי „געגעסענע טעג", „רויך" און אנד., זענען נישט דער ערך פיינער אין סטיל און אינם אויפבוי פאַר די פּאָגראָם־דער־ציילונגען (און אויך אין איניקע פּאָגראָם־דערציילונגען זענען די בעסטע שטעלן די שטילע, זייטיקע מאָטיוון), אָבער עס איז אויך קיין ספק נישט, אַז דער גרויסער מאָמענט פון שאַפּיראָס שאַפן ליגט אין זיי, אין די פּאָגראָם־דערציילונגען, הגם זיי זענען קינסטלעריש שוואַכער. זייער גרויסקייט ליגט אין זייער אָנגע־שלאָגענעם נאַציאָנאַלן טאָן, אין זייער זוכן — און ערטערווייז געפינען — אַן אויסדרוק פאַר אַ גרויסער פאָלקס־איבערלעבונג, אין זייער געבן אַ ליטעראַרישן פורעם אַן אָנוואַקסנדיקער ענדע־רונג אין דער יידישער פּסיכיק, אין דער יידישער געשיכטע.

שאַפּיראָ האָט פּאָרויסגעזאָגט דאָס יידישע לעבן מיטן דער־פילן דעם אָנקום פון „אַ דור פון אייזערנע מענטשן", — און זיינע דערציילונגען — פּונקט ווי ביאַליקס צער־ און צאָרן־לידער — האָבן געהאָלפן זיי זאָלן קומען שנעלער.

* * *

מען איז געוווינט צו זאָגן, אַז שאַפּיראָס גרויסקייט באַ־שטייט אין זיין פיינעם סטיל, אין זיין קולט פאַרן קינסטלערישן וואָרט. מיר דאַכט זיך אָבער, אַז אַ סך גרעסער ווי דער סטיליסט שאַפּיראָ, איז — שאַפּיראָ דער טיף־פילנדער יידישער קינסטלער.

איך וויל לחלוטין נישט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט די סטיליסטישע מעלות פון ל. שאַפּירא. אין זיין קליינער ליטעראַרישער ירושה קאָן מען געפינען אַן אַ שיעור מוסטערן פון אַ הערלעכן סטיל, פון טיפער, פון טיף־דינער פּסיכאָלאָגיע, פון פיינער קאָנסטרוקציע.

ל. שאַפּירא איז אַ פיינער דיכטער נישט נאָר אין אַזעלכע אויסגעשפּראָכן פּאָעטישע זאַכן, ווי „אויפן ים" (וואָס זענען לידער אין פּראָזע), ווי אין זיין פּרעכטיקער „מירטעלע", „ער און זיין דינער" און אַנד. ענלעכע זאַכן, — אויך „אין דער טויטער שטאָט" איז שאַפּירא, ווי אַלע גאָר גוטע שרייבער, — אַ דיכטער. איר האָט בלויז אין דער דאָזיקער איין דערציילונג (אַגב, אויך אַ פּאָגראָם־דערציילונג, אָדער ריכטיקער: אַ דערציילונג אויפן הינטערגרונט פון אַ פּאָגראָם־דערינערונג, פון אַ פּאָגראָם־קאָמפּלעקס) צענדליקער נאַטור־באַשרייבונגען, וואָס זענען עכטע לידער.

אָבער כדי אָפּצושאַצן די קאָנדענסירטע פּרעציזקייט און די בילדערישע שיינקייט פון שאַפּיראָס סטיל, איז גאָר נישט נויטיק צו פאַרנעמען אָרט מיט אָפּשרייבן צענדליקער ציטאַטן פון די פאַרשידענע דערציילונגען און לידער אין פּראָזע, — ס'איז גענוג צו ברענגען איין זאַץ פון „געגעסענע טעג", כדי צו זען ווי קורץ און פיין שאַפּירא האָט געקאָנט שרייבן:

„איבערן מארק האָבן געל געגליט בינטלעך און לאָקן שטרוי פונם לעצטן מארק־טאָג, וואָס דער ווינט, דער משגיח אויף ריינקייט אין שטאָט, האָט נאָך נישט באַוויזן אָוועקצונעמען". איר האָט דאָ אין איין זאַץ דאָס בילד פון גאַנצן שטעטל אין זיין אויסערלעכן אויסזען.

און חוץ מיטן סטיל, צייכנט זיך שאַפּירא אויס אויך מיט זיין קאָמפּאָזיציע־טעכניק, מיט זיין אופן פון שילדערן און דערציילן.

„געגעסענע טעג" איז, דאַכט זיך, שוין גאָר אַן עכטע יידישלעכע דערציילונג, — אַזוי אויסגעדראָשן, וואָס אויסגעדראָשענער און באַנאַלער קאָן שוין נישט געבן: אַ ישיבה־בחור, טעג־עסן, די ישיבה־לייט ווערן קאַליע א. א. וו., און דאָך — ווי אַנדערש זי איז, ווי פיינער, דינער פון אירע שוועסטער־דערציילונגען. ווי

צניעותדיק — און דאָך שטאַרק — ער ברענגט דאָ אַרויס דאָס עראָטישע. אפילו דאָס גראָב־עראָטישע איז ביי שאַפּיראָן אַזוי איידל געצייכנט, אַז עס שמעקט נאָך אויך דאָן מיט מיסטעריע, מיט סטיכיע.

אָבער די גרעסטע מעלה שאַפּיראָס איז זיין טיף יידיש געפיל, וואָס האָט טאַקע געפונען אַזאַ שטאַרקן אויסדרוק אין זיין פאַרשידנאַרטיקער פּאָגראָם־טעמאַטיק, אָבער נישט נאָר אין איר.

שאַפּיראָ האָט אַן אויג און אַן אויער פאַר נאַטור; שאַפּיראָ איז אַ פיינער פּסיכאָלאָג; שאַפּיראָ איז אַ פיינער דיכטער אין פּראָזע; אָבער שאַפּיראָ איז צום טיפסטן אין זיינע יידישע געפילן, אין זיין יידישן לעבנס־געפיל.

ווי פיין ער נעמט אריין — ממש מענדעליש — אין דער יידישער ספערע אויך די גויישע גאַסן פון די „געגעסענע טעג".

„די גויישע גאַסן און געסלעך רינגלען אַרום די שטאָט פון אַלע זייטן. דאָרט איז אַ באַזונדערע וועלט, אַ מין סמבטיון, וואָס וואַרפט מיט שטיינער אפילו אום שבת, און אַ מענטש — אַ ייד, הייסט עס — קאָן אַהין נישט אריינדרינגען משום סכנת נפשות. אָט, אַ שטייגער, די גויים — וואָס איז געווען די כוונה דערפון? עס קומט אויס, אַז זיי זענען באַשאַפן געוואָרן בפירוש פאַר אַ בייטש אויף מענטשן — אויף יידן, הייסט עס — ווי מגיפות, חולאתן וכדומה. פון דער אַנדערער זייט, אין די יאַרידן און מאַרק־טעג גיסן זיי זיך אריין אַהער און פאַרפלייצן די שטאָט ווי שטאַרקע וואַסערן — און באַזאָרגן יידן מיט מזונות. אין יענע טעג איז פאַראַן פרנסה, און אין די זעלבע טעג הענגט די סכנה אין דער לופט און לאָקערט ווי אַ חיה וואָס איז גרייט צו פאַר־צוקן". (ז. 103).

די דאָזיקע פיינע באַשרייבונג פונם יידנס לעבנס־געפיל (און טיילוויַז — וועלט־בילד) שמעקט נאָך מיט שאַפּיראָס שטאַרק־סטער יידישער איבערלעבונג, מיט זיין פּאָגראָם־באַוווסטזיניקייט (ער האָט געפילט, קאָן מען זאָגן, דעם פּאָגראָם אין גאַנצן יידישן לעבן אין אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר); אָבער ער האָט אויך טיפערע, דינערע, גייסטיקערע יידישע מאָמענטן.

מאָדנע איז דער סוף פון דער „יידישער מלוכה".

דער מאָנאַך, דעם רבס זון, וווינט ביי אַ פּאָגראָם, און מען

ווײַל אים צערייסן פֿאַר אײַנשטעלן זיך פֿאַר יידן (און אפשר צע־רייסט מען אים, — ביי שאַפּיראָן דאַרף מען אָפּט נאָכטראַכטן וועגן סוף פֿון אַ דערציילונג, ווייל זיי האָבן ביי אים זעלטן אַ קלאָרן סוף) אויף שטיקער. אָבער די יידן, וועלכע ער האָט אַמאָל געוואָלט פֿאַרניכטן, גייען ווייטער זייער נע־ונד־וועג, טאָקע צוזאַ־מען מיט די יידן פֿון זיין, דעם מאַנאַכס, שטאָט, פֿון זיין טאַטנס ערדה.

אָט נאָר וואָס, דאַכט זיך, האָבן די יידן זיך גופא געשטעלט די טרייסטלאָזע, לײמענדיקע פֿראַגעס: „ווּהין גייִן? צו וואָס גייִן? ביז וואַנען גייִן?", אָבער די דאָזיקע פֿראַגעס צעגייען ווי רויך, מען גייט ווייטער דעם געשיכטלעכן גאַנג:

„... אַן אַלטע יידענע (האָט) זיך דורכגעשפּאַרט דורכן עולם און איז אַוועק פֿאָרויס... דער עולם האָט זיך גערירט פֿון אָרט..."

פֿון אַ פּאָגראָם דורך אַ פּאָגראָם אפשר צו אַ פּאָגראָם, — אָבער מען גייט.

ווען איך זאָל אפילו ברענגען דעם גאַנצן לעצטן קאַפּיטל „יו", וואָלט אים אויך געוועז געקאָנט אָפּשאַצן נאָר דער, ווער עס האָט געלייענט די גאַנצע דערציילונג, — פֿונם רבס זונס אַוועקגיין ביז זיין באַגעגענען זיין שטעטל יידן און זיין אײַנ־שטעלן זיך פֿאַר זיי, ביזן לעצטן בילד, ווי די יידן גייען ווייטער.

אָבער דאָך וויל איך דאָ ברענגען כאָטש עטלעכע פּרטים פֿונם לעצטן קאַפּיטל, ווו דער גרויסער פּראָטעסטירער — ל. שאַ־פּיראָ — קענען אַלטן לעבנס־שטייגער, קאַפּיטולירט פֿאַרן אַלטן וועג אונזערן אין זיין טיפֿן באַגרייפֿן דעם יידישן גורל און די יידישע גרויסקייט אפילו אין דער דערנידעריקונג.

אַ ייד קומט צולויפֿן פֿון דאָרף צו דער מאַסע יידן־פּליטים און שרייט:

— „מ׳הרגעט. די רוצחים האָבן זיך שוין צעיושעט. דאָס גאַנצע דאָרף גייט אַהער..."

אַ ייד שרייט:

„— געוואַלד, יידן — ווו איז עס געהערט געוואָרן?"

„אַ קורצזיכטיקער בחור אין ברילן איז צוגעקומען פֿון אַ זייט און זיך אָפּגערופֿן:

„— ווו איז עס געהערט געוואָרן? ביי אונז איז עס געהערט

געוואָרן. און וועט נאָך געהערט ווערן. וואָס דענקט איר טאָן דער־צו, רב ייד?

„דער ייד מיט דער באָרד האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ:

— „לאָמיר שילטן גאָט און שטאַרבן!

„דער עולם האָט געשוויגן. דער בחור האָט טרוקן געזאָגט:

— „שילט אייך גאָט וויפל איר ווילט, נאָר קומט דערווייל... יידן, לאָמיר גיין!

„— וווהין גיין? — צו וואָס גיין? — ביז וואַנען גיין?”

אָבער מען גייט...

ווי ווייט עס איז דער סוף פונם אָנהויב: אין אָנהויב רע־וואָלטירט דער יונגער (דעם רבס זון) קעגן יידישן וועג פון זיין טאַטנס עדה, און איצט רעוואָלטירט דער אַלטער; אָבער דער יונגער ווייסט שוין איצט, אַז נישט פאַרצווייפלונג איז דער יידישער וועג, נאָר דער ווייטער־גיין...

אינם דאָזיקן גיין שאַפּיראָס איז געלעגן זיין וועג צו א סינ־טעז פון היינט־צייטיקער יידישער קונסט, ווו דאָס היסטאָרישע געפיל פון זיינע פּאָגראָם־דערציילונגען זאָל העלפן שאַפן די לי־טעראַטור פונם היינטיקן דור, אין וועלכער עס זאָל קומען צום אויסדרוק סיי דער שילטן גאָט פון אָנהויב רעוואָלט, סיי דער יידישער אַלטער ווייטער־גיין מיט א נייעם וועג...

אָבער שאַפּיראָ איז צו דער דאָזיקער קונסט נישט דערגאַנ־גען... זיין שטאַרק יידיש געפיל האָט נישט געפונען פאַר זיך קיין סינטעטיש־שעפערישן אויסדרוק ביי אים, ווי אַמאָל אין די איינזייטיקע, אָבער שטאַרקע פּאָגראָם־דערציילונגען. עס האָט בלויז צייטנווייז אויפגעפלעמלט אין א דערציילונג אַלס שטימונג, אַלס אָנונג.

אַזוי געפינען מיר אָן אָנונג פון דאָזיקן יידישן געפיל שאַ־פּיראָס אין זיין פיינער דערציילונג „ניו־יאָרקיש”...

שאַפּיראָס דערציילונגען זענען אָפט ווי א שאָטנשפּיל, — אָן פעסטע פלייִשיקע קערפּערס. און מען ווייסט נישט מיט וואָס זיי ענדיקן זיך, ווי כ'האָב שוין באַמערקט אויבן. און דערין איז זייער דיכטערישער צויבער, — די שטימונג, די אויפגעוועקטע אָנונג וויברירט א לאַנגע צייט. עפּעס נעמט זיך אויסשיילן פון לעבנס־נעפּל און צערינט ווידער אין אים...

און אַז מען וויל עפּעס אויסטייטשן, מוז מען אָפּט אַריינ־טייטשן. און הגם אָט דאָס אַריינטייטשן אין ליטעראַטור האָב איך נישט ליב, טו איך דאָס זייער גערן מיטן סוף פון „ניו־יאָרקיש״.

„ניו־יאָרקיש״ איז אין פּלוג אַ באַנאַלע דערציילונג: אַ ליבע־נאַכט מיט אַ באַר־מיידל.

אָבער שאַפּיראָ פאַרוואַנדלט אָפט באַנאַלישקייט אין דיכ־טונג, און שטענדיק אין עפּעס אינטערעסאַנטערס ווי באַנאַ־לישקייט...

ביים סוף פון דער נאַכט, צומאָרגנס, ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס מיידל וויל קיין געלט נישט נעמען, — זי איז דאָס מאָל געגאַנגען צוליב זיך אַליין.

און אָט קוקט זי זיך אום אויף אים צום לעצטן מאָל:

„פון הינטער דעם דאַזיקן בליק, פון ערגעץ זייער ווייט, האָט עס אויף אים אַ ווייע געטאָן מיט אַזאַ היימישקייט, מיט אַזאַ נאָענטקייט, אַז ער האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן. זי האָט שטיל געמאַכט אַ טראָט אַהינטער און צוגעצויגן די טיר צו זיך. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פאָרויס און באַלד געבליבן שטיין. מיין גאָט! וואָס איז דאָס — וואָס אי׳דאָס געווען?...״

דאָס קאָן האָבן געווען אַ סך זאַכן, אָבער איך האָב דאָס איבערגעלעבט אַלס יידישן מאָמענט... דאָס מיידל, וואָס האָט אַזוי פאַרטיידיקט איר אַמעריקאַנישקייט, איר ניו־יאָרקישקייט, איז געגאַנגען מיט אים, ווייל עס האָט איר אַ צי געטאָן צו אַ יידן, און דער ייד האָט פּלוצלונג אין דער ניו־יאָרקערין דערקענט — פון ווייט! פון ווייט! — דאָס היימיש־יידישע....

פאַרוואָס, קאָן איך נישט וויסן, — מען ווייסט אפילו נישט אויף קלאָר, צי ער איז געווען אַ ייד, אָבער דער גאַנצער האַלטן זיך פונם ער אין דער דערציילונג איז אַ טיף יידישער, און זיין פּלוצלונגער דערזען עפּעס אין דער זי — איז עפּעס טיף־יידישס...

עפּעס ציט ביי אים תמיד צום מקור, עפּעס בענקט זיך אים צום יידישן קערן...

שאַפּיראָס דערציילונגען — און טאַקע די מערסטע פון זיי — זענען ווי מוזיק, וואָס קיינער קאָן נישט זאָגן אויף באַ־שטימט, וואָס זי וויל זאָגן, אָבער זי פאַרמאָגט אין זיך אַלץ,

וואָס יעדער איינער פילט דורך און זעט שאַרף אַדאַנק אירע טענער.

שאַפּיראָס מוזיק וועקט צום שטאַרקסטן יידישע געפילן און ווייזט יידישע בילדער. ער איז געווען אַ טיף יידישער דיכטער, ביי וועמען דאָס יידישע איז געקומען אָפּן צום אויסדרוק אין די פּאָגראָם־דערציילונגען, אָבער אויך אין די אַנדערע דערציילונגען איז ער טיף־יידיש, און נישט נאָר אין די טעמאַטיש־יידישע, ווי אין די „געגעסענע טעג" (אויך די אַלמענטשלעך־עראָטישע טיילן פון אָט דער פּרעכטיקער דערציילונג זענען טיף־יידיש), נאָר אויך אין „ניו־יאָרקיש", אין פּרעכטיקן סקיץ „גוטע פריינט" (ווו די אוניווערסאַלע טעמע ווערט דורכגעבראָכן דורך אַ יידישער שטימונגס־פּריזמע) און אַנד. זיי זענען יידיש לויט זייער גאַנצן וועלט־ און לעבנס־געפיל.

שאַפּיראָס אוניווערסאַלע מוזיק וועקט יידישע בילדער און שטימונגען. אָבער זיין מוזיק איז איבערגעריסן געוואָרן אין אָנהויב. זיינע אויסברוכן אין די פּאָגראָם־דערציילונגען זענען געווען אַזוי שטאַרק, אַז זיין מוזיקאַלישער אינסטרומענט האָט געפּלאַצט...

עס איז זייער שווער צו באַשטימען מיט זיכערקייט פאַרוואָס אַ שרייבער הערט אויף צו שאַפן, פאַרוואָס זיין קוואַל טריקנט אויס אָדער פאַרשווינדט פון דער אויבערפלאַך.

אָבער מיר דאַכט זיך, אַז אין שאַפּיראָס דאָזיקע טראַגעדיע האָט דעם גרעסטן חלק זיין טיפע יידישע איבערלעבונג. זי האָט פון אים געפאָדערט מער אפשר ווי ער האָט געקאָנט געבן, און עס איז אים שווער געווען צו באַנוגענען זיך מיט ווייניקער. און ער האָט פאַר איר באַצאָלט דעם טייערסטן פרייז, וואָס אַ שרייבער קאָן באַצאָלן: מיטן זין פון זיין לעבן, ד. ה. מיט מער ווי זיין לעבן...

שאַפּירא איז אַ קרבן אינם געראַנגל פון עכטן יידישן קינסטלער צו שאַפן טיף יידיש לויט דער וויזיע פונם נייעם יידן, וואָס שוועבט אַרום אין זיין געמיט.

ער איז געפאַלן אַ קרבן פון דער אָנשטרענגונג (דער ערנסטער און פאַר אים — דער צו גרויסער) צו שאַפן אַ סינטעז פון אַלט־באַנייטן אינהאַלט מיט אַ ניי־פאַרפרעמדטער פאָרם...

י. ראַפּאָפּאָרט

אַקטואַליזירטע געשיכטע

(וועגן דוד בערגעלסאָנס „פּרינץ ראובני")

אַלס קינד פלעג איך הנאה האָבן פון די „כל אגדות ישראל", — ווי שטאַרק, ווי מעכטיק עס זענען געווען די קינדער פון יעקב־ישראל!

שפּעטער אַביסל איז געקומען די צייט פון הנאה האָבן פון די חשמונאים, פון בר־כוכבא'ן, וועלכער פלעגט, אינמיטן רייטן אויף אַ פערד, אויסרייסן בוימער מיטן וואָרצל אָדער שליידערן אויף מיילן ריזיקע שטיינער מיטן קלאַפּ פון גרויסן פינגער פון דער לינקער פוס.

אָבער מיט בר־כוכבא'ן האָט זיך אָפּגעשלאָסן דער קאַפּיטל פון פיזישער גבורה, — ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַ קאַפּיטל גבורה, — פון גייסטיקן מאַרטירערטום, פון קידוש השם.

און כ'וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם ערשטן איינדרוק פון לאָרד ביקאָנספילדס (בנימן ד'איזראַעלים) ראָמאַן וועגן יידישן משיח דוד אל־רואי. עפּעס אַ מאָדנער משיח: ער איז עפּעס מער מחותן מיט בר־כוכבא'ן, ווי מיט די גולי ספרד; ער גייט נישט אויף קידוש השם, נאָר ער רופט צו בונט, צו געווער, צו מיליטערישער דעראָבערונג.

די יידישע געשיכטע האָט אויפגעהערט צו זיין געטיילט אויף צוויי טיילן, — ביז בר־כוכבא'ן און נאָך אים: בר־כוכבא האָט, מיט דוד אל־רואי'ן, אַריבערגעשפּרייזט אין דער צווייטער טייל פון דער יידישער געשיכטע.

דער ראָמאַן מיט דעם יידישן העלד האָט מיר אויסגעזען צו זיין אַזוי נישט יידיש, אַז כ'האָב עס געהאַלטן פאַר אַן אויס־טראַכטעניש: ווי קאָן מען גאָר אין גלות, איידער עס קומט דער אמתער משיח, טראַכטן וועגן אויסלייזונג מיט דער הילף פון פיזישער קראַפט?

די געשיכטע האָט אָבער טרוקן באַשטעטיקט, אַז צום סוף פון דער ערשטער העלפט פון צוועלפטן יאָרהונדערט האָט זיך אין קורדיסטאַן, פּערסיע, באַוויזן אַ ייד, וועלכער האָט געפּלאַנט

אַן אויפשטאַנד פון די יידישע קנעכט, כדי צו דעראָבערן ירושלים מיט מיליטערישער קראַפט.

נישט אומזיסט האָט ד׳איזראַעלי אָנגערופן זיין ראָמאַן „די וואונדערלעכע געשיכטע פון אַל־רואי״.

ס׳איז באמת וואונדערלעך.

אָבער נישט נאָר דוד אַל־רואי׳ן האָב איך געפונען אין דער יידישער געשיכטע, — אויך דוד ראובני איז פאַר מיר אויפגע־טראָטן, ווי אַ שליח פון בר־כוכבא׳ן, — אַ געשטאַלט, נאָך וואונ־דערלעכער פאַר דוד אַל־רואי׳ן!

און אויך די דאָזיקע געשטאַלט איז אריין אין דער דיכטונג, ווייל זי האָט געצונדן און זי וועט צינדן די פאַנטאַזיע פון יידישע דיכטער.

אויך דוד בערגעלסאָן האָט שפּעריש פאַרוואַנדלט די דאָזיקע געשטאַלט אין זיין דראַמע „פּרינץ ראובני״.

* * *

מיט דוד ראובני׳ן קאָן זיך דער יידישער לייענער לייכט און גרינטלעך באַקענען נישט נאָר דורך גרעצס און דובנאָווס געשיכטע־ביכער, — עס איז דאָ אין יידיש אַ גוטע איבערזעצונג פון ראובני׳ס זכרונות, געמאַכט דורך א. י. גאָלדשמידט, דעם ווילנער לערער, שרייבער און געלערנטן, וועמען די נאַציס האָבן דערשאָסן אין ווילנע; עס איז דאָ אין יידיש אויך מאַקס בראָדס פּרעכטיק ווערק „דוד ראובני—דער יידישער פּרינץ״; די דאָזיקע וואונדערלעכע געשטאַלט איז אָפט אויסגענוצט געוואָרן דורך דער העברעאישער און יידישער ליטעראַטור. דעריבער איז איבעריק דאָ איבערצוגעבן די געשיכטלעכע פּרטים פון דער דאָזיקער געשיכט־לעכער און גלייכצייטיק לעגענדאַרישער געשטאַלט, — מיר קאָנען גלייך צוטרעטן צו דוד בערגעלסאָנס דראַמע, ווי אַזוי ער האָט אויסגענוצט די דאָזיקע געשטאַלט.

* * *

דוד בערגעלסאָן איז דער מייסטער פון אונזער דערציילע־רישער פּראָזע. הגם זיין דראַמע „די ברויט־מיל״, באַאַרבעט לויט זיינער אַ נאָוועלע, איז גוט באַקאַנט, דאָך קאָן מען דוד בערגעל־סאָנען נישט באַטראַכטן פאַר אַ דראַמאַטורג, — ער שרייבט אַמאָל אָן אויך אַ דראַמע.

און אויב בערגעלסאָן האָט אויסגעוויילט פאַר זיין ליטעראַ־רישער אינטערפּרעטאַציע די דראַמאַטישע פאָרם, איז דאָס גע־שען צוליבן פאַרלאַנג צו אַקטואַליזירן די מעכטיקע פּאָטענץ פונם דינאַמישן ראובני־שטאָף פאַר אונזער געשיכטלעכן היינט. ער האָט געוואָלט פאַראַנקערן דעם מוסר־השכל פון דער ראובני־דערשיינונג נישט אינם געמיט פון יחיד — דורך לייענען אַ בוך, — נאָר אינם מאַסן־ווילן, וואָס ברויזט אויף דורך אַ טעאַ־טער־פאָרשטעלונג.

אָבער אויב דער דאָזיקער צוועק לאָזט אונז שלום מאַכן מיט דער שוואַכער דראַמאַטישער פאָרם פון דוד בערגעלסאָנס ראובני־באַאַרבעטונג, לאָזט עס אונז פאַר קיין פאַל נישט שלום מאַכן מיט דער ליטעראַרישער פאָרם פון דער דאָזיקער דראַמע: מיט איר ווייסן פערז.

דוד בערגעלסאָן, אויף וויפל איך ווייס, האָט קיינמאָל קיין דיכטונג — אין פערז־פאָרם — נישט געשריבן; טאָ צו וואָס האָט זיך אים פּלוצלונג פאַרוואָלט שרייבן די דראַמע זיינע דווקא אין ווייסן פערז?

די פערז־פאָרם פאַר דראַמאַטישער שאַפונג איז פאַרעל־טערט, — זי שטערט דעם צוהערער אריינצולעבן זיך נאַטירלעך אין דעם גאַנג פון דער דראַמע, סיידן זי איז אַ דראַמאַטישע פּאָעמע פון גרויסן סטיל, ווי ריכאַרד בער האָפמאַנס „יעקב׳ס חלום".

נאָך מער איז דאָס ריכטיק דאָ, ווען די פערז־פאָרם איז אומנאַטירלעך אויך פאַרן שרייבער, ווי דאָס איז דער פאַל מיט בערגעלסאָנען: ער באַוועגט זיך מיטן ווייסן פערז, ווי אויף שטאָלצן.

מען לייענט און דער פערז שטערט אָפט אריינצודרינגען אינם אינהאַלט, — ער שטייט קוים אויף די פיס און ער ווערט קינסטלעך אונטערגעהאַלטן דורך קינסטלעכע איבעריקע ווער־טער. און דאָס דענערווירט. אָט איז אַ מוסטער פון דאָזיקן פערז־סטיל:

„די רעכטע —
„איך האָב אַוועקגעשענקט זי שפּאַניען,

„דעם לאַנד, וואָס מיך פון זיך עס האָט פאַריאָגט.
(אונטערגעשטראָכן דורך מיר. — י. ר.)

אָדער: דער קאַרדינאַל, ביים אינקוויזיציע־געריכט, פרעגט אוים שלמה מולכו׳ן:

„אויף אונזער פראַגע ענטפערט רבי שלמה:
„ציי האָט ראובני ווירקלעך דען אַ לאַנד?
„אָן קאַזואיסטיק נאָר... נישט תלמוד לערנען
„געדופן האָט מען אייך אַהער אַצינד".

מען פילט כסדר, אַז דער ריטם פון דער שפּראַך ווערט נישט געשאַפן דורך דעם שטראָם פון דער האַנדלונג, נאָר דורך דער אומזיכערקייט ביים באַנוצן זיך מיטן ווייסן פערז.

דאָס, וואָס די דראַמע איז נישט געשריבן מיט פּשוטער, נאַטירלעכער פּראָזע איז איינער פון די גרעסטע חסרונות פון דער דראַמע.

אָבער נישט דער איינציקער.

דאָס, וואָס דער פאַרלויף פון די היסטאָרישע געשעענישן איז שטאַרק געענדערט (ער פירט צונויף אויף איין שיף ר׳ אמנונ׳ען פון „ונתנה תוקף" מיט ראובני׳ן, כדי מעלאָדראַמאַ־טיש — נישט דראַמאַטיש! — קעגנאיבערצושטעלן דעם גייס־טיקן מאָמענט פון קידוש השם אין אונזער געשיכטע און דעם מאָמענט פון פיזישער רעוואָלט־גבורה), מאַכט נישט אויס. אָבער עס מאַכט שוין גאָר אַ סך אויס, וואָס אין דער דראַמע שפּילט אַזאַ גרויסע ראָל דאָס אונטערהערן אין אַלע פאָרמען. שרייבן היינט אַ דראַמע פון רענעסאַנס־צייט, הייסט נאָך נישט, אַז מען מוז איבערנעמען דעם רעקוויזיט פון דער דעמאָלטיקער בינע־קונסט.

חוץ דעם זענען דאָ אין דער דראַמע צופיל שוואַכע סצע־נעס, — דיאַלאָגיש, סצעניש און פּסיכאָלאָגיש.

למשל: די ליבע פון בענווענידאַ (דון שמואל אברבנאל׳ס פרוי) צו ראובני׳ן, וואָס האָט געקאָנט ווערן דער רוקן־ביין פון אַ שעפעריש־אויפגעפּאַסטער, שעפעריש־אייגנאַרטיקער גרויסער טראַגעדיע, איז אַזוי שוואַך און זינלאָז אויסגענוצט, אַז ס׳וואָלט שוין בעסער געווען זיך באַגיין אינגאַנצן אָן איר.

אויך די ראָל פון שבתי, ראובני׳ס אַ פריינט, וואָס שפּילט

די ראָל פון אַ דינער, איז נישט ווי געהעריק אויסגענוצט, הגם זי איז פיל שטאַרקער און שעפערישער פאַר אַלע דראַמאַטיש־צוגעטראַכטע פערזאָנען אין דער דאָזיקער ראובני־דראַמע: זי איז שטאַרקער און שעפערישער פאַר בענווענידאַן, פאַר ר׳ אמנונ׳ען, שוין אָפּגערעדט וועגן די קלענערע געשטאַלטן.

זי איז בעסער די דאָזיקע ראָל, אָבער נישט גענוג גוט. די שבתי־ראָל איז פּאָטענציעל געוואַלדיק אין אירע דראַמאַטישע מעגלעכקייטן.

שבתי, אַ געוועזענער לץ אין אַ ליסאַבאָנער צירק, פלעגט דאָרט שפּילן די ראָל פון אַ יידן, וואָס ער פלעגט אים נאָכמאַכן און נאָכקרימען, כדי צו זיין כאָטש איין שעה אין טאָג אַ ייד:

„אַ שעה אין טאָג
„בין איך אין צירק מיר פריי אַ ייד, זאָל זיין
„אפילו אין די קליידער פון אַ לץ".

ער גלויבט אין ראובני׳ן און איז זיין געוויסן, זיין פאָלקס־געוויסן, ווען ראובני ווערט שוואַך דורך פערזענלעכע ליידנ־שאַפטן.

אָבער די דאָזיקע פיגור איז נאָר געוואַלדיק פאַרטראַכט, — אויסגעפירט איז זי אַ סך שוואַכער.

אויך די געשיכטלעכע הויפּט־פערזאָנען פון דער דראַמע, — ראובני און שלמה מולכו, זענען שוואַך און פאַרפּלאָנטערט אויסגעפורימט (געשטאַלטיקט).

און דאָך, ביי די דאָזיקע אַלע קאַרדינאַלע חסרונות, איז בערגעלסאָנס דראַמע אַ ווערטפול און ווירקזאַם ווערק — אידעאיש: עס שלאָגט אין איר דער דופק פון אונזער צייט, פון אונזער יידישער צייט. זי שפּיגלט זיך אָפּ אין איר צווייפאַך: ערשטנס, איז טאַקע די געשיכטלעכע טעמע גופא היינטצייטיק, און צווייטנס — לייגט בערגעלסאָן אריין אין איר דעם היינט, ער אַקצענטירט אים אויפן בולטסטן אופן.

די פיינע טענדענץ פון דער דראַמע איז נישט קינסטלעריש־רייף אויסגעפורימט, אָבער די טענדענץ בלייבט פיין און אפילו ווירקזאַם, ווייל זי טרעפט אונז צו אין פינטל.

* * *

אין וואָס באַשטייט דער אומשטערבלעכער קערן פון דער ראובני־געשטאַלט?

ראובני איז אַ פּראַקטישער רעוואָלט קעגן דער יידישער גלות־געשיכטע: ער וויל אַ סוף מאַכן צום גלות אָן דער הילף פון אַ געטלעכן משיח, — ער וויל אַרויסרייסן די גאולה מיט פיזישער קראַפט.

ער קומט צו דער קריסטלעכער וועלט מיט אַ פּאָליטישן פּלאַן: ער, אַ ברודער פון אַ יידישן מלך אין כאַבור, אַראַביע, וויל באַפרייען ארץ־ישראל פון די מוסולמענישע הענט. ער וויל אין גלות אויסבילדן און באַוואָפנען אַ יידישע אַרמיי, וואָס זאָל העלפן זיין ברודער דעראָבערן און באַפרייען ארץ־ישראל.

דורך אַ פאַנטאַסטישן ליגן וויל ער שאַפן רעאַל־פּאָליטיק. בלויז די יידישע מלוכה אין כאַבור איז אַן אויסטראַכטעניש, אָבער יידן, וואָס וועלן גיין באַפרייען א״י, זענען דאָ, און די קריסטלעכע וועלט, וואָס וויל באַפרייען א״י, איז אויך אַ ווירק־לעכקייט, און באַוואָפנען אַ יידישע אַרמיי קאָן זי אויך די דאָזיקע וועלט, אויב זי וועט נאָר גלויבן אין דער אויסגעטראַכ־טער מעשה.

אַ גרויסע שטיק פון דער וועלט־געשיכטע איז געשאַפן גע־וואָרן אויף מיטן, אויף לעגענדעס.

אָט די געשיכטלעכע סכעמע איז דער הויפּט־פאָדים אויך פון בערגעלסאָנס דראַמע.

צוערשט גייט אַלץ כשורה, ווי אין דער געשיכטע, און דאַן פאַלט איין דער רעאַלער בנין, ווייל מען הערט אויף צו גלויבן אין דעם לעגענדע־פונדאַמענט.

אָבער בערגעלסאָנס דראַמע ציט אַ האַריטשקע ווייטער די געשיכטלעכע ליניע: ראובני מאַכט, אַזויצוזאָגן, אַ געטאָ־אויפשטאַנד.

אין ליסאַבאָנער האַפן זענען פאַרשפּאַרט צענדליקער טויזנ־טער פון די גולי־ספרד. ראובני האָט צוגעגרייט שיפן און וואָפן־סקלאַדעס. די שיפן דאַרפן גיין אויפנעמען די פּליטים, וועלכע וועלן באַוואָפנט ווערן דורך זיין אָנגעגרייטן וואָפן און גיין אין שלאַכט, פּרווון דורכצופירן די אייגענע באַפרייאונג.

אויך פון דעם ווערט גאָרנישט: די שיפן, אָנשטאָט צו דינען אַלס רעטונגס־מיטל, ווערן צוגענומען דורך אַ יידן פאַר אַ חוב, און דער קאַמף, דער געטאָ־אויפשטאַנד, קאָן אויך נישט פאָרקו־מען ווי געהעריק, ווייל אויף דער שיף, ווו ראובני געפינט זיך, זענען „בלויז פרומע אַרום דעם קדוש. זייער הויפּט־באַרוף איז הייליקן גאָטס נאָמען. אויסקוילן זיך לאָזן, שולדיק מאַכן דיך און מיך (דאָס זאָגט שבתי צו ראובני'ן. — י. ר.) אין זייער טויט".

אָט אין דעם צוזאַמענשטויס צווישן דעם גייסט פון ראובני־שבתי און דעם גייסט פון ר' אמנון און זיינע פרומע אָנהענגער, ליגט דער זין פון דער דראַמע. און אָט דער זין באַקומט, ווי אויבן־געזאָגט, אויב נישט קיין שטאַרקן דראַמאַטישן אויסדרוק, — איז דערפאַר אָבער אַ געדאַנקלעך־אידעאישן.

* * *

ראובני זאָגט אין איין שטעלע פון דער דראַמע:

„ס'האָט תורה בלויז
„אָן וואָפן קיינמאָל נישט געזיגט".

מ'קאָן נעמען ספק אינם אַבסאָלוטן אמת פון דאָזיקן זאָג, ווען מען גיט אַ טראַכט וועגן דער יידישער געשיכטע, אָבער מען קאָן נישט ספקן, אַז די יידישע געשיכטע גופא האָט זיך אָפט געבונטעוועט קעגן דעם קעגנזעצלעכן אמת, אַז תורה זיגט אָן וואָפן. און איצט שטייען מיר אין רעכטן מיטן פון אַזאַ בונט־פּעריאָד.

ראובני איז געווען איינער פון די פאָרלויפער פון דאָזיקן בונט אונזערן און דערפאַר ווערט ער אונזערער אַ מיטצייטלער, ווען ער זאָגט אין דער דראַמע:

„פאַרזאָגט
„עס האָבן אייך אַמאָל די אבות, טראָגט
„דעם צוזאָג אונזערן דער וועלט נישט נאָר
„מיט גלויבן — שיצן מוזט איר אים מיט קאַמף,
„ווי עס באַשיצט אַ פאָלק זיין לאַנד".

און נאָך הייַנטצייטיקער ווערט ער אונז ווען מיר הערן אים זאָגן:

„איך שטוין און פרעג ביי אָט דער צייט דער גרויסער:

„צי דען אויך דו וועסט אַלעמען באַשענקען
און נאָר מיין יידיש פאָלק אליין פאַרטיילן?...
„צי אפשר וועלן מיר בלויז שולדיק בלייבן,
„ווייל נישט באַוויזן נעמען ביי דער צייט,
„מיר האָבן דאָס, וואָס זי האָט געבן אונז
„געקענט?"...

ווען מען נעמט אָט די פראַגן, וואָס פייניקן היינט יעדן יידן, וואָס איז ווערט דעם דאָזיקן נאָמען, און מען לייגט זיי אריין אין מויל פון אַ היסטאָרישער פּערזאָן, פון אַ היסטאָרישן העלד, וואָס האָט געוואָלט אויף זיי געבן אַן ענטפער מיט הונדערטער יאָרן צוריק, כדי צו באַפרייען אונז פון דער נויטווענדיקייט צו ענטפערן אויף זיי היינט, — טוט מען דאָס איינציקע, וואָס קאָן באַרעכטיקן אַ היסטאָריש-ליטעראַריש ווערק: דורך דעם מעדיום פון געשיכטע קלאָרער מאַכן דעם היינט, פונקט ווי שטראַלן, וואָס שלאָגן אָפּ פון אַ שפּיגל-פלאַך, זענען שאַרפער.

און אין ליכט פון די דאָזיקע שאַרפע שטראַלן זעען מיר דעם גורל פון אונזער דור, וואָס מוז, ווי אַמאָל ראובני, זיך לערנען קעמפן, סיי ווען דאָס וועט אים אויסלייזן, סיי ווען דאָס וועט בלייבן אַ ירושה-טענדענץ פאַר שפּעטער, כדי דער גייסט פון קאַמף זאָל נישט אָפּשטאַרבן אויף אייביק.

אָט ווי ראובני דריקט עס אויס:

„יאָרהונדערטער געדרימלט סיהאָט אין האַרץ
„פון ייד דער דראַנג צו קאַמף אָט דעם, וואָס איך
„צום אויפלעבן באַנייס געבראַכט כיהאָב איצט.
(באַמערקט נאָר די עלעגאַנטקייט פון די פערזן.—י.ר.)
„געענדיקט שוין איז מיין שליחות היינט,
„און איך גיי אָפּ... צו דיר, מיין וועג-ווייזער
„און לערער דוד אלראי, מיט פיר
„יאָרהונדערטער צוריק דו האָסט די שווערד
„דעם פאָלק אין האַנט געגעבן. נאָך בר-כוכבא
„דעם פאָלק האָסטו געדינט און איך נאָך דיר
„דער צווייטער בין. און דו, נאָך מיר דער דריטער,
„נו, ווער?... איך זע דיין פּנים נישט אַרויס,
„איך פיל דיין אָטעם בלויז. אַלצאיינס, צו דיר

„געהערט מיין ברכה שוין די לעצטע".

ווען די דאָזיקע ווערטער שטראַלן אָפּ אויף אונז דורכן מעדיום פון ראובני'ס געשטאַלט, גיסן זיי אָן אונזער געמיט מיט דער איבערצייגונג, אַז זיי זענען נישט סתם קיין ווערטער, — אָט גייט דאָך ווידער אַרום צווישן אונז נישט נאָר דער געדאַנק פון ראובני'ן, נאָר זיין געשטאַלט גופא: צי האָבן מיר אים נישט געזען דאָ און דאָרט אין די געטאָס, צי זעען מיר אים נישט אויף די שלאַכטפעלדער פון ישראל?

און אַזוי כסדר: דער היינט רעדט דורך דעם מויל פון געשיכטלעכן נעכטן, און דער היינט ווערט אויס היינטיקער צופאַל־אומזין, — ער ווערט געשיכטלעכע זין־נויטווענדיקייט.

„דריי הונדערט טויזנט ברידער מ'האָט פאַרשפאַרט,
„פאַרקערט צום ים, ווי שעדלעך קויטיק מיסט
„אַרויסצוואַרפן זיי, אויף יידישע
„צען שבטים האָבן זיי דאָרט יאושדיק
„זיך אָנגעכאַפּט. איך האָב פאַרטראַכט זיך טיף:
„אַ רעטונג, זע, עס זוכן אַלץ די יידן
„אין זייער נעכטן, נישט אין זייער היינט —
„פאַרוואָס? עס איז אַצינד אַ צייט אַ גרויסע,
„ס'איז נאָך קלומבוס און פאַר נייעם לאַנד
„עס גייט אַ שטרייט, איז איך אין דעם געראַנגל
„וועל אויך מיין פאָלק אריינפלעכטן. אין שטרייט,
„אין קאַמף פון פעלקער מוז איך איצט געפינען
„אַ לאַגע פאַר מיין ליידנדיקן פאָלק.
„ביים פויפסט האָב איך געלאָזט זיך אויפנעמען
„אַלס אַמבאַסאַדאָר, — ער זוכט פאַרבינדעטע
„אין הינטערלאַנד פון טערק און מאַכמעדאַנער,
„און איך—איך בין אַ פרינץ פון קראַפט פון יידישער
„אין שטאַרקן לאַנד כאַבור...
„שטאַרקן — — — — — —
„איך וועל צוערשט די הענט פון מיינע ברידער,
„דערנאָך צום קאַמף זיי שטויסן — וועגן רעטונג
„נישט טרוימען בלויז, נאָר אויך איר העלפן קומען".

און ווען אַלץ איז פאַרלוירן, און בענוועגידא קומט צו

ראובני'ן אויף דער שיף מיט דער בשורה, אז פאר אונטערגעבן זיך וועלן די פּאָרטוגאַליער מילד משפּטן, ענטפערט איר ראובני:

„איז קער זיך אום אַהין איצט, בענוועניִדאַ,
„און זאָג די פּאָרטוגאַליער דאָרט: עס שטאַרבט
„דאָס פאָלק, נאָר אונטערגעבן זיך עס וויל נישט —
„עס איז אַזאַ מין פאָלק"...
„און דו (צו בענוועניִדאַן.—י. ר.) צום מאַן צו דיינעם
קער זיך אום
„און מוטער ווער ביי יידן...
„...דאָס פאָלק וויל ווייטער לעבן... גיי!"

און ווען בענוועניִדאַ פרעגט אים:

„ביי יידן ווערן איצט אַ מוטער?... און קראַפט
„דערויף פון וואַנען זאָל איך שעפן?"

ענטפערט איר ראובני:

— — — — — — „פון אונז,
„פון אונזער אומקומען אָט דאָ מיט שטאָלץ
„פאַר אייער ווייטערדיקן לעבן... גיי!"

און צו שבתי'ן זאָגט ער:

„שבתי!... די שלאַכט פיר ווייטער... מיין צוואה
„דורך דיר איך לאָז. איך שטאַרב:
„דו קעמפסט מיין פאָלק,
„דאָס הייסט — דו לעבסט, מיין פאָלק".

* * *

פרינץ ראובני איז אַ טענדענץ־דראַמע, וואָס די טענדענץ האָט זיך דראַמאַטיש נישט פאַרקערפּערט, נאָר איז געבליבן געדאַנק־אמת, וואָס איז ווירקזאַמער אַדאַנק דער פאַרבינדונג מיט אַ געשיכטלעכער פּערזאָן, וואָס די דאַזיקע אמתן זענען ביי איר געווען טאַט, ווירקלעכקייט־דראַמאַטיק.

די טענדענץ איז — קאַמף פאַר אויסלייזונג.

און נאָך אַ טענדענץ איז דאָ: קאַמף פאַר אויסלייזונג אין פאַראייניקונג פון אַלע כוחות.

איך האָב אויבן געזאָגט, אַז בערגעלסאָן פירט צונויף אויף איין שיף ר' אמנונ'ען מיט ראובני'ן, כדי צו ווייזןביידע כוחות

אין פאָלק: די, וואָס האָפן אויף משיחן און ווילן ברענגען משיחן דורך פרומקייט, און די, וואָס ווילן ברענגען משיחן דורך קראַפט.
דער גורל איז פאַר ביידע כוחות דער זעלבער: ווען ר׳ אמנון פרעגט ראובני׳ן ווו עס איז דער האַפן פאַרן דאָזיקן שיף, ענטפערט ראובני:

„פאַר אָט דער שיף קיין האַפן — אַלץ נישטאָ...״

מ׳האָפט בלויז אויף אַ האַפן, אויף פאַרשידענע אופנים. אָבער ווען בענוועגידאַ ברענגט די בשורה פון מילדן באַהאַנדלען פאַר אונטערגעבן זיך, און ר׳ אמנונ׳ס אַן אָנהענגער כאַפּט זיך אָן אינם וואָרט „חסד!...״, פרעגט ראובני: „וואָס זאָגט דערויף דער הייליקער ר׳ אמנון?״ און ר׳ אמנון ענטפערט: „איך זאָג:

„אין שכנות זאָל מיין קבר זיין,
„אין שכנות מיטן קבר פונם העלד״.

און ווען בענוועגידאַ פרעגט (אויף ראובני׳ס ענטפער: „עס שטאַרבט דאָס פאָלק, נאָר אונטערגעבן זיך עס וויל נישט״): „דער לעצטער ענטפער?״, זאָגט איר שבתי, דער אויספירער פון ראובני׳ס צוואה:

„דער ענטפער פונם קדוש, פונם העלד
„און אויך אפילו פונם לץ ביי יידן״.

די דאָזיקע לעצטע סצענע, וואָס אין איר דאַרף קומען צום אויסדרוק דער ווילן פון פאָלקס־פּראָנט, איז איינע פון די שוואַכסטע פון אַלע שטאַנדפּונקטן (ר׳ אמנון זאָגט ערגעץ אין דער דאָזיקער סצענע:

„עס איז געערבט דער העלד, אליין
„דער קדוש וואָלט געדריקט דעם העלד די האַנט,
„ווען הייליקייט זאָל האָבן הענט״,
— אַן אַלוזיע אויף די אָפּגעהאַקטע הענט ביי ר׳ אמנונ׳ען און אויף דער מאַכטלאָזיקייט פון הייליקט אליין...),

אָבער מיר לעכצן אַזוי נאָך אָט די אמת׳ן, אַז אין וואָסער פאָרם זיי זאָלן נישט קומען (אפילו אין דער אומגליקלעכסטער פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט), זויגן מיר זיי איין, ווי אַן אויסגעטריקנטער שוואָם אַביסל פייכטקייט.

מיר ווילן דאָס הערן אין אַלע פאָרמען, — אין רעדעס, אין לידער און אין טעאַטער.

מיר רייסן זיך דורך דורך אַלע אומגעלומפּערטקייטן צום זאַפטיקן קערן פון געפיל און געדאַנק, וואָס האָט געטריבן בעד־געלסאָנען אָנצושרייבן די דאָזיקע דראַמע (וואָס האָט זיכער צוגעאיילט דעם גזר־דין אויפן רוסישן יידנטום), און מיר פאַלן־צו צו אים מיט פרייד.

אַ גוטע צייט פאַר אַ שוואַכער קונסט מיט אַ געזונטער טענדענץ.

מעלבורן, 1949.

קאַמף צווישן מענטש און זעלנער

(וועגן דער העכסטער שליחות פון ליטעראַטור)

איך האָב געלייענט אַ קליין העברעאיש ביכעלע פון ס. יזהר. סך־הכל צוויי קליינע דערציילונגען פון דער יידיש־אַראַבישער מלחמה.

אין דער ערשטער דערציילט אַ זעלנער זיינע איבערלעבונגען בעת ער האָט אָנטיילגענומען אין אַן אַקציע צו באַזייטיקן די אַראַבישע באַפעלקערונג פון אַן אַראַביש דאָרף חרבת חזעה; און אין דער צווייטער דערציילט אַ זעלנער זיינע איבערלעבונגען בעת זיין גרופּע נעמט אין „געפאַנגענשאַפט" אַן אַראַבישן פּאַס־טוך, פירט אים אַוועק אין שטאַב, וווּ ער ווערט פאַרהערט און פון וואַנען מען שיקט אים אָפּ אין אַ לאַגער.

עס איז שווער צו לייענען די דאָזיקע דערציילונגען אין העברעאיש. ערשטנס, דענערווירט דער זשאַרגאָן פון די דיאַ־לאָגן („תראו איך הם עומדים להם" — זעט נאָר ווי זיי שטייען זיך; „עושים חיים" — מאַכן אַ לעבן; „בטח כמה אלפים טובים" — זיכער אַ גוטע פּאָר טויזנט; „עושים במכנסים" — מאַכן אין די הויזן, א.א.וו.); און צווייטנס, יזהר איז נאָך ווייט פון צו זיין אַ גוטער שרייבער, הגם ער איז אין זיינע דאָזיקע דערציי־

לונגען זיכער אויפן וועג צו ווערן אַ גרויסער שרייבער. און ער איז שוין אַן אינטערעסאַנטער שרייבער.

גוטע שריפטשטעלערישע טעכניק איז נישט תמיד אַ באַגלייט־דערשיינונג פון גרויסער עכטער ליטעראַטור (הגם מערסטנטייל גייען זיי געפּאַרט); עס איז שווער, ווי געזאָגט, צו לייענען די דאָזיקע דערציילונגען (אויך די יידישע איבערזעצונג פון איינער פון זיי — „דער געפאַנגענער" — איז שווער צו לייענען צוליב יזהר'ס פאַרפּלאָנטערטן סטיל, וואָס איז נישט בעסער געוואָרן פון דער איבערזעצונג), אָבער ווען איר זענט גובר די שוועריקייטן, טרייסלען אייך די דאָזיקע דערציילונגען אויף ביזן גרונט פון דער נשמה, — זיי טוען דאָס, וואָס עכטע, גרויסע ליטעראַטור טוט תמיד.

* * *

די דערציילונגען זענען עפּיזאָדן פון זעלנערישן לעבן. און פון איין זייט ווייזן זיי טאַקע ווי דער זעלנער, אפילו דער יידישער זעלנער, ווערט פאַרגרעבט; ווי יידן — יידן! — רעדן מיט גלייכגילטיקייט וועגן דערשיסן, סתם אַזוי זיך, אַן אייזל, אַן נויטווענדיקייט, אָן נוצן, אָן שנאה — די האַנט שיסט מעכאַניש, ווייל די נשמה איז געוואָרן פאַרטעמפּט. מיט וואָס פאַר אַ האַרצלאָזיקייט עס שיסט זיך! ווייל מען פּילט דערביי גאָרנישט.

אָבער די דערציילונגען גיבן מער ווי דאָס — זיי זענען אַ קאַמפּס־פּלאַץ פאַרן מענטשן, וואָס איז פאַרזעלנערט געוואָרן, און דער נשמה, וואָס בונטעוועט זיך אין די בעסערע קעגן דער דאָזיקער פאַרזעלנערישטקייט. ביידע פירן אַ דיאַלאָג.

דער דאָזיקער דיאַלאָג קומט פאָר אויף צוויי פלאַכן: טיילווייז אין דעם דערציילערס נשמה (דער דיאַלאָג אין דאָ אַן אינערלעכער) און טיילווייז צווישן דעם דערציילער און זיינע מער פאַרזעלנערישטע חברים.

ווי זעט אוים אָט דער אינערלעכער און אויסערלעכער קאָנפליקט צווישן זעלנער און מענטש, צווישן באַפעל און געוויסן?

דער דערציילער הערט זיך צו צו אַזאַ מין דיאַלאָג צווישן צוויי פון זיינע חברים:

„זאָל זיי דער טייוול נעמען, — האָט געזאָגט גבי, — ס'אַרא שיינע ערטער זיי האָבן זיך אויסגעקליבן.

„פאַרגעס! — האָט אים געענטפערט דער ראַדיסט, — דאָס איז שוין אונזערס".

דער דערציילער הערט דאָס און קאָן נישט שלום מאַכן דער־מיט. ער איז נאָך מער מענטש ווי זעלנער. און רעדט צו זיך אליין:

„איך בין קיינמאָל נישט געווען אין גלות, איך האָב קיינ־מאָל נישט געוווסט ווי דאָס זעט אויס... מען האָט אָבער גערעדט וועגן דעם צו מיר, און מען האָט דערציילט, און מען האָט גע־לערנט מיט מיר, און מען האָט אָבער אַמאָל איינגעחזרט מיט מיר, אין יעדן ווינקל, אין בוך, אין דער צייטונג און אין יעדן אָרט: גלות. אויף אַלע מיינע סטרונעס האָט מען געשפּילט. און דאָס איז שוין, ווי עס שיינט, געווען אין מיר מיט דער מאַמעס מילך. וואָס, אייגנטלעך, האָבן מיר דאָ היינט אָפּגעטאָן?" (זעט נאָר, ווי שלעכט, ווי שווערלייביק יזהר שרייבט דאָ).

ער פילט, דער יידישער זעלנער, אַז ער שאַפט פאַר די איינוווינער פון חרבת חזעה אַ גלות, דאָס וואָס איז פאַר זיין אייגן פאָלק געווען אַ געשפּענסט זייט יאָרטויזנטער.

און ער קאָן דערמיט נישט שלום מאַכן, נישט געקוקט אויף אַלע פּרוון — אינערלעכע און אויסערלעכע — דאָס צו באַרעכ־טיקן מיט דער נויטווענדיקייט פון אַ פאַרשאָלטענער ווירק־לעכקייט.

אָט זאָגט אים משה, זיין קאָמפּאַניע־חבר, און משה'ס אויגן זוכן זיינע, דעם דערציילערס:

„הער נאָר וואָס איך וועל דיר זאָגן! קיין חרבת... וועלן קומען עולים, דו הערסט, און זיי וועלן נעמען די דאָזיקע ערד, און זיי וועלן זי באַאַרבעטן, און דאָ וועט זיין אַ שיינס!"

אָבער אַ רעוואָלטירנדיקן געוויסן איז שווער צו באַרויקן מיט אַזאַ לאָגיק. אדרבא! ווי מען וואָלט אונטערגעגאָסן בוימל צו זיין פייער, צעפּלאַקערט זיך אינם דערציילער דער רעוואָלט:

„פאַרשטייט זיך... ווי אַזוי האָב איך זיך דאָס אליין נישט משער געווען. אונזער חרבת חזעה. פראַגן פון באַזעצן זיך און פּראָבלעמען פון אַבסאָרבירן... מירן עפענען אַ קאָנסום־קאָאָפּע־ראַטיוו, מירן אויפשטעלן אַ דערציאונגס־אַנשטאַלט, אפשר אויך אַ שול. דאָ וועלן זיין פּאַרטייען. מען וועט דעבאַטירן וועגן אַ סך

ענינים. מען וועט אַקערן פעלדער און מען וועט זייען און שניידן און מען וועט אויפטאָן גרויסע זאַכן. זאָל לעבן די יידישע חזעה! ווערמען וועט עס גאָר איינפאַלן, אַז עס איז אַמאָל געווען עפּעס אַ חרבת חזעה, וואָס מיר האָבן פאַרטריבן און געירשנט. מיר זענען געקומען, געשאָסן, פאַרברענט, אויפגעריסן, פאַרשטויסן און פאַרטריבן אין גלות.

וואָס, צו אַלדי רוחות, טוען מיר דאָ אין דאָזיקן אָרט!

„איין נישט קיין אנגענעמער טאָג און דערנאָך וועלן דאָ אונזערע שלאָגן אַ וואָרצל, ווי אַ בוים אויף בעכן וואַסער...״

„איך האָב געפילט, אַז איך געפין זיך אויף אַ גליטשיקן אָרט. איך האָב זיך אָנגעשטרענגט זיך צו באַהערשן. אַלץ אין מיר האָט געשריגן: קאָלאָניזאַטאָרן, האָט אין מיר געשריגן. אַ ליגן, האָט אין מיר געשריגן. חרבת חזעה איז נישט אונזערע. וואָס האָט מען אונז אַלץ נישט דערציילט וועגן פּליטים. אַלץ, אַלץ פאַר די פּליטים... נאַטירלעך, פאַר אונזערע פּליטים. די, וואָס מיר פאַרטרייבן — דאָס איז אין גאַנצן אַן אַנדער זאַך״.

און דאַן, נאָכן דאָזיקן געוואַלדיקן אינערלעכן וויכוח מיט זיך און מיט משה׳ן, זאָגט דער דערציילער צו משה׳ן:

„משה, מיר האָבן נישט קיין שום רעכט זיי אַרויסצונעמען פון דאַנען!״

„און איך האָב נישט געוואָלט, — גיט דער דערציילער צו, — אַז מיין קול זאָל ציטערן.

„און משה האָט מיר געענטפערט: הויבסט שוין ווידער אָן!

„און איך האָב געוווסט, אַז עס וועט שוין פון דעם גאָר־נישט אַרויסקומען.

„און עס האָט מיר געטאָן אַזוי לייד, ביז דערשטיקט צו ווערן״.

די גאַנצע דערציילונג (ווי אויך די צווייטע, „דער געפאַנ־גענער״) באַשטייט אייגנטלעך פון פּיצלעך שילדערונג (וואָס עס קומט פאָר בעת דער מיליטערישער אָפּעראַציע אין חרבת חזעה און מיטן געפאַנגענעם פאַסטוך) און כסדרדיקע אינערלעכע דיאַ־לאָגן, געוויסנס־דיאַלאָגן פון אויבנציטירטן מין.

עס איז עכטע טראַגעדיע. דער גורל הענגט דאָ איבערן מענטש און דערדריקט אים, ווי אַ העלד פון אַ קלאַסישער

טראַגעדיע.

דער מענטש אונטער די זעלנערישע קליידער און מעשים וויל זיך אויסקויפן פון דאָזיקן גורל. אָבער ער האָט נישט גענוג קראַפט (משה, פילט ער, איז שטאַרקער פאַר אים) און נישט גענוג זיכערקייט, אַז דאָס וואָס ער טוט דאַרף נישט געטאָן ווערן. דאָס קומט בולט צום אויסדרוק אין איינעם פון זיינע אינער־לעכע אויסגעשרייען: „און אויב מען מוז זיך שוין איינשמוצן, טאָ זאָלן אַנדערע איינריכטן זייערע הענט — איך קאָן נישט".

* * *

ווען די דערציילונג „חרבת חזעה" (ווי אויך „דער געפאַנ־גענער") וואָלט געווען אָנגעשריבן געוואָרן אין איינעם פון די יידישע ישובים מחוץ ישראל, און ווער רעדט נאָך דורך אַן אַנטי־ציוניסט, וואָלט מען דעם מחבר זיכער געוועז פאַרגעוואָרפן אַן אַנטי־ציוניסטישע טענדענץ.

איצט אָבער, ווען די דערציילונגען זענען געשריבן געוואָרן דורך אַן אמתן ישראלי, וועט קיינעם, מסתמא, נישט איינפאַלן פאַרצוּוואַרפן זיי אַזעלכע נאַרישקייטן.

אמת, די דאָזיקע דערציילונג וועקט זאָרג: אין ישראל זענען דאָ יידן, וואָס זענען צו שנעל געוואָרן אויס יידישע מענטשן און געוואָרן — זעלנער, יוונים (וואָס האָבן אַלע איין פּנים); אָבער וויפל זאָרג זי זאָל נישט וועקן, וועקט זי אַלץ אַ סך מער האָפ־נונגען. און נישט נאָר דערמיט, וואָס נישט אַלע זעלנער זענען געוואָרן בלויז זעלנער, נאָך אַ סך מער דערמיט, וואָס די דאָזיקע פאַראורטיילנדיקע דערציילונג איז געשריבן און געדרוקט געוואָרן אין ישראל.

איך ווייס נישט ווי אַזוי די ישראל־פּרעסע און די ישראל־קריטיק האָבן אויפגענומען די דאָזיקע דערציילונגען, אָבער איינס ווייס איך: ווי מען זאָל זיי נישט האָבן אויפגענומען, זענען זיי אַ צירונג און ברכה פאַר דער יונגער העברעאישער ישראל־ליטעראַטור מיט זייערע טענער פון טיפער מענטשלעכקייט, מיט זייערע נביאימשע טענער.

* * *

אַ ישוב פון אַ זעקס הונדערט טויזנט יידן, אַ טייל פון אַ פאָלק, וואָס איז אויסגעמאָרדעט געוואָרן אויף אַ גוטן דריטל,

געפינט זיך אין אַ טויט־געפאַר. און נישט נאָר זיין לעבן שטייט אין געפאַר — אויך זיין אידיי און זיין האָפנונג.

נאָך קרוב ניינצן הונדערט יאָר האָפן אויף נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט, האָבן צוויי דורות יידן מיט די בלויזע הענט צעקרישטלט פעלזן אין שטויב, און דעם שטויב פרוכט־באַר געמאַכט אינם לאַנד פון זייער חלום. און זיי האָבן געוואָרט, אַז די פעלקער זאָלן דערפילן זייער פייערלעכן צוזאָג — אומ־צוקערן זיי דאָס לאַנד פון זייערע אבות, דאָס לאַנד פון זייער אָנשטערענגונג, דאָס לאַנד פון זייערע קינדער. און ווען מען האָט זיי ענדלעך געגעבן (צוגעזאָגט צו געבן) אַן אַכטל פונם צוגע־זאָגטן לאַנד, זענען זיי באַשטאַנען דערויף. זאָל זיין אַ ברעקל ערד, אַבי אייגנס!

אָבער אָנשטאָט דעם אַכטל, וואַרפט מען זיי אָן אַ טאָטאַלע מלחמה, אַ פאַרניכטונגס־קריג. די אַראַבער גייען אין קריג מיט היטלערס מוסטער פאַר די אויגן, אין זייערע טרוימען. און דער ישוב פון זעקס הונדערט טויזנט גייט קעמפן כמעט מיט ליידיקע הענט קעגן אַ פּאָר צענדליק מיליאָן אַראַבער, וואָס האָבן אַן איבערפלוס פון ערד. זיי גייען אין לעצטן קאַמף, אין אַ קאַמף אַן אָנגעוואָרפענעם, אין אַ קאַמף אַ נויטווענדיקן. און דאָך ווערן געשאַפן אַזעלכע דערציילונגען ווי יזהר׳ס, — די ניי־העברעאישע ליטעראַטור דערפילט איר הומאַניטאַרע אויפגאַבע, ד. ה. זי דער־פילט די גרעסטע אימאַנענטע אויפגאַבע פון ליטעראַטור — די הומאַניזאַציע פונם מענטשן.

ליטעראַטור איז בעיקר אַ זאַך פון האַרץ און געוויסן, און זי קאָן זיך נישט און זי טאָר זיך נישט רעכענען מיט דער קאַל־טער אויסרעכענונג פון נויטווענדיקייט און צוועקמעסיקייט. די לאָגיק מעג דערווייזן קלאָר, אַז מען מוז טאָן אַ געוויסע זאַך, אַז „אַזוי איז דאָס לעבן״, אַז „אַזוי דיקטירט די נויטווענדיקייט״, אָבער די דאָזיקע שטאָל־קאַלטע לאָגיק שניידט דאָס האַרץ און דעם געוויסן פון מענטשן, און ער קלאָגט און ער קלאָגט אָן, — ער רעוואָלטירט קעגן דער נויטווענדיקייט, קעגן דעם גורל פון מענטשן, וואָס האָט אַ האַרץ און אַ געוויסן אין אַ וועלט פון קאַלטע, האַרצלאָזע און געוויסנלאָזע נויטווענדיקייטן.

און אַט דער צוזאַמענשטויס שאַפט די שענסטע, ווייל די עכטסטע ליטעראַטור.

און יזהר האָט מיט זיינע צוויי דערציילונגען געשאַפן אַזאַ שטיקל עכטע ליטעראַטור נישט געקוקט אויף דעם, וואָס פון פאָרמעל־קינסטלערישן שטאַנדפונקט זענען די בעסטע שטעלן זייערע נישט געגוג קינסטלעריש רייף און די שוואַכערע שטעלן זענען אָפט אומבאַהאָלפן. דער עיקר איז אָבער, וואָס די דערציי־לונגען אָטעמען מיט גרויס־ליטעראַטור, מיט עכטן טראַגיזם, מיט עכטער גורלדיקייט, מיטן געראַנגל פון דער מענטשלעכער נשמה (פון מענטשלעכן געוויסן) אין די פּענטעס פון קאַלטער נויטווענדיקייט.

אַט דער קאַמף צווישן זעלנער און מענטש, צווישן געוויסן און באַפעל, צווישן געפיל פון אַבסאָלוטער גערעכטיקייט און דער לאָגיק פון ערדיש־האַרטער נויטווענדיקייט איז נישט אַנט־וויקלט אין דער גאַנצער ברייט און טיף.

ווען דער פיינפיליקער דערציילער וואָלט אָנגעטראָפן (מיט דעם מחברס הילף) אויף אַ טיפערן משה, וואָלט ער געווען גע־קאָנט פירן נישט נאָר אַ טיף־טראַגישן דיאַלאָג אינערלעך, מיט זיך אליין, — אויך אויסערלעך וואָלט געווען געקאָנט קומען צו אַ טיף־טראַגישן וויכוח צווישן זיין אבסאָלוטן געפיל און משה'ס געפיל פאַר נויטווענדיקייט. ווייל סוף כל סוף איז גראָד אין דאָזיקן פאַל נישט אַזוי איינפאַך. ווען דער דערציי־לער זאָגט: „אַלץ, אַלץ פאַר די פליטים.. נאַטירלעך, פאַר אונזערע פליטים. די, וואָס מיר פאַרטרייבן — דאָס איז אינגאַנצן אַן אַנדער זאַך", איז דאָס נישט נאָר שניידיק־טראַגישער סאַרקאַזם, דאָס איז אויך אַ טיפער אמת. גראָד ביי אונז איז עס — צוליב אַ טראַגישן היסטאָרישן פלאָנטער — אַנדערש. און הגם די ליטע־ראַטור טאָר מיט דעם נישט שלום מאַכן, וואָלט זי אָבער ביים נישט שלום מאַכן געמעגט בולט מאַכן אָט די אַנדערשדיקייט, וואָס איז אויך אַ טראַגישע, און במילא אַ דירעקטע טעמע פאַר ליטעראַטור.

אָבער אויב יזהר וויקלט נישט פאַנאַנדער אין דער גאַנצער טיף די טעמע וואָס ער באַרירט (זיין משה קאָן זיין שטאַנדפונקט נישט פאַרטיידיקן, ווי דאָס איז אין אונזער פאַל מעגלעך), האָט

ער דאַך אַ גרויסן פּאַרדינסט שוין מיטן בלויזן באַרירן אָט די טעמע אין דער ליטעראַטור.

ליטעראַטור איז ווי אַ ראַקעטע — זי באַוועגט זיך פאָראויס דורך אינערלעכע אויפרייסן, ד. ה. דורך מאָראַלישע אויפטרייסלונגען.

ליטעראַטור וואָס ווערט פאַרגליווערט — הערט אויף צו וואַקסן; אָבער אַ ליטעראַטור, וואָס אין איר קומען פאָר אינערלעכע מאָראַלישע אויפברויזן, ד. ה. ווען זי דערלויבט זיך צו וואַרפן אַ בליק מן הצד דאָרט, וווּ אָפיציעל טאָר מען נישט קוקן, ווען זי דערלויבט זיך צו זיין אומצופרידן מיטן אידעאָלאָגישן סטאַטוס קוואָ, אויב ער דערוויטערט זיך, צוליב רעאַליטעט־נויטווענדיקייטן, צופיל פונם אידעאַל — אַזאַ ליטעראַטור באַוועגט זיך פאָראויס, אַלץ העכער און העכער.

מיט דער דאָזיקער מאָס דאַרף מען מעסטן סיי יעדע ליטעראַטור און סיי יעדן שרייבער באַזונדער, הגם יעדער שרייבער וואָס רייסט זיך פאָראויס אין זיין שאַפן דורך אינערלעכע מאָראַלישע אויפרייסן, שטויסט פאָראויס אויך די ליטעראַטור, און פאַרקערט: אויב אַ ליטעראַטור (די אַטמאָספער פון אַ ליטעראַטור) ווערט פאַרגליווערט, שאַבלאָניזירט — שטערט זי דעם איינצלנעם שרייבער צו רייסן זיך פאָראויס, זי ווירקט ליימענדיק אפילו אויף די מאָראַליש־אומרואיקע.

אַ ליטעראַטור, וואָס קאָן אָננעמען פאַר אַ גוטע מטבע אַזאַ ראָמאַן, למשל, ווי באַשעוויסעס „פאַמיליע מושקאַט", געפינט זיך אין אַ צושטאַנד פון ירידה און זי גיט קנאַפּע מעגלעכקייטן פאַר אַ שרייבער זיך צו אַנטוויקלען (הגם אַ ריזיקער טאַלאַנט קאָן איר געבן אַמאָל אַ שטויס צו אַ באַנייטער עליה, צו אַ באַנייטן פלי פאָראויס); אַ ליטעראַטור אָבער, וווּ עס נעמען זיך באַווייזן אַזעלכע דערציילונגען ווי יזהר'ס, ווייזט אַרויס בולטע סימנים פון עליה.

דער מאָראַלישער אויפברויז פון יזהר'ס דערציילונגען גראָד אינם ערשטן רויש מיט דער אויסגעקעמפטער יידישער מלוכה, איז אַ גוטער סימן נישט נאָר פאַר יזהר'ן, נאָר אויך פאַר דער מאָראַלישער אַטמאָספער פון דער ניי־העברעאישער ליטעראַטור, און טאַקע אויך פאַר מדינת ישראל.

פאַראַן פאַקטן וואָס וועקן זאָרג, אָבער די רעאַקציע אויף די פאַקטן וועקט נאָך גרעסערע האָפנונגען. אַזאַ פאַקט און אַזאַ רעאַקציע זענען יזהר'ס אויבנבאַהאַנדלטע דערציילונגען.

יזהר'ס דערציילונגען שטויסן אַ ליטעראַטור פאָראויס, מאַכן זי שעפעריש און עכט; אָבער אַזעלכע דערציילונגען זענען אויך אַ סימן, אַז אַ ליטעראַטור און אַ פאָלק זענען געזונט, זיי גיבן אַ מעגלעכקייט געהעריק צו רעאַגירן. 1952.

דער פּסיכאָפּאַטאָלאָג פון דער יידישער אינטעליגענץ

אין 1921, אין וואַרשע, אין גרויסן זאַל פון יידישן ליטע־ראַטן־ און זשורנאַליסטן פאַריין אויף טלאָמאַצקע 13 (אַ היסטאָ־רישער אַדרעס!), איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע יידי־שע שרייבער־פאַריינען, צייטונגען און פאַרלאַגן פון גאַנץ פוילן.

איך, אַ פּראָווינציאַל, בין געזעסן, געהערט די רעדעס און באַטראַכט אַלץ אַרום. באַזונדערס האָט צוגעצויגן מיין אויפ־מערקזאַמקייט אַ קליין מענטשעלע, מיט הענט, פאַררוקט אין די הויזן־קעשענעס, מיט גרויסע, אומרואיק־אַרומלויפנדיקע אַרויס־געזעצטע אויגן, מיט גרויסע, אָפּשטייענדיקע אויערן. דער דאָ־זיקער אומבאַקאַנטער מענטש, מיט אַ פּנים פון אַ געשפּענסט, מיט אַן אויסגעשעפּט, קליין, איינגעבויגן גופל פון אַ פּאַראַליטי־קער, האָט זיך נערוועז אַרומגעדרייט אינם דורכגאַנג צווישן די צוויי רייען שטולן, אַריינוואַרפנדיק אין זאַל און צום פּרעזידיום ווערטער מיט אַן אומאַנגענעמער, ווי זעגנדיקער, אָבער זיכערער שטימע פון אַ מענטש, וועלכער ווייס, אַז צו זיינע ווערטער הערט מען זיך צו, מיט וואָסער קול ער זאָל נישט רעדן.

ווער איז אָט־דער מענטש?

עס איז ווייניק צו זאָגן, אַז ער האָט צוגעצויגן מיין אויפ־מערקזאַמקייט פון אַ פּראָווינציאַל, — מיר איז צייטנווייז ממש געוואָרן אומהיימלעך: ער האָט אָנגעווייעט אויף מיר אַ געפיל פון שרעק מיט זיין אויסזען פון אַ טאַנצנדיקן פּאַראַליטיקער. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער דאָזיקער מענטש האָט זיך אָקאָרשט

אַראָפּגעכאַפּט — מיט אַ נס, אָדער מיט אַן אָנשטרענגונג פון ווילן, וואָס גרעניצט זיך מיט אַ נס — פון בעט, צו וועלכער ער איז צוגעשמידט געווען דורך קראַנקהייט, און ער טאַנצט אויף צו־להכעיס אַלע פּאַרזיכערונגען, אַז דער גייסט העגנט אָפּ פון קערפּער...

— ווער איז אָט־אָ־דער מענטש? — האָב איך מיינעם אַ שכן אַ ווייז געטאָן אויפן באַוועגלעכן, טעמפּעראַמענטפולן פּאַ־ראַליטיקער.

— אָט־אָ־דער? דאָס איז דאָך נאָמבערג!

דער באַקאַנטער נאָמען האָט אַביסל אָפּגעשוואַכט דעם פּאַ־נישן אומרו, וואָס נאָמבערג האָט אַרויסגערופן אין מיר ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט זיין אויסערלעכקייט. אָבער דער ערשטער איינדרוק, הגם אַביסל אָן אָפּגעריבענער, איז פאַרבליבן אויפן גאַנצן לעבן: אַ באַוועגלעכער גייסט באַוועגט מיט אַ צע־בראָכענעם, געשפּענסטערישן קערפּער.

איך האָב שפּעטער אַ סך מאָל געזען נאָמבערגן טאַנצן, און שטענדיק האָב איך דערביי געהאַט דעם אויבנבאַשריבענעם איינדרוק.

*   *   *

אין 1923, אין בערלין, בין איך אריין מיט אַ באַקאַנטן פון ארץ־ישראל, דעם שרייבער י. ש., אין „ראָמאַנישן קאַפע", וווּ עס פלעגט זיך צונויפקומען די יידיש־ליטעראַרישע חבריא.

געקומען איז י. ש. קיין בערלין אויף דער קאָנפערענץ פון די „פועלי־ציון". אָבער ער האָט אויך געדאַרפט האָבן נאָמבערגן, „דעם פּקח", ווי ער פלעגט אים רופן.

מיר האָבן אים געכאַפּט צווישן די טישלעך, וווּ ער האָט זיך ארומגעדרייט מיט איין האַנט אין אַ הויזן־קעשענע.

אויף דעם פאָרשלאָג פון י. ש. צו באַזוכן א"י, האָט נאָמ־בערג, וועלכער האָט ליב געהאַט ארומצורייזן, תיכף גענומען אַרויסשטעלן ערנסטע זיינע פאָדערונגען, און געשטעלט פראַגן: צי וועט ער דאָרט קאָנען קריגן מילכיקע פּראָדוקטן? און פרישע! דער עיקר: פרישע! פּוטער, קעז, סמעטענע.

י. ש. האָט גערעדט וועגן דעם, ווי וויכטיק עס איז פאַר נאָמ־בערגן, דעם שרייבער, צו באַזוכן א"י אַלס גאַסט פון דער הסתד־

רות, און נאָמבערג פֿלעגט אים כסדר איבערהאַקן מיט פֿראַגן וועגן פֿרישע מילך־פּראָדוקטן. ווען איך זאָל נישט געווען וויסן, אַז איך האָב פֿאַר זיך דעם קלוגן נאָמבערג, וואָלט איך געווען אָוועקגעגאַנגען אַ זיכערער, אַז איך האָב געזען די פֿאַרקערפּערטע נאַרישקייט און טעמפּקייט, וואָס ווייס נישט אַפֿילו, אַז מען דאַרף מאַסקירן די תּאוות פּונם מאָגן. דאָס איז אָבער געווען נאָמבערג. נישט נאָר איך, נאָר אויך ער, נאָמבערג, האָט דאָס געוווּסט. און ס'קאָן זיין, אַז אינם אונטערשטרייכן, אַז די סמעטענע דאַרף זיין פֿריש, איז געווען אַ געוויסע דאָזע קאָקעטעריע. ס'קאָן זיין. אָבער זיכער איז, אַז אין דעם איז געווען אַ סך פֿון דער נאָמבערגישער ערלעכקייט, דרייסטקייט אין קליינינקייטן.

אָבער אַחוץ קאָקעטעריע און דרייסטקייט אין קליינינקייטן, איז אין דעם געווען אויך אַ ניואַנס פֿון נאָמבערגישן סקעפּטי־ציזם און סאַרקאַזם. איך קאָן נישט פֿאַרגעסן, ווי ערנסט ער האָט גערעדט וועגן דאָזיקן קעז, ווי אונטערשטרייכנדיק מיט דעם דין־דין די אומזיניקייט פֿון דאָזיקן אייגלאַדן אין געסט אין אַ לאַנד, מיט וועלכן אַזויפֿיל איז פֿאַרבונדן פֿאַרן וואַנדערער־פֿאָלק, און מיט וועלכן מען וויל אַזויפֿיל פֿאַרבינדן.

איך באַדויער נאָך היינט, — פּונקט ווי אין יענעם מאָמענט, — וואָס דערביי איז נישט געווען שלום עליכם: נאָר ער, מיט זיין פֿעאיקייט צו כאַפּן דאָס קאָמישע אינם טראַגישן און דאָס טראַגישע אינם קאָמישן; מיט זיין קענען די מנחם מענדלס פֿון אַלערליי מינים; מיט זיין קענען טוביה'ס פּראָדוקטן, — נאָר ער, שלום עליכם, וואָלט ווי־געהעריק געווען געקאָנט באַשרייבן יענעם שמועס (און אריינדרינגען אין אים) צווישן דעם א"י־דיקן טוער און אַ ייִדישן שרייבער וועגן אַ נסיעה קיין א"י צוגאַסט, — אויף צו באַשרייבן, — נישט מקריב זייענדיק מיטן סמעטענע...

* * *

אין זעלבן 1923 איז מיר אויסגעקומען צו זען נאָמבערגן נאָכאַמאָל, אָבער נענטער און אינטימער.

דער באַקאַנטער פֿילאָלאָג און ליטעראַטור־היסטאָריקער י. שטיף (בעל דמיון) האָט דאַן אָנגעפֿירט אַ סעמינאַר פֿון דער אַלטער ייִדישער ליטעראַטור מיט אַ גרופּע מיטגלידער פֿון ייִדישן

סטודענטן־פאַריין אויף פרידריכשטראַסע. און היות אין יענעם יאָר איז אויסגעפאַלן דער הונדערטסטער יובילעאום פון דער יידישער פרעסע („דער בעאָבאַכטער אַן דער ווייקסל", דאַכט זיך), האָט ער אָנגערעדט דער גרופּע איינצואָרדענען אַן אָוונט פון דער יידישער פרעסע אין בערלין.

מען האָט געדונגען אַ גרויסן זאַל, נישט ווייט פון זאָאָלאָ־גישן גאָרטן; מען האָט צוגעגרייט אַ פּראָגראַם: שטיפס אַ רעפע־ראַט, אַלעקסאַנדער גראַנאַך, נאָך עטלעכע נומערן און אַ באַנקעט פאַר דער סטודענטישער גרופּע, פאַר שרייבער און געזעלשאַפט־לעכע טוער.

אחוץ דעם יידישן עולם זענען אַלע געקומען: די גרופּע סטודענטן, די גרופּע שרייבער און געזעלשאַפטלעכע טוער, אפילו אַ נעגער (מיט אַ דאַמע) איז געקומען. ער האָט זיך געשוואַרצט אין פּוסטן, ריזיקן זאַל און ער איז רואיק געזעסן גאַנץ לאַנג, קוקנדיק מיט נישט קיין קלענערער פאַרווונדערונג אויף שטיפן, וועלכער האָט געהאַלטן אַ קילאָמעטער־לאַנגע רעדע (ער וואָלט אפילו אין אַ גאַנץ פּוסטן זאַל נישט אויסגעלאָזן קיין איין וואָרט פון דעם, וואָס ער האָט פאַרטראַכט), ווי מיר האָבן געקוקט אויפן דאָזיקן איינציקן ליבהאָבער פון דער יידישער פרעסע פון דער גאַנצער יידישער קאָלאָניע אין בערלין.

אָבער ביים סוף פון שטיפס רעפעראַט האָט זיך אפילו דער גרעדולדיקער נעגער צעבונטעוועט: ער האָט געמיינט, אַז עס וועט פאָרקומען אַ טאַנץ־אָוונט, צום סוף — רעדט מען און מען רעדט. נישט געוועזן וואָס צו מאַכן: מען האָט אים געמוזט אומקערן דאָס געלט פאַר כמעט די איינציקע פאַרקויפטע בילעטן. נאָך שטיפן האָט גראַנאַך דערציילט־אינסצעניזירט עטלעכע פּרעכטיקע אַנ־עקדאָטן וועגן גרויסן אַשן, וועגן קליינעם נאָמבערג און וועגן אַשס גרויסן שטעקן אין נאָמבערגס האַנט, — און מען איז צוגע־טראָטן צום באַנקעט.

נאָך פאַרן אָנהויב פון אָוונט איז שוין נאָמבערג געזעסן מיט אַ גרופּע געזעלשאַפטלעכע טוער און ליטעראַטן און אַביסעלע געטרונקען. אויפן באַנקעט האָט ער אָנגעיאָגט דאָס דורכגעלאָ־זענע. אַרום צוויי אַזייגער ביינאַכט, ווען איך האָב געוואָלט צוריק

אריינגיין אינם באַנקעט־זאַל, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אין טיר מיטן שטאַרק־בגלופינדיקן נאָמבערג.

איך האָב, אין אַ געהויבענער שטימונג, צעשפּרייט די הענט און געזאָגט:

— איר גייט שוין? כ׳וועל אייך נישט לאָזן אַוועקגיין!

אַלס ענטפער האָב איך דערהערט אַ וויינענדיק קול, — אַ דין, טיף־אָנגעשפּאָלטן קול פון אַ קראַנק קינד, וואָס קלאָגט זיך אויף עפּעס:

— וועמען טו איך עפּעס? איך בין דאָך לייכט, ווי אַ פּעדערל...

דאָס איז נישט געווען קיין ניכטער־לאָגישער ענטפער אויף דעם פריינטלעכן האַלב־ערנסטן, האַלב־געוואַלט־אַנוועגדנדיקן פּרוּוו צו פאַרהאַלטן אים,—דאָס איז געווען אַן אויסערלעך־שכור־לעכער, אָבער אַן אינערלעך־טיף פאַרוואָרצלטער פּראָטעסט קעגן אַטענטאַט אויף זיין לעצטער פרייהייט, אויף דער פרייהייט פון לייכט־שוועבנדיקער איינזאַמקייט. ער האָט נישט געוואָלט אָפּ־טיילן זיך פון כלל, ער האָט געוואָלט זיין אומעטום, אָפּטאָן אומ־באַמערקט גויטיקע און וויכטיקע אַרבעט מיט דער גראַציעזקייט און לייכט־שוועבנדיקייט פון אַ שרעטעלע, אָבער ער האָט אויך געוואָלט — קיינער זאָל אים נישט פאַרשטעלן די שוועל, קיינער זאָל אים נישט זען ביי דער אַרבעט (שרעטעלעך האָבן דאָס פיינט), ער זאָל פריי אריינגיין און פריי ארויסגיין, טראָגנדיק מיט לייכטער גראַציע זיין שווערע איינזאַמקייט, וואָס ער וואַרפט זי אויף קיינעם נישט אָן, אָבער קיינער, וויל ער, זאָל אים אין איר נישט שטערן.

די שטימונג פון הפקרות איז תיכף פאַרשוווּנדן. אַ היים געפיל פון צאַרטקייט האָט זיך צעגאָסן אין מיר. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז נאָמבערג האָט אריינגעלייגט אין מיין האַנט זיין נשמה, און איך האַלט זי — פאָרזיכטיק, פאָרזיכטיק, ווי מען האַלט אַ נישט־באַפעדערט פויגעלע, מורא האָבנדיק צו טאָן אים עפּעס שלעכטס...

זינט יענער נאַכט האָב איך געקענט נאָמבערגן בעסער ווי פון זיינע דערציילונגען און אַרטיקלען. איך האָב אים געקענט, ווען איך פלעג זען דעם דאָזיקן פון שפּיטאָל אַנטלאָפענעם פאַ־

ראַליטיקער אַ טאַנצנדיקן, אַ שפּילנדיקן אין קאָרטן, אַ פּאָרנ־דיקן איבער דער וועלט אין איילעניש, כאַפּ־לאַפּ (מיט אָדער אָן פרישער סמעטענע): ער האָט געקעמפּט נישט נאָר מיטן אָנגע־בראָכענעם קערפּער, נאָר אויך מיט זיין אָנגעשפּאָלטענעם גייסט. און ס׳איז נאָך אַ פראַגע וואָסער קאַמף עס איז פאַר אים געווען שווערער.

און איך האָב איינמאָל, אין זייטיקן צימער פון טלאָמאַצקע 13, גוט פאַרשטאַנען (אָדער ריכטיקער: געפילט) ווייסנבערגן, ווען ער האָט צו מיר גערעדט וועגן נאָמבערגס נשמה.

די דאָזיקע וואונדערבאַרע לעקציע וועגן נאָמבערגן האָב איך נישט, — זי איז, אַ נאַטירטע, פאַרלאָרנגעגאַנגען, מיט מיין גאַנצן ליטעראַרישן מאַטעריאַל, אין וואַרשע, אָבער לעבעדיק איז נאָך היינט פאַר מיר די שטימונג פון יענעם שמועס: איך האָב זיך געפילט ווי בעת יענעם מאָמענט, ווען נאָמבערג האָט אַרויס־געפּלאַצט מיט אַ קלאָג (צו שכור אויף צו וואַכן קלוג איבער זיך):

— ווען טו איך עפּעס? איך בין דאָך לייכט, ווי אַ פּעדערל...

* * *

„לייכט ווי אַ פּעדערל"... ניין, נישט די לייכטקייט פון וואָגלאָזיקייט, נאָר די לייכטקייט פון באַפליגלטקייט; נאָמבערג האָט זיך נישט געטראָגן לייכט איבערן יידישן לעבן, געטריבן פון יעדן הויך, פון יעדן ווינטל. דער מאָטאָר, וואָס האָט אויס־געאַרבעט אין אים די באַוועגלעכקייט, איז געקומען נישט פון דרויסן, נאָר פון זיין אינערלעכקייט. דאָס איז געווען ליידנשאַפט־לעכער ערנסט, קאָמפּלוסטיקע קראַפט. ביי זיין גאַנצער פיזי־שער צעברעכלעכקייט און ביי דער גאַנצער גייסטיקער צעוואַקלט־קייט, האָט ער אַפילו אין זיין פיזישער אויסערלעכקייט (שוין אָפּגערעדט — גייסטיק!) געהאַט אין זיך עפּעס אַ מאָדנע טיגע־רישע שפּרונג־גרייטקייט, עפּעס אַ מין אומרו פון אַ טיגער אין אַ שטייג. זיין אומרו האָט אים געטריבן אויף רייזעס, אָבער ער האָט זיי אויסגענוצט נישט נאָר אויף זעלבסט־פאַרגעסונג (דערצו איז ער געווען צו אחריותדיק, צו ערנסט, צו פול מיט אינהאַלט, ווערטן און ווערט־אַנונגען, וואָס האָבן אים געגעבן אַן אומזע־באַרע באַלאַנס־שטאַנג נישט אַריינצופאַלן אין ביליקן פּעסימיזם,

אין הפקרדיקן ציניזם), נאָר אויף געזעלשאַפטלעכן חשבון־הנפש, אויף געזעלשאַפטלעכן קאַמף.

מען לייענט נאָך היינט נאָמבערגס בוך „פעליעטאָנען" נישט נאָר מיט אַנטציקונג צוליב דער גראַציעזער מייסטערשאַפט פון דער פעליעטאָן־פאָרם, נאָר אויך מיט ליידנשאַפטלעכן אינטערעם צו זייער קאַמפס־אינהאַלט. ווען נאָר מען זאָל נישט באַנייען דעם עפנטלעכן פּראָצעס מיט דער אומפאַרשעמטער מומע י'ק'א, וועט מען מוזן אויפמישן די נאָמבערג־אָנקלאַגע, וואָס איז אַזוי באַפליגלט־לייכט און דאָך זאַכלעך, שווערוואָגיק, פאַרניכטנדיק, צעשמעטערנדיק.

און נישט נאָר אין גרויסע געזעלשאַפטלעך־נאַציאָנאַלע ענינים האָט ער אריינגעטראָגן די קראַפט און די גראַציע פון טיגערישן שפּרונג און קלאַפּ, נאָר אויך אין ענינים פון קלענערער וואָג.

ווי עכט און אוממיטלבאַר זיין שרייבן איז געווען פלעגט מען קענען זען און הערן, בעת מען פלעגט זיך צונויפטרעפן מיט אים ביי אַ שמועס (איך בין בייגעווען אַזעלכע אָוונטן אין „ראָמאַנישן קאַפע" אין בערלין, ווו נאָמבערג פלעגט זיך אַדורכוויקלען יעדע צען מינוט דורך די טישלעך צווישן איין הפסק און צווייטן) אָדער בעת אַ פאַרזאַמלונג אין ליטעראַטן־פאַריין, ווו ער פלעגט זיך דורכשפּאַנען הין און צוריק דורכן דורכגאַנג און אינמיטן גאַנג פאַרניכטן מיט איין באַוועגונג, מיט עטלעכע ווערטער אַ צאַפּלענדיקן קעגנער, וואָס זיין אומהאַלטבאַרע, אומגערעכטע פּאָזיציע פלעגט צעשמעטערט ווערן דורכן צווייפאַכן אָנגריף — זשעסט און וואָרט.

וואָס עס האָט באַדייט אין דער יידישער פּובליציסטיק די נאָמבערגשע באַפליגלטע לייכטקייט, די נאָמבערגשע בליציקע פּערזענלעכקייט, האָט מען געזען — ממש מיט דער האַנט אָנצוטאַפּן — בעת זיין רוסלאַנד־רייזע. די רייזע־פעליעטאָנען נאָמבערגס האָבן זיך געדרוקט אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס" גלייכצייטיק מיט י. י. זינגערס, וואָס איז אויך געווען אַ גאַנץ פּעאיקער זשורנאַליסט, און דאָך סאַראַ אונטערשייד: דאָ האָט איינער פלינק ארומגעפּאַדעט איבער דערווירקלעכקייט און זי געשיקט באַשריבן, און דאָ האָט איינער פאַרקוקט די טאָג־טעגלעכע פאַקטן

ביז אויפן גרונט פון זייער טיפסטן וועזן און זיי אָפּגעדעקט, אַנטפּלעקט. און דאָס איז נישט בלויז אַ רעזולטאַט פון נאָמ־בערגס גרעסערן עסייאיסטישן טאַלאַנט, — דאָס איז אויך אַ רעזולטאַט פון אינערלעכער פולקייט: דער, וואָס פאַרמאָגט אַ סך, האָט די יעוואַנגליע טיף געזאָגט, דער באַקומט נאָך מער. דער, וואָס גיט, קאָן באַקומען; דער, וואָס קומט מיט ליידיקן, גייט אַוועק מיט גאָרנישט, אין בעסטן פאַל מיט אַ סוראָגאַט. און נאָמבערג פלעגט קומען צום לעבן אַ פולער, אַ גיריקער צו שענ־קען און באַקומען. דאָס לעבן איז אַ פרוי: וואָס מער מען האָט זי ליב, וואָס רייכער מען באַשענקט איר, מען וויל איר באַשענ־קען, — אַלץ מער באַקומט מען פון איר.

און נאָמבערג האָט ליידנשאַפטלעך ליב געהאַט דאָס לעבן, זיין קאַמף, זיין גנאָד, זיין יאוש. ווייל אין יעדן טיפן פעסימיזם איז דאָ אַן עלעמענט פון גלויבן, און אין יעדן גרויסן לעבנס־ערנסט — אַן עלעמענט פון יאוש. צי קאָן דען פאַרצווייפלט ווערן דער, וואָס דערוואַרט גאָרנישט, דער, וואָס האָפט אויף גאָרנישט?

* * *

ער איז געקומען אין דער יידישער וועלטלעכער ליטעראַטור, ווי כמעט אַלע שרייבער אונזערע: פון דער רעליגיעזער טיפעניש פון פאָלק. ער האָט געשטאַמט פון אַ יחוסדיקער חסידישער משפחה. ער איז געקומען צו פרץ'ן, ווי אַש, אין אַ קאַפּאָטקע, אין אַ יידיש היטעלע, ווי אַן אַנטלאָפענער ישיבה־בחור. אָבער ער איז געווען אַ טאָפּלט אַנטלאָפענער: ער איז אַנטלאָפן פון דער ישיבה צו דער „השכלה” און פונם שטעטל — אין דער שטאָט אריין. אויך אַש איז אַנטלאָפן צו השכלה און צו דער שטאָט, אָבער אַש האָט נאָך אין דער שטאָט לאַנגע יאָרן געלעבט אין שטעטל, מיטן לעבן פונם שטעטל, מיט דער רעליגיעזער סביבה פון דער קינד־הייט און יוגנט. אַש — און נישט נאָר ער, אָבער ער איז אַ בולטער ביישפּיל פאַר דעם — האָט זיך ביסלעכווייז אַנטוווינט פון דער ברוסט פון דער וועלט, וואָס האָט אים גענערט, און דעריבער איז דער איבערגאַנג נישט געווען אַזוי שאַרף, ער האָט נישט אַרויסגערופן קיין שאָק, קיין שאַרפן קאָנפליקט צווישן אַלטן און נייעם, צווישן גלויבן און דעם וועלטלעכן לעבנס־שטיי־

גער, צווישן דער פּאַטריאַרכאַלער יידישער וועלט און דעם לעבן פון שטאָטישן דור הפלגה.

נאָמבערג האָט, פּאַרקערט, שאַרף איבערגעריסן מיטן אַלטן: נאָך פריער, איידער ער האָט אָראָפּגעוואָרפן פון זיך אַנטגילטיק די קאַפּאָטקע, האָט ער אַרויסגעוואָרפן פון זיך די אויסערלעכע און אינערלעכע לעבנס־אַטמאָספער פון דער קאַפּאָטקעס וועלט. ער איז כמעט דער איינציקער שרייבער פון יענעם דור, וועלכער האָט געשריבן אַזוי ווייניק אויף אַלטע טעמעס, הגם ער האָט איבערגעלעבט דעם רעליגיעזן איבערברוך (ווי ס'איז צו זען פון נאָמבערגס ביכל וועגן פּרצ'ן) שטאַרקער ווי אַ סך אַנדערע. ער האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור נייע פּער־סאָנאַזשן — די נייע יידישע אינטעליגענץ, וואָס איז אַריינגע־פאַלן, ווי פון הימל (נישט מעטאַפאָריש, נאָר אין דירעקטן זין), אין אַן אַנדער וועלט, — אין דער וועלט פון נייע באַגריפן, און אַנדערע, אומבאַקאַנטע פאָרמען פון לעבן. נאָמבערג שילדערט אונז די טראַגעדיע פון די דאָזיקע, אין אַן אַנדער באָדן און אין אַן אַנדער קלימאַט איבערגעפלאַנצטע מענטשן, וועלכע האָבן נאָך נישט באַוויזן צו לאָזן וואָרצלען אין נייעם באָדן, וועלכע האָבן נאָך נישט באַוויזן אָנצוטרינקען זיך מיט זיינע נייע זאַפטן. נאָמבערג מאָלט פאַר אונז אַ בילד פון זייער סיסטעמאַ־טישן פאַרטריקענען. זיי, זיינע העלדן, פאַרשטייען אַליין נישט, וואָס עס קומט פאַר מיט זיי, פאַרוואָס זיי האָבן נישט קיין כוח צו לעבן, פּשוט לעבן, קעמפן פאַרן לעבן. זיי פילן נאָר, ווי זיין העלד פון זיין „אין אַ חסידיש הויז”, אַז זיי לעבן „אין אַ פרעמ־דער שטאָט, צווישן פרעמדע מענטשן און אַ פרעמדן לעבן”.

נאָמבערג איז דער שטייגער־שילדערער פון אונזער נייער אינטעליגענץ, אינם (פאַר איר) נייעם בבל, אין אַן עפּאָכע, ווען זי האָט נאָך נישט באַוויזן צו געפינען פאַר זיך נישט קיין פּשוטן לעבנס־באָדן אונטער די פיס, נישט קיין נייעם אינהאַלט (אַן אינדיווידועלן און אַ נאַציאָנאַלן) פאַר זיין גייסט.

נאָמבערג האָט דער ערשטער געטאָן דאָס, וואָס גנעסין האָט געטאָן נאָך אים: זיי באַשרייבןביידע מענטשן, וועלכע קאָנען נישט לעבן. נישט נאָר דאָס מיידל (אין וועלכער עס איז פאַר־ליבט נאָמבערגס העלד פליגעלמאַן) שטעקט אַרויס פליגעלמאַנען

אַ צונג, ווייל פליגעלמאַן בענקט נאָך ליבע, אָבער ער ווייס נאָך נישט ווי צוצוגיין צו איר, אָן אַ שדכן, — דאָס גאַנצע לעבן שטעקט אומאויפהערלעך אַרויס אַ צונג נאָמבערגס און גנעסינס העלדן.

דער אונטערשייד צווישן זיי איז דער, וואָס דער דיכטער גנעסין גיט אונז איבער בלויז דעם מוזיקאַלישן געוויין פון דער נשמה פון זיין נאָמבערגישן העלד, בעת דער שטייגער־שילדערער און סקעפּטיקער נאָמבערג גיט אונז על־פּי־רוב איבער די קאָמישע זייט פון זיין גנעסינישן העלד. גנעסין, אַלס דיכטער, גיט די אינערלעכע טראַגעדיע פון דער קאָמישער געשעעניש; נאָמבערג, אַלס דערציילער־סקעפּטיקער, גיט דעם אויסערלעכן קאָמיזם פון דער טראַגישער איבערלעבונג.

ס'איז אָבער דאָ אַ קרובהשאַפט צווישן גנעסינס און נאָמבערגס העלדן, און דאָס איז אַ קרובהשאַפט נישט נאָר פון דער נישט־אָנצוטאַפּנדיקער סיבה ראשונה (דאָס אָפּגעריסן ווערן פון איין ברעג און דאָס נישט אָנקומען צום צווייטן), נאָר אויך פון סיטואַציעס און איבערלעבונגען. גנעסינס טראַגישע העלדן ווערן אַמאָל אַביסל קאָמיש, און נאָמבערגס קאָמישע העלדן ווערן אַמאָל אַביסל טראַגיש.

אַזאַ איז זיין העלד פון דער דערציילונג „אין אַ חסידיש הויז". אין אַלגעמיין איז ער איינער פון נאָמבערגס פליגעלמאַנס. אויך זיין געליבט מיידל שטעקט אים אַרויס אַ צונג אין דער פאָרם פון אַ דריי־רובלדיקן פּאַפּירל, — אַ גאָלדן צונג, וואָס איז נאָך מער באַליידיקנדיק פאַר דער קלאַסישער צונג, וואָס פליגעלמאַן האָט באַקומען: דאָס מיידל, וואָס ער האָט ליב און ער האָט קיין העזה נישט זי אָנצורירן אפילו אין געדאַנק (אַ כשרע יידישע טאָכטער!), לייגט אים, דעם פאַרליבטן, פאַר 3 רובל שווייגגעלט, ער זאָל נישט דערציילן די עלטערן, אַז ער האָט זי געכאַפּט אין טעאַטער, מיט אַ יונגנמאַן.

אָבער דער דאָזיקער קאָמיזם פאַרשווינדט פּלוצלונג. מיר זעען, אַז אָט דער וועלטלעכער יונגערמאַן, דער פאַרליבטער, וועלכער שרייבט אַ האַרצרייסנדיקן עסיי וועגן דער פאַרשקלאַפונג פון דער חסידישער טאָכטער, וואָס מען לאָזט איר נישט אויסלעבן זיך, איז צעבראָכן, ביים באַגעגענען זי מיט אַ פרעמדן

יונגנמאַן, נישט פון אײפּערזוכט פאַר זײן מײדלס גוף, נאָר פון אײפערזוכט פאַרן פאַרשוועכטן ייִדישן אידעאַל פון צניעות.

נישט דאָס איז דער עיקר, וואָס זײן מײדל גײט גאָר מיט אַנדערע, נאָר וואָס זײן אויסגעטרוימטע ייִדישע טאָכטער, פאַר וועלכער ער וויל אויסקעמפן פרײהײט, איז גאָר נישט קײן ייִדי־שע טאָכטער פון אַלטן שניט.

אַנשטאָט צו זײן גליקלעך, וואָס די חסידישע ייִדישע טאָכ־טער וואַרט נישט אויף זײן עסיי, נאָר זי באַפרײט זיך אַלײן, רופט זיך גאָר אָפּ אין אים „די שטים פון בלוט", פון ייִדישן צניעותדיקן קוק אויף דער פרוי, אויף ליבע.

נאָמבערגס העלדן לײדן נישט נאָר פון דעם, וואָס זײ קאָנען נישט צוקומען צום נײעם לעבנס־אידעאַל, נאָר אויך פון דעם, וואָס זײ קאָנען זיך נישט אָפּרײסן פון אַלטן.

* * *

נאָמבערג, וועלכער איז אַוועק פון דער גאַנצקײט פון דער שמועטלשער וועלט, פונם קאָלעקטיוון העלד, האָט במילא געמוזט זײן אײנער פון יענע, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אַרײנצופירן אין אונזער ליטעראַטור דעם אינדיווידועלן גורל, די פּערזענלעכקײט. אָבער זײן אינדיווידועלער העלד, פליגעלמאַן, איז געוואָרן אַ שם נרדף. און נישט דערפאַר, ווײל די פליגעלמאַנשע אינדיווידוא־ליטעט זײערע איז אַזוי בולט, אַזוי פּולבלוטיק, אַז זי פאַרוואַנדלט זיך טאַקע צוליב דעם גופא אין אַ סימבאָל, אין אַ טיפּ; זײנע פליגעלמאַנס זענען געוואָרן טיפּן דערפאַר, ווײל זײער טראַגעדיע איז, אין תוך גענומען, נישט אינדיווידועל, הגם זײ לעבן זי איבער באַזונדער, אין אַ טאָפּלטער — פיזישער און גײסטיקער — פאָרם. זײ לעבן אמת דורך זײער טראַגעדיע פון דאָרשטן נאָכן לעבן און ליבע און פון נישט קאָנען לעבן און ליב האָבן אינדיווידועל, אָבער די דאָזיקע טראַגעדיע גופא איז נישט קײן רעזולטאַט פון זײער אינדיווידועלקײט, נאָר פון אַ קאָלעקטיוון איבערברוך, בעת וועלכן עס לײדן אויך די יחידים. אַז מען האַקט אַ וואַלד — פאַלן שפּענער. יעדעס שפּענדל לעבט־דורך זײן טראַגעדיע אינדיווידועל, אָבער די סיבה פון דער דאָזיקער טראַגעדיע איז אַ קאָלעקטיווע: דער וואַלד ווערט אויסגעהאַקט.

נאָמבערגס העלדן ליידן פון דעם, וואָס זיי האָבן זיך נאָך נישט איינגעוווינט מיט די פאָרמען פונם נייעם לעבן, וואָס זיי בלאָנדזשען צווישן הימל און ערד (אַראָפּגעפאַלן פון הימל — האָבן זיי נאָך נישט דערגרייכט די ערד), אָבער זייער אומגעשטילטער דאָרשט נאָך לעבן און ליבע איז דאָך דער גורל פון אַ גאַנצן דור, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פונם געוווינטן לעבן און איז נאָך פרעמד דעם נייעם, צו וועלכן ער וויל זיך צוטוליען, אין וועלכן ער וויל אַריינוואַקסן. אָט־אָ־דער דאָרשט צום לעבן, וואָס ווערט נישט געשטילט, וועלכן מען שטעלט אַרויס אַ צונג, דאָס איז אַ סימן פון קאָמיזם אָדער פון טראַגיזם (ווערליג דער באַלויכטונג און דעם צוגאַנג) פון אַ גאַנצן דור, וואָס נאָמבערג האָט איינער פון די ערשטע גענומען שילדערן זיין נישט־איינגעשטעלטן לעבנס־שטייגער.

שילדערנדיק זיינע העלדן, האָט נאָמבערג געשילדערט אויך זיך, אויך זיין קאָמיזם און זיין טראַגיזם; אָבער נאָמבערג האָט געהאַט אַ מיטל צו טריאומפירן אין זיג איבער די דאָזיקע ביידע אַספּעקטן פון זיין לעבן: זיין טאַלאַנט און זיין הערגאָאישע אַנטשלאָסנקייט צו באַזיגן זיין פיזישן און פסיכישן האַלב־פּאַראַליטש; ער האָט געשריבן דערציילונגען, געטאַנצט און זיך אַרומגעיאָגט איבער אַלע לענדער פון דער וועלט.

טאַנצנדיק מיט זיין פיגור, האָט ער ווי אַרויסגעשטעלט אַן ענטפער־צונג דעם לעבן.

ער האָט געטאָן דאָס, אויף וואָס פליגעלמאַנען האָט נישט געסטייעט קיין מוט.

*   *   *

עס פעלן נישט ביי אונז קיין נאָמבערג־חסידים, וואָס זענען גרייט צו קרייצן די שווערדן מיט יעדן איינעם, וואָס באַטראַכט נאָמבערגס בעלעטריסטישן פּעריאָד און זיין ליטעראַרישן שאַפן אַלס עפּיזאָד (הגם אַלס זייער וויכטיקן), וואָס נאָמבערג האָט צום גליק — פאַר זיך און פאַר דער יידישער ליטעראַטור — געשטעלט אין שאָטן. עס גייט זיי אין לעבן צו באַשטיין אויף זייערס, אַז נאָמבערג איז דווקא געווען אַ בעלעטריסט און אַז

אין זיין בעלעטריסטיק דאַרף מען זוכן זיין הויפּט־ווערט און זיין הויפּט־קראַפט.

דער דאָזיקער קאַמף ווערט אָבער געפירט פאַר אַ פאַרשפּילטער פּאָזיציע: ווי וויכטיק נאָמבערגס בעלעטריסטיק זאָל נישט זיין פאַרן פאַרשטיין נאָמבערגס פּערזענלעכקייט; ווי וויכטיק די דאָזיקע פּאָזיציע זאָל נישט זיין פאַר אַ ליטעראַטור־היסטאָריקער און פאַרן סאָציאָלאָג, וואָס וועט שרייבן די געשיכטע פון דער יידישער אויסגעוואָרצלטער אינטעליגענץ פון סוף ניינצנטן און אָנהויב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, — נאָמבערגס בעלעטריסטיק האָט נישט פאַרמאָגט אין זיך יענע קינסטלערישע פּאָטענצן, וואָס זאָלן איר דערלויבן מיטצוּוואַקסן מיט דער בעלעטריסטיק אונזערער און פאַרנעמען אין איר אַ געהעריקן פּלאַץ.

פאַר דער יידישער ליטעראַטור איז נאָמבערגס בעלעטריסטיק אַ גאַנץ כאַראַקטעריסטישער און — פאַר יענער תקופה — טאַלאַנטירטער עפּיזאָד, אָבער ער בילדעט נישט אין איר קיין אָרגאַנישן באַשטאַנדטייל. וואָלט נאָמבערג מער נישט געהאַט געגעבן דער יידישער ליטעראַטור ווי זיינע דערציילונגען און זיין דראַמע, וואָלט ער נישט געווען פאַרנומען אין איר דעם פּלאַץ, וועלכן ער פאַרנעמט יאָ.

דעם ערשטן און קאָנסעקווענטסטן אורטייל איבער זיין בעלעטריסטישן עפּיזאָד האָט אַרויסגעטראָגן נאָמבערג גופא: אַ שאַרף־קריטישע פּערזענלעכקייט, האָט ער — צום גליק פאַר זיין שעפערישער אַנטוויקלונג — אליין איבערגעשטראָכן דעם דאָזיקן עפּיזאָד און געעפנט פאַר זיך דעם וועג פון האַלב־פּובליציסטישער און דריי־פערטל מחדיקער בעלעטריסטיק צו פולקינסטלערישער עסייאיסטיק און פּובליציסטיק.

נאָמבערגס שעפערישע אויפריכטיקייט און אוממיטלבאַרקייט, וואָס איז געווען אַ רעטונג פאַר זיין שעפערישער פּערזענלעכקייט, איז אויך געוואָרן אַ ברכה פאַר דער יידישער ליטעראַטור. אנשטאָט שווערפּיסיקע בעלעטריסטיק, האָבן מיר באַקומען אַ באַפליגלטע עסייאיסטיק.

ער האָט זיך נישט אַוועקגעלייגט אין דער יידישער ליטעראַטור אַלס ריזיקער ווינקלשטיין, נאָר גענומען ארומשוועבן אין איר, ווי יענע גוטע שרעטעלעך אין די קינדער מעשהלעך, וואָס

טוען אָפּ פאַרן מענטשן גראַציעז און אומבאַמערקט אַ סך וויכ־
טיקע און נוצלעכע אַרבעטן.

* * *

מיר האָבן אַ סך בעלעטריסטן, וועלכע האָבן געדינט און
דינען מיט זייער פעדער דער פּובליציסטיק.

אָבער נאָמבערג, דאַכט זיך, איז דער איינציקער, וועלכער
האָט לגמרי פאַרלאָזן די בעלעטריסטיק, אין וועלכער ער האָט
געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, און ער האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן
דער פּובליציסטיק, דעם פעליעטאָן, דעם עסיי.

אַ קלוגער, כאַפּנדיק זאַכן אינמיטן פלי (אָדער אינמיטן
גאַנג), צייכענען זיך זיינע אַרטיקלען אויס מיט קלאָרקייט פון
געדאַנק און סטיל. נאָמבערג איז אין זיינע אַרטיקלען נישט
שווער־וואָגיק, הגם ערנסט. זיין בעלעטריסטיק איז ווי געווען אַ
צוגרייטונגס־פּעריאָד פאַר זיין טעטיקייט. נאָכן שילדערן די
טראַגעדיע פון דער נישט־לעבנס־פעאיקייט פון דעם איבערגאַנגס־
דור, איז ער אַריבער צו די פּראָבלעמען פון לעבן, כדי צו העלפן
לייזן יענע פּראָבלעמען, וואָס האָבן אָפּגענומען און נעמען אָפּ
די לעבנס־פעאיקייט ביים דור, וואָס איז, ווי ס'דאַכט זיך אים,
אַרויס אויף דער פריי. דאָס, וואָס ביי אַנדערע פעלקער פּעדעמט
איין אַ פּעריאָד פון העכסטן לעבנס־געפיל,—דאָס אַרויסגיין אויף
דער פריי, דער קולטור־רענעסאַנס, — איז פאַר אונז געוואָרן דער
גרעסטער לעבנס־פיין: מיר זענען אַזוי אָפּגעוווינט געוואָרן פון
זונען־ליכט, אַז מיר האָבן זיך דערפילט בלינד, — אפשר דער־
פאַר, ווייל די זון איז געווען נישט אונזער זון? ווייל דאָס אַרויס־
גיין אויף דער פריי איז געווען אַ גרויסע אילוזיע?

מען דאַרף נאָכקוקן.

און איבערלעבנדיק אליין און צוזאַמען מיט זיינע העלדן
אַלע קאָמעדיעס און טראַגעדיעס פון אַזאַ אומנאָרמאַלער לאַגע,
האָט זיך נאָמבערג אַ ווענד געטאָן מיטן פּנים צו אונזער לעבן
און זיינע פּראָבלעמען.

צוערשט האָט ער באַשריבן די סימפּטאָמען פון דער קראַנק־
הייט, און דערנאָך איז ער אריין אין דער לאַבאָראַטאָריע פון
אונזער לעבן — זוכן רעאַלע, טאָג־טעגלעכע מיטלען קעגן איר.

צי האָט ער זיי געפונען, און פאַרוואָס נישט, — דאָס געהער שוין צו דער געשיכטע פון זיין דור, דעם דור פון גרויסע אילוזיעס, וואָס האָט אָנגענומען די ליטעראַרישע פרייהייט פאַר פרייהייט פון לעבן.

א שאגאליש בוך

אין 1945 איז אין ניו יאָרק דערשינען אַ בוך פון בעלאַ שאַגאַל, וועלכע איז אין 1944 געשטאָרבן אין עלטער פון 49 יאָר.

דאָס בוך „ברענענדיקע ליכט" האָט בעלאַ שאַגאַל, די פרוי פון באַרימטן קינסטלער מאַרק שאַגאַל, אָנגעהויבן שרייבן אין 1939, אין פראַנקרייך, אויף דער שוועל פון גרויסן אומקום.

„מיר האָט זיך פאַרוואָלט שרייבן" — זאָגט בעלאַ שאַגאַל אין איר שיינעם, עכט־דיכטערישן אַריינפיר־קאַפּיטעלע, וואָס טראָגט דעם טיטל „ירושה", — „און שרייבן גאָר אויף מיין שטאַמלדיק מאַמע־לשון, וואָס אויף אים, זינט איך האָב פאַר־לאָזן מיין טאַטע־מאַמע היים, איז מיר כמעט נישט אויסגעקו־מען צו רעדן".

ביים סוף פון די טעג ציט יעדן איינעם אהיים.

און בעלאַ שאַגאַלס בוך איז אינגאַנצן אַ בוך וועגן איר היים, וועגן אַ יידישער היים, וועגן דער יידישער שטוב.

ווער האָט דען ביי אונז נישט געשריבן וועגן דער יידישער היים? וועגן די יידישע יום־טובים? וועגן יידישן שטייגער־לעבן? און דאָך פאַרמאָגט בעלאַ שאַגאַלס בוך וועגן דער יידישער שטוב, מיט אירע יום־טובים, טרויער־טעג און מיט איר שטייגער־לעבן עפּעס אייגנאַרטיקס, אַ שלל מיט אייגנאַרטיקער שיינקייט.

די דאָזיקע אַלטע טעמעס ווערן ווי ניי, געזען דורך דער שעפערישער פאַנטאַזיע פון אַ קינד — אַ דיכטערין.

די בעסטע קאַפּיטלען פון בוך, ווי „די באָד", „דער ערש־טער שניי", „די קראָם", „שלח־מנות", „ערב פסח", „דער סדר", „אליהו הנביא" און „אַ חתונה" זענען געשריבן מיט אַ זעלטע־נער קראַפט, זיי שווימען איבער מיט שעפערישער פאַנטאַזיע, מיט

דער פּעאיקייט איבערצוגעבן די פיינסטע שטימונגען פון געמיט אין בילדער.

בעלאַ שאַגאַל האָט אַ וווּנדערבאַרן זכרון. „אַזוי ווייט ווי מיינע קינדער־יאָרן האָבן זיך אָפּגערוקט פון מיר, — שרייבט זי אין איר פּאָרוואָרט־קאַפּיטל, — „אַזוי נעענטער און נעענטער האָבן זיי זיך מיטאַמאָל צו מיר צוגערוקט, ווי זיי אַליין וואָלטן מיר אָטעמען אין מויל אריין.

„איך זע זיך אַזוי קלאָר, — אַ גראָבינקע, אַ קליין מיידעלע, וואָס לויפט אַרום איבער דער שטוב, שטופּנדיק זיך פון איין טיר אין דער אַנדערער, באַהאַלט זיך, ווי אַ פאַרדרייט ווערעמל, מיט די פיס אַרויף אויף אונזערע ברייטע אונטערפענסטער".

און אָט דאָס „גראָבינקע" „קליין מיידעלע" האָט דערזען די צוגערוקטע קינדער־יאָרן מיט אַלע זייערע חן־פּינטעלעך און קאָלירן, דערפילט אַלע זייערע טעמים און זי דערציילט עס — אין גאַנצן בוך, אָבער באַזונדערס אין די אויבנאויסגערעכנטע בעסטע קאַפּיטלען — מיט דער קונסט פון שאַגאַלס ווערק.

אָט זענען עטלעכע שורות פון „דער סדר": „ס'טומלט זיך אין שטוב. איך גיי אַרום פאַמעלעך, ווי איך וואָלט טראָגן אויף מיין קאָפּ אַ פולן קרוג מיט קשיות. איך שעפּטשע זיי שטילער־הייט. האָב מורא, זיי זאָלן זיך נישט אויספּלעשקען פון מיין זכרון".

און אָט איז אַ שפּריץ פון „אליהו הנביא":

„...חלילה נישט פאַרשפּעטיקן. מער פעלט נישט — אליהו הנביא זאָל דורכלויפן אונזער שטוב און געפינען די טיר פאַר־מאַכט...

„זע, האַלט־צו דאָס ליכטל! — גיט מיר די מאַמע אין איי־לעניש אַ זאָג און שטופּט אָפּ די טיר פון גאַס. די שוואַרצע נאַכט גיט אַ שפּאַר אין טיר אריין. אַנגעלאָפן ווי אַ ווינט, אַ בלאָז געטאָן אין צורה, אין די קליידלעך, שיער נישט פאַרלאָשן דאָס ליכטל, אונז אַ שאָקל געטאָן.

„— אָט, — טראַכט איך, — אליהו הנביא איז גאָר נאָענט. אָט קומט ער מסתמא אָן. דאָס פלאַטערט די לופט פון זיין פליענ־דיקן וואָגן, דאָס פאָכעט ער מיט זיינע פליגלען. זיינע לוסטיקע פערד יאָגן־אָן אַ וואָלקן.

„איך האָב מורא אַרויסצוקוקן פון טיר, פאַרטשעפּען וואָס. פון אונטער די פיס פאַרלויפן שאָטנס. איך זע נאָר אַ שטיקל הימל. ער בלישטשעט ווי שוואַרצער סאַמעט. פון אים איז שוואַרץ די גאַס. אויפן שוואַרצן הימל פלעטשטשעט ווי אַ פיש אין וואַסער און שפּריצט מיט ליכט אַ קליין שטערנדל. ער קוקט מיטאַמאָל אין טיר אַריין. זיך אָפּגעשטעלט גלייך איבער אונזערע קעפּ.

„דער מאַמעס אויגן אַראָפּגעלאָזן. זי זעט גאָר נישט. און ווי אַז דאָס שטערנדל פליט אין טיר אַריין און מיט איין שפּרונג שטעלט זיך אַנידער הינטער אונז אליהו, צי משיח אליין?״

און אַזוי כסדר, אויף גוטע צוויי דריטל פון די 259 זייטלעך פון בוך.

דאָס בוך איז אילוסטרירט דורך מאַרק שאַגאַלן, אָבער לויט מיין געפיל, איז דאָס גאַנצע בוך אַן אילוסטראַציע צו מאַרק שאַגאַלס בילדער. עס האָט זיך מיר כסדר געדאַכט, ביים לייענען דאָס בוך, אַז מאַרק שאַגאַלס בילדער האָבן באַקומען לשון. און פאַר די אַלע, פאַר וועמען (ווי פאַר מיר, למשל), דאָס וואָרט באַדייט מער ווי פאַרב און ליניעס, פאַרמאָגט בעלאַ שאַגאַלס בוך נישט נאָר דעם ווערט פון אַ בוך, וואָס עפנט אויף מיט אַ דיכטערישן שליסל דעם צוריקוועגס צו אונזערע קינדערשע יאָרן אין די עלטערן־היימען, נאָר אויך דעם ווערט פון אַ שליסל צו מאַרק שאַגאַלס ווערק.

איך האָב גענומען בעסער פאַרשטיין מאַרק שאַגאַלס בילדער: איז דאָך דאָס בוך פּונקט אַזוי פאַנטאַסטיש, ליריש און פאַרביק, ווי שאַגאַלס בילדער; דאָס בוך איז פּונקט אַזוי סוביעקטיוו־עקספּרעסיאָניסטיש און דאָך אָביעקטיוו־רעאַליסטיש; דאָס איז אַ רעאַליזם, איבערגעבראָכן דורך דער פּריזמע פון אַ שטאַרקער, דינאַמיש־דיכטערישער פאַנטאַזיע, דורך דער פּריזמע פון אַ טיף־אויפגערודערטן געמיט, וואָס זעט יעדע קלייניקייט אין איר סימבאָלישער טיפקייט, ווייל ער האָט עס ליב און ער זעט עס נישט, נאָר ער באַהעפט זיך מיט דעם אין עקסטאַז פון ליבע, פון וויזיאָנערישער דערהויבנקייט.

איך ווייס נישט און קאָן נישט וויסן צי בעלאַ שאַגאַלס געמיט איז געווען קאָנגעניאַל צו מאַרק שאַגאַלס, אָדער דאָס

לאַנגע לעבן מיט מאַרק שאַגאַלן האָט איר פאַרבונדן מיט מאַרק שאַגאַלס אינטימער וועלט און זי האָט אין אירע דעראינערונגען געזען וויטעבסק, די יידישע וויטעבסק, מיט מאַרק שאַגאַלס גייס־טיקע אויגן, — איינס ווייס איך אָבער, אַז בעלאַ שאַגאַלס וויזיאָנעריש בוך „ברענענדיקע ליכט”, איז גלייכצייטיק סיי אַן איינגאַרטיקסטע אויטאָביאָגראַפיע פון בעלאַס קינדער־יאָרן, סיי אַ שטאַרק באַטעמט בוך וועגן יידישן לעבן, סיי די איינגאַרטיק־סטע מאָנאָגראַפיע וועגן אַ קינסטלערס שאַפן.

יעדער איינער, וועלכער קאָן געניסן עכטע דיכטונג; יעדער איינער, וועלכער האָט ליב די אַלטע, חרובע יידישע היים און וויל זי איבערלעבן נאָכאַמאָל מיט דער גרעסטער שאַרפקייט; יעדער איינער, וועלכער וויל, מיט דער הילף פון דער וואָרט־קונסט, אַריינדרינגען אין דער איינגאַרטיקער וועלט פון מאַרק שאַגאַלס יידישע מאָלעריי־ווערק, — זיי אַלע דאַרפן אויפזוכן בעלאַ שאַ־גאַלס בוך „ברענענדיקע ליכט” און עס לייענען לאַנגזאַם, ווי מען טרינקט לאַנגזאַם אַ טייערן געטראַנק.

די ברוטאַל־אויסגעלאָשענע ליכט פון יידישן לעבן ברענען מיט אַזאַ שיין, ריין ליכט אין דאָזיקן אויסגעמלעכן בוך!

און די „ברענענדיקע ליכט” וועלן שיינען אַזוי לאַנג, ווי לאַנג זיי וועלן האָבן גוטע לייענער.

IV

עסייען

חנה סענעש — איינע פון אַ דור

„— — — פאַר מיר ליגן צוויי וועגן — זוכן מיין פּער־זענלעכן גליק און פאַרקוקן די פעלערן ארום מיר, אָדער אריינ־לייגן כוחות אין אַ שווערן און פאַרניכטנדיקן קאַמף פאַר זאַכן, וואָס איך האַלט פאַר גוט און ריכטיק. נאָר דוכט זיך, אַז די ברירה ליגט נישט אין מיינע הענט. איך טראָג אין זיך אייגנ־שאַפטן וואָס זיי באַשטימען וואָס מיין וועג זאָל זיין, כאָטש איך ווייס די שוועריקייטן און די ליידן, וואָס זענען דערמיט פאַר־בונדן. אָבער צי פאַרמאָג איך די קראַפט און די פעאיקייט צו פאַרווירקלעכן דאָס, וואָס איך וויל? וועט מיין ווילן גרייט זיין? גאָט, אויב דו האָסט אָנגעצונדן אַ פלאַם אין מיין הארצן, זאָל ער פאַרברענען אַלץ, וואָס איז ווערט פאַרברענט צו ווערן אין מיין הויז, אין בית ישראל. און אויב דו האָסט מיר געגעבן אַן אויג צו זען און אַן אויער צו הערן, גיב מיינע הענט אויך די קראַפט צו שמייסן, צו צערטלען, צו דערהויבן.

„זאָל דיין ווילן אויך זיין, אַז די דאָזיקע ווערטער זאָלן זיין נישט בלויז מליצות, נאָר מיין לעבנס־שליחות".

פון חנה סענעשעס „טאָג־בוך".

דיכטונג, זאָגט מען אָפט, איז נישט פאַרבונדן מיט דער פּערזאָן פון דיכטער: אַ צאַרטער דיכטער קאָן זיין אַ ברוטאַלער מענטש און — פאַרקערט.

די דאָזיקע מיינונג איז אבסאָלוט פאַלש: עכטע דיכטונג מוז אין מאָמענט, ווען זי ווערט געשאַפן, אומפאַרמיידלעך זיין אין הסכם מיט דעם דיכטערס פּערזאָן. דיכטונג קאָן געשאַפן ווערן נאָר דאַן, ווען עס ווערט אין איר אריינגעלייגט די גאַנצע נשמה, דער גאַנצער „איך", אַנדערש איז דאָס גראָם־מלאכה, ליטעראַרישער טאַנדעט.

אַ דיכטער איז אָבער אויך נישט מער ווי אַ מענטש, און נישט יעדעס מאָל איז ער אַזוי איינהייטלעך אין כאַראַקטער און אין דער שטימונג, ווי מיר שטעלן זיך דאָס פאָר (אפשר אומ־באַרעכטיקט) ביי די נביאים אָדער ביי די גרויסע דיכטער פון

אַנדערע פעלקער. ווען מיר זעען אים אין לעבן, איז ער אָפט א גאַנץ אַנדערער, ווי בעת מיר זעען אים אין א ליד, געשאַפן אין אַ גאַנץ אַנדערער שטימונג. און חוץ דעם קאָנען דיכטער אויך ליידן, ווי פשוטע בשר ודמס, אויף אַ שפּאַלטונג פון דער פּערזענלעכקייט, — זיי זענען אי דאָס, וואָס די דיכטונג זייערע פאַרמאָגט, און אי דאָס, וואָס זיי שטעלן פאָר מיט זיך אין לעבן.

דיכטונג מוז שטימען מיט דער פּערזענלעכקייט פונם דיכ־טער, און וואָס פאַרבונדענער, צוזאַמענגעגאָסענער אַ דיכטונג איז מיט דער פּערזענלעכקייט פונם דיכטער, אַלץ ווערטפולער איז זי, אַלץ מער פּערזענלעכע וואַרעמקייט פאַרמאָגט זי, אַלץ מער רירט זי אונז, אַלץ מער יראת הכבוד רופט זי אַרויס צו זיך און צו איר באַשעפער.

ווען עכטע דיכטונג וואָלט געווען געקאָנט געבוירן ווערן נישט פון אבסאָלוט־ערלעכן (מיט זיך) דיכטער־געמיט, וואָלט זי געווען ווערטלאָז, וואָלטן מיר קיין דרך־ארץ נישט געווען געהאַט צו איר. אָבער דאָס איז נישט אַזוי, דאָס איז אוממעגלעך.

און דעריבער קאָן מען פעסטשטעלן כמעט מיט מאַטעמאַ־טישער גענויאיקייט: וואָס מער דיכטונג איז פאַרבונדן מיט אַ טיפער, גרויסער פּערזענלעכקייט, אַלץ ווייניקער קאָנען איר שאַדן ריין־קינסטלערישע חסרונות; און וואָס מער „דיכטונג" איז אָפּגעריסן פון דער פּערזענלעכקייט פון דיכטער, און וואָס מער די „דיכטונג" שטאַמט פון אַ פלאַכער פּערזענלעכקייט, אַלץ ווייניקער קאָנען איר העלפן ריין־קינסטלערישע מעלות.

און דעריבער מאַכט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק אַ טייל פון דער נייער העבר. ליריק אין א"י—די ליריק פון אַ צבי שאַץ, פון אַ רחל, פון אַ חנה סענעש: זי איז אַזוי עכט, ווייל זי שפּיגלט אָפּ כמעט נאַקעטערהייט זייער גאַנצע נשמה, זייער גאַנץ וועזן, — זי איז כמעט בלויז נשמה. און זייער נשמה און זייער וועזן זענען אַזוי טיף און שיין, ווייל זיי שפּיגלען אָפּ די נשמה און דעם וועזן פון אַ גאַנצן דור, און זיי זענען פשוט און גראַנדיעז, ווי דאָס איז די איבערקערעניש אין דער נשמה, אין גאַנצן לעבן פון אַ וווּנדערבאַרן דור, ביי וועלכן חנה סענעש איז נאָר איינע פון אַ סך, איינע, וואָס רעפּרעזענטירט אַזוי פיל.

ווי אומקינסטלעריש עס זאָל נישט אויסזען (און זאָל נישט

זיין) אַמאָל די יונגע דיכטונג פון א חנה סענעש — זי פאַרכאַפּט אונז מיט דעם, וואָס זי גיט אונז די מעגלעכקייט אריינצובליקן אין דער וואונדערבאַרער מיסטעריע פון אונזער יידיש־געשיכט־לעכער תקופה, אין דער וואונדערבארער מיסטעריע פון אַ דור, וואָס האָט גענומען אויף זיך (אויף וועמען עס איז אויסגעפאַלן) צו ענדערן דעם געשיכטלעכן גורל פון אַן אַלט און אַ טראַגיש וועלט־פאָלק.

דעם 25טן מערץ, 1940, פאַרשרייבט חנה סענעש אין איר טאָג־בוך:

„מיר האָבן געלערנט וועגן אַ טייל צעלן, וואָס האָבן דעם נאָמען „קליפּטרא". דאָס זענען די צעלן פון דעם וואָרצל, וואָס דרינגען די ערשטע אריין אין באָדן און ברעכן דורך דעם וועג פאַרן גאַנצן וואָרצל, אָבער זיי אַליין ווערן אינצווישן פאַרניכ־טעט. אונזער לערער אליין האָט זיך באַנוצט מיט דעם דאָזיקן פאַרגלייך: זיי זענען די פּיאָנערן פון דער פלאַנץ....

„ווען מען קוקט דאָ אין נהלל אויף די פּנימער פון די פּרויען, יונגע מענטשן לויטן עלטער און אַלטע לויטן אויסזען, זעט מען אויף אַ בולטן אופן די שפּורן פון זייערע קאַמפן מיט דער ערד... זיי זענען געווען די צעלן, וואָס זענען אומגעקומען כדי אריינצודרינגען אין דער ערד און העלפן דער פלאַנץ שלאָגן וואָרצלען".

חנה סענעש איז געווען איינע פון די קליפּטרא־צעלן פון אַ גאַנצן דור, וואָס זענען פאַרניכטעט געוואָרן, כדי די וואָרצלען פון פאָלק זאָלן זיך קאָנען אָננעמען און לעבן.

חנה סענעש איז בלויז איינע פון אַ סך, אַ רעפּרעזענטאַנטין, אָבער ווי הערלעך שיין און דערהויבנדיק זי דערשיינט פאַר אונז, אָפּשפּיגלענדיק אין איר הערואישן לעבן דעם גלאַנץ פון אַ וואונדערבאַרן, טראַגיש־דערהויבענעם דור.

* * *

נישט נאָר אין יידישן לעבן, — אין לעבן פון דער וועלט איז שוין לאַנג נישט געווען אַזאַ שטראָם פון ריינסטן אידעאַליזם (אָ, די אָרימע מענטשלעכע שפּראַך!), אַזאַ שטראָם פון הייליקער אויסגעטוענקייט פון עגאָאיזם, ווי דאָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין

דער איינציקער עכטער יידישער יוגנט־באַוועגונג,—אין חלוציזם.

ליינענט מען חנה סענעשס טאָג־בוך, קוקט מען אריין נישט נאָר אין איר אינדיווידועלער נשמה, נאָר אויך אין דער נשמה פון אַן אויסטערלישן דור, פון אַ קליפּטרא־דור.

נישט יעדער איינער פון דאָזיקן קליפּטרא־דור האָט געהאַט די פעאיקייט אַזוי זיך אויסצודריקן, ווי חנה סענעש (און זי, די באַגאַבטע דיכטערין, האָט אויך אַזוי אָפט און שטאַרק געשפּירט די אומפעאיקייט אויסצודריקן דאָס, וואָס זי האָט געפילט, וואָס האָט באַוועגט מיט איר לעבן, מיטן לעבן פון איר דור, וועלכן זי האָט געשפּירט אין זיך, דורך זיך!), אָבער אירע געפילן זענען נישט אינדיווידועל, יעדנפאַלס נישט בלויז אינ־דיווידועל.

אויף טריט און שריט זעען מיר פאַר זיך אין איר טאָג־בוך אַ דיכטערין, אַן עטישע נאַטור, אַ פיינעם, פּראַכטפולן מענטשן, אָבער ווען מען דערפילט ווי געהעריק דעם ווערט פון חנה סענע־שעס ווערן, ווייסט מען אויף זיכער, — הגם דאָס איז שווער צו דערקלערן — אַז איר גרויסקייט איז פאַרט עפּעס מער ווי אַ חבור פון אַלע אירע מעלות, — זי איז, אין לעצטן סך־הכל, גרוים מיט דער גרויסקייט פון אַ דור, וואָס אַנטפּלעקט פאַר אונז דעם אַזוי זעלטן אַנטפּלעקבאַרן אמת, אַז געשיכטע איז פאַרט, נישט געקוקט אויף דער גאַנצער קענגזעצלעכער ווארשיינלעכ־קייט, נישט אינגאַנצן אומזין: אין אַנטשיידענע געשיכטלעכע מאָמענטן, ווען עפּעס וויכטיקס האַלט ביים אומקומען, אַנט־גילטיק קאַליע ווערן, גיט זי זיך אַ מיש אריין מיט אַזאַ זינפולער האַנדלונג, אַז מיר קאָנען דעם אָטעם נישט אָפּכאַפּן פון דערשטוינטקייט.

ווי אַזוי איז מעגלעך, אַז אַ פיזיש שוואַך און אָפט אויך גייסטיק שפּאַר געבראָכן פאָלק זאָל מיטאמאָל ארויסגעבן אַזאַ יוגנט, ווי די חלוצים?

אַלץ, מיט וואָס איר וועט דאָס דערקלערן, וועט זיין בלויז דער אויבערשטער, מער אָנטאַפּבאַרער שיכט פון אַ מיסטעריע, וואָס איז אומדערקלערבאַר אפילו פאַר די דירעקטע אָנטיילנעמער גופא. זיי האָבן געהאַנדלט ווי אונטער דעם צוואַנג פון אַ גע־שיכטלעכן באַפעל.

„אלץ, — שרייבט חנה סענעש אין איר „טאָג־בוך", — איז געקומען פון אינערלעכער נויטווענדיקייט, און איז אין דער געגעבענער צייט געשטאַנען אויסער יעדער דיסקוסיע, נישט לאָזנדיק קיין פּלאַץ פאַר קיין שום אַנדער מעגלעכקייט... נאָך איידער איך האָב געפונען דעם נאָמען און דעם אויסדרוק פאַר די דאָזיקע זאַכן, בין איך שוין צו זיי געווען צוגעבונדן... ווייניק אידעאָלאָגיע, אָבער ס'האָט מיך איגנאַנצן פאַרפליכטעט פערזענלעך". (אונטערגעשטראָכן דורך מיר. — י.ר.).

אָט דער ציטאַט, באַזונדערס זיין לעצטער זאַץ, גיט אַ מעגלעכקייט אריינצובליקן אין דער אויבערשטער שיכט פון דער מיסטעריע, וואָס האָט געקערעוועט מיטן גורל פון דאָזיקן קליפּטרא־דור: זיי האָבן זיך ווייניק געחקרנט, אָבער ס'האָט זיי פאַרפליכטעט פערזענלעך. ווי לונאַטיקער זענען זיי געגאַנגען אויפן באַפעל פון געשיכטלעכן „מוז": שלאָגן אין דער ערד אַ וואָרצל פאַר זייער שטאַם, וואָס האַלט אין פאַרלירן די לעצטע זאַפטן.

נאָר דער מיסטישער רוף און באַפעל קאָן דערקלערן — כאָטש אויבנאויף — ווי אַזוי חנה סענעש, די פרעמדע לויט דער דערציאונג, לויט דער סביבה, איז פּלוצלונג געוואָרן אַזוי נאָענט. דער אליהו פון איר דור איז פאַרביייגעגאַנגען, דערקענט איר קרבן־פאַסיקייט און האָט אַרויפגעוואָרפן אויף איר זיין מאַנטל. און זי האָט פאַרלאָזן איר מוטער, איר לאַנד, איר שפּראַך, איר פערזענלעך לעבן, וואָס זי האָט דאָס אַלץ אַזוי ליב געהאַט — מיט דער ליבע פון אַ פיינפילנדיקער דיכטערין.

„... עס זענען פאַראַן מינוטן, — שרייבט זי אין איר הער־לעכן און ערלעכן טאָג־בוך, — בעת איך שטעל זיך די פראַגע: וואָס באַקומסטו פון לעבן? בלויז דאָס, וואָס דו גיסט, און דאָס איז נישט ווייניק (אונטערגעשטראָכן דורך מיר. — י.ר.), אָבער דאָס איז אויך נישט גענוג. מען דאַרף נאָך עפּעס דערצו: נישט נאָר פליכטן, נישט נאָר שפּאַנונג און נישט אידעאָלאָגיע — מען דאַרף פרייד. און פון דעם איז פאַראַן אַזוי ווייניק, כמעט גאָר־נישט. אמתע פרייד פון דער טיפעניש פון האַרצן — איך האָב שוין אפשר כמעט פאַרגעסן דעם טעם דערפון. און פונדעסט־וועגן... ניין, איך קאָן דאָס נישט דערקלערן".

ווייל זי האָט פּלוצלונג דערפילט, אַז ביים קלאָרן חשבון איז קיין פריידנישטאָ, האָט זי פּלוצלונג דערשפּירט די גרעסטע, מיסטעריעזע פרייד פון באַקומען פון לעבן בלויז דאָס, וואָס זי גיט, — די מיסטעריעזע, הייליקע, אומדערקלערבאַרע פרייד פון אַ מוטער, וואָס איר גאַנצע פרייד באַשטייט אויך אין דעם אַוועקשענקען זיך איר קינד. אויך מוטערס זענען — קליפּטראָס.

אלישע האָט זיך אויך געוועדט קעגן מיטגיין מיט אליהו׳ן. איר געדענקט די שפּאַרזאַמע שורות אין תנ״ך?

„אליהו (איז) אַריבערגעגאַנגען צו אים, און האָט אַרויפּגעוואָרפן זיין מאַנטל אויף אים. האָט ער איבערגעלאָזט די רינדער און איז געלאָפן נאָך אליהו׳ן און האָט געזאָגט: „לאָמיך, איך בעט דיך, קושן מיין פאָטער און מיין מוטער, און איך וועל גיין נאָך דיר״. האָט ער צו אים געזאָגט: „גיי, קער זיך אום, וואָרום וואָס האָט איך דיר געטאָן?„

וואָס ער האָט אים געטאָן!

ער האָט אים געגעבן אויסצוווילן: אָדער דו דינסט מיר, אליהו׳ן, ד. ה. גאָט, אָדער דו גייסט צו טאַטע־מאַמע.

און די ברירה האָט ער אים געגעבן שוין נאָכן אַרויפוואַרפן זיין, אליהו׳ס, מאַנטל אויף אלישע׳ן: אלישע האָט שוין קיין ברירה נישט געהאַט.

אויך חנה סענעש האָט קיין ברירה נישט געהאַט: „איך גיי אַוועק מיט פרייד, מיטן אייגענעם ווילן, און מיטן קלאָרן באַוווסטזיין פון די שוועריקייטן. איך האַלט דאָס פאַר אַ זכות און אויך פאַר אַ פליכט״. און אָט די שורות זענען גילטיק נישט נאָר פאַר איר לעצטן קרבן, נאָר אויך פאַר איר ערשטן, ביים פאַרלאָזן די מוטער, דעם ברודער, איר שפּראַך און איר געבורטלאַנד.

צוערשט איז זי אַוועק פון דער מוטער און פון ברודער, כדי צו געבן זיך דעם פאָלק און דעם לאַנד, — דערנאָך איז זי אַוועק ,אין איר לעצטער שליחות, אויך פון לאַנד, כדי צו געבן זיך צום לעצטן מאָל. און זי פילט נאָך אַלץ, אַז וואָס מער זי גיט זיך אַוועק, אַלץ מער באַקומט זי. נאָר די וועלכע זענען מסוגל זיך אַזוי צו געבן, ווייסן דעם סוד פון אַזוי צו נעמען.

די אומגליקלעך־גליקלעכע אלישע׳ס פון יעדן דור!

פאַראַן אין איר טאָג־בוך שטעלן פון אַזאַ שיינקייט, פון

אזא פשטותדיקער דערהויבנקייט, אז עס ווילט זיך טובל זיין אָדער אויסטאָן די שיך, ווען מען לייענט זיי. אזא איז די שטעלע פון 6-25טן יולי 1940.

„שבת, פרי פאַרטאָג, האָב איך אַרויפגעקלעטערט אויף די בערג אַנטקעגנאיבער כפר גלעדי. אַ ווונדערלעכע לאַנדשאַפט. און אין דער ווונדערלעכער מאָרגן־פרישקייט האָב איך פאַרשטאַנען פאַרוואָס משה האָט די תורה מקבל געווען אויפן באַרג. בלויז אין די בערג קאָן מען מקבל זיין אַ באַפעל פון אויבן. בעת מען זעט ווי קליין דער מענטש איז — און דאָך שפּירט מען דעם בטחון און גאָטס נאָענטקייט. אויפן באַרג ווערן די האָריזאָנטן ברייט אין יעדן זינען און מען פאַרשטייט דעם סדר העולם. אין די בערג קאָן מען גלויבן און מען דאַרף גלויבן. אין די בערג שטעלט זיך פון זיך אַליין די פראַגע: וועמען זאָל איך שיקן? — שיק מיך. צו דינען דאָס גוטע און דאָס שיינע. — וועל איך עס באַווייזן?״

ניין, אָט די פראַגע שטעלט זיך נישט פון זיך אַליין. עס שטעלן זי און ענטפערן אויף איר, אַזוי ווי חנה סענעש האָט געענטפערט („שיק מיך״) בלויז די, וועלכע גאָט האָט אויסגעווילט זיי צו זאָלבן.

ווען מען זאָגט „שיק מיך!״ האָט מען שוין אַליין באַשלאָסן צו גיין. און ס׳איז שוין דאַן אפשר איבעריק צו פרעגן: „וועל איך עס באַווייזן?״

דאָס איז אָבער די עכטע עניוות פון די ירמיה׳ס, וואָס ווייסן נישט אפילו ווי שטאַרק זיי זענען און ווי גרייט זיי זענען פאַר זייער שליחות.

חנה סענעש האָט באַוויזן אויסצופירן איר שליחות, — איר זכות און איר פליכט, איר לעבנס־באַשטימונג.

* * *

„אַמאָל פיל איך זיך ווי אַ שליח אויף וועמען עס ליגט אַן אויפגאַבע. וואָס די אויפגאַבע איז — איז מיר נישט קלאָר (און יעדער מענטש האָט דאָך אַן אויפגאַבע אין לעבן). אַזוי ווי איך וואָלט געפילט אַ פליכט צו אַנדערע, אַזוי ווי כ׳וואָלט זיי עפּעס שולדיק געווען; און אַמאָל דוכט זיך מיר, אַז אַלץ איז שטות.

צו וואָס די אָנשטרענגונגען פון דעם יחיד?"

דאָ שטייען מיר פאַר חנה סענעשעס טראַגישן געראַנגל, וואָס איז גלייכצייטיק דער געראַנגל פון איר דור, דער אייביקער געראַנגל פון די, וועלכע דערפילן אין זיך גאָטס באַפעל צו זיין אַ קרבן־צבור.

דאָס איז משה'ס נישט וועלן גיין, ירמיה'ס, יונה'ס. דער „איך" בונטעוועט זיך קעגן דעם קליפּטרא־גורל. עס דאַכט זיך אים, אַז אַלץ איז שטות. פאַרן רייך־באַגאַבטן יחיד וויקלט זיך אויף — אין געפיל, אין דער פאַר־אַנונג! — אַ רייך לעבן, פול מיט פליכטן צום „איך" און פול מיט שיינקייט פון „איך"־אויסלעבונג.

„איך האָב ענינים, וואָס איך וויל איבעררעדן מיט זיך אליין און ס'איז גוט דאָס צו טאָן דורך דעם געשריבענעם וואָרט. איך פיל, אַז איך קאָן נישט לעבן אויב איך שרייב נישט. אפשר בלויז פאַר זיך אליין, פאַרן טאָג־בוך. און אפשר מער ווי דאָס. כל זמן אַ געדאַנק האָט זיך נישט אויסגעקריסטאַליזירט אויפן פּאַפּיר, דוכט זיך מיר, אַז ער איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן. ערשט נאָכדעם ווי איך האָב דעם געדאַנק אויסגעדריקט בכתב, הויב איך אליין אָן אים תופס צו זיין... וואָס זאָל איך שרייבן? ס'איז פאַראַן אַזויפיל צו שרייבן. איך וואָלט געוואָלט אויפ־שטעלן אַ דענקמאָל מיין מוטער — פון אונזער קינדהייט ביז היינט, דער מוטער, וואָס האָט געלאָזט אונז ביידן, מיך און מיין ברודער, זיך אַרויסלאָזן אויף דער וועלט, זוכן אונזערע אייגענע וועגן, און האָט מוותר געווען אויף איר רעכט אונז צו שטערן. דאָס איז נישט די געשטאַלט בלויז פון אונזער מוטער אליין. אַלע יידישע מוטערס אין אונזער דור, אָדער פיל צווישן זיי, האָבן געטיילט דעם דאָזיקן גורל (דאָ באַגרייפט איר דיכטעריש „איך" קלאָר איר דור־פאַרבונדנקייט. — י. ר.)... ווען איך וואָלט באמת געהאַט אַ גרויסן טאַלאַנט, וואָלט איך דאָס אפשר אויס־געדריקט אין אַ ליד פון פיר שורות. אַזוי וועלן טויזנטער בלעטער אויך נישט זיין גענוג צו געבן איר געשטאַלט"...

דאָס איז נישט די איינציקע שטעלע אין איר טאָג־בוך, ווו דער דיכטער אין חנה סענעש בעט זיך רחמים אויפן לעבן. איר שליחות אַלס דיכטער קומט אָבער — אין דאָזיקן טראַגישן דור

— אין קאָנפליקט מיט איר שליחות אַלס קליפּטראַ־צעלע. נישט נאָר די מוטערס אין אונזער דור איז באַשערט געווען דער דאָזי־קער טראַגישער גורל, — אויך די קינדער זייערע איז באַשערט געווען דער דאָזיקער טראַגישער קאַמף: דאָס רעכט אויסצולעבן דאָס לעבן קעגן דער פליכט אוועקצוגעבן דאָס לעבן.

דער דאָזיקער קאַמף — דאַכט זיך מיר אַמאָל — איז באַ־זונדערס שאַרף ביי די דיכטער פון דאָזיקן קליפּטראַ־דור, ווייל די דיכטער זענען אַזוי טיף „איכיש"; אָבער אַן אַנדערש מאָל נעמט זיך מיר דאַכטן, אַז אָט דער קאַמף צווישן איכס דראַנג אויסצולעבן זיך און דער געשיכטעס באַפעל זיך מקריב צו זיין איז אַזוי דראַמאַטיש, אַז די, וואָס לעבן אים גאָר שאַרף איבער, ווערן ערשט אַדאַנק אים דיכטער: אין זיין שרעק פאַר אומקום גיט דער איך אַ פלאַם אויף צו אַזאַ היץ, אַז ער ווערט אינטענסי־ווירט ביזן דיכטונגס־גראַד.

חנה סענעש רייסט זיך צום אינטימסטן, פּערזענלעכן אויס־לעבן זיך — צו דיכטונג, אָבער די געשיכטע רופט צו איר, אין איר מיט אַזאַ מעכטיקער שפּראַך!

לייענט עטלעכע שטעלן פון איר טאָג־בוך און איר וועט אַזוי בולט זען דעם געשיכטלעכן באַפעל.

„איינדרוקן פון דער אַרבעט, פון דעם גרינס־שניט:

„די גרינס זענען אויסגעשפּרייט איבער דעם גאַנצן פעלד. די שנייד־מאַשין האָט אָפּגעטון איר אַרבעט און די געוויקסן זענען צעוואָרפן איבער דער ערד און מען קאָן זיי צוריק נישט אויפ־שטעלן. דו ווילסט זיי אָפּהיטן פון דער סמאַליענדיקער היץ, פון דעם בלאָזנדיקן ווינט, אַז זיי זאָלן זיך ווידעראַמאָל נישט צע־שפּרייטן איבער אַלע עקן פון פעלד? נעם זיי צונויף אין איין גרויסע קופּע. אַלץ וואָס וועט פאַרבלייבן אויסער דער קופּע וועט פאַרטראָגן דער ווינט, אַזוי איז אויך אונזער פאָלק, נאָך דעם שניט"...

די דאָזיקע שטעלע איז נישט נאָר מערקווירדיק מיט איר — דאָס מאָל שוואַכן, אָבער עכטן — פרווו אָנצוקניפּן אין דעם סטיל פון תנ"ך, — זי איז אויך כאַראַקטעריסטיש פאַרן קאַמף צווישן דער יחידישער נייגונג צו אינטימער דיכטונג און דעם היסטאָרישן צוואַנג: די פאָלקס־געפאַר אַלאַרמירט, רייסט אוועק

פון דער פּאַרזונקנקייט אין יחידישער ליריק־שטימונג און ווענדט די אויפמערקזאַמקייט צו דער כלל־סכנה.

דאָס איז געשריבן אָנהויב סעפּטעמבער 1940, — סוף אַפּריל 1941 ווערט דער אַלאַרם־גלאָק אין חנה סענעשעס געמיט און באַוווסטזיין צעוויגטער, דראָענדיקער, באַפעלנדיקער:

„יוגאָסלאַוויע איז געפאַלן. די ענגלענדער און די גריכן ציען זיך צוריק פון גריכנלאַנד. אין ליביע — שווערע קאַמפן, וואָס זייער אויסגאַנג איז נאָך אומבאַשטימט. אין ארץ־ישראל — אַ הילפלאָזע פאַרגליווערטקייט, פאַרשטענדענישלאָזיקייט, ווילנלאָזיקייט. אַלע רעדן וועגן פּאָליטיק. יעדער איינער ווייסט, אַז דער פראָנט האַלט זיך אין איין דערנעענטערן און קיינער וואַגט נישט אָפן צו שטעלן די פראַגע: וואָס וועט מיט אונז זיין ווען די דייטשן וועלן צו אונז צוקומען? די דאָזיקע ווערטער לייענען זיך זייער פשוט אויפן פּאַפּיר. אָבער ווען מען פאַרמאַכט די אויגן און מען הערט זיך צו בלויז צו דעם וואָס דאָס האַרץ זאָגט, הערט מען ווי עס קלאַפּט מיט פחד. נישט נאָר פאַר מיין אייגענעם לעבן. דאָס לעבן איז מיר טייער, אָבער נישט דאָס טייערסטע. (אונטערגעשטראָכן דורך מיר. — י. ר.). ווילנדיק אָדער נישט־ווילנדיק, מוז איך טראַכטן און זיך פאָרשטעלן וואָס עס וועט זיין דער גורל פון לאַנד, אויב עס וועט געשטעלט ווערן פּנים־אל־פּנים מיט דייטשלאַנד. איך האָב מורא אריינצוקוקן אין דעם דאָזיקן אָפּגרונט. איך גלויב, אַז נישט געקוקט דערויף וואָס עס פעלט אונז געווער, וואָס מיר זענען נישט צוגעגרייט, וועלן מיר זיך נישט אונטערגעבן אָן ווידערשטאַנד. פינף הונדערט טויזנט קאָנען זיך אַנטקעגנשטעלן אַ מעכטיקן מיליטערישן כוח. ענגלאַנד וועט העלפן, אָדער, ריכטיקער, וועט טון אַלץ וואָס עס דיקטירט איר אייגענער אינטערעס. און איך גלויב נאָך אין דעם נצחון פון ענגלאַנד. אָבער וועט דעמאָלט זיין ארץ ישראל? און דאָס שרעקלעכסטע איז צו באַגרייפן, אַז אַזאַ מעגלעכקייט איז אַזוי נאָענט. יעדער איינער וויל טאַקע האָפן, זיך באַרואיקן, אָבער ווען ער איז ערלעך מיט זיך אליין, מוז ער אויך קומען צו די דאָזיקע מחשבות... אַזוי ווי פון אַ קאָשמאַר וואָלט איך געוואָלט שרייען, אָבער איך האָב נישט קיין ווערטער, איך וואָלט געוואָלט לויפן און מיינע פיס דינען מיר נישט. איך קאָן נישט

שלום מאַכן דערמיט, אַז אַלץ זאָל גיין לאיבוד, זאָל חרוב ווערן, און מיר זאָלן נישט האָבן אפילו אַביסל השפּעה אויף די זאַכן.

„איך וויל האָפן, אַז דאָס אומגליק וועט נישט קומען. אָבער אויב ער וועט קומען, וועלן מיר זיכער אים זיך שטעלן אַנטקעגן בכבוד. און אויב מיר וועלן נישט האָבן דעם כוח דאָס צו טאָן — וועלן מיר ווייניקסטנס פאַלן בכבוד".

„דריי אַזייגער. מ'דאַרף גיין צו דער אַרבעט".

ווי ווייט דאָס איז פון די ווערטער: „און אַמאָל דאַכט זיך מיר, אַז אַלץ איז שטות. צו וואָס די אָנשטרענגונגען פון דעם יחיד?"

דער יחיד — אַזאַ יחיד ווי חנה סענעש — פילט אין זיך דעם גאַנצן כלל, די אחריות פאַרן כלל, און פון אירע טאָג־בוך־ווערטער גיט אויף אונז אַ ווייע מיט יענער אויסטערלישער ווירקלעכקייט, וואָס האָט זיך פאַר אונז אַנטפּלעקט אין ארץ־ישראל נאָך דער מלחמה, פונם ערשטן קאַמף פאַר דער ערשטער שיף מיט „אומלעגאַלע" עולים ביז דעם קאַמף פאַר מדינת ישראל.

חנה סענעשעס טאָג־בוך איז אויסטערליש שיין, — אָבער דאָס שענסטע אין אים איז דאָס, וואָס מיר ווייסן, אַז הינטער יעדן וואָרט שטייט נישט נאָר די ערלעכע שטימונג, נאָר די ערלעכע טאַט, — יעדעס וואָרט אין אים איז טאַט, און נישט נאָר טאַט פון אַ יחיד, נאָר טאַט פון אַ דור, פון אַ קליפּטרא־דור, וואָס האָט דעם טראַגישן באַוווסטזיין פון זיין קליפּטרא־גורל און — דאָך:

„דריי אַזייגער. מ'דאַרף גיין צו דער אַרבעט".

די אַרבעט איז ביי אים, ביים דאָזיקן וווּנדערלעכן דור, אַ טייל פונם קרבן, און דער קרבן — אַ טייל פון זיין אַרבעט.

* * *

און אָט די אבסאָלוטע איינהייט פון וואָרט און טאַט איז אויך דאָ אין חנה סענעשעס דיכטונג (הגם אויך איר טאָג־בוך איז דיכטונג).

ווי ליב זי האָט געהאַט דיכטונג! דער גאַנצער טאָג־בוך איז נישט נאָר פול מיט שטעלן, וואָס זענען ריינע דיכטונג, נאָר עס פולסירט אין אים דאָס געפיל, אַז זי איז באַשטימט פאַר דיכטונג.

„בלויז שרייבן, — שרייבט זי אין טאָג־בוך סוף 1939, — שרייבן דערציילונגען אָדער אַ דראַמע, אָדער איך ווייס וואָס. אַמאָל טראַכט איך, אַז איך האָב טאַלאַנט און איך וועל באַגיין אַ זינד, אויב איך וועל מיינע פעאיקייטן פאַרנאַכלעסיקן און זיי נישט אויסנוצן".

זי האָט נישט בלויז געשריבן, — און דאָס איז די גרעסטע שיינקייט נישט נאָר פון איר לעבן, נאָר אויך פון איר דיכטונג; יעדעס וואָרט איז געחתמעט מיטן אייגענעם לעבן — נישט צו דערקענען ווו עס הויבט זיך אָן לעבן און ווו — דיכטונג.

אָט נעמט איר פּשוט ליד „צו שטאַרבן"...

„צו שטאַרבן?... יונג... צו שטאַרבן... כיהאָב עס
 נישט געוואָלט —
„כיהאָב ליב די זון, לבנה, שטערן,
„דאָס ליכט, דאָס ליד, אַ גלאַנץ פון אַ פּאָר אויגן,
„איך האָב דאָך נישט געוואָלט דעם קריג און די
 צעשטערונג,
„איך האָב עס נישט געוואָלט, אָ, ניין!
„נאָר אויב ס׳איז לעבן מיר באַשערט
„אין צייט פון חורבן און פון שווערד,
„זאָג איך: געלויבט איז גאָט, כיבין דאָ,
„מעג קומען אויך פון טויט די שעה —
„פאַר מיר אויף ערד דיינס, מיין געבורטסלאַנד".

איז דאָס דיכטונג? איז דאָס לעבן? ווו איז דאָ די גרעניץ? און איר צאַרט ליד וועגן ים כנרת „אַ מינוט"?

„איך לאָז זיך אין וועג, צי כיוועל קומען צוריק
„און ווען — ווער ווייס, ווער ווייס,
„נאָר ברענען וועט אָנדענק פון אייביקייטס־קוש
„אויף מיינע ליפּן הייס".

עס מאַכן אויף אונז אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק נישט נאָר די לידער, אין וועלכע זי אַנטפּלעקט אירע מעשים און איר אייגענעם גורל, ווייל איר דיכטונג קומט פון דער סאַמע טיף פון איר פּערזענלעכקייט; מער, אַ סך מער ווי אינדיווידועלע דיכטונג זענען די לידער, אין וועלכע עס דערהערט זיך די תפילה

און די שטימונג און די שבועה פון א דור, פון וועלכן חנה סענעש איז נאָר איינע פון אים.

אָט איז די לעצטע סטראָפע פונם ליד „אויפן וועג קיין קסריה":

„און ווען מירן קומען אין חרובער שטאָט
און אויסשעפּטשען ווערטער אַ פּאָר נאָר, ווי אָט:
„געקומען צוריק, —
„וועט שטיינשטומקייט ענטפערן אונז: עס איז וואָר,
„מיר האָבן דערוואַרט אייך שוין צוויי טויזנט יאָר".

דאָס פאַרמאָגט נישט אין זיך אפילו קיין שפּור פון רעטאָריק, — דאָס איז דאָך אפילו מער פון ממשותדיקער שטימונג, דאָס איז דיווירקלעכקייט פון אַ וווּנדערבאַרן דור, דאָס איז אַ ווירקלעכקייט, פאַר וועלכער אַ דור איז גרייט געווען אויף קרבנות אויף לעבן און טויט. דאָס איז דאָך אַזאַ ממשותדיקע ווירקלעכקייט ווי דאָס וואָרט „געבורטסלאַנד", וואָס זי באַנוצט אין דאָזיקן ליד „אויפן וועג קיין קסריה", ווי אויך אינם ליד „צו שטאַרבן". זי באַנוצט דאָס דאָזיקע וואָרט אַזוי פּשוט, ווי דאָס וואָלט גאָרנישט באַדאַרפט קיין דערקלערונג, און איר פילט, אַז מען דאַרף זי טאַקע נישט. עס נויטיקט זיך אפילו נישט אין אַן אינטעלעקטועלער איבערזיצונג: אַ לאַנד פון „גייסטיקן ווידערגעבורט", — ניין, דאָס איז טאַקע אַ געבורטסלאַנד, אויב מען קאָן עס אַזוי ליב האָבן, אויב מען קאָן באַוווסטזיניק ווערן אַ קליפּטרא־צעלע אין זיין באָדן, כדי אים צו באַפּלאַנצן, באַלעבן, כדי זיך איינצוואָרצלען אין אים.

און ווען מען לייענט איר באַרימטן פּירצייילער „אַז וויל דעם שוועבעלע"...:

„אַז וויל דעם שוועבעלע פאַרברענטן, פלאַמען ט'עט
צעהעלט,
„אַז וויל די פלאַמען, וואָס האָבן די הערצער
אויפגעהעלט,
„אַז וויל די הערצער, וואָס מיט כבוד האָבן זיי זיך
אָפּגעשטעלט.
„אַז וויל דעם שוועבעלע פאַרברענטן, פלאַמען
ט'עס צעהעלט", —

— פילט מען מיטן גאַנצן האַרצן, מיטן גאַנצן וועזן: ניין, חנה סענעש און אירס גלייכן זענען נישט די שוועבעלעך, וואָס האָבן געצונדן און צינדן דעם פלאַם, זיי זענען דער פלאַם גופא, וואָס האָט אויפגעהעלט אַזוי וווּנדערלעך אונזער טיפסטע היסטאָרישע נאַכט.

און ווען מען לייגט אַוועק איר טאָג־בוך און אירע לי־דער*), שווימט אַרויף אויפן צעשטורעמטן ים געפילן און גע־דאַנקען, מיט דער גרעסטער קלאָרקייט, דער טרייסט־געדאַנק:

שקלאַפן־אַרבעט האַלט זיך אויף דעם, וואָס מען פאַר־מויערט מיט צוואַנג אין די פונדאַמענטן פרעמדע קינדער; פריי־הייט־אַרבעט האַלט זיך אויף דעם, וואָס מען פאַרמויערט אין די פונדאַמענטן פרייוויליק זיך אַליין.

חנה סענעש איז איינע פון אַ וווּנדערבאַרן, מיט העכסטער מיסטעריע באַהויכטן דור, וואָס האָט זיך פרייוויליק, מיטן גרעסטן ענטוזיאַזם און מיט דער גרעסטער באַוווּסטזיניקער קרבן־גרייטקייט, איינגעמויערט אין די פונדאַמענטן פון אַ ניי און פריי יידיש לעבן.

ווי קליין עס איז די גרויסע וועלט לגבי דער טאַט פון דאָזיקן דור.

מעלבורן, 1947.

די פידל פון אַ דור

חנה סענעש, איינע פון די לעגענדאַרע העלדינס פון חלוצישן באַפרייאונגס־דור, האָט צווישן איר קליינער ליטעראַ־רישער ירושה איבערגעלאָזן אויך אַ קליינע דראַמע „די פידל“.

אַ יונג מיידל, אַ צוקונפטיקע קינסטלערין (אַ פידל־שפּילע־רין) ווערט מיטגעריסן מיטן טרוים פון אַ פאָלק צו ענדערן זיין

*) די איבערזעצונג פון אירע לידער, וואָס איך האָב ציטירט אין דאָזיקן אַרטיקל, איז געמאַכט געוואָרן דורך ה. גאָלדאַוווסקי און זענען אַרויסגענומען פון די „ליטעראַרישע זאַמלונגען“, 5, שיקאַגאָ.

טויזנט־יעריקן גורל. זי גייט אַוועק, אַלס חלוצה, אין אַ קיבוץ, וואָס אַרבעט און לעבט מיטן טרוים צו באַקומען — נאָך אַ געוויסער הכשרה־צייט — אַ שטיקל ערד אויף איינצוואָרצלען זיך אין איר.

די פידל אירס האָט זי אַוועקגעלייגט אין אַ זייט: די אַרבעט לאָזט נישט קיין צייט פאַר איר.

די קבוצה מאַכט אַ יום־טוב. מען וויל זי זאָל שפּילן. צו־ערשט זאָגט זי זיך אָפּ — זי האָט שוין אַזוי לאַנג נישט גע־שפּילט. דערנאָך איז זי מסכים.

איר שפּילן הערט אַ גאַסט פון תל־אביב, אַ מוזיקער. ער לייגט איר פאָר זי זאָל זיך לערנען ביי אים, זי זאָל נישט טויטן איר טאַלאַנט.

ער וועקט ווידער אויף אין איר איר איינגעדרעמלטע בענק־שאַפט נאָך קונסט, נאָך קינסטלערישן אויסלעבן זיך. זי בעט ביי דער קבוצה אַ לאַנגן אורלויב, זי זאָל קאָנען אויסבילדן איר טאַלאַנט, כל־זמן ס׳איז נישט צו־שפּעט.

די פאַרזאַמלונג פון דער קבוצה וואַרפט אָפּ איר בקשה: וואָס וועט זיין פון דער קבוצה, אויב יעדער איינער וועט פאָ־דערן אורלויב, כדי אויסצובילדן דאָס, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן דורך דעם רוף פון פאָלק?

האָבן דאָך אַזויפיל חלוצים געלאָזט אינמיטן, נישט פאַר־ענדיקט, זייערע יחידישע לעבנס־טרוימען!

אָבער דער העלדין פון סענעשעס דראַמע איז שווער צו אונטערדריקן דעם ווידערערוואַכטן טרוים, און נאָך אַ שווערן אינערלעכן קאַמף באַשליסט זי אַוועקצוגיין לערנען מוזיק אָן דעם הסכם פון דער קבוצה.

אין לעצטן מאָמענט קומט־אָן די ידיעה, אַז די קבוצה האָט באַקומען צוגעטיילט אַ שטיקל ערד אין גליל. מיט באַגייסטערונג נעמט זיך די קבוצה גרייטן צו פאַרווירקלעכן איר טרוים, — אַרויפגיין אויף אייגענער ערד, וווּ מען וועט לאָזן אַ וואָרצל, צווייגן, קנאָפּסן און — ברענגען פרוכט פאַר זיך און פאַרן פאָלק.

אַ קלין האַקט מען אַרויס מיט אַ קלין, און אַ טרוים מיט אַ טרוים.

דער העלדין פון סענעשעס דראַמע איז שווער צו פאַרלאָזן די קבוצה, אָבער דער טרוים פון מוזיק איז שטאַרקער.

דער העלדין פון סענעשעס דראַמע איז שווער צו פאַרלאָזן דעם טרוים פון ווערן אַ מוזיקערין, אָבער נאָך שווערער איז איר אַוועקצוגיין פון דער קבוצה גראַד אין דעם מאָמענט, ווען די קבוצה גייט פאַרווירקלעכן דעם טרוים פון באַזעצן זיך אויף אייגענעם באָדן.

און זי בלייבט.

און די פידל? די פידל וועט זי לאָזן פאַרן צוקונפטיקן דור, וועלכער וועט זיך קאָנען אומקערן צו דער פידל טאַקע צוליב דעם, ווייל זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון איר.

„די פידל" איז דער סימבאָל פון אַלע יחידישע טרוימען, פון וועלכע די חנה סענעשעס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צוליבן קאָלעקטיוון טרוים פון אַ פאָלק.

די פערזענלעכע, טיף־אינטימע פידל פון אַ גאַנצן דור איז געבליבן ליגן אומבאַרירט, ווייל ער האָט געפילט אַ טיפן פאַרלאַנג צו נעמען אויף זיך די פליכט זי צו פאַרבייטן אויפן קאָלעקטיוון אינסטרומענט, וואָס האָט אָנגענומען דאָ די פאָרם פון אַן אַקעראייזן, דאָ די פאָרם פון אַ ביקס...

* * *

אַלס יונגער בחורל האָב איך געלייענט אַ בוך וועגן קולטור (דעם נאָמען פון מחבר געדענק איך שוין נישט). דער מחבר האָט אויפגעוויזן, אַז אָן שקלאַפעריי איז נישט געמאָלט קיין קולטור. און הוית ווי קולטור איז דאָס העכסטע אין לעבן פון דער מענטשהייט, מוזן אַלע ליבהאָבער פון קולטור שלום־מאַכן מיטן געדאַנק פון שקלאַפעריי.

מען קאָן נישט, — האָט דער מחבר געזאָגט, — באַוווּנדערן די פּיראַמידעס, געניסן זייער גראַנדיעזקייט, און קרימען מיט דער נאָז אויף דער עגיפּטישער שקלאַפעריי: אָן דער שקלאַפעריי וואָלטן די פּיראַמידעס נישט געווען געשאַפן געוואָרן.

איך געדענק מיין טיפע רעאַקציע אויפן דאָזיקן לאָגישן ציניזם: אויב עס איז אמת, — האָב איך פאַרצייכנט אין מיינס אַ נאָטיץ־ביכעלע, — אַז קולטור איז נישט מעגלעך אָן שקלאַפעריי, וועט די מענטשהייט די העכסטע קולטור־שטופע דער־

גרייכן דאָן, ווען זי וועט זיך באַוווסטזיניק אָפּזאָגן פון קולטור, כדי צו קאָנען אָפּשאַפן שקלאַפעריי.

קיין שום פידל־ווירטואָז וועט פון דער בעסטער סטראַדי־וואַריוס־פידל נישט אַרויסכישופן אַזאַ רירנדיקע, דערשיטערנדי־קע און דערהויבנדיקע מעלאָדיע, ווי די, וואָס מיר הערן פון סע־נעשעס דראַמאַטיש־אַנטשוויגענער פידל, וואָס אַ דור זאָגט זיך אָפּ פון איר מיטן גרעסטן ווייטיק, כדי דער צוקונפטיקער דור זאָל קאָנען שפּילן אויף איר אין פרייהייט.

גליקלעך איז דער, וואָס באַזיצט אַ גענוג שפּירבאַרע נשמה, כדי צו קאָנען שוין היינט דערהערן די ווונדערבאַרע מעלאָדיעס, אין וועלכע דער צוקונפטיקער דור וועט אויסלייזן דעם נשמה־צושטאַנד פון היינטיקן, וועלכער לאָזט פאַרן צוקונפט־דור איבער אין גרענעצלאָזער ליבשאַפט זיין נישט־אויסגעשפּילטע פידל...

דער יידישער שרייבער, דאָס יידישע בוך און די יידישע פאָלקס־נשמה*)

גענוידמעט דעם אָנדענק פון נחמן סוכאָוואָלסקי ע״ה

ווען איך וואָלט נישט געווען קיין שרייבער, וואָלט מיר געווען אַ סך לייכטער צו זאָגן דאָס, וואָס איך האָב איצט צו זאָגן: איר וואָלט דאָס נישט געווען געקאָנט דיסקרעדיטירן מיט דער ביטול־באַמערקונג: ער איז פּערזענלעך פאַראינטערעסירט...

איך בין אָבער יאָ אַ שרייבער, און איך שטעל זיך אויס דער געפאַר מען זאָל מיר חושד זיין אין פּערזענלעכע פּניות...

איך וויל אָבער פאַרזיכערן, אַז רעדנדיק וועגן שרייבער, דעם בוך און דער יידישער פאָלקס־נשמה, האָב איך אין זינען נישט זיך, נאָר דעם שרייבער בכלל, און נאָך מער דעם בוך בכלל, און צום מערסטן — די יידישע פאָלקס־נשמה.

---

*) אַ קיצור פונם רעפעראַט, געהאַלטן אויף דער מעלבור־נער קולטור־קאָנפערענץ, אין יאָר 1948.

י. ראַפּאָפּאָרט

* * *

די לאַגע פון יידישן שרייבער איז באמת אַ פאַרצווייפלטע: ער שרייבט זיינע ביכער אויף אייגענער אחריות — קיינער פאַר־דערט זיי נישט ביי אים, קיינער וואַרט נישט אויף זיי; אויף ארויסצוגעבן זיי מוז ער אָנקומען צו קהל, וואָס דאַרף אים (אַזוי דאַכט זיך דעם קהל!) נישט האָבן; און אויף צו·פאַרקויפן זיי, מוז ער גיין איבער די הייזער ממש, אליין אָדער מיט קהלשע פים; און אַז מען נעמט שוין זיין בוך — צוליב גוט־האַרצי־קייט אין בעסטן פאַל און צוליב גוט־דערצויגנקייט אין ערגסטן — וועט מען אים דירעקט אָדער דורך די פאַרקויפער געבן אָנ־צוהערן, אַז ער איז אַ שנאָרער, און נישט מען קויפט זיין בוך, נאָר מען גיט אים אַ נדבה.

ווען די דאָזיקע לאַגע וואָלט געווען באַדראָט בלויז דעם שרייבער, וואָלט אפשר דער יידישער שרייבער געווען געהאַט גענוג טאַקט צו שווייגן.

דער יידישער שרייבער נויטיקט זיך אין מאַטעריעלער און גייסטיקער הילף, — אָבער אויב קהל האַלט זיין אַרבעט פאַר נישט נויטיק און אפילו פאַר איבעריק, איז פאַרפאַלן: מען קאָן זיך נישט אָנוואַרפן אויף יענעם...

אָבער דער יידישער שרייבער האָט רעכט צו פאַראַפראַזירן אסתר המלכהס ווערטער:

„ווען איך אליין וואָלט באַדראָט געווען מיט אומקום, וואָלט איך געווען געשוויגן, אָבער צוזאַמען מיט מיר איז באַדראָט די נשמה פון מיין פאָלק. און איך טאָר נישט שווייגן צוליב פאַלשער חרפה, — עס איז מיין פליכט צו שרייען, צו וואָרענען, צו מאָנען!"

ווען דער יידישער שרייבער וואָלט צוליב מאַנגל אין אַ לייענער־קויפער, אין אַ לייענער־מאַסע, אין אמתע מעצענאַטן נישט געווען ביכולת בלויז צו לעבן פון זיין אַרבעט, וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צרה; אָבער דער גורל פון יידישן שרייבער איז אַ סך ערגער: ער קאָן נישט נאָר נישט לעבן פון זיין אַרבעט, נאָר ער קאָן אויך נישט דערפילן זיין אויפגאַבע צוליב דעם. ער, וואָס איז די צונג פון פאָלק, ווערט שטום, און צוזאַ־מען מיט אים ווערט אויך שטום די נשמה פון זיין פאָלק.

איך האָב געהערט: איינער, ביי ווען מען האָט געבעטן ער זאָל ביישטייערן פאַר אַ יידישן פאַרלאַג, האָט געענטפערט: די שרייבער העלפן מיר אַ סך אין מיינע געשעפטן? פאַרוואָס־זשע זאָל איך זיי העלפן אין זייערע?!

אָט דער געשעפטסמעסיקער טאָן וואָלט געווען אויפן אָרט, ווען דאָס שרייבן און אַרויסגעבן ביכער וואָלט בלויז געווען זיין דעם שרייבערס אַ געשעפט. אָבער ווען עס איז נישטאָ קיי־נער ווער עס זאָל דערלייגן צו אַ יידיש בוך, און דאָס בוך קאָן נישט דערשיינען, און דער שרייבער קאָן זיך נישט אַנטוויקלען, ליידט פון דעם נישט נאָר דער שרייבער, — עס ליידט די געזעל־שאַפט, וואָס דער שרייבער איז איר צונג.

יעדע געמיינשאַפט מוז זאָרגן פאַר איר אינטעליגענץ, פאַר אירע שרייבער, ווייל דאָס איז אַ זאָרג פאַר זיך אַליין, פאַר איר גייסט, פאַרן אינסטרומענט פון איר גייסטיקן אויסלעבן זיך.

אַ געזעלשאַפט, וואָס זאָגט זיך אָפּ צו דערלייגן צו דער אַרבעט פון יידישן שרייבער, לאָזט נישט וואַקסן און אויסלעבן זיך דעם שרייבער, און במילא רייסט זי אויס די יידישע פאָלקס־צונג. און אָן דער מעגלעכקייט פון וואָרט, פאַרטריקנט אויך די מחשבה, און עס ווערן אונטערגעהאַקט די וואָרצלען פון דער פאָלקס־נשמה, וועלכע שרומפּט זיך איין און גייט ביסלעכווייז אויס.

שטעלט זיך אָפּ דער פּראָצעס פון פאָלקס שאַפן, ווערט אויך איינגעשרומפּן דעם פאָלקס אַנטוויקלונג.

מיר גיבן זיך זעלטן אָפּ אַ דין־וחשבון ווי שטאַרק עס איז די ווירקונג פון שעפערישן וואָרט.

אין טאָג־טעגלעכן לעבן קאָן מען עס זען בולט זייער זעלטן; אָבער ווען מען באַטראַכט אַ געשיכטלעכע עפּאָכע, איז עס לייכ־טער צו באַמערקן.

ווי אַנדערש עס וואָלט אויסגעזען דאָס פּנים און אפילו דער גאַנג פון אונזער לעבן (פון דער יידישער געשיכטע), ווען מיר וואָלטן נישט געהאַט פייערבערגן און בערדיטשעווסקין, מענ־דעלען און פּרצ'ן, אחד העם'ען און ביאַליקן.

אפילו שלום עליכם, וועלכער האָט דירעקט זייער ווייניק באַהאַנדלט אַקטועלע פּראָבלעמען פון אונזער קעגנוואַרט און צו־

קונפט, האָט אויך געהאָלפן ענדערן אין אַ גרויסער מאָס די גאַנצע פּסיכישע איינשטעלונג צו אונזער לעבן מצד אונזער פאָלק.

און עס ווערט טרויעריק אויף דער נשמה ווען מען גיט אַ טראַכט, ווי אַזוי דאָס פאָלק, וואָס האָט געגנוג אויף אויסצור־האַלטן אַזויפיל פּאַראַזיטישע כלל־טוער, האָט באַהאַנדלט די אויבנאויסגערעכנטע שעפער פון יידישן לעבן, די אויסדריקער, געשטאַלטער און באַנייער פון דער יידישער נשמה.

מענדעלע איז געווען אַ תלמוד־תורה־פאַרוואַלטער; פּרץ — אַ גמינע־אָנגעשטעלטער; אחד־העם האָט פאַרקויפט וויסאָצקיס טיי; ביאַליק האָט געהאַנדלט מיט לערנביכער; שלום עליכם האָט צוערשט צוגעצאָלט דער יידישער ליטעראַטור און דערנאָך, אָנשטאָט צו פאַרדינען מיליאָנען, ווי דאָס וואָלט געווען מיט אַ הומאָריסט פון אַזאַ פאַרנעם ביי יעדן אַנדער פאָלק, האָט ער באַקומען אַ שטיקל טרוקן ברויט און געצאָלט דערפאַר אַלס צוגאָב — די נשמה, — ווייל די יידישע טאָג־פּרעסע, וואָס איז דאַן אויפגעקומען און זיך צעוואַקסן, האָט געשפּייזט דעם גוף פון יידישן שרייבער, אָבער דערפאַר פאַרקנעכטעט זיין נשמה.

היינט איז די לאַגע נאָך ערגער, — די יידישע פּרעסע גייט באַרג־אַראָפּ, זי וויל שוין אַליין זעלטענער די נשמה פונם שרייבער, און זי שפּייזט שוין אַליין זעלטענער זיין גוף.

און — ווי שוין אויבן געזאָגט — נישט נאָר דער שרייבער קאָן נישט לעבן פון זיין שרייבן, נאָר ער קאָן אויך נישט דער־פילן זיין אויפגאַבע — באַווירקן דאָס פאָלק, וועגן וועמען און פאַר וועמען ער שרייבט.

* * *

דאָ מוזן מיר זיך שטעלן די פראַגע: אין וואָס באַשטייט, אין טיפסטן תוך, די ווירקונג פונם שרייבער?

נישט נאָר לייענער גיבן זיך נישט אָפּ קיין געהעריקן דין־וחשבון וועגן דעם, נאָר אויך שרייבער טוען דאָס זעלטן.

מען זאָגט געוויינלעך: דער שרייבער דריקט אויס די גע־דאַנקען, געפילן און געשעענישן פון פאָלק אויף אַ ווירקזאַמען אופן, געפינט דאָס פּאַסיקע וואָרט, אָפטמאָל דאָס וואָרט.

ריכטיק. אָבער דאָס איז די מינימום־ווירקונג פונם שריי־

בער. דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, דער בײ־פּראָדוקט פון דער שריפט־שטעלערישער טעטיקייט.

איר מאַקסימום־ווירקונג איז גאָר אַן אַנדערע, אַ טיפערע, אַ מער שעפערישע און אומפאַרבייטבאַרע. און כדי דאָס צו פאַר־שטיין, מוז מען וויסן די פונקציע פונם שרייבער.

אַ געדאַנק קאָן אויסגעדריקט ווערן בלויז אין ווערטער, און אַ וואָרט מוז האָבן אַ געדאַנק, כדי געבוירן צו ווערן.

וואָס־זשע איז געקומען פריער אויף דער וועלט: דאָס וואָרט צי דער געדאַנק?

וואָסער ענטפער איר זאָלט נישט געבן, וועט איר אריינ־פאַלן אין אַ לאָגישער פאַסטקע: ווי אַזוי האָט דאָס וואָרט גע־קאָנט געבוירן ווערן אָן אַ געדאַנק? און ווי אַזוי האָט דער געדאַנק געקאָנט געבוירן ווערן אָן דעם וואָרט?

דאָס איז איינע פון יענע אומלייזבאַרע פּראָבלעמען, מיט וועלכע די וועלט פון מענטשנס פאָרשן איז אַזוי פול: וואָס איז פריער געווען — גייסט צי מאַטעריע? גוף צי נשמה? וואָרט צי געדאַנק?

פאַראַן שפּראַך־פאָרשער, וועלכע באַווייזן (אויף וויפל מען קאָן דאָס באַווייזן), אַז דאָס וואָרט שאַפט, פורעמט אויס דעם געדאַנק. אָן וואָרט איז נישטאָ קיין גייסטיק לעבן.

ווי אַזוי די דאָזיקע גרויסע פּראָבלעם זאָל נישט געלייזט ווערן (און עס איז נאָך אַ גרויסע פראַגע צי זי וועט בכלל געלייזט ווערן אַמאָל),—איינס איז קלאָר: עס קאָן נישט זיין קיין געדאַנק אָן דעם וואָרט. אין דאָזיקן פאַל איז זיכער, אַז צוערשט איז געווען דאָס וואָרט.

נישט נאָר דאָס וואָרט דריקט אויס וואָס דער מענטש טראַכט און פילט, — עס גיט ערשט דעם מענטשן אַ מעגלעכ־קייט צו טראַכטן און פילן. אָפּטמאָל וויים די צונג פריער פאַרן מוח וואָס דער מענטש טראַכט, — זי פילט פאָרויס, זי איילט פאָרויס דעם געדאַנק, זי זאָגט אויס וואָס דער מענטש טראָגט פאַרבאָרגן אין די טיפענישן פונם אונטערבאַוווסטזיין, דאָס וואָס עס גייט אויף אין אים, דאָס וואָס עס רייסט זיך צום געבורט, צום לעבן; אַ צונג וויים אָפּטמאָל וואָס דער מענטש דאַרף טראַכטן און פילן, און ערשט ווען דאָס וואָרט קומט

אַראָפּ פון זיין צונג, ווערט אים ליכטיק אין מוח: אָט־אָ־דאָס איז מיר געלעגן אויפן הארצן, טיף אין דער נשמה.

און אָט דאָס איז די וויכטיקסטע אויפגאַבע פונם שרייבער, פון דער פאָלקסצונג: דאָס וואָס דאָס פאָלק קאָן אָפּט נישט ארויסברענגען אין זיין שטומקייט, גליטשט זיך אַראָפּ פון שריי־בערס צונג, אַ דאַנק זיין אינטואיציע, און דאָס פאָלק דערפילט, אַז עס איז אים קלאָר געוואָרן אין הארצן, אין מוח, ער קאָן דאָס טיף־פאַרבאָרגענע, דאָס שווערמוטיק־שטומע נעמען ארויס־ברענגען מכוח אל הפועל.

דער שרייבער האָט געטראַכט און געפילט פאַר אים, אָדער ריכטיקער: פאָרמולירט זיינע טונקעלע געדאַנקען און געפילן. דעם דיכטערס קלאָר וואָרט ווערט אָפּט דעם פאָלקס קלאָר גע־דאַנק, דעם פאָלקס קלאָרער ווילן.

דאָס וואָרט, די צונג, זענען נישט נאָר די פאָרלויפער פונם געדאַנק ביים יחיד, — אויך דער שרייבער דערפילט די דאָזיקע פונקציע — ביים כלל. נישט נאָר ער פאָרמולירט דעם פאָלקס געדאַנקען און געפילן, — ער לייגט אוים פאַר זיי אַ וועג, ער ווייזט אָן דעם פאָלק דערויף, צו וואָס ער האָט זיך נאָך נישט דערטראַכט.

ווען אַ פאָלק רייסט אוים די צונג ביי זיך, ווען עס לאָזט נישט זיינע שרייבער זיך אַנטוויקלען, בלייבט זיין נשמה שטום און אַ סך וויכטיקע, לעבנסוויכטיקע געדאַנקען און געפילן בלייבן נישט געבוירן, דאָס פאָלק דערטראַכט זיך בכלל נישט צו זיי, אָדער עס דערטראַכט זיך צו זיי אַ סך שפּעטער, אַמאָל — צו שפּעט.

* * *

רעדט מען וועגן שאַפן אַ יידישן פאַרלאַג, וועגן אַרויס־געבן ביכער, ענטפערט מען אייך — אין בעסטן פאַל — מיט אַ געפיל פון מיטלייד (ווי מען רעדט צו אַ קראַנק קינד, וואָס בעט עפּעס אוממעגלעכס, דאָס טעלערל פון הימל):

— ווי קאָן מען ארויסגעבן יידישע ביכער, ווען קיינער קויפט זיי נישט, ווען קיינער דאַרף זיי נישט האָבן? צי איז נישט קיין עבירה אַרויסצוואַרפן געלט אויף ביכער, וואָס וועלן

בלייבן ליגן ווי אַ שטיין, בשעת די באַדערפעענישן פון יידישן פאָלק זענען אַזוי גרויס?

דער וואָס פאַרשטייט אָבער, אַז אַ בוך, דאָס בוך, איז עפּעס מער ווי אַ געשעפטלעכע טראַנזאַקציע, וואָס ווערט רעגירט דורך דאָס פאַרל־באַגריפן „עס לוינט" און „עס לוינט נישט", קאָן זיך נישט באַרואיקן מיטן דאַזיקן, פון סוחריש־פּראַקטישן שטאַנד־פּונקט ריכטיקן ענטפער: אַז עס איז נישטאָ קיין נאָכפרעג אויף אַ סחורה — פּראָדוצירט מען זי נישט...

פאַר יעדן איינעם, פאַר וועמען דאָס בוך (און אין דאַזיקן פאַל — דאָס יידישע בוך) איז אַן אינערלעכע נויטווענדיקייט (צי ער איז אַ שרייבער צי נישט), איז קלאָר איינס: יעדעס יידיש בוך איז היינט אַ קליינער מתן־תורה.

האָט דען ווער געוואָלט נעמען די תורה, די גרויסע תורה פון משה רבינו? האָט מען זיך דען נישט ארומגעטראָגן מיט איר פון אומה צו אומה, און קיין איין בעלן האָט זיך נישט געפונען אויף איר? ביז מען איז געקומען צו די יידן און אַרויפ־געצווונגען זי אויף זיי: כפה עליהם הר כגיגית. און דאָס פאָלק, אַ דערשראָקנס, אַ געצוווּנגענס אָנצונעמען די תורה, האָט גע־זאָגט: נעשה ונשמע...

און אַז די יידן האָבן שוין אָנגענומען די תורה און געהערט וואָס זי פאָדערט און זאָגט אָן, האָט מען זי דען איינגעשלאָסן אין די מוחות און אין די הערצער? האָט מען דען דורות לאַנג נישט באַהאַנדלט די תורה ווי די היינטיקע ביכער: מען האָט זי נישט באַדאַרפט האָבן!

צי האָט זיך עמיץ פון די פּראַקטישע מענטשן געשטעלט אַמאָל די פראַגע: ווי וואָלט אויסגעזען די וועלט, ווען משה רבינו וואָלט געווען געענטפערט גאָט, אַז מען דאַרף די תורה נישט אַרויסגעבן, ווייל קיינער וויל זי נישט נעמען? צי האָט זיך עמיצער געשטעלט אַמאָל די פראַגע וועגן דעם אויסזען פון דער וועלט־געשיכטע, ווען משה וואָלט נישט אויסגעקריצט צום צווייטן מאָל די לוחות נאָך דער מעשה מיטן עגל הזהב?

די וועלט זעט אויך נאָכן מתן תורה אויס שרעקלעך, אָבער עס פּלעמלט זיך דאָך אַ זין אין איר!

און אונזער געשיכטע, די יידישע?

ווען נישט דער אומפּראַקטישער מתן תורה, וואָלט דען גע־ווען די יידישע געשיכטע, — די טראַגישסטע, אָבער אויך די זינרייכסטע, די מענטשלעכסטע, די געטלעכסטע?

קיינער דאַרף נישט קיין ביכער!

אָבער דאָך דאַרף מען זיי אַרויסגעבן, כסדר, כסדר, און דאַן וועט קומען אַ צייט ווען מען וועט הערן און זען וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן.

און איך וועל אפילו גיין אַזוי ווייט ביז צום אַרויסזאָג פון אַפּיקורסישן געדאַנק (פאַר מיר איז ער אוודאי אפּיקורסיש), אַז נישט נאָר דאָס אומפּראַקטישע אַרויסגעבן שעפערישע ביכער איז וויכטיק, נאָר אפילו דאָס דרוקן שוואַכע ביכער איז אויך וויכטיק, און טאָקע דווקא דערפאַר, ווייל מען דאַרף קיין ביכער נישט האָבן...

לאָמיר זיך אָפּנעמען אַ מוסר־השכל פון דער נאַטור: זי איז פאַרשווענדעריש אין איר אומגעצוימטן ווילן צום לעבן.

יעדער בוים צעוואַרפט מיטן ווינט מיליאָנען זוימען, וואָס נאָר געציילטע דערפילן דעם בוימס ווילן צו לעבן ווייטער, אין דער אומענדלעכקייט אריין. ווען אַ בוים וואָלט געווען אויסגע־רעכנט־פּראַקטיש, און געווען אַרויסגעגעבן בלויז עטלעכע זוימען, לויט דער צאָל וואָס בלייבן לעבן, וואָלט אַזאַ מין בוים געווען פאַרשווונדן פון דער אויבערפלאַך פון דער ערד.

נאָר דערפאַר וואָס דער בוים פאַרשפּרייט מיליאָנען זוימען, בלייבן עטלעכע פון זיי לעבן.

און וואָס מער דער באָדן, אויף וועלכן ער שטייט, איז פעלזיק, אַלץ מער פאַרשווענדעריש מוז דער בוים זיין.

אויך מיטן גייסטס ווילן צו לעבן איז דאָס זעלביקע. אויך דאָ — און גראָד דאָ — מוז מען זיין אומפּראַקטיש! מען מוז פאַרזייען וואָס מער ביכער, כדי די איינציקע, די שעפערישע, זאָלן האָבן אַ שאַנס צו קומען אויף דער וועלט און צו ווירקן.

מערסטנטיילס „שאַפונגען" גייען טאָקע אין ניוועץ, אָבער נאָר אַדאַנק דעם וואָס מען גיט זיי, די עקרדיקע ביכער, אַ מעגלעכ־קייט צו לעבן, קאָן דאָס פּרוכטבאַרע זיך אָננעמען. בפרט אויף אונזער שטייניקן באָדן.

מיר, יידן, האָבן אַרויסגעבראַכט אַ סך גאונים: אָבער ווי

קליין זייער צאָל איז אין פאַרגלייך מיט דער צאָל ישיבה־בחורים וואָס דאָס אָרעמע יידישע פאָלק האָט אויסגעהאַלטן! אַ גרויסע טייל פלעגט קאַליע ווערן; נאָך אַ גרעסערע פלעגט בלייבן אומ־שעפעריש; אָבער ווען נישט אָט־אָ־די אומפּראַקטישע מאַסן־פּראָדוקציע פון למדנים און נישט דערפאַרענע רבנים, וואָלטן די גאונים זיך נישט געווען אָפּגעפונען, — די גאונים, די מאורי־הגולה, וואָס האָבן טאַקע בפועל ממש איבערגעענטפערט דעם פאָלק פון יידישקייט און יידיש לעבן פון האַנט צו האַנט, פון דור צו דור. אַ דאַנק די צענער טויזנטער „פּאַטראָנעס" און באַנק־קוועטשער, פון וועלכע מען פלעגט לאַכן, איז געשאַפן געוואָרן דער באָדן, אויף וועלכן עס פלעגן שיטער אויסוואַקסן גאונים.

אויך אונזער ליטעראַטור, וואָס איר איז באַשטימט צו טראָגן ווייטער דעם פאָקל פון יידישקייט און יידישן גייסט, טאָר נישט זיין פּראַקטיש און טאָר זיך נישט רעכענען נישט מיט דעם, וואָס מען וויל בכלל נישט דאָס יידישע בוך, און נישט מיט דעם, וואָס פון צען ביכער זענען ניין אומשעפעריש, פאַר־מאָגן נישט די ראָזשינקע. לאָזט דעם בוים פון יידישן גייסט בליען און צעשיטן זוימען — וואָס מער זוימען, — נאָר דורך אומפּראַקטישער פאַרשווענדונג וועט אומגעריכט אויפבליען דער ווונדער פון המשך, פון נייע נביאישע דונערן, פון אַ נייעם ספר, וועלכן מען וועט שוין נישט דאַרפן ארויפצווינגען אויף קיינעם, ווייל ער וועט באַצווינגען די הערצער און די מוחות.

צוגיין צום לעבן פון גייסט מיט אַן ענגער פּראַקטישער מאָס, הייסט אים אומפּרוכטבאַר מאַכן...

קיינער דאַרף נישט דאָס יידישע בוך? אָבער מיר ווייסן, אַז דאָס פאָלק דאַרף עס, נויטיקט זיך אין דעם, ווי אין סם־החיים, ווייל דאָס איז באָדן, באָדן־צוגרייטונג, אויב נישט פאַרן היינט, איז פאַרן מאָרגן. נאָר נישט אָפּשטעלן דעם פּראָצעס פון יידישן געדאַנק, פון יידישן געפיל, ווייל ווען עס וועט קומען אַ צייט, ווען דאָס פאָלק וועט מוזן צופאַלן צו זיין גייסטיקן קוואַל, וועט עס, חס ושלום, נישט האָבן צו וואָס צוצופאַלן — דער קוואַל וועט זיין אָפּגעשניטן, אויסגעטריקנט...

י. ראַפּאָפּאָרט

* * *

אין שאַנכיי, ווו איך האָב נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו קויפן ביכער, פלעג איך אָפט שטיין שעהן־לאַנג ביי די שויפּענצטער פון ביכער־געשעפטן. און גלויבט מיר, איך האָב נישט נאָר געקוקט אויף זיי ווי דער פוקס אויף די ווייַנטרויבן, צו וועלכע ער האָט נישט געקאָנט גרייכן, — איך פלעג אויך גייסטיק געניסן פון די ביכער, אין וועלכע איך פלעג אריינדרינגען בלויז דורך זייערע נעמען און זייערע מחברשע נעמען. איך קאָן נישט זאָגן, אַז איך פלעג זאַט ווערן גייסטיק, אָבער אַ געוויסע גייסטיקע אָנרעגונג פלעג איך באַקומען פון מיין קוקן אויף די נישט־צוטריטלעכע ביכער.

צי דען באַשטייט דאָס עראָטישע לעבן פון אַ מענטשן נאָר אין געשלעכטס־אַקט? געניסט דען נישט אויך אַ מאַן פון בלויזן באַוועגן זיך צווישן שיינע פרויען (און פאַרקערט)? איז דען פאַר אַ מאַן נישט נויטיק אויך די אַטמאָספער פון אַ פרויען־געזעלשאַפט כדי צו בלייבן גייסטיק גלייכגעוויכטיק?

אויך דאָס גייסטיקע לעבן באַשטייט נישט בלויז אין שרייבן אַ בוך אָדער אין לייענען אַ בוך, — אויך אין גייסטיקן לעבן איז דאָ אַזאַ מין זאַך ווי — אַטמאָספער. אַ שמועס וועגן ביכער, דאָס בלעטערן ביכער, דאָס זיין ארומגערינגלט פון ביכער — פון גייסטיקייט — איז אויך אַ טייל פון גייסטיקן אויסלעבן זיך, פון לעבן קולטורעל.

און ווער קאָן דאָס דען וויסן בעסער פאַר אונז, יידן? איז דאָך אונזער גרויסע גייסטיקע קולטור בלויז טיילווייז געווען שעפעריש־אַקטיוו, — אין אַ גרויסער מאָס איז זי געווען אַטמאָספעריש־פּאַסיוו.

האָבן דען אונטערגעהאַלטן ביים לעבן אונזער ספר בלויז די לערנער, די דירעקטע אַקטיווע געניסער? דער יידישער ספר האָט געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין שעפעריש לעבן אויך די אַנאַלפאַבעטישע אָדער קוים־עברידיקע ליבהאָבער זיינע. אין אָן אַ שיעור יידישע היימען האָט איר געקאָנט געפינען יידישע ספרים, וואָס זענען פאַר די באַלעבאַטים זייערע געווען פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער; און דאָך זענען זיי נישט געווען פאַר זיי קיין איבעריקער באַלאַסט. אָט די ספרים האָבן געוואַרעמט זייערע הער־

צער; צוגעגעבן אַ יידישע וואַרעמקייט און אַ יידישע היימישקייט זייערע היימען; ארומגעוויקלט די דערציאונג פון זייערע קינדער מיט דער אַטמאָספער פון ליבע און דרך־ארץ צו יידישקייט און גייסטיקייט. אָט די נישט געלערנטע ספרים האָבן געשאַפן די ישיבה־בחורים, און זיי האָבן אויך געשאַפן די אָפט אָרעמע, דאָך וואַרעמע „טעג" פאַר די ישיבה־בחורים, פון וועלכע עס פלעגן אַרויסקומען גאונים.

אָט די ליבע צו אָפט נישט געלערנטע, צו אָפט קוים־פאַר־שטאַנענע ספרים האָט געשאַפן דעם קלימאַט, אין וועלכן עס איז געוואַקסן און זיך אַנטוויקלט די יידישע גייסטיקע קולטור.

געוויס האָט מען אַ סך געלערנט דעם יידישן ספר, אָבער נאָך מער האָט ער געהאַט פּלאַטאָנישע ליבהאָבער...

געוויס נויטיקט זיך אונזער היינטצייטיקער בוך, אונזער מאָדערנער ספר, אין לייענער, אָבער נאָך מער נויטיקן מיר זיך אין ליבהאָבער פון יידישן בוך, אין דער אַטמאָספער פון קולטור.

דאָס יידישע בוך דאַרף היינט אויספירן די זעלביקע ראָלע ווי דער ספר אַמאָל: ער דאַרף פאַרשפּרייטן קולטור, יידישע קול־טור; אָבער אויך אויסשטראַלן ליבע צו יידישער קולטור, ער דאַרף שאַפן דעם קלימאַט, אין וועלכן — און נאָר אין וועלכן — עס קאָן זיך ווידער אַנטוויקלען דער טיפּ פון יידישן לערנער, פון יידישן אינטעליגענט (אַמאָל — למדן), דער יידישער שאַ־פער (אַמאָל — רב און גאון).

מיר נויטיקן זיך אין אַזעלכע מענטשן, ווי עס איז פראַנץ ווערפעלס אַ העלד (אין זיין בוך „די פערציק טעג פון מוזאַ דאַג").

דער דאָזיקער מענטש, אַן אַרמעניער, מיטן נאָמען קריקאָר, האָט ליידנשאַפטלעך ליב ביכער, הגם ער קאָן זיי נישט לייענען. ער זאַמלט זיי, היט זיי ווי אַן אוצר, און קוקט אויף זיי (אויך אויף אַלטע, ווערטלאָזע גראַמאַטיקעס) ווי אויף אַן אוצר.

ווען די אַרמעניער אַנטלויפן אין ערשטן וועלט־קריג פון די טערקישע שחיטות, אַנטלויפט ער אויך, צוזאַמען מיט זיין דאַרף, אויפן באַרג מוזאַ דאַג. אָבער בעת אַנדערע נעמען מיט שפּייזן און שטוב־זאַכן, שלעפּט קריקאָר זיינע ביכער, זיינע שמות (אָפט,

אָביעקטיוו גענומען — ווערטלאָזע שמות).

מיר האָבן אַמאָל פאַרמאָגט אַ סך לומדים, אַ סך לערנער, און היינט פאַרמאָגן מיר זיי נישט; מיר האָבן אַמאָל פאַרמאָגט אַ סך אַזעלכע הייליקע, קולטורעלע עם־הארצים, ווי דער אַר־מעניער קריקאָר, און היינט פאַרמאָגן מיר זיי נישט. און איך באַדויער זייער פעלן נאָך מער, ווי דעם פעלן פון די לומדים, ווייל זיי, אָט די הייליקע עם־הארצים, האָבן מעגלעך געמאַכט די יידישע לומדות, האָבן מעגלעך געמאַכט פאַר די יידישע לומדים צו לעבן און אָפּצוגעבן זיך מיט גייסטיקער קולטור. אָט די עם־הארצים מיט זייער יראת הכבוד פאַר דאָס גייסטיקע, האָבן פאַר־מאָגט קולטור, — נאָכמער: זיי האָבן געשאַפן דעם גייסטיקן קלימאַט, אין וועלכן עס איז געוואַקסן און עס האָט זיך אויסגע־לעבט — קולטור.

איך בענק אין אונזער „קולטורעלער" קולטורלאָזיקייט נאָך די דאָזיקע קולטור־שאַפנדיקע און קולטור־פאַרהיטנדיקע עם־הארצים. ווו נעמט מען זיי!?

דער תירוץ, אַז מען גיט נישט אַרויס קיין ביכער, ווייל מען לייענט זיי נישט, איז אַ שעדלעכער, אַ געפערלעכער: אַזאַ פּראַק־טישער צוגאַנג באַדייט, אַז מען לאָזט צעשטויבט ווערן דעם באָדן, וואָס נאָר אויף אים קאָנען נעמען וואַקסן לייענער.

גראָד אין אַזאַ צייט ווי אונזערע, ווען עס זענען געוואָרן אַזוי זעלטן די קולטור־פרומע עם־הארצים, דאַרף מען, מוז מען אַרויסגעבן וואָס מער ביכער, און מיט געוואַלד זיי טראָגן אין די קולטורלאָזע היימען אונזערע, מיט קינסטלעכע מיטלען זען אויפהאַלטן דעם באָדן, וואָס אויב מען וועט אים ווייטער לאָזן צעשטויבט ווערן, וועט שוין קיין רעטונג נישט זיין...

מיר זענען דאָס שולדיק אונזערע קינדער, וועלכע וואַקסן אויף אין קולטורלאָזע היימען, וואָס אַמאָל זענען זיי פול געווען מיט ספרים, און היינט זענען זיי פּוסט פון גייסטיקייט.

ווייזט די קינדער, אַז יידישע קולטור איז נישט קיין פּוסט וואָרט, אַז עס איז עפּעס ווערט ביי אייך, אַז איר צאָלט דערפאַר און איר באַשיינט מיט דעם אייערע היימען...

ביכער אין אַ שטוב זענען ווי אַ פאָן, — זי פירט און ווייזט די ריכטונג, אפילו ווען עס איז אויף איר גאָרנישט אויפ־

געשריבן פון דרויסן אָדער ווען מען קאָן די אויפשריפט נישט לייענען...

זי פלאַטערט שטום און רופט ערגעץ און דערמאָנט אין עפּעס...

ביי פּרץ׳ן, דעם דאָזיקן טיפן יידישן דענקער, איז דאָ אַן עסיי „וואָס פעלט אונזער ליטעראַטור?״

שטעלט ער דאָרט דער יידישער ליטעראַטור (און במילא דעם יידישן לעבן) גורל־פראַגן:

„ווו איז דער יידישער געדאַנק? די שכינה? איז פאַראַן אַ פאָלק..., אַ וואַנדערפאָלק... און דאָס פאָלק לעבט, ליידט און גייט נישט אונטער; שוואַך און ווערט באַקעמפט פון די מעכ־טיקסטע... און גיט זיך נישט אונטער, — מוז אַזאַ פאָלק אַנדערש זען, אַנדערש פילן, אַן אַנדער וועלט־אַנשויאונג האָבן... — שפּיגלט זיך עס אָפּ אין אונזער ליטעראַטור?

„זעט ווער מיט יידישע אויגן, פילט ווער מיט אַ יידיש האַרץ, קלינגט ערגעץ ווו דאָס יידישע נשמה־וואָרט?״

אָבער ווי אַזוי זאָל קלינגען „דאָס יידישע נשמה־וואָרט״, אויב מען רייסט אוים ביים פאָלק זיין צונג, אויב מען גיט נישט דעם שרייבער קיין מעגלעכקייט נישט צו לעבן און נישט צו ווירקן, אויב מען פאַרמשפּט דעם שרייבער, מיט זיין וויכטיקער מיסיע צוזאַמען, אויף גייסטיקן כרת?

די יידישע ליטעראַטור האָט דערהערט פּרץ׳עס רוף און זי האָט געגנומען געבן „דאָס יידישע נשמה־וואָרט״, זי האָט גענו־מען שאַפן ספרים, אָבער שוין אין איר ערשטן פלי האָט מען איר אונטערגעשניטן די פליגל, און מען דערלאָזט נישט זיי זאָלן איר צוריק אָפּוואַקסן...

מען לאָזט אויסטריקענען דעם מקור פון יידישן געדאַנק, מען לאָזט שטום ווערן דאָס יידישע וואָרט, דאָס שעפערישע יידישע וואָרט...

* * *

אין זיין געשיכטע פון יידישן פאָלק, גיט דער פראַנצויזישער היסטאָריקער רענאַן אַ קינסטלעריש בילד פון דעם, ווי אַזוי די יידן גייען אין גלות בבל אריין.

ער באַשרייבט מיט זיין קינסטלערישער פעדער דאָס בילד ווי

אַ פֿאָלק גייט אין גלות, און אין דאָזיקן צוג פֿון מענער, פֿרויען און קינדער, וואָס שלעפּן מיט פֿון זייער פֿאַרמעגן וואָס עס לאָזט זיך, גייט אַ באָרוועסער כהן און ער פֿירט אַן אייזעלע. און אויפֿן אייזעלע האָט ער אַרויפֿגעפּאַקט נישט קיין גאָלד און זילבער, נישט קיין רעשטלעך פֿון זיינע שטוב־חפצים, נאָר פֿאַרמעטענע מגילות, די יידישע תורה.

און אַ דאַנק אָט דעם אייזעלע, וואָס האָט געשלעפּט אויף זיך דעם יידישן גייסט, האָבן זיך די אייניקלעך פֿון די פֿאַרטרי־בענע יידן אומגעקערט פֿון בבל אַלס רייף יידיש פֿאָלק...

דאָס יידישע פֿאָלק נויטיקט זיך היינט ווידער אין טרייע כהנים, וואָס זאָלן שלעפּן מיט זיך אין די זאַמדן פֿון יידישן מדבר־וועג דאָס יידישע וואָרט, דעם יידישן גייסט.

דער יידישער שרייבער, וואָס שלעפּט אויף זיך אין איינ־זאַמקייט דעם יאָך פֿון יידישן בוך, פֿון יידישן גייסט, קוקט אויס די אויגן אויף די, וועלכע זאָלן אויך וועלן נעמען אויף זיך, ווי ער, די דאָזיקע בכבודיקע ראָל.

מיר האָבן גענוג קלוגע, וועלכע קאָנען אויסרעכענען מיטן אַקוראַט צי ס׳לוינט פֿון סוחרישן שטאַנדפּונקט אַרויסצוגעבן יידישע ביכער, צי מ׳לייענט זיי, צי נישט; ווו זענען אָבער די יעניקע, וועלכע זאָלן נעמען אויף זיך אַ טייל פֿון דער משא, וואָס דער יידישער שרייבער טראָגט אויף זיך, און אונטער וועלכער ער פֿאַלט אָפּט און ברעכט צוזאַמען פֿיזיש און גייסטיק?

ווו זענען זיי?!

זאָל זיי נישט אָפּשרעקן דאָס, וואָס די קלוגע וועלן אויף זיי (ווי אויף די שרייבער) קוקן ווי אויף אייזלען, — זיי וועלן זיין פֿון יענע טרייע אייזעלעך, וועלכע וועלן נאָך פֿאַרהערלעכט אין דער יידישער געשיכטע דאַן, ווען פֿון די קלוגע בעלי־חשבון איז שוין לאַנג קיין זכר נישטאָ...

עסן טעג...

מ׳האָט שוין ביי אונז גענוג אָפּגעלאַכט פֿון אונזער אַמאָליקער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אינסטיטוציע פֿון „עסן טעג”; עס איז

שוין צייט מען זאָל זינגען אַ הימן פאַר איר.

די דאָזיקע אינסטיטוציע פון „עסן טעג" האָט געהאַט געגעבן אויסערלעכע זייטן, וואָס האָבן געררייצט צו סאַטירע, צו געבן שמייז; אָבער גלייכצייטיק האָט זי פאַרמאָגט אַן אינהאַלט, וואָס נישט יעדער איינער האָט אים געקאָנט באַגרייפן און אָפּשאַצן.

איצט, ווען די דאָזיקע אינסטיטוציע (ביז אירע לעצטע רעשטלעך) איז אומגעקומען צוזאַמען מיטן מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום, וואָס האָט זי געשאַפן, בענקט זיך אַלץ אָפטער און אָפטער אויב נישט נאָך דער פאָרם פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע, איז נאָך איר גרויסן אינהאַלט.

די אינסטיטוציע פון „עסן טעג" איז געווען אַן אָרגאַנישער טייל פונם לעבן פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום, און זי האָט געטיילט דעם גורל פון דאָזיקן גאַנצן יידנטום: דאָס אויסערלעכע פון זיין לעבן, זיין גוף, איז געווען אָרים און אָפט אָפּשטויסנדיק; אָבער זיין אינהאַלט, זיין נשמה, איז געווען גרויס, ממש דערהויבן.

* * *

די אינסטיטוציע פון „עסן טעג" איז איינע פון די שענסטע קולטור־דערשיינונגען נישט נאָר אין יידישן לעבן, נאָר אין דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע.

סאַראַ גרויסע, ממש געוואַלדיקע דערשיינונג! אַן אָרים פאָלק, וואָס האָט נישט פאַרמאָגט נישט קיין רעגירונג און נישט קיין מעצענאַטן, וואָס זאָלן שאַפן פאַר אים אוניווערזיטעטן און אַקאַדעמיעס, איז אַליין געוואָרן זיין אייגענער קאָלעקטיווער מעצענאַט, האָט געפונען אַ פשוטן, פרימיטיוו־אייגנאַרטיקן און רירנדיקן מיטל אויסצובויען און אויפצוהאַלטן אַקאַדעמיעס, וואָס זאָלן אויפהיטן און אַנטוויקלען זיינע גייסטיקע אוצרות, זיין גייסטיקע קולטור. יעדער ייד האָט געגעבן אַ טאָג עסן די ישיבה־לייט (און אָפט אויך די רבנים פון די ישיבות), כדי יענע זאָלן קאָנען זיך אָפּגעבן מיט לערנען תורה, כדי עס זאָלן קאָנען אויסוואַקסן פון זיי רבנים און גאונים.

דער עיקר גרויסקייט פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע באַשטייט אין דעם, וואָס די אָרימע יידן, וועלכע פלעגן זיך אָפט טיילן מיטן ביסן מיט די ישיבה־לייט, האָבן נישט געקוקט אויף

זייער „געבן א טאָג" ווי אויף א נדבה — זיי האָבן געקוקט דערויף ווי אויף אַן אינוועסטיציע, פון וועלכער זיי האָבן דער־וואַרט גייסטיקע דיווידענדן; מער נאָך, זיי האָבן געקוקט דערויף נישט נאָר ווי אויף אַן אָפּשפּאַרעניש אויף עולם הבא, נאָר אויך ווי אויף אַן אינוועסטיציע פון וועלכער זיי האָבן דערוואַרט רווחים נאָך אויף דער וועלט.

האָט דאָך יעדער ייד געקוקט אויף דער תורה ווי אויף זיינעם אַ פּערזענלעכן ענין, ווי אויף זיין וויכטיקסטער זאַך; האָט דאָך יעדער ייד זיך געפילט ווי אַ שותף צו דער תורה, וואָס אָט די ישיבה־בחורים האָבן זי באַדאַרפט אויפהאַלטן, און דער־מיט געבן אַ תיקון אויך זיין, דעם פּשוטן יידנס, נשמה, אויך זיין, דעם פּשוטן יידנס לעבן.

ניין, דאָס געבן עסן טעג איז נישט געווען קיין נדבה, נאָר אַן אינוועסטיציע מצד דעם יחיד אין דער געמיינזאַמער קולטור; דורך „געבן אַ טאָג" אַ ישיבה־בחור, איז דער ייד געוואָרן אַ מיטשותף צו דער יידישער קולטור, וואָס דאָס איז נישט געווען קיין אבסטראַקטער באַגריף, נאָר אַ קאָנקרעטער לעבנס־איינ־האַלט און, — נאָך מער, — אַ קאָנקרעטע לעבנס־אַטמאָספער פון אַ כלל.

ווען אברהם רייזען זינגט וועגן ישיבה־בחור, וועלכער „עסט טעג און שלינגט טרערן", זעט ער בלויז אויבערפלעכלעך די אינסטיטוציע פון „עסן טעג"; פּונקט ווי עס זעט זי אויבער־פלעכלעך לאַמעד שאַפּירא אין זיין זייער גוט־געשריבענער דער־ציילונג „געגעסענע טעג". זיי זעען בלויז דעם גוף פון דער דאָ־זיקער אויסטערלישער אינסטיטוציע.

עס איז גענוג צו פאַרגלייכן די „געגעסענע טעג" פון דער אַמאָליקער יידישער אינטעליגענץ (די ישיבה־בחורים) מיט די „געגעסענע טעג" פון דער היינטיקער יידישער אינטעליגענץ (די יידישע שרייבער), כדי צו זען דעם אונטערשייד, כדי צו זען דעם טיפן באַרג אַראָפּ, וואָס אונזער קולטור־צושטאַנד האָט דורכגעמאַכט.

דער אָרימער געבער פון אַ טאָג עסן פלעגט זיך פילן דער־הויבן וואָס ער קאָן מיטהעלפן צו דער אויסבילדונג פון אַ בן־תורה; מען פלעגט דעם ישיבה־מאַן אויפנעמען ווי אַ העכער

ווערן, אין וועמעס ליכט (אין דער ליכט פון זיין תורה) מען האָט זיך געחיותט; און טאָמער פלעגט אַ ישיבה־מאַן ארויסגיין לתרבות רעה, פלעגט יעדער ייד דאָס אויפנעמען ווי אַ פערזענלעכן גייסטיקן פארלוסט.

אָבער היינט? אז אַ שרייבער גייט אַרום פאַרקויפן אַ בוך (אָדער מען גייט פאַר אים פאַרקויפן זיין בוך), איז עס דען נישט דאָס זעלבע ווי „עסן טעג"?

בלויז מיט דעם אונטערשייד, וואָס די קולטור־שכינה האָט זיך אָפּגעטאָן פון יידישן פאָלק, און דער בוך־קויפער פילט אַז ער גיט דערמיט אַ נדבה אַן אָרימאַן, אַ שנאָרער. פּערזענלעך האָט דער קויפער־געבער (מען רעדט דאָך נישט פון קיין אויסנאַמען!) קיין שום באַציאונג נישט צום געקויפטן בוך, — דאָס איז נישט קיין אינוועסטיציע אין אַן אייגענעם קולטור־ענין, — דאָס איז אָפּטשעפּעניש־געלט. דער געבער דערוואַרט נישט קיין גייסטיקע דיווידענדן פון זיין „קרבן", — ער טראַכט בלויז ווי אַזוי ער זאָל זיך דעם נאָנטסטן מאָל אַרויסדרייען פון דער איבעריקער לאַסט צו שטיצן די אומנוציקע פאַר אים בוך־פּראָדוקציע.

און טאָמער הערט מען אַז אַ יידישער שרייבער איז געוואָרן אַ „לייט" (ד.ה. אַ קרעמער אָדער אַ קליידלעך־נייער), פילט קיינער נישט קיין ווייטיק וואָס די יידישע גייסטיקייט, וואָס די פאָלקס־שכינה שרומפּט כסדר איין; אדרבא, מען איז באמת צופרידן; איינע גלויבן, אַז אַ יידישער שרייבער איז גראַטעוועט געוואָרן און זענען צופרידן פאַר אים, און אַנדערע זענען צופרידן וואָס זיי זענען געראַטעוועט געוואָרן פון אים.

די אויסערלעכע אָרימקייט און מנוולדיקייט פון אַמאָל, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ היינטיקער אינערלעכער אָרימקייט און מנוולדיקייט.

ליטעראַטור און לעבן

די באַציאונג פון רוב מענטשן צו ליטעראַטור איז ענלעך צו דער באַציאונג פון געוויסע ווילדע צו זייערע געטשקעס.

דער ווילדער קוקט אויף זיין געטשקע ווי אויף אַ גאָט,

קניט פאַר אים און איז גרייט אַלץ מקריב צו זיין פאַר אים; אָבער ווי נאָר זיינער אַ פאַרלאַנג ווערט פון דער געטשקע נישט דערפילט, וואַרפט ער עס אריין אין פייער.

ענלעך איז מיט דער באַציאונג צו ליטעראַטור. אָדער מען קוקט דערויף ווי אויף עפּעס געטלעכעס, מיט גרויס יראת הכבוד, אָדער מען וואַרפט עס אַרויס דורכן פענסטער. עס זענען דאָ עפּעס מענטשן — אויבער־מענטשן, — וואָס פאַרנעמען זיך מיט ליטעראַטור, אָבער צום לעבן גופא האָט עס נישט קיין שייכות. און דעריבער: וויל מען — פאַרגעטערט מען דאָס; וויל מען ווידער — וואַרפט מען דאָס אין פייער.

צי איז דאָס אָבער ריכטיק? צי איז טאַקע ליטעראַטור פרעמד צום לעבן? צי האָט זי נישט מיט אים קיין אינטימע פאַרבינדונג, קיין נויטווענדיקע פאַרבינדונג? צי איז דיכטונג טאַקע אַ הויכע זאַך, אָבער זי האָט אַ שייכות בלויז צום דיכטער און נישט צו יעדן פון אונז; וואָס האָט אַ שייכות העכסטנס צו יעדנס פּרייוויליקן יום־טוב, אָבער נישט צו יעדנס געצוווּנגענעם אינדערוואָכן?

דער פראַנצויזישער דיכטער לאַמאַרטין האָט געשריבן אין אַ פאָרוואָרט צו איינעם פון זיינע לידער־ביכער (ווי מיר דאַכט: „לע מעדיטאַסיאָן"): „איך רייד וועגן זיך; קום נענטער — איך רייד וועגן אונז; קום גאָר נאָענט: איר רייד וועגן דיר".

מיט די דאָזיקע פּשוטע עטלעכע ווערטער האָט לאַמאַרטין וווּנדערלעך־טיף אויסגעדריקט דעם וועזן פון דיכטונג: דער דיכטער רעדט, דאַכט זיך, וועגן זיך, אָבער עס איז גענוג צוצו־קומען נענטער, איינהערן זיך צו דעם, וואָס ער זאָגט, כדי צו דערהערן, אַז ער רעדט וועגן יעדן פון אונז. דיכטונג עפנט אויף פאַר אונז נישט נאָר דאָס האַרץ פון דיכטער, נאָר אויך אונזער אייגן האַרץ. ווען מיר פאַרשטייען טיף דעם דיכטער, הייבן מיר אָן צו פאַרשטיין טיפער אויך זיך. דער דיכטער וואַרפט אַ בריק פון זיין טיף־מענטשלעכס צו אונזער טיף־מענטשלעכס, און עס שטעלט זיך אַרויס, ווען מיר גייען דורך די דאָזיקע בריק, אַז די צוויי כלומרשט אָפּגעשלאָסענע, פיינטלעכע וועלטן זענען גאָר די נאָענטסטע קרובים, כמעט ווי איינס.

*   *   *

דאָס לעבעדיקע האָט אַ טבע מעכאַניזירט צו ווערן. עס הערט אויף צו שפּירן שאַרף איר אייגענע לעבעדיקייט מיט דער צייט. עס ווערט באַהערשט דורך דער מעכאַניזירטער געוווינהייט. דאָס איז אַ נויטיקע עקאָנאָמיע פאַרן פּראַקטישן לעבן. ווען דער מענטש וואָלט כסדר מיט דער עכטער לעבעדיקער שאַרפקייט געוווען אויפגענומען די וועלט און דאָס לעבן, וואָלט אין לעבן די קאָנטעמפּלאַציע ווייט־ווייט געווען איבערגעשטיגן די האַנדלונג, און די גלייכגעוויכט פון לעבן — וואָס באַשטייט פון גייסט און חומר — וואָלט געווען געשטערט געוואָרן. צו גרויסע אייניקייט מאַכט קראַנק דאָס לעבן — אָדער גייסטיק־קראַנק אָדער פיזיש־קראַנק. די פילבאַרקייט פון לעבן ווערט דעריבער — אַ דאַנק דער געוווינהייט — באַצויגן מיט אַ האַרטער הויט, וואָס טעמפּט אָפּ די פילבאַרקייט, איזאָלירט זי פון צו פיל איינדרוקן, פון צו פיל געררייצט ווערן. מען הערט אויף צו פילן די אייגענע פילבאַרע לעבעדיקייט און אַ פּשיטא שוין — יענעמס. מען באַוועגט זיך אין לעבן ווי אַ שטיק מעכאַניזם צווישן אַ שיעור אַנדערע מעכאַניזמען.

די דאָזיקע נויטיקע פּראַקטישע פאַרמעכאַניזירטקייט וואָלט אָבער אינגאַנצן געווען אָוועקגעטויט דאָס לעבעדיקע פון לעבן, די שיינקייט פון לעבן, די מענטשלעכקייט פון לעבן, ווען נישט די קעגנווירקונג פון דיכטונג, פון דער „ליטעראַרישער" פונקציע, וואָס ליטעראַטור איז בלויז איין אויסדרוק איר.

די ליטעראַרישע פונקציע רייסט אַראָפּ די גראָבע הויט, וואָס דאָס פּראַקטישע ציט אַרויף אויפן לעבן צוליב פּראַקטישע צוועקן. זי דעקט אָפּ די פילבאַרקייט פון לעבן, דאָס סאַמע לעבעדיקע, און ברענגט זי אין קאָנטאַקט מיט דער וועלט. אַ דאַנק דעם דאָזיקן קאָנטאַקט דערפילט דער מענטש די אייגענע לעבעדיקייט און די לעבעדיקייט פון דער וועלט.

און אין דעם באַשטייט די פאַרבינדונג צווישן ליטעראַטור און לעבן.

*   *   *

לאָמיר נעמען אַ פּאָר גוט־באַקאַנטע ביישפּילן.

ביטשער סטאָוס „דאָס שטיבל פון אָנקל טאָם" און טורגע־

ניעווס „נאָטיצן פון אַ יעגער" האָבן געהאַט אַ באַדייטנדיקן איינפלוס אויף די געשיכטלעכע געשעענישן פון זייער צייט: „דאָס שטיבל פון אָנקל טאָם" האָט אַ חלק אין דעם באַפרייען די נעגער־קנעכט אין די פאַראייניקטע שטאַטן און „די נאָטיצן פון אַ יעגער" האָבן אַ חלק אינם באַפרייען די לייבאייגענע אין צאַרישן רוסלאַנד.

געוויס, מען דאַרף זיך דעם ענין נישט פאָרשטעלן צו פּשוט, למשל: טורגעניעוו האָט אָנגעשריבן זיין בוך און אַדאַנק דעם איז דאָס לייבאייגנטום אין רוסלאַנד אָפּגעשאַפט געוואָרן. די ווירקונג פון טורגעניעווס בוך האָט זיך זיכער צונויפגעטראָפן מיט אַנדערע ווירקזאַמע פאַקטאָרן פון פּאָליטישן און ווירטשאַפטלעכן כאַראַקטער. אָבער מען טאָר נישט אונטערשאַצן דעם פּסיכאָלאָגישן פאַקטאָר, וואָס האָט געשפּילט דערביי אַ גרויסע ראָלע. אין דער רוסישער געשיכטע פון יענער צייט איז באַקאַנט דער פאַקטאָר פון „קראַנקן געוויסן" ביי דעם פאָרגעשריטענעם טייל פון יונגן פּריצנטום, — און אָט דער דאָזיקער פאַקטאָר פון קראַנקן געוויסן האָט ביי דער באַפרייאונג פון פּויערטום געהאַט אַ גרויסן חלק. און נישט נאָר ביי דער באַפרייאונג פונם פּויערטום, — אויך ביי אַלע אַנדערע געשיכטלעכע איבערקערענישן שפּילט דער דאָזיקער מאָמענט פון קראַנקן געוויסן גאָר אַ גרויסע ראָלע. דער פּריווילעגירטער קלאַס פון דער געזעלשאַפט, דער צד, וואָס באַגייט די געזעלשאַפטלעכע עוולה, פאַרלירט די זיבערקייט אין זיין גערעכטיקייט, ער ווערט אומזיכער, ער נעמט זיך וואַקלען, ער נעמט צולאָזן אין גידאַנק, אין געפיל די מעגלעכקייט פון אַן ענדערונג, און דאָס גראָבט אים אונטער, דאָס שוואַכט אָפּ זיין ווידערשטאַנד־קראַפט, דאָס רייצט צום אָנגריף דעם צווייטן צד, דאָס מאַכט דעם קלאַפּ טויטלעך, ווייל ער פאַלט אויף אַן אויסגעהוילטן בוים, וואָס האַלט נישט אויס דעם קלאַפּ. און אָט די דערשיינונג פון קראַנקן געוויסן ווערט אַרויסגערופן דורך דער ליטעראַטור.

ווי אַזוי דערגרייכט זי דאָס? זי דערזעט און לאָזט אַנדערע זען דאָס אויסערלעכע פון אינעווייניק, זי עפנט דאָס טירעלע, וואָס פירט צום אינטים־אינערלעכן פון דער אויסערלעכער דערשיינונג.

זייט דורות איז מען אין רוסלאַנד געווינט געווען צו זען אין פּויער אַן אויסערלעכע זאַך, וואָס דינט דעם אייגענעם לעבן, ווי אַ פערד, אַ קו, אַ שטיוול. מען האָט זיך באַנוצט מיט דער דאָזיקער זאַך מעכאַניש, אָן ארײַנטראַכטעניש, אָן ארײַנקלערע־ניש. טראַכט זיך דען דער מענטש ארײַן אינם וועזן פונם בערשטל, מיט וועלכן ער פּוצט אָפּ די שיך? טראַכט ער זיך דען געוויינלעך ארײַן אינם וועזן פונם פערד, וואָס פירט אים צום געשעפט? פּונקט אַזוי וויניק האָט זיך דער רוסישער פּריץ ארײַנגעטראַכט אינם וועזן פונם לײַבאײַגענעם, וואָס האָט אים באַדינט, געאַרבעט פאַר אים. דאָס איז געווען איינע פון די פילע זאַכן פון דער אויסערלעכער וועלט, וואָס זענען נייטיק צום לעבן, וואָס מאַכן עס לײַכטער און באַקוועמער. און מיט־אַמאָל קומט דער שרײַבער און רײַסט אַראָפּ פון די דאָזיקע פּראַקטיש־נוצלעכע זאַכן — פונם לײַבאײַגענעם, פונם נעגער־קנעכט—דעם אויסערלעכן צודעק און דעקט אָפּ זייער אינטימען קערן, — ער אַנטפּלעקט אין דער זאַך דעם מענטשן, דעם אינ־טימען מענטשן. און דער רוסישער און דער אַמעריקאַנער פּריצי־שער זון, דער אינטעליגענט, ווערט אויפגעוועקט פון זײַן פּראַק־טישער געפיללאָזיקייט, ווערט אַרויסגעריסן פון פּראַקטישן שלאָף, און זײַן אויפגעוועקט געפיל, זײַן אויפגעוועקטע אינטימע וועלט קומט אין באַרירונג מיט דער אינטימער וועלט פון דעם נעגער, פון דעם לײַבאײַגענעם, — ער דערקענט אין זיי דעם אייגענעם „איך״, עפּעס אומגעהויער נאָענטס, אייגנס. און דאָס געוויסן ווערט דערוואַכט, הויבט אָן צו קרענקען אויף דער שרעק־לעכער קרענק פון דערקענטעניש, פון מיטגעפיל, פון פילנדיקן וויסן, און מען קאָן בשום אופן נישט פאַרמאַכן דאָס בוך און איבערגיין איבער אים צום פריערדיקן סדר־היום. עפּעס האָט זיך ארײַנגעשטאָכן אין דער נשמה, אינם געוויסן, און עס נעמט אָנרײַסן, און עס רײַסט אַזוי לאַנג, ביז עס מוז אויסגעשטאָכן ווערן, ביז עס פּלאַצט.

עס איז אַ באַקאַנטע זאַך: אַ מענטש קאָן קענען דעם צווייטן נאָר דורך זיך, דורך אייגענער דערקענטעניש. אַ מענטש ווייס פון דערפאַרונג, אַז ווען עס טוט אים עפּעס שטאַרק ווי,

וויינט ער; דעריבער וויים ער, אַז יענעם טוט אויך וויי, ווען ער זעט יענעם וויינען.

אַליין דערקענט אָבער דער מענטש די אייגענע אינערלעכ־קייט אויבערפלעכלעך, און ער מוז אָנקומען צום דיכטער, כדי אַריינצוקוקן טיפער אַפילו אין זיך אַליין. בפרט ביים אַריינקוקן טיפער אינם צווייטן. אויף אַריינצוקוקן אינם צווייטנס אויבער־פלעכלעכער אינערלעכקייט, זענען דאָ אויסערלעכע סימנים, ווי דאָס וויינען, דאָס געשריי א. א. וו.; אָבער כדי אַריינצודרינגען טיפער אינם צווייטנס אינערלעכקייט, מוז מען אָנקומען צום דיכטער, וועלכער דערפילט די וויכטיקסטע אויפגאַבע פון אַ „טשיטשעראָנע" אין די לאַבירינטן פון אייגענעם און פון דעם צווייטנס אינטימען „איך" און וויזט יעדן איינעם זייער אינטימע קרובהשאַפט. און אַדאַנק אָט דער פונקציע — ווי מיר האָבן געזען אויף די ביישפּילן פון ביטשער סטאָוס און טורגעניעווס ביכער — איז די ליטעראַטור ענג פאַרבונדן מיטן לעבן; וואָרום קאָן דען זיין אַן ענגערע פאַרבינדונג ווי דורך באַווירקונג?

* * *

סאַראַ סך עס וואָלט געווען געפעלט אין לעבן, ווען נישט די ליטעראַטור־פונקציע, וואָס מען קוקט אויף איר אָפט ווי אויף אַן איבעריקע זאַך, ווי אויף אַן אומנוציקער שפּיל, ווי אויף אַן אָנגענעמען, אָבער נישט־נויטווענדיקן צייטפאַרטרייב. עס וואָלט געווען געפעלט די וואַרעמקייט פון מענטש צו מענטש, דער רחמנות־געפיל, די ליבע, — ווייל קיינער וואָלט קיינעם נישט געווען געקענט, עס וואָלטן געווען זיין פאַרשפּאַרט די טירן אַפילו צו דער אייגענער טיפערער אינטימער וועלט און צו יענעמס אינטימער וועלט — אוודאי און אוודאי. קיינער וואָלט קיינמאָל קיינעם נישט געווען טיף מיטגעפילט, אחוץ אפשר ביים וויינען און ביים שרייען; קיינער וואָלט אויף קיינעם נישט געווען רחמנות געהאַט, נישט ליב געהאַט מיט ליבע, וואָס וואַרעמט אַפילו פונדערווייטנס. ווייל דיכטונג, די ליטעראַטור־פונקציע, איז די נויטיקסטע זאַך אין לעבן, די פּראַקטישסטע, אויב מען זאָל פאַרשטיין דאָס וואָרט „פּראַקטיש" אין זיין ריכטיקן, אין זיין ריכטיקסטן טייטש — אַלס נויטווענדיקס, אַלס אומבאַדינגט נויטיקס.

* * *

טאלסטאי הויבט אן זיין ראמאן „תחית המתים” מיט א גוואלדיקן אקארד:

„וויפל מי די מענטשן האבן זיך נישט געגעבן צו פארדארבן די ערד, אויף וועלכער זיי האבן זיך צוזאמענגעפרעסט צו עטלעכע הונדערט טויזנט אויף איין קליינעם שטח; וויפל שטיינער זיי האבן נישט אנגעשאטן אויף דער ערד, כדי עס זאל אויף איר, חס וחלילה, קיין זאך נישט וואקסן; ווי זיי מאטערן זיך נישט אויסצורייסן יעדעם גרעזעלע אפילו; ווי זיי האבן נישט פארפאסקודיעט די ערד מיט רויך, דאמף און אויל; די ביימער ארומגעשניטן און אויסגעהאקט, און חיות און פויגלען פארטריבן, — דער פרילינג איז דאך געווען פרילינג, אפילו אין שטאט”.

דאס ביסל גראז, וואס שלאגט זיך דורך א וועג צווישן די שטאטישע ברוק־שטיינער, איז בלייך און נישטיק, אבער טאלסטאי האט הינטער די דאזיקע ארימע גראזן דערזען — דערשפירט — די קאסמישע כוחות, וואס טרייבן זיי ארויס צו ליכט, צו עקזיסטענץ. די ארימע גראזן זענען פאר טאלסטאיען געווען סימבאלן פון עפעס גרעסערס, פון עפעס דערשיטערנדיק־געוואלדיקס, ווען מען דערשפירט עס, ווען מען באגרייפט עס.

דאס זעלבע דארף מען שפירן בנוגע ליטעראטור, אפילו ווען מען האט פאר זיך נעבעכדיקע אויסדרוקן אירע. ווי יעדן כוח, קאן דער מענטש אויך מיסברויכן די ליטעראטור־פונקציע, די ליטעראטור־קראפט; פונקט ווי דער מענטש מיסברויכט מיטן גערעדטן ווארט און פראפאנירט זיין באשטימונג און קראפט, אזוי קאן דער מענטש אויך פראפאנירן דאס געשריבענע ווארט: מען קאן פלוידערן מיטן מויל און מען קאן פלוידערן מיט דער פעדער. אבער ווען מען זעט פאר זיך דעם שטראם ליטערארישן טאנדעט, טאר מען נישט אריינפאלן אין א ביטול־שטימונג לגבי דער ליטעראטור בכלל, וואס איז איינער פון די ווונדערבארסטע אינסטרומענטן, וואס דער מענטש האט געשאפן. צוערשט האט דער מענטש געשאפן דעם ווונדערבארן אינסטרומענט פון דער ווארט־קונסט. און הינטער די סאמע אומגעלומפערטע מאניפעסטאציעס אירע שטייט אין איר גאנצער דערהויבנקייט און מאכט די קראפט, וואס אפילו זיי, אט די אומגעלומפערטע מאניפעס־

טאַציעס, סימבאָליזירן פאַר די, וועלכע קאָנען זען טיפער, — ווי טאָלסטאָי האָט געזען די קאָסמישע קראַפט דורך די שטאַטישע בלייכע גרעזלעך.

דאָס הייסט נישט, אַז מען דאַרף קניען פאַר יעדער ליטע־ראַרישער מאַכערייקע; אָבער מען דאַרף תמיד געדענקען אַז פּונקט ווי די מענטשן קאָנען בשום אופן נישט אויסרייסן מיטן וואָרצל די קאָסמישע קראַפט פון דער בליענדיקער נאַטור, הגם זיי קאָנען דורך די שטיינערנע ברוקן פאַרקריפּלען עטלעכע נישטיקע גרעזלעך, אַזוי קאָן די גייסטלאָזסטע צייט נישט פאַרניכטן די טעטיקע ליטעראַטור־קראַפט, וואָס ווירקט און באַווירקט, גע־שטאַלטיקט און באַטייט דאָס לעבן, הגם זי קאָן אויך אַ געווויסן שטח פאַרוואַנדלען אין שוואַך־באַגראָזטע שטיינערנע ברוקן...

אַ גרויסער פאָלקלאָריסט איז געוואָרן אַ שטיק פאָלקלאָר

די באַגעגעניש מיט אים איז פאָרגעקומען אַזוי אומגעריכט, אַז איך בין צעטומלט געוואָרן.

איילנדיק איבער דער עווניו זשאָפר, אין שאַנכיי, נישט זעענדיק קיינעם, צוליב פאַרזונקענקייט אין געדאַנקען, האָב איך פּלוצלונג דערזען שמואל לעהמאַנען, ווי אַ לעבעדיקן: אָט איז ער מיט זיין אויסגעשעפּטן קערפּער, מיט זיין אויסגעמאָגערטן פּנים, אין אַן אָפּגעטראָגענעם, פון אַלטקייט גלאַנצנדיקן אנצוג, מיטן געוויינלעכן שעמעוודיקן און ליבלעכן שמייכל (ער פלעגט שמייכלען נישט נאָר מיט די אויגן און מיטן מויל, נאָר אויך מיט דער נאָז, וואָס פלעגט ווי שענער ווערן פון דעם אין איר געוויינלעכער אויסגעטריקנטער אומשיינבאַרקייט). דאָס איז ער, שמואל לעהמאַן. ער. אים קאָן מען דערקענען נישט נאָר לויט דער נאָז, נישט נאָר לויטן אנצוג, נאָר אויך לויט דעם צע־קנייטשטן העפטל אין זיין האַנט, — אַ העפטל, וואָס אָדער ער האָט עס אָקאָרשט אַרויסגענומען, כדי צו פאַרצייכענען דערין אַ געהערט ווערטל, אָדער וואָס ער האָט עס נאָך נישט באַוויזן אַריינצולייגן צוריק אין דער אָפּשטייענדיקער, אָפּגעצויגענער

קעשענע, וואָס איז פול מיט אַנדערע צעקנייטשטע העפטן.

ווי אַזוי האָט ער זיך דערנומען אויף עווגעניו זשאַפּער, קאָן איך נישט פאַרשטיין, — אָבער אַ פאַקט איז, אַז ער האָט זיך באַוויזן פאַר מיר, און שוין צוויי טעג ווי ער גייט מיר אומעטום נאָך, ווי ער פאַרלאָזט מיך נישט אויף קיין איין מינוט. איך זע זיין געשטאַלט נעבן זיך, און מיר פירן אַ שטומען געשפּרעך, ד. ה. ער שמייכלט בלויז גוט, שעמעוודיק, און איך נעם אויף דעם דאָזיקן שמייכל אין בילדער, טאַקע נאָר אין בילדער. איך גראָב זיך נישט אין זכרון, אין דאָזיקן לעבעדיקן אַרכיוו, נאָר איך דענק אין בילדער וועגן דער דאָזיקער שטילער געשטאַלט, וואָס האָט זיך אַזוי אומגעריכט באַוויזן פאַר מיר.

* * *

די דאָזיקע באַשיידענע, שעמעוודיק־שמייכלענדיקע גע־שטאַלט איז אַן אייגנאַרטיקע באַרימטקייט: אַלע, וועלכע האָבן די מינדסטע שייכות צום יידישן פאָלקלאָר, קענען זי — פון די געלערנטע פאָלקלאָר־פאָרשער ביז די לעבעדיקסטע אויסדריקער און טרעגער פון פאָלקלאָר, ווי, למשל, מאַרק־הענדלערקעס, גאַסן־פּרויען, אַלפאָנסן און גנבים. שמואל לעהמאַן איז אַ פאַרבינ־דונגס־רינג אין דער ממשלה פון פאָלקלאָר: ער זאַמלט צונויף פאָלקלאָר דירעקט פון די מיילער פון די לעבעדיקע טרעגער פון פאָלקלאָר און גרייט צו אַ רייכן מאַטעריאַל פאַר די פאָלקלאָר־פאָרשער. שמואל לעהמאַן איז אַן אַרבעטס־בין, וואָס זויגט אויס דעם זאַפט פון די פעלד־בלומען און גרעזעלעך, און אַרום זיין בינשטאָק דרייען זיך די געלערנטע פאָרשער, וועלכע באַנוצן זיך מיטן האָניק, וואָס ער האָט צונויפגעזאַמלט.

שמואל לעהמאַן איז אַ פאָלקלאָריסט אַ ליבהאָבער. ער איז באַהערשט פון אַ פאָלקלאָר־ליידנשאַפט, ער איז באַשאָנקען מיט אַ ספּעציעלן „טאַלאַנט" פאַר פאָלקלאָר. און דאָס וואָס ביי אַנדערע פעלקער פירן אויס אַקאַדעמיעס, עטנאָגראַפישע געזעלשאַפטן, האָט שמואל לעהמאַן אויסגעפירט איינער אליין. מיט אַנדערע ווערטער, ביזן גרינדן דעם „יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטי־טוט" אין ווילנע, מיט זיין פאָלקלאָר־סעקציע, איז שמואל לעה־מאַן אליין געווען אַ פאָלקלאָר־סעקציע פון נאָך נישט־עקזיס־טירנדיקן „יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט".

שמואל לעהמאַן האָט אַמאָל געהאַט געלט. איז וואָס־זשע טוט מיט געלט אַזאַ לעהמאַן? ער פאָרט אַרום אויפן אייגענעם חשבון איבער די פאַרוואָרפנסטע יידישע שטעטלעך, כדי צו פאַר־צייכענען פון פאָלקס מויל זיין שאַפן. און אויב מען דאַרף עפענען די מיילער פון לעבעדיקע ביכער מיט אַ פלאַש בראָנפן אָדער מיט אַ גוטן מיטאָג — צאָלט לעהמאַן אויך פאַר דעם: דאָס איז דאָך נישט ערגער פאַר אַ באַן־בילעט. און אויב מען דאַרף צאָלן פאַרן פאָלקלאָר האָנאָראַר — צאָלט לעהמאַן אויך האָנאָ־ראַר. ער איז דאָך נישט דאָס יידישע פאָלק, וואָס פאַר אַזעלכע זאַכן צאָלט עס נישט קיין האָנאָראַר! אמת, לעהמאַן? (די גע־שטאַלט ענטפערט נישט, אָבער דער שמייכל ווערט שעמעוודי־קער, נעמט אָן יענעם קוים־אויפנעמבאַרן ניואַנס פון פאַסיוון וויינען, ווען אַ מענטש איז גערירט ביז טרערן, אָבער ער גיט נישט זיינע טרערן קיין פרייהייט.)

שמואל לעהמאַן איז אַזוי לאַנג אַרומגעפאָרן איבער די שטעטלעך, געגעבן מיטאָגן און געצאָלט האָנאָראַרן, ביז זיין געלט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין חמרים פאַרשריבענע העפטן, אין אַ באַרג מאַנוסקריפּטן.

לעהמאַן האָט פאַרלאָרן דאָס געלט. אָבער נישט די ליידנ־שאַפט צום יידישן פאָלקלאָר. און דער אָרימער לעהמאַן האָט ווייטער געפירט זיין אַרבעט.

און אין דער צייט ווען שמואל לעהמאַן איז געווען אויף גרויסע צרות, האָט נישט איין יידישער פילאָלאָג און געלערנטער פאָלקלאָריסט זיך באַנוצט בחנם מיט זיינע דורך מי און פלייס געזאַמלטע אוצרות.

דאָס יידישע פאָלק האָט נישט געקאָנט אָפּשאַצן אַזאַ ליב־האָבער פון זיין שאַפן, דאָס האָבן אָבער געקאָנט די וויסנשאַפט־לעכע פאָרשער פון אונזער פילאָלאָגיע און פאָלקלאָריסטיק.

* * *

שמואל לעהמאַן איז געווען מער ווי אַ פּשוטער פאָלקלאָר־זאַמלער, — ער אליין איז געווען אַ שטיק לעבעדיקער פאָלקלאָר. זיין לעבן און זיין אַרבעט זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פאָלק־לאָר. ער האָט דערגרייכט די העכסטע און זעלטנסטע איינהייט

פון זיין נשמה מיט זיין אַרבעט: דער פֿאָלקלאָר־זאַמלער איז געוואָרן — פֿאָלקלאָר.

וויפֿל קנאים פון רעליגיע זענען אויף אַן אמת רעליגיעז? וויפֿל פּאָליטישע פירער גלויבן אין זייערע לאָזונגען? וויפֿל פיינ־פיליקע דיכטער זענען דאָס פיינפיליק אין זייערע טאָג־טעגלעכע באַציאונגען מיט מענטשן? אָבער שמואל לעהמאַן האָט זיך אַזוי צוזאַמענגעוואָקסן מיט זיין פֿאָלקלאָר־אַרבעט, אַז ער גופא איז געוואָרן אַ טייל פון דאָזיקן פֿאָלקלאָר.

אַרומפֿאָרן איבער די שטעטלעך, אין גאַליציע נאָך פֿאָלקלאָר, איז געוואָרן שווער, אָבער אויך אין וואַרשע פעלן נישט קיין פֿאָלקס־טיפּן, וועלכע האָבן נאָך נישט אָפּגעריסן זייערע וואָרצ־לען פון סאַמע פֿאָלקסטימלעכסטן באָדן, וועלכע לעבן נאָך פֿאָלק־לאָריסטיש און אין וועלכע דער פֿאָלקלאָר איז נאָך לעבעדיק.

און שמואל לעהמאַן, מיט צעקנייטשטע העפטן אין די אָפּשטייענדיקע קעשענעס, איז אַוועק אויפֿן מאַרק, איבער פריי־לעכע הייזלעך, איבער שענקען, אין די שלאָף־אַזילן, און דער פֿאָלקלאָר־זאַמלער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טייל פון פֿאָלקלאָר.

שטעלט זיך פֿאָר: שמואל לעהמאַן גייט איבערן פיש־מאַרק און הערט ווי אַ פישערקע זידלט אַ קונהטע. עס איז אַ באַקאַנטע זאַך, אַז הגם פישערקעס האַנדלען מיט שטומער סחורה, שטייגן זיי איבער אַלע מאַרק־זיצערקעס אין קללות. און לעהמאַן דאַרף מער נישט האָבן ווי דערהערן זאַפטיקע פֿאָלקלאָר־קללות, און ער איז שוין אויפֿן אָרט. ער שטייט און פאַרשרייבט יעדעס זידל־וואָרט, יעדע קללה מיט זיין ספּעציעלער סטענאָגראַפיע, און ווען ער לאָזט עפּעס דורך, פרעגט ער איבער דער פישערקע. יענע, נאַטירלעך, באַפאַלט אים מיט אַ שטראָם געקליבענע זידל־ווערטער, און ער, אַ שיינענדיקער, אַ גליקלעכער, פאַרשרייבט, פאַרשרייבט. וואָס מער די פישערקע גייט אַריין אין ברען, אַלץ מער שיינט שמואל לעהמאַן. ער איז גרייט אַלץ צו טאָן, אפילו צוצולקחענען אַ פיש, אַבי נישט לאָזן אויסלעשן זיך דעם דאָזיקן פֿאָלקלאָריסטישן ווולקאַן־אויסברוך.

צי דען איז די דאָזיקע געשטאַלט פון שמואל לעהמאַן אויפֿן מאַרק נישט קיין אויסטערלישע פֿאָלקלאָריסטישע שאַפונג?

און עס איז נאָך דאָ אַ געשיכטע מיט אַ קאַפּעליוש. דאָס איז שוין קלאַסישער פֿאָלקלאָר. עס איז דאָ אַ פֿאָלקס־לידל „קומט אַ יאָלד אין קאַפּעליוש". שמואל לעהמאַנען איז אויסגעקומען צו שפּילן די ראָל פֿון דאָזיקן „יאָלד אין קאַפּעליוש". און ער האָט דאָס מיר אַליין דערציילט.

ער האָט אָנגעטאָן זיין בעסטן קאַפּעליוש (ס'קאָן זיין, אַז אַ נייעם, איין מאָל אין צען יאָר פֿלעגט דאָס, װאַרשיינלעך, טרעפֿן אויך ביי לעהמאַנען) און איז אַוועק אין אַ נעסט פֿון גנבים, גאַסן־פּרויען און אַלפֿאָנסן פֿאַרשרייבן ווערטלעך פֿון דער אונ־טערוועלט, גנבים־לידלעך. מען קאָן זיך פֿאָרשטעלן וואָס עס איז געשען, ווען דאָס דאָזיקע פּובליקום האָט זיך דערוווסט, צוליב וואָס דער דאָזיקער „יאָלד אין קאַפּעליוש" איז געקומען צו זיי! נאָכן ערשטן געלעכטער־אויסברוך, האָט עפּעס אַ לאַפּע איינגע־דריקט זיין מעלאָניק, און פּאַר איינוועגס שיער נישט זיין קאָפּ אויך, און ער (דער קאַפּעליוש, נישט דער קאָפּ) האָט זיך אַראָפּ־געקייקלט אין אַ קלאָגעדיקן צושטאַנד. שמואל לעהמאַנס לאַגע — ווי די לאַגע פֿון זיין קאַפּעליוש — איז געווען נישט מקנא צו זיין. אָבער ווי אַזוי האָט ער זיך געקאָנט פּרוון ראַטעווען דורך אַנטלויפֿן, ווען דער נויטיקער פֿאָלקלאָר איז געווען ביי יענע, וועלכע האָבן זיך פֿריילעך געמאַכט איבער אים? זיי האָבן געלאַכט און געחוזקט פֿון אים דערפֿאַר, ווייל זיי האָט זיך אויס־געוויזן, אַז ער לאַכט פֿון זיי: ער איז געקומען צו זיי נישט נאָך דעם ווערטפֿולן, וואָס זיי פֿאַרמאָגן (לויט זייערע באַגריפֿן), נאָר נאָך לידלעך עפּעס, נאָך ווערטלעך עפּעס. אָבער ער איז געקומען טאַקע נאָך דעם, און קיין שום זאַך האָט אים נישט געקאָנט פֿאַרטרייבן פֿון דאָרט, פֿונם קוואַל פֿון לידלעך און ווערטלעך. און זיין הכנעהדיקייט האָט באַזיגט די דאָזיקע צוימלאָזע. ער האָט, װאַרשיינלעך, אָנגערירט זייערע נשמות מיט דעם, וואָס ער האָט זיי געוויזן, אַז זיי פֿאַרמאָגן עפּעס ווערטפֿולעס אויך פֿאַרן גייסט, פֿאַר די „יאָלדן". נאָך אַלץ חוזק־מאַכנדיק פֿון אים, האָבן זיי דאָך אָנגעהויבן אויך האָבן דרך־ארץ פֿאַר אים. און ער האָט גענומען קומען צו זיי, און זיי האָבן געזונגען פֿאַר אים זייערע לידער, און ווען עס האָט זיך געפֿונען עפּעס אַ „יאָלד" אויך צווישן די וואַרשעווער גבירים (אַ זעלטענע דערשיינונג),

איז די יידישע ליטעראַטור באַרייכערט געוואָרן מיט אַ זאַמלונג „גנבים־לידער".

אויב איר ווילט וויסן אויף וואָס עס איז געווענדט אַ מענטשנס ליידנשאַפט, לייגט נישט קיין אַכט אויף דעם, וואָס ער זאָגט, וואָס ער דעקלאַמירט, בראש פון וואָס ער שטעלט זיך און לטובת וואָס ער פּראָפּאַגאַנדירט, — איר קוקט זיך בעסער צו אויף וואָס ער פאַרשווענדט מיט דער אָפנסטער האַנט זיין געלט, זיינע כוחות, זיין צייט, זיין לעבן. דער מענטש איז, על־פּי־רוב, קאַרג פון דער נאַטור, נאָר אויף צו באַפרידיקן זיין הויפּט־ליידנשאַפט וועט קיינער נישט קאַרגן. דאָ האָט ער אַן אָפענע האַנט ביז צו זעלבסטפאַרלייקענונג. שמואל לעהמאַן האָט ליידנשאַפטלעך ליב געהאַט דעם יידישן פאָלקלאָר, און פאַר אים האָט ער מיט דער ברייטסטער האַנט אָפּגעגעבן זיין געלט, זיין געזונט, זיינע כוחות און ער איז אפילו נישט קאַרג געווען צו שענקען דעם פאָלקלאָר זיך גופא. און ער האָט באַרייכערט אונזער פאָלקלאָר מיט אַ פאָלקלאָר־געשטאַלט.

און די דאָזיקע פאָלקלאָר־געשטאַלט, ד. ה. די פּערזענלעכקייט פון שמואל לעהמאַן גופא, וועט זיין אויב נישט דער ווערטפולסטער, טאָ זיכער נישט לעהמאַנס קנאַפּוועריקסטער געשאַנק דעם יידישן פאָלקלאָר.

* * *

נאָר אַ קליינער טייל פון דעם, וואָס לעהמאַן האָט צונויפגעזאַמלט, האָט דערזען די ליכטיקע שיין פון דרוק. אַלדאָס איבעריקע איז געלעגן אין זיינע קעשענעס און אין קאַסטנס אין זיין קליינינקער דירה. כמעט אַלץ וואָס לעהמאַן האָט געראַטעוועט פון פאַרגעסנקייט, איז געבליבן ליגן פאַרגעסן אין די קאַסטנס. אָנשטאָט עס זאָל באַגראָבן ווערן מיט די מענטשן, איז דאָס באַגראָבן געוואָרן אין די העפטן. אין די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה זענען געפירט געוואָרן אונטערהאַנדלונגען צווישן אים און דעם ווילנער „יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט" וועגן אַריבערפירן זיינע רייכע מאַטעריאַל־זאַמלונגען אין „ייוואָ", ווו ער, לעהמאַן, וואָלט געקאָנט אַרבעטן אויף סיסטעמאַטיזירן און איבערשרייבן זיינע זאַמלונגען, וואָס זענען אַלע געווען פאַרשריבן אויף שוואַרץ, מיט לעהמאַנס פּריוואַטער סטענאָגראַפיע,

וואָס איז נישט צוטריטלעך געווען פאַר אַנדערע. אונזערע פילאָ־לאָגן און פאָלקלאָריסטן האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַאומרואיקן: וואָס וועט זיין אויב עפּעס וועט, חס ושלום, געשען מיטן דאָ־זיקן עטנאָגראַפישן אינסטיטוט אין איין פּערזאָן, און קיינער וועט נישט זיין ביכולת צו דעשיפרירן די אוצרות פון פאָלקס־שאַפן, וואָס ער, לעהמאַן, האָט צונויפגעזאַמלט מיט אַזויפיל מי, מיט אַזאַ ליבע, מיט אַזאַ גרעניצלאָזער קרבן־גרייטקייט!?

און מען האָט מיט לעהמאַנען אויך געפירט אונטערהאַנד־לונגען, ער זאָל איניקע פערזאָנען איבערגעבן דעם שליסל פון זיין סטענאָגראַפיע אויף יעדן פאַל.

איך ווייס נישט גענוי, וואָס עס איז געשען מיט שמואל לעהמאַנען, וועלכער איז געווען קראַנק, ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן; איך ווייס נישט, וואָס עס איז געשען מיט זיין אומשאַצבאַרער קאָלעקציע, — אָבער נישט וויסנדיק קיין פּרטים, ווייס איך (אָ, ווײ צו די, וואָס ווייסן!), אַז צוגלייך מיט אַ סך אַנדערע ווערטפולע זאַכן, איז אויך אומגעקומען די גרעסטע טייל פון דער לעבנס־אַרבעט פון שמואל לעהמאַן, פון דאָזיקן באַ־שיידנסטן און טרייסטן פון אַלע געליבטע!

און ווי לייכט די דאָזיקע אוצרות וואָלטן געווען געקאָנט דערזען די ליכטיקע שיין, ווען די יידישע גבירים פון וואַרשע וואָלטן געווען געהאַט אַ ספּעציעלן חוש אויף אויפצונעמען דעם שמייכל פון די לעהמאַנס.

אָבער וואָס זאָל מען טאָן, מיין ליבער שמואל לעהמאַן? אַזאַ איז שוין דער גורל פון די קלייניקע גרופּעס יאָלדן פון אַלע פעלקער. און ווען דיין געשטאַלט, וואָס האָט זיך באַוויזן פאַר מיר אויף עווענין זשאַפּר, וואָלט נישט געווען זיין אַזוי שווייגנ־דיק (שווייגנדיקער ווי שטענדיק), וואָלסטו, שאַרף אַ שמייכל טוענדיק, געווען גענומען שיטן מיט ווערטלעך, באַווייזנדיק מיט זיי, אַז דער יידישער פאָלקלאָר האָט שוין פון לאַנג פאָראויסגע־זען דעם גורל פון איינער פון זיינע פרישסטע געשטאַלטן — דער געשטאַלט פון שמואל לעהמאַן.

דער איינציקער שכר פאַר אַזעלכע יאָלדן, ווי דו, שמואל לעהמאַן, באַשטייט אין דעם, וואָס דיין אומפאַרגעסלעכע גע־שטאַלט וועט פּלוצלונג זיך באַווייזן פאַר דעם אָדער יענעם פון

דער משפחה יאָלדן, און יענער וועט פאַרשטיין דיין (און זיין) שמייכל, באַפאַרבט מיט נישט־אויסגעוויינטע טרערן, — ער וועט פאַרשטיין דיין (און זיין) שמייכל און וועט אָנגעפילט ווערן מיט לעבעדיקער ליבע צו דיר און צו זיך. און אין דער דאָזיקער לעבעדיקער, הגם טרויעריקער ליבע, וועט יענער שעפּן טרייסט: אויך זיין געשטאַלט, — וועט זיך אים אויף אַ מינוט דאַכטן, — וועט נישט פאַרשווינדן שפּורלאָז, און ווען נישט איז, אויף אַ וואָסער נישט איז גאַס פון אַ וועלכער נישט איז שטאָט, וועט עמיצער, איילנדיק און נישט זעענדיק קיינעם, פּלוצלונג דערזען פאַר זיך אים, וועט פאַרשטיין זיין שמייכל, וועט אָנגעפילט ווערן מיט ליבע־מיטלייד און אויך ער וועט אין דעם געפינען אַ טרייסט פאַר זיך.

צי ביסטו צופרידן מיט דעם, ליבער לעהמאַן, ווי איך בין דאָס אין דער דאָזיקער מינוט? אַן אומזיסטע פראַגע! וואָרום ווען דיר זאָל אויסקומען אָנהויבן פונסניי, וואָלסטו דאָך געוועזן איבערגעחזרט דיין לעבן פּונקט ווי עס איז אָפּגעלאָפן, נישט געקוקט אויף דיין גאַנצער דערפאַרונג. טאָ צו וואָס די דאָזיקע אומזיסטע פראַגעס, צי דו ביסט צופרידן אָדער נישט? אויף דער דאָזיקער וועלט געניסן דאָך פון אַלץ די לעבעדיקע, אפילו פון דער דערהויבנדיקער איבערלעבונג פון יענעמס מאַרטיראָ־לאָגיע!

און איך בין אַזוי צופרידן מיט דיר, שמואל לעהמאַן! אָבער דערמאָן זיך נאָר, דערמאָן זיך נאָר, דו ליבע געשטאַלט, ווי דו גופא ביסט נישט איינמאָל געווען צופרידן פון אַ באַגעגעניש מיט די געשטאַלטן פון פאַרשידענע שמואל לעהמאַנס. דערמאָן זיך נאָר, און — פאַרגיב מיר...

גיי נישט אוועק אַזוי שנעל, ווי דו ביסט געקומען, מיין ליבע געשטאַלט! פאַרשווינד לאַנגזאַם, לאַנגזאַם, און זעטיק מיך אָן פאַר דיין פאַרשווינדן מיט יענער אומפאַרשטענדלעכער, שטאַרק־שטאַמלענדיקער אויבנבאַשריבענער באַפרידיקונג, וואָס קומט פון באַגרייפן אַזאַ געשטאַלט, ווי דו, פון דער אויספּאַנ־טאַזירטער צוזאַמענגיסונג מיט איר...

י. ראַפּאָפּאָרט

אברהם גאָלדפאַדענס טעאַטער, „בר־כוכבא" און קינדערישע נאַאיווקייט

ווי אַלע גרונט־לייגער און שעפער פון אונזער נייער פאָלקסטימלעך־וועלטלעכער קולטור, איז אויך ער, אברהם גאָלדפאַדען, געקומען צו אונז פונם „נאָ מענס לענד", פון דער השכלה. אפילו די פאַמיליע זיינע האָט ער פאַרריכט אין הסכם מיט דער „השכלה"־גראַמאַטיק: דער נישט־קולטורעלער, „דייטש־פאַרגרייזטער" גאָלדנפאָדים איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גראַמאַטיקאַליש־קאָרעקטערן גאָלדפאַדען; אָבער אין דער יידישער וועלט וועט זיך היינט נישט געפינען קיין איין אויער, וואָס זאָל אַרויסהערן פון דער דאָזיקער פאַמיליע אפילו אַ ווייטע אָנצוהערעניש אויפן ראַציאָנאַליסטיש־משכילישן שפּראַך־פּעדאַנטיזם; פאַרקערט, די דאָזיקע פאַמיליע איז דורכגעזאַפּט מיט די וווּנדערבאַרע פאָלקס־מעלאָדיעס פון די גאָלדפאַדענשע פּיעסעס: „שולמית", „בר־כוכבא", „די כישוף־מאַכערין".

דער משכיל גאָלדנפאָדים האָט געוואָלט ראַטעווען די ריינקייט פון דער דייטשער שפּראַך, אָבער פון אונטער דער אויסערלעכקייט פון אַ משכיל־ראַציאָנאַליסט האָט זיך אינגיכן גענומען דורכשלאָגן פון אינעווייניק אַ פּערזענלעכקייט פון אַ פאָלקסטימלעכסטן זינגער, וועלכער האָט גענומען שפּינען דעם עכטן גאָלד־פאָדים פון דער יידישער פאָלקס־מעלאָדיע, פון דער יידישער טעאַטראַלער קונסט.

גאָלדפאַדענס שאַפן איז אַן עכט פאָלקס־שאַפן סיי לויט דער אומצערייסבאַרער צונויפגעקאָסנקייט (אין זיינע בעסטע ווערק) צווישן וואָרט און מעלאָדיע (דערביי גיט די לעצטע צו לעבן דעם דאָזיקן, מערסטנטייל, נאַאיוון, אומלאָגישן, קנאַפּ־באַדייטפולן וואָרט), סיי לויט דער פּעאיקייט צו דערהייבן די קינדישע נאַאיווקייט צו דער מדרגה פון עכטן נאַציאָנאַלן פּאַטאָס.

פּראָבירט, אדרבא, צו צערייסן די פאַרבינדונג פון גאָלד־

פאַדענשן וואָרט מיט דער מעלאָדיע; פּרובירט, אדרבא, אַראָפּצו־רייסן פונם וואָרט די פאַרביקע קליידונג פון די מעלאָדיעס, און פאַר אונז וועט בלייבן שטיין אַ נאַקעט, אומבאַדייטנדיק וואָרט; פּרובירט צוגיין צו בר־כוכבא'ן אָן דער פילבאַרקייט פון די נאַציאָנאַלע סטרונעס, אָן דער שעפערישער גרייטקייט פון דער פאָלקס־פאַנטאַזיע, און דער נאַציאָנאַלער פּאַטאָס פון „בר־כוכבא" ווערט גלייך אויסגעוועפּט, פאַרוואַנדלענדיק זיך אין אַ שמירערייַ.

מיט גאָלדפאַדענס ווערק איז געשען דאָס זעלביקע, וואָס מיט אַ גרויסער טייל פאָלקס־לידער, וואָס זייער שיינקייט ליגט אין דער שיינקייט פון די מעלאָדיעס און אין די נאַאיווע, צאַפּל־דיקע הערצער פון די פאַנטאַזיע־רייכע צוהערער.

גאָלדפאַדענס טעאַטער האָט געהאַט אַ געוואַלדיקע ווירקונג אויף די יידישע מאַסן. ער האָט זיי נישט נאָר באַהעפט צו די אויסערלעכע פאָרמען פון דער טעאַטראַלער קונסט, נאָר אויך צו דער רייכקייט פון זייערע אייגענע הערצער און נשמות. גאָלד־פאַדען האָט געבויט דעם בנין פון יידישן טעאַטער אויפן פעסטן פונדאַמענט פון פאָלקסטימלעכקייט. שוואַך, לויט אונזער מיי־נונג און געשמאַק, אין פּרטים, — איז דער דאָזיקער גאָלדפאַדענ־שער טעאַטער נאָך אויך איצט קינסטלעריש־געזונט אין זיין תוך.

און דעריבער האָלטן היינטיקע יידישע פּאָעטן און רעזשי־סאָרן פאַר מעגלעך צו נעמען דעם וואָרצל פון זיינע פּיעסן — „בר־כוכבא" (אַשענדאָרף), „די כישופמאַכערין" (מאַנגער), „שולמית" (ז. טורקאָוו) — און לאָזן אויסוואַקסן פון דאָזיקן וואָרצל מאָדערנע טעאַטראַלע פאָרשטעלונגען.

ווען גאָלדפאַדען וואָלט נישט געווען געבוירן געוואָרן אין השכלה־פּעריאָד, וואָלט ער נישט געווען איבערגעריסן זיין אָנ־הויב־קאַריערע פון אַ פאָלקס־זינגער, און אָנשטאָט צו זינגען די מעלאָדיעס פון זיינע מוזיקאַלישע פּיעסן, וואָלטן די פאָלקס־מאַסן ביז אויף היינטיקן טאָג געווען געזונגען זיינע פאָלקס־לידער. די טעאַטראַלע פאָרם האָט גאָלדפאַדען געבראַכט צו אונז פון דעם „השכלה"־לאַנד. אָבער דער אינהאַלט פון דער דאָזיקער פאָרם — די פאָלקס־עמאָציעס און די פאָלקס־מוזיק — איז גע־

ווען דאָס פּערזענלעכסטע אייגנטום פונם גרינדער פון יידישן פאָלקס־טעאַטער.

* * *

גאָלדפאַדענס נאָמען איז ביי מיר פאַרבונדן מיט אַ שטאַר־קער נאַציאָנאַל־קינסטלערישער קינדהייט־איבערלעבונג.

אויפן וועג קיין ארץ ישראל האָבן זיך די באָבע מיט אַ מומען אָפּגעשטעלט ביי אונז, זיך אָנצופּרייען אביסל פאַרן אָפּ־פאָר אין אַזאַ וועיט.

אַ חוץ דעם קלענערן באַגאַזש, האָבן זיי מיטגעבראַכט מיט זיך אַ קאָרב, גרויס ווי אַ צימער פון אַ היימלאָזער פאַמיליע. די דאָזיקע קאָרב האָט מיך בכלל אינטריגירט מיט איר פאַרנעם, אָבער זינט די מומע האָט זיך ארויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט, אַז אין קאָרב ליגט „בר־כוכבא" פון גאָלדפאַדען, בין איך שוין געווען צוגעשמידט צו איר.

„גאָלדפאַדען" איז פאַר מיר געווען אַ פוסטער קלאַנג, אָבער דערפאַר האָט דער נאָמען „בר־כוכבא" געצויבערט.

איך בין דאַן געווען אין יענעם עלטער, ווען דער העלדן־קולט באַהערשט אומגעטיילט די נשמה פון קינד, און דאָס צענט־ראַלע אָרט אין מיין דאָזיקן קולט האָט פאַרנומען — בר־כוכבא.

איך האָב זיך דאַן געפונען אונטער דעם שטאַרקן איינדרוק פון דאַן פּאָפּולערן העברעאישן בוך פון קלמן שולמאַן — „די מלחמה פון די יידן מיט די רוימער", און כ'האָב גיריק געשלונ־גען אַלץ, וואָס כ'האָב נאָר געקאָנט געפינען וועגן בר־כוכבא'ן. און וואָס האָט דען דאַן געקאָנט ארייניפאַלן אין די הענט פון אַ יידיש קינד וועגן בר־כוכבא'ן, אויב נישט קיין לעגענדעס וועגן דאָזיקן לעצטן קלאַסישן העלד, באַצירט דורך דער אומגעצוימ־טער פאָלקס־פאַנטאַזיע?

איך האָב געפיבערט מיט בר־כוכבא'ן. איך האָב זיך לייכט געקאָנט פאָרשטעלן, ווי אַזוי ער רייסט אויס מיט די וואָרצלען, — רייטנדיק אויף אַ פערד אין פולן לויף, — אַ הונדערט־יעריקן בוים, מיר איז אָבער שווער געווען זיך פאָרצושטעלן, ווי אַזוי בר־כוכבא קאָן אָפּשליידערן אויף מיילן־וועיט גרויסע שטיקער פעלדז דורך אַ קלאַפּ מיטן באָרוועסן גרויסן פוס־פינגער.

אַז דאָס איז אַזוי געווען, האָב איך נישט געספקט. ערשטנס,

האָב איך דאָך געלייענט וועגן דעם שוואַרץ אויף ווייס; און צווייטנס — צי דען איז פאַר אַזאַ העלד דאָ עפּעס אוממעג־לעכס?!

יאָ, איך האָב געגלויבט אויך אין דאָזיקן פּרט פון בר־כוכ־באַ׳ס העלדן־לעגענדע, אָבער מיין פאָרשטעלונגס־קראַפט האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס פאָרצושטעלן זיך. יעדעס מאָל, ווען איך פלעג זיך פאָרשטעלן די סצענע, ווי אַזוי בר־כוכבא וואַרפט אָפּ מיטן גרויסן פינגער פון רעכטן פוס אַ ריזיקן שטיין, פלעג איך פילן אַן אומדערטרעגלעכן ווייטיק אין מיין אייגענעם גרויסן פינגער פון מיין רעכטן פוס. עס פלעגן נישט העלפן אויך קיין עקספּערימענטן. איך פלעג נעמען אַ קאַרטאָן־שאַכטל און פלעג זי אָפּוואַרפן מיט אַ קלאַפּ פון גרויסן פוס־פינגער, און פלעג זאָגן צו זיך: אויב מיין באָרוועסער פינגער טוט נישט ווי פונם קלאַפּ אין שאַכטל, קאָן דער פוס־פינגער פון אַ בר־כוכבא נישט ווי־טאָן פון אַ קלאַפּ אָן אַ שטיין.

דער פאַרגלייך איז געווען לאָגיש, אָבער מיין פאָרשטע־לונגס־קראַפט האָט נישט אָנערקענט קיין לאָגיק און איז פאַר־בליבן אויב נישט ביי איר מיינונג, איז, יעדנפאַלס — ביי איר געפיל.

און פונקט דאָן, ווען איך האָב זיך געמאַטערט מיט דער פּראָבלעם פון שלום מאַכן צווישן מיין לאָגיק און מיין געפיל ביי אַזאַ וויכטיקן פּרט פון בר־כוכבא׳ס ביאָגראַפיע, — פונקט דאָן האָב איך זיך דערוווסט, אַז אינם ריזיקן קאָרב פון דער באָבען ליגט אַ בוך וועגן בר־כוכבא׳ן, — און נישט סתם אַ בוך, נאָר אַ בוך אין פערזן, מיט מעלאָדיעס, וואָס אַ פּראָבע פון זיי — אין מיין מומעס אויספירונג — האָט מיך באַצויבערט.

דער מומען האָט גאָרנישט געהאָלפן. זי האָט געמוזט אָפּ־שליסן דאָס שלעסל, אַרויסציען אַ ריזיקן אייזערנעם פּרענט, עפענען דעם צודעק, אויספּאַקן די גאַנצע קאָרב און פון סאַמע דעק (ווי עס פירט זיך!) אַרויסשלעפּן אויף דער ליכטיקער שיין אַ דינינק ביכעלע פון אברהם גאָלדפאַדען, „בר־כוכבא״.

ווען נישט דער דאָזיקער עפּיזאָד פון מיין קינדהייט, וואָלט איך נישט געווען געהאַט קיין לעבעדיקן באַגריף וועגן גאָלדפאַ־דענס באַדייט פאַרן פאָלקס־צושויער פון זיינע פּיעסן. איצט,

אָבער, ווען איך דערמאָן זיך די לאַנגע חדשים, אין משך פון וועלכע איך האָב זיך געפונען אונטערן איינדרוק פון דער דאָזיקער נאַאיווער, פאָלקסטימלעך־נאַציאָנאַלער אָפּערעטקע, פיל איך שאַרף די באַדייטונג פונם נאַאיוון שאַפן פאַר דעם פרימיטיוון צושויער און לייענער (אַלץ איינס, צי ער איז אַ קינד אָדער אַ דערוואַקסענער).

גאָלדפאַדענס דאָזיקע פּיעסע האָט געמאַכט אויף מיר אַן אומפאַרווישבאַרן רושם נישט נאָר מיט אירע נאַאיווע, רירנדע פערזן און פּרעכטיקע פאָלקסטימלעכע מעלאָדיעס, — זי, די דאָזיקע נאַאיווע אָפּערעטקע, האָט מיך געצוווּנגען איבערצולעבן אויפסניי, אין אַן אָריגינעלער פאָרם, דעם אַנטגילטיקן אומקום פון דער יידישער זעלבשטענדיקער מלוכהשאַפט אין דער רוימישער וועלט־תקופה.

אין דער פּיעסע שפּילט אַ ראָל אַ פאַררעטער — אַ נעגאַטיווער טיפּ, פּאַפּוס. ווען נישט ער, וואָלט בר־כוכבא אַרויס אַלס זיגער פונם קאַמף מיט רוים. און פּאַפּוסעס פאַרראַט דערגרייכט זיין ציל, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז נישטיק, און נעמט זיך פון אַ צופאַל, פון אַ גאַנצער ריי צופאַלן, און דאָס טאַקע איז שווער געווען איבערצוטראָגן.

ביז דער דאָזיקער פּיעסע האָב איך געוווּסט, אַז בר־כוכבא האָט פאַרשפּילט דעם קאַמף קעגן רוים צוליב וויכטיקע סיבות: אָדער גאָט האָט אַזוי געוואָלט, אָדער רוים איז געווען שטאַרקער, אָדער בר־כוכבא האָט זיך צופיל פאַרלאָזן אויף זיין פיזישער קראַפט און נישט געבעטן גאָטס הילף. מיט אַזעלכע סיבות קאָן מען לייכט מאַכן שלום, בפרט אין אַזויפיל יאָרהונדערטער אַרום. אָבער די דאָזיקע פּיעסע האָט אַנטפּלעקט שוואַרץ אויף ווייס די אמתע סיבה פון דער גרעסטער געשעעניש אין דער יידישער געשיכטע: דעם אַנטגילטיקן זיג פון רוים איבער יהודה, און די דאָזיקע סיבה איז געווען אַזאַ נישטיקע, אַז עס איז שווער געווען מיט איר שלום צו מאַכן — אפילו נאָך הונדערטער יאָרן!

צוליב אַזאַ נישטיקן צופאַל פאַרלירן די מלוכהשאַפט, פאַרשפּילן כמעט אַ געוווּנענע מלחמה!

גיט נאָר אַ טראַכט: בר־כוכבא האָט געגלויבט דעם פאַררעטער פּאַפּוס, אַז דער תנא אליעזר האָט אים פאַרראַטן פאַרן

רוימישן צעזאָר; בר־כוכבא בעט ביי אליעזר'ן אַן אויפקלערונג בעת יענער דאַוונט, און אליעזר קאָן אים די זאַך נישט אויפ־קלערן, — ער וועט דאָך נישט איבעררייסן די תפילה. און אָט צוליב דעם־אָ פאַרלירט דאָס פאָלק זיין זעלבשטענדיקייט אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרהונדערטער! סאַראַ אומדערטרעגלעכער גע־דאַנק! ווי אַזוי האָט זיך בר־כוכבא געלאָזט פאַנגען אין דער נעץ פון אַזאַ נישטיקייט, ווי פּאַפּוס?! און פאַרוואָס האָט אליעזר נישט איבערגעריסן זיין תפילה צוליב אַזאַ וויכטיקער אויפ־קלערונג?

ספק אין דעם אַלעם איז מיר אפילו נישט איינגעפאַלן: ס'איז דאָך אָנגעשריבן, שוואַרץ אויף וויים! און דאָס, וואָס דאָס איז געשען שוין לאַנג־לאַנג, האָט נישט לייכטער געמאַכט מיין פאַרצווייפלונג: איך האָב איבערגעלעבט דעם דאָזיקן אומגליק, ווי ער וואָלט געשען ערשט נעכטן.

און אַזוי האָט דאָס געדויערט גאַנצע, לאַנגע חדשים.

* * *

עס האַנדלט זיך, נאַטירלעך, נישט אין מיין פּערזענלעכער איבערלעבונג, נאָר אין דעם, וואָס די דאָזיקע פּערזענלעכע אי־בערלעבונג איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך גאָלדפאַדענס פּיעסע, און די דאָזיקע ווירקונג פון „בר־כוכבא" איז טיפּיש פאַר אַזאַ קונסט, ווי די גאָלדפאַדענשע.

עס האַנדלט זיך נישט אין מיין איבערלעבונג, נאָר אין איר טיפּישקייט. ביי איינעם קאָן די דאָזיקע איבערלעבונג זיין שטאַרק ביז קרענקלעכקייט, ביי אַ צווייטן — אַ סך שוואַכער, „נאָרמאַ־לער", — אָבער אין תוך איז די דאָזיקע ווירקונג די זעלביקע: נאַאיווע קינדישע סיבות רופן אַרויס נישט פּראָפּאָרציאָנעל־שטאַרקע, ווערטפולע עמאָציעס, ספּעציעל פון עטישן כאַראַקטער.

פון שטאַנדפּונקט פון רייפן אינטעלעקט, פון שטאַנדפּונקט פון רייפן קינסטלערישן (זעקסטן) חוש, זענען די דאָזיקע סיבות נישטיק, אָבער פאַקטיש שפּילן זיי ביי עסטעטיש און אינטע־לעקטועל־אומאַנטוויקלטע פאָלקס־מאַסן די זעלביקע ראָל, וואָס עס שפּילט די ריינע, גרויסע קונסט ביי די שפּיצן פון דער אינטעליגענץ.

און די באַדייטונג פון אַזעלכע שעפער, ווי גאָלדפאַדען,

באַשטייט נישט אין דעם, וואָס זיי שעפּן פון די קוואַלן פון פאָלקס־שאַפן און פאַרהיטן דאָס דאַזיקע שאַפן פון אומקום, נאָר אויך אין דעם, וואָס זיי גיבן דעם פאָלק יענע דערציאונג, וואָס עס דאַרף געבן דאָס ליטעראַריש־קינסטלערישע שאַפן. זיי גיבן דעם פאָלק די ריכטיקע דערציאונג מיט די מיטלען, וואָס זענען צוטריטלעך פאַר די דאָזיקע פאָלקס־מאַסן.

ווי נאַאיוו און עסטעטיש־שוואַך עס זאָל נישט זיין גאָלד־פאַדענס שאַפן, האָט עס געשפּילט אַ גרויסע און וויכטיקע ראָל אין יידישן קולטור־לעבן. די מעלאָדיעס פון זיינע פּיעסן האָבן דורכגעריזלט מיט לעבעדיקער וואַרעמקייט די נאַאיווע נשמות פון אומצייליקע פאָלקס־מענטשן; זיין אַרכי־נאַאיווער נאַציאָנאַ־לער פּאַטאָס האָט שטאַרק אָנגערירט די נאַציאָנאַלע סטרונעס אין די הערצער פון די יידישע פאָלקס־מענטשן; דער הומאָר פון זיינע פאָלקס־קאָמעדיעס האָט זיך דערהויבן ביז צו שאַפן אַזעלכע ליטעראַרישע געשטאַלטן, ווי, למשל, האָצמאַך, — אַ געשטאַלט, וואָס איז אויפגעלעבט געוואָרן צו אַ לאַנגער, צווייטער עקזיס־טענץ אין איציק מאַנגערס באַאַרבעטונג פון דער „כישופמאַכע־רין". פּונקט אַזוי איז זיין „שולמית" אויפגעשטאַנען תחית המתים אין דער רעזשיסערישער באַאַרבעטונג פון זיגמונט טור־קאָוו, און זיין „בר־כוכבא" איז אויפגעלעבט געוואָרן צו אַ באַ־נייט לעבן אויף דער סצענע אין דער באַאַרבעטונג פון איינעם פון די יינגסטע יידישע דיכטער אין פּוילן פאַר דער היטלער־מלחמה — אַשענדאָרף, ווי מיר האָבן שוין באַמערקט.

גאָלדפאַדענס נאַאיווקייט, אפילו זיין שונד (זאָל ער מיר מוחל זיין) זענען די נאַאיווקייט און דער שונד פון סאַמע אומ־שולדיקן קינדישן עלטער, און זיי האָבן אין זיך די מעלה, וואָס זיי זענען פעאיק אויף אַנטוויקלונג צו העכערע מדרגות.

זיי האַלטן נישט אָפּ די דאָזיקע אַנטוויקלונג, זיי שטערן איר נישט, — אדרבא, זיי גופא זענען אַן עטאַפּ אין דער אַנט־וויקלונג פון דער פאָלקס־ליטעראַטור צו גרויסער קונסט.

שאַנכיי, 1942.

דער מענטש וועט בלייבן גאַנץ!

די גרעסטע ליטעראַרישע סענסאַציע — אין בעסערן זין פון דאָזיקן וואָרט — פון לעצטן ליטעראַרישן יאָר אין פּוילן איז זיכער אַדאָלף נאָוואַטשינסקיס לעצטע דראַמע: „דער צעזאַר און דער מענטש".

אָבער כדי צו פאַרשטיין דעם חדוש פון דער דאָזיקער דראַמע, דאַרף מען וויסן ווער נאָוואַטשינסקי איז!

אַדאָלף נאָוואַטשינסקי איז אַ טאַלענטירטער דראַמאַטורג און נאָך אַ טאַלענטירטערער עסייאיסט און פּאָלעמיסט. אַמאָל־אַמאָל, אין די צייטן פון „פאַרן מבול", האָט ער געהערט צו די ריינע באַשעפעניש; זינט דעם מבול האָט ער זיך צוגעפּאַרט צו די אומריינע באַשעפענישן און ער איז געוואָרן איינער פון די שענדלעכסטע אַנטיסעמיטיש־רעאַקציאָנערע פעדער־באַנדיטן פון דער ענדעקישער באַנדע. מיט זיין ציניזם, מיט זיין קאַלטבלוטיקן שענדן דעם מענטשן און דעם אמת קאָן ער קאָנקורירן מיט די באַרימטסטע פאַשיסטישע אינטערנאַציאָנאַלע טענאָרן. לעצטנס איז ער אַביסל אַראָפּ פון דער סצענע; עס האָבן זיך באַוויזן יינגערע, ענערגישערע בלוט־הינט, אָבער עס איז נאָך פריש אין זכרון די צייט, ווען נאָוואַטשינסקיס אַרטיקלען וואָלטן זיך נישט געהאַט צו שעמען אפילו זייט ביי זייט מיט שטרייכערס, געבעלסעס און זייערס גלייכן.

און דעריבער האָט אַרויסגערופן אַן אמתע סענסאַציע זיין דראַמע „דער צעזאַר און דער מענטש", — אַ ווערק, וואָס אונטער אים וואָלט זיך געקאָנט אונטערשרייבן יעדער איינער פון דער גרופּע שרייבער, וועלכע מען קאָן באַצייכענען מיטן נאָמען „דאָס אַנדערע פּוילן".

די סענסאַציע באַשטייט אָבער נישט נאָר אין דער מענטשלעכקייט און דיכטערישער ערלעכקייט פון דאָזיקן ווערק, — נאָר אויך אין דעם, וואָס נאָוואַטשינסקי האָט גאָרנישט איבערגעריסן מיט דער מענטשן־פאַרעסערישער קליקע; ער האָט בלויז, אין דיכטערישן אויפבראַוז, פאַרבלאָנדזשעט אויף — דער מענטש־

לעכער זייט פון דער באַריקאַדע.

און איצט קאָנען מיר איבערגיין צום אָביעקט פון דער סענסאַציע.

* * *

דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַרן דיקטאַטאָר, אַלס טיפּ, איז זיין גרעניצלאָזע פאַראַכטונג צום מענשטן, אַלס מענטש. דער דיקטאַטאָר יאָגט זיך נאָך דערפאָלג ביי די מאַסן, ער האָט ליב צו באַהערשן די מאַסן, — אָבער די פאַראַכטונג צום מענטשן איז ביי אים אַזוי שטאַרק און אומצווייִדייטיק, אַז עס האָט גע־מוזט אויפקומען דער פאַרגלייך צווישן דעם דיקטאַטאָר און דעם דאָן־זשואַן, צווישן די מאַסן און די פרויען. מאַסן, זאָגן די דאָזיקע פאַרגלייך־ליבהאָבער, זענען ווי פרויען: זיי האָבן ליב דעם ברו־טאַלן באַצווינגער, דעם, וואָס פאַלט זיי נישט צו די פיס, נאָר ער וואַרפט זיי פון די פיס, דעם, וואָס פאַראַכטעט זיי, וואָס האָט זיי נישט ליב, — נאָר שענדעט זיי.

חוץ דעם, וואָס דער דאָזיקער פאַרגלייך איז, ווי אַ סך בילדלעכע פאַראַלעלן, שיין אָבער אויבערפלעכלעך; חוץ דעם, וואָס ער רירט אָן די פּראָבלעם מיטן שפּיץ נאָגל, — איז ער נאָך פאַלש אין זיין עיקר. דער דיקטאַטאָר איז טאַקע ענלעך צום דאָן־זשואַן, באַזונדערס אין זיין פאַראַכטונג צום אָביעקט, נאָך וועלכן ער יאָגט זיך, אָבער די פאַראַכטונג, די ברוטאַלקייט איז נישט די סיבה, נאָר דער רעזולטאַט פון זייער ביידנס דערפאָלג.

וואָסער אָנשטעל דער דיקטאַטאָר זאָל נישט מאַכן, ווי דער דערפאָלג זאָל אים נישט פאַרדרייען דעם קאָפּ, איינפלאַנצן אין אים אַ גרויסקייט־מאַניע, — ערגעץ־ווו אין זיין טיפעניש בלייבט תמיד לעבעדיק דאָס ווערימל פון מינדערוויכטיקייטס־געפיל, וואָס האָט אָנגעשפּאַרנט צום משוגענעם געיעג נאָך דערפאָלג. און ווי גרויס דער דאָזיקער דערגרייכטער דערפאָלג זאָל נישט זיין, — תמיד וואַקסט מיט אים צוזאַמען אַ ביטול־באַציאונג, אַ פאַר־אַכטונגס־געפיל צום אָביעקט, וואָס גיט אים דעם דערפאָלג. דער דיקטאַטאָר, ווי דער דאָן־זשואַן, פילט מיטן פאַרשאַרפטן חוש פון מינדערוויכטיקייט, אַז זיי זענען נישט ווערט נישט די ליבע און נישט די מאַכט, אַז זיי זענען אוזורפּאַטאָרן, אומגעזעצלע־כע באַזיצער, און עס וואַקסט אין זיי די פאַראַכטונג, דער ציניזם,

דער חוזק, — פּראָפּאָרציאָנעל צו דער צאָל דעראָבערטע פּרויען, צו דער גרויס פון די באַזיגטע מאַסן.

אויב די ליבע פון דאָן־זשואַן און דיקטאַטאָר איז פאַר־אַכטונג, איז שוין אָבער עכט זייער שנאה צו דער פרוי און צו דעם מענטשן, וואָס קאָנען נישט ארויסרופן זייער פאַראַכטונג, וואָס פאַרשאַפן זיי און גרייטן זיי מפּלות. דער דאָן־זשואַן קאָן נישט פאַרטראָגן דעם מענטשן אין דער פרוי און דער דיקטאַ־טאָר קאָן נישט פאַרטראָגן דעם מענטשן אינם המון. כדי צו קאָנען געניסן די געפילן פון מאַכט און פאַראַכטונג, וואָס גיבן די דאָזיקע טיפן פון מינדערווערטיקע אַ מעגלעכקייט צו פאַר־טויבן זייערע טיטום־פליגעלעך, מוזן זיי אויסוואָרצלען דעם מענטשן, ווו זיי געפינען אים, ווו זיי דערשפּירן אים. און זיי דערשפּירן אים אויף אַ מייל מיטן שאַרפן חוש פון שנאה.

און אָט געפינען מיר זיך שוין אין סאַמע צענטר פון אדאָלף נאַוואַטשינסקיס נייער דראַמע: „דער צעזאַר און דער מענטש".

* * *

דער טיטל אליין באַווייזט שוין, אַז פאַר נאַוואַטשינסקין פון דער דאָזיקער דראַמע זענען דיביידע באַגריפן קעגנזעצלעך: דער מענטש איז דער אַנטיפּאָד (דער היפוך) צום צעזאַר. און די גאַנצע דראַמע איז אַן אַנשוילעכע באַגרינדונג פונם טיטל.

צעזאַר באָרדזשיא, דער גלענצנדסטער און גרויזאַמסטער טיראַן פון דער רענעסאַנס־צייט; צעזאַר באָרדזשיא, אויף וועמען ניקאָלא מאַקיאַוועלי האָט שטודירט דעם נאַקעטן כאַראַקטער פון געוויסנלאָזער, אַמאָראַלישער מאַכט, — צעזאַר באָרדזשיא שטויסט זיך צונויף מיט קאָפּערניקן — אין נאַוואַטשינסקיס דראַמע דער סימבאָל פונם מענטש.

צעזאַר באָרדזשיא איז געוווינט צו הערשן, צו זען אַרום זיך בלויז אָביעקטן פאַר זיין גרויסער מאַכט און נאָך גרעסע־רער פאַראַכטונג, — און פּלוצלונג שטויסט ער זיך אָן אויף אַ מענטשן, וועלכער שטעלט אים אַ ווידערשטאַנד, אַ טאָפּלטן ווי־דערשטאַנד: ערשטנס, וואַרפט ער זיך נישט אונטער זיין ווילן און חנפעט אים נישט, און, צווייטנס, רופט ער אַרויס ביי אים נישט קיין פאַראַכטונג, נאָר — אַכטונג. אייגנטלעך געפעלט אים

קאָפּערניק. די דאָזיקע קאָפּערניק־אַנטפּלעקונג אין הויף פון צע־זאַר באַרדזשיא רופט ביים דיקטאַטאָר אַרויס נאָך אַ גרעסערע עמפּערונג און איבעראַשונג, ווי קאָפּערניקס אַסטראָנאָמישע אידעען. דער געדאַנק, אַז נישט די זון דרייט זיך אַרום דער ערד, נאָר קאַפּויער, איז אַ געפערלעכע אידעע; אָבער באַרדזשיא איז גרייט שלום צו מאַכן מיט דעם. דאַקעגן אָבער, אָננעמען קאָפּער־ניקס דערקלערונג, אַז די פּלאַנעטן האָבן וויכטיקערע אינטערעסן, ווי פּאַראויסצוזאָגן זיין, באַרדזשיאַס, גורל און נצחונות, אַז נישט ער, באַרדזשיא, איז דער צענטר פון דער וועלט — דאָס אָננעמען קאָן ער נישט.

קאָפּערניק — דער מענטש — האָט זיך אריינגעריסן אין דער וועלט פון באַרדזשיא — דעם צעזאַר — און יעדער איינער, וואָס קאָן נישט אַרויסרופן די פּאַראַכטונג פונם צעזאַר, מוז פאַרשווינדן, אויסגעראָטן ווערן. ווייל דער מענטש אין דער מלוכה פונם צעזאַר איז פונקט אַזוי געפערלעך, ווי זונליכט אין דער מלוכה פון חושך. און מען זעט באַשיינפּערלעך, אַז צעזאַר איז — פון זיין שטאַנדפּונקט — גערעכט: ער האָט זיך קוים באַוויזן, דער מענטש, און שוין האָט זיך אויסגעבילדעט אַרום אים אַ צענטר פון ווידערשטאַנד, וואָס וואַקסט, שטעקט אָן: זיין שוועסטער אפילו, וואָס דינט אים תמיד אַזוי געטריי ביי זיינע פּאָליטיש־אינטריגאַנטישע קאָמבינאַציעס, האָט זיך אָנגעשטעקט מיט קאָפּערניקס מענטש־באַציל און זי וויל מער נישט דינען אַלס געמיין געצייג אין זיינע שמוציקע הענט.

און דער צעזאַר כאַפּט זיך צו זיין איינציקן מיטל, וועלכן ער האָלט פאַר זיכער אין זיין קאַמף מיטן מענטשן: פאַרפאָלגונג און מאָרד. אַלץ ליגט צו זיינע פיס, ער פאַרמאָגט אַזוי פיל מאַכט, ער האָט אַזוי פיל זיכערע טויט־אינסטרומענטן, און דאָס גע־ווינסן, וואָס זאָל ציטערן ביים באַנוצן זיי, איז שוין לאַנג טויט, — וועט ער דען נישט קאָנען פאַרניכטן, אויסראָטן דעם דאָזיקן קליינעם מענטשן־באַציל — קאָפּערניק? אָבער דער זיכערער מיטל פון דיקטאַטאָר טרעפט תמיד דערלעבן און די לעצטע ווער־טער פון דער דראַמע זענען ווייטיקדיק־טרייסטנדיק (ווייטיקדיק פאַרן צעזאַר און טרייסטנדיק פאַרן מענטשן): דער צעזאַר האָט געוואָלט טויטן דעם מענטשן, אָבער דער מענטש איז אַרויס

גאַנץ. דער צעזאַר קען פאַרגיסן בלוט, אָבער דעם מענטשן קען ער נישט טויטן.

ווען „צעזאַר און דער מענטש״ וואָלט אָנגעשריבן אין פּוילן פון 1937 נישט נאַוואַטשינסקי, נאָר יוליאַן טוווים, וואָלטן די ענדעקישע סטודענטן געוועז אויפגעריסן די פאָרשטעלונגען אַלס זשידאָ־קאָמונישע. שטעלט זיך נאָר פאָר דעם סקאַנדאַל: קאָפּערניק האַלט, אַז אַלע נאַציעס זענען גלייך, אַז דער עיקר איז בלויז דאָס מענטשלעכע, נישט דאָס צעזאַרישע; שטעלט זיך נאָר פאָר דעם סקאַנדאַל: אויף דער סצענע באַווייזן זיך זינגער, עס קומען פאָר וויכטיקע פּאָליטישע געשעענישן, וועלט־דערשי־טערנדיקע אינטריגעס און קריגערייען—און קאָפּערניק זיצט די גאַנצע צייט אומבאַוועגלעך, מיטן רוקן צו צעזאַר באָרדזשיא און זיינע גענעראַלן, צו די אינטריגעס און קריגערייען, פאַרטיפט אין זוכן דעם אמת, דעם ריינעם אמת.

אוודאי, די שאַרפע מענטשלעכע טענדענץ פון דער דראַמע ווערט אַביסל פאַרשלייערט דורך דעם, וואָס דער מענטש, וועל־כער לייקנט אָפּ דעם צעזאַר, איז אַ ריינער געלערנטער, אַן אַב־סטראַקטער אמת־זוכער, און דער דאָזיקער פּאַסיוו־קעגנערישער אמת־זוכער איז אַ פּאָליאַק, וועלכער פאַרטיידיקט דעם, פאַר אונז עלעמענטאַרן, אָבער פאַר די צעזאַרס לעסטערנדיקן אמת, אַז די פּוילישע נאַציע איז גלייך מיט דער איטאַליענישער, דער יורשטע פון די וועלט־באַהערשנדיקע רוימער, — אָבער די טענ־דענץ פון דער דאָזיקער דראַמע איז אַזוי שאַרף, אַז זי רייסט דורך אַלע שלייערן מיט איר בלאַנקן, צוויישניידיקן אמת: וואָס פאַר אַ ווערט האָט דער צעזאַר מיט זיינע אַמביציעס קעגן קאָ־פּערניקן אין זיין אמת־לײדנשאַפט!?; וואָס איז דעם צעזאַרס מאַכט צו מאָרדן אַנטקעגן דער ווונדערבאַרער אייגנשאַפט פון אומבאַהאַלפענעם, דאַכט זיך, מענטשן, צו בלייבן גאַנץ אין אומגלייכן קאַמף?!

* * *

מיט וואָס קען מען דערקלערן נאַוואַטשינסקיס פּאַראַדאָקס, נאַוואַטשינסקיס מאַזאָכיסטישע פּיעסע, וואָס וואָלט אייגנטלעך געקאָנט טראָגן אַן אונטערטיטל: נאַוואַטשינסקי — קעגן נאַוואַ־טשינסקין?

אַלע נאַציִעס זענען גלייך? ווער נאָך האָט אַזוי ציניש געחוזקט פון דאָזיקן געדאַנק, ווי נאַוואַטשינסקי? ער מאַכט חוזק פון צעזאַרס איינציקן מיטל קעגן מענטשן — ליקווידירן אים? ווער נאָך האָט אַזוי ציניש געפּריידיקט דעם דאָזיקן מיטל, ווי נאַוואַטשינסקי? ער בויגט דעם קאָפּ פאַר קאָפּערניקס מענטש־לעבן גייסט, וואָס שטעלט זיך מוטיק מיטן רוקן צו אַלע גרויס־קליינלעכע טריאומפן פון די צעזאַרס און גיט זיך אָפּ מיט אַנט־דעקן אמתן, וואָס ברענגען אים אויף שייטערהויפנס, וואָס שטעלן אויף קעגן אים אַלע צעזאַרס מיט זייערע געדונגענע און פּרייוויליקע קנעכט? אָבער ווער האָט נאָך אַזוי באַשפּיגן די קאָפּערניקס, וואָס הייסן צופּעליק פרויד, איינשטיין און מאַלאַ־טעסטאַ? ווער האָט נאָך אַזוי געשריגן: „ליקווידירן!”; „אויפן שייטערהויפן!”, ווי גראַד ער, נאַוואַטשינסקי?

איז די דאָזיקע דראַמע בלויז אַ צינישער שפּאַס פון קלוגן אויסגעלאַסענעם פוקס, וואָס האָט זיך אַ שפּיל געטאָן מיט פייער צוליב עמאָציע וועגן, אָדער איז געשען מיט אים דאָס זעלבע, וואָס מיט בלעמ'ען, וועלכער איז געגאַנגען שילטן און — גע־בענטשט, ווייל ער איז געווען אַ דיכטער, און אַ דיכטער קאָן נישט זאָגן קיין ליגן? האָט זיך דאָך אָבער נאַוואַטשינסקי אַזוי ספּעציאַליזירט אין ליגנס, אַז פאַרן דאָזיקן געוויסנלאָזן פּאָלע־מיסט און פלינקן פעדער־שענדער וואָלט געווען זייער לייכט צו זאָגן אין דראַמאַטישער פאָרם פּונקט דאָס פאַרקערטע (בפרט, אַז די פּיעסע איז נישט קיין גרויס קונסטווערק, מער געשיקט און קלוג צונויפגעשטעלט, ווי קינסטלעריש געשאַפן).

איז זיין לעצטער דראַמע־סך־הכל — „דער מענטש איז אַרויס גאַנץ” — אַ וויי־געשריי פון אַ צעזאַר־מענטש, אָדער אַ טריאומף־אויסרוף פון אַ מענטש־אָנהענגער?

ווי עס זאָלן אונז נישט אינטערעסירן די דאָזיקע פראַגן און די מעגלעכע ענטפערס אויף זיי — איינס איז זיכער: נאַ־וואַטשינסקי האָט זיך אויף אַ מאָמענט אַריבערגעכאַפּט אויף דער באַריקאַדע פון אַנדערן פוילן, ער האָט געגעבן נישט נאָר אַ פּראָגרעסיווע, מענטשלעכע דראַמע, נאָר אויך אַ פּלאַסטישן ענט־פער אויף אונזערע טיפסטע זאָרגן: דער צעזאַר וויל טויטן דעם מענטשן, אָבער דער מענטש גייט אַרויס אומבאַשעדיקט.

צי ערנסט, צי ציניש, צי מיט פרייד, צי מיט באַדויערן — נאַוואַטשינסקי איז אַן עקספּערט אין די דאָזיקע ענינים. אויב ער, וואָס האָט אַזוי לאַנג זיך געגעבן מי גרינטלעך צו טויטן דעם מענטש, איז מודה, אַז דער מענטש גייט אַרויס גאַנץ, איז דאָס אַ גרויסע מפּלה פֿונם נאַוואַטשינסקיזם און אַ גרויסע טרייסט פֿאַרן מענטשן. די קלוגע בלעמ׳ס, וואָס רייטן אויף די שטומע אייזלען, זאָגן אַמאָל אומגעריכט דעם אמת, גלויבנדיק, אַז די אייזלען וועלן קיינמאָל נישט הערן און נישט רעדן...

זאָל נאַוואַטשינסקיס לאַגער אים איבערגעבן צו אַ קריגס־געריכט: אַנווייזן דעם שוואַכן פּונקט פֿון דער אייגענער פּעמ־טונג — איז הויך־פֿאַרראַט!

וואַרשע, 1938.

נאָכוואָרט

אין שאַנכיי, ווו מען האָט געהאַלטן פֿאַר איבעריק אַרויס־צוגעבן און — אַ פּשיטא שווין! — צו לייענען יידישע ביכער, האָב איך צו מיין ערשטן ביכעלע („דער מהות פֿון דיכטונג און איר סאָציאַלע פֿונקציע") צוגעשריבן אַ נאָכוואָרט אונטערן נאָ־מען: „לא על הלחם לבד יחיה האדם" („נישט קיין פֿאַר־ענטפֿערונג — אַן אויפֿקלערונג").

אויב מיר וועט נאָך אַמאָל געלינגען אַרויסצוגעבן אַ זאַמ־לונג אַרטיקלען, פּעליעטאָנען און פּאָלעמיק, אין וועלכע עס קומט צום אויסדרוק מיין יידיש־געזעלשאַפֿטלעכער קאַמף אין און מיט שאַנכיי, וועט דאָרט דער אויבנדערמאָנטער „נאָכוואָרט" צו מיין ערשטן שאַנכיי־ביכעלע געפֿינען זיין ריכטיקן אָרט. דאָ וויל איך אים נאָר ציטירן, אַלס אילוסטראַציע, ווי גוט דער יידישער שריי־בער אין מיר האָט זיך דאַן געפֿילט אין שאַנכיי אין פֿאַרגלייך מיט דעם, ווי ער, דער שרייבער אין מיר, פֿילט זיך היינט...

איך האָב דאַן, ווייזט מיר דער אַרטיקל, געהאַט מוט צו

קעמפן פאַר מיין רעכט אַרויסצוגעבן ביכער; איך בין דאָן, ווייזט מיר דער אַרטיקל, געווען אָפּטימיסטיש.

איך האָב געבראַכט אַלס ביישפּיל (ווי דער ייִדישער שרייבער דאַרף זיך אויפפירן) די געשיכטע מיט דער טשעליוסקין־עקספּעדיציע.

אָט זענען עטלעכע ציטאַטן פון דאָזיקן אַרטיקל:

„די טשעליוסקין־לייט זענען געראַטעוועט געוואָרן. אָבער ווער האָט זיי געראַטעוועט? פון אויבן אויף קאָן זיך דאַכטן, אַז די אויסערלעכע וועלט, אָבער אין דער אמתן האָבן זיך די טשעליוסקין־לייט אַליין געראַטעוועט.

„אויב די דאָזיקע עפּאָפּייע איז אַזוי באַגייסטערנדיק, איז נישט אַזוי צוליב דער פּיבערדיקער רעטונגס־אַקציע פון דרויסן, ווי צוליב דעם לעבנסווילן און דער לעבנספעיקייט אויף דער אייז־קריע.

„מענטשן האָבן זיך אַזוי לאַנג געפונען אויג אויף אויג מיטן טויט, און נישט נאָר זיי האָבן געוואָלט לעבן — דאָס איז דאָך אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַזוי געוויינלעך, כמעט ווי באַנאַל, — נאָר זיי האָבן געוואָלט לעבן מיט אַ פול מענטשלעך לעבן. די דאָזיקע מענטשן האָבן גערופן הילף, געוואַרט אויף הילף, אָבער וואַרטנדיק, האָבן זיי אויף קיין איין מינוט נישט אויפגעהערט צו לעבן... עס איז אין זיי נישט אויפגעקומען די צינישע פראַגע: צו וואָס צוגרייטן פאַרן מלאך המות אַן אויס־גימנאַסטיקירטן קערפּער? צו וואָס צוגרייטן פאַר די וויסטע אייז־פעלדער איבערן ים־אָפּגרונט וויסנשאַפטלעכע נאָטיצן? און אויב עס איז אין זיי אויפגעקומען די דאָזיקע צינישע פראַגע (דאָס איז דאָך אַזוי מענטשלעך), האָבן זיי זי אונטערדריקט, באַזיגט.

„ווען נישט די דאָזיקע מענטשלעכע דיסציפּלין, וואָלט די אויסערלעכע רעטונג טאַקע סיי־ווי געקומען, אָבער עס וואָלט נישט געווען וועמען צו ראַטעווען, — יעדנפאַלס וואָלט זי נישט געטראָפן די, פאַר וועלכע עס איז ווערט געווען צו מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען, כדי זיי צו ראַטעווען”.

„דער ייִדישער שרייבער וויל — און דאַרף — צוליב זיין מענטשלעכער און ייִדישער נאַטור ממשיך זיין אויך אין דער דאָזיקער תקופה און אפילו אין דער שאַנכייער סביבה, די

טשעלוסקין־טראַדיציע פון יידישן פאָלק. מיר ווילן... צוגעבן אפילו אונזער פּליטימשן לעבן די נויטיקע פּולקייט, די נויטיקע חשיבות.

„מיר ווילן, אַז די רעטונג, וואָס וועט קומען, זאָל האָבן וועמען צו ראַטעווען. און עס זאָל זיין צוליב וואָס צו ראַטעווען".

איך האָב דאַן, אין 1941, געמיינט, אַז די העכסטע גבורה און דער העכסטער נסיון, אויך פאַר אַ יידישן שרייבער, איז דער טשעלוסקין־נסיון און די טשעלוסקין־גבורה אים בייצושטיין.

היינט ווייס איך, אַז פאַר אַ יידישן שרייבער איז דאָ אַ סך אַ שווערערער נסיון און אַ סך אַ גרעסערע גבורה ווי די טשעלוסקין־גבורה: צו קאָנען לעבן מיט אַ פול מענטשלעך לעבן אויך ווייסנדיק, אַז קיינער איילט נישט צו הילף, אַז קיינער האָט דיך אפילו אין זינען נישט אין דיין פאַרשאָטנקייט...

ווי שרעקלעך עס איז צו ליגן אונטער חורבות אַ פאַרשאָטענער, הערן ווי עס גייען פאַרביי רעטונגס־גרופּעס און וויסן אַז זיי הערן דיין קלאַפּן, אָבער טאַקע דווקא דערפאַר ווייל זיי ווייסן אַז דאָס איז דיין קלאַפּן, דיין הילף־רוף, גייען זיי פאַרביי, נישט ענטפערנדיק אפילו דיין סיגנאַליזירן...

לעבן מיט אַ פול מענטשלעך לעבן, נישט נאָר אָן אַ האָפנונג אַז מען וועט ראַטעווען, נאָר אויך אָן האָפנונג אַז מען וויל ראַטעווען, — אָט דאָס איז אַ נסיון און אַ גבורה, וואָס לגבי זיי ווערט בלאַס דער נסיון און די גבורה פון די טשעלוסקין־לייט.

מיר זענען אין די לעצטע יאָרן געווען עדות פון אַזאַ פאַר־מיליאָנענפאַכטער גבורה, מיר ווייסן, אַז מען איז בייגעשטאַנען אַזעלכע פאַרמיליאָנענפאַכטע נסיונות אין די געטאָס און אין די מיידאַנעקס. אָבער נישט יעדערער איז זוכה צו אַזאַ איבער־מענטשלעכער גרויסקייט.

דער יידישער שרייבער געפינט זיך פאַר אַזאַ נסיון, זיין לאַגע פאָדערט אַזאַ גבורה. און ער פאַלט אונטער דער דאָזיקער משא, —דער נסיון איז צו גרויס, זיין קראַפט איז שוין באַלד צו קליין.

דער יידישער שרייבער לעבט איבער געפערלעכע מאָמענטן פאַר אַ פאַרטיידיקער פון אַ פאַראיינזאַמטער, איזאָלירטער פּאָ־זיציע, — עס האָט זיך ארייננעגנבעט צו אים דער ספק צי עמי־

צער געדענקט אין זיין פּאָזיציע, צי עמיצער זאָרגט פאַר דער פּאָזיציע, וואָס איר פּאַרטיידיקונג איז כמעט ווי האָפנונגסלאָז, אויב עס וועט נישט קומען קיין הילף....

עס האָט זיך פאַרגנבעט צו אים דער ספק, צי איז ער נישט ממשיך אמאָל איינער אליין אַ קריג, אין וועלכן אַלע האָבן שוין קאַפּיטולירט?

ער פילט זיך שוין אָפּט נישט ווי דוד לגבי גלית'ן, אָן אוואַנגאַרדיסט פון אַ אַרמיי, — ער פילט זיך שוין באַלד ווי אַ מטורף־געוואָרענע פאַריתומטע מוטער, וואָס נייט אָן אויפהער קליידלעך פאַר איר טויט קינד.

ער האָט שוין נישט באַלד דעם מוט און די טראַציקייט צו וואַרפן אַן אַרויספאָדערונג דעם אַרום, וואָס קוקט אויף זיין טעטיקייט ווי אויף אַ נאַרישקייט און אַ זינלאָזן קאַפּריז, — ער שעמט זיך און שרעקט זיך שוין באַלד אויפצוהויבן די אויגן, מען זאָל אין זיי נישט דערקענען זיין געבראָכנקייט, זיין אייגענעם ספק אין דער נויטיקייט פון זיין אַרבעט,—פון נייען קליידעלעך פאַר אַ קינד, וואָס ער גופא גלויבט שוין זעלטן, אַז עס לעבט, אַז מען קאָן עס נאָך ראַטעווען...

ער נייט נאָך די קלידעלעך, אָבער מיט אַ געפיל פון שרעק: ווי לאַנג קוקט מען מיט מיטלייד אויף אַזאַ מוטער? ווי לאַנג פילט מען אַז איר טרייקייט איז רירנדיק? ווי לאַנג קאָן מען זיין גערירט פון אַ צווייטנס אומגליק (און מען קוקט אויפן אייגענעם אומגליק ווי אויף יענעמס!)? עס ווערט שנעל וואָכעדיק אי די טראַגעדיע, אי די טרייקייט, און מען הויבט אָן צו קוקן אויף איר מיט אַ שמייכל, און צום סוף לאָזט מען די גאַסן־יונגען זי נאָכלויפן און נאָכוואַרפן שטיינער...

אַ יידישער שרייבער, וואָס גיט כסדר אַרויס ביכער, דער־נענטערט זיך צו דער דריטער געפּערלעכער שטופע פון דעם אַרומס גלייכגילטיקער באַציאונג צו זיין משוגעת...

* * *

און אין קלערערע מאָמענטן האָט דער יידישער שרייבער אַ פאַרלאַנג (אָבער, ליידער, נישט קיין האָפענונגען) גובר צו זיין די משוגענע צוגעבונדנקייט, ווערן שטאַרק און אכזריותדיק רחמימ־דיק צו זיך אליין און — איבעררייסן מיט דער אילוזיע, פאַר־

ברענען די מאַנוסקריפּטן, פאַרגראָבן זיי אַזוי טיף אין דער ערד, אַז קיינער זאָל גאָר נישט חושד זיין אַפילו, אַז זיין די ערד איז אַ לעבעדיקער קבר, אין וועלכן עס ליגט פאַרגראָבן אַלדאָס לעבע־דיקסטע, וואָס האָט נישט געפונען, אויף אונזער אַלטן ביינאַכ־טיקן מאַרק, קיין אָרט צו לעבן... י. ר.

מעלבורן, דעם 13טן מאַי, 1950.

געשריבן אַלס נאָכוואָרט צו אַ נישט־דערשינענעם בוך.

* * *

אינעם „נאָכוואָרט" צו מיין שלום־אַש־בוך האָב איך גע־שריבן, אַז איך וועל מער קיין ביכער אין מעלבורן נישט אַרויס־געבן. און הגם איך האָב דאָס געמיינט אויפריכטיק, האָב איך נישט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון, ווען מען האָט מיר פאָרגע־לייגט אַרויסצוגעבן אַ בוך. אויב עמיצער וועט מיר פאָרוואַרפן מיין נישט־אויסגעהאַלטנקייט, וועל איך אים ענטפערן, אַז דאָס באַווייזט נישט אַז איך האָב געענדערט מיין מיינונג, נאָר אַז איך בין שוואַך זי צו פאַרווירקלעכן...

איך בין צוגעטראָטן אָפּצוקלייבן דעם מאַטעריאַל פאַרן דאָ־זיקן בוך מיט ענטוזיאַזם, — איך האָב געוואָלט עס זאָל אין אים זיין פאַרטראָטן דאָס בעסטע אין אַלע זשאַנרען, אין וועלכע איך האָב געשריבן, אויב איך האָב נישט די מעגלעכקייט אַרויס־צוגעבן אַ רייע ביכער, וואָס יעדער איינער פון זיי זאָל זיין אַ גאַנצקייט. דער דאָזיקער ערשטער אָפּקלייב איז אָבער געווען אַזוי גרויס, אַז איך האָב אים דריי מאָל געמוזט האַלבירן, ביז איך האָב אים דערפירט צו די אָנגעמערקטע ראַמען. נישט איינמאָל האָבן זיך ממש אָראָפּגעלאָזן די הענט, ווען איך האָב געזען, ווי די פאַרשידענע אָפּטיילונגען ווערן צעשמאָלצן, ווערן דינער און דינער, און אַנדערע אָפּטיילונגען האָבן אינגאַנצן געמוזט פאַר־שווינדן, ווי שטאַרק איך האָב נישט געוואָלט געבן מוסטערן פון זיי (פּובליציסטיק אויף פאַרשידענע טעמעס, קורצע נאָטיצן און רעצענזיעס וועגן אומבאַקאַנטע יונגע שרייבער, אין וועלכע איך האָב טריי דערמונטערט יעדן אויסדרוק פון טאַלאַנט — נישט דורך סתם לויבן, נאָר דורך פּרוּוון לערנען ווי נישט צו שרייבן און ווי יאָ צו שרייבן).

באַזונדערס שווער איז מיר געווען אויסנצולאָזן מיינע אַר־

טיקלען וועגן מענדעלען, פּרצ'ן, שלום עליכם'ען, ביאַליקן, טשערניכאָווסקין און ענל., אָבער אַנדערש איז אוממעגלעך גע־וועזן: זיי אַליין פאָדערן אַ גאַנצן בוך.

און אָט, ווען איך האָב געהאַלטן אין איין זיפּן, וואָס יאָ אַריינצונעמען און וואָס נישט, איז אויפגעשוווּמען פאַר מיר דער נאָמען פון בוך—„אויסגעריסענע בלעטער". נישט איך האָב דעם נאָמען צוגעטראַכט, — דער נאָמען האָט געפלאַטערט אַרום דעם קליינעם הויפן ענטגילטיק אָפּגעקליבענע אַרטיקלען, די גע־ווינער פון גרויסן געווינס. איך האָב זיי געזען ווי אויסגעריסענע בלעטער פון גרעסערע גאַנצקייטן, פון מיינע גאַנצקייטן.

עס איז אַזוי שווער געווען אַרויסצונעמען גרויסע טיילן פון ערשטן אָפּקליב, ווי עס איז שווער אַרויסצונעמען פון אַ רע־טונגס־שיפל אַ טייל מענטשן, וועלכע געפינען זיך שוין דאָרטן, ווייל מען געפינט אויס, אַז דאָס שיפל איז איבערגעלאָדן; און אין רעזולטאַט—ווען איך בין צוגעטראָטן אויסצובריייטערן עט־לעכע אַרטיקלען פון די „גליקלעכע", וואָס האָבן זיך געראַטעוועט צווישן צוויי טאָוולען, האָב איך נישט געהאַט קיין מוט און קיין געדולד דורכצופירן אָט די שווערע אָפּעראַציע: סיי ווי אויסגע־ריסענע בלעטער... זאָלן זיי בלייבן ווי זיי זענען...

* * *

איך דאַנק דער „קדימה" און דעם שרייבער־פאַריין, וואָס האָבן גענומען די איניציאַטיוו אַרויסצוגעבן מיינס אַ בוך צו מיין זעכציקסטן געבורטסטאָג, ווי אויך די גרופּעס און יחידים, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אינם יובל־קאָמיטעט און האָבן מעגלעך געמאַכט דאָס דערשיינען פון די „אויסגעריסענע בלעטער"...

איך דאַנק זיי דערפאַר, ווייל נישט געקוקט אויפן טרויעריקן „נאָכוואָרט", וואָס שפּיגלט טריי אָפּ די ווירקלעכקייט, האָבן זיי מיר דאָך פאַרשאַפט מאָמענטן פון גרויס פאַרגעניגן.

ווען איך האָב געלייענט אַ סך פון די אַלטע אַרטיקלען, געשריבענע אין וואַרשע, אין שאַנכיי און אין די ערשטע יאָרן פון מיין זיין אין מעלבורן, האָב איך איבערגעלעבט נאָכאַמאָל די שטימונגען פון דאַן, ווען איך האָב זיי געשריבן אין שכרות פון שרייבערישן עקסטאַז; איך האָב זיך ווי אַרויסגעגנבעט פון

אויסגעריסענע בלעטער

דער ווירקלעכקייט און איבערגעלעבט אַ גאַנצע ריי יאָרן צום צווייטן מאָל.

ווען איך זאָל קאָנען געטרוי אויסרעכענען וויפל גליקלעכע יאָרן איך האָב אויף אַזאַ אופן אריינגעגנבעט, וואָלט זיך אפשר ארויסגעוויזן, אַז איך בין שוין בארעכטיקט צו פייערן אַ אַכציק־יאָריקן יובילעאום צו איין־און־זעכציק...

21טן יולי, 1956. י. ר.

אינהאַלט

שײַלאָק — אַ נאַציאָנאַלער נקמה־נעמער 5
אַן עפּילאָג צו שעקספּירס שײַלאָק־געשיכטע 36
אונזער חורבן־ליטעראַטור 47
חיים גראַדעס „נאַרעוו" 55
דער וווּנדער פון געזאַנג 61
יצחק קאַצענעלסאָן 72
סעגאַלאָוויטשעס „נישטאָ" 77
די מיסטעריע פון שעפערישן וואָרט 82
יעקב גלאַטשטיינס דיכטערישער וועג 97
נאָטיצן וועגן משה קולבאַקס שאַפן 138
יחיאל לערער — דער דיכטער פון אונזער חרובער היים . 157
אברהם רייזען — דער פאָלקסטימלעכער דיכטער . . . 177
אהרן צייטלינס לידער 186
אַלטער עסעלינס דיכטונג 196
די דרייפאַכע טראַגעדיע — ווייסנבערג דער קינסטלער,
דער קעמפער, דער מענטש 204
איטשע מאיר ווייסנבערג 210
ווייסנבערג דער דערציילער 220
י. י. זינגערס דערציילונגען 246
יוסף אָפּאַטאָשו 259
שמשון הגבור — אַן אָנהויב פון אַ נאַציאָנאַלער עפּאָפּייע 280
ל. שאַפּיראָס וויזיע פון נייעם יידן 294
אַקטואַליזירטע געשיכטע 310
קאַמף צווישן מענטש און זעלנער (וועגן דער העכסטער
שליחות פון ליטעראַטור) 321
דער פּסיכאָפּאַטאָלאָג פון דער יידישער אינטעליגענץ . 329
אַ שאָגאַליש בוך 343
חנה סענעש — איינע פון אַ דור 349
די פידל פון אַ דור 362
דער יידישער שרייבער, דאָס יידישע בוך און די יידישע
פאָלקס־נשמה 365
עסן טעג 378
ליטעראַטור און לעבן 381
אַ גרויסער פאָלקלאָריסט איז געוואָרן אַ שטיק פאָלקלאָר . 388
אברהם גאָלדפאַדענס טעאַטער, „בר־כוכבא" און
קינדערישע נאַאיוועקייט 396
דער מענטש וועט בלייבן גאַנץ 403
נאָכוואָרט 409